STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05695

FUN MAYN TOG-BUKH

Moissaye J. Olgin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין.

פון מיין טאָג־בוך

געשאלטן און סצענעס,
פארצייכנט אין אמעריקא
און סאָוועט־רוסלאנד.

פאַרלאַג „פרייהייט",
ניו יאָרק,
1926

Copyright by M. J. Olgin
New York, 1926.

אַפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ., 195 קאַנעל סט., ניו יאָרק.

די זאכן זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דעם אויטאָר׳ס געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט, און ווערן בא אים גערעכנט פאַר א טייל פון דער אַרבעט. ליטעראַטור איז, לויט זיין מיינונג, א מיטל צו אָרגאַניזירן מענטשן, און הגם ער האַלט זיך ניט פאַר קיין פּראָפעסיאָנעלן דערציילער, האָט ער געגלויבט, אַז אייניקע פון זיינע בילדער און סצענעס וועלן העלפן אָרגאַניזירן די מוחות פון אידעשע אַרבעטער אין קאַמף פאַר מאַכט. דאָס איז אויך די סבה, פאַרוואָס א טייל עסקיזן ווערן איצט אַרויסגעגעבן אין א בוך.

אויסערלאַך צעפאַלט זיך די זאַמלונג אַף צוויי טיילן: זאַכן וועגן אַמעריקע און זאַכן וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, — אַזוי ווי זי איז אָבער געבויט אַף דערזעלביקער וועלטאַנשויאונג און דורכגעדרונגען מיט דער זעלביקער וועלטעמפינדונג, איז זי בעצם איינס. דער אויטאָר ציט אויך ניט קיין שאַרפע ליניע צווישן בעלעטריסטיק און אַזא פובליציסטיק, וואָס וויל ריידן צו דער פאָרשטעלונג־קראַפט און געפיל. דעריבער האָט ער איינגעשלאָסן אין דעם בוך אַזוינע זאַכן, ווי „קינסטלער” אָדער „נאָ קען ליוו”, וואָס, שטייענדיק נעענטער צו פובליציסטיק, זענען זיי דאָך אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן גאַנצן.

פון מײַן טאָג-בוך

באַנאַכט.

זיבעטע עוועניו, לעבן אַכטער גאַס. באַנאַכט. עס איז קיל. פון ים ציט אַ נאַסער נעבל. דער ברוק איז גילטשיק.

איך גיי אַהיים פון אַ מיטינג. מ'האָט גערעדט פון אַרבעטסלאָזע. מ'האָט גערעדט פון די הונגעריקע רוסישע קינדער.

אין מח קלינגען נאָך ניט־דערזאָגטע ווערטער. ס'איז אַזוי וואַרים, אַזוי אומרואיק אויף דער נשמה.

אין אַ ווינקל צווישן צוויי הייזער דערזע איך אַ מענטשן. אין יענער געגנט האָט מען די זיבעטע עוועניו דורכגעשניטן ערשט צוריק מיט עטלאַכע יאָר. די הייזער שטייען קאָסע צו דער גאַס צו. דורך די אַמאָליקע הויפן גייט דער טראָטואַר. צווישן איין שטוב און אַ צווייטער זיינען געבליבן אָפענע ווינקלען. אין איינעם אַזאַ ווינקל נעכטיקט אַ מענטש.

ער האָט אונטערגעלעגט אונטער זיך אַן אַלטע פאַרגעסענע טאַטשקע. הינטער'ן רוקן האָט ער אַריינגעשפאַרט אַ פּאָר ברעטלאַך, כדי זיך צו שיצן פון דער קאַלטער ציגעלנער וואַנט. אַליין האָט ער זיך צוזאַמענגעהויקערט, און דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די אַקסלען. ער איז צוגעדעקט מיט עפּעס אַ טונקעלער זאַך — אַ מאַנטל, צי אַזוי אַ שמאַטע?

איך שטעל זיך אָפּ.

— האַלאָ, דזשעק!

— האַלאָ, באָס!

דאָס קול — הייזעריק, אומפריינטלאַך. ווי איינער רעדט: לאָז מיר צורו.

— ווילסטו אַ גלעזל קאַווע?

— פאַרוואָס ניט?

— טאָ קום.

דער מענטש קריכט אַרויס פון'ם ווינקל. ער שאַרט פון זיך

אַראָפּ די שמאַטעס, נאָך די שמאַטעס טרייסלט ער אָפּ די פּאַפּירן. דאָס זיינען צייטונגען, וואָס דינען אים פאַר א צודעק.

מיר גייען צו האַדסאָן סטריט, ניט ווייט פון׳ם וואַסער. דאָרט איז נאָך אָפן אן עס־שטוב. גייענדיק, זע איך, אז דער מענטש איז העכער פון מיר מיט א קאָפּ.

מיר זיצן בא א טישל. ער שלינגט געקאַכטע פּאַסאָליעס מיט שינקען, פאַרזופּט מיט הייסע קאַווע און קוקט אויף מיר ניט. ער האָט קיין צייט ניט.

איך באַטראַכט אים. א ברייטביינערדיקער נפש. א מאַן פון א יאָר פינף און פערציק. שוואַרצע האָר. שוואַרצע אויגן. א ניט־געגאָלטער פּנים. א געלבלאַכע הויט. קישעלאָך אונטער די אויגן. קנייטשן, א סך קיילעכדיקע שמוציקע קנייטשן אויפ׳ן פּנים. ווי איינגעקאָרבט מיט א בלייפעדער. דאָס ווייסע ליכט פון דער עס־שטוב ווייזט יעדן שטריך צו דייטלאָך.

— ביזט אן איטאַליענער?

— יעס, סער.

— שוין לאַנג אין לאַנד?

— שוין ס׳צווייטע מאָל.

— דיין אַרבעט?

— אַלצדינג. גראָבן ערד, לייגן ציגל, לאָדן שיפן, פּוצן שטיוול. איך קאָן בא א פאַרם אויך. אַליין א פּויער פון דער היים.

דער מענטש רעדט א געבראָכן ענגליש, אָבער איך קען אים פאַרשטיין.

— פאַרהייראַט?

— אין דער היים א ווייב מיט זעקס קינדער. איין טאָכטער שוין א גרויסע.

דער מענטש האָט געענדיקט עסן. זיין פּנים איז באַדעקט מיט שוויים. מיר דאַכט: זיינע באַקן האָבן זיך אויפגעבלאָזן אביסל. ער האָט א געזונטן קאַרק, ווי אן אָקס. ווי לאַנג איז ער שוין אָן אַרבעט?

איך פרעג אים.

— שוין צען וואָכן. אַמאָל בעט איך זיך איין בא א בנין. אַרבעט איך א טאָג. אָבער ס׳איז גאָרניט.

א פייערל פון האָפנונג און פחד טוט פלוצלינג א שיין אין יענעמס אויגן.

— באָס, אפשר האָסטו אַרבעט?

איך ענטפער, אז ניין, און דאָס פייערל ווערט פארלאָשן.

איך גיב אים א דאָלער. ער דאַנקט. מיר שטייען אויף.

— גוד באַי, באָס.

— גוט באַי, דזשעק.

איך מאך א פּאָר טריט. ס'טוט פלוצלינג א בלאָז אַן עסיקער ווינט, שניידט זיך איין אַזש ביז'ן לייב. יענער האָט נאָר א רעקל איבער'ן העמד.

איך קער זיך אום.

— קום מיט מיר. כ'וועל דיר געבן א מאַנטל.

מיר פאָרן אין סאָבוויי. מיר קומען אַף מיין גאַס. א שטילע גאַס. א גאַס פון פארמעגלאַכע מענטשן.

איך לאָז אים וואַרטן אין דרויסן. גיי אַרויף צו זיך, נעם מיין אָפּגעטראָגענעם ווינטער־מאַנטל — סיי ווי ניט ווערט קיין סך — טראָג אים אַרויס.

— נאַ, ברודער.

יענער ברומט אונטער'ן נאָז, ווי ער קרימט זיך נאָך.

— יעס, ברודער.

אַרום שטייען די שטילע, רואיקע, פרידלאַכע, וואַרימע פּריוואַטע הייזער. אַזוינע היימלאַכע ביינאַכט. מיט אַזוי פיל צימערן און אַזוינע ווייכע בעטן. אַף יענער זייט גאַס בויט מען א פופצן־שטאָקיגן האָטעל, אויך פאר די זעלביקע מענטשן. דאָרט וועלן זיין נאָך שענערע צימערן, נאָך ווייכערע בעטן.

— איצט וועט דיר זיין וואַרימער, דזשעק.

יענער טוט זיך פלוצלינג א רוק נעענטער צו מיר. איך דערזע א פויסט.

— לאָז מיך צורו, דו פארפלוכטער חזיר!

זיין קול איז פול מיט האַס און ווילדקייט.

— וואָס איז דאָס?

— גיי אַוועק, הינטישע נשמה!

א שרעקלאַכע קללה, די העסלאַכסטע פון אַלע, רייסט זיך ארויס, ווי א שאָס, פון זיין ברוסט.

איך גיי ארויף אַף די טרעפּ. וויל עפענען די גלאָז־טיר פון מיין הויז.

עפּעס גיט מיר א קנאַק אין רוקן.

איך קוק זיך אום. דער מענטש האָט גענומען א ציגל פונ׳ם ניט־דערענדיקטן בנין און געוואָרפן. איצט האַלט ער א צווייטן.

— בראַזג! — צעבראָכן די גלאָז־טיר.

— בראַזג! בראַזג! — ס׳פליען ציגל אין טיר, אין די פענסטער.

— טראַך! דער מענטש האָט געווארפן א שטיין אין דעם לאָדן פון צווייטן שטאָק. דער לאָדן איז אראָפּגעפאַלן.

— בראַזג־טראַך! טראַך־טאַך! ס׳שיט זיך שוין ליים, קאַלך, שפּענער, גלאָז פון די הייזער, וואָס דער מענטש באָמבאַרדירט.

מיט א ווילדער רציחה וואַרפט ער, וואָס ער קען נאָר אויפהויבן. ער איז פלינק, ער איז ווי א צורייצטע חיה. ס׳דאַכט זיך, אז א צענדליק מענטשן האַלטן אין איין וואַרפן.

— באַם־טראַך! גלאַן!

צווישן געקלאַפּעריי הערט זיך זיין פלוכן:

— אָט־אזוי! און אזוי! איר טייוואָלים! איר פאַרשלאָפענע פּעטע זעק! איר אויסגעפּאַשעטע ווייסע קי! א קלאָג צו אייערע בייכער! א פעסט אין אייערע וואַרימע צימערן! העי, איר ווייבעלעך! קריכט ארויס! דזשווזעפּע האַלט מלחמה מיט אייערע אָנגע־שטאָפּטע קישקעס!

ס׳פליען ציגל, שטיינער, שפּענער. א רעגן. א האָגל.

פענסטער עפענען זיך. דערשראָקענע פּנים׳ער קוקן ארויס. עס מורמלט שוין דאָ און דאָרט.

איין מענטש האָט ווי א בייזער ווינטער אויפגערודערט די גאַנצע גאַס.

א הונגעריקער, א היימלאָזער, א שד פון נקמה, האַלט מלחמה קעגן די, וואָס רוען.

העי, שטייט אויף, איר פאַרשלאָפענע! דזשוזעפּע גייט אַף אייך!

— —

ניין. ס׳איז גאָר ניט געשען. דאָס האָב איך געגעבן פרייהייט מיין פּען.

קיינער האָט ניט געשטערט דעם שלאָף פון מיין גאַס.

דער מענטש האָט צוגענומען דעם אַלטן ווערטלאָזן מאַנטל, אים אָנגעצויגן אַף די ברייטע פּלייצעס. דער מאַנטל האָט א קרעכץ געטאָן אין די נאָטן. די אַרבל זענען געווען צו קורץ. אָבער יענער איז געווען צופרידן.

— א דאַנק דיר, סער. קיינמאָל ניט פאַרגעסן. א גוטער באָס. א דאַנק, א דאַנק.

אין זיין קול האָב איך געהערט טרערן. ער איז אַוועק אַן איינ־געבויגענער, א הכנעה׳דיקער. פאַרשוואונדן ווי א שאָטן.

— א דאַנק דיר...

צום טייוול! איך האָב זיך געשעמט. איך האָב געפילט, אַז מיין פּנים פלאַמט פון חרפּה.

א גאַנצע נאַכט איז מיר געווען מיאוס אין מויל. ווי א זופּ געטאָן וואַרימע ים־וואַסער.

— א דאַנק דיר, סער. א דאַנק דיר...

פוי! ווי מיאוס...

.1922

דאָס לעצטע געניי.

איך בין געזעסן אין האָספּיטאַל, ביי׳ם בעט פון א פריינד. די לופט איז געווען שווער. דער זאַל איז געווען שטיל. צוועלף פיגורן זענען געלעגן אויסגעצויגן אַף צוועלף בעטלאַך און געשוואומען אין א לאַנד פון חלום. בארמהערציקע שוועסטער זיינען געגאַנגען אַף ניט־געהערטע טרים, ווי מאַטראָסן איבער א שיף פון פיין.

מ׳האָט געעפנט א טיר. אַף א שטול מיט רעדלאַך האָט מען אַריינגעפירט אַן אַלטן מאַן. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען א פרוי. דער מאַן האָט געהאַט א קיילעכדיקן רוקן און א שפּיציג בערדל און

טיפּע קנייטשן אין דער לענג פון זיין שמאָלן פּנים. דער מאַן איז געווען מיד מיט יענער טויט־מידקייט, וואָס קימערט זיך שוין ניט וועגן קיין זאַך אויף דער וועלט.

מ׳האָט אים אַראָפּגענומען פונ׳ם שטול. מ׳האָט אים אויסגעטאָן די קליידער. מ׳האָט אים אָנגעטאָן אַ נאַכט־העמד. ער האָט געהאַט אַ דינעם אויסגעדאַרטן קערפּער מיט אַ קאָפּ פאַררוקט צווישן די פּלייצעס. די געלקייט פון זיין פּנים איז געווען חלב׳דיק־בלייך און באַדעקט מיט קליינע טראָפּן שוויים. ער האָט איינגעהאַלטן די ציין, אַז זיי זאָלן ניט קלאַפּן. דער הוילער שאַרבן האָט אויסגעזען קינדעריש צווישן די צוויי אָפּגעשטאַנענע בלוילאַכע אויערן.

וויפיל איז ער אַלט געווען? אפשר אַכציק יאָר, און אפשר זיבעציק, און אפשר גאָר זעכציק. געלעגן איז אויף אים די עלטער פון הונדערטער יאָרן. געלעגן איז אויך אויף אים די עלטער פון מאָך אין וואַלד, די עלטער פון זאַמד אין דער מדבר. די אָדערן אויפ׳ן האַלז האָבן זיך געצווייגלט, ווי אַלטע וואָרצלען.

מ׳האָט איהם אַריינגעזעצט אין אַ בעט אַריין. מ׳האָט אים אונטערגעשפּאַרט דעם רוקן מיט קישנס. די פרוי האָט צוגענומען זיינע קליידער. די פרוי איז געווען ניט אַלט און ניט יונג און האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק גראָע ליים, וואָס מ׳האָט איינגעוויקלט אין אַן אָפּגעריבענעם מאַנטל.

די פרוי האָט געזאָגט: „זיי געזונט, טאַטע" און איז אַרויס־געגאַנגען מיט די קליידער. דער מאַן איז געזעסן, אַ קליינער צווישן די קישנס, און די גאַנצע איינזאַמקייט פון דער וועלט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין הוילן שאַרבן.

די באַרמהאַרציקע שוועסטער האָט איבערגעכאַפּט מיין קוק און מיר צוגעפּליסטערט: „לונג־אַנטצינדונג. שפּעט געבראַכט. ניטאָ קיין האָפנונג".

דער מאַן איז געזעסן און געקוקט אין זיין שוים אַריין און זיך איינגעהערט אין עפּעס, וואָס נאָר ער אַליין האָט געוואוסט. אַן אייביקער ערנסט, איינגעשמידט אין מויערן פון טרויער, האָט געקוקט אין אַ ליידיקער וועלט.

שפּעטער האָבן זיינע ביינערדיקע פינגער אָנגעהויבן קנייטשן דעם ליילאַך פון דער קאָלדרע. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן.

אַף מאָרגן האָב איך געטראָפן זיין בעטל אָרומגעצאַמט מיט אַ ווענטל. איך האָב אַריינגעקוקט אינווייניק. ער איז געזעסן ווי פריער מיט׳ן קאָפּ איבערגעבויגן צווישן די פּלייצעס. דער פּנים איז געוואָרן שמעלער. דאָס בערדל לענגער. די אויגן זיינען געווען אָפן, אָבער בלינד. דער האַלז איז געוואָרן דינער, און אַן אָדער האָט אין אים געשלאָגן מיט אימפּעט.

איך בין אוועק צום בעטל פון מיין פריינד. אַ ווײַלע שפּעטער ווינקט מיר די באַרמהערציקע שוועסטער, איך זאָל אַ קוק געבן אַפ׳ן אַלטן.

אַן ענדערונג איז אַף אים געקומען. ער האָט האַלב אויסגעגלייכט דעם רוקן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ — און גענייט. ער האָט געמאַכט יעדע באַוועגונג פון גענײ. אַט האָט ער אָפּגעוויקלט אַ פאָדים פון אַ קלעצעלע. אַט האָט ער אָנגעשטעלט די נאָדל פאַר דעם לינקן אויג. אַט האָט ער אויסגעשטרעקט דעם עק פונ׳ם פאָדים אין צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט. אַט האָט ער אַריינגעצויגן דעם פאָדים. אַט האָט ער אָנגעהויבן נייען — שנעל, שנעל, אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך. אַט האָט ער ווידער אָפּגעוויהלט אַ פאָדים, אָנגעשטעלט די נאָדל, פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג, אַריינגעצויגן דעם פאָדים, און ווידער גענייט, געצויגן דעם פאָדים מיט אַ ברייטן שוואונג, גענייט אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך, און פּלוצלינג אַרויסגערעדט:

— דאָס אייזן. גיכער — דאָס אייזן.

און ווידער גענייט מיט ליידיקע הענט. גענייט אָן אַן אָפּגעהאַלט, געהויבן די הענט, געשקאָלט דעם קערפּער הין און צוריק, געמאַכט שטעך אין דער לופט, געביסן אַ פאָדים, געקוקט אין דער נאָדל, גערעדט שאַרף: „דאָס אייזן, גיכער — דאָס אייזן" — און ווייטער געאַרבעט.

און ס׳איז געווען אַ שרעק אין אַט דעם אַרבעטן פון היץ. איינער אַליין, אָרומגעצאַמט מיט אַ שפּאַניער ווענטל, איינזאַם אין זיין פיבער, איינזאַם אין זיין נאָענטקייט צום טויט, טוט אַ מענטש די אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן דאָס גאַנצע לעבן. די אַרבעט באַגלייט אים צום קבר. די אַרבעט לאָזט אים ניט רוען די לעצטע רו.

דעם אַנדערן טאָג, אַז איך בין געקומען און אַריינגעקוקט הינטער׳ן ווענטל, האָט דער אַלטער נאָך אַלץ גענייט. פלינק און

מעטאַדיש און פינקטלאַך, ווי א גוטע מאַשין, האָט געאַרבעט דער קראַנקער קערפּער. די הענט האָבן זיך געהויבן; די שטעך האָבן זיך געלעגט; די האַנט מיט דער נאָדל האָט געמאַכט א ברייטן שוואונג; דער האַלז האָט אַרויסגעלאָזט די ווערטער: „דאָס אייזן; גיכער דאָס אייזן", אָבער די שטים איז שוין געווען קוים צו הערן.

איך האָב ניט געקאָנט אָפּרייסן מיינע אויגן. ס'איז געווען א סודות־פולע קראַפט אין אָט דער אומבאַוואוסטזיניקער אַרבעט. ס'איז געווען ווי א געהיימער הערשער פון קערפּער און נשמות וואָלט אריינגענומען אָט דעם קראַנקען, מאָגערן, אַלטן גוף און אָט די פאַרנעבלטע, הייך־קראַנקע נשמה און זיי געצוואונגען אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן, נייען, נייען, אָן אַן עק, אָן אַ עק.

איך בין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען און צוגעשמידט און געקוקט. און ווי איך האָב אַזוי געקוקט, האָבן די הענט זיך אָנגעהויבן רירן לאַנגזאַמער, די ברוסט האָט געאָטעמט שווערער, דער רוקן האָט זיך איינגעהויקערט, דער קאָפּ איז טיפער געפאַלן אויף דער ברוסט, דער קערפּער האָט זיך א צאַפּל געטאָן. די פינגער האָבן קראַמפּהאַפט א כאַפּ געטאָן די קאָלדרע, דאָס וואָרט „אייזן" האָט זיך אַרויסגע־קוועטשט פון צווישן די ליפּן, א שוידער איז דורכגעגאַנגען פון קאָפּ ביז די פיס — און דער מענטש איז געבליבן ליגן רואיק.

אַ מענטש איז געשטאָרבן. א שניידער האָט געענדיקט זיין אַרבעט. נאָך איין שניידער...

די צוויי אינגלאַך.

גייט זיך וואַצעק, גייט און קוועלט. היינט אינדערפרי האָט אים די מאַמע אָנגעטאָן אַ נייעם „סוט", וואָס זי האָט געקויפט באַם איד ליוויי פאַר עלף דאָלער מיט אַכט און ניינציק סענט, און אַ פּאָר געלע שיך מיט ברייטע נעז און גומענע אָבזאַצן, ווי באַ די „גרויסע". ווי־פיל מע האָט באַצאָלט פאַר די שיך, ווייסט וואַצעק ניט, אָבער די שיך זיינען „ספּאָרטיש", דערין איז ער זיכער.

גייט זיך וואַצעק איבער דער אַכטער גאַס, פון דער עוועניו „בי", אין שטאָט אַריין, גייט און קלאַפּט מיט די פּאָדעשוועס. דעם אויבער־מאַנטל האָט ער צעשפּיליעט, כּדי מע זאָל זען, אַז ער האָט אַ נייעם „סוט", און די פּיס הויבט ער אַ ביסל צו הויך, כּדי ער אַליין זאָל זען די שיך מיט דעם רעדל פון לעבעלאַך אַף די נעזער. די הענט האַלט ער אין די קעשענעס, און אין די הענט האַלט ער צו פינף ניקלס, וואָס דער טאַטע דער סאַלון־קיפּער האָט אים געגעבן אַף זונטיק. אַ וואוילער טאַטע בא וואַצעק'ן. אַלע זונטיק גיט ער אים אַ זשמעניע ניקלס. „נישקשה", זאָגט דער טאַטע און שאָקלט מיט'ן בויך, „ס'איז דאָ גענוג ניקלס. מער ווי אַמאָל. ניעך זשיע".

גייט זיך וואַצעק און האָט הנאה פון'ם לעבן. ס'איז גוט צו האָבן אַ טאַטן אַ סאַלון־קיפּער מיט אַ סך ניקלס און דאַימס און קוואָדערס. ער האָט דאָלערס אויך, פּשאַ־קרעוו, אָבער קיין דאָלערס וויל ער קיינמאָל ניט געבן. „ביזט נאָך אַ שנעק", זאָגט ער, „וואָס וועסטו טאָן מיט אַ דאָלער?" ער, וואַצעק, כאָטש ער איז ערשט אַלט עלף יאָר, ווייסט שוין דווקא יאָ, וואָס מע טוט מיט אַ דאָלער. אָבער ס'איז אַזוי אויך ניט שלעכט. וואָרים ער האָט שוין סיי ווי אָנגעקליבן אַ קניפּל. ס'איז גוט צו האָבן אַ טאַטן אַ סאַלון־קיפּער, וואָס פאַרשליסט ניט שטענדיק די קאַסע; ס'איז גוט צו האָבן נייע קליידער און נייע שיך מיט גראָבע זוילן, און ס'איז גוט, וואָס ס'איז זונטיק נאָכמיטאָג, מע דאַרף ניט גיין אין סקול און אין קאַשטשאָל — און דער טאַטע און די מאַמע טרינקען ביר און ריידן וועגן פּוילן.

גייט זיך וואַצעק, שטעלט אַרויס דאָס בייכל, ווי זיין טאַטע, טופּעט זיכער אַף די פּליטן, צענעמט די פּאָלעס פון דעם מאַנטל, קלינגט מיט די מטבעות אין קעשענע און פּילט, אַז ער איז אַ מענטש צווישן מענטשן. מיט אַ קענער־אויג קוקט ער אַף די אויטאָמאָבילן, וואָס פאָרן דורך, און פּרובט טרעפן די מאַרקע פון יעדער מאַשין. ווען ס'פאָרט דורך אַ פערד, טוט ער אַ קנייטש מיט'ן רעכטן אַקסל און פאַרקרימט דאָס גראָבע נעזל: „עט, אַ טין ליזזי". אַזוי, האָט ער געזען, טוט זיין פעטער בראָניסלאַוו.

ווען ער דערגייט צו דער פינפטער עוועניו, פאַרקירעוועט ער זיך אַף לינקס און נעמט זיך צו וואַשינגטאָן סקווער. אונטער דער אַרקע בלייבט ער שטיין און טראַכט, וואָס מיט זיך צו טאָן. אַף יענער זייט

סקווער איז דאָ אַ טייערער אייז־קרים פּאַרלאָר, ס׳ווילט זיך וואַצעק׳ן עפּעס נאַשן, אָבער ס׳אַן עבירה די ניקלס. צוויי בלאָקס ווייטער, האָט ער געזען, איז דאָ אַן איטאַליענישע מואווי־הויז, וואו מע ווייזט דעם פּרייז־פייט. אודאי וואָלט ער געוואָלט זען דעם פּרייז־פייט. אָנקל בראָניסלאַוו איז געגאַנגען זען דעם אמת׳ן פּרייז־פייט, האָט ער באַצאָלט זיבעצן דאָלער. אַ גוטער פייט געווען, פּשאַ־קרעוו... אָבער אין דער מואווי מוז מען באַצאָלן אַ גאַנצן קוואָדער. אַ סך געלט.

דערווייל זעצט זיך וואַצעק אוועק אַף אַ באַנק. די זון שיינט. די בוימער וואַרפן געלע און רויטע בלעטער. איינגלאַך אַף ראָלערס פאָרן פאַרביי מיט אַ גרילץ. וואַצעק טראַכט, אַז מע וועט דאַרפן אויסבעטן באַם פעטער בראָניסלאַוו אַ פּאָר ראָלערס. מע דאַרף אים נאָר אָנטרעפן אין אַ גוטער שעה, ווען ער האָט געוואונען באַ די רייסעס. אַז ער, וואַצעק, וועט אויסוואַקסן, וועט ער אויך גיין צו די רייסעס. וואַצעק שטעקט אַרוים פון זיך די פיס, קוקט אַף די שפּיצן שיך מיט די קונציקע לעכעלאַך און האָט הנאה.

ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט אויס אַ שוואַרצער דאַרער נפש מיט אַ קליין קעסטעלע אין די הענט.

— שאַין, סער?

דאָס וואָרט „סער" געפעלט וואַצעק׳ן שטאַרק. קיינער האָט אים נאָך ניט גערופן „סער". מסתמא איז דאָס דערפאַר, וואָס ער גייט אין אַ נייעם סוט און וואָס ער זיצט מיט אויסגעשטרעקטע פיס ווי אָנקל בראָניסלאַוו. וואַצעק וויל אַ שאַין, אָבער ס׳אַן עבירה די ניקלס. ער טוט אַ דריי מיט׳ן קאָפּ אַף „ניין", ווי ער האָט געזען עס טוען די גרויסע — אָבער דער שוואַרצער נפש בלייבט שטיין. וואַצעק ווערט אומגעדולדיק און קוקט אין דער לופטן — ווי איינער רעדט: איך האָב מיט דיר ניט וואָס צו טאָן.

דער שוואַרצער נפש גייט אוועק, און וואַצעק טראַכט, אַז די „וואָפּס" זענען אַ „פּעסט": מע קען זיך פון זיי ניט אויסדרייען אפילו אום זונטיק. אַלע „וואָפּס" זענען שמוציק און פּוצן שיך. ניטאָ איין „וואָפּ", וואָס זאָל האָבן אַזאַ פיינעם סוט, אַזוינע ספּאָרטישע געלע שיך, ווי ער, וואַצעק. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז די „וואָפּס" זיינען ניט בעסער פון די „זשידעס".

א נייער נפש רוקט זיך צו מיט'ן קעסטל, טוט א גלאַנץ מיט שוואַרצע אויגן און פרעגט:

— שאַין, מיסטער?

וואַצעק בלאָזט זיך אָן, שטרעקט אויס די פיס א ביסל לייגגער און ברומט אַרויס, ווי אָנקל בראָניסלאַוו:

— וואָס דהי העל!

אָבער ס'קומט אָן א דריטער שטיוול־פּוצער, שטעלט זיך אוועק לעבן וואַצעק'ן און פּישטשעט אַרויס מיט דער מינע פון א געניטן מענטשן:

— ניו שוז ניד א שאַין.

וואַצעק'ן טוט פּלוצים א בליץ אין פוילן מוח, אז נייע שיך מוזן טאַקע האָבן א שאַין, אַניט וועלן זיי א תל ווערן פונ'ם וואַסער, אויב ס'גייט א רעגן. אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע. אָבער וואַצעק האָט נאָך צייט. ער לאָזט דורך צוויי אָדער דריי אַנדערע „וואַפּס", ביז ער טוט איינעם גנעדיק א מאַך מיט'ן האַנט און שטעלט נאָך ווייטער אַרויס די פיס.

* * *

פּאַאָלאָ האָט היינט געהאַט א שלעכטן טאָג. פון זיבן אינדערפרי האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט מיט'ן קעסטל, אָבער מער ווי איין ניקל האָט ער ניט פאַרדינט. פּאַאָלאָ האָט גערעכנט, ס'וועט זיין א „ביזי" טאָג, וואָרים די זון האָט געשיינט און ס'איז געווען א סך מענטשן אין גאַס, אָבער די אינגלאָך האָבן באַ אים אויסגעכאַפּט אַלע „קאַסטאָמערס" און ער איז אַלץ געקומען צו שפּעט. פּאַאָלאָ איז ניט אַזוי פלינק, ווי אַלע אינגלאך. פּאַאָלאָ איז הונגעריק. ער האָט געגעסן איין שטיקל ברויט מיט סאַלאַמי, וואָס די מאַמע האָט אים געגעבן, און א באַנאַנע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן באַם אַלטן דזשיאָוואַני פונ'ם סטענד. פּאַאָלאָ דאַרף געלט. די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט ברייגגען געלט. דער טאַטע האָט זיך איינגע'שכור'ט שוין דעם פערטן טאָג, און מאָרגן דאַרף מען צאָלן רענט. די מאַמע האָט געאַרבעט אפּ'ן „בלאָק" אין בליקער סטריט, אָבער די ליידי האָט זיך אַרויסגעקליבן אפּ־טאַון און די נייע טענענטס האָבן געבראַכט א שוואַרצע דינסט. די מאַמע האָט געזאָגט פּאַאָלאָ'ן, אַז אויב ער וועט ניט ברייגגען קיין געלט, וועלן זיי ניט האָבן קיין סאַפּער. די מאַמע האָט געוויינט. פּאַאָלאָ קען

ניט לײדן, װען די מאַמע װײנט. פּאָלאָ׳ן קלעמט דאָס האַרץ, װען די מאַמע רעדט צו אים, װי מע רעדט צו אַ גרױסן. פּאָלאָ האָט אַלײן ליב צו פאַרשטעקן דעם קאָפּ אין דער מאַמע׳ס קלײדל און אַ װײן טאָן, װען ער איז הונגעריק אָדער די אינגלאַך טשעפּן זיך צו אים. נאָכאַנאַנד טשעפּען זיך צו אים די אינגלאַך. זײ רופן אים „פּאָלאָ דער פליער“, װײל ער האָט זײ אַמאָל דערצײלט, אַז ער װאָלט געװאָלט האָבן פליגל און פליען, װי אַ פױגל. די אינגלאַך זענען שלעכטע. זײ כאַפּן בײַ אים אױס די „ביזנעס“. אײדער ער דערגײט צו אַ קאַסטאָמער, רינגלען זײ אים שױן אַרום און לאָזן פּאָלאָ׳ן ניט צו. „ער קען ניט פּוצן“, שרײען זײ, „ער האָט גאָר קײן כח ניט, ער איז אַ גע׳פּגר׳טע פליג! פּליז, מיסטער, מיר װעלן אײַך געבן אַ גוטן שאַין!“

גײט פּאָלאָ איבער װאַשינגטאָן סקװער, שלעפּט דאָס קעסטל אױף די פּלײצעס, קוקט אונטער די פיס, טרעט אױף די געלע און רױטע בלעטער און טראַכט, אַז ס׳איז ניט גוט. די מאַמע האָט געװײנט. װען די מאַמע װײנט, דאַכט זיך פּאָלאָ׳ן, אַז די גאַנצע שטוב פאַלט אין דער טיף און ער אַלײן פליט אין אַ טונקעלן טיפן גרוב. די מאַמע זאָגט, אַז מיט אַ שכור אַ מאַן און פיר קלײנע קינדער מוז זי זיך כאָטש װאַרפן אין װאַסער. פּאָלאָ מאָלט זיך דאָס װאַסער פונ׳ם טײַך, װאָס ער האָט געזען לעבן קריסטאָפער סטריט. ער מאָלט זיך, װי אַזױ די מאַמע קומט צום ברעג, שטעלט זיך אַװעק אױף די הילצערנע ברעטער, װאָס זענען אָפּגעריבן פון די שיפן, פאַרבינדט די עקן פונ׳ם שאַל, צלמ׳ט זיך איבער און װאַרפט זיך אַרײַן אין װאַסער מיט די הענט פאָרױס. אפשר װעלן זי די מאַטראָסן אַרױסשלעפּן? דאָרטן זענען דאָ אַ סך מאַטראָסן. אָבער טאָמער װעט זי עס טאָן בײַנאַכט? ער, פּאָלאָ, װעט אױף איר אַכטונג געבן, זי זאָל ניט אַװעקגײן אַלײן בײַנאַכט. הײַנט נאָך סאַפּער װעט ער ניט גײן שלאָפן פאַר דער מאַמע׳ן. אָבער װאָו װעט די מאַמע נעמען אױף סאַפּער?

פּאָלאָ הױבט אױף די אױגן און קוקט אױף דער װעלט — און אים דאַכט זיך, אַז די װעלט איז טונקל. װי גוט װאָלט געװען, װען ער געפינט אָט דאָ אין סקװער אַ קװאָדער! אײ, װאָלט דאָס געװען אַ גליק. ערשט נעכטן האָט אַרטוראָ געפונען צװײ קװאָדערס מיט דרײַ פּעניס...

אף א באנק זעט פּאָלאָ א יונג מיט א ברייטן מאנטל און מיט נייע שיך. דער יונג טוט אים א וואונק. איז דאָס מעגלאך? ער וויל א שאַין? יאָ, ער וויל א שאַין!

פּאָלאָ שטעלט אָן דאָס קעסטל, פאלט צו מיט די קני צו דער ערד און נעמט זיך פּוצן.

די זון אויבן שיינט. די בוימער שיטן גרויסע רויטע בלעטער. אינגלאך איילן זיך אף ראָלערס אהין און אהער. פּאָלאָ שטייט אף די קני און רייבט מיט אַלע כוחות. פון אונטער׳ן צוריסענעם רעקל זעען זיך דאַרע אָרעמס, ווי שטעקלאך. די קני, וואָס שטייען אפ׳ן אספאַלט, זענען שפּיציקע, ברודנע. אף די פיס האָט ער א פּאָר שקראַבעס. פּאָלאָ שמירט דעם וואקס מיט די דלאָניעס איבער׳ן לעדער און טראַכט, וויפיל וועט אים דער קאָסטאָמער געבן, א ניקל צי א דאַים. ס׳איז דאָ אזוינע קאָסטאָמערס, וואָס גיבן א דאַים. היינט איז זונטיק. זונטיק גיט מען מער ווי אינדערוואָכן.

פּאָלאָ רייבט מיט אַלע כוחות. וואצעק זיצט און מאַכט מיט איין פוס בשעת מע פוצט אים א צוויטן. זיין קיילאַכדיקער פנים קוועלט פון הנאה, און אין קעשענע האַלט ער פעסט די ניקלס, כדי דער „וואָפּ" זאָל זיי בא אים ניט אוועק׳לקח׳ענען. די „וואָפּס" זיינען אַלע גנבים, זאָגט דער פעטער בראָניסלאַוו. פּאָלאָ בויגט זיך אין דרייען, ווישט אַלע מאָל דעם שווייס מיט זיין קליינעם איינגעשמירטן הענטל. בשעת ער רייבט, בויגן זיך זיינע שמאָלע פּלייצעס און די געדיכטע שווארצע האָר טאַנצן פון אונטער דעם צוקנייטשטן זומער־דיקן היטל.

וואצעק באטראַכט קריטיש דעם אויסגעפּוצטן שוך און זאָגט:

— ווהאַט דהי העל? סע גלאַנצט ניט!

דער שווארצער פּאָלאָ טוט א ציטער. ער פאלט ווידער צו צו דער ערד, בויגט זיך אריבער צום שוך, הויכט אף אים פון צווישן דינע בלאָליכע קינדערשע ליפּן, בלאָזט אָן די איינגעפאַלענע בעקלאך, רייבט מיט די דינע הענטלאך, שעפּטשעט:

— יעס סעה, אָללע ראַיטי, סער!

פּאָלאָ׳ס הערצל קלאַפּט ווי קליינע אָפּטע העמערלאך. פּאָלאָ׳ס הענטלאך לויפן גיך, גיך מיט׳ן טוך אהין און צוריק. פּאָלאָ׳ס קני האָבן זיך אָנגעשטאָכן אָן א שטיינדל אפ׳ן ברוק, אָבער ער ענדערט

ניט זיין פּאָזע. פּאַלאָ טוט אַ וואָרף אַ דערשראָקן שוואַרץ אויג אַרויף צום קאָסטאָמער'ס קיילאַכדיקן צופרידענעם פּנים. וואַצעק דערזעט דעם קוק — און דערפילט, אַז דער „וואַפּ" האָט פאַר אים מורא. וואַצעק ווייסט שוין, וואָס ער וועט טאָן.

ווען די שיך זיינען כמעט פאַרטיק, שטעלט זיך וואַצעק אויף און זאָגט:

— געראַרי היר, יו דעם וואַפּ.

און וואַצעק נעמט זיך גיין.

פּאַלאָ שפּרינגט אויף. אין די אויגן דרייט זיך אים, ווי אַ קאַרוסעל פון אַלערליי פונקען.

ער טוט זיך אַ לאָז צו וואַצעק'ן. דאָס הערצל צאַפּלט.

— גיב מיר מיין ניקל.

וואַצעק גייט רואיק ווייטער.

— גיב מיר מיין ניקל.

וואַצעק נעמט אַרויס די האַנט פון קעשענע און מאַכט אַ קולאַק, ווי ער האָט געזען ס'טוט אָנקל בראָניסלאַוו.

פּאַלאָ האָט שוין פאַרגעסן זיין שרעק. פּאַלאָ'ס אויגן ברענען. פּאַלאָ'ס האַלז איז טרוקן. פּאַלאָ טוט זיך אַ וואָרף צו וואַצעק'ן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

וואַצעק טוט אים אַ שטופּ אָפּ און זאָגט:

— וואַט דהי העל! ווייסט ניט, ווי צו געבן אַ שאַין...

פון'ם שטופּ רוקט זיך פּאַלאָ צוריק עטלאַכע טריט. איבער זיין פּנים רינען טרערן. ער זאָגט מיט אַ וויינענדיקן קול:

— גיב מיר מיין ניקל.

וואַצעק לייגט אַריין די הענט אין די קעשענעס, שטעקט אַרויס דאָס בייכל און זאָגט:

— שאַראַפּ! אַניט דערציייל איך דעם פּאָליסמאַן.

פּאַלאָ האָט מורא פאַר'ן פּאָליסמאַן. וואַצעק גייט אַוועק מיט זיכערע טריט אין דער ריכטונג פון דער עוועניו „בי". ער ווייסט: דער „וואַפּ" וועט אים שוין ניט טשעפּען. וואַצעק'ס נייע שיך גלאַנצן. די זוילן קלאַפּן איבער'ן אַספאַלט.

פּאַלאָ שטייט און קוקט אים נאָך. מיט אַן איינגעשמירטן הענטל ווישט ער די טרערן איבער'ן איינגעשמירטן בלאַסלאַכן פּנים.

די זון לייכט. די זון קוועלט. די זון שפּילט זיך מיט גאָלדענע באַלן. די בלעטער פאַלן פּאַוואָליע און שפּרייטן אויפ'ן אַספּאַלט געלע און רויטלאַכע אויזאָרן.

.1923

פּאָליאַ.

זי איז געקומען אין רעדאַקציע. זי איז ניט קיין לינקע. זי ווייסט ניט, וואָס הייסט לינקע. זי זוכט נאָר אַרבעט. זי האָט געהערט, אַז אין אַ אידישער רעדאַקציע איז מעגלאַך צו קריגן אַרבעט.

וואָס קאָן זי טאָן? זי איז אַ סטענאָגראַפּיסטקע. וואו האָט זי ביז אַהער געאַרבעט? זי ווערט רויט און שטאַמלט. זי וויל ניט זאָגן. אין אירע טונקעלע ווייכע אויגן לויפט דורך אַן אויסדרוק פון שרעק. ניין, ס'איז אַלץ איינס, וואו זי האָט געאַרבעט.

אירע האַלב־קינדערשע ליפּן שליסן זיך מיט אַ קנייטש פון עקשנות. זי האָט געאַרבעט, דאָס איז אַלעס.

האָט זי רעקאָמענדאַציעס? יאָ. רעקאָמענדאַציעס האָט זי. זי רופט אָן דעם נאָמען פון איינעם אַ פריינט, אַן אַדוואָקאַט. ער קאָן זי. ער וועט צוגעבן אַז זי איז אַ פּייאיקע סטענאָגראַפּיסטקע. מער איז דאָך ניט וויכטיק צו וויסן?

און ס'הערט זיך אַן אַרויסרוף אין דעם טאָן פון דעם קליינעם מיידעלע — צו קליין, צו דין און צו איידל פאַר אַ פריילין פון ניינצן יאָר, וואָס אַרבעט אין אַן אָפיס.

אין אָוונט זע איך זיך מיט מיין פריינט, דעם אַדוואָקאַט. איך פרעג אים, וואָס ווייס ער פון דעם מיידל. אַף זיין פּנים באַווייזט זיך אַ ברייטער מאָדנער שמייכל. אַזוי לאַכט מען נאָר, ווען מען דערלעבט זיך נקמה אָן אַ שונא.

מיין פריינט דערציילט מיר פּאָליאַ'ס געשיכטע.

פּאָליאַ האָט געאַרבעט מיט אים אין איין אָפיס, ביי איין באָס. פּאָליאַ איז אַ צאַרטע, אַ שטילע, אַ געטרייע, עפּעס ווי אַן אָנגעשראָ־

קענע, מען הערט פון איר קיין פּיפּס ניט. פּאַליא האַלט אוים א מאמע און צוויי ברידער, קליינע אינגלאך. אמאָל האָט זי געוואָלט גיין אין קאלעדזש לערנען, אָבער צו זעכצן יאָר, קוים געענדיקט מיטל־שול, האָט דאָס מזל זי ארויסגעטריבן זוכן פּרנסה. פּאַליא האָט געארבעט ווי א מאשין, געוועז צוגעקלעפּט מיט די הענט צו דער מאשין, און די פירמע האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון איר ארבעט.

נו, איז אָבער דאָ דער שעף פון דער פירמע. דער שעף איז א מאַן פון א יאָר פערציק, א פעטער, אַן אָנגעגאָסענער, אַן ערפּאָלג־רייכער לאָיער. איז דעם שעף געפעלן די צארטע פיגור פון דער קליינער פּאַליא'ן, דאָס געטאָקטע חנ'עוודיקע פּנים'על, די קינדערשע אומשולד. האָט דער שעף ליב געהאט דיקטירן פּאַליא'ן זיינע בריף און דאָקומענטן.

געטאָן האָט ער עס אזוי:

אָפּגעגעסן א גוטן מיטאָג, געקומען צוגיין א פּארסאָפּעטער אין אָפים, די וועסט אביסעלע צושפּילעט, דער פּנים צונטער־רויט, א צאָן־שטעכער אין דעם האַלב־געעפנטן מויל, דער קאָלנער פּייכט פון שוויים, פלעגט ער זיך אוועקזעצן אף א בענקל לעבן פּאַליא'ס מאשין און אָנהייבן דיקטירן. פּאַליא האָט געקלאַפּט איבער די ביינדלאך, און דער לאָיער האָט זיך אַלץ נעענטער צוגעבויגן, אַלץ ענגער צוגע־שארט — פארשטייט זיך, כדי פּאַליא זאָל בעסער הערן. פּאַליא האָט זייער גוט געהערט די הייזעריקלאכע שטימע, געהערט ווי עס סאָפּעט און כאָרכלט אין דער ברייטער פעטער ברוסט, געשפּירט דעם ריח פון פלייש, אוגערקעס און פּוילקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די רויטע פליישיקע ליפּן, געאָטעמט די שווייסיקע לופט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון דעם קערפּער. און דער שעף וויל דאָך, אז פּאַליא זאָל בעסער פארשטיין, לעגט ער ארויף א האַנט אף איר דינעם נאַקעטן אָרם, כדי זי אָפּצוהאַלטן אף א רגע, דערלאַנגט ער איר א פּאַפּיר און באַרירט אירע צארטע מידע פינגערלאך, פרעגט ער עפּעס און זיין האַנט ליגט אף איר טאַליע. ער מיינט, חלילה, גאָרניט. ער דיקטירט. ס'איז ביזנעס.

און פּאַליא האָט דאָס פיינט. און פּאַליא ציטערט אינווייניג און קאָן עס ניט ווייזן. און פּאַליא וויקלט זיך ווי אין קראַמף — און שווייגט. א ברירה האָט זי.

און דער באָס דיקטירט. און דער באָס רייניקט די ציין מיט א צאָן־שטעכער און איז פריינטלאך. און דער באָס איז פעט און מיינט, חלילה, קיין בייז ניט. און אין דער היים איז דאָ א מאמע מיט צוויי ברידערלאך.

און אין איין שיינעם באַטאָג, ווען דער גאנצער פערסאָנאַל פונ׳ם אָפיס האָט געארבעט, ווי די בינען, און די מאַשינען האָבן געקנאַקט ווי משוגע, און דער שעף פון דער פירמע האָט דיקטירט פאַליא׳ן עפּעס א וויכטיקן קאָנטראַקט, איז זי אויפגעשטאַנען און האָט אים אויפגעוואָרפן צוויי פּעטש — איינס און צוויי — אַף די פעטע רויטע באַקן. אָט אזוי, מיט די איידעלע הענט, האָט דאָס געטאָן די שטילע פאַליא: א פּראַסק אין איין באַק, און טאַקע באַלד א פּראַסק אין דער צווייטער. גאָר ניט געאיילט. און מיט כח. מיט ישוב־הדעת. ס׳האָט אפּגעקלונגען איבער׳ן גאַנצן אָפיס. ס׳האָט אויך אָפּגעקלונגען דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט:

— מיאוס׳ער מענטש! (זי האָט עס געזאָגט אַף ענגליש: „סקאַונדרעל!”).

* * *

איצט איז פאַליא אָן א דזשאָב. זי האָט א מאַמע און צוויי ברידערלאך. פאַליא זוכט ארבעט.

אפשר ווייסט איר פון א דזשאָב?

.1922

דריי מאָל און דאָס פערטע.

א מיידל, ניט לאַנג פון רוסלאַנד, האָט מיר דערציילט:

אין וועלט־קריג בין איך געווען א בארמהערציקע שוועסטער און געאַרבעט אַפ׳ן פראָנט. הינטער זשיראַרדאָוו זיינען געווען גרויסע שלאַכטן. גאַנצע פעלדער זענען געווען פארוואַלגערט מיט פאַר־וואונדעטע און טויטע. סאַניטאַרן, דאָקטוירים און פעלדשאַרעס האָבן געאַרבעט באַטאָג און באַנאַכט. איך מיט א גרופּע סאָלדאַטן האָבן געקליבן פאַרוואונדעטע אין א טרענטש. די לייכט־פאַרוואונדעטע

האָבן מיר גענומען, די שווער־פאַרוואונדעטע האָבן מיר געלאָזן, ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי וואָלט סיי ווי געשטאָרבן, און מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט. די רוסישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן שנעל.

צווישן די פאַרוואונדעטע האָבן מיר דערזען אַ דייטשישן סאָלדאַט. ער איז געווען דורכגעלעכערט, ווי אַ זיפּ. זיינע באַקן זיינען שוין געווען איינגעפאַלן און געל, זיינע ליפּן פאַרברענט, און אין די אויגן האָט זיך געטומלט יענער פיבער־גלאַנץ, וואָס קומט פון אַ סך שמערצן און וואָס ווייזט, אַז אַ מענטש איז אָפּ׳ן שוועל פון טויט. מיר האָבן שוין געוואָלט פאַרבייגיין, אים לאָזן אויף גאָט׳ס באַראַט. אָבער דער דייטש האָט פאַרשטאַנען. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט באַם קליידל און געקוקט אַרויף צו מיר מיט געבעט. ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגינ־קער, אפשר ניינצן יאָר, אַ קליינער, מיט אַן איידעלער פיגור. ער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, שוין ניט געקענט ריידן, אָבער אין זיין גאַנצער מינע האָב איך געלייענט: „האָט רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן; לאָזט מיך ניט שטאַרבן אָט דאָ אויף פרעמדער ערד". איך האָב גע־הייסן די סאָלדאַטן אים נעמען. יענע האָבן ניט געהאַט קיין חשק. „סיי ווי וועט ער קרעפּירן", האָט איינער מיר געזאָגט. „און נאָך אַ דייטש דערצו". איך האָב זיי איבערגערעדט מיט דעם, וואָס ער איז אַ דינינקער און וועט קיין סך ניט וועגן. מיין אַרגומענט האָט געווירקט — און מיר האָבן אים אוועקגעפירט אין באַנדאַזשירונג־פּונקט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען פאַרוואונדעט מיט אַן אויפרייס־קויל, וואָס מאַכט אָן די געפערלאַכסטע צרות. צען ביז צוועלף שטיקלאַך האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון זיין קערפּער.

מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין הויפּט־שפּיטאָל, וואוהין מ׳האָט מיך אויך שפּעטער אַריבערגעשיקט פונ׳ם שלאַכט־פעלד. דער דייטש האָט מיך דערקענט, און איך קען אייך ניט אויסמאָלן די פרייד, וואָס האָט באַלויכטן זיין פּנים, ווען ער האָט מיך דערזען. איך האָב דעזשורעוועט אין דעם באַראַק, וואו ער איז געלעגן. אַלע מאָל, ווען איך בין צו־געגאַנגען צו זיין בעטל, האָט מען געזען, אַז ער ווערט צוגאַנגען פון גליק. צערטליכקייטן צווישן פּאַציענטן און שוועסטער זיינען פאַר־באָטן, אָבער דער דייטשישער סאָלדאַט האָט מיך איינמאָל אָנגענומען בא דער האַנט, זי צוגעטראָגן צו זיינע אויגן און זי געגלעט מיט אַ טיפער און רירנדער ליבשאַפט.

— איהר האָט מיך געראַטעוועט פונ׳ם טויט, — האָט ער געזאָגט.

אין שפּיטאָל איז ער אָפּגעלעגן עטלאַכע וואָכן, און מיט יעדן טאָג האָט ער זיך צוגעבונדען צו מיר אַלץ מער. אַ אינגל נאָך געווען, פריייוויליג אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי, געטרוימט וועגן העלדיש־קייט. און דאָ איז ער אַריינגעפאַלן אין שונא׳ס הענט; באַהאַנדלט האָט מען בא אונז די דייטשישע פאַרוואונדעטע ניט זייער פריינטלאַך: פאַרט אַ געפאַנגענער. איך בין געווען דער איינציקער מענטש, וואָס ס׳איז בא מיר ניט געווען קיין אונטערשיד צווישן אַ דייטשישן און אַ רוסישן קראַנקן. איך האָב טאַקע מיט מיין דייטש געקענט ריידן אַף זיין שפּראַך — האָט ער זיך ניט געפילט אַזוי עלנט.

ווי ווייט זיין עלנטקייט איז בכלל דערגאַנגען, האָב איך געקענט פאַרשטיין פון דעם, וואָס ער האָט מיך אָפּט גערופן „מוטער״. דאָס אינגל האָט געבענקט אַהיים, צום היימישן טיורינגישן שטעטל, צו די בערג און וועלדער, צום אוניווערזיטעט (ער איז געווען אַ סטודענט), צו דער מאַמען. די מאַמע איז בא אים געווען אַזוי הייליק, ווי דאָס טרעפט נאָר בא סענטימענטאַלע דייטשן. ווען איך האָב אים געפרעגט, ווי קומט ער מיך רופן „מוטער״, ווען איך בין גאָר אַ פרעמדע, האָט ער געענטפערט:

— איר האָט מיר געשיינקט דאָס לעבן.

און דערביי האָט ער אַזוי אַ קוק געטאָן אַף מיר מיט זיינע פייכטע גרויסע אויגן, אַז מיר איז געוואָרן אומהיימלאַך. איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן אַזוי פיל סענטימענט. ער האָט דאָס אָבער געמיינט ערנסט.

אין עטלאַכע וואָכן אַרום האָט מען גענומען עוואַקואירן דעם שפּיטאָל. די האַלב־געזונטע דייטשישע געפאַנגענע האָט מען אוועק־געשיקט קיין דרום־רוסלאַנד, מיין יונגלינג צווישן זיי. דאָס איז געווען אין זומער 1915.

שפּעטער האָט מען אונזער מעדיצינישע אָפּטיילונג אַריבערגעפירט קיין באַקו. איך האָב ווידער געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל; מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו באַזוכן פאַרשיידענע מיליטערישע קאַנצעלאַריעס. איך גיי איינמאָל איבער׳ן קאָרידאָר פון דער מעדיצינישער הויפּט־פאַרוואַלטונג, איך טו אַ קוק — אימיצער גייט מיר אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ גרימאַסע אַף אַ שרעקלאַכן פּנים.

איך האָב לכתחילה ניט דערקענט, ווער דאָס איז. אַ מורא'דיגע בלאַסע אויפגעבלאָזענע באַשעפעניש, אַנגעטאָן אין שמאַטעס, האָט געקוקט אַף מיר און געפּרופט פאַרקרימען דאָס פּנים אין אַ שמייכל. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן ריידן, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז מיין דייטש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אים מיט נאָך דייטשן האָט מען געהאַלטן געפאַנגען אַף אַן אינזל לעבן באַקו, אַז מ'האָט זיי כמעט ניט געגעבן קיין עסן און קיין קליידער. ערגער פון אַלצדינג איז געווען דאָס, וואָס ס'האָט אויסגעפעלט וואַסער — ברונען־וואַסער צום טרינקען. קורץ, די געפאַנגענע זיינען פשוט גע־שוואָלן געוואָרן פון הונגער. זייערע קערפּערס האָבן זיך אויפגעבלאָזן און באַדעקט מיט וואונדן. די ציין האָבן זיך געשאָקלט. מיין דייטש האָט מען אַרויסגעשיקט פאַר אַ דעפּוטאַט צו דער מיליטערישער נאַטשאַלסטוואָ: בעטן פאַרבעסערונג. אָבער נאַטשאַלסטוואָ האָט ניט געגלויבט אין דעם אָנקלאָג און ניט געוואָלט הערן.

דער געפאַנגענער האָט מיט מיר לאַנג ניט געקענט ריידן, ווייל דער קאָנוואָי־סאָלדאַט האָט אים געאיילט, ער זאָל גיין מיט אים: מע האָט אים גערדאַרפט אָפּפירן צוריק אַפ'ן אינזל. דער דייטש האָט מיר נאָר צוגעוואָרפן אַ וואָרט צום שלום: „העלפט, ראַטעוועט, אַניט קומען מיר אום" — און איך האָב דערהערט דאָס גוט־באַקאַנטע ליבלאַכע קול. אָבער ווי העסליך ער האָט איצט אויסגעזען מיט זיין געל פּנים און רויטע אויגן און געשוואָלענע בלאָע געפּלאַצטע ליפּן!

אַפ'ן אינזל האָבן קיין זייטיקע ניט געטאָרט פאָרן, אָבער איך האָב געהאַט באַקאַנטע אָפיצערן, און מיט זייער הילף האָב איך באַ־זוכט דעם אינזל און אויסגעפונען, אַז ס'איז טאַקע אַ סכנה פאַר'ן לעבן. איך האָב וועגן דעם אָנגעשריבן אַ רעפּאָרט דעם עלטסטן דאָק־טאָר פון אונזער שפּיטאָל, יענער האָט דאָס געזאָלט איבערגעבן ווייטער, דערוויייל איז געקומען די פעווראַל־רעוואָלוציע, ס'איז מיט אַמאָל גע־וואָרן פרייער, איך האָב גע'פועל'ט, מע זאָל די געפאַנגענע אַרויסנעמען פונ'ם אינזל — און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אַלע קראַנקע געפאַנגענע אַריבערגעפירט צו אונז אין שפּיטאָל, צווישן זיי אויך מיין יונגן דייטש.

ווען איך האָב אים יענעם אָוונט איבערגעבונדן זיינע וואונדן, האָט ער, ווי אַמאָל, אָנגענומען מיין האַנט, זי אַרויסגעלייגט אַף זיינע

אויפגעדראָלענע אויגן, זי געגלעט און געזאָגט מיט אַן אויסערגע־וויינטלאַכער צערטליכקייט:

— איר האָט מיך צום צווייטן מאָל געראַטעוועט פונ׳ם טויט.

ער איז ביסלאַכווייז געקומען צו זיך, כאָטש ער איז בכלל געווען שוואַך און געזונט.

דאָס איז געווען, הייסט עס, אַרום פעברואר 1917.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די פלעק־טיפוס עפּידעמיע, און מיין דייטש האָט באַקומען טיפוס. ס׳איז קיין וואונדער ניט באַ אַזאַ אָפּגעשוואַכטן קערפּער. ווידער איז ער אַריין אין מיינע הענט, ווידער האָב איך אים געהאָלפן, ווידער האָט ער געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע פּייכטע אויגן, און כאָטש ער האָט שוין ניט געזאָגט גאָרניט, נאָר איך האָב געוואוסט, אַז ער טראַכט:

— איהר האָט מיך צום דריטן מאָל געראַטעוועט פונ׳ם טויט.

אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט מען אים מיט אַ נאָך אַ סך פון זיינע חברים באַשטימט פאַר סאַניטאַרן — שפּיטאָל־דינער, און מ׳האָט זיי פאַנאַנדערגעשיקט איבער פאַרשיידענע מעדיצינישע אַנשטאַלטן. ס׳האָבן געפעלט הענט, און קראַנקהייטן האָבן זיך געמערט אין יענע אומרואיקע צייטן.

און דאַן איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און דאַן האָבן די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּט די מאַכט, און אין אָנהויב 1918 האָבן די טאַטערן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און אין די גאַסן פון באַקו האָט זיך צעברענט אַ מלחמה.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פּלוצלונג. איך בין גראַד געגאַנגען אין גאַס. מיט אַמאָל האָט מען אָנגעהויבן שיסן פון אַלע זייטן. די מענטשן זענען זיך צולאָפן. איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט זענען שוין אַלע טויערן געווען פאַרהאַקט. איך האָב ניט געהאַט, וואו זיך צו באַהאַלטן. איך האָב געפּרופט קלאַפּן אין איין טיר, אין אַ צווייטער — קיינער האָט ניט געעפנט. דאָס שיסעריי איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער. איך בין געלאָפן פון גאַס צו גאַס, קוילן האָבן געקלאַפּט אין די הייזער רעכטס און לינקס. סוף כל סוף האָב איך זיך דערשלעפּט צום שפּיטאָל פאַר קאָנוואַלעסצענטן און האָב געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אייגנטלאַך איז דאָ אויך ניט געווען זיכער. קוילן זענען אַלע

מאָל אריין דורך די פענצטער. די קראַנקע האָט מען אויסגעלייגט אַף דער ערד — פאַר זיכערקייט. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל איז זיך צולאָפן נאָך אין אָנהויב פון דער שיסעריי. די פּאַציענטן זענען געווען אומרואיק. מ'האָט זיך געפילט, ווי אַף אַ שלאַכטפעלד.

מיך האָבן ניט אַזוי געאַרט די פּאַציענטן אינווייניק, ווי די פאַר־וואונדעטע אינדרויסן. אַף די אַרומיקע גאַסן, ווי מ'האָט געקענט זען פון'ם שפּיטאָל, האָבן זיך געוואַלגערט צענדליקע פאַרוואונדעטע אין לוזשעס בלוט. געווען טאָטערן, געווען רויטע גוואַרדייצעס, געווען אַ מאַסע פאַרבייגייער, וואָס אַ קויל האָט זיי געטראָפן.

אין מיר האָט אויפגעוואַכט די מעדיצינישע פליכט. איך האָב געוואָלט, מען זאָל אַריינגעמען די פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל, זיי געבן די ערשטע הילף. איך האָב אָנגעהויבן רופן פרייוויליקע, וואָס זאָלן גיין מיט מיר. פון די האַלב־געזונטע פּאַציענטן האָט זיך ניט געפונען קיינער. געווען עטלאַכע דייטשישע סאַניטאַרן, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי ווילן ניט ריזיקירן מיט'ן לעבן. איך בין געווען זייער אויפגערעגט. פּלוצלונג קומט אַרויף פון'ם אונטערשטן שטאָק מיין אַלט־באַקאַנטער דייטשישער יונגלינג. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער אַרבעט טאַקע אין דעם שפּיטאָל אַלס געהילף־אַפּטייקער. ער האָט זיך שוין אפילו אויסגעלערנט רוסיש.

איך האָב קיין צייט ניט געהאַט אים צו באַגריסן. איך האָב אים פּשוט דערציילט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך. אַ גאַס פול מיט געפאַלענע, אַ שפּיטאָל פול מיט מעדיקאַמענטן — קיינער וויל ניט גיין אויפקלייבן די אומגליקלאַכע. איך האָב גערעט, ווי מ'וואָלט גערעט צו אַ גוטן פריינט. וואָס טוט מען? אדרבא, וואָס טוט מען?

און דער דייטשישער סטודענט, דער געפאַנגענער, האָט זיך פאַר־רויטלט און געזאָגט: „איך גיי מיט אייך". און אַף אים קוקנדיק האָבן זיך געמעלדעט נאָך צוויי דייטשן און נאָכדעם איין פּאַציענט. און מיר האָבן אויפגעהאַנגען אַף אַ שטעקן אַ גרויסן ווייסן פלאַג מיט אַ רויטן קרייץ און זענען אַוועק איבער'ן גאַס — אויפקלייבן די פאַרוואונדעטע. און מיר האָבן אַזוי געאַרבעט אַ שעה און צוויי. מיר פלעגן אָנטראָגן עטלאַכע, איך פלעג זיי אַף גיך אַרומוואַשן און איבערבינדן די וואונדן — און דאַן פלעגן מיר זיך ווידער לאָזן אין

גאַס. ווען די שיסער האָבן געזען אונזער פאַן, פלעגן זיי אויפהערן שיסן, אָבער ניט שטענדיק האָבן זיי אונז געזען, און קוילן זענען גע־פלויגן פאַר אַ מייל און צוויי.

מיין פריינט, דער דייטש, האָט געאַרבעט מיט אַלע זיינע שוואַכע כוחות. אַלע מאָל פלעגט ער אַ קוק געבן אויף מיר, זיך שטיל פאַר־רויטלען, און אַ שמייכל האָט באַלויכטן זיין איידעלן פּנים. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיר און האָט מיר אויך געהאָלפן איבערביינדן די פאַרוואונדעטע.

און איינמאָל, ווען מיר האָבן געהאַלטן אין די הענט אַ גרויסן שווערן טאָטער מיט אַ וואונד אין בויך, איז אַריינגעפלויגן אַ קויל, דורכגעעגבערט דעם דייטש׳ס אָרעם, דורכגעלאָפן דורך זיין ברוסט און אַרויס דורך דעם צווייטן אָרעם. ס׳איז געווען אַף טויט.

דער יונגלינג האָט אַפילו קיין געשריי ניט געטאָן. ער האָט נאָר מיט פאַרוואונדערונג געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף מיר און נאָכדעם אַף זיין ברוסט. ס׳איז אַפילו ניט גערונען קיין בלוט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוף. ער האָט שטיל אָנ־געבויגן זיין קאָפּ צו מיר, איך האָב אים אַרומגענומען אַרום האַלז און אונטערגעהאַלטן זיין קערפּער.

ער האָט נאָר אַרויסגעפּליסטערט:

— איר זענט ניט שולדיק. איר זענט גוט.

און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

אין אַ מינוט אַרום איז ער געווען טויט.

און אַזוי האָב איך דריי מאָל געהאָלפן דעם מענטשן אַנטלויפן פון׳ם טויט — און אַפ׳ן פערטן מאָל איז ער געשטאָרבן צוליב מיר.

ס׳איז שוין אוועק פינף יאָר פון יענער צייט, אָבער נאָך אַלץ פאַרפאָלגט מיך דער קוק פון יענעם דייטשישן יונגלינג, און ביינאַכט כאַפּ איך זיך אויף און הער, ווי ער רופט מיך: „מוטער״. און מיר דאַכט זיך, אַז ס׳ליגט אַ שולד אַף מיין געוויסן, כאָטש וואָס בין איך שולדיק?

.1923

וואָס ס'קאָן זיך מאַלן.

אַז די זון שיינט אין אַ דעצעמבער־פרימאָרגן פּונקט ווי ס'וואָלט געווען מאַי, און אַז דער הימל איז אַזוי בלאָ, פּונקט ווי מ'וואָלט אים נאָר־וואָס אויסגעקאָוועט פון אַ שטיק סאַפּירשטיין און ער איז נאָך היים פון די האַמערס, — קאָן אימיצער טרעפן, וואָס אין אַזאַ טאָג וועט פּאַרלויפן?

נו, שיינט די זון ווי שונאים אַף צו להכעיס, אָט־אָט ווערט זי צעפלאַצט פון אַ ליכט־אויפרייס. ליגט דער הימל אַ בלאָ־אַנגעגליטער, ריר אים אָן — וועט ער קלינגען ווי אַ זילבערנע שיסל. גייט אַ לופט איבער דער ערד — אַ געשליפענע, אַ צונויפגעפּרעסטע און אַ שטאַרקע, כאַטש לאָז זיך אַוועק אין איר שווימען. שטייט די הויכע שטאָט אַ פאַרבלענדטע, אַ באַגולטע, יעדער מויער אויסגעצערטלט אין אַ ביינקעניש־ציִעניש צו לויטערע וועלטן. גייען מענטשן אינדערפרי אַרויס אין פּאַרק און טוען אַ קוק — גרינע בלעטלאַך אַף די צווייגן. גלויבן זיי זיך ניט לכתחילה און מיינען, ס'איז אַ טעות. ערשט זיי הויבן אויף די אויגן און דערזעען, — אמת, דער גאַנצער פּאַרק איז אַרומגעוועבט מיט אַ גרינער לייכטער נעץ, ווי דאָס טוט זיך אום פרילינג. טראַכטן זיי: אפשר איז דאָס נאָר אין פּאַרק צוליב דער וואַרעמקייט פון די הייזער. גייען זיי אַוועק צום האַדסאָן און קוקן צו די פּאַליסאַדן אַפ'ן ברעג פון ניו דזשוירזי און צו די וועלדער אין צפון. ערשט זיי זעען, אַז אַלע וועלדער און אַלע פעלדער זענען שוין באַדעקט מיט נייַע בלעטער. און ווי זיי שטייען דאָ באַם ברעג, שפּראָצט אַרויס גראָז פון דער ערד לעבן זייערע פיס, אפילו פון אונטער די שטיינער, און אַף די בייטן און קוסטעם באַם טייך עפענען זיך שוין טולפּאַנען, היאַצינטן און פּיאָנען און מאַנדל־בליטן און גאָלד־רעגן און מאַגנאָליען און אַנדערע בליטן און בלומען פון וועסנע. און די לופט איז שמעקעדיק, און פון דער שמעקעדיקייט ווערט זי אַזש ווייכער. און ס'איז שוין היים אין די ווינטער־מאַנטלען, און מע מוז זיי אויסטאָן און טראָגן אַפ'ן אָרעם.

איז אַז די מענטשן דערזעען דאָס — ווערט זיי, מסתמא, פֿריילאַך אַפּ׳ן האַרצן און זיי ווייסן, אַז ס׳איז יום־טוב. גייען זיי און הויבן אָן קלינגען אין אַלע טעלעפֿאָנען און לאָזן וויסן זייערע פֿריינט, אַז ס׳איז געקומען אַ יום־טוב. פֿאַרשפּרייט זיך דער קלאַנג אין איין כהרף עין איבער דער גאַנצער שטאָט, עט־ווייט אַזש ביז קוני־אײַלאַנד פֿון איין זייט און יאָנקערס פֿון דער צווייטער. זענען זיך מישב אַלע מענטשן און לייגן אַוועק די אַרבעט.

ווי אַזוי, אַ שטייגער, טוען זיי דאָס ? פּשוט. אַרבעטן מענטשן אין אַ שאַפּ. הויבט זיך אויף איינער און רופֿט אויס : „העי, חברה, ווייסט איר דען ניט, אַז ס׳איז היינט יום־טוב ? גענוג !” שטעלן זיי אָפּ די מאַשינען און מאַכן אַ „הורא”־געשריי מיט אַ „הו־הא”־געפּילדער און טוען זיך אָן די גאַסן־קליידער און — מאַרש, מע גייט אַרונטער. זיצן מענטשן אין אַן אָפֿיס ; דיקטירט אַ פֿיינער הער זיין סטענאָגראַפֿיסטקע עפּעס אַ גאַנץ וויכטיקן דאָקומענט, וואָס אָן אים ווענדן זיך אַ סך טויזנטער. הערט דאָס מיידל, אַז מע קלינגט. ענטפֿערט זי און אין צוויי מינוט אַרום ווענדט זי זיך צום פֿיינעם הער און זאָגט אים : „אַנטשולדיקט, איך גיי, ס׳איז שוין צייט” — און אַלע סטענאָגראַפֿיסטקעס און אַלע בוכפֿירער און אַלע קאַסירער און אַלע אַנדערע הענט לאָזן זיך צום עלעווייטאָר מיט פֿריילאַכע באַוועגונגען און מיט אַ ליכט אין די אויגן. הפקר ! ס׳איז היינט יום־טוב !

זענען דאָך, מסתמא, די באַלעבאַטים איינגעשפּאַרט און זאָגן : „היתכן, וואָס וועט זיין מיט דער אַרבעט ?” ווילן די יונגע ניט ענטפֿערן גאָרניט, אָבער די עלטערע וואַרפֿן־צו אַ וואָרט : „דאָס וועלן מיר זען מאָרגן. דערווייל איז יום־טוב”. און מע לאָזט זיך אין גאַס אַריין מיט לייכטע טריט, אַלטע שיעור ניט אַזוי ווי די יונגע. און אַז אַנדערע באַלעבאַטים שפּאַרן זיך איין און קלינגען אין פּאָליציי, מע זאָל זיי שיקן הילף, ענטפֿערן די טעלעפֿאָן־מיידלאַך, אַז היינט, אין אַזאַ טאָג, איז ניטאָ וואָס צו קלינגען דער פּאָליציי. מ׳וועט זיך באַגיין אָן איר. געפֿינען זיך עקשנים, וואָס לויפֿן אַרונטער אין גאַס נאָך אַ היטער פֿון געזעץ און אָרדנונג ,ערשט באַ יענע איז אויך יום־טוב און זיי זאָגן : „ניטאָ קיין צייט צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּוסטע

זאכען". בלייבן די עקשנים ווי אָפּגעשמיסענע און זיי רוקן זיך אָפּ און פארשווינדן.

אין גאס איז שוין דערוויל געדיכט. די זון לאכט מיט אָנגע־בלאָזענע באַקן. די לופט איז אָנגעפּיקעוועט מיט פונקען. די מענטשן גייען זיך פּאַמעלאַך, שפּילנדיק, איבער דער גאַנצער ברייט פון די גאַסן. באגעגנט איין גרופּע די אַנדערע, זאָגט מען זיך א פריילאכען „וואָס מאַכט איר?" אַקוראַט ווי מע קען זיך פון לאַנגע יאָרן. עפּנט זיך א שול און חברה יונגווארג גיסט זיך אריין אין דער מאַסע און פילט אָן די לופט מיט א סטאַקאַטאָ פון אויסגעשרייען און געלעכטער. גייט מען פארביי א בלומען־געשעפט, באווייזן זיך די אָנגעשטעלטע אין טיר און בעטן: „קומט אריין, נעמט", און יעדער איינער באַ־קומט ווער א רויז, ווער א נעלקע, ווער א כריזאַנטעמע, ווער א בינטל לאַנדישן — און יונג און אַלט פּאַכן מיט זיי אין דער לופטן און לאַכן.

און ווי מע גייט אַזוי און מע באגעגנט אַלץ נייע גרופּן מענטשן, מיט בלומען און מיט פארביקע בענדער, און פרויען מיט זיידענע העלע פּאַטשיילקעס אויף די פּלייצעס, און אָרעם און אָרעם איז שטיל, וואָרים אַלע פאבריקן מיט אַלע אָפיסעס מיט אַלע בוי־אַרבעטן האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, און אַלע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעגלייכט, וואָרים מ'האָט מער פאר קיינעם ניט מורא, און קיין זאָרג איז ניטאָ, וואָרים מע ווייסט, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט אַלץ ווערן לייכט און לייכטער, — איז ווי מע גייט אַזוי, שניידט א שאַרפע פרייד זיך אריין אין אַלעמענס הערצער, און טוט א קאַלטן ברי און א הייסן ברי, און טוט א דריי און א ווירבל די נשמות, ווי זאַנגען אין א ווינט, און עפּנט אויף קוואַלן, וואָס קיינער האָט פון זיי ניט געוואוסט, און א ווילדער „האָי־האָי!"־געשריי טוט זיך א ריס פון א סך העלזער, און די טויזנ־טער און צענדליקער טויזנטער זענען שוין אָנגע'שכור'ט מיט דעם הייס־טונקעלן ווײַן פון פרייהייט, און בליצן פליען פון די אויגן, און א האַנט כאַפּט א האַנט אין א לײַדנשאַפטלאַכן קראַמף, — און אז ס'קומט פון ערגעץ א קאָמפּאַניע קלעזמער און שטעלט זיך שפּילן בײַ דער זייט פונ'ם סקווער, איז די שטאָט שוין איין גרויסער טאַנץ. עס שליינגלען זיך קייטן פון מענטשן, עס דרייען זיך מענטשן־קאַראַהאָדן, עס טאַנצן טורעמס־בנינים, עס וויקלען זיך אריין אינ'ם ווירבל־טאַנץ טראַמווייען, וואָגנס, אויטאָמאָבילן, עס טאַנצן טראָטוארן, סטאַטועס,

זיילן פון לאָמפּן, עס שלײַדערט די זון פון׳ם הימל אַ מיליאָן טאַנצנ־דיקע פײַלן אין דער צעהוליעטער מאַסע — און הענט וויקלען זיך אַרום העלזער, פינגער קלאַמערן זיך אָן פינגער, מוזיק־טענער שפּרינגען און קײַקלען זיך איבער׳ן סקווער, און מענטשן־געווימלס טאַנצן צום טאַקט פון אויסגעשרייען: „האַי־אַ־האַ! האַי־אַ־האַ!"

דערווײַל עפענען זיך די טירן פון אַלע רעסטאָראַנען און קעלנער גייען אַרויס, רופנדיק: „איידער מיר גייען מיט אײַך, קומט עסן, ס׳איז אַלצדינג שוין גרייט!" און מענשטן קומען אַרײַן און גריסן די קעלנער און דריקן זיי די האַנט — און „ברידער, אַ גוט יום־טוב!" און בײַ די טירן פון די קראָמען באַווײַזן זיך די אָנגעשטעלטע: „קומט און נעמט לעבנס־נויטווענדיקייטן — ס׳איז דאָ גענוג פאַר אַלע", און אַ סך קומען און נעמען דאָס, וואָס זיי דאַרפן דרינגלאַך האָבן, אָבער די גרויסע מערהייט מענטשן האָט קיין צײַט ניט און טראַכט זיך: „דאָס וועט פון אונז ניט אַנטלויפן". און שאָפערס פון טעקסיס לאָזן אַרונטער די דעכער פון זייערע אויטאָמאָבילן און לאַדן אײַן: „קומט, מיר׳ן אײַך פירן שפּאַצירן" — און געלע און גרינע און געקעסטלטע טעקסיס ווערן אָנגעפּאַקט מיט קאָלירנדיקע בונטן מענטשן, און אַ געלעכטער קײַקלט זיך פון יעדער טעקסי און הענט פאָכן ווי פליגל — און היידאַ! איבער די וואָרימע דופטיקע גאַסן ציען זיך די העלע כאַליאַסטרעס. און אַז די שאָפערן פון פּריוואַטע אויטאָמאָבילן דער־זעען די צעהוליעטע חברה, שטעלן זיי זיך אָפּ און בעטן זייערע הערן און דאַמען פאַרלאָזן די לימוזינעס, וואָרים ס׳איז יום־טוב, און אין גיכן ווערן די פּראַכטפולע קראַפט־וואָגנס אויך אָנגעפּאַקט מיט זינגענ־דיקער, בלומען־באַהאַנגענער, פרייד־פאַרגאַסענער יוגנט. שטייען די פײַנע הערן און דאַמען אַ ווײַלע ווי פאַרביטענע, ווי נעבעכטיקע, שטייען און וואונדערן זיך מיט פינצטערע אויגן. און אייניקע גייען אַוועק מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג, אָבער אייניקע שטייען צו צום עולם און ווערן אויך אַרײַנגעצויגן אין דער טאַנצנדיק־זינגענדיק־שיכור׳ער כוואַליע.

און אַז די קאָנדוקטאָרן פון די שטאָט־באַנען דערזעען, וואָס דאָ טוט זיך, רופן זיי דעם עולם: „העי, קומט! מיר׳ן פאָרן הינטערן שטאָט, צו די ברייטע פעלדער!" און אַלע טראַמווייען און אַלע לופט־באַנען בליִען־אויף מיט ליכטיקע, לאַכנדיקע מענטשלאַכע פּנים׳ער —

און צוג נאָך צוג פאָרט פּאַמעלאַך צו די בערגלאַך און טאָלן פון וועסטשעסטער קאונטי, צו די חנ׳עוודיקע ברעגן פון האָדסאָן, צום ברייטן ים. אָבער די אונטערערדישע באַנען פאָרן ניט. וואָרים די קאָנדוקטאָרן האָבן זיי געשלאָסן, כדי קיין מענטש זאָל ניט זיין אונטער דער ערד אין אַ טאָג פון יום־טוב. און אַז די מאַטראָסן אויף די שיפן האָבן דערזען, וואָס ס׳טוט זיך אין שטאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן פייפן מיט די פייפלען און טרובען מיט די טרובעס און רופן די מענטשן: „קומט צו אונז, מיר׳ן אייך פירן" — און שוין ווייען פאָנען אויף אַלע מאַסטן, און פריילאַך פּאַטשן די רעדער איבער׳ן וואַסער, און אויף יעדער דעק איז אויסגעשאָטן אַ בייט פון מענטשלאַכע פּנים׳ער, וואָס גליען מיט לעבן, און מוזיק טאַנצט אַוועק איבער די רוקנס פון די כוואַליעס אין דער אומענדלאַכקייט אַריין און וועקט און זאָגט אָן די בשורה.

און אַז די מאַטראָסן פון די קריג־שיפן דערזעען דעם יום־טוב, ווילן זיי דאָך ניט אָפּשטיין, שיסן זיי אויס פון די האַרמאַטן איין־און־צוואַנציק מאָל און לאָזן דערמיט וויסן, אַז זייערע שיפן זענען אויך גרייט צו פירן די פרייע מענטשן. קומען אָן נייע טויזנטער און פאַרצירן מיט זייערע געשטאַלטן די שווערע העלזער פון די פּוש־קעס און באַקלעפּן די גרויסע שטאָלענע לייטערס, און פילן אָן די שלאַנקע טורעמס, און טומלען זיך אויף די ציכטיקע דעקן. און שוין מישן זיך מאַטראָסן מיט געסט — און ס׳שפּילט די מוזיק, און טאַנץ און פרייד לאָזן איבער אַ העלן נאָכקלאַנג אויף די אויפגע־שוימטע פערלדיקע וואַסערן.

און אַז ס׳ווערט שוין שפּעט באַטאָג, איז די שטאָט נאָך אַלץ יונג, און עס דאַכט זיך: זי ווערט אינגער מיט יעדער מינוט. אויף אַ סך מויערן האָבן זיך באַוויזן נייע אויפשריפטן: „דאָ, אין דעם האָטעל, קען נעכטיקן יעדערער, ווער ס׳האָט ניט קיין היים"; „אהער קאָן מען ברענגען קינדער, וואָס נויטקן זיך אין זאָרגפעלטיקער באַהאַנדלונג"; „דאָ איז דער נייער פּאַלאַץ פון ביכער"; „דאָס ערשטע פאָלק־הויז פון דער יום־טוב׳דיקער מענטשהייט"; און אין אָוונט האָבן זיך אַלע טעאַטערן געעפנט פאַר׳ן פאָלק, און אויף די פאָר־שטעלונגען איז געווען אַ פרייד, וואָס קיינמאָל האָט מען נאָך אַזוינס ניט איבערגעלעבט, און די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט, ווי אויפגעוואַכטע אין אַ נייער קונסט־וועלט.

און װען שפּעט אין אָװנט האָבן זיך עטלאַכע מענטשן מיט נערװעזע און בײז־טונקעלע פּנים'ער באַװיזן אין אַ גאַס לעבן סקװער און געפּרופט שיסן פון רעװאָלװערן, האָבן פלינקע יונגען פון דער מאַסע, באַהאַװנט אין דזשו־דזשיטסו, זײ גיך אַנטװאָפנט. ס'איז געװאָרן אַן אױפלױף. מענטשן זענען געשטאַנען און גע־גאַפט אױף די פאַרפינצטערטע, האַס־געפּײניקטע פיגורן — און אַ רחמנות האָט זיך דערװעקט אין די פרײע. עמיצער האָט געזאָגט: „משוגעים". אַ יונגע פרױ מיט ליכטיקע האָר האָט געזאָגט: „קראַנקע". מ'האָט באַשלאָסן: זײ אָפּפירן אין אַ האָספּיטאַל; זאָל די װיסנשאַפט זאָגן, װי מען קאָן זײ הײלן...

און אַ לבנה איז אַרױסגעגאַנגען אױפ'ן הימל און אַ קוק געטאָן און דערזען אַ שטאָט אײנגעװיקלט אין אַ קאַרנאַװאַל פון אַלערלײ ליכט און פונקען און אױפגעציטערט אין אַ פיבער פון לעבן. האָט די לבנה געעפנט אַ ברײט מױל מיט זילבערנע צײן און געשמײכלט, און פון איר שמײכל האָבן זיך טײך און ים און דעכער און טורעמס און סקװערן און פּאַרקן צעשמאָלצן אין אַ װײסן שײן. בלומען האָבן געשמעקט.

עך! װאָס ס'קאָן זיך ניט אױסמאָלן, װען איר גײט שפּאַ־צירן אין פּאַרק אין אַ ליכטיקן דעצעמבער־פרימאָרגן און די זון שײנט װי אַ נײע!

1922.

די טענצערקע.

אין זאַל איז געװען רױשיק, אָנגערױכערט, הײס. ס'האָט געשמעקט מיט שװײס, מיט געברענטער שמאַלץ און מיט זײף. אַרום אַלע טישלאַך איז געװען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, דאָך האָט זיך געפילט אַ פּוסטקײט. אַזױ איז דאָס שטענדיק, װען מ'װיל זיך װאױלטאָן און ס'פעלט אינװײניקסטע פרײד.

ניט געװען, אײגנטלאַך, װאָס צו זען אין דעם גרױסן קעלער־

שענק. אָבער אזוי ווי מ'האָט דאָרט געגאַסן משקה פראַנק און פריי, פייפנדיק אפ'ן געזעץ, — וואָס דאָס איז אַליין אַ טשיקאַווע זאַך — און אזוי ווי קיין שענערע אַמוזירונג־פּלעצער איז אין יענער שטאָט ניט געווען, האָבן מיך גוטע פריינט, אַ מידן און אַ צורייצטן, אריינגעשלעפּט אהינצו שפּעט אין אָוונט.

ס'האָבן געברענט ווייסע עלעקטרישע לאָמפּן מיט אַ לאַנג־ווייליק־קאַלטן ליכט. אַ בלאַסער מוזיקאַנט מיט אַ פּעטלאָך־פּאַר־גליווערטן פּנים, ווי קאַלטע פּעטשאַ, האָט געבאַראַבאַנעוועט אף אַ פּאַרמאַטערטער פּיאַנאָ. קעלנער זענען אַרומגעלאָפן, וויגנדיק זייערע פול־באַלאָדענע אָרעמס, ווי שווימענדיק אין אַן אומגעזעענעם וואַסער. ציין האָבן געבראָמשקעט, העלזער האָבן געשלונגען, מיידלאַך האָבן געטאַנצט.

ס'זענען געווען זעקס מיידלאַך — איינע פון זיי דער „סטאַר". זיי זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין אַ געדיכטן מאַנטל פון פאַרב און פודער, וואָס האָט געמאַכט די נאַקעטקייט רוי און געמיין. זיי האָבן נאָכגעמאַכט פריילאַכקייט בשעת זייער פלייש איז גע־ווען מיד און האָט זיך שלאַבעריק געהאַלטן אף די ביינער. זייער טאַנץ איז געווען אָן גראַציע און מיט אַ סך חוצפּה. אָבער אזוי ווי די חוצפּה איז געווען אַ מעכאַנישע, וואָס האָט די מיידלאַך אַליין ניט געאַרט, האָט זי אין עולם גאָרניט געצונדן.

דער „סטאַר" האָט געטאַנצט דעם בויך־טאַנץ: מאָדנע גע־דרייט די היפּטן, דעם הינטער־חלק, דעם בויך; געהויבן און אַראָפּגע־לאָזט דעם מיטל־טייל פון'ם גוף. ס'איז געווען מער אקראָבאַטיק, ווי טאַנץ, און מ'האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס דאַרף געפעלן.

אָפּגעטאַנצט, האָבן זיך די מיידלאַך צושאָטן איבער די טיש־לאַך. אזוי איז איינגעפירט אין יענעם שענק: די טענצערינס דאַרפן פריילאַך מאַכן די געסט.

די בויך־טענצערין האָט זיך צוגעזעצט אף דער אַנדערער זייט פון אונזער טיש. ערשט איצט האָב איך געזען, אַ זי איז ניט אַלט און גאַנץ חנ'עוודיק. אונטער דער פודער האָט זיך געפילט אַ פרישע הויט. די קונציק־פאַרפלאָכטענע בלאָנדע האָר זענען גע־

ווען אייגענע און ניט־געפּאַרבטע. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט א שעלמישער, כמעט פרעכער שמייכל.

ניט פרעגנדיק, האָט דער קעלנער איר צוגעטראָגן א גרויסע גלאָז ביר. דאָס מיידל האָט גיריק אַראָפּגעשלונגען דאָס געטראַנק, פּאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף הינטן. דאָס ביר האָט געבולבעט אין איר גאָרגל. די אָדערן אפ'ן האַלז האָבן זיך אויפגעבלאָזן.

— געפעלט זי אייך? — האָט א חבר'טע פון אונזער קאָמ־פּאַניע מיך שטיל געפרעגט אויף אידיש.

— ניטאָ וואָס ס'זאָל געפעלן, — ענטפער איך פונקט אזוי שטיל. מיר ביידע זענען געווען זיכער, אז דאָס מיידל וועט אונזער אידיש ניט פאַרשטיין.

יענע האָט אָבער וואויל־יונגעריש א שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געפרעגט מיט א פּויליש־אידישער אויסשפּראַך:

— פאַר וואָס געפעל איך אַך, אשטייגער, ניט?

מיר זענען געווען איבערראַשט. צוריק מיט א מינוט וואָלטן מיר געשוואָרן, אז דאָס איז א שיקסע. מיר האָבן קיינמאָל אזוי־נע אידישע מיידלאַך ניט באַגעגנט.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט, און איך בין זיכער, אז קיינער פון אונז האָט ניט אויסגעזען איבעריק וויציק.

איך האָב געענטפערט:

— אייך אליין קען איך ניט, אָבער דאָס לעבן אייערס איז ניט פון די, וואָס זאָל געפעלן.

יענע האָט אַרויפגעלעגט ביידע געפודערטע עלנבויגנס אפ'ן טיש, אָנגעשפּאַרט דאָס קין אויף די הענט און גאַנץ רואיק געפרעגט:

— מיט וואָס איז דאָס שלעכט, מיין ליבער פריינט?

אין איר טאָן האָט זיך געפילט סאַרקאַזם. פון די עלנבויגנס האָט די פּודער זיך געשאָטן אפ'ן שוואַרצן מאַרמאָר פונ'ם טישל און זיך אויסגעשפּרייט אין צוויי ראָז־ווייסע פלעקן. דאָס האָט מיך געערגערט מער פון אלצדינג. און אפשר האָט מיך געערגערט דער „ליבער פריינט".

איך האָב כמורנע געזאָגט:

— איר ווייסט אליין.

און באלד האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך האב זי אומזיסט באליידיקט.

דאס מיידל האט זיך צוגערוקט נענטער. זי האט ארויפגעלייגט איר ביוסט אפ'ן ראנד טיש, און פון דעם טיף־אויסגעשניטענעם, ענגן יאקל האבן זיך כמעט ווי ארויסגעקייקלט אירע ווייכע בריסט. זי איז געזעסן און געקוקט מיט קלוגע טונקעלע אויגן, וואס האבן געלאכט און געפרעגט.

איך האב זיך דערפילט נאך מער אויפגערעגט. איך האב עפעס בייז ארויסגעמורמלט וועגן דעם פלאץ און וועגן מענטשלאכע ווירדע. יענע האט מיך ניט געלאזט ענדיקן און ברוטאל אויסגערופן:

— האט ניט מורא. רופט עס אן באם נאמען: פראסטיטוציע, הא?

און זי האט זיך הילכיק צעלאכט.

מיר האבן זיך אלע געפילט אומבאקוועם, לעפיש. א חבר האט זיך אפגערופן:

— וואס איז דא צו לאכן?

דאס מיידל האט פארקרימט די ליפן מיט פאראכטונג:

— אן אקט מיט די לאנדסלייט, ניט זיי טרינקען, ניט זיי שפילן זיך, ניט זיי ריידען ווי מענטשן.

אונטער „לאנדסלייט" האט זי פארשטאנען אידן. קענטיק, מיר האבן זי געערגערט, פונקט ווי זי אונז. דאך איז זי ניט אוועקגעגאנגען פון אונז. זאל דאס הייסן, אז די „לאנדסלייט" זענען איר פארט נענטער ווי אנדערע?

איך האב געזאגט גאנץ פריינטלאך:

— הערט, פריילין. לאמיר זיך ניט ווערטלען. טוט נאר א טראכט: אייך אליין געפעלט דען אייער לעבן?

זי איז בלייך געווארן אונטער דער פודער און געשוויגן א רגע. אירע אויגן האבן ווידער גענומען פינקלען.

— וואס איז אייער פראפעסיע? — האט זי זיך פלוצלונג אנגערופן.

איך האב איר געזאגט.

— און וואס טוט איר אין אונזער שטעטל?

אויך דאס האב איך איר געזאגט.

— זענט איר, הייסט עס, באקענט מיט די שעפער? געפעלן אייך די שעפער?

איך האָב זי געבעטן דערקלערן, וואָס זי מיינט. יענע האָט זיך אויסגעגלייכט און געגומען ריידען — און אין אירע ווערטער האָט זיך געפילט א פארביטערטע און קלוגע נשמה.

— איך מיין — האָט זי געזאָגט — דאָס וואָס איר האָט אקאָרשט גע׳מוסר׳ט. אייך געפעלט ניט מיין לעבן. איר שעמט זיך אפילו מיט מיר ריידען. אָבער אז איר נעמט צונויף עטלאכע הונדערט מיידלאך פון די שעפער, זענט איר מיט זיי א גאנצער שמעלקע. נו, זאָג איך אייך, אז איך לאך זיך אויס פון אייערע שאפ־מיידלאך. זיי זיינען ניט בעסער פון מיר.

אין איר פנים האָט שוין געברענט א כעס. איך האָב א טראכט געטאָן: „שאפ־מיידלאך פארקויפן זיך ניט". יענע האָט ווי אי־בערגעלייענט מיין געדאנק.

— איר וועט זאָגן: איך פארקויף זיך פאר געלט? זאָג איך אייך — שאפ־מיידלאך פארקויפן זיך אויך! זיי פארקויפן זייער קערפער, זייער בלוט, זייער לעבן מיט דער נשמה פונקט אזוי ווי איך. זיי גיבן אָפּ דער מאשין א טייל פון זייער יוגנט און פון זייער שיינקייט יעדן טאָג. זיי נעמען דערפאר געלט און קויפן זיך קליידלאך און קענדי. אָט וואָס!

מ׳האָט געפילט: דאָס מיידל רעדט ארויס א געדאנק, וואָס האָט זי לאנג שוין געמאטערט. איך האָב געפרעגט:

— זענט איר אמאָל געווען אין א שאפ?

יענע האָט א מאך געטאָן מיט׳ן האנט.

— פינף יאָר געשקלאפט, מיין ליבער. פינף יאָר — זיך אויס־געוואלגערט וואו א מייזן־לאָך. איך ווייס דעם טעם, ניש׳קשה. אויב איר ווילט, וועל איך אייך אויסזאָגן, אז איך האָב אפילו געארבעט בא א דאנטיסט אויך א גאנץ יאָר. געווען אָן אסיסטענטקע, מ׳שטיינס נעזאָגט. און איך זאָג אייך — אזוי איז בעסער. אזוי האָב איך כאָטש קיין באָס ניט איבער זיך. איך האָב ניט מורא פאר סלעק. ביי אונז איז שטענדיק פראָספעריטי, ניט צו פארזינדיקן.

זי האָט א מאך געטאָן מיט׳ן האנט, ווייזנדיק אָפּ׳ן זאָל. דעם

קאָפּ האָט זי פאַרוואָרפן אַף הינטן און די פּיס אין ראָזע טריקאָ פאַר־לייגט איינעם איבער'ן צווייטן.

א פרוי פון אונזער קאָמפּאַניע האָט געזאָגט:

— די אומריינקייט...

די טענצערין האָט זיך באַלד א דריי־אויס געטאָן צו איר.

— אומריין, הא? אומריינע מאַנסבילשע הענט? אומריינע קושן? האי־אַי! איר זאָלט דאָס זאָגן! ווייסט איר דען ניט, וואָס אין שאַפּ טוט זיך? האָט אייך דער פאָרמאַן קיינמאָל ניט גע־קיצלט? האָט אייך דער באָס ניט געגלעט? און די שכנים־אַר־בעטער: דערמאָנט זיך נאָר די ווערטלאך מיט די געננג? ריין זענט איר געווען? דערציילט דאָס אייער מאַן, ניט מיר.

איך האָב געהערט און געטראַכט: וויפיל מאָל האָט אָט די טענ־צערקע זיך אליין איבערגע'חזר'ט אָט די טענות!

אפ'ן קול האָב איך געזאָגט:

— ווי לאַנג קאָן מען פירן אזא לעבן, ווי איר?

יענע האָט זיך א הויב געטאָן פונ'ם אָרט:

— און ווי לאַנג קאָן מען לעבן אין שאַפּ? א מיידל איבער דרייסיק איז אַן אויסגעקוועטשטע לימענע, און א מיידל איבער פערציק טויג זיך פאַר'ן שאַפּ פונקט ווי פאַר אונזער פּרנסה. ניש'־קשה, מ י ר ווערן נאָך אפשר ניט אזוי גיך איבערגעפירט, ווי אייערע צדקניות אין שאַפּ...

ביי א פרוי פון אונזער קאָמפּאַניע האָט זיך ארויסגעכאַפּט:

— קראַנקהייט...

דאָס מיידל האָט אין איר אריינגעשפּאַרט צוויי פייערדיקע אויגן, ווי שפּיזן. אין די אויגן האָט געברענט א האַס.

— לאָמיר אייך זאָגן: איך האָב געזען שאַפּ־מיידלאך, וואָס האָבן פון זיך אויסגעשפּיגן די לונגען... אייערע גאָלדענע שאַפּ־מיידלאך גייען ארום מיט קראַנקע הערצער און מיט פוילע נירן און מיט...

א גראָב וואָרט האָט זיך פּאַר בעם ארויסגעריסן ביי דער טענ־צערין. זי האָט זיך דערפילט פאַרקרע. מיט האָבן געשוויגן. איר ברוסט אונטער'ן איינגן יאַקל האָט זיך געהויבן און געפאַלן.

מיר האָבן געוואַרט, אליין ניט ווייסנדיק אַף וואָס.

דאָס מיידל האָט פּלוצלונג אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט און צוגערופן אַ קעלנער.

— דזשאו, ברענג אָט די פּאַרמערס אַ פלאַש פּאָרטוויין, אָבער גיך, זיי זענען דאָרשטיק.

און צו אונז האָט זי זיך געווענדט:

— זייט ניט אַזוי דערשלאָגן. אייערע שאָפּ־מיידלאַך זענען נאָך ערלאַך, אַ קלאָג צו זיי. קיינער וועט באַ זיי ניט אויסכאַפּן די...

ווידער אַ גראָב וואָרט — איצט שוין אומיסנע. מיט איין שפּרונג האָט דאָס מיידל זיך אויפגעשטעלט, אַ נעם געטאָן פאַר די עקן דאָס צופלויגענע קורצע טאַנץ־קליידעלע און אַ דריגע געטאָן מיט די פּיס.

דער מוזיקאַנט מיט דעם פּעטשאַ־פּנים האָט שוין ווידער אויסגעקלאַפּט זיינע הילצערנע טענער.

אונזער מיידל האָט געטאַנצט און זיך געדרייט, ווי אַ ווילדע.

דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ.

אין זאַל האָט געשמעקט מיט שוויים, פּודרע און פאַרזייערט ביר. ציינער האָבן געכראָמשקעט. שכור'ע מענער האָבן געשלו־קערצט...

.1923

דער טויבער.

ס'איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו זען אַ גליקלאַך פּנים אויף אַ מיטינג. פּנים'ער אין אַ זאַל, ווען אַ רעדנער קוקט אַף זיי פון דער פּלאַטפּאָרמע, זענען אַן אויסשטעלונג פון אַלערליי געפילן. איינער איז ברוגז. אַן אַנדערער פאַרדעכטיק. אַ דריטער איז איין היציקע פראַגע. אַ פערטער איז אומרואיק. אַ פינפטער כמורעט זיך. אַ זעקסטער שמייכלט. אָבער אַלע זיינען אָ נ גע־ שטריינגט. אַלע טוען עפּעס אַן ערנסטע אַרבעט. אַמאָל גיט אפילו אַ שיין דער בליץ פון באַגייסטערונג. אַמאָל לויפט דורך איבער די פּנים'ער אַ כוואַליע פון הינרייסונג, ווי אַ ווינט

איבער א תבואה־פעלד מיט צייטיקע זאנגען. אבער גליק — א מענטש זאל זיצן א צופרידענער, א רואיקער, א גייסטיק־גלייכ־געוויכטיקער און באגליקטער, און זאל זיין צופרידן מיט אלצדינג, וואס ער הערט און זעט, אקוראט ווי דער מיטינג אליין וואלט פאר אים געווען א יום־טוב און ס'וואלט אים גאר ווייניק אנגע־גאנגען, וואס מען רעדט און איבער וואס מען אמפערט זיך, — דאס איז פון די זעלטענע זאכן.

נו, האט זיך מיר טאקע געווארפן אין די אויגן אן עלטערער מענטש מיט אזא מין גליקלאכן שמייכל, אקוראט ווי מ'וואלט אים אפ'ן מיטינג אנגעזאגט ווער ווייסט וואס פאר א בשורות. אף עטלאכע מיטינגען נאכאנאנד האב איך אים געזען. ער פלעגט זיצן אין די פאדערשטע רייען, — וואס דאס הייסט, אז ער איז געקומען פון די ערשטע. ער פלעגט אנשטעלן אף די רעדנער א פאר קינדערשע בלאע אויגן פון אונטער רויטלאכע וויעס, און דער גליקלאכער שמייכל פלעגט שוין ניט אראפ פון זיין פנים, ביז מ'האט געדארפט אהיים גיין. ניט נאר זיין גלאט־געגאלטער קנייטשיקער פנים, נאר אפילו דער ראזעווער פליך מיט די געקרייזלטע גראע הערלאך ארום און ארום האבן געשיינט פאר נחת.

איך האב זיך מיט דעם מאן פאראינטערעסירט. ווער איז ער? וואס טוט ער? איז ער א חבר?

איינמאל באם ארויסגיין פון א זאל האב איך אים באמערקט לעבן מיין זייט. איך האב אים געזאגט א פאר ווערטער. ער האט ניט געענטפערט. איך האב מיינע ווערטער איבערגע'חזר'ט. ער האט זיך ניט אומגעקוקט. איך האב אים אנגערירט באם ארבל. יענער האט א ציטער געטאן — און אנשטאט דעם גליק־לאכן שמייכל האב איך דערזען כמעט א שרעק אף זיין מאגערן אויסגעמאטערטן פנים. איך האב ווידער עפעס געזאגט. דער מאן האט געשאקלט מיט'ן קאפ אף ניין.

— לאזט אים צורו, — האט זיך אפגערופן א דערבייאיקער באקאנטער, אן ארבעטער. ער איז דאך טויב, ווי די וואנט. ער הערט א ווארט ניט.

— טא וואס זשע גייט ער אף מיטינגען? — האט א צווייטער ארויסגעפלאצט מיט א פראגע.

— הערסט, אַף דערויף קלאָגט דאָך טאַקע דער נביא, — האָט יענער געענטפערט.

די יונגע בחורים און מײדלאָך, וואָס האָבן זיך געשטופּט צום ארויסגאַנג, האָבן ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

דער טויבער האָט געקוקט אַף אַלעמען — און זײַן פּנים איז שוין געווען דורכגעאַקערט פון אַן אַלטן אײַנגעגעסענעם טרויער. אַזוי קוקט אַ קראַנקער, וואָס האָט זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צו זײַן ווייטאָק.

איך האָב זיך דערפרעגט וועגן אַלטן. עס ווייזט זיך ארויס, אַז ער איז אַן אַרבעטער, אַ קלאָוקמאַכער, אײנער פון די ערשטע סאָציאַליסטן און יוניאָניסטן. צוריק מיט יאָרן האָט ער אַ סך געאַרבעט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. עלטערע מענטשן געדענקען נאָך, ווי אַזוי ער האָט גערעדט אַף מיטינגען אונטער׳ן פרייעם הימל, ווי אַזוי ער האָט געדונערט אין דער צייט פון אַ סטרייק. אין יענער כמעט פאַרהיסטאָרישער עפּאָכע האָט ער געהאַט אַ נאָמען פון אַן איבערגעבענעם טוער. שפּעטער האָט זיך מיט אים געטראָפן אַן אומגליק און ער איז געוואָרן טויב. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די טויבקייט. איצט הערט ער שוין גאָרניט. ווען מ׳דאַרף אים עפּעס זאָגן, דאַרף מען אים הויך אַרײַנשרייען גלײַך אין אויער אַרײַן, אי דאָס אויך דערגייט צו אים אײנס פון צען ווערטער. די היימישע — ער וואוינט בײַ אַ זון — שרייבן אים אַף אַ פּאַפּירל, וואָס ער דאַרף וויסן. צוליב דער טויבקייט האָט ער שוין אויך געמוזט פאַרלאָזן דעם שאַפּ, כאָטש אַזוי איז ער נאָך אַ גאַנץ געזונטער.

פאַרוואָס גייט ער אַף מיטינגען?

ער הערט ניט אַ וואָרט פון דעם וואָס מען רעדט. ער קאָן אפילו ניט הערן די נעמען פון די רעדנער, וואָס דער טשערמאַן שטעלט פאָר. נאָר וואָס דען, — ער קומט צוליב דער אַטמאָספערע. דער מיטינג־זאַל איז זײַן היים, זײַן קלוב, זײַן אָרט פון אָפּרו. אים ווילט זיך זײַן צווישן עולם, פילן די עלעקטרישע שטראָמען, וואָס גיסן זיך דורך די פאַרזאַמלטע, קוקן די רעדנער אין פּנים, באַטראַכטן זייערע באַוועגונגען, אײַנזאַפּן די אַלגעמיינע שטימונג. ער הערט ניט די רעדעס, ער ווייסט אָפּט ניט, וועגן

וואָס עס האַנדלט זיך, — אָבער אַ מיטינג איז זיין איינציקער נחת אַף די עלטערע יאָרן. דאָ פילט ער זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער. עפּעס טוט זיך, עפּעס טומלט זיך, עס באַוועגט זיך. ער, אַן אַרויסגעוואָרפענער פון די רייען, אַן אינוואַליד, פילט זיך אַ גלייכער צווישן גלייכע. נאָר ווען מע דערמאָנט אים זיין טויבקייט און מע טרייבט מיט אים שפּאַס, ווי עס טוען אַמאָל אומפאַרזיכטיקע יונגעלייט, דערפילט ער אַ ווייטאָג. אָבער דאָס שטערט אים ניט קומען אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן און אַלע מאָל, ווען ס'איז דאָ אין שטאָט אַ גרויסע לינקע פאַרזאַמלונג. גאָר גיך פאַרגעסט ער דעם שפּאַס פון די קונדסים — און שוין איז ווידער זיין פּנים אַ שיינענדיקער, ווי באַשמירט מיט שמאַלץ.

פאַרוואָס גייט ער עפּעס דוקא צו די לינקע? דערויף איז דאָ צוויי סבּות: ערשטנס איז ער טאַקע אידייאיש נענטער צום רעוואָלוציאָנערן פליגל, צווייטנס איז זיין זון אַ קאָמוניסטישער טוער. אָט דער זון איז אי זיין גרויסע פרייד, אי זיין גרעסטער צער. עס פרייט אים, וואָס ער איז דער טאַטע פון אַ קעמפער. ער איז שטאָלץ, וואָס זיין בן־יחיד איז ניט געוואָרן קיין לאַיער, נאָר אַן אָפיציר אין דער אַרבעטער־אַרמיי. ער איז גליקלאַך, ווען ער זעט דעם נאָמען פון זיין זון — זיין אייגענעם נאָמען — אָפּגעדרוקט אַף אַנאָנסן. ער איז ניט געווען טרויעריק, ווען מ'האָט זיין זון אַריינגעזעצט אין טורמע. „אַ קעמפער“, — האָט ער דעמאָלט געזאָגט, — „דאַרף פאַרזוכן אַלצדינג. זאָל ער שמעקן פולווער — ס'וועט אים צו ניץ קומען“. ווען דער זון איז באַפרייט געוואָרן, איז דער פאָטער געוואָרן איינער פון זיינע הייסעסטע חסידים. ער האָט זיך אפילו באַרימט אַף פאַרזאַמלונגען, אַז ער איז דער פאָטער פון דעם און דעם העלד. אַף איין באַנקעט לכּבוד דעם זון האָט מען דעם אַלטן אַרויסגערופן און מ'האָט אים אַפּלאָדירט און יענער איז געווען רויט און פאַרשעמט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

איז אָבער דאָ איין גיפט אין אָט דיעם האָניק: **דער פאָטער** האָט קיינמאָל ניט געהערט זיין זון'ס אַ רעדע. דער פאָטער איז טויב געוואָרן, איידער דער זון איז געוואָרן אַ טוער. דער פאָטער קומט אַף די מיטינגען, וואו עס רעדט זיין זון — און ער קען אים

נאָר זען, ניט הערן. ווען מ׳אַפּלאָדירט, ווייסט ער ניט, צוליב וואָס; ווען מען לאַכט, ווייסט ער ניט, וואָס פאַר אַ חכמה זיין זון האָט געזאָגט.

איך האָב אים איינמאָל געזען אַף אַזאַ פאַרזאַמלונג. דער זון האָט גערעדט, און איך האָב געקוקט אַפ׳ן אַלטן. ער איז געזעסן מיט אָנגעשטעלטע אָנגעשאַרפּטע אויגן, מיט אַ קאָפּ אויסגעצויגן פאָראויס, מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל, וואָס האָט, דאַכט זיך, געשלונגען די לופט צוזאַמען מיט די ווערטער. איין דלאָניע האָט ער געהאַלטן הינטער׳ן לינקן אויער. קיין שמייכל איז ניט געווען אַף זיין פּנים. ריכטיקער: ס׳איז יאָ געווען אַ שמייכל, אָבער אַ צעקוועטשטער, אַ צעשמיסענער, אָן אָפּגערוקטער אָן אַ זייט. דער עיקר איז געווען דער אָנשטריינג. דאָס וועלן כאַפּן אַ וואָרט. מ׳האָט געזען: דער אַלטער הויבט זיך ממש פון זיין פּלאַץ. יעדער קנייטש אַפ׳ן פּנים, יעדע ליניע, יעדער שטריך איז געוואָרן בולט, שאַרף, אָנגעצויגן. ווען דער רעדנער האָט אויסגעשריגן אַ הויך וואָרט, איז ווי אַ ציטער דורכגעגאַנגען דורכ׳ן אַלטנ׳ס קערפּער. אָבער מ׳האָט געזען, אַז ער הערט ניט די ווערטער, ער פאַרשטייט ניט.

ס׳איז אַוועק אַ פערטל שעה. דער רעדנער האָט אַלץ נאָך גערעדט. דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שוין ניט געקוקט אַפ׳ן זון. דעם אַלטנ׳ס פּנים איז געוואָרן מילד, ווייך, צעלאָזט, צעשוואומען, און אַף זיין פליך האָבן געגלאַנצט טראָפּנס שווייס. קענטיק, ער האָט אויפגעגעבן די פּראָבע. ער האָט געוואוסט: ער וועט שוין ניט הערן.

אין דער פּאַוזע צווישן די רעדעס איז ער אַרויס פונ׳ם זאַל. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. ער איז אַריין אין אַ דערבייאיקן האַלב־טונקעלן צימער און זיך אָנגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּ אַף אַ שטענדער. אין צימער איז קיינער ניט געווען. דער אַלטער האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און עס צוגעלייגט צו די אויגן. האָט ער געוויינט? איך האָב אים ניט געוואָלט לאָזן פילן, אַז איך בין דאָ. איך האָב נאָר געקוקט אַף זיין איינגעבויגענעם רוקן, אַף זיינע אָרעמס, וואָס האָבן געהאַלטן אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, אַף דעם שאָקלען, וואָס זיין קערפּער האָט זיך געשאָקלט, — און

איך האָב געזען אַ שרעקלאַך איינזאַמען מענטשן, איינזאַם אין אַ מענגע, איינזאַם צווישן אייגענע, אָפּגעטיילט פון אַלעמען מיט אַ וואַנט, וואָס קיינער וועט ניט צעברעכן. דעמאָלט האָב איך ערשט דערפילט דאָס, וואָס איך האָב פריער אויך געוואוסט, — אַז די וועלט איז פאַר דעם מענטשן אַ יין גרויסע שטיל־קייט, שטילער ווי אַ בית־עולם. אין דער שטילקייט ווערט דער־טרונקען זיין שטאָלץ — זיין קעמפער־זון — ווי אַ שטיין אין טיפע ימים.

דער אַלטער איז געשטאַנען איינער אַליין, מיט׳ן קאָפּ אין די הענט, מיט אַ טיכל פאַר די אויגן. און איך האָב געטראַכט: ווער וועט אים טרייסטן? ווער קען אים העלפן?

אַף יענער זייט וואַנט האָט מען שוין ווידער גערוישט: אַ צווייטער רעדנער האָט פאַרנומען די פּלאַטפאָרמע.

1924.

דער מזל פון אַ פרוי.

זי וועגט 98 פונט און ער 250. זיי זיינען ביידע שוואַרץ, אָבער איר שוואַרצקייט איז פון אַ שוך, וואָס מ׳האָט אים ניט געפּוצט שוין עטלאַכע וואָכן, און ער איז שוואַרץ ווי אַ שוך, וואָס מ׳האָט אים אקאָרשט אָפּגעשמירט מיט שוואַרצער פאַרב. זי איז הויך און דין, ווי אַ שטעקעלע, ער איז קיילעכדיק און אָנגע־בלאָזן, ווי אַ שוואַרצער פּאַכיר.

זיי זענען מאַן און ווייב. זי אַרבעט אין פרעמדע הייזער אַכט שעה יעדן טאָג, ער שלאָפט אַ גאַנצן טאָג אַף דעם גרויסן בעט פון זייער איינציקן צימער, און ערשט פאַרנאַכטלאַך גייט ער אַרויס זיך אַרומקוקן נאָך אַ „דזשאַב“. זי ראַמט און פּוצט און קאָכט און באַדינט יעדן טאָג פיר שעה אין דער פאַמיליע פון מיינעם אַ פריינט, און אַנדערע פיר שעה וואַשט זי טעלער און מאַכט סענדוויטשעס אין אַ רעסטאָראַן. ער איז אַן אַריסטאָקראַ־טישער קעלנער (ווייטער): אים לאַדט מען איין אויף הוליאַנקעס

(„פּאַרטיעס“) הינטער'ן שטאָדט, אין די רייכע קלובן איינמאָל אין א וואָך אָדער אין צוויי. זי פאַרדינט פערצן דאָלאר א וואָך, און דערפון צאָלט זי רענט און שפייז און קליידט סיי זיך, סיי דעם „גראָבן“. וויפיל ער פאַרדינט, ווייסט זי קיינמאָל ניט, ווייל זי באקומט בא אים ניט קיין גראָשן, און טאָמער בלייבט אים עפּעס פון א „פּאַרטיע“, גייט ער אוועק יעדן אָוונט פאַרברייינגען מיט גוטע ברידער, און די פּאָר גראָשן ווערן צעקראָכן אונטער די פינגער. זי טראָגט דעם עול פון פּרנסה און איז שטענדיק פאַר־האַוועט. וואָרים ערשט נאָכדעם, ווי זי קומט פון דער ארבעט, דאַרף זי רייניקן איר אייגענעם צימער, וואַשן וועש, קאָכן קאַווע, שטריקן, נייען, ציר־ערווען און לאַטען. ער לעבט זיך זאָרגלאָז, ווי א גראַף, ווייל ער ווייסט, אז א בעט צום שלאָפן און א מאָלצייט צום עסן איז אים שטענדיק גרייט.

און דאָך קוקט ער אַף איר מיט פאַראַכטונג. און אין זיינע אויגן איז ער א העכער ווײַזן.

דאָס איז דערפאַר, וואָס איר טאַטע איז א ווייסער און וואָס זי אַליין פירט זיך ניט אזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמת'ן „ניגער“. איר עלטער־עלטער באָבע, דערציילט זי מיר, איז נאָך ארומגע־לאָפן נאַקעט אין אַפריקע. מעגלאָך, אז זי האָט זיך ניט אָפּגע־זאָגט פון א שטיקל מענטשן־פלייש. איר באָבע איז געווען א שקלאַפין אין אַן אמעריקאַנישער פּלאַנטאַציע. איר מאַמען האָט א רייכער ווייסער דזשענטלמאַן גענומען קעגן איר ווילן. פון אָט דעם אומגעזעצלאָכן בונד איז געבוירן געוואָרן אונזער ווייאָלעט.

איר פאָטער האָט זיך וועגן איר ווייניק־וואָס געקימערט, אָבער א מאָדנע בייַנקשאַפט לייכט אין ווייאָלעט'ס אויגן, ווען זי רעדט פון איר פאָטער אין סאַוטה קאַראָליינע. ער איז א הויכער, א ברייט־ביינערדיקער, א הערשער. ער האָט א גרויסע הויז מיט א לאַנגער וועראַנדאַ. זי, ווייאָלעט, ווען זי איז אַלט געווען פופצן יאָר, איז זי דאָרט איינמאָל געווען צו־גאַסט, האָט מען זי געזעצט ארום טיש צוזאַמען מיט די „געזעצלאָכע“ קינדער, און די געזעצ־לאָכע ווייסע פרוי האָט איר געגעבן א שנירל קאָרעלן. זי האָט עס נאָך ביז היינטיקן טאָג — דאָס הייליקע שנירל קאָרעלן.

ווייאָלעט בייַנקט נאָך איר געבורטס־אָרט, נאָך דער וואַרמקייט

פון דרום (זי קען זיך ניט אָנוואַרימען אין אונזערע מקומות), נאָך דעם רואיקן לעבן. מער פון אַלץ ביינקט זי נאָך „ווייסקייט". זי איז דאָך אַליין אַ האַלבע ווייסע. צוליב דעם האָלט זי זיך איידל, שטיל, בנעימות'דיק; צוליב דעם שטעלט זי אַריין „הויכע" ווערטער אין איר נעגער־ענגליש; צוליב דעם הערט מען פון איר ניט קיין הויך וואָרט; צוליב דעם איז זי אַזאַ ציטערדיקע, צאַרטע, פאַרשעמטע, אַז אויב מען זאָגט איר אַ גוט וואָרט, באַווייזן זיך טרערן אין אירע גרויסע געפּייניקטע אויגן.

צוליב דעם האַלט זי אויף איר צימער אין אָרדנונג און די ווענט באַהיינגט זי מיט אויסגעהעפּטע בילדער, וואָס זי אַרבעט איבער זיי ביז שפּעט באַנאַכט. האַלטן דעם צימער אין אָרדנונג איז ניט אַזוי גרינג, ווייל איר „גראָבער" איז ווייט ניט קיין ציכט. די שטיקלאָך פּאַפּיראָסן און דעם אַש וואַרפט ער, וואו עס מאַכט זיך, אַפילו אין בעט.

און ווייאָלעט פּראָטעסטירט ניט. ווייאָלעט נעמט איר מזל, ווי עס איז.

נו, קומט דער גראָבער היינטיקע וואָך אַהיים, ווען ווייאָלעט איז ניטאָ. הויבט ער זיך אָן גראָבן אין איר שופלאָד. געפינט ער אונטער די שמאַטעס אַ באַנק־ביכל אויף 185 דאָלאַר. וואַרט ער, ביז זי קומט, און הייסט זיך אָפּגעבן דאָס געלט. זאָגט זי, אַז דאָס האָט זי געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויף דעם פאַל פון קראַנקהייט. שרייט ער, אַז ס'איז ניט זיין דאגה: ער וויל דאָס געלט. איז זי איינגעשפּאַרט און זאָגט, אַז ס'פעלט אים סיי ווי גאָרניט. ענטפערט ער, אַז ער וועט מיט דעם געלט עפענען אַ רעסטאָראַן. לאַכט זי און זאָגט, אַז ער וועט עס פאַרטאַכלעווען און זי וועט בלייבן מיט גאָרניט.

נעמט ער אַרונטער דעם לעדערנעם פּאַס און הויבט זי אָן שלאָגן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, אַז ער שלאָגט זי. ער האַקט איבער דער פּלייצע, איבער'ן בויך, איבער'ן קאָפּ. ער, מיט די צוויי הונדערט פּופציק פונט, צעקיילט און צעביילט דאָס אָרימע דאַרע ווערן. שכנים לויפן זיך צעזנויף — אָבער דער כלל איז דאָ: אַ מאַן האָט אַ רעכט צו „לערנען" זיין פרוי. דאָס געלט האָט זי אים ניט געגעבן. אַז זי איז ווידער גע־

קומען אין הויז פון מיינע פריינט, איז זי געווען עלטער מיט צען יאָר. אירע אויגן זיינען געווען פייכט, ווי צעשוואומען פון טרערן. זי האָט אונז דערציילט איר געשיכטע מיט אַ קינדערשער ווייכ־קייט און תמימות. זי איז, דאַכט זיך, נאָך דינער געוואָרן, און אין אירע שווארצע האָר האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אַ ווייסן פאָדים.

געאַרט האָט זי ניט אַזוי דאָס שלאָגן, ווי דאָס וואָרט, וואָס ער האָט איר געזאָגט. דאָס וואָרט האָט זי לאַנג ניט געוואָלט ברענגען אויף די ליפּן. ערשט ווען מיר האָבן אַ צייט געבעטן און צוגעשטאַנען, האָט זי זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און איבערגע׳חזר׳ט דאָס זידל־וואָרט. דער מאַן האָט איר געזאָגט:

— דו רויט־האָריקער זון פון אַ הינטיכע („סאָן אָוו איי ב...").

אַזוי האָט ער זיך אין איר נוקם געווען פאַר איר ווייסן פאָטער.

פאַרוואָס לעבט זי מיט אים? אדרבא, דערגייט די נשמה פון אַזאַ ווען.

1923.

באַמבע.

הייסן הייסט ער וואָלאַטשעק, וואָס דאָס איז אַ טשעכישער נאָמען, אָבער זיין שפּראַך איז אַ געבראָכן דייטש, און אַרבעטן אַרבעט ער באַם אידן שאַפּיראָ.

דער איד שאַפּיראָ איז דער באַלעבאָס. ער האַלט די ווערק־שטוב, וואו מען פּרעסט און פאַרריכט מענערשע און ווייבערשע קליידער. ער איז אַ איד פון אַ יאָר פערציק, אַ נידעריקער, מיט קליינע ביסטרע אויגן און אַ פּליכעוואַטן קאָפּ — און ער האַלט זיך אין איין אײַלן. זיינע אַרבעטער זענען: ער אַליין, אַ הינ־קעדיקער בחור — אַ פּרעסער, אַ נעגער, וואָס טראָגט פאַנאַנדער די סחורה, און וואָלאַטשעק, וואָס מע רופט אים באַמבע.

דער נאָמען באַמבע נעמט זיך דערפון, וואָס ער איז אַ קיילאַכ־דיקער און אַ גראָבער. ווען ער זיצט מיט די פיס אונטער זיך,

האָט ער אַ פּנים פון אַ גרויסן קײלאַכדיקן טאָפּ מיט אַ שיסעל׳ע פון אויבן. דער ברייטער האַלז איז אַריינגעצויגן אין די פּלייצעס, די האָר זיינען צוגעפּלעטשט צום קאָפּ, די אויגן האָבן אַ פּנים פון צוויי בלאַלאַכע שפּעלטלאַך, און איבער׳ן מויל וואַקסן חזיר־האָר אין דער פאָרמע פון וואָנסן. ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט באַליידיקן באַמבע׳ן, וואָלט איך געזאָגט, אַז מיט זיינ׳ע אויפגעבלאָזענע באַקן, מיט׳ן גראָבן רויטן קאַרק, מיט די ברייטע פעטע אויבער־אָרמס, מיט די פּאַמפּושקענע הענט דערמאָנט ער אָן אַ פּריש־אָפּגעסמאַליעטן חזיר. דער עיקר זענען די נאָזלעכער: זיי זענען ברייט און גייען אַריין אין פּנים אַריין פּונקט ווי די נאָזלעכער פון יענער באוואוסטער חיה.

באַמבע האָט ליב דריי זאַכן: אַ גוטן שטיק לעבער־וואורשט, אַ גוטע גלאָז ביר — און סאָוועט־רוסלאַנד. טאַקע צוליב סאָוועט־רוסלאַנד בין איך מיט אים געוואָרן גוט־ברודער.

ווי קומט צו אים דער ספּעציעלער אינטערעס צו סאָוועט־רוסלאַנד, וואָלט ער אַליין ניט געקענט זאָגן. אַ נפש איז ער אָן אומגעבילדעט׳ער, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ער ניט קיין חלק; קיין גרויסער ציטונג־לייענער איז ער אויך ניט. אפשר איז ער אַמאָל געגאַנגען צו אַ מיטינג, און אפשר פאַלט צו אים ווען ניט ווען אַריין אַ דייטשער פּראָלעטאַרישער אָרגאַן. אָבער אַ פאַקט איז, אַז אַ חוץ עסן, טרינקען און אפשר נאָך דעם דאָלאַר, טראַכט באַמבע מער פון אַלצדינג וועגן דער סאָוועט־רעפּובליק. ווען איך קום אַריין עפּעס פּאַרריכטן, רעדט ער צו מיר אַקוראַט ווי איך וואָלט געטראָגן אחריות פאַר רוסלאַנד.

— דאַנערוועטער, זיי וועלן דאָך היינטיקס יאָר האָבן גאַנצע בערג מיט ווייץ. ס׳איז היינט אַ גערעטעניש, נישט? האַ־האַ־האַ!
ס׳וועט שוין זיין!

„זיי" — דאָס זענען די געהיימניספולע סאָוועטן, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל ניט געזען און קיינמאָל אין זייער לאַנד ניט געווען. „האַ־האַ־האַ" איז אַ מין הירזשען, וואָס דריקט אויס פרייד. באַמבע׳ס איינגעלאַך גלאַנצן דערביי, און די חזיר־האָר אויף דער אויבערשטער ליפּ שטעלן זיך אויף.

אַן אַנדער מאָל קום איך אַריין:

— דאָנערוועטער! זיי האָבן דער׳הרג׳עט דעם קערל וואָ־ראָווסקי. לעניין דאַרף איצט הייסן אַרויסטרייבן אַלע אויסלענדער פון רוסלאַנד און אַריינזעצן אין טורמע די אויסלענדישע קאָנסולן. אַזאַ חוצפה! אַזאַ שוויינערײַ!

באָמבע, דאַרפט איר וויסן, איז פאַר שטאַרקע מיטלען. רוס־לאַנד, רעכנט ער, קען אַלצדינג. קיין זאַך איז איר ניט צו שווער. באָמבע איז אומצופרידן, וואָס מ׳איז פאַרזיכטיק. באָמבע איז פאַר שטרייַנגע מיטלען.

דערפאַר אַז ער דערזעט מיך אַן אַנדער מאָל, איז ער פול מיט גדולה:

— האַ־האַ־האַ! מ׳האָט אים טאַקע אויפגעהאַנגען — דעם גלח, ווי הייסט ער דאָרט? בוקאַטשעוויטש! בוטשקאָסקי! דאָ־נערוועטער — מ׳וואָלט געדאַרפט נעמען אַלע גלחים און זיי אַרויפזעצן אַף שיפן און אַרויסשיקן קיין פוילן. רוסלאַנד דאַרף ניט קיין גלחים. רוסלאַנד איז אַ פרייע לאַנד, די פרייסטע אַף דער וועלט. הי־הי!

שאַפּיראָ מישט זיך אַריין:

— אַז מ׳וועט בלייבן אָן גלחים, ווער וועט פראַוון חתונות און טויפן בייבים?

באָמבע ווערט נאָך רויטער, און זיין פנים בלאָזט זיך אָן צום פּלאַצן:

— נאַרישע רייד. סאָוועטן דאַרפן קיין פוסטע צערעמאָניעס. דו גייַ אין רוסישן סיטי האָל, פאַרשרייב חתונה, פאַרשרייב בייבי. פאַרטיק. פיין. גלחים — צום טייוול, צום דאָנערוועטער!

די נאָדלען לויפן אין די הענט פון שאַפּיראָ׳ן און באָמבע׳ן. דער הינקעדיקער פרעסער טופּקעט זיך אַרום דער פרעס־מאַשין און פּילט אָן דעם צימער מיט וויַיסן דאַמף. פון די אָנגעגליטע אייזנס זעצט אַ היץ. באָמבע שטשאָבעט דעם אונטערשלאַק פון אַ מאַנטל, זיצנדיק אַפ׳ן טיש מיט די פיס אונטער זיך.

שאַפּיראָ זאָגט:

— גיי שוין גיי, רעדסט נאַרישקייטן.

אָבער באָמבע האָט שוין עפּעס ווידער צו פרעגן. כסדר האָט ער עפּעס וואָס צו פרעגן וועגן סאָוועט־רוסלאַנד.

באַמבע איז ניט קיין גביר. דערצו, זאָגט מען מיר, איז ער א קארגער. אָבער איינמאָל האָט ער ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע און מיר געוויזן אַ גאַנץ פּעקל מיט צעטלען.

— האַ־האַ־האַ! דאַנערוועטער! דאָס איז שוין איינמאָל דאָקומענטן. נישט? מיך וואָלטן זיי דאָך אריינגעלאָזט קיין רוס־לאַנד מיט אָט די טיקעטס?

ס׳ווייזט זיך ארויס, אַז דאָס זיינען צעטלען פון די „פּרענדס אָוו סאָוועט ראַשיא״. באַמבע האָט ניט איינמאָל אריינגעטראָגן דאָלארס אין די פּאָנדן פון די „פּרענדס״. אפנים צוליב דעם פילט ער זיך טאַקע ווי אַ שטיק איינגנטימער פון רוסלאַנד. אים דאכט זיך: ער האָט אַ רעכט צו זאָגן אַ דעה.

אנומעלטן קום איך אריין — באַמבע האָט, ווייזט אויס, שוין לאַנג געוואַרט אַף מיר. בא מיר איז צעריסן אַן ארבל, אָבער יענער לאָזט מיך אפילו ניט דערציילן שאַפּיראָ׳ן, וואָס ס׳פעלט. ער פּלאַצט ארויס:

— איך וויים ניט, וואָס זיי וואַרטן, דאַנערוועטער נאָך אַמאָל! זיי דארפן גלייך מאָביליזירן די רויטע ארמיי און שיקן קיין דייטש־לאַנד, העלפן מאַכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. די דייטשן — טרוסן, האָבן ניט קיין פּעפּ, מאַכן ניט איינס־צוויי־דריי, טייוול נאָך אַמאָל!!! רוסן — דאָס איז שוין איינמאָל קערלען! האַ־האַ!

דער הינקעדיקער פּרעסער מישט זיך אריין פון דער זייט:

— און וואָס וועלן זאָגן די פראַנצויזן?

באַמבע פּלאַצט ארויס:

— פראַנצויזן — ניקס! פראַנצויזן — שוויינעריי! רוסישע רויטע ארמיי קומט, טראָצקי קומט, דייטשע רויטע ארמיי קומט, דייטשן — רוסן — אַלע צוזאַמען, אַלע איינס. האַ־האַ־האַ! דאַנערוועטער! פראַנצויזישע קאַנאַליעס אנטלויפן ווי מייז! סאָ־וועט־רעפּובליק אומעטום! האַ־האַ!

פאַר אויפרעגונג האָט באַמבע אַזש אַ זעץ געטאָן מיט דער שער איבער׳ן טיש.

שאַפּיראָ פרעגט:

— און ווי, אַשטייגער, ווען דו ביזט אין דייטשלאַנד, וואָלסטו

איך אריין אין דער רויטער אַרמײ? דו האָסט דאָך מורא פאַר אַ שאָס?

באַמבע מעסט אים אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ מיט איין קוק.

— געוועזער מיינד. איך פאַר סאָוועט־רעפּובליק. איך ווייס שוין, וואָס צו טאָן.

היינטיקע וואָך קום איך אריין און שטויס זיך אָן אַף אַן אויפרעגונג אין שאָפּ. וואָס איז? באַמבע איז אַרויס אין סטרייק!

איך וואונדער זיך: קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל האָבן טענות צום באָס.

ווייזט זיך אַרויס: אין דער געגנט וואוינט אַ רוס, אַן עמי־גראַנט, פון די רוסישע רעאַקציאָנערן. מ'האָט פון אים געבראַכט קליידער צו פאַרריכטן. באַמבע האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרבעטן אַף די קליידער. באַטש גיב אים אַ קריינק.

שאַפּיראָ האָט אים גע'מוסר'ט, געבעטן — ס'האָט ניט גע־האָלפן. באַמבע האָט גע'טענה'ט:

— דער קערל געדאַרפט הייננען אַף אַ בוים. דער קערל געמאַכט קריג קעגן סאָוועט־רעפּובליק. איך ווייס. איך געהערט אין לאָנדרי. גאָד דעם איט — רייכע רוסישע קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערן. מיין האַנט — אָט די האַנט — ניט צורירן צו פאַר־פלוכטע גאַרדעראָבע! דאָנערוועטער צען טויזנט מאָל הין און צוריק! יאָ!

שאַפּיראָ קנייטשט מיט די פּלייצעס: דער גוי אַרבעט באַ אים שוין עלף יאָר און איז נאָך קיינמאָל אַזוי אויפגערעגט ניט געוועזן. אַ גוטער אַרבעטער — און פּלוצלונג נאַ דיר אַ משוגעת!

און וואָס מיינט איר? אַזוי איז דאָס געבליבן. באַמבע האָט ניט אָנגערירט דאָס קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע געניי.

דאָס לעצטע מאָל אַז איך בין געווען אין שאָפּ, האָט מיך באַמבע געהיימניספול אָפּגעפירט אָן אַ זייט און באַ מיר געבעטן די גרויסע טובה, אַז ווען ס'וועט קומען אַ סאָוועט־אַמבאַסאַדאָר קיין אַמעריקע, זאָל איך אים, באַמבע'ן, „אום הימל'ס ווילן", געבן אַ מעגלאַכקייט אַ קוק צו טאָן אַף דעם קערל. ער ווייסט, אַז איך בין אַ רוס און אַ באָלשעוויק און קען זיך מיט די סאָוועט־מענטשן.

זאָל אויך אים טאָן די טובה — ער וועט מיר אייביק דאַנקבאַר זיין. יאָ!

באָמבע׳ס אָטעם האָט געשמעקט מיט ציבעלע און ביר, באָמבע אליין האָט געשמעקט ווי אַ פעטער אָנגעהייצטער אויוון. איך האָב אים צוגעזאָגט דערפילן זיין בקשה, און, גייענדיק אַהיים, האָב איך געטראַכט:

— אַף וועלכע מאָדנע וועגן געדאַנקען גייען אריין אין דער מאַסע! וואָס איז רוסלאַנד אָט דעם פעטן טשעכיש־דייטשן שניי־דער און פון וואַנען נעמט זיך איר מאַכט איבער זיין נשמה?

1923.

דער פידלער.

וואָס איז מיר דוד גרינפעלד? ווייניק מענטשן קומען אום אַף דער וועלט? אפשר איז דוד גרינפעלד גאָרניט געווען אַזאַ טאַלאַנט? ווייניק איינגעבילדעטע גאָרנישטן דרייען זיך אַרום אין אַ גרויסער שטאָט? ס׳קען גריילאַך זיין, אַז מ׳האָט אים ניט געוואָלט אריינגעמען אין אַן אָרקעסטער, ווייל ער איז געווען אַ שלעכטער שפּילער. מען קען טראַכטן, אַז אַ מענטש אַ פּייאַיקער וואָלט זיך שוין ווי ניט איז דורכגעבראָכן אַ וועג.

און אפשר ניט? ווער ווייסט? אפשר האָט ער זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט איבער ניו יאָרק, ביז דער הונגער פון זיין ווייב און קינד האָט אים פאַרטריבן אין קאַבאַרעט? אַן עמיגראַנט, אַ פאַרמידער, אַ פאַרוואָגלטער אין אַ וואַלד פון שטיין און שטאָל, האָט ער געקלאַפּט אין אַלע טירן, און אַלע זענען געווען פאַר אים גלאַט און שוואַרץ און שטום. ס׳קען זיך טרעפן. די אויגן פון דעם יונגן ווייבל האָבן גערעדט אָן ווערטער, און די פינגערלאַך פונ׳ם קליינעם קינד האָבן געשפּאָלטן דאָס האַרץ און געשפּאָלטן דעם הימל. אין אַמעריקע, האָט ער געהערט, איז אַרבעט ניט קיין חרפּה, און אַז מע דאַרף שפּילן טענץ אין אַ קאַבאַרעט אַף דער פערצעטער גאַס — שפּילט מען.

אמת, אנדערע געדאנקען האָבן אים געזוכט אין מח, ווען ער איז געפאָרן פון רעוואל. די שיף האָט זיך געגליטשט מיט א ריטמישן וויג, די כוואַליעס האָבן באַגעגנט די ברוסט פון דער שיף מיט א בויגיקן קייל־אַכדיקן קלאַנג, די וואַסער־קאַמען זיינען זיך הינטן צעלאָפן מיט לאַנגע געשליינגלטע אַקאָרדן. זומער איז געווען, ליכט האָט זיך געגאָסן פון אַלע פיר זייטן — און דוד איז געשטאַנען אפ׳ן דעק און געטראַכט, אַז איצט ערשט עפנט זיך פאַר אים די וועלט. האָט דען דער פּראָפעסאָר אים ניט געקלאַפּט איבער׳ן פּלייצע און געזאָגט, אַז ער וואַקסט א שטערן? האָט ער דען ניט געשפּילט דעם בראַמס־קאָנצערט מיט׳ן אָרקעסטער אַזוי, אַז די מוזיקאַנטן האָבן זיך נאָכדעם אויפגעשטעלט און אים אַלע אַפּלאָדירט? האָט ער דען ניט געפילט א כח אין זיך, א שפּאַנונג־דראַנג, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיט ספּרוזשינעס פון אינווייניק צעשפּאַרט זיין ברוסט? „אַמעריקע איז ברייט, ווי דער וואונש פון א זשעניע”. אַזוי האָט ער ערגעץ געליינט. אַמעריקע האָט פּלאַץ. אין אַמעריקע וועט ער זיך ערשט אויסלעבן.

און ווי האָבן זיך אָנגעצויגן די ספּרוזשינעס אין זיין ברוסט, ווען ער איז אַריין אין ניו יאָרקער האַפן! וואָס פאַר א הימל־שיינענדיקע, ים־טיפע געזאַנגען עס האָבן זיך געשוואונגען פון די הייזער־בערג, פון דעם ליכט־גערודער, פון די צעקאַראַשטעטע וואַ־סערן, פון די טויזנט שיפן, יעדע מיט איר האַלז! ס׳איז געווען פאַרנאַכט. מערב האָט נאָך געברענט, און די הויכע, דינע און צאַרט־געטאָקטע טורעם־ווענט האָבן זיך שוין אויפגעפּערלט מיט זייערע ווייס־גאָלדענע ליכטער פון אויבן ביז אַראָפּ. דוד גרינ־פעלד איז געשטאַנען ביי דער ראַמפּע, געהאַלטן דאָס ווייב בא דער האַנט און געפילט, אַז אָט דאָ, אין אַזא לאַנד, קען ער שפּילן אַזוי, ווי ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געשפּילט. דאָ וועט ער געפינען זיך אַליין.

און אַז ער איז נאָכדעם געגאַנגען פון רעדאַקציע צו רעדאַקציע און מ׳האָט אים אויפגענומען העפלאַך, נאָר מ׳האָט געקוקט אף דער וואַנט, ניט צו אים אין פּנים אַריין, — האָט ער נאָך גערעכנט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין. און אַז ער איז שפּעטער געלאָפן פון איין אָרקעסטער צום אַנדערן און עפּעס איז אַלץ ניט געוואָרן גאָרניט,

כאַטש ער האָט זיך פאַרשריבן אין דער יוניאָן די ערשטע וואָך, האָט ער נאָך ניט אָנגעוואָרן דעם מוט. ער איז דאָך אַ נייער. עס דאַרף געדויערן. מיט אַמאָל טוט זיך ניט. און אַפילו אַז דעם ווייב׳ס אויגן און די קינדערשע הענטלאַך האָבן אים פאַר־טריבן אין קאַבאַרעט, איז ער נאָך אַלץ באַ זיך ניט געפאַלן. ער אַליין וואָלט אין קאַבאַרעט ניט געגאַנגען. בעסער הונגערן, נאָר ניט דערנידעריקן דעם פידל. אָבער אַ מיידעלע פון פיר יאָר האָט קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן אַרומגערינגלט מיט אַ ווייסלאַכער עמאַל, און אַז דאָס באַשעפענישל שלאָפט, זענען די בעקלאַך פוכקע און רויט, ווי סאַמעט־געוואָרענע עפּל. אַ ווייב רעדט ניט. זי איז אַ פריינט. זי קען אַפילו גיין נייען בלוזקעס. וועט ער אָבער לאָזן? ניש׳קשה. אַ קאַבאַרעט איז נאָר אויף דערווייל. ס׳איז אַפילו אינטערעסאַנט. אַ מעגלאַכקייט צו באַקאָנען זיך מיט אַמעריקאַנישער אונטערוועלט. און צוויי און דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך. אַזאַ מטמון מיט גאָלד.

אַז ער האָט אָבער דערפילט, ער וועט קאַליע — האָט זיך אים אָפּגעריסן אין האַרצן. די טענץ פאַרשטייפן די נערוון פון זיינע לאַנגע פינגער. דער דזשעז צעאַקערט די צענטערען פונ׳ם מאַרך. די שכור׳ע לופט ציט אַ בלייענע שפינגעוועב אויף׳ן מוזיקאַלישן זכרון. אַלעמאָל, ווען ער קומט אַהיים, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט געווייקט אין אַ זויערקייט עטלאַכע שעה. אין מויל איז פאַסקודנע. די שלייפן — אָנגעשוואָלן. די פינגער — ווי פרעמדע.

האַלב פיר פאַרטאָג פלעגט ער קומען אַהיים. דאָס ווייב און דאָס מיידעלע זענען געשלאָפן. שטיל, ניט צו וועקן זיי, פלעגט ער אויסטאָן דעם איינגן טאַקסידאָ מיט דער שוואַרצער זיידענער וועסט, בלייבן אין איין אונטערהעמד, אַרומוואַשן די הענט, דעם פּנים, די ברוסט אין קאַלטער וואַסער, אַרויפלייגן דאָס העלצל אויף די סטרונעס פונ׳ם פידל, כדי צו פאַרטושן די טענער, און נעמען שפּילן. מיט בייז־צונויפגעקנייטשטע ליפּן, מיט אַן אָנגעכמורעטער שוואַרצער ברעם איבער קאַרע אויגן, פלעגט ער זיך איינהערן, ווי אַ שטרייכנער ריכטער, אין די טענער פון זיין פידל. די שטאָדט איז געשלאָפן. אונטן האָט אַלעמאָל דורכגעכריפּעט אַן אויטאָ־

מאָביל; אָן עלעוויטאָר האָט ערגעץ געקייקלט פייכטן אַרבעס איבער אַ בלעך; שיפֿן האָבן גערעוועט פֿון ביידע זייטן מאַנהעטן, און דוד גרינפֿעלד האָט געפּרופֿט אַ פּאַסאַזש נאָך אַ פּאַסאַזש, איינמאָל און אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל און אַ צענטן מאָל, עקשנות'דיק, גיך, פֿיבעריש, אָן פּאַוזעס, ווי עמיצער וועט בא אים באַלד אויסרייסן דעם פֿידל. דער קנייטש אַרום די ליפּן איז געוואָרן טיפֿער, די אויגן האָבן געשמידט זיך אין שטאָל, דער סמיטשיק איז געלאָפֿן, — און דוד גרינפֿעלד האָט זיך איינגעהערט, ווי איינער וואָס הערט זיין משפּט פֿונ'ם מויל פֿון אַ ריכטער. אָט אַזוי פֿלעגט ער שפּילן ביז ער האָט דערפֿילט, ער קען, ער איז געקומען צו זיך, ער האָט פֿאַרריכט דיעם שאָדן פֿון היינטיקער נאַכט אין קאַבאַרעט.

ס'איז שוין געווען ליכטיק, ווען דוד גרינפֿעלד פֿלעגט זיך לייגן שלאָפֿן אין זיין צימער אַף יענער זייט קיך. ער איז געשלאָפֿן אין יענעם צימער, כדי ס'זאָל אים ניט שטערן, ווען דאָס ווייב מיט'ן קינד שטייען אויף.

האַלב פֿיר פֿאַרטאָג פֿלעגט דוד קומען פֿון דעם שכור'ן לאָף אַף פֿערצעטער גאַס. וואָס אַ טאָג איז אים שווערער געווען זיך „אומקערן צו זיך אַליין“, ווי ער האָט דאָס גערופֿן. וואָס אַ טאָג האָט זיין שפּילן אָנגעוואָרן די פֿיינקייט, דער טאָן איז געוואָרן האַרטער, די מעלאָדיע — ביליקער. עמיצער אַ פֿרעמדער איז געזעסן אין דוד גרינפֿעלד, דעם „שאַפֿער פֿון זיידענע און זילבערנע טענער־געוועבן“ — ווי זיין פֿריינט, דער פּאָעט סאַנדאָמירסקי, האָט אַמאָל געזאָגט; עמיצער אַ פֿרעמדער האָט געפֿירט מיט'ן סמיטשיק, געמאַכט די פֿינגער שווערער, דעם פֿידל — אומגעהאַרבזאַם, די קלאַנג־פּראָצעסיע שטרויכלענדיק, אַמאָל צו לאַנגזאַם, אַמאָל אומגעזונט שנעל. וואָס אַ טאָג האָט דוד גרינפֿעלד זיך געלייגט אַף זיין שמאָל בעטל מיט אַ גרעסערער ליידיקייט אין האַרצן. אין דער ליידיקייט איז געוואַקסן עפּעס אָן אַ נאָמען.

יענעם אָוונט האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעפֿרעגט אַף אַ שטעלע. דער קאַפּעלמייסטער האָט אים פֿאַרהערט און געזאָגט, אַז ער דאַרף אַ בעסערן פֿידלער. דער קאַפּעלמייסטער האָט געהאַט אַ פֿליכעוואַטען קאָפּ און אַ לאַנגן פֿערדישן פּנים. דוד גרינפֿעלד האָט

געוואַלט אָננעמען דעם אונטערשטן פערדישן קינבאַק און אים אויסדרייען אַף אַ זייט, כדי ס'זאָל פאַרשווינדן די גרימאַסע פון פאַראַכטונג און עס זאָל קומען אַ גרימאַסע פון פיין. אָבער דער קאַפּעלמייסטער האָט שוין עפּעס גערעדט מיט'ן גראָבן נידעריקן פּיקלצר. דער פּייקלער האָט געהאַלטן פאַרטיק ביידע שטעקלאַך און האָט געקוקט אַף דוד'ן מיט דערזעלביקער מינע פון פאַר־אַכטונג. עס איז געווען אינ'ם מוזיקאַנטן־נעסט פון אַ גרויסן טעאַטער אַ האַלבע שעה פאַר'ן אָנהויב פונ'ם ספּעקטאַקל.

און אַז דוד גרינפעלד איז יענעם פאַרטאָג געקומען אַהיים פון קאַבאַרעט, וואו מ'האָט אים געזאָגט, אַז פון מאָנטיק אָן וועט מען אים צאָלן פופציק דאָלאַר, ווייל זיין שפּילן איז „פול אָוו פעפּ“ און „ס'נעמט“, האָט ער ניט אויסגעטאָן דעם טאָקסידאָ און ניט געוואַשן דאָס פּנים מיט די הענט, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען, נאָך אָן אָנגעזויערטער מיט'ן סיגאַרן־רויך פונ'ם קאַבאַרעט און אָן אָנגעשמעקטער מיט'ן בראַנפן, וואָס איינע אַ פויגעלע אין אַ קורץ קליידל האָט אים געצוואונגען אויסצוטרינקען „פאַר איר געזונט“, און אָן אָנגעקלעפּטער מיט'ן שמוץ פון דעם שטויב, וואָס האָט זיך געהויבן פון עטלאַכע צענדליק שכור'ע טאַנצנדיקע פיס אין ביליקע זיידענע זאָקן, — אָט אַזוי אַ, נאָך אַ צוטומלטער מיט'ן טומל פון דעם פאַלשן אַלטן פּיאַניסט און דעם וואולגאַרן גראָבן סאַקסאָפאָניסט, זיינע מיטשפּילער, — האָט ער אַרויסגענומען פונ'ם סאַמעט־אויסגעבעטן קעסטעלע זיין פידעלע, זיין „כלה“, אָנגעטאָן דאָס העלצל, אַ שפּיל געטאָן איין מאָטיוו און אַ צווייטן, זיך איינגעהערט אין די קלאַנגען, נאָך אַמאָל אַ שפּיל געטאָן אָן אַלט חנ'עוודיק פרייליכס פון סקאַרלאַטי און אַליין ניט באַמערקט, ווי אַזוי ער איז איבערגעגאַנגען אַף אַ משוגענעם שפּיציקן דזשעז. זיין ברעם איז געוואָרן אַלעמאָל שווערער איבער זיין אויג, און אַפ'ן בלאַסן יונגן פּנים האָבן זיך איינגעאַקערט צוויי קנייטשן אָנגעפּילט מיט גראָען שטויב.

דאָס וואָס ער האָט נאָכדעם געטאָן, האָט ער געטאָן מיט לייכטע אומגעהערטע טריט און פלינקע פינקטלאַכע באַוועגונגען. ער איז צוגעגאַנגען צום שלאָף־צימער, וואו ווייב און קינד זענען געשלאָפן. ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַריינגעקוקט: דאָס

ווייב האָט פאַרוואָרפן אַ ווייסן שיינעם אָרעם אויף דער רויט־געבלומטער וואַטאָווער קאָלדרע, און דאָס קינד אין קליינעם בעטעלע איז געלעגן איינגענורעט מיט'ן קאָפּ, אַזוי אַז מ'האָט נאָר געזען די קוטשמע האָר איבער'ן צאַרטן נאַקן.

דוד גרינפעלד האָט ניט געזאָגט גאָרניט, נאָר די קנייטשן האָבן זיך איינגעקאַרבט נאָך טיפער, און די ליפּן האָבן זיך שטייף און העסלאַך צונויפגעפּרעסט, ווי בײַ איינעם, וואָס גרייט זיך וויינען. דוד גרינפעלד האָט ניט געוויינט. ער האָט גענומען דעם פידל און איז אַריין אין זיין צימער אויף יענער זייט קיך. דאָרט האָט ער אָנגעצונדן דעם גאַז, זיך אַוועקגעזעצט בײַם ראַנד פון'ם בעט, אַ קוש געטאָן דעם פידל אויף'ן העלזל הינטן, דאָרט וואו ער האָט געהאַלטן זיין דלאָניע בײַם שפּילן, אַרומגענומען דעם פידל מיטביידע אָרעמס, ווי מע נעמט אַרום אַ קינד; געזעסן אַ ווײַלע, פאַרגעסנדיק וואו ער איז. געזעסן אפשר אַ מינוט, און אפשר אַ שעה. אויפגעשפּרונגען, אַ פּיר געטאָן מיט די לאַנגע בלייכע פינגער איבער די האָר, אַ הויב געטאָן דעם פידל פאַר'ן גריף, געוואָלט צוברעכן איבער'ן בעט, האָט דער פידל אָבער אַ קרעכץ געטאָן מיט די סטרונעס — און דוד גרינפעלד'ס אויגן זענען אַרויס פון די לעכער. דוד גרינפעלד האָט אַוועקגעלייגט דעם פידל, געשטאַנען, אויפגעהויבן די הענט צום פּנים, געקוקט אויף די לאַנגע דינע פינגער — און וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ האַרטער האָבן זיך צונויפגעפּרעסט די ליפּן. דוד גרינפעלד האָט מיט איין קנאַק איבערגעבראָכן דעם סמיטשיק און די שטיק־לאַך אַוועקגעוואָרפן פון זיך.

נאָכדעם האָט ער פאַרדרייט דעם גאַז, אין דער פינסטער שטיל אַרויפגעקראָכן אויף'ן בעט, ווי פאַר אימיצן זיך געהיט, אונ־טערגעהויבן אַ האַנט, געעפנט דאָס רערל פון'ם גאַז — און גע־בליבן ליגן אומבאַוועגלאַך.

אין קאָפּ האָט געררוישט. ס'איז געווען שווער צו אָטעמען. ערגעץ האָט דוד גרינפעלד זיך געטראָגן אין אַ ריטמישן כוואַליע־שוואונג. אימיצער האָט געזאָגט: „אַ שאָפער פון זיידענע און זילבערנע טענער־געוועבן". מ'האָט געקלאַפּט אין פּויק. אימיצער האָט געבלאָזן אויף'ן סאַקסאָפאָן. קידי מיט די קורצע קליידלאַך

האָט געטאַנצט, און דוד גרינפעלד, דער גאָט־געבענטשטער מוזי־קאַנט, האָט געוויגט דעם אויבערקערפּער מיט'ן פידל אַהין און אַהער און געשפּילט דזשעז. עמיצער האָט געקלאַפּט אין פּויק. נאָכאַנאַנד געקלאַפּט אין פּויק.

* * *

איך האָב ניט געקענט דוד גרינפעלד'ן. מאָלע וויפיל מענטשן ס'באַגייען זעלבסטמאָרד. פאַרוואָס אָבער גייט זיין טויט ניט ארויס פון'ם קאָפּ?

דער מאָרד.

ס'איז געווען אַף אַ באַנקעט. מ'האָט שוין אָפּגעגעסן און אָפּ־גערעדט און אָפּגעזונגען און געלט געזאַמלט; איצט האָט מען פּשוט פאַרבראַכט. מ'האָט צורוקט די טישן, צעבראָכן די גראַדע ליניע פון די שטולן, ארויסגענומען בלומען פון די בוקעטן און אריינגעשטעקט אין די לאַצן. אַף די ווייסע טישטוכער האָט ערטערווייז געפונקעלט דאָס גאָלד פון אָראַנזש־שאָלעכץ. אין דער לופט האָבן זיך גע־רויטלט פאַפּירענע פענדלאַך. אין די אויגן איז געווען דער אָפּגלאַנץ פון אַ גוט גלעזל קאָניאַק, „באַנדער סטאָף", וואָס מ'האָט געהאַט געטרונקען בשתיקה. אין ווינקל האָט אימיצער געצימבלט אַפ'ן פּיאַנאָ מיט אומגעניטע פינגער. ס'איז געווען ארום האַלבע נאַכט.

איך האָב געהאַט געענדיקט מיין אָפיציעלע ארבעט — און האָב זיך געפילט פריי און היימיש. אין אַזוינע פרייע היימישע מינוטן רעדט מען מיט די, וואָס געפעלן, און ניט מיט די, וואָס „באַוועגן". און אויב מ'האָט נאָך אַליין פארזוכט דעם פאַרבאָטענעם, אָבער זיסן ביטערן טראָפּן, איז מען ניט מקפיד אין ווערטער. וואָס איז שייך די אויגן — איז אַן אַלטער כלל, אַז מען קען זיי ניט קאָנטראָלירן. זיי וואַנדערן, ווי די זומער־פויגעלאַך, וואוהין עס ציט זיי.

איך האָב שוין געוואָלט גיין אין האָטעל, ווען איך האָב דער־

הערט בא מיין זייט א נידעריקע הייסע שטימע, פול מיט האס און פאַרדרוס:

— איר אויך! אַף אייך וואָלט מען זיך דאָס ניט גערעכט!

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערזען לעבן מיר א חבר'טע, א טוערקע אין דער אָרטיקער באַוועגונג. זי איז געזעסן אָן אָנגעבויגענע איבער'ן טיש — און אין איר קוק, וואָס איך האָב איבערגעכאַפּט, איז געווען אַזוי פיל כעס און פאַראַכטונג, אַז איך האָב מיך פאַרוואונדערט. וואָס האָב איך איר געטאָן?

די פרוי איז ניט געווען שיין. מער: זי איז געווען העסלאַך. זי האָט געהאַט אַן איינגעדאַרטן פּנים, ברייט אויבן, שמאָל אונטן, מיט ברייטע באַקן־ביינער, מיט הארטע לאַנגע האַלב־קיילאַכדיקע קאַרבן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די אויערן צו ביידע זייטן מויל. די הויט פון'ם פּנים איז געווען טרוקן, טונקל, אָנגעצויגן אַף די ביינער. א דין מויל אונטער א הויכער דינער נאָז, שטעכיקע איינגעזונקענע אויגן אונטער אש־קאָלירענע ברעמען, שיטערע געשווירענע האָר, גלאַט צוגעפּאַלן צום שאַרבן, — דאָס אַלעס איז געווען באַלויכטן מיט א פיינטלאַכן גלאַנץ פון א שטעכנדיקן קוק, ווי א ווייסט אַסיען־פעלד איז באַלויכטן פון א קאַלטער זון. וויפיל איז די פרוי אַלט געווען? מ'האָט ניט געקענט זאָגן: אפשר דרייסיק, און אפשר פופציק. געטראָגן האָט זי א גראָען סוועטער, וואָס האָט געוויזן איר פלאַכע קאַנטיקע פיגור.

איך האָב אַף איר געקוקט מיט וואונדער. וואָס וויל זי?

יענע האָט פאַרטגעזעצט אין איר נידעריקן הייסן שיפּענדיקן טאָן:

— איר אויך! אפילו איר! אַלע גלייך! אַלע, ווי איינער! אַלץ צו די געצאַצקעטע פּנים'לאַך! אַלץ צו די נאַרישע גענזלאַך מיט די גלאַטע העלזלאַך! איך האָב דען ניט געזען, ווי א גאַנצן אָוונט צימ אייך, ווי א מאַגנעט, צו פּערל פינק און בעסי גאָלד און ראָזע ליבמאַן? איך האָב דען ניט געזען, ווי איר נעמט זיי אַרום, ווי איר גלעט זיי מיט די אויגן? און ווער זענען זיי? טפו! גאַרנישטן! לאַכערקעס! ליפּן־פאַרבערקעס! אויגן־גלאָצערקעס! בהמות! פּשוט'ע כשר'ע בהמות! אָבער גיי! זיי קענען דאָך האָבען, ווען זיי ווילען!

איך האָב געוואָלט באַרואיקן די פרוי. איך האָב איר געפּרופט

זאָגן, אַז איך קען גאָרניט די מיידלאַך; אַז אויב איך האָב אַף זיי גע־קוקט, איז מסתמא, ווייל ס'איז אָנגענעם צו קוקן אַף אַ שיינעם מענטשן. אָבער זי האָט מיך ניט געלאָזט רעדן. מיט אַ באַפעלערישן טאָן און מיט אַ פעסטער אַנטשלאָסנקייט האָט זי געזאָגט:

— קומט, איר זענט דאָך שוין פאַרטיק! לאָמיר אַרויסגיין אינ־איינעם!

אינדרויסן, ווען איך האָב מיט אַ פרייער ברוסט אַריינגעאָטעמט די קילע לבנה־לופט, האָט זי מיר געזאָגט:

— איך וויל מיט אייך רעדן! איך האָב קיינעם ניט, מיט וועמען צו רעדן. איך ווייס: ס'איז נאַריש, וואָס איך בין אייך אַזוי באַפאַלן. איר זענט ניט אַנדערש פון יעדן מאַנסביל. איך ווייס אויך, אַז מסתמא האָט איר אַף מיר רחמנות, און קיין זאַך אַף דער וועלט עקלט מיך ניט אַזוי, ווי רחמנות. אָבער איך וויל מיט אימיצן רעדן: מען קען דאָך ניט שווייגן אַלע יאָרן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ באַנק פאַר אַ שולהויז. ס'איז געווען שטיל אין דער קליינער שטאָט. די לבנה האָט געטונקען די וועלט אין אַ זילבערנער ראָסע. בוימלאַך באַ די זייטן פון דער גאַס האָבן אויסגעזען שוואַרץ. ס'איז געווען זייער ליכטיק. זיצנדיק לעבן מיין שכנה, האָב איך געקענט זען, ווי עס האָמערט איר האַרץ אונטער'ן סוועטער. זי האָט גערעדט מיט אַ הייזעריקלאַך קול:

— איך וויל אייך דערציילן, ווי איך האָב דער'הרג'עט אַ מענטשן. שרעקט זיך ניט: דער מענטש לעבט. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק. אויב מען זאָל זיך רעכענען ניט מיט טאַטן, נאָר מיט געפילן, מוז מען מיך פאַררעכענען צווישן מערדער. און צוליב וועמען? צוליב אַזוינע, ווי איר! צוליב אייך אַלעמען!

ס'איז געווען אַ שיפּען און אַ סווישטש אין דעם קול פון דער פרוי. אַף איר האַלז אונטער דער הויט האָט אַ קנאָפּ זיך געהויבן און געפאַלן, געהויבן און געפאַלן, אַקוראַט, ווי זי וואָלט געשלונגען עפּעס און ניט געקענט אַראָפּשלינגען. זי האָט צונויפגעקייטלט די פינגער פון אירע הענט אַף איר שויס — און איך האָב געזען: די פינ־גער זענען געווען דאַר און בלאַלאַך אין דעם שיין פון דער לבנה.

זי האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ רואיקן טאָן:

— פון קינדוווייז אָן האָב איך געוואוסט, אַז איך בין ניט קיין שיינע,

און פון צוועלף יאָר אָן האָב איך זיך געזאָגט: „וואָס עס פעלט מיין פּנים, מוז איך דערגענצן פון מיין נשמה." אזוינע, ווי איך, ווערן קלוג פאַר דער צייט. איך האָב זיך געלערנט. איך האָב געוואָלט זיין אינטערעסאַנט. איך האָב געהערט, אז מ'קען זיין אינטערעסאַנט אפילו, ווען מ'איז ניט קיין שיינע. מיינע שול־חבר'טעס זענען גע־גאַנגען טאַנצן, איך האָב געלערנט. מיינע פריינדינס — איך האָב געהאַט אזוינע אין מיינע גאָר יונגע יאָרן — מיינע פריינדינס האָבן געשטיפט, געלאַכט, זיך געבאַלעוועט, איך האָב קיין צייט ניט געהאַט. איך האָב געלערנט. איך האָב געוואָלט באַקומען א רייכע נשמה. אינטעליגענץ באַשיינט דאָס פּנים. געדאַנקען לייגן אַרויף א שטעמפּל אַף דער פיגור פון א מענטשן. אזוי האָט מען געשמועסט. איך האָב געוואָלט זיין אינטעליגענט. איך האָב געוואָלט האָבן געדאַנקען, אַה!

אין דעם „אַה" האָט זיך געהערט דאָס ריטשען פון א פאַרוואונ־דעטער בייזער חיה. דער קנאַפּ אַף דעם גאָרגל פון דער פרוי האָט זיך האַסטיקער באַוועגט אַרויף און אַראָפּ. זי האָט אָנגעהויבן רעדן שנעלער.

— יאָ, איך האָב זיך אויסגעלערנט. איך בין געוואָרן אינטעלי־גענטער פון אַלע מיינע חבר'טעס. אָבער איידער איך בין אַלט געוואָרן ניינצן יאָר, האָב איך שוין אפילו קיין חבר'טעס ניט געהאַט. זיי האָבן זיך ניט געקענט חבר'ן מיט מיר. איך בין פאַר זיי ניט געווען גענוג שיין. זיי האָבן אויך ניט געוואָלט מיך רופן אַף זייערע „פּאַר־טיס", ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין חן אין די אויגן פון די מענער. זיי האָבן מיט מיר ניט געוואָלט שפּאַצירן, ווייל איך האָב ניט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. צווישן זיך זענען זיי געווען אייפערזיכטיק איינע אַף דער אַנדערער, אָבער מיך, וואָס איך האָב קיין אייפערזוכט ניט דערוועקט, האָבן זיי ניט געוואָלט קענען.

איך בין געבליבן אָן פריינדינס. וואָס איז שייך מענער, האָב איך ביסלאַכווייז אויסגעפונען, אז זיי דאַרפן ניט קיין אינטעליגענץ. זיי דאַרפן חנ'עוודיקע פּנימלאַך, גלאַטע הענטלאַך, הויכע בוזימס. איך בין געווען אינטערעסאַנטער פון אַלע פרויען, וואָס איך האָב באַגעגנט. איך האָב געהאַט א גרונטלאַכע ידיעה אין ליטעראַטור, איך האָב געהאַט געדאַנקען וועגן מאַלעריי און סקולפּטור, איך בין געווען די ערשטע צו גיין אַף אויסשטעלונגען, די ערשטע צו וויסן פון

נייע אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע ווערק. איך האָב געקענט ריידן. אָ! איך האָב גוט געקענט ריידן! מ׳האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ געמאַכטער העפלאַכקייט, מ׳האָט שטילערהייט אַראָפּגעשלונגען אַ גענעץ, און מ׳האָט באַלד געפונען אַן אויסרייד איבערצוגיין צו די, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט ווייסער הויט און מיט אויפגעדראָלענע היפטן.

איך האָב געשפּילט. איך בין נאָך איצט אַ גוטע פּיאַניסטקע. מע פלעגט מיך אַמאָל איינלאַדן, ווען מ׳האָט געדאַרפט אַ מוזיקאַנט. איך האָב די אָוונטן פאַרבראַכט בײַ דער פּיאַנע. קיינעם איז ניט געווען אינטערעסאַנט צו ריידן מיט מיר. קיינער האָט ניט געוואָלט וויסן די אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס איך האָב אויסגעאַרבעט וועגן אַלטע און נייע קאָמפּאָזיטאָרס. ווען איך פלעג אָפּשפּילן, האָט מען מיר לפנים אַפּלאָדירט — און אַרום איז געווען קאַלט און פּוסט. ווען איך האָב געשפּילט, האָב איך געהערט, ווי הינטער מיר שעפּטשען מענער ליבע־ווערטער צו אַזוינע אידיאָטקעס, וואָס זיינען ניט ווערט מיין פּאַנטאָפל. מיר האָט קיינער קיין ליבע־ווערטער ניט געשעפּ־טשעט. מיך האָט קיינער ניט ליב געהאַט. מיר האָט קיינער די האַנט ניט געגלעט. מיך האָט קיינער ניט גערופן שפּאַצירן. איך בין געווען מיאוס. פאַר מיר איז די מענער־וועלט געווען פאַרשלאָסן. אוי!

אין דעם „אוי״ איז שוין געווען מער ווייטיק, ווי צאָרן. די פרוי האָט געקוקט צו דעם לאַמטערן, וואָס האָט געברענט ניט ווייט, אַקוראַט ווי זי וואָלט אים פאַרטרויט אירע סודות.

— ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט: אייביק אָן מענער! קענט איר זיך אויסמאָלן, ווי דער קערפּער פון אַ יונגער דערוואַקסענער פרוי שרייט נאָך אַ האַנט פון אַ מאַן, וואָס זאָל אים באַרירן? איך בין געווען אינטערעסאַנט; איך בין געווען אַ מענטש, אַ פאָלקאָמענער מענטש; איך האָב געטראָגן אין זיך וועלטן פון אידייען און פאַרשטעלונגען, טיפקייט פון עמפּינדונג און איבערלעבונג, האָריזאָנטן פון אומגעוויינטלאַכן שוואונג. איך האָב געקענט געבן און געבן! און וואָס האָב איך געוואָלט דערפאַר? איך האָב געוואָלט, אַז אַ ליאַדע בחור אין הויזן זאָל מיך אַ גלעט טאָן איבער׳ן קאָפּ, מיר אַריינקוקן אין די אויגן, פאַרפלעכטן זיינע פינ־גער צווישן מיינע, צוטוליען זיין קאָפּ צו מיין ברוסט, מיר זאָגן

„קינד", ווי די בחורים זאָגן יעדער מויד מיט אַ זאַק שטרוי אָנשטאָט אַ נשמה. מיר האָט דאָס קיינער ניט געגעבן. אין דער גאַנצער גרויסער וועלט האָט זיך ניט געפונען קיין איינציקער, וואָס זאָל זיך מיט מיר פאַראינטערעסירן. איך בין געווען אַליין. אייביק אַליין. איך בין איצט אַלט אַכט־און־דרייסיק יאָר. קיין איינציקן מאָל האָט אַ מאַן ניט פאַרוואָרפן זיינע אָרעמס אַרום מיר און מיך ניט צוגעדריקט צו זיין ברוסט. און איך בין דאָך געווען פול מיט פייער, פול מיט צאַרטקייט, פול מיט בענקשאַפט, פול איבערגעפילט מיט אַ הייס־בלוטיקן וואונש צו לעבן, ליבן, געבן, אויסגיין אין געבן...

די שטים פון דער פרוי האָט זיך איבערגעהאַקט. זי האָט אַ רגע געשוויגן. פון דער סוועטער־קעשענע האָט זי אַרויסגענומען אַ טיכל און עס אַריינגעביסן צווישן די ציין. איך האָב אויך געשוויגן. ניט ווייט האָט אַ זייגער געקלונגען אַ פערטל נאָך איינס.

ווען די פרוי האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן, איז איר שטים געווען גאָר ווייך און אַזוי ווי ווייט. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איך האָב געוואָלט אַ קינד. מיין מוטער־אינסטינקט האָט געגאַרט נאָך אַ קינד. איך האָב זיך שוין געזאָגט: זאָל זיין אָן מענער, אָבער אַ קינד, מיין אייגן בלוט און פלייש. אַ קינד וועט דאָך ניט אַרן, וואָס איך בין ניט שיין. אַ קינד וועט אַרומפלעכטן די הענטלאַך אַרום מיין האַלז, וועט צודריקן דאָס וואַרימע קערפּערל צו מיינעם. אַ קינד וועט ברענגען זון־שיין אין מיין איינזאַם לעבן. אַ קינד! אָבער וואו זאָל איך נעמען אַ קינד? ווען אַ מאַן זאָל זיך פאַרליבן אין מיר כאָטש אויף איין טאָג, כאָטש אויף איין שעה! ווען ער זאָל מיר כאָטש ווייזן אַ סימן פון צערטלאַכקייט, אַ שאָטן פון אינטערעס. איך בין זיך מודה; איך וואָלט געגאַנגען בעטן אַ מאַן, ער זאָל מיר העלפן באַקומען אַ קינד. איך וואָלט אים פאַר־זיכערט, אַז ער וועט מיך קיינמאָל מער אין זיין לעבן ניט זען. ווייס איך, אַז קיין מאַן וועט מיך ניט וועלן. איך האָב מורא צו בעטן, ווייל איך וואָלט ניט איבערגעטראָגן קיין אָפּזאָג. אַ מאַן וואָלט ביי מ י ר, דער פרייער און מענטשלאַכער, ניט גענומען דאָס וואָס ער בעטלט אויף די קני ביי די פּוסט־קעפּיגע קוקלעס, די שקלאַפינס פון זייער אייגענער טעמפּקייט. און מען רעדט נאָך פון מענטשלאַכקייט,

פון א וועלט, וואָס גייט צו העכערע אידעאַלן. איז טאַקע מער ניטאָ גאָרניט אױף דער וועלט, ווי נאָר פוכקע באַקן, רויטע ליפּן, ווייסע ציין, סאַמעטענע הויט? איז דאָס אַלצדינג? איז דאָס בילכער, ווי אַלע שיינע געדאַנקען, אַלע געפליגלטע שטרעבונגען, אַלע די טיפע שוועסטערלאַכע פאַרשטענדניש וואָס פאָדערט זיך צווישן מענטש און מענטשן? וואָס איז דאָס? ווי לעבט מען?

ווידער האָבן צאָרן און פאַראַכטונג געקלונגען אין די ווערטער פון דער פרוי — און ווידער האָט זי גערעדט אין דער לופט אַריין, ווי צו עמיצן אַ ווייטן. איך האָב זיך מורא געהאַט רירן, מורא געהאַט מיט אַן אומפאָרזיכטיק וואָרט באַליידיקן אָדער באַאומרואיקן מיין אומגעריכטע שכנה. זי האָט פאָרטגעזעצט:

— מיין פּראָפעסיע איז געווען: פאַרוואַלטערין אין אַ בוכהאַנדלונג. גראָד אָט די אַרבעט איז מיר געווען צום האַרצן. גראָד אין איר האָב איך געפונען אַן אָנווענדונג פאַר מיין בילדונג. איך האָב ליב ביכער. איך האָב ליב געהאַט פילן, אַז איך שטיי אין איינגער פאַרבינדונג מיט דער גייסטיקער אַרבעט פון דער מענטשהייט. איך האָב אין דער אַרבעט אַריינגעלייגט מיין גאַנצע ניט־פאַרברויכטע ליבע, מיין גאַנצן פייער. ס'איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און איך בין געוואָרן אַ גייענדיקער קאַטאַלאָג. צו מיר פלעגט מען זיך ווענדן נאָך עצות. בא מיר פלעגט מען פרעגן, וואָס צו קויפן. בא מיר פלעגן אפילו סטודענטן געוואָר ווערן, וואָס זיי זאָלן לייענען צום עקזאַמען. איך האָב אַלעמאָל אָנגעוויזן די קורצעסטע און די ניצליכסטע ביכער. מ'האָט מיר געדאַנקט, מ'האָט זיך העפלאַך און שנעל פאַרנייגט און אַוועק. אָבער אַז מ'איז געקומען צו אונזער קאַסיר־מיידל ביי דער טיר פון דעם געשעפט, האָט מען דוקא ווייניקער געדאַנקט און מ'איז געווען וויניקער העפלאַך, נאָר מ'האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין. מ'האָט געזוכט אַן אויסרייד איר זאָגן אַ גוט וואָרט, איר צוזוואַרפן אַ חן־בליק. די זעלביקע יונגע לייט, וואָס זענען געווען אַזוי ווייט־אָפּגעשיידט פון מיר, אפילו ווען איך האָב זיי געגעבן אַן ערנסטע גייסטיקע אָנווייזונג, האָבן געקלעפּט צו דער קאַסירקע'ס גלעזערנער בודקע, ווי בינען צו האָניק. און וואס איז דאָרט געווען? אַ געפאַרבט שטיק פלייש מיט גרויסע שיינענדיקע קעלבערנע אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן און מיט אַ פעטן האַלז.

מען האָט געדאַרפט זען, ווי דאָס מיידל פלעגט זיך עס פּיעשטשן! ווי זי פלעגט דאָס פּאַרציען די ליפּן! ווי די אַלע סטודענטן, פּראָ־פעסאָרן, שריפטשטעלער, דאָקטוירים פלעגן דאָס בלייבן געפּלעפט פאַר דעם פליישיקן אָפּגאָט! ווי עס פלעגן זיך דאָס אָנצינדן זייערע אויגן! איך, פון הינטער מיין ביכער־שטענדער, האָב דערויף אַזוי לאַנג געקוקט, טאָג איין און טאָג אויס, ביז אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט דער אייגנטימער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער דאַרף מיך מער ניט האָבן. מיך, די געבילדעטע און ניצלאָבע און ערפאַרענע, האָט מען אָפּגעזאָגט, און אויף מיין אָרט האָט מען אַריינגעזעצט דעם אייגנטי־מער׳ס געליבטע, אַ געוועזענע כאָריסטקע, מיט לאַנגע אוירינגען און שלאַנקע קנעכל איבער הויכע פראַנצויזישע קנאַפּל. מיר האָט מען באַצאָלט פאַר צוויי וואָכן. דאָס איז געווען די באַלוינונג פאַר מיין גאַנצער אַרבעט...

נאָר איך וועל ניט דערציילן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע. האָט ניט מורא. איך פאַרשטיי, איר דאַרפט שוין זיין אומרואיק, כאָטש איר האָט גענוג טאַקט דאָס ניט צו ווייזן. ווען אַ גאַנז מיט אַ שיינעם האַלז וואָלט פאַר אייך, אין אַזאַ לבנה־נאַכט, אינמיטן דער שיינער גאָט׳ס וועלט, אויסגעגאָסן איר אומגעלומפּערטע און שוין לאַנג אויסגעוועפּטע ליבע־געשיכטע, וואָלט איר זיך געפילט גליק־לאַך; איר וואָלט געהאַלטן אירע הענט אין אייערע און גרייט געווען זיצן און הערן די טפשות׳דיקע באָבע־מעשיות כאָטש ביז׳ן ווייסן טאָג. מיט מיר איז אַנדערש. נאָר איך וועל באַלד זיין פאַרטיק. איך האָב נאָר געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי איך האָב דער׳הרג׳עט אַ מענטשן. קומט, ס׳ווערט מיר קאַלט.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און גענומען גיין אויף און אָפּ פאַר דעם שול־הויז. פון צייט צו צייט האָט דער זייגער געקלונגען, אָבער איך האָב שוין די שעה׳ן ניט געציילט. מיין שכנת איז געווען זייער קאַלט. ס׳האָט איר ציטערנווייז גע־קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. די לבנה האָט אָנגעוואָרן אַ טייל פון איר פריערדיקן גלאַנץ. די בוימער האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען.

די פרוי האָט דערציילט.

— איך בין אַריין אין דער באַוועגונג. דאָ, צווישן אידעאַ־ליסטן, צווישן אַזוינע, וואָס בויען די נייע וועלט, האָב איך געוואָלט

געפינען אַ נייע מענטשלאַכע באַציאונג. מ׳האָט מיך אַריינגענומען מיט אָפענע אָרעמס. מען האָט מיר געגעבן מער אַרבעט, ווי איך האָב געקענט אָפּטאָן. מ׳האָט מיר פאַרגונען דעם לויב, די אַנערקענונג, די אַפּלאָדיסמענטן. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו מענטשלאַכע באַציאונגען — — — הערט, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן היינטיקן זומער.

מיר האָבן גענומען אַ זומער־הויז אין אַ דאָרף: פיר חברים, פיר חבר׳טעס און איך. די חברים און חבר׳טעס זענען געווען פאַרהייראַט. איך האָב מיט אַ כיון אויסגעקליבן די פאַרהייראַטע, כדי איך זאָל ניט זען דאָס ליבע־שפּיל, מיט׳ן זיפצן, מיט דער קעלבערנער התפּעלות. איך האָב אויסגעזוכט אַ הויז אין אַ פאַרוואָרפענעם פּלאַץ, כדי ס׳זאָל זיין וואָס ווייניקער שכנים. איך האָב זיך פּשוט געוואָלט אויסרוען אין אַ היים, כאָטש ניט מיינער. עס האָבן מיר צום טויט דערעסן באָרדינג הייזער, רעסטאָראַנען, עלעווייטאָרס, טראַמוואַיען. איך האָב געוואָלט אָפּלעבן אַ זומער צווישן אייגענע, היימישע, קולטורעלע, אידייען־פאַרוואַנדטע מענטשן. איך האָב זיך געוואָלט פאַרגעסן. אפשר האָב איך געוואָלט פאַרגעסן אָן מיין אייגענעם אויסזען, וואָס אין שטאָט דערמאָנט מען מיר דאָס אַלע מינוט אַף אַן אומדערבאַרמדיקן אופן. איך האָב געוואָלט גלויבן אין די סימפּאַטישע חברים.

און אַלצדינג איז, דאַכט זיך, געגאַנגען וואויל און פיין. ס׳איז געווען אַ ליבע געזעלשאַפט, אַ פריילאַכע און אַ געזונטע. מ׳האָט זיך אינטערעסירט מיט קולטור־זאַכן, אָבער מ׳האָט אויך הנאה געהאַט פון קלעטערן באַרג־אַרויף, פון שיפן זיך אַף׳ן טייכל, פון ליגן האַלב־נאַקעטע אַף׳ן גראָז, אונטער אַ ברענענדיקער זון. די מענער האָבן געאַרבעט אין שטאָט — און פלעגן קומען פאַרנאַכט. די פרויען האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אין דאָרף און — מערקווירדיק — זיי האָבן זיך ניט געקריגט. די מענער האָבן ליב געהאַט זייערע פרויען, אָבער אַלע זענען געווען גענוג מאָדערן ניט צו קריכן אַף די גלייכע ווענט, ווען איינער האָט אַרומגענומען זיין חבר׳ס ווייבל. ס׳איז געווען אַן אַטמאָספערע פון פלירט אין דעם הויז, נאָר די באַציאונגען זענען געווען איידל. מ׳איז קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן אַ געוויסן גרענעץ.

מיך האָט מען פון אָנפאַנג אָן אַריינגענומען אין דער חברותא. איך שטעל מיר פאָר, אַז לכתחילה האָט די קאָמפּאַניע געצווייפלט, צי זאָל מען דינגען אַ הויז מיט מיר אינאיינעם. איך שטעל מיר פאָר, אַז די ווייבער האָבן זיך געקרימט און די מענער האָבן זיך געוויצלט איבער דער „מכשפה”. מסתמא האָט איבערגעוואויגן דאָס, וואָס איך בין גרייט געווען צאָלן מער ווי מיין חלק. איך האָב געצאָלט מער ווי צוויי צוזאַמען. אָבער איינמאָל האָט מען מיך שוין אַריינגענומען, בין איך געוואָרן אַ טייל פון דער משפחה. מ'האָט מיך באַהאַנדלט גלייך מיט אַלע. מ'האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט פריינטשאַפט. אפשר האָט מען זיך טאַקע צוגעוואוינט צו מיין פּנים — אַזוינס טרעפט זיך, כאָטש זעלטן — און מ'האָט אויפגעהערט באַמערקן, אַז איך בין אַנדערש. אפשר האָט מען אַף מיר רחמנות געהאַט ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער נשמה. זאָל זיין אַזוי. איך מאַך זיך נאַר האַרץ, ווען איך זאָג, אַז איך וויל ניט קיין רחמנות. אין אמת'ן טוט עס מיר וואויל, ווען מ'האָט אַף מיר רחמנות. דאָס איז דאָך אַ מענטשלאַכע באַציאונג, דאָס ווייזט אַ נאָענטקייט, אַן אינטערעס לכל הפּחות.

נו, אין אונזער קאָלאָניע האָט מען מיך אַריינגענומען אין קאָן. לאַזאַר, דער וויצלינג, וואָס האָט געשאַפן קאָמישע פערזן וועגן יעדן פון אונז, האָט אויך וועגן מיר אָנגעשריבן אַ פריילאַך לידל, און גראָד אָן שטעכיקע רמזים. שפרה, די קאָך־ספּעציאַליסטקע, האָט זיך מיט מיר גע'עצה'ט, וואָס פאַר אַ מאכלים זי זאָל פאַרשלאָגן אַף אונזער ווירטשאַפטלאַכן „סאָוועט”. רבקה, די אייביק אומרואיקע און קיינ־מאָל ניט באַפרידיקטע, האָט מיט מיר שעה'ן־לאַנג גערעדט וועגן לעבן און טויט און ליבע און עלטער. ווען די מענער פלעגן קומען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה שטיפעריי. מען פלעגט לויפן איבער די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ, מע פלעגט זיך יאָגן איבער'ן גאָרטן צום טייכל, מע פלעגט זיין הונגעריק, ווי די וועלף, און עסן פאַר דריי, און דערביי אָפּטאָן אַלערליי שטיק. מיך פלעגט מען ניט אויסמיידן. ווען מ'איז געפאָרן אַף שיפלאַך, האָב איך ניט געזען, אַז עמיצן זאָל פאַרדריסן, וואָס איך זעץ זיך אין זיין שיפל (אגב איז אַלע מאָל געווען פּלאַץ פאַר אַנדערע). ווען מ'האָט גערארפט אַריבערפירן די פרויען איבער אַ שמאָלער קלאַדקע, האָבן די יונגע לייט מיך געפירט פּונקט אַזוי פאַר־זיכטיק און זאָרגפעלטיק, ווי אַלע. אַמאָל פלעגט אפילו אַ האַנט פון

אַ יונגנמאַן פאַרבלאָנדזשעט ווערן אַרום מיינע אַקסלען. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אויס געוויינטשאַפט. אין אונזער קאָלאָניע האָט מען זיך איינער דעם אַנדערן אַרומגענומען אַזוי אָפט, אַז אַ מענטש פלעגט שוין ניט באַמערקן, ווי זיין האַנט וויקלט זיך אַרום די אַקסלען פון דער פרוי, וואָס שטייט נאָענט. איך בין געווען זיכער, אַז בנוגע צו מיר איז קיין צערטלאַכקייט ניטאָ. אָבער עס האָט דאָך וואויל געטאָן מיין נשמה. איך האָב זיך אָפּגערוט. איך האָב זיך געפילט גלייך ווי אַלע. האָט מען געשפּילט „קיסינג געימס" און האָב איך געדאַרפט זיין אַ שותּף אין דער שפּאַסיקער קושעריי, האָט קיינער פון מיר ניט אָפּגעקירעוועט דעם קאָפּ. און אַמאָל ווען אונזער ריז פיליפּ איז ניט אַנדערש באַשטאַנען, אַז ער מוז טראָגן יעדע פרוי אויף די הענט, ווי אַ קינד, כדי צו ווייזן זיין גבורה, האָב איך, ווי אַלע, פאַרוואָרפן מיינע אָרעמס אַרום זיין דיקן האַלז און זיך צוגעטוליעט מיט'ן פּנים צו זיין פּנים, און ער האָט מיך געגלעט איבער'ן קאָפּ, פּונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט שפרה'ן און רבקה'ן און בעסי'ן און אַלע.

האָט ניט מורא, אַז איך ווער סענטימענטאַל. דאָס קליידט מיר ניט צום פּנים. איך וויל נאָר זאָגן, אַז אין יענער פיינער געזעלשאַפט פון ליבע חברים האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ גלייכע צווישן גלייכע. ס'איז אַראָפּ פון מיר די קללה. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס, וואָס איך באַקום, איז אַ מינימום פון אַנשטענדיקער באַהאַנדלונג. איך בין ניט געוואוינט געווען צו נאָענטקייט מיט מענטשן, צו שותּפות'ן געלעכטער, צו אַ פרייער מינע. איך האָב אָנגעהויבן פילן — ניט טראַכטן, נאָר פילן מיט מיין הויט און מיט מיינע אבֿרים — אַז דאָס לעבן איז פאָרט אַ וואוילע זאַך. אַ מענטש איז אַ וואונדערבאַרע חיה: דערוואַרים אים אַ ביסל, און זיין לעב־אינסטינקט וועט איבערוועגן אַלע אינטעלעקטועלע סבֿרות. מיר איז געוואָרן היימלאַך. מיין לעבן האָט באַקומען אַן אומגעוויינטלאַכע פולקייט. מיין אינטעלעקט האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז רעוואָלוציאָנערן־סאָציאַליסטן זענען פאָרט אַנדערש, ווי די איבעריקע מענטשן.

ביז אין איין שיינעם זומער־טאָג איז געקומען צו גאַסט שפרה'ס אַ קוזינע מיט'ן נאָמען פעליא. זי איז אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר, און איר הויך־געוואוקסיקער קערפּער האָט געפאָדערט אַ מאַן —

דאָס איז אַלעס. מער קען מען וועגן איר ניט זאָגן. זי האָט געהאַט אַ פּוסטן קאָפּ און אַ ליידיק האַרץ און איז געווען אומוויסנדיק — איך זאָג אייך אומוויסנדיק, ווי אַ קינד. דערפאַר האָט זי געהאַט אַ זשמוט בלאָנדע האָר אַפּ׳ן קאָפּ, אַ פּאָר רויטע ליפּן אויף אַ ווייסן פּנים, אַ מויל פול מיט מילך־ווייסע ציין און אַ פּאָר בריסט, וואָס האָבן געריסן די בלוזקע. געגאַנגען איז זי אַזוי, אַז ס׳האָט געדאַרפט עקלען: געגאַנגען ווי אַ מאָדנער פויגל, ווי אַ פּאַווע, ווי אַ גרויסע טויב אויף ספּרוזשינעס: געשוואומען, דאַכט זיך, פּוטער־ווייך, אָבער אַזוי, אַז אַלצדינג האָט זיך געוויגט: די קני, די היפּטן, די טאַליע, דער רוקן, די בריסט, דער האַלז, אַפילו דער סנאָפּ געקרייזלטע האָר אַפּ׳ן קאָפּ.

אָט דאָס איז זי געווען: אַ הויכער שלאַנקער פויגל אויף ספּרוזשינעס, מיט אַ פויגלשן מאַרך און פויגלשע אידייען. איר האָט אָבער געדאַרפט זען, ווי דאָס האָט גענומען אונזערע מענער, אַלע — ביז איינעם! ס׳איז געקומען אויף זיי ווי אַן אָנשיקעניש, ווי אַ דבוק. זיי האָבן פון איר ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן. זיי האָבן פון איר ניט אַראָפּגענומען די הענט. ס׳איז געווען „פּעליאַ” און „פּעליאַ” און „פּעליאַ” — אַקוראַט ווי זי אַליין האָט אָנגעפילט די גאַנצע וועלט. זי האָט זיך אַפילו ניט אָנגעטאָן אַ כח. זי האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז ס׳קען זיין אַנדערש. זי האָט גענומען, וואָס ס׳קומט איר. זי האָט געהאַט אַ קערפּער איבערגעצויגן מיט אַ ווייסער הויט און אויגן ווי אַ פּאָר קיילאַכדיקע שפּיגלען. זי האָט דערויף ניט געהאָרעוועט, ס׳איז ניט געווען איר פאַרדינסט. זי איז געווען, איך זאָג אייך, אַ באַשעפעניש פון אַ נידעריקן סאָרט. ניט דורך אַזוינע באַשעפענישן גייט די מענטשהייט פאָרויס. זי האָט אָבער געהאַט אַ קערפּער, וואָס איז צייטיק פאַר אַ מאַן, און די אַלע פיר מענער פון אונזער קאָלאָניע — עד!

ס׳איז געווען מיאוס צו קוקן אויף זייער שפּיל. איר פאַרשטייט: זיי האָבן זיך געמוזט פאַרשטעלן. זיי האָבן אפשר אַליין ניט געוואוסט, וואָס מיט זיי טוט זיך. זיי האָבן גענאַרט זיך אַליין. פון אָנהויב אָן, דורך אַן אינסטינקטיוון אָפּמאַך, איז געבליבען, אַז מע האַנדלט בשותפות, אַלע אינאיינעם. דאָס הייסט אַזוי: איינער אַליין טאָר ניט, ס׳איז ניט שיין, אָבער אַלע אינאיינעם מעג מען, אַלע אינאיינעם איז אַ שפּאַס אַזאַ, אַ מין פריילאַך שפּיל. אַלע אינאיינעם, ווידער,

וועלן די ווייבער ניט האָבן קיין פּאַראיבל. אַלצדינג וועט אויסזען אומשולדיק, חבר׳יש, קינדעריש. מ׳האָט עס זיך ניט געזאָגט מיט ווערטער, אָבער מ׳האָט עס געטאָן. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַדע הינט פּאַדיעט אַרום איין ווייסער גלאַטער הינטיכע. מ׳האָט געקעמט פעליאַ׳ס האָר, מ׳האָט געגלעט פעליאַ׳ס הענט, מ׳האָט זיך געמאָסטן מיט פעליאַ׳ן אין קראַפט, מ׳האָט זיך געגלייכט מיט פעליאַ׳ן אין וואוקס, מ׳האָט געשפּילט מיט פעליאַ׳ן אין פּאַטשערלאַך, מ׳האָט אָנ־געטאָן פעליאַ׳ן פּאַנטאָפל אַף די באָרוויסע פיס, צוליב דעם האָט מען איר פריער אויסגעטאָן די שיך און די זאָקן, מ׳האָט געטאַנצט מיט פעליאַ׳ן טעניץ, מ׳האָט זיך געיאָגט מיט פעליאַ׳ן אין לויפעניש, מ׳האָט געטרייסלט מיט פעליאַ׳ן קאַרשן, — אַלץ כדי צו כאַפּן אַ גלעט, אַ ריר, אַ דריק, אַ טוליע, אַן אָטעם, אַ שמייכל. און זי האָט דאָס אַלץ גענומען, אַקוראַט ווי דאָס קומט איר. די גרויסע פאַר־דינסטן אירע — אַ שפּילכל! — זי האָט וויגנדיקע היפטן און עפּנט אַ מויל מיט אַ סך ווייסע ציין! עקלהאַפט! איך זאָג אייך: עקלהאַפט!

אָן מיר האָט מען פאַרגעסן. איך בין דעם גאַנצן זונטיק ווי ניט געווען, ווי צורונען געוואָרן אין דער לופט. מיט די ווייבער האָט מען זיך נאָך פאַרט געמוזט רעכענען. זיי קענען נאָך האָבן טענות. זיי קענען נאָך פאַרדאַרבן די טייערע שפּיל. מיט מיר האָט מען קיין צערעמאָניעס ניט געמאַכט. ווען ס׳איז געקומען צום עסן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר מיר איז קיין שטול ניט געשטעלט, און איך האָב זיך געדאַרפט אַריינקוועטשן אין אַן אומבאַקוועמען פּלאַץ צווישן אַנדערע צוויי. נאָכ׳ן עסן פלעגט מען געוויינטלאַך ריידן וועגן די פּאָליטישע טאָג־נייעס, און דאָס איז פאַר מיר געווען די בעסטע צייט, ווארים דאָ האָב איך געקענט אַרויסווייזן מיין ווערט. איצטיקס מאָל האָט מען קוים אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן און שוין האָט מען זיך געטראָגן ווי פערד באַרג־אַראָפּ און געהירזשעט. יאָ, די מענער האָבן געהירזשעט, ווי די זשערעבעצעס. פאַרגעסט ניט: פאַרהיי־ראַטע, קולטורעלע, פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע מענטשן־קעמפער. די שקאַפע איז געלאָפן צווישן זיי און געטרייסלט מיט דער בלאָנדער גריווע.

ערגער פון אַלצדינג איז געווען דאָס, וואָס אויך די פרויען האָבן

אָן מיר פאַרגעסן. וואָס איז זיי געווען די בלאָנדע שקאַפּע? אָבער אַז מ'איז זיך ווידער אַלע צונויפגעקומען אין הויז אַריין צו טיי, איז באַ אַלעמען, אפילו באַ די פרויען, געווען אַ נייע נשמה. מ'האָט זיך שנעלער באַוועגט, מ'האָט פרישער און העכער געלאַכט, מ'האָט פרייליכער און היציקער גערעט, מ'האָט לעבעדיקער געפונקלט מיט די אויגן. די פרויען האָבן שטאַרקער ליב געהאַט זייערע מענער, די מענער זענען געווען צערטלאַכער צו די פרויען. אַלץ צוליב וואָס? צוליב דעם, וואָס אַ פויגל אַף ספּרוזשינעס קען אַרויסשטעלן די ברוסט פון אונטער אַ דינעם זיידענעם שטאָף.

פעליאַ האָט געקעניגט. פעליאַ איז געווען דיקטאַטאָר. זונטיק אָוונט פלעגן מיר לייענען די נייע זשורנאַלן, — פעליאַ האָט אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז — און ס'איז געוואָרן אוים לייענען. ווער האָט זיך געקימערט, צי איך בין מסכים, צי ניט? פעליאַ האָט געוואָלט טאַנצן, — האָט מען געטאַנצט, כאָטש קיין מוזיק איז ניט געווען. צוויי יונגע־לייט האָבן געפייפט און מיך האָט מען געצוואונגען — ממש געצוואונגען — צימבלען אַפ'ן טיש צום טאַקט. פעליאַ'ן האָט מען געריסן איינער באַם אַנדערן פון די הענט. וועגן מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אפשר וויל איך אויך טאַנצן. איך, פאַרשטייט איר, האָב ניט עקזיסטירט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מ'איז צו מיר געווען פריינטלאַך גאַנצע אַכט וואָכן. איך, פאַרשטייט איר, האָב פאַרמאָגט מיט עטלאַכע פונט פלייש און ביינער ווייניקער, ווי יענע, און אונטער דער הויט פון מיין פנים איז דאָ און דאָרט געווען ניט גענוג פעטס. איך האָב דעריבער אפילו ניט געטאָרט חלומ'ען וועגן גלייכער באַהאַנדלונג, ווי די באַזיצערין פון אַ סך פלייש און אַ סך שמאַלץ. ווי קום איך צו איר?

פעליאַ האָט אפילו באַצוואונגען די פרויען. צום סוף אָוונט האָט זיך פיליפּ אַזוי צעהוליעט, אַז ער האָט אַרויפגעזעצט די גרויסע פעליאַ צו זיך אַפ'ן אַקסל און מיט איר אַרומגעהאָפּקעט איבער אַלע צימערן, אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען אַלט צוויי יאָר. עמיצער האָט געזאָגט רבקה'ן, פיליפּ'ס ווייבל: „ביזט גאָר ניט אייפערזיכטיק?" האָט יענע אַ שמייכל געטאָן מיט אירע אויגן און געענטפערט גאַנץ אויפריכטיק: „ווי קען מען זיין אייפערזיכטיק אַף פעליאַ'ן?" אפילו

אייפערזיכטיק האָט מען אַף איר ניט געקענט זיין, כאָטש די מענער האָבן לעבן איר זיך געהאַלטן ווי אידיאָטן!

און ווען שפּעטער אַ ביסל האָט פּעליאַ זיך איבערגעבויגן צו פּיליפּ'ן און מיט איר נאָך לאַכנדיקן מויל אים אַריינגעשעפּטשעט: „וואו האָט אַר גענומען אָט די טשוטשעלע? איך האָב פּאַר איר מורא!" — האָט מען ניט געטראַכט, אפשר קען איך דאָס דערהערן פון'ם אַנדערן עק צימער, אפשר איז ניט שיין צו באַליידיקן אַ פרויינט אפילו ווען ער ווייסט ניט, — נאָר פּיליפּ האָט אַ בוקסע געטאָן מיט זיין געזונטן הילכיקן געלעכטער, אַקוראַט ווי די בחור'טע האָט געזאָגט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ חכמה, און אַף אים קוקנדיק האָט זיך די קאָמפּאַניע צעלאַכט, אפילו ניט וויסנדיק, ווער עס שטופּט זיי. העכער פון אַלע האָט זיך געקייקלט דער פערלדיקער פּוסטער און אומקול־טורעלער געלעכטער פון דער מויד.

און אַז מ'האָט זי יענע נאַכט באַליינגט שלאָפן מיט מיר אין איין צימער, און זי האָט אָן צערעמאָניעס מסכים געווען צו נעמען דאָס בעט און מיך לאָזן שלאָפן אַף דער שמאָלער קושעטקע, און זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט אוועקצולייגן דעם קאָפּ אַפ'ן קישן, האָב איך זיך געזאָגט, אַז איך בין אין דער מאַכט פון אַ גרויסן און שרעקלאַכן געפיל. איך האָב זי געהאַסט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געשפּירט, אַז מיין בלוט, ביז אין לעצטן טראָפּן, איז אָנגעגאָסן מיט דעם סם פון האַס. דער האַס האָט צונויפגעפּרעסט מיינע ציין, געדריקט אַף מיין מאַרך, געהויבן מיינע הענט. איך האָב געהאַסט אָט די מויד, איר פּנים, אירע האָר, איר האַלז, אירע לאַנגע פיס. איך האָב געהאַסט איר געלעכטער, אירע נאַרישע האוואיעס, אירע קאָקעטישע גרימאַסן. איך האָב גע־האַסט די באַוועגונג, מיט וועלכער זי הויבט אויף די האַנט מיט די ווייסע פינגער צום שטערן. איך האָב געפילט, אַז איך קען זי ניט איבערטראָגן, איך דאַרף איר פאַרשאַפן שמערץ, איך דאַרף צעשטערן אָט די חיה'ש־געזונטע רואיקע פרייד.

ס'איז געווען אַ זיס און שרעקענדיק געפיל. ס'איז געווען זיס, ווייל ס'האָט גערופן צו באַפרייאונג, ס'האָט געוויזן אַ וועג, ווי אַזוי אויסצולייזן די אומגעהויערע אָנשטרענגונג פון מיין נשמה. ס'האָט געשראָקן, ווייל ס'האָט מיך געהויבן צו טאָן אַ זאַך, וואָס מענטשן

האַלטן עס פאַר אַ פאַרברעכן, כאָטש איך האָב אין יענער שעה גע־טראַכט, אַז ס'איז ניט קיין פאַרברעכן, אַז ס'איז די פליכט פון אַ קולטור־מענטש צו באַפרייען די וועלט פון אָט אַזאַ פּאַראַזיט, וואָס רויבט פרייד און גליק און ליבע, וועלכע ער האָט ניט פאַרדינט.

ס'האָט מיך געשווידערט. ס'האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ס'האָט מיר געקילט אין הארצן, ס'זיינען געלאָפן מוראַשקעס איבער מיין רוקן־ביין. אָבער באַטראַכט נאָר די סצענע. איך הויב זיך אויף שטיל, ווי אַ שאָטן, די קושעטקע טוט קיין סקריפּע ניט מיט קיין איינציקער ספּרוזשינע. איך פיל, ווי יעדער גליד אין מיר ציטערט, אַקוראַט ווי אין צימער וואָלט געווען אַ שרעקלאַכע קעלט, יעדער גליד פלאַטערט שנעל און דראָבנע, נאָר איך גיי צום בעט. איך טו דאָס מיט איבערנאַטירלאַכער פאָרזיכט, מיינע באָרוויסע פיס רירן קוים אָן די קאַלטע פאָדלאָגע. איך דערנענטער זיך. אָט ביזטו, מיין פויגל. אָט ליגסטו און אָטעמסט אַזוי גרינג און פעסט, ווי דו וואָלסט געווען די אומשולד אַליין. וואַרט אַ ביסעל, אָט קום איך. אָט זיץ איך שוין אפ'ן ראַנד פון דיין בעט. האָסט זיך איינגענורעט מיט'ן פּנים אין קישן. האָסט אַריבערגעצויגן די קאָלדרע ביז איבער'ן האַלז. נישקשה, וועסט זיך פון מיר ניט באַהאַלטן. איך בין דאָ, זיכער ווי דאָס פינצטערע מזל, זיכער ווי דער טויט. דער לאָמטערן פון דרויסן וואַרפט געגנוג ליכט. ס'איז העל אין צימער. איך וועל דיך ניט פאַרפעלן. אָט שטרעק איך אויס מיינע הענט. דינע, ביינערדיקע, איינגעבויגענע פינגער, ווי די נעגל פון אַ גרויסער חיה. אָבער שטאַרק זיינען זיי. אָנגעצויגן זיינען זיי, ווי אייזערנע צוואַנגען. מיט אָט די פינגער וועל איך אַרומנעמען דיין ווייכן האַלז. ס'וועט געשען בליץ־שנעל. איך שטעל אָן די הענט. איך בויג זיך אַריבער מיט'ן גאַנצן קערפּער. איך שליס צונויף אַלע צען פינגער אַרום דיין פוכקע האַלז. וועסט קיין צייט ניט האָבן אַרויסצולאָזן אַ געשריי. וועסט זיין מיינע. ענגער און ענגער קלאַמערן זיך צונויף די פינגער, פּאַוואָלינקע, אָבער אָן אויפהער קריכן די נעגל אַריין אין דיין ווייכן פלייש. פּאַוואָלינקע, מיט אַ זיסן שווידער, לייג איך אַרויף מיין איינגעדאַרטע ברוסט אַף דיין רייכן הייסן קערפּער. איך פיל, ווי ער וואַרפט זיך. איך פיל, ווי דיין האַרץ קלאַפּט אין דיר מיט מאַכט. קלאַפּ, קלאַפּ גיכער, באַלד וועסטו אויפהערן. באַלד וועסטו זיך שוין מער ניט צאַפּלען. וועסט

ארויסשטעקן אן אנגעשוואָלענע צונג פון דיינע בלאָ־געוואָרענע ליפּן. וועסט ניט שמייכלען, ניין, ניטאָ שוין דער זיסער שמייכל. ניטאָ דער מיידלשער כישוף. דיין פּנים וועט זיין פאַרדרייט אין אַ טויט־גרימאַסע, אַן עקלדיקער פּנים. דיין ווייסער שטערן וועט זיין באַדעקט מיט געשוואָלענע און געפּלאַצטע אָדערן. דיינע מילך־ווייסע ציין וועלן איינפאַלן מיט די יאַסלעס, דיינע האָר — ווען איך וועל פילן, אַז דו רירסט זיך שוין ניט, וועל איך ערשט נעמען צופּן פון דיין קאָפּ דיינע געקרייזלטע האָר. איך וועל זיי רייסן זשמעניעס־ווייז, בונטן־ווייז. איך וועל פון דיר אָפּפליקן די וואָל, ווי פעדערן פון אַ גאַנז, וועסטו ווערן דאָס וואָס דו ביזט — אַ פעטע נאַקעטע גאַנז. איך וועל זיך אַריינגראָבן מיט מיינע שפּיציקע נעגל אין דיינע ארויס־געסטאַרטשעטע אויגן, איך וועל גראָבן טיפער, טיפער, ביז ס'וועט עפּעס פּלאַצן אונטער מיינע פינגער, ס'וועט אַ זעץ טאָן אַ נאַסקייט פון די לעבער, ס'וועט זיין אוים בליצן, ווינקען, שעלמעווען, רופן, לאַכן. אָט, וואַרט...

איך ווייס ניט, וואָס ווייטער מיט מיר איז געווען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער פּאָדלאָגע, מיט'ן קאָפּ לעבן אַ פיסל פון'ם בעט. דער שטערן האָט מיר געשמאַרצט. איך האָב אַ טאַפּ געטאָן מיט די הענט — אַ בלוטיקע וואונד לעבן שלייף. מסתמא זיך אָנ־געקלאַפּט אָן בעט־ראַנד, ווען איך בין געפאַלן. דער קאָפּ איז מיר געווען שווער, דער קערפּער — ווי געליימט. איך האָב זיך קוים געקענט אויפשטעלן אַף די פיס. ס'איז שוין געווען ליכטיק. אין די בוימער האָט זיך געוויקלט אַ נעבל. איך האָב זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַף מיין קושעטקע. פון איר סקריפּ האָט זיך פעליאַ אַ ריר געטאָן אַף איר בעט, עפּעס אַרויסגעמורמלט און זיך איבערגעדרייט אַף אַן אַנדער זייט.

אינדערפרי האָט זי מיט אַ שמייכלנדיקן פּנים דערציילט, אַז זי האָט געזען אַ בייזן חלום: צען אויסגעקרימטע דינע פינגער צילן זיך אַרומצוקלאַמערן איר האַלז, און עפּעס אַ טונקעלס און שווערס לייגט זיך אַף איר ברוסט.

שפרה האָט געלאַכט און געזאָגט:

— האָסט זיך נעכטן איבערגעגעסן מיט אייז־קרים, האָבן זיך דיר גע'חלום'ט בעטלער.

דאָס איז אַלעס. מער איז גאָרניט געשען. איך ווייס, אַז נאָר מיין פיזישע שוואַכקייט האָט מיר געשטערט צו דערמאָרדן אַ מענטשן. אין דעם קריטישן מאָמענט האָבן מיינע נערוון ניט אויסגעהאַלטן. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק. איך, פערזענלאַך, פיל, אַז יענע נאַכט האָב איך אויסגעפירט, וואָס איך האָב געוואָלט. דער רעזולטאַט שפּילט ניט קיין ראָליע. דאָס געפיל, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, די זיסע און שוידערלאַכע פרייד, די געוואַלטיקע אויפרעגונג, די טיפע באַפרידיגונג — די וועט בלייבן מיינע: די וועט באַ מיר קיינער ניט אָפּנעמען. פון יענער נאַכט אָן בין איך רייכער. אָבער פון יענער נאַכט אָן קען איך נאָך ווייניקער פאַרטראָגן, ווען מענטשן זאָגן זיך נאָך דעם פלייִשיקן אָפּגאָט. היינטיקן אָוונט האָב איך געזען, אַז איר זענט גלייך מיט אַלע. האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, וואָס איך טראַכט וועגן אייך. ווייטער גאָרניט. איך לייקן ניט: מיך באַפרידיקט, וואָס איך האָב אייך דערציילט וועגן מיר. אָבער די באַפרידיקונג איז ניט קיין גרויסע. וואָס קענט איר מיר העלפן? וואָס קען עמיצער מיר העלפן?

זייט אַ גוטער: ענטפערט ניט. איר האָט ניט וואָס צו זאָגן. זייט געזונט.. אַז איר וועט אַ צווייטן מאָל קומען אין אונזער שטאָט, וועל איך זען, איך זאָל זיך מיט אייך ניט באַגעגענען. איר דאַרפט מיך ניט באַגלייטן. אַזוינע ווי איך וועט קיין בייז ניט געשען.

די פרוי איז אַוועק פון מיר מיט האַסטיקע טריט. איר גראָער סוועטער האָט זיך באַלד אויסגעמישט מיט דער טונקלקייט פון דער נאַכט.

ווען איך בין געקומען אין מיין האָטעל, איז געווען פיר אַזייגער.
.1923

דער לײדיקגײער.

מע רופט אים לײדיקגײער, כאָטש ער איז בטבע ניט קײן פױלער און איז אײנגעשפּאַנט ניט װײניקער פון זײנע חברים. װי קען עס אַנדערש זײן, אַז ער האָט אַן אַלטע מאַמע אין האָמעל און צװײ אײנגערע שװעסטער אין ברוקלין, װאָס אײנע פון זײ גײט אין האַי־סקול און די אַנדערע האָט אַ השגה צו װערן אַ סאָפּיע ברעסלױ?

„איך בין אַ טאַטע פון קינדער", זאָגט ער אַמאָל אין גוטן מוט — און טוט אַ שמײכל מיט זײן ברײטן אָפענעם שמײכל.

נישקשה, ער שלעפּט אַ גאַנץ פײנעם װאָגן, דאָס װעט ניט לײ־קענער קײנער, און דאָך...

מיר דאַכט זיך, אַז צוליבן שמײכל אַלײן װאָלטן בכבוד׳יקע מענטשן אים געדאַרפט אָנרופן „װינט און פעלד", אָדער „הפקר־פעטרושקע", אָדער „לײדיקגײער", אָדער אַן אַנדער אַזאַ נאָמען, װאָס זאָל װײזן, אַז זײ, די בכבוד׳יקע מענטשן, זענען מיט אים ניט שוה בשוה. װאָרים, טאַקע, װי שיקט זיך דאָס, אַז אַ בחור פון דרײסיק יאָר, אַ מאַכער פון קורצע קינדערשע הויזן און אַ שקלאַף פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, זאָל זיך פאַרגינען עפענען אַ פול מויל מיט װײסע צײן, פאַנאַנדערציען עס פון אײן אויער ביז׳ן אַנדערן, פאַררײסן די נאָז אַרויף־צו, צום שטערן, פאַרקנײטשן די הויט פונ׳ם שטערן אין אַ פּאָר צענדליק פעלדלאַך, און געבן אַף אײך אַזאַ בלישטש מיט אַ געזונטן און פרײלאַכן שמײכל, אַקוראַט װי זײנע שיפן װאָלטן געגאַנגען אַף אַלע ימים און אַקוראַט װי ער װיל אײך אָפּגעבן מזל־טוב מיט אײערן אַ גרויסן געװינס.

שטעלט אײך פאָר, אַז צוליב׳ן שמײכל האָט מען אײנמאָל שיעור ניט געמאַכט אַן „אָביסק" אין זײן דירה. װי אַזוי? גאָר פּשוט. אין דעם הויז, װאו ער װאױנט מיט זײנע שװעסטער, איז דאָ אַ שומר, אַ דזשעניטאָר, און אַלע פרימאָרגן, אַז אונזער לײדיקגײער גײט צו דער אַרבײט, זאָגט ער דעם אַלטן אײרישן גוי אַ ברײטן „גוט מאָרגן" און טוט אַף אים אַ לײכט מיט זײן ברײטן שמײכל. איז דאָך דער אײרישער גוי, מסתמא, אַ טרוקענער און אַ בײזער, מיט אַן אײנגע־

צווגענעם פּנים און איינגעפאַלענע באַקן און מיט אַ גאַל, וואָס לאָזט אים ניט רוען; בלייבט באַ אים, אַז אַ מענטש, וואָס שמייכלט אַזוי אַלע אײנדערפרי, מוז ניט אַנדערש האָבן אין זיין וואוינונג אַ פאַבריקל פון בראַנפן. גייט ער, מסתמא, דער בייזער שומר, און גיט אָנ־צוהערעניש זיינעם אַ גוטן פריינד פון די געזעץ־היטער, און אין איין שיינעם אָוונט קומט אַריין צו אונזער לײדיקגייער אַ כאַפּטע שקצים מיט צייכנס אונטער די רעקלאַך און רעוואָלווערס אין די ידים — און זוכן בראַנפן. די מיידלאַך האָבן זיך דערשראָקן, אָבער דער לײדיק־גייער האָט זיך זייער פריינטלאַך באַגריסט מיט די געסט און האָט צו זיי געשמייכלט, אַקוראַט ווי ער וואָלט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אַף זייער קומען. ס'איז אַ לאַנגע מעשה, אָבער דער קיצור איז, אַז חברה שקצים האָט זיך באַ אים דערפילט זייער היימיש, מ'איז באַלד געוואָרן חבר־לאַפּ, קיין אָביסק האָט מען שוין דוקא ניט געמאַכט, און אַז מ'האָט שוין געהאַט אָפּגעטרונקען אײנאײנעם טיי און מ'האָט אָנגע־שטעלט די וויקטראָלאַ אַף צו טאַנצן, האָבן ערשט די געסט אַרויסגע־שלעפּט די גוטע פלעשלאַך פון די הינטערשטע הויזן־קעשענעס, מ'האָט זייער פיין גענומען צו קאַפּעטשקעס און די שמחה האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס'איז אַ סברא, אַז פון דעמאָלט אָן איז אונזער לײדיקגייער באַוואָרנט מיט'ן זיסן טראָפּן — און דוקא אָן אַ גראָשן געלט. נאָר אַזוי ווי אין דעם פּרט איז, ווי דער רום זאָגט: „ריידן — זילבער, שווייגן — גאָלד", וועל איך שוין בעסער מאַכן אַ שווייג.

די מעשה מיט די געסט וועט אונז באַווייזן, אַז אונזער לײדיק־גייער איז באַ זיך ניט קיין גדלן. איך קען עדות זאָגן, אַז ער איז קיינמאָל אין שול ניט געגאַנגען און קיין סאָציאַלע טעאָריעס האָט ער ניט געלערנט. אָבער ערגעץ פון זיין אײגענער נשמה האָט ער אויס־געאַרבעט אַ פּראַקטישע טעאָריע פון מענטשלאַכער גלייכקייט. „אַ מענטש איז אַ מענטש", זאָגט ער, „און אַז מע רעדט, קען מען זיך דערררעדן". אים איז אַלץ איינס: אַ בעטלער אין גאַס, אַ שוואַרצער נעגערשער גלח, די גראָבע איטאַליענישע גויע מיט דער וואַסער־קראַנקהייט, די זינג־לערערין פון זיין אײנגערער שוועסטער. פאַר יעדן האָט ער דעם פריילאַכן „גוט מאָרגן" מיט'ן שמייכל, און אַז ער גיט יענעם אַ האַנט, איז אין דעם דרוק פאַראַן וואַרימקייט.

איז, אַז מיר האַלטן שוין דערביי, מוז מען אויסזאָגן, אַז צוליב אַט דער פּראַקטישער טעאָריע פון גלייכקייט שטעלט ער זיך אַמאָל אוועק אין אַ פּריקרע לאַגע. למשל, די באַסעס. כאָטש גיב זיי אַ קריינק, קענען זיי ניט פאַרליידן, ווען אַן אַרבעטער שמייכלט צו זיי אַט אַזוי, מעשה גוטער ברודער. ווער שמועסט נאָך, אַז אונזער ליידיק-גייער שטרעקט אויס אַ האַנט און זאָגט דעם בריטן „האַו דו יו דו", אַקוראַט ווי ער האָט מיט'ן באַס אינאיינעם חזירים געפּאַשעט, ווערט יענעם קאַלעמוטנע. פרעגט פאַרוואָס, ווען דער בעל־דבר אַליין אפשר ניט וועלן מודה זיין, אַז דאָ איז ניט נאָר באַליידיקטע ווירדע („סטייטש, ווי דערוועגט מען זיך אַזוי ריידן מיט אַ באַס"), נאָר עס איז אויך קנאה: „ווי קען זיך אַ פּשוט'ער אַרבעטער פאַרגינען האָבן אַזוינע גלאַטע לונג און לעבער".

נאָר איך האָב געוואָלט דערציילן, פאַרוואָס מע רופט אים ליידיק-גייער — און איך ווייס, אַז ס'איז ניט קיין לייכטע אַרבעט. ס'ווענדט זיך אָן דעם, ווי דער מענטש באַציט זיך צו דער אַרבעט און צום לעבן. אשטייגער: דער שאָפּ. אַנדערע קומען פאַרזאָרגטע, שווערע, אָנגעלאָדענע. אונזער העלד נעמט דאָס בינטל אַרבעט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געזאָגט: „פּכע, אויך מיר אַן אַרבעט. אין איינע זיבן־אַכט שעה בין איך פאַרטיק". פעלט אַמאָל אויס אַרבעט, גייט מען אַרום ליידיק, „היינגט" מען אַרום די מאַשינען, איז ביי אַנדערע אָן אומעט אין די אויגן און אַ שווער וואָרט אויף די ליפּן. אָבער אַ קוק טאָן אויף אונזער ליידיקגייער, דאַכט זיך, אַז ער האָט קוים דער־לעבט די פרייע מינוטן. קומט צום קאָנווערטל מיט'ן די דאָלערס, איז בא אַנדערע אָנגעשריבן אויף די פּנים'ער אַ מורא פאַר'ן דלות, אַ זשעדנעקייט, אַ קלאָג דעם באַס. אונזער חברה־מאַן נעמט דעם קאָנווערט און טוט זיך אַ ציִ־אויס מיט'ן גאַנצן קערפּער און אַ גלייך־אויס די פּלייצע, ווי איינער רעדט: „ס'וועט שוין זיין חי געלעבט!"

אָבער דער עיקר ליידיקגייעריי איז בא אים נאָך דער אַרבעט. דער שאָפּ איז בא אים אַ מין אינצידענט, עפּעס אַן איבערשלאָג צווישן איין ליידיקגיין און דעם צווייטן. אַרויסגעגאַנגען פון דעם שאָפּ, איילט ער זיך ניט, ווי אַלע חברים. וואָס איז זיך דאָ צו איילן? אין דער היים ווייסט מען שוין, אַז אויב ער קומט ניט צו דער צייט, זאָל מען אויף אים ניט וואַרטן. און אונזער בחור לאָזט זיך אוועק איבער די

גאַסן, „איבער זיינע מאַיאַנטקעס״, ווי ער רופט עס, און וואָס קען ער דאָרט ניט געפינען? ער האָט פיינט צו פאָרן מיט דער שטאָט־באַן, און ער זאָגט, אַז קיינער ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר מאָדנע ווינקעלאך ס'איז דאָ אין אַ גרויסער שטאָט. מע דאַרף נאָר ניט דורכ־לויפן אין איילעניש און אין בהלה. גייט זיך אונזער בחור, פאַרגייט אין קליינינקע גאָט־פאַרלאָזענע קאָפּע־הייזער, וואו עס זיצן טשיקאַווע מענטשן און ריידן טשיקאַווע פרעמדע שפּראַכן. פאַרקריכט ער אין מערק, וואו געזונטע יונגען באַלעבאַטעווען צווישן בערג מיט ציבעלעס, קרויט, עפּל, קאַרטאָפל. ווערט ער מגולגל צום האַפן, וואו מע גרוזעט אוים פון באַרזשעס אַלערליי פעסער און קוישן און קערב און פעקלאך. ווערט ער אַ חבר מיט מאַטראָסן, באַן־אַרבעטער, וועכטער, קעשענע־גנבים, טרעמפּס, ציימונג־פאַרקויפער. גיט מען אים אַ סיגאַרעט און ער גיט יענעם אַ סיגאַרעט — און ס'גייט אַוועק אַ געשפּרעך. און ס'איז אינטערעסאַנט.

אַליין איז ער אַ איד, פון דער היים אַ שטיקל לערנער, און זיין ענגליש איז דוקא ניט הונדערט־פּראָצענטיק. אָבער אין דער גרויסער שטאָט, אין דער פאַרשיידנאַרטיקער וועלט, וואָס ער באַגעגנט, איז דאָס פאַר אים ניט קיין שטער. ער איז ער — און ווייטער גאָרניט. ס'האָט נאָך, זאָגט ער, קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז מ'זאָל אים באַליידיקן מיט אַ גראָב וואָרט. „וואָס קען מען האָבן צו מיר?״ — פרעגט ער תמימות'דיק, און זיינע גרויסע טונקעלע אויגן קוקן אייך גלייך אין פּנים אַריין, — שיעור־שיעור עס פלאַטערט אין זיי ניט אַ שמייכל.

אַליין איז ער אַ ברייט־פּלייצעדיקער, אַ גרוים־קאָפּיקער, ניט הויך געוואַקסן, מיט אַ שטערן, ווי אַ ברייטער געלבלאַכער פּאַס, און מיט צוויי שוואַרצע דינע וואָנצעלאך, וואָס הויבן זיך אָן בא די פליגלען פון דער נאָז און לאָזן הויל דעם מיט פון דער אויבערשטער ליפּ. די וואָנצעלאך האָבן אַ טבע, אַז זיי רירן זיך, און ווען ער שמייכלט, אַנט־לויפן זיי צו די אויערן. זיין גאַמבע איז אַ ברייטע און אַ פעסטע — און אינגאַנצן מאַכט ער דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אויסגע־טעסעט פון איין שטיק טונקעלן האָלץ. ער איז אַ געזונטער בחור — און אונטער אַ נויט קען ער זיין שטעטל באַשטיין.

עס איז שאָד, זאָגט ער, וואָס ער איז אַ „טאַטע״, אַניט וואָלט ער אַרומגעגאַנגען אַלע זיינע יאָרן און וואו ער וואָלט געטאָגט וואָלט ער

ניט גענעכטיקט. אפילו איצט אויך מאכט זיך, אז ער קומט ניט אהיים שלאפן. די שוועסטער זארגן זיך שוין ניט, ווען זיי בלייבן אליין איבער נאכט. זיי ווייסן: ס'וועט אים קיין בייז ניט טרעפן. וואו פארברייינגט ער די נאכט? אמאל אין א פינף און צוואנציק סענטיקן האטעל, אמאל אין פארק, אמאל אפילו אין פאליציי־הויז — אבער כסדר מיט קאמפאניע, מיט „אינטערעסאנטע מענטשן", ווי ער דריקט זיך אויס. א כלל איז בא אים, אז פון קאמפאניע שטייט ער ניט אפ. אין די הונגער־חדשים איז ער אפילו געשטאנען אין ריי מיט אן עולם ארבעטסלאזע פאר דעם הויז פון דער סאלוויישאן ארמיי. זומער פארברייינגט ער אמאל א נאכט הינטער'ן שטאט אין א סקירדע היי אדער אין א שטאל בא א פארמער. אבער מ'איז דאך געבונדן צו דער ארבעט, קערט ער זיך אום אינדערפרי אין זיין שאפ. אין אזוינע טעג איז ער א שטילער, א פארטראכטער, ווי א ניט־היגער. פרעגט מען אים עפעס, כאפט ער זיך אויף ווי פון א חלום.

א פאר מאל אין יאר, געוויינטלאך אנהויב פרילינג און סוף זומער, פאלט אף אים אן די וואנדערלוסט, געזעגנט ער זיך מיט די אייגענע און ווערט פארפאלן אף א וואך אדער צוויי. וואס טוט ער? ער גייט. קיין געלט נעמט ער ניט מיט. קיין קליידער אויך ניט. ער לאזט זיך אוועק, ווי ער שטייט און גייט. אמאל פארדינגט ער זיך אף א טאג־צוויי אין א פארם, אמאל העלפט ער ארוים אף א בארזשע, אמאל בעטעלט ער אויך. ס'איז אים אלץ איינס. בעטלען איז אים גרינג. ער קומט צוגיין צו פרעמדע מענטשן, ווי צו אייגענע, טוט א שמייכל ווי אן אלטער גוטער פריינט, זאגט, ער וויל עפעס עסן. און ס'טרעפט זיך ניט, אז מ'זאל אים ווייזן די טיר. אמת, ער גייט ניט צו קיין רייכע.

אהיים קומט ער א פארברוינטער, אן אויסגעמאגערטער, מיט צע־ריסענע שיך און אויסגעריבענע ארבל. עס שמעקט פון אים מיט ערד און פרישער לופט און וועלדער. פרעגט מען אים, וואו ער איז געוועזן, שמייכלט ער שעמעוודיק און ענטפערט: „עט, געבראדזיעט". אין שאפ ארבעט ער מיט חשק, אבער דער איינדרוק איז, אז ער ארבעט ניט, נאר ער איז צופעליק ארייננגעפאלן צווישן גוטע באקאנטע און אט וועט ער אוועקלייגן דאס געניי און וועט גיין ערגעץ אין אן ארט, וואו מעווארט אף אים און עס איז פריילאך.

פון פּאָליטיק ווים ער ניט וויסן, און פאַר מיטינג־זאָלן האָט ער מורא. מע דאַרף, זאָגט ער, האָבן טאַלאַנט צו קהל'שער אַרבעט — און אים ציט צו „בראָדזיען". דערביי טוט ער אַ גלייך־אויס זיין קערפּער און אַ גלאַנץ אַף אייך מיט'ן שמייכל. ווילט איר שוין מיט אים מער ניט טענה'ן.

איך וויים ניט, וואָס עס ליגט אין דעם נפש, נאָר איך בין זיך מודה: אַז איך באַגעגן אים אַמאָל, ווערט מיר גרינג אַף דער נשמה. זאָל דאָס זיין דערפאַר, וואָס אים אַליין איז גרינג און אַלצדינג איז אים הפקר?

פאַרוואָס זאָלן מיר אַלע זיך אַמאָל ניט קענען זאָגן: „כאַפּט עס דער טייוול!" — און כאַטש איין טאָג אָטעמען פריי און הפקר'דיק און ברייט? אפשר וואָלטן מיר נאָכדעם מער געקענט אויפטאָן אין די טעג פון אונזער אַרבעט.

1923.

חבר שיין און דער נפש.

חבר שיין האָט שוין לאַנג ניט געפילט אַזאַ לייכטקייט, ווי יענעם באַטאָג. ער האָט געשפּאַנט מיט עלאַסטישע טריט איבער'ן פעלד, הינטער'ן שטאָט, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז גאָר קיין זאָרג און קיין פינצטערניש ניטאָ אַף דער וועלט. די זון האָט געשיינט איבער'ן קאָפּ מיט אַ וואַרימען שמייכל. דאָס פעלד האָט שוין דאָ און דאָרט אַרויסגעשטרעקט קוסטעס געדיכטע טונקל־גרינע גראָז. דאָס וואַסער אין די לוזשעס האָט געפינקלט ווי פּערלמוטער און בורשטין. אַפילו אַף די הויפנס אַלטע צוגעטרעטענע קוילן האָבן זיך דאָ און דאָרט אָנגעצונדן שוואַרצע פלימערלאַך, ווי בריליאַנטן.

חבר שיינ'ען איז געווען גרינג אַף דער נשמה. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פיס טראָגן אים איבער'ן פעלד גאָר אָן זיין ווילן. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגן ווינטער אָנגעפּילט מיט אַרבעט האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט אויסער'ן שטאָט, אַף דער פריי. הינטער זיך

האָט חבר שיין געפּילט די הויכע קוימענס מיט די פעטע רויך־וואָלקנס פון דער שטאָט. דעריבער האָט דאָס פעלד געהאַט אין זיינע אויגן אַ באַזונדערן חן.

דער אמת איז, אַז די לייכטקייט און רואיקייט זיינען געקומען צו חבר שיינ'ען ניט פון דעם פעלד און ניט פון דער זון, נאָר פון אינ־ווייניק, פון די טיפענישן פון זיין געמיט. חבר שיין האָט זיך גע־פונען אין יענעם זעלטענעם צושטאַנד, ווען אַ מענטש פילט, אַז דאָס לעבן איז רייך און פול, אַז די מענטשהייט גייט פאָראויס און אַז ער אַליין טוט דאָס בעסטע, אַף וואָס ס'באַפייאיקט אים זיין נאַטור.

חבר שיין איז אַרויפגעגאַנגען אַף אַ בערגל, וואו ס'זענען גע־שטאַנען צוויי אַלטע בוימער און עטלאַכע קוסטעס. פונ'ם בערגל האָט מען געקענט זען די שטאָט אַף איין זייט, דעם טייך אַף אַ צווייטער. דער טייך איז זיך פאַנאַנדערגעשוואומען אין עטלאַכע פלאַכע אָזערעס פאַרוואַקסן מיט אַאיר, און איבער אַלץ איז געגאַנגען אַ לאַנגע גלייכע דאַמבע פאַר די אייזנבאַן־רעלצן. אַף דער דאַמבע איז געפאָרן אַ צוג — און חבר שיינ'ען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון דאָרט גריסט מען אים מיט אַ ליבלאַכן פאָכן פון טיכלאַך.

חבר שיין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַן אַלטן קלאָץ אונטער אַ בוים. איידער ער האָט זיך געזעצט, האָט ער אונטערגעצויגן די הויזן פון זיין נייעם גראָען אַנצוג, כדי עס זאָלן ניט ווערן קיין טאָרבעס אַף די קני. זיצנדיק, האָט ער אויסגעצויגן די פיס און אַ קוק געטאָן אַף די נייע ברוינע שיך מיט די ברוינע געשטרייפטע זאָקן, וואָס זיינען געלעגן ווי אויסגעגאָסן אַף זיינע פיס. חבר שיין האָט אַ טראַכט געטאָן, וואָס פאַר אַ קראַפט ס'איז דאָ אין קליידער: ווען מען טוט אָן אַ נייעם אַנצוג מיט נייע שיך, און ווען דאָס איז געמאַכט פון גוטן שטאָף און ליגט גוט, פילט מען זיך אַליין ווי אַ נייער. חבר שיין האָט שמייכלענדיק אַ גלעט געטאָן דאָס ווייכע געוואַנט פון זיין רעקל. „אַ פיין רעקל", האָט ער געטראַכט, און ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט אויסגעקליבן דעם אַנצוג מיט די צוויי שורות קנעפּ.

אָבער אינווייניק באַ זיך האָט חבר שיין געוואוסט, אַז ניט פון די קליידער פילט ער זיך ווי אַ נייער. ווען דאָס קלאַפּן פונ'ם צוג איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַף יענער זייט אָזערעס און די זון האָט

דורכ׳ן בוים אָנגעוואָרימט זיינע פיס אין די נייע ברוינע שיך, האָט
ער פאַרמאַכט די אויגן און געזען דעם מיטינג. אין די אויערן
האָבן נאָך געקלונגען איינצלנע פראַזן פון זיין רעדע. ס׳איז געווען
אַ געלונגענע רעדע. קאָפּ אָף קאָפּ איז מען געזעסן אין דעם טעאַטער,
וואו ביינאַכט ווערן פילם־בילדער געוויזן. העט ביז אין די לעצטע
ביינק פון דער גאַלעריי האָט דערגרייכט זיין שטימע. ער האָט גע־
רעדט פון די באַרויבטע, וואָס שאַפן אַלצדינק און אַליין זעען זיי ניט
די פרייד פון דער וועלט. ער האָט גערעדט פון דער גרויסער שיינ־
קייט, דער גרויסער מענטשלאַכקייט, וואָס ווערט פאַרגוואַלטיקט דורך
די הערשער פון אונזער לעבן. ער האָט גערעדט פון הייליקן פייער,
פון רעוואָלט, פון אומוואָרף, פון בויען אַ נייע וועלט. ער האָט אָנ־
געצונדן דאָס האַרץ פון זיינע הערער. פּראָסטע אַרבעטער, שלעכט־
באַצאָלטע, באַליידיקטע און פאַרוויסטע, מערסטנס קוילן־גראָבער און
אייזן־גיסער, האָבן דערפילט דעם הייליקן ציטער פון אַן אָנזאָג אָף
בעסערע צייטן.

חבר שיין האָט ניט געוואָלט איבער׳חזר׳ן די רעדע. ער האָט
געפּרופט אָפּשטעלן דאָס שוועבן פון בילדער אין זיין מח. אָבער ווי
פונקען האָבן אַלע מאָל אויפגעבליצט זכרונות פון אַ געלונגענעם
אויסדרוק, — אַ וואָלד פון הענט קלאַפּט בראַוואָ, הילך־געשרייען
רייסן שיר ניט אויף דעם טעאַטער. ס׳איז געווען אַ געלונגענע זאַך
— אַרויסרוקן זיך דורך דער סצענע־טיר און אַוועק אין פעלד, זיין
אַליין מיט זיך אַ שטיקל צייט, — וואָס אַ פאַראַנטוואָרטלאַכן
פּאַרטיי־טוער געלינגט דאָס זעלטן, דערהויפּט אין אַ פרעמדער שטאָט.

זיצנדיק אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט חבר שיין געפילט
די זון אין הימל, דאָס ווייכע ווינטעלע, וואָס האָט געגלעט זיין פּנים,
דאָס ווייכע געוואַנט, וואָס האָט זיך געלאַשטשעט צו זיין קערפּער,
און די לייכטקייט און דעם פרידן, וואָס קומען נאָר צו מענטשן, ווען
זיי ווייסן, אַז זיי דערפילן זייער פליכט. חבר שיינ׳ען האָט זיך
אויסגעדאַכט, אַז דער רויש פון דער גרויסער אייזן־שטאָט, וואָס האָט
זיך געהערט פון דער ווייטנס, איז אַ מאָדנע מוזיק. „אַזויפיל שיינ־
קייט איז דאָ אינ׳ם ריטם פון אַרבעט", האָט ער זיך געטראַכט,
רייבנדיק דעם שטערן מיט אַ ריינער ווייסער האַנט.

ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער געזען, אַז ער איז

ניט אליין. לעבן בוים איז געשטאַנען אַ גרויסער, ברייטביינערדיקער יונג מיט אַ צעקנייטשטן היטל אַפּ׳ן צעשויבערטן קאָפּ. זיינע פּיס האָבן געשטעקט אין צוויי אַלטע שקראַבעס. פון די קורצע אַרבל האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט צוויי גרויסע שווערע הענט, ווי מאָדנע שוואַרצע האַמערס. דער יונג האָט געהאַט אַ טונקל־ברוין פּנים פאַרוואַקסן מיט קורצע האָר. חבר שיינ׳ען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ רויטער קאַרב איבער דער לינקער באַק און אַ ווינקל שטערן. חבר שיין האָט זיך דערפרייט אומהיימלאַך.

דער מאַן איז געשטאַנען און געקוקט אַף שיינ׳ען. איין קני אין אַ צעלומפּטן פלודער האָט בא אים שטיל געציטערט.

חבר שיין האָט זיך ניט געוואָלט מודה זיין, אַז ער האָט מורא צו זיין איינער אַליין אין פעלד מיט אָט דעם נפש. חבר שיין האָט געוואוסט, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אַן אַרבעטסמאַן. האָט מען דען ניט געזען אָן די הענט, אַז דאָס איז אַ שווערער האָרעפּאַשניק?

חבר שיין האָט געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס.

— אַ פיינער טאָג, נישט? — האָט ער געזאָגט.

יענער האָט אַ קרים געטאָן אַ ווינקל מויל.

— ווי פאַר וועמען, — האָט ער אַרויסגעקוועטשט פון צווישן די ציין, דערביי האָט ער נאָך טיפער איינגעצויגן זיינע איינגעפאַלענע באַקן.

חבר שיין האָט זיך אָפּגערוקט צום עק קלאָץ און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ באַלעבאָס, וואָס לאַדט איין געסט:

— ווילט איר זיך צוזעצן?

דער נפש האָט אַ ווײַלע ניט געענטפערט, נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר חבר שיינ׳ען, מיט די שקראַבעס פונקט פאַר די נעזער פון די נייע ברוינע שיך. חבר שיין האָט דערפילט, אַז ס׳ווערט אים קאַלט אין די פיס.

דער נפש האָט זיך איבערגעבויגן צו חבר שיינ׳ען, דערביי האָט יענער דערזען דאָס צעבראָסטעטע קויטיקע העמד מיט אַ שטיקל ווייסלאַכן בויך, וואָס איז אַרויסגעקראָכן דורך אַ ריס. חבר שיין האָט געוואָלט אויפשטיין, נאָר איידער ער האָט דאָס אויסגעפירט, האָט ער דערהערט, ווי דער נפש זאָגט:

— נו, גיב אהער די בעבעכעס.
חבר שיין האָט ניט פאַרשטאַנען.
— וואָס ?
יענער האָט נאָך שטייפער צונויפגעפּרעסט די ציין און אַרויס־געבראָמט :
— מאַך זיך ניט יאַלדיש. גיב אהער די עלעגאַנץ.
חבר שיין איז שוין געשטאַנען אויף די פיס.
— איר מיינט דאָך ניט... — האָט ער געשטאַמעלט און זיך אַליין געשעמט, וואָס ער פילט, אַז ער ווערט בלייך.
דער נפש האָט אַרויסגערעדט גאַנץ שאַרף, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט :
— יאָ, איך מיין דו זאָלסט אויסטאָן דעם אָנצוג. גיב אים אהער, שנעל.
חבר שיין איז געווען אַ מענטש פון אַרגומענטן. ער האָט געגלויבט, אַז אַלצדינג דאַרף מען דערקלערן.
ער האָט געזאָגט :
— אָבער, וואָס הייסט דאָס ?
דער נפש איז צוגעגאַנגען גאָר נאָנט. חבר שיין האָט דערפילט זיין הייסן אָטעם. חבר שיין האָט דערפילט אַ גערוך פון פוילן קנאָבל. דעם פרעמדנ׳ס ווערטער זיינען געווען הייס און גראָב :
— דאָס הייסט, אַז דו האָסט אַ שיינעם אָנצוג און איך האָב ניט. איך דאַרף אים האָבן. ריר זיך, אַניט...
אַ שווערער קנייטשיקער קולאַק, ווי אַן אייזערנע קלאָץ, איז אויסגעוואַקסן פאַר חבר שיינ׳ס אויגן.
חבר שיין האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן לעצטן מיטל :
— איר מיינט מסתמא, אַז איך בין אַ קאַפּיטאַליסט, אַ רויבער פון אַרימע. איר האָט אַ טעות. איך בין אַליין...
דער נפש האָט אים איבערגעשלאָגן :
— בעבע ניט... כ׳בין געווען אין טעאַטער. געהערט דיין פּישטשען. קענסט גוט שאָקלען מיט דער צונג. אַ געשוויר דיר אין פּיסק.
— נו, און אַז דו ביזט דאָרט געווען, ווייסטו דאָך, אַז איך בין אַ פריינט פון די אונטערדריקטע, איך בין אויך דיין פריינט...

יענער האָט גרימיק אַ לאַך געטאָן, און ס'איז געווען ווי אַ שטאָך:

— דו — מיין פריינט? ס'אַ פּאַסקודנער ליגן. האָסט אַמאָל געפּרופט נעבטיקן אונטער'ן הימל אין אַ קאַלטער נאַכט? האָסט געפּרופט ארומגיין זיבן חדשים אָן ארבעט? האָסט געפּרופט עסן פון אַ מיסט־קאַסטן? „מיין פריינט"! געפונען אַ פריינט!

חבר שיין האָט זיך דערפילט, ווי אויף אַ דעבאַטע, ווען דער געגנער האָט אַן אומגעריכטן שטאַרקן ארגומענט. ער האָט געזאָגט:

— ס'איז אבער ניט מיין שולד!

— ס'איז אבער ניט מיינע אויך! — האָט יענער שוין גאַנץ קאַלט געענטפערט, אָבער אין דער קאַלטקייט איז געווען די שאַרף פון אַ מעסער.

חבר שיין האָט געזאָגט:

— דאַרף מען קעמפן ס'זאָל זיין אַלעמען בעסער...

דער נפש האָט זיך שוין אינגאַנצן צוגערוקט צו שיינ'ען. פון זיין מויל האָט זיך געטראָגן אַ שלעכטער ריח, זיינע ווערטער האָבן זיך ווי דערנער געטשעפּעט אין שיינ'ס אויערן:

— דיר איז גוט צו קעמפן, האָסט ווערטער, אַ בראָך איז דיר, האָסט אַ סך וואוילע ווערטער, האָסט אַ שטוב, האָסט אַ ווייכע סאָפע, האָסט אַ ווייך מיידל, האָסט ווייסע הענט... איך — ווי אַזוי זאָל איך קעמפן...

— אָבער איך בין דאָך ניט דיין שונא! — האָט שוין חבר שיין אין פארצווייפלונג אויסגעשריען.

אַ קלאַפּ איבער'ן קאָפּ האָט געענטפערט אויף זיין אויסרוף. פאַלנדיק האָט זיך אים געדאַכט, ווי אימעצער זאָגט:

— כ'וועל דיר ווייזן אַ שונא.

ווען חבר שיין איז געקומען צו זיך, האָט ער שוין ניט געהאַט אויף זיך דאָס רעקל, די שיך און דאָס אויבערהעמד. דער נפש האָט געצויגן פון אים די הויזן און געברומט:

— אַ פריינט, אַ טייערער פריינט, אַ וויסטע מהומה אין זיין טאַטנס ביינער.

חבר שיין האָט זיך אויפגעזעצט.

דער נפש האָט אַ קאָמענדעווע געטאָן.

— שטיי אויף!

חבר שיין האָט געפאָלגט.

— טו אוים די הויזן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין א פערטל שעה ארום האָט חבר שיין זיך געשלעפּט צו דער שטאָט א באָרוויסער, אין די צעלומפּטע הויזן און דעם צעריסענעם העמד פון'ם נפש, וועלכער איז אוועק אין דער ריכטונג צו די אייזנבאַן־רעלצן. די זון האָט נאָך אַלץ געשיינט, און דאָס גראָז האָט געגרינט, און אומעטום איז געווען וועסנע, נאָר חבר שיינ'ען איז שוין ניט געווען גרינג און יום־ט ב'דיק אַף דער נשמה.

מיט דער געוואוינטקייט פון א טוער, וואָס דאַרף אַלצדינג פאַר־מולירן, איז ער געגאַנגען איבער'ן פעלד און אַלץ געטראַכט:

— ווער איז שולדיק? אדרבא, ווער איז שולדיק?

.1925

דער סענט.

מיסטער טאָמפּסאָן האָט געסמאַטשקעט מיט די ליפּן און געקוקט אַף דער מענטשהייט מיט אומצופרידענע אויגן. די מענטש־הייט איז געזעסן איבער טישלאַך און געשמאַק געאַרבעט מיט ציין און צינגער. די מענטשהייט האָט זיך געאײַלט צוריקקערן אין צייט צו די אָפיסעס איינס אזייגער. אָבער אפילו די אײַלעניש איז מר. טאָמפּסאָנען געווען ניט צום הארצן. אַלצדינג איז אים געווען ניט צום הארצן. „זיי פרעסן אַלע מיט אזא אפּעטיט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געקומען פון געיעג", האָט ער געברומט אָן ווערטער. מר. טאָמפּסאָן האָט ניט געהאַט קיין אַפּעטיט. מר. טאָמפּסאָנען האָט געאַרט, וואָס ער האָט קיין אַפּעטיט ניט. אָן אַפּעטיט האָט די וועלט ניט געהאַט קיין טעם. מר. טאָמפּסאָן האָט קוים אויפגעגעסן דריי פון דעם שיסעלע אַליוון, וואָס דער קעלנער האָט פאַר אים אוועקגע־שטעלט אין א בעט פון אייז. די קנאַקעדיקע שטאַמען סעלערי, וואָס

זענען געלעגן אין אַ שמאָלער פּאָרצעלייענער וואַזע מיט גאָלדענע בלימעלאַך, האָבן אים אויסגעזען האַרט און ביטערלאַך, און ער האָט אויפגעגעסן נאָר צוויי מיט אַ שטיקל. דער עיקר האָבן אים אָבער פאַרדראָסן די אָיסטערס. ער האָט ניט געהאַט קיין הנאה פון די אָיסטערס. זיי זיינען געווען צו־גרויס און געשמעקט מיט ערד. ווי קומען אָיסטערס שמעקן נאָך ערד? דער כריין, וואָס ער האָט ארויפגעלייגט אַף יעדן אָיסטער אין אַ קליין ווייסלאַך בערגעלע, איז געווען אַלט און האָט זיך געפילט אונטער די ציין ווי צעמאָלענע תאָלץ. די קיילאַכדיקע קליינע קרעקערס — די „אָיסטערעטס" — זענען געווען ווייך. אַרום און אַרום איז באַ מר. טאָמפּסאָנען אַף די ליפּן פאַרבליבן אַ שלעכטער נאָך־טעם פון די פיר אָיסטערס, וואָס ער האָט קוים באַוויזן אריינצושלינגען. „פע", — האָט ער זיך געקרימט און געסמאָטשקעט מיט די ליפּן. אַף די ליפּן איז געלעגן עפּעס אַ מין פעטקייט, וואָס איז געקומען פון אינווייניק און האָט זיך ניט געלזאָט אָפּווישן מיט דער סערוועטקע. מר. טאָמפּסאָנען האָט געעקלט.

זיצנדיק און וואַרטנדיק אַפ'ן זופּ, וואָס דער קעלנער האָט פאַרגעסן צו ברענגען — „אַן אייביקייט דאַרף מען וואַרטן אַף אַ טעלער פאַרקילטע הינער־זופּ! און דאַכט זיך, וואָס איז דאָ די אַרבעט? דער מאכל איז פאַרטיק אין אייז־באָקס!" — האָט מר. טאָמפּסאָן אַלץ געפּראָוווט דערגרונטעווען, פון וואַנען עס נעמט זיך באַ אים אַזאַ עמפּינדונג. ס'לייגט זיך דאָך ניט אַפ'ן שכל, אַז דאָס זאָל זיין דער רעזולטאַט פון נעכטן. אמת, מ'איז געזעסן ביז צוויי באַנאַכט. אָבער דאָס עסן איז דאָך געווען גוט, און די וויסקי האָט געשטאַמט דירעקט פון שאָטלאַנד. זאָל דאָס זיין דער קאָניאַק? האָט ער סך־הכל אויסגעטרונקען צוויי גלעזלאַך. און בכלל, פון וואַנען אַן איז דאָס געוואָרן אַ מאָדע, אַז ווען ער, דזשאָן טאָמפּסאָן, זיצט אָפּ באַ אַ וויסט־פּאַרטי ביז צוויי ביינאַכט, זאָל ער נאָכדעם ניט פילן קיין טעם אינ'ם לאָנטש? זאָל דאָס הייסן, אַז ער ווערט אַלט?

באַ דעם געדאַנק טוט מר. טאָמפּסאָנען אַ קיל אונטער'ן לעפעלע, און די „סמאַ" אַף די ליפּן ווערט געדיכטער און פעטער. מר. טאָמפּסאָן כאַפּט אַ קוק אין דער שפּיגל־וואַנט איבער'ן טישל און זעט אַ קיילעכדיקן רויטן פּנים אָנגעגאָסן מיט בלוט, אַ קיילעכדיקן נאַקעטן

שארבן און א פּאָר גרויסע פליישיקע ליפּן, וואָס די אונטערשטע איז ארויסגערוקט פאָראויס און היינגט אביסל ארונטער. מר. טאָמפּסאָן באטראכט די קנייטשן ארום די קליינע גראָע אויגן און איז צופרידן: היינט איז גראָד ווייניקער קנייטשן, ווי שטענדיק. מר. טאָמפּסאָן טוט ממזר'יש א וואונק מיט'ן ווינקל פונ'ם לינקען אויג צו זיין בילד אין שפּיגל און טראכט זיך: „נישקשה, ער וועט נאָך באשטיין זיין שטעטל". אָבער אונטער'ן לעפעלע קילט אלץ, און מר. טאָמפּסאָן טראכט זיך, אז ער האָט זיך פארלעגערט אין ביזנעס: מען דאַרף זיך אביסל אפּפרישן; עס בלייבט, אז נאָכ'ן עסן זאָל ער אפּרופן קידין. היינט אין אָוונט גייט מרס. טאָמפּסאָן אַף א באזוך צו איר עלטער־מומע. ער וועט קאָנען זאָגן, אז ער האָט א קאָנפערענץ מיט פּראָווינציעלע „באיערס". מרס. טאָמפּסאָן האָט סיי ווי ניט ליב, ווען ער גייט מיט איר צו דער רייכער טאַנטע.

דער קעלנער ברייגנט דעם זופּ. מר. טאָמפּסאָן שטעקט אריין א לעפל אין דעם לויטערן בורשטין־געלן פארפרוירענעם ציטער־שטאָף און באשטעלט א טענדערלאָין סטעיק. „אָבער זאַפטיק זאָל ער זיין און ניט צו דין", — וואָרנט ער דעם קעלנער מיט אן אומצופרידענער מינע. ווען דער ערשטער ביסן זופּ צוגייט אין זיין מויל, פארקרימט ער זיך נעבעכדיק און סמאַטשקעט שטארק מיט די ליפּן. ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט איהם איינגעגעבן א נודנע רפואה...

איבער'ן טראָטואר קלאַפּן פּיס, און יעדע פּאָר פּיס האָט אן אנדער קלאַנג. בעין לאַנג קאָן דערקענען די מענטשן לויט דעם קלאַנג פון זייערע טריט. אָט גייט אן עלטערער מידער מענטש מיט א שווערן אָטעם. אָט לויפט איינער א יונגער מיט א משא אַף די פּלייצעס. דאָס איז א מאַמע מיט א קינד. דאָס איז א שול־אינגל מיט א פּעקל ביכער; די בליי־פּעדערס קלאַפּן אינ'ם הילצערנעם קעסטל. דאָס קומט א מאַן מיט אן אָטאָמאָביל. פון זיין טירל גייען ארויס צוויי: א מאַן און א פרוי. בעין לאַנג דערקענט זיי אלע, כאָטש ער קאָן זיי ניט זען. בעין לאַנג האָט זיך אפילו אויסגע־לערנט גיין אליין איבער די גאַסן און ניט פארלירן דעם וועג. בעין לאַנג ווייסט, אז דער הימל איז היינט לויטער און ס'שיינט די זון. אָבער פאַרוואָס איז דער טאָג אזא שלעכטער?

אין בען לאַנג׳ס פּושקעלע איז דאָ נאָר א פּאָר סענט. דאָס פּושקעלע איז קונציק צוגעטשעפּעט צום עק פון׳ם לינקען הילצערנעם אָרעם. אינ׳ם אָרעם, גאָר אונטן, איז אריינגעקלאַפּט א האָק, אינ׳ם הענטל פון דער פּושקע איז דאָ א לענגלאַכער שפּאַלט. דער האָק פּאַסט אריין אינ׳ם שפּאַלט. ווען לאַנג שאָקלט מיט׳ן הילצערנעם אָרעם, קלאַפּט זיך די פּושקע אָן האָלץ מיט א מעלאָדישן קלאַנג. דער סענט אין פּושקע לאָזט אויך ארוים א שטיל געקלינגערײ. בען לאַנג רעדט ניט, נאָר ס׳באַקומט זיך, ווי א גלעקעלע וואָלט געוועזן אָנגע־האַנגען אָן זיין הילצערנעם אָרעם. דאָס גלעקעלע קלינגט, דאָס גלעקעלע קלאַפּט. דאָס גלעקעלע מאָנט. בען לאַנג שווייגט. וואָס וואָלט געהאָלפן ריידן?

בען לאַנג איז מיד. בען לאַנג קאָן שוין קוים רירן דעם היל־צערנעם אָרעם. דאָס טויטע האָלץ איז אנייגעקרעמפּעוועט אין לעבעדיקן לינקען אַקסל — דאָרט, וואו מ׳האָט „אויסגעשיילט״ דעם צעשאָסענעם אָרעם אויף דעם שלאַכטפעלד בא שאַטאָ טיערי. מיט א שטויס פון׳ם אַקסל מאַכט לאַנג ציטערן דעם שייט האָלץ. פון׳ם ציטער קלינגט די פּושקע מיט׳ן סענט. אָבער יעדער שטויס טוט וויי. עס דאַכט זיך, אז דער גאַנצער אַקסל גליט אין פייער. מאָדנע! בען לאַנג וואָלט געקאָנט שווערן, אז ס׳טוט אים ווי דער לינקער אָרעם. בען לאַנג וויל רירן מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט. שוין זיבן יאָר, אז ס׳הענגט א האָלץ — און ער האָט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן די פינגער.

בען לאַנג איז הונגעריק און מיד. בען לאַנג האָט היינט געזאַ־מעלט נאָר פיר סענט. ווען מענטשן וואָלטן געוואָלט לייענען פּנים׳ער, וואָלטן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם בלינדן בען לאַנג׳ן. די ווייסע שפּאַלטן פון זיינע אויגן זיינען היינט מיט א באַזונדערער רחמנות געוואָנדט צום בלויען הימל. די ווייסע שפּאַלטן קוקן אַזוי אָנגע־שטרענגט און אַזוי אָן באַוועגונג, אַקוראַט ווי מ׳האָט זיי צוגעשמידט צו איין ווייטיקן פּונקט העט ווייט. די בלאַסע באַקן זיינען גראָלאָך, טויטלאָך־גראָ, און די יונגע שוין־געשניצטע חנ׳עוודיקע ליפּן זיינען צונויפגעפּרעסט אין ווייטאָקדיקן איינשאַפּר. קלינג־קלאַנג! דאָס פּושקעלע רודערט זיך אין פּאָדערט. קלאַפּ־קליפּ! דער סענט אין

פושקע רופט א צווייטן סענט. גלענג־גלאָנג! דער הילצערנער אָרעם הויבט זיך אַף און אינטש און פאַלט, הויבט זיך און פאַלט.

בען לאָנג איז הונגעריק. בען לאָנג פילט, ווי ס׳דרייען זיך איבּ די געדערים פון הונגער. בען לאָנג׳ן איז אַזש נודנע פון הונגער. בען לאָנג וואָלט געקייט זיינע אייגענע ליפּן און זיי איינגעשלונגען, ווען עס וואָלט דערפון געוואָרן א טאָלק. בען לאָנג האָט דאָך ניט געגעסן פון נעכטן אינדערפרי.

קלינג־קלאַנג! — דאָס פושקעלע בעט זיך. איבער בען לאָנג׳ס הויכן שלאַנקען קערפּער גייט איבער א ציטער. ווען ער וואָלט נאָר געהאַט נאָך איין סענט! זיבעצן בלאָק פון דאַנען איז דאָ אן עס־צימער אונטער דער ערד, וואו פאַר א ניקל גיט מען א פּאָרציע „פּאָרק און בינס" — הייסע, צעפּאַרעטע חזיר־פליש און פּאַסאָליעס — מיט גאַנצע דריי שטיק ברויט. פיר בלאָק פון דאַנען איז דאָ א בעקער, וואָס גיט פאַר א ניקל אַן אַלט־געבאַקענעם קאָרענעם ברויט, גענוג צו זעטיקן אפילו אזא יונג, ווי בען לאָנג. אָבער ווייניקער ווי א ניקל וויל ער ניט נעמען, וויפיל מ׳זאָל אים ניט בעטן: ער ווערט נאָך אין כעס און הויבט אָן שילטן. פאַר אַ ניקל קאָן מען נעמען די קאַר און פאָרן אין עק שטאָט, אין עס־צימער פון דער קאַטוילישער צדקה־געזעלשאפט „מאַריא די דערבאַרעמדיקע", וואו מען גיט אומזיסט נאָר א גוטן מאָלצייט. אָבער דערצו דאַרף מען נאָך האָבן א ניקל אַף צוריקוועג — און בען לאָנג האָט נאָר פיר סענט. בען לאָנג האָט היינט ניט געמאַכט מער ווי פיר סענט.

בען לאָנג שטייט און שאָקלט מיט׳ן הילצערנעם אָרעם און קוקט אין הימל אריין מיט די בלינדע ווייסע שפּאַלטן פון די אויגן און טראַכט זיך, וואָס איז דאָס געוואָרן מיט די מענטשן. איינציקווייז און גרופּנווייז שפּאַנען זיי איבער׳ן טראָטואַר, גיך און לאַנגזאַם, לייכט און שווער, — אַזוי פיל מענטשן, און ניטאָ קיין איין איינציקער סענט צו מאַכן א גאַנצן ניקל. בּאַ בען לאָנג׳ן דרייט זיך פאַר הונגער דער קאָפּ, זיין לינקער אַקסל ברענט אין פייער, די געדערים שרייען און ברומען, דאָס בלעכענע פושקעלע קלאַפּט און קלינגט — און ניטאָ קיין סענט. בען לאָנג שטייט א הויכער און א בלאַסער, אין אן אַלטן מיליטערישן צעריסענעם מונדיר, מיט א בלויזן קאָפּ און מיט ווייסע שטעקשיך אַף די פיס, שטייט און קלינגט און טראַכט: וואָס

איז דאָס היינט פאַר א טאָג ? בען לאָנג שרייט מיט בלינדע אויגן :
וואָס וועט זיין דער סוף ?

מר. טאָמפּסאָן גייט ארויס פונ'ם רעסטאָראַן מיט א צאָן־שטעכער צווישן די פעטע ליפּן. מר. טאָמפּסאָנ'ס אויגעלאָך זענען שמעלער און דער אויסדרוק פון זיין פּנים נאָך נודנער ווי פריער. מר. טאָמפּסאָן קען ניט איבערטראָגן דעם נאָך־געשמאַק פון דעם קוכן, וואס מ'האָט אים דערלאַנגט נאָכ'ן סטעיק : ער וואָלט געקאָנט שווערן, אז ס'איז געבאַקן ניט אַף פּוטער, נאָר אַף בוימל : אזא פעטער שווערער ריח. דער קעלנער מעג זיך שווערן, וויפיל ער וויל: אים, מר. טאָמפּסאָנ'ען, וועט מען ניט נאַרן. מר. טאָמפּסאָן פילט, אז ער מוז צעשפּילעווען דאָס אונטערשטע קנעפּל פון דער וועסט, וואָס פּלאַצט שיר ניט איבער'ן אָנגעגאָסענעם בויך. כדי צו מאכן דאָס אומבאַמערקט, קוקט ער מיט אַן אומשולדיקער מינע גלאַט אזוי זיך אין גאַס אריין. אים דאכט זיך, אז אויב ער אליין וועט ניט קוקן אַף זיין בויך, וועלן אנדערע אויך ניט קוקן.

מר. טאָמפּסאָנ'ס אויגן שטויסן זיך אָן אָן בען לאָנג'ן. מר. טאָמפּסאָן שטעקט אריין צוויי דיקע פינגער אין דער קליינער קעשענע פון זיין ראָק, וואו ער האלט דאָס קליינגעלט. ער טאַפּט צווישן די ניקלס און דאימס, ביז ער געפינט א סענט. „גוט וואָס ס'איז דאָ א סענט", טראַכט ער זיך. ער וועט דאָך ניט גיין געבן א שנאָרער א גאַנצן ניקל. „זיי זענען אָפּט רייכער פון אונז".

מר. טאָמפּסאָן האַלט אין קעשענע די האַנט מיט'ן סענט. ווי ער גייט צו צו בען לאָנג'ן, באַמערקט ער לעבן טיר פון רעסטאָראַן א מעכאַנישע וואָג. מר. טאָמפּסאָן טוט א טראַכט, אז ס'וואָלט ניט געשאדט זיך אָפּוועגן : דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן פאַר־צייכענען דאָס געוויכט אַלע וואָך. דער דאָקטאָר האָט אים געוואָרנט, ער זאָל ניט ווערן שווערער. היינט, ווען ער פילט זיך ניט גוט, איז אודאי כדאי צו וויסן, וויפיל ער וועגט.

מר. טאָמפּסאָן שטעלט זיך אַף דער פּלאַטפאָרמע פון דער וואָג און וואַרפט אריין דעם סענט.

א פּאָר טריט פון דער וואָג שטייט בען לאָנג מיט די ווייסע אויגן־שפּאַלטן און קלינגט אונטער מיט'ן פּושקעלע : קלינג־קלאַנג !

האָס.

פון ווייטאָק, יאוש, ביטערקייט, רחמנות שארף־אוים א לאנגן ברייטן
מעסער
און שנייד זיך איין אין פעטן בויך פון אונזער וועלט,
און שנייד אף רעכטס, און בראָק אף לינקס, און זוך א וועג.
און ס'וועט א גאָס זיך טאָן אויף דיר פון אַלע זייטן
אין פעט־געדיכטע שטראָמען סם און גאַל.
זיי וועלן פליוכען דיר אין פנים און שפריצן אין די אויגן,
און רינען דורך דיין מויל, און גיסן זיך אין האַלז און אויערן —
און דו וועסט שלינגען. וועסט ווארגן זיך, וועסט שפייען קלעק,
וועסט אויסשפייען דיין אינגעווייד און וועסט דיין טאָג פארשילטן,
און שלינגען וועסטו.
וועסט ווערן אָנגעפילט מיט סם און גאַל, ווי פוילע פלייש מיט ווערים,
און אין דיין הארץ, אין מארך, אין ביין, אין יעדן אבר
באהעפטן וועט זיך סם און גאַל מיט דיינע לעבן־זאפטן,
און אויפקאָכן אין יעדן טראָפּן פון דיין בלוט,
ביז ס'וועט פון אַלץ איין שמעלצונג זיך ארוים'גיהנם'ען:
ה א ס.

וועסט ווערן פארכטיק מיט'ן כח פון דיין האָס.

וועסט שליידערן א בליק פון האס אף פרעכטיקע פאַלאצן,
אף טעמפּלען, פעסטונגען, געגילטע מאַלצייט־זאַלן, קאמערן פון
רייכטום און פון פוץ —
און ס'וועלן וועגט פאנאנדערפאַלן און זיילן לייגן זיך צו דר'ערד,
עס וועלן ציגל, שטיין און אייזן צוקראָכן ווערן, ווי א טייג, וואָס
האַלט אין יוירן,
פון דימענטן וועט ווערן אש, אין רויך און שטויב צעפליען וועלן זייד
און סאמעט,

אין הורבעס פוילקייט וועט פאַרוואַנדלט ווערן יעדער טייערער מאכל,
אין טויט און וויסטקייט וועלן הערשן דאָרט, וואו ס'האָט געקלונגען
זאַט־צופרידענער געלעכטער.

וועסט מיט אַ האַנט פון האַס באַרירן קערפּערס פעטע, אויסגעפּאַ־
שעטע,
פאַרזאָטענע מיט רויטן בלוט און אָנגעשפּיגעוועטע מיט טראַציקער
געזונטקייט, —
און איינדאָרן וועט פלייש און ביין, און איינגעשרומפּן וועלן ווערן
בריסט און בייכער,
אַ וויסע הייטל וועט פאַרציען זיך אויף גלאַנצענדיקע אויגן,
אַ טויטע שלאַבערקייט וועט אָפּווישן דעם ברייטן שמייכל,
צוזאַמענען אין אַ גרימאַסע שוואַרץ־פאַרקוילטע ליפּן,
פאַרציען אומגעוואוינטע קנייטשן אָפּ'ן פּנים,
און ווי נבלות אין אַ מדבר אונטער פייער־שמייסנדיקע זונען,
צו דר'ערד וועט זינקען, פאַלן, פוילן איין פעטער פּרצוף נאָך אַ צווייטן.

וועסט שיקן פון דיין אויג אַ בליק אויף שטאָל־און־אייזן־פעסטע,
מוטיק־טראַציקע אַרמייען, —
און ס'וועט אַ פּחד אָנכאַפּן מיט קאַלטע ביינערדיקע פינגער דאָס
האַרץ פון יעדן קריגער,
און ס'וועט פון אייז אַ נאָדל־נעץ פאַרשפּרייטן זיך אין יעדנ'ס אבֿרים
און לעכערן דעם מאַרך, און קלאַפּן קני אָן קני.
אַ וויסטע אומרו וועט צושליידערן די אויסגעשמידטע רייען,
און אַ געשריי וועט טאָן אַ פלאַקער־אויף,
און ס'וועלן לויפן בראַווע קריגער,
לויפן, יאָגן זיך, וואוהין די אויגן טראָגן,
און אומפאַלן, און ליגן מאַט, און ווידער אויפשפּרינגען,
און ווייטער יאָגן זיך אין בלינדער ווילדקייט,
ביז ס'וועט אַ שוויס אַ בלוטיקער באַדעקן זייער הויט,
און פּלאַצן וועט דאָס האַרץ,
און אוים — — — — — — — — — — — — — — — — —

וועסט זיין אַלמעכטיק אין דיין האַס.

דען װאו די ליבע האָט איר מאַכט פֿאַרלוירן,
און װאו דער גלויבן איז אין שטויב צוטראָטן,
דאָרט קען נאָר זיגן אומדערבאַרמדיקער האַס.

קעץ און הינט.

פֿון דעם ים שפּרינגען בייזע װינטן. פֿון די פֿעלדער קריכן קאַלטע נעבלס. פֿון דעם הימל טריפֿט אַ דינער שטעכעדיקער רעגן. אין די הערצער װיקלט זיך אַן אומעט.

די שטיבלאַך באַם ים װערן ליידיק. מענטשן קריכן אַרויס און פֿאַרשװינדן, װי צורונען אין דער שטיל־געװאָרענער בליי־לופֿט. עפּעס גאָר אומבאַמערקט פֿאַרהאַקט זיך איין כאַטקע נאָך אַ צװייטער. די בוימלאַך באַ די טראָטואַרן האָבן פֿלוצלונג איינגעדאַרט. אַלע האָבן די סוכאָטע. די פֿאַרבליבענע גרינקייט איז מער ניט גרין.

ס'אַ רחמנות אַף די בוימער. ס'איז מער רחמנות אַף די קעץ און אַף די הינט. די קעץ האָבן דאָ געלעבט אַ טאָג. די הייזלאַך זענען געװען אָנגעשטאָפּט מיט קינדער און מיט װייבער. די װייבער האָבן געקאָכט גוטע זאַכן, די קינדער האָבן מיט זיי געשטאָפּט די פֿריבלודנע קעצלאַך. די קינדער האָבן זיך געשפּילט און געניאַנטשעט מיט די קעצלאַך. די הינט האָבן גענאַשט אַ ביין דאָ, אַ שטיק ברויט דאָרט, אַ ביסן אין די פֿעטע מיסט־קערב, אַ טראָט מיט אַ פֿוס און אַמאָל אַ גלעט פֿון אַ גאַסט. ס'איז געװען אַ לעבן, װי באַ גאָט אַפּ'ן שױס.

איצט קריכן נעבלען, ס'בלאָזט אַ װינט, ס'פֿאַלט אַ רעגן און פֿאַרקלייבט זיך צו דער סאַמע הויט. און ס'גייט װינטער. די געסלאַך זענען פֿול מיט קעץ און מיט הינט. פֿאַר'יתום'טע קעץ. פֿאַרלאָזענע הינט. טרויעריקע ברואים מיט אַראָפּגעלאָזענע װיידלען.

אין אונזער שטיבל זיינען נאָך דאָ מענטשן. מיר זענען זשעדנע. מיר װילן איינזאַפּן דאָס לעצטע ביסל זון. מיר װילן אויסטרינקען דאָס לעצטע ביסל לופֿט. מיר האָבן געדולדט. עס רעגנט — זאָל

רעגנען, ס'וועט נאָך פאַרט קומען אַ שיינער טאָג. ס'בייזערט זיך דער ים, נישקשה, אפשר וועלן מיר נאָך ארייננכאַפּן אַ „שווים" צום לעצטן מאָל.

נח באָדט זיך נאָך און מירל אויך, אָבער כלאַוונע מיט חנ'קען האָבן שוין דערקלערט אַ סטרייק. שרה'קע נוצט אויס די לעצטע גוטע שעה'ן צו שפּאַצירן מיט גיכע טריט („האיקן"), און מאָרים — ווען ס'וואָלט געווען זיין דעה, וואָלט מען שוין איצט ארויסגעפאָרן אין שטאָט. פייע זאָגט: זי האָט הנאה פון דער ים־לופט, אפילו ווען ס'איז קאַלט, אָבער מיר טראַכטן זיך, אַז דאָס זאָגט זי נאָר אַזוי, וואָרים זי איז אַ גאַסט.

דער אמת איז, אַז ס'איז פייע'ן אומעטיק און זי ווייסט ניט וואָס מיט זיך צו טאָן. און ווייל זי איז די איננסטע און שעמט זיך ניט צו זיין סענטימענטאַל, האָט זי צוגעלאַשטשעט אַ קעצל, אַ קליין געל פאַרגליווערט קעצל, וואָס איז אונז נאָכגעגאַנגען פון דער גאַס און געבליבן שטיין אויף דער וועראַנדע, זינגענדיק אַזוי מענטשלאַך־טרויעריק: „מיאו, מיאו", ווי איינער רעדט: „האָט רחמנות, איך בין עלנט, איך האָב שוין עטלאַכע טעג ניט געהאַט אין מויל קיין טראָפּן געקעכטס".

פייע האָט ארייננגענומען דאָס קעצל אין קיך, אָנגעגאָסן מילך אין אַ שאָל, אַוועקגעשטעלט אונטער'ן טיש. שרה'קע איז דווקא געווען ניט צופרידן. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קעצל. אָבער אַז זי האָט דערזען, ווי דאָס געלע באַשעפעניש האָט זשעדנע געטרונקען, לעקנדיק מיט'ן צינגל און דרייענדיק מיט די ווייסלאַכע וואָנצעס, האָט זי אַליין אויך אָנגעהויבן שמייכלען.

דאָס קעצל איז געווען הונגעריק אויף טויט. ס'האָט געגעסן אַלצדינג, אָבער טאַקע אַלצדינג. מ'האָט ארייננגעבראָקט ברויט אין דער מילך — עס עסט. מ'האָט דעם געגעבן אַ שטיקל לעבער — עס עסט. קאַרטאָפל, מערן, אוגערקע — עס עסט. אפילו לעקאָך עסט עס אויך. אַזאַ קליינס — און עסט אָן אַ גבול. „נעבאָך, זיך גוט אויסגעהונגערט", זאָגט פייע און מערקט אַליין ניט, ווי זי טוט אַ זיפץ. אירע גרויסע ברוינע אויגן ווערן גרעסער און גרעסער — און דאָס פּאַסט איר צום פּנים. איך בין זיכער, אַז דאָס ווייסט זי דווקא יאָ.

ווען דאָס קעצל האָט זיך אָנגעגעסן, קריכט עס ארויף אַף דער סאָפע לעבן פּייע׳ן און דרייט זיך צונויף ווי אַ בייגעלע און שלאָפט. עס האָט גאָר קיין מורא ניט און פילט זיך ווי אין דער היים. עס טראַכט ניט, אַז אין דריי טעג ארום ציען מיר זיך ארויס פון דאַנען און מיר וועלן עס ניט קענען מיטנעמען אין שטאָט. דאָס קעצל ליגט און שנאָרכט און פילט זיך ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן.

און שפּעטער, ווען מיר זענען געזעסן אַף דער וועראַנדע און פּייע האָט דאָס קעצל געהאַלטן אַפּ׳ן שויס, און ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ גאָל קניילכל מיט ווייסע שטרייפן דאָ און דאָרט, און ס׳האָט אַזש פאַרזשמורעט די אויגעלאַך פאַר נחת, — איז צו דער וועראַנדע צוגעקומען אַ הונט. אויך ער איז געווען אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַר־געסענער. אויך ער איז געווען הונגעריק. מ׳האָט דאָס געזען אַף זיינע איינגעפאַלענע זייטן און אַף די קויטיקע שטיקלאַך וואָל, וואָס זיינען ארונטערגעהאַנגען פון זיין פעל. דער הונט האָט זיך צוגע־רוקט צו די פאַרבליבענע מענטשן, אָנגעשטעלט אַ פּאָר הינטישע רחמנות־אויגן, אַראָפּגעלאָזט שלאַבעריק דעם עק — און געטרייסלט מיט דער לויזער פעל. דער הונט האָט קיין בייז ניט געמיינט, ער איז געווען הונגעריק. ער האָט געבעטן הילף.

אָבער די קאַץ איז געוואָרן אין כעס. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פּייע׳ס שויס, אריינגעגראָבן די לאַפּקעס אין פּאָל, אויסגעבויגן דעם רוקן ווי אַ הויכע דוהע, אויסגעשטעלט מורא׳דיק די ווייסלאַכע וואָנצן, אויסגעשטשירעט די ציין און דאַוואַי שיפּען. אָבער ווי! מיט ווילדקייט, מיט רציחה. ממש דורס צו זיין.

דער הונט האָט געענטפערט מיט אַ ברום. דער הונט האָט זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט, אויסגעצויגן דעם עק ווי אַ טרובע און גע־נומען וואָרטשען מיט באַליידיקטע געפילן, אַ דערשראָקענער און אַ באַטריבטער.

אָט אַזוי איז די קאַץ געשטאַנען קעגן הונט און אים געפּרופט פאַרטרייבן פון איר מאַיאָנטעק. אינדרויסן האָט זיך געכמאַרעט. דער ים איז געקראָכן מיט קאַלטן אימפּעט אַפּ׳ן ברעג. די בלעטער זיינען געפאַלן. די מדבר האָט זיך גערוקט אַף די הייזלאַך. אָט־אָט, און אַלץ וועט זיין וויסט. עס גייט אַ לאַנגער קאַלטער ווינטער,

אָבער די קאַץ האָט וועגן דעם ניט געטראַכט. די קאַץ איז גע־שטאַנען געשיפּעט און געטריבן דעם הונט פון די לעצטע עטלאַכע מענטשן, וואָס האָבן איר געגעבן אַ קאָפּ וואַרעמקייט און לאַסקע.

שוועסטער.

(געווידמעט די סטרײַקערינס)

די אַלטע, אַלטע געשיכטע. די צויבער־לעגענדע פון אונזער קינדהייט.

אַ בת־מלכּה אין שמאַטעס. אַן איידל קינד וואַשט די וועש און רייניקט דעם שטאַל און קערט די קיך און איז פאַרמורזעט ווי דער טייוול, און שלאָפט באַנאַכט אויף דער הוילער ערד, און איז מקנא דער קאַץ אויפ׳ן קישן און דעם הונט אין זייןביידל און דעם פערד אין שטאַל. אַ צאַרטע ליבע נשמה פאַרשאָטן מיט׳ן שטויב פון פאַראַכטונג.

און אינמיטן דערינען קומט דער אויסלייזער מיט זיין מאַגישן כח און רירט אָן די בת־מלכּה, און ס׳באַווייזט זיך איר שיינקייט, און איר איידלקייט פאַרכאַפּט דאָס אויג — און אַלע ווייסן: זי איז אַ פּרינצעסין.

*
**

אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר זיצט מען בא די מאַשינען. ס׳קלאַפּט דער אַפּאַראַט, ס׳הודזשעט דאָס ראָד, ס׳וויגט זיך, ווי גיפּטיקער דאַמף, די פאַרדומפּענע לופט, ס׳גייט אַן עלעקטרישער ציטער דורך אַלע גלידער צום טאַקט מיט דער מאַשין, — און ס׳גיסט זיך אַ בליי אינ׳ם מח.

אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר איז מען „שאַפּ־מיידלאַך“, לוין־אַרבעטערינס, וואָס פאַרקויפן די קראַפט פון זייערע מוסקעלן פאַר ברויט און דעם זאַפט פון זייער מאַרך פאַר אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר איז מען איינע ווי די אַנדערע — אַ שרייפל אין דער גרויסער אינדוסטריעלער מאַשין, אַ זעמדל אין דער

גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט, א גליד פון דער מאַסע, וואָס פּאַקט אָן די סאָבוויים און „עלס“ און לאָנטש־רומס און מואוויס און האָלס.

נו, קומט דער סטרייק און נעמט אַראָפּ דעם יאָך — און מענטשן גלייכן אויס די פּלייצעס און דערפילן זיך אַליין. און ס'פאַלט אַראָפּ דער פאַרשאָלטענער כּשוף — און ס'באַווייזט זיך דאָס לאַנג־פאַר־שאָטענע גאָלד.

***

אָט יענעם מיידל וואָס שפּאַנט אַרום מיט אַ זיכערן ספּרוזשינע־דיקן טריט פון גאַס צו גאַס, וואַרפט אַן אָדלער־אויג אויף די גרופּעס חבר'טעס ניט ווייט פון די שעפּער, לאָזט פאַלן אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרט, קוקט זיך אַרום אויף דעם פּאָליסמאַן און אויף אַנדערע „פּאַרדעכטיקע“ ברואים, וואָס דרייען זיך ניט ווייט, לויפט אַלעמאָל אַריין אין אַן אַפּטייק טעלעפאָנירן, לאָזט זיך פּלוצלינג אַוועק מיט אימפּעט אַהין, וואו די „לאַגע“ איז ערנסט — אָט די קליינגעוואַקסיקע, קורצהאָריקע, שוואַרצאויגיקע, שנעל־פּיסיקע נײַנצן־יעריקע חבר'טע מיט דעם שטרענגן בליק און דעם פעסט־אַרומגעריסענעם פּנים, וואָס גיט איר אַן אויסזען פון אַן עלטערער, ערפאַרענער פרוי, — זי איז דאָך אַ פירערין, אַ וועג־ווייזערין, אַ רעוואָלוציאָנערקע! זי וואָלט געדאַרפט זײַן דער אויסדרוק פון דעם קאָלעקטיוון ווילן פון אירע חברים, די פאַרקערפּערונג פון זייערע געדאַנקען, דער פּלוג פון זייערע שטורעמדיקע נשמות.

***

אָט יענע הויכע, גרויסע, בלאָנדע, ווייכע לײַדי מיט די לאַנג־זאַמע באַוועגונגען, מיט דעם טרוימעריש בלאָען קוק פון ווײַט־גע־עפנטע אויגן, מיט די אָרעמס, וואָס טוען אַ רגע'לע אַ טראַכט, איידער זיי הויבן זיך אויף אָדער רירן זיך צו צו אַ זאַך, מיט דעם שמייכל, וואָס פינקלט האַלב־טרויעריקע, האַלב־פאַר'חלומ'טע שאָטנס אַרום איר גרויסן רויטן מויל מיט די צופּיל־שאַרפע ציין, — אָט די אַכט־און־צוואַנציק־יעריקע אַרבעטערין, וואָס זיצט אין אַ ווינקל פון'ם זאַל און הערט און הערט ניט דעם טומל פון דער גרויסער סטרייק־מאַשין, און איז יאָ באַהעפט מיט דער מאַסע אַרום איר און איז דאָך איינע אַליין, און נעמט שטילערהייט אַרויס אַ ביכעלע פון דער מאַנטל־קעשענע און גראָבט זיך אַרײַן מיט די אויגן אין אַ טאַנצנדיקן

ווירוואַר פון שורות, און זעצט זיך אַוועק אַף אַ צויבער־טישטוך און פליט שוין איבער שטעט, פעלדער, ימים, פייער־שפּייענדיקע מדבריות און שטיינער־וואַרפנדיקע בערג, — אָט די שוועסטער איז דאָך אַ דיכטערין! זי וואָלט געדאַרפט זינגען דאָס, וואָס ס'הויבט זיך אין טויזנטער נשמות. זי וואָלט געדאַרפט לייענען פאַר טויזנטער אירע לידער מיט אַ ווייכער מילדער קיילאַכדיקער שטימע.

*****

און יענע צוויי — דין ווי די שטעקעלאַך, הויך ווי די בעריאָז־קעס, אומרואיק ווי די פלעמלאַך אין ווינט, בויגיק ווי די מאַלפּעס, — אָט יענע צוויי, מיט זייערע געפלאָכטענע סוועטערס, נידעריקע שיכ־לאַך, קורצע ברייטע געפאַלדעוועטע קליידלאַך און אָפּגעדעקטע מאָ־גערע העלזער, וואָס דערציילן פון אַ סך מי, — אָט די יונגע ענער־נישע צוויי טייוואָלים, וואָס האָבן זיך אינמיטן קאָרידאָר אַוועקגע־לאָזט טאַנצן אַ נייעם טאַנץ, אַ קונסט־טאַנץ, מיט ברייטע שוואונג־באַוועגונגען, מיט שווימענדיקע טריט, מיט אַן אונטערשפּרונג און אַ פלי, — זיי זענען טענצערינס, געבוירענע קינסטלערינס, וועמען די מוזיק רופט צו דערציילן אין ריטמישער באַוועגונג דאָס, וואָס מיר אַלע חלום'ען, נאָר מיר געפינען דערפאַר ניט קיין ווערטער.

*****

טאָג־איין, טאָג־אויס זיצן מיליאָנען און גיבן אָפּ די מאַשינען דעם זאַפט פון זייער לעבן. און אַש און זאַמד שיטן זיך און שיטן זיך און פאַרשיטן דאָס לויטערע גאָלד.

.1922

פּאָרן.

האָט עמיצער אַ גרויסער דיך אַרויפגענומען אַף ברייטע אייזערנע לאַפּעס און טראָגט דיך, איילנדיק, אין אַ ווייטער וועלט אַריין.

איז דאָס אַלטע געבליבן הינטן — אַ פאַרגליווערטע מאַסע. אומבאַוועגלאַך.

איז דאָס נייע ניט אַרויסגעקראָכן פון הינטער שימערירנדיקע האָריזאָנטן — וויקלט עס זיך און בויגט אויס אַ האָרבאַטן רוקן, ווי אַ חיה, וואָס וויל אונטערהויבן די דעק פון איר נאָרע, כדי אַרויס אַף דער פריי.

טראָגן דיך ברייטע אייזערנע לאַפּעס. טראָגט זיך די וועלט הינטער דיר, פאַרביי דיר. וויקלען זיך ערדן אין הימלען, הימלען אין ערדן.

לופט דיין אויג אין אַ מיש־מאַשיקע רחבות. זופּט דיין אויג אַ זאַכן־שפּיל, אַ פאַרבן־טאַנץ, אַ פּראָצעסיע פון אויפגעקייטלטע פאָרמען.

הורזשען רעדער אונטער דיר, לעבן דיר; הוידעט זיך אַ גאַנצע וועלט. הויבן זיך שטאָלענע הענט — ווייך, קרעפטיק, אומפאַר־מיידלאַך.

פּאַלן זון־פּלאַכטעס, זון־שפּיגלען אַף וואַסער, רעלצן, סלופּעס, פעלדער, וואַלד־ראַנדן, הימל־לאַנקעס, וואָלקן־הורבעס, שניי. פלי־טערט, גלימצערט, בריליאַנטעוועט זון־חן אין אַ פונק־קאַראַהאָד. שניידן זון־בייטשן טונעלן אין דער לופטן, אַ פּאַס נאָך אַ פּאַס, אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט, אין אַ ציטערדיק־דורכזיכטיקן זילבער־געיעג.

פליט אַרויף דיין צוג אַף אַ בריק. זינגט די בריק. הויבט זיך די בריק. אָטעמט די בריק. קעסטלען זיך פרענטן פאַר די אויגן — שפּרינגט אַריין אין יעדן קעסטל אַ גרוס פון אַ וועלט, וואָס איז דאָ און ניטאָ.

פליען פויגלען איבער'ן וואַסער — וואַסער־פויגלען, רויטע שנאָבלען, ווייסע פליגלען, שוואַרצע פליגל־קאַנטן, שטאַרקע פליגל־

פּאַכן. פליען פויגלען, אויבן, אונטן, ציען קייטן, וויקלען באַלן, פּאַלן שטיין־גראַד אינ'ם וואַסער, רויבער־האַרדעס, חוצפּה־טרעגער! האָט איר וואו פאַר ווערמען מורא?

קומט אַ באַרג צו לויפן. שטעלט זיך אויף פאַר דיינע פענצ־טער. קריכט אין פענצטער מיט אַ רויטער אויסגעקאַרבטער זייט. אָטעמט פינצטערניש. וויל דיר וואַרפן צעשפּאָלטענע שטיינער. אנטלויף! קלעטער העכער! שליינגל זיך ארויף צו דער ווייס־פוכיקער פלאַך.

שטייט אַ שטיבעלע אינמיטן פעלד. רויט דער דאַך. געל די לאַדן. גראָ־באַזילבערט די ווענט. שטייט אַ שטיבעלע איינס אליין — פריש, ציכטיק, אָקאַרשט אויסגעשניטן און אָפּגעפאַרבט און אוועקגעשטעלט זיך טריקענען אף אַ ווייסן לאַקן. שטיבעלע, שטיבעלע, ווער האָט דיך געמאַכט? שטיבעלע, עפן זיך, ווייז וועמען דו באַהאַלטסט. אפשר האָט זיך אין דיר פארבלאָנדזשעט אַ ניט־געוועזן גליק?

וואַלד קומט — פאַרשטעלט. וואַלד־קאָלאָנאַדעס, שטאַם־רעגי־מענטן, אַ ריי פאַרלויפט פאַר אַ ריי, מחנות דרייען זיך ארום מחנות. רויטע גראָבע סטרונעס אויסגעצויגן צווישן ערד און צווייגנדיקן הימל. גרינע נאָדל־היטלען ארויפגעהאנגען אף די רויטלאַך־ברוינע סטרונעס. קום, ווינט, שפּיל, שטשיפּע די סטרונעס מיט דיינע אייזיקע פינגער, שאָקל די היטלען, זינגען זאָל די ערד און דער הימל אַ פראַסטיק־הייסן הימן. בויגט זיך, בוימער, פאַרבויגט זיך, פאַר־וויקלט זיך מיט די גרויסע אייזערנע אָרעמס, פלעכט זיך איבער אין איין זאַפטיק־עלאַסטישן ווירוואַר. הארציק־איינג איינגעפרעסט זאָל ווערן האַלץ־גוף און אייזן.

מענטשן גייען. אף אַ שמאָלן גלאַטן וועג שפּאַנט אַ מאַן מיט צוויי פרויען. דעם מאַן'ס פּנים איז באַשאָטנט מיט'ן דאַשעק פון זיין היטל. די פרויען האָבן אָפענע פּנימ'ער ארויסגעשטעלט פון צווישן די פאַטשיילעס. אָט אזוי גייען זיך מענטשן אינמיטן אַ וועג, באַ'ן זייט פון די רעלצן. וויפיל גייען זיי שוין? אפשר אַ מינוט און אפשר צוואַנציק טויזנט יאָר. וואוהין וועלן זיי פארגיין? אין אייביק־לאַנד, אין אַ שטאָט צווישן נעכטן און מאָרגן.

מענטשן גייען. פעלדער שווימען. בוימער טאַנצן. הימלען גליטשן זיך. רעדער הוזשען. ברייטע אייזערנע הענט מיט די דלאָניעס ארויף הויבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ און הויבן זיך ווייטער.

אָט איז אַ שטעטל. פארשעמטע הייזלאַך צוגעטוליעט איינס אָן איינעם. קליינע געסלאַך פאַרטרויען זיך אַ פּליאָטקע אַף די ראָגן. דער רויטער שילד האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט איבער דער סאָדאָקראָם און שרייט: לאָזט מיך פליען. אַ גאזאָלין־ברונען ווינקט מיט אַן אויגל: קומט טרינקען. הויכע שוואַרצע בוימער קומען אָן און זאָגן: ניט געווען, ניט געווען קיינמאָל.

וועלט ברייטע! וועלט הערשנדיק צעשפּרייטע! קום צו מיר. ווייז מיר דיינע געשטאַלטן. שמייכל מיר מיט דיינע ליכטיקע און טונקעלע שמייכלען. גיס מיר אָן דיינע שטאַרקע ווײַנען.

וועלט! מאַכט! פרייע רוימען! אַ ווײַס רויכל שווימט אין דיין קלאָרן עטער. אַ רויכל — דין ווי אַ פעדער. דאָס רויכל ווערט טונקעלער, שווערער. אינ'ם רויכל איז דאָ אַ שטייפער קערן. דער קערן פּלאַצט. ענערגיע ווערט געבוירן. דער קערן וועט אויפרייסן דיין אינגעווייד, אַלטע וועלט, און אויפטרייסלען דיך פון עק צו עק.

איבער ווינטערדיקע פעלדער זינגט מיין צוג זיין וואַנדער־געזאַנג.

אַף יענער זייט פריירים, אַף יענער זייט ימים וואַרטן נייע פריירים מיט נייע בערג מיט נייע ימים.

.1923

די אומפּערזענלאַכע אמעריקע.

(רייזע־נאָטיצן)

פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, באָסטאָן, פיטסבורג, שיקאַגאָ, מילוואָקי, דעטראָיט, קליוולאַנד. ראַק איילאַנד, סט. לואיס, קענזעס סיטי. עטלאַכע טויזנט מייל איבער פאַרשיידענע שטאַטן מיט אַ פאַרשיידענער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און מיט אַ פאַרשיידענעם קלימאַט. מען מוז גלויבן, אַז אויך די מענטשן זענען פאַרשיידן. אַנ־

דערש קען עס דאָך ניט זיין. די נשמה פון אַ פאַרמער אין דרום־אילינאָי איז געוויס אַנדערש געפורמט, איידער די נשמה פון אַ פאַבריק־ארבעטער אין פיטסבורג. אַ בירגער פון דזשעפערסאָן סיטי, מיזורי, מוז דאָך האָבן כאָטש אַ פּאָר אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן, ווי אַ בירגער פון באָסטאָן. מסתמא איז דאָס אַזוי. אָבער אויבן־אויף קענט איר דאָס ניט דערקענען. אויבן־אויף איז אַלץ איינס. מערדערלאָך אַלץ־איינס. עס איז אַ פלוך צו פאָרן איבער אַמעריקע, דערהויפּט איבער דער מזרח'דיקער העלפט. ס'איז ניטאָ אַף וואָס אָפּצושטעלן אַן אויג. ס'איז ניטאָ מיט וואָס אָפּצופרישן די נשמה. ס'האָט אין זיך דעם מאָנאָטאָן פון אַ מעכאַנישן אינסטרומענט.

די זעלביקע וואַגאָנעס, מיט די זעלביקע גרינע אָדער רויטע סאַמעט־באַצייגענע בייגק, מיט די זעלביקע לאָמפּן, מיט דעם זעלביקן אומפערזענלאַכן קאָמפּאָרט. דער צוג פאָרט דורך פעלדער, וואָס האָבן דעם זעלביקן אָנבליק. די זעלביקע איינציקע צעוואָרפענע בוימלאָך און וועלדלאָך; די זעלביקע דערפלאָך — גלאַט אַזוי זיך אינמיטן גאָט'ס וועלט, אויסגעשאָטענע הילצערנע איינשטאָקיקע הייזלאָך, ווי אַוועקגעשטעלט אַף דערוויילן, ביז אַ ריעל עסטייט הענדלער וועט קומען און זיי אַוועקקויפן און זיי איבערטראָגן אַף אַן אַנדער אָרט אָדער זיי גאָר צעברעכן. די זעלבע הייזלאָך, מיט די זעלביקע גאַניקעס (פאָרטשעס) פון פאָרנט און פון הינטן, מיט די זעלביקע שטאַכעטלאָך, מיט די זעלביקע שמאָלע גערטנדלאָך, מיט דעם זעלביקן מעבל אינעווייניק, מיט די זעלביקע גראַמאָפאָנען...

דורך אומענדלאַכע פעלדער פליט דער צוג, הירזשעט און סאָפּעט און ברומט. און ווי אַלץ־איינס עס זענען די רעלצן, אַזוי איז אַלץ איינס די קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַרום און אַרום.

אַמעריקאַנישע קולטור. באַקוועמלאַכקייט פאַר אַלץ. גלאַטקייט פאַר אַלץ. ס'זאָל גיין פון זיך. מען זאָל זיך ניט דאַרפן ברעכן דעם קאָפּ. מען זאָל ניט דאַרפן אָפּטרעטן פון אַ געוואוינהייט. מען זאָל ניט איבעררייסן די פאַוואָליע מאָנאָטאָנקייט פון דעם שטראָמעל, וואָס רופט זיך נשמה.

איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַמעריקע פאָרן מענטשן, וואָס ווילן קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר אַז אַלצדינג זאָל גיין אויפ'ן אָנגענומענעם שטייגער. אין אַלע צימערן פון אַלע אַמעריקאַנישע

האָטעלן פאַרבעט מען די בעטן אַף דעם זעלביקן שטייגער. אין אַלע אַמעריקאַנישע רעסטאָראַנען זענען אַלע טישן געגרייט אַף דעם זעלביקן שטייגער. מענטשן טראָגן קליידער פון דער זעלביקער מאָדע, גייען שטייען און זיצן אַף דעם זעלביקן שטייגער. מענטשן גאָלן זיך איבער גאַנץ אַמעריקע מיט די זעלביקע מעכאַנישע גאָלמעסערלאַך פון אַ צוויי־דריי פירמען, טראָגן די זעלביקע קעלנער, וואַשן זיך מיט דער זעלביקער זייף, לייענען צייטונגען, וואָס באַקומען זייערע נייעס און אַרטיקלען פון די זעלביקע אַגענטורן. איר פאָרט אָפּ איין טויזנט און צוויי טויזנט און דריי טויזנט מייל און איר געפינט די זעלביקע „סאַטורדעי איווונינג פּאָסט“ מיט דעם זעלביקן „ווימענס האום קאָמפּעניאָן“ מיט דעם זעלביקן „עווריבאָדי׳ס מעגעזין“, מיט די זעלביקע פּאָר צענדליק אַנדערע זשורנאַלן, מיט די זעלביקע ביליקע ראָמאַנען. אין אַלע טעאַטערן פון אַמעריקע שפּילט מען די זעלביקע מואווי־דראַמען מיט די זעלביקע קאָמעדיעס, וואָס האָבן אין זיך נית קיין פּיצל הומאָר. די מוזיק און די קונצן און די פאַבריצירטע „חנ׳עוודיקייט“ (פּריטינעס), וואָס דאַרף פאַרבייטן געשמאַק און שיינקייט, זענען דיזעלביקע פון איין עק אַמעריקע ביז דעם צווייטן. איר גייט אַרום אַף אַ גאַס ערגעץ אין מעדפאָרד, אָקלאַהאָמאַ, און אייך דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ גאַס אין ברוקלין. איר גייט איבער קענזעס סיטי און איר מיינט, אַז דאָס איז נוארק, ניו דזשוירזי.

אַ מעלה האָט דאָס אַלץ — מ ע ן ד אַ ר ף נ י ט ט ר אַ כ ט ן. מען דאַרף נית אָנסטראָיען די נשמה צו אַ נייעם טאָן. מען קען דרעמלען אַפּ׳ן וואַך. מען קען פילן, אַז אַלצדינג גייט „ווי עס דאַרף זיין“. וואָלט זיך ערגעץ אין אַ שטאָט געפונען אַ הויז, וואָס איז אָפּגעפאַרבט אין אַן אָריגינעלער ליכטיקער פאַרב, וואָלט מען דאָס גערכנט פאַר „נית־פּאַסיק“. וואָלט אַ מענטש זיך אָנגעטאָן אַנדערש ווי דער דורכשנית, וואָלט מען דאָס געהאַלטן פאַר „נית־אַנשטענדיק“. וואָלט עמיצער געהאַט דעם מוט אַ זינג צו טאָן אין גאַס אָדער אַ לאַך צו טאָן מיט אַ פרעמדן מענטשן מיט אַ ברייטן און פרייען געלעכטער, וואָלט מען אים אָנגענומען פאַר אַ שטערער פון רו און אָרדנונג. וואָלט איינער זיך אויפגעהויבן אין איין עק וואַגאָן און עפּעס אויסגערופן צו אַ באַקאַנטן אין אַ צווייטן עק וואַגאָן, וואָלט

מען אים געהייסן איינשפּאַרן אין אַ דול־הויז. אַף אַ זאַך, וואָס איז אַנדערש, וואָלט מען געקוקט ווי אַף אַ בייז וואונדער.

עס טאָר ניט געשטערט ווערן דער אָנגענומענער גאַנג פונ׳ם לעבן, אין גרויסן ווי אין קליינעם, אין דער מאַטעריעלער ווי אין דער גייסטיקער וועלט. אַזוי לעבט מען, אַזוי אַרבעט מען, אַזוי רוט מען, אַזוי אַמוזירט מען זיך, אַזוי איז, אַזוי דאַרף זיין, און ווער עס טראַכט אַנדערש, דער איז אַ רעבעל, אַ צעשטערער, אַ באַרבאַר, אַ שונא.

וואָלט כאָטש דאָס לעבן געווען די הויפּט־זאַך. וואָלטן מענטשן כאָטש אַליין הנאה געהאַט פון דעם לעבן, וואָס זיי האָבן זיך געשאַפן. איז מען אָבער ניט קיין הערשער פון דעם אייגענעם לעבן. דער אייראָפּייער האָט ווייניקער קאָמפאָרט און מער הנאה פונ׳ם טאָג און פון דער שעה. דער אַמעריקאַנער האָט מער באַקוועמלאַכקייטן און ווייניקער נחת־רוח. די אייראָפּייאישע דערפער און שטעט זענען געמאַכט, אַז מענטשן זאָלן דאָרט וואוינען. די אַמעריקאַנישע דער־פער און שטעט זענען געמאַכט, אַז מענטשן זאָלן דאָרט טאָן ביזנעס. אַ אייראָפּייאישע גאַס איז קודם כל אַן אָרט, וואו מענטשן אָטעמען, ריידן, קוקן, שמייכלען, פילן, טראַכטן — לעבן. אַן אַמעריקאַנישע גאַס איז קודם כל אַ פּלאַץ, וואו מענטשן דינען אַ מעכאַנישן אָפּגאָט און האָבן קיין צייט ניט. די גאַנצע אַמעריקאַנישע קולטור איז צוגעפּאַסט צו דער האַסטיקער מעכאַנישער אַרבעט פון ביזנעס. דער מענטש איז באַהערשט פון ביזנעס. דער מענטש איז אַ שקלאַף פון דעם לעבן, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן. דער מענטש וואָלט אייך גערעכנט פאַר אַ אידיאָט, ווען איר זאָלט זאָגן, אַז מען דאַרף ניט אַזוי פיל קאָמפאָרט און מען דאַרף ניט די קנעכטשאַפט.

אומפערזענלאַכע אַמעריקע. אַן אומפּערזענלאַך לעבן. אַן אומ־פערזענלאַכער הערשער האָט אריינגענומען דאָס מעכטיקע לאַנד אין זיינע הענט, אַרויפגעלעגט אַף אַלצדינג דעם אַלץ־אייניקן שטעמפּל, אויסגעקנעטן אַלצדינג אין איין מאָס — און אַלע מענטשן איינגע־שפּאַנט אין אַ שווערן יאָך, וואָס מאַכט זיי טעמפּ, פאַרפלאַכט זייערע נשמות, פאַרקלענערט זיי דאָס ליכט פונ׳ם טאָג, פאַרשטויבט די פרייד און מאַכט פון דער וועלט אַ גראָלאַכן שטיק לייוונט.

אויבן, גאָר אין דעם שפּיץ, זיצן עטלאַכע אויסדערוויילטע, אמת׳ע

הערשער, וואָס האָבן הנאה פון זייער מאַכט. זיי לעבן פריי און ברייט. אָבער זיי זענען געציילטע.

אין זייערע הענט איז אָט דער מאַנאַטאַן — אַ מיטל פון מאַכט. מענטשן זאָלן ניט טראַכטן. מענטשן זאָלן ניט עפענען קיין אויגן. מענשן זאָלן ניט פרעגן...

.1923

אויף וועג קיין קאַליפאָרניע.

בערג רעכטס, און בערג לינקס, און הינטן ווינקען נאָך די דעכער פון דענווער.

הויך ליגט דענווער אויף׳ן רוקן פון אַמעריקע. פרישע ווינטן בלאָזן איבער דענווער. קאַלטע ווינטן, אייזיקע ווינטן. אויסגעבאָדן איז די שטאָט אין געוואַלטיקע פאַרפלייצונגען פון קרישטאָלענער לופט. בערג שטייען פון אַלע זייטן און לעגן אויף דער שטאָט די קילקייט פון זייערע קעפּ און די שטרענגקייט פון זייער רחבות.

ערשט ניט לאַנג האָט אונזער צוג זיך אַרויסגעגליטשט פון דענווער. ווי אַ פאַרזיכטיקע שלאַנג דרייט ער זיך בײַ די זייטן בערג, טוליעט זיך צו די סקאַלעס, טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ, סאָפּעט שווער קריכנדיק אַרויף־באַרג. נאָך עטלאַכע מינוט — און אים האָט אַרומגענומען די מדינה פון סקאַלעס. נאַקעטע, גראָלאַכע, ווילד־צוקאַרבטע, דאָ ברייט־צולאָזענע, ווי פאַרשטיינערטע שטיקער טייג, דאָ הויכע, ווי גראָב־געהאַקטע זיילן, ציען זיי זיך אומעטום, וואו עס פאַלט דאָס אויג. אַמאָל קומען זיי נענטער, אַמאָל טרעטן זיי אָפּ און עפענען אַ שטיק פלאַכע וויסטע לאַנד, און ווידער וויקלען זיי זיך אַרום און קריכן איבער׳ן קאָפּ, אַרויף — צום ווייטן הימל.

סאָלט לעיק — די געזאַלצענע אָזערע. אַ גרויסער שטיק גלאָז אין אַ ראַם פון בערג. אַ וואַסער־שפּיגל — קיל און רוי און פאַר־טראַכט אײַנמיטן די סקאַלעס. אין איין ווינקל — צווישן וואַסער און בערג — די שטאָט סאָלט לעיק סיטי, ווי פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער וועלט. איין קירעווע פון די רעלסן — און ניטאָ שוין

די שטאָט. רעכטס דאָס וואַסער — גראָלאַך־בלאָ, שווער פאַר־אומערט. לינקס די בערג. אַף אַ פּאַליצע פון שטיין גליטשט זיך דער צוג, קריכט אריין אין אַ טונעל, הילכט אַריבער אַ בריק, קלאַפּט באַרואיקט איבער אַ זאַמדיקער שטרעקע. ווי קומט ער אַהער?

דאָס אויג ווערט מיד. זוכט אַן אָנהאַלט. זוכט פאַרב. פון אַ זייטיקן טאָל באַווייזט זיך אַ פּאַסטוך מיט שאָף. ווייס־גראָלאָכע שאָף מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ רוקן זיך אין איין געדיכטער מאַסע, זעען אויס ווי אַ גראָבער וואָלענער טעפּיך וואָלט געקראָכן איבער אַ פעלד. אַ ברוין־פּנים׳דיקער פּאַסטוך אַף אַ פערד. אַ לאַנגער שטעקן מיט אַן אויסגעבויגן הענטל אין דעם פּאַסטוך׳ס האַנט. אַ ברייטער הוט אַף זיין קאָפּ. צוויי הינט לויפן רעכטס און לינקס. אַ בילד פונ׳ם חומש. אַזוי איז דאָס געווען צוריק מיט טויזנט און צוריק מיט דריי טויזנט יאָר. ס׳איז דאָ אַ קרובה׳שאַפט צווישן אָט די סקאַלעס, אָט דעם זאַמדיקן באָדן און דעם פּאַסטוך מיט זיינע שאָף. זיי פאַרשטייען איינער דעם צווייטן.

דער פּאַסטוך הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אַף די פאַרביי־לויפנדיקע וואַגאָנעס, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל געזען דאָס בייז וואונדער.

ווייטער. ווייטער. נייע שטיינער. נייע בערג. ווייניקער דערפ־לאַך. ווייניקער מענטשן. ווענט פון סקאַלעס. פּעסטונגען פון סקאַ־לעס. זעלטענע בוימער. זעלטענע קוסטן. שטיין. שטיין.

דאָ און דאָרט — אַ וואונד אין דער זייט פון אַ סקאַלע. עט־לאַכע טיפע לעכער. בערג מיט שטיינדלאַך. הויפנס מיסט. עט־לאַכע הייזלאַך מיט פלאַכע דעכער. עטלאַכע וואַגאָנעס. דאָס איז אַ מינע. דאָ גראָבט מען קופּער. עטלאַכע מענטשן קריכן ווי פליגן איבער די קופּעס קוילן, ערד, שטיין, אַש. און ניט קיין סימן פון אַ בוים. און ניט קיין טייכל. טרוקן, וויסט, שטויביק, שמוציק. אַ נעסט, וואו מענטשן מאַכן מיליאָנען. אונטען הויכן אַרבעטער אויס זייערע לונגען אין אונטערערדישע היילן, שפּאַלטן, קאָרידאָרן.

ווי קאָן מען כאַפּן דעם אָטעם אין אָט דער טריקעניש? שמייכלט דאָ אַמאָל כאָטש דער הימל איבער מענטשלאַכע קעפּ?

ווייטער, ווייטער. איבער לוזשעס, איבער זומפּיקע שטרעקעס, צווישן פאַנאַנדערגעשאָטענע שטיינער איילט דער צוג. און אַלץ אומ־

דערבאַרמדיקער ווערן די בערג אויף ביידע זייטן, אַלץ אָנגעכמורעטער זייערע שטערנס, אַלץ אכזריות'דיקער זייער מינע, אַלץ דראָענדיקער זייער אויפטריט.

איצט זענען מיר אין יוטאַ. זיבן־אַכט טויזנט פוס איבער'ן שטח פונ'ם ים. דאָס לאַנד — אַ מדבר. הויך איז דאָס לאַנד — העכער פון די בערג, וואָס שטייען אין אַ נידעריקער געגנט. אויף דער הויכער פלאַך הויבן זיך ערשט נייע בערג. ס'איז קאַלט. דער הימל איז גראָ. די ערד איז באַדעקט מיט קליינע אויסגעטריקנטע קוסטעס, ווי קאַרליקלאַך־ביימער. די בערג האָבן אַ פּנים ווי ריפּן פון אויסגעמאַטערטע ריזיקע חיות.

ניטאָ קיין ישוב. ניטאָ קיין שפּורן פון מענטשן. אַזוי האָט דאָס לאַנד אויסגעזען פון ששת ימי בראשית. דאָ ענדערט זיך גאָר־ניט. נאָר די איינזאַמע רעלצן שלענגלען זיך אויף זייער אויסגע־האַקטער באַנק. צען מייל, צוואַנציק מייל — און מ'זעט גאָרניט, אחוץ די געפּייניקטע ליניען פון שטיינערנע מאַסן. שווימט אַרויס אַ סטאַנציע, איז זי אָרים, אָפּגעריסן, פאַר'חשכ'ט. שטייען עטלאַכע מענטשן מיט אומגעלומפּערטע גרויסע היט, שטייען און רויכערן און שפּייען אָן אַ זייט. וואָס קער זיך מיט זיי אָן אָט דער פרעמדער צוג?

און אָט איז שניי. די ערד איז באַדעקט מיט שניי. די קליינע קוסטעס זענען איינגעטונקט אין שניי. ס'איז סוף אַפּריל — און דאָ, אויף דער הויכקייט, איז ווינטער. שניי ליגט צווישן די רעלסן. שניי באַדעקט די האַלב־פאַרפרוירענע לוזשעס. שניי הענגט אַראָפּ פון די סקאַלעס־סקעלעטן.

ס'איז קאַלט. ווינטער קריכט דורך דער טיר פון דעם וואַגאָן, דורך די שלעכט־פאַרמאַכטע פענסטער. פּאַסאַזשירן וויקלען זיך אין מאַנטלען.

דער צוג לויפט דורך אַ וויסטעניש פון שניי און זאַמד און גאָט־פאַרגעסענע טאָלן. די פאַרלאָזנקייט לייגט זיך אויף דער נשמה. די פאַרשאָלטנקייט לויערט איבער אַלצדינג, ווי אַ בליי. מיילן, מיילן — און ניט קיין רויכל פון אַ קוימען, און ניט קיין פאַרביקער פלעק פון אַ הייזל, און ניט קיין קלאַנג פון אַ לעבעדיקן מענטשן. שניי, אייז, קעלט — און די אייביקע פּאַטריקנט־פאַרגליווערטע קוסטיקלאַך,

ווי בוימעלאך, וואָס זענען געוואָרן איינגעדאַרט צו גראָז. אַף די קוסטיקלאך — היטעלאך פון שניי.

אַ שעה און צוויי און דריי און פיר — און ס׳איז שוין פינסטער. מ׳האָט שוין אָנגעצונדן ליכט אין וואַגאָן. ס׳ווערט שפּעט. צייט צו לייגן זיך שלאָפן. איך פאַרקריך אין מיין בעטל. פאַר׳ן שלאָפן הויב איך נאָך אויף דאָס פאָרהאַנגל און טו אַ קוק דורכ׳ן פענסטער — שניי און מדבר און אומפּריינטלאַכע שטיינער, און גאָרניט מער. שניי און שניי. ס׳איז קאַלט. די דעק איז קאַלט.

און אַז איך האָב געעפנט די אויגן אינדערפרי און ארויפגעצויגן דאָס פאָרהאַנגל, זענען באַ דער זייט פון די רעלסן געהאַנגען אָראַנזשן אַף גרינע בוימער. צייטיקע געל־גאָלדענע אָראַנזשן זענען אין גע־דיכטע קופּעס אראָפּגעהאַנגען פון צווישן די בלעטער. צייטיקע געל־גאָלדענע אָראַנזשן, האַלב־געפּלאַצטע, האָבן זיך געוואַלגערט אין גראָז אונטער די בוימער. מאָדנע באַוואַקסענע, מאָדנע געגרייזלטע בוימער האָבן זיך דורכגעוואָרפן צווישן די אָראַנזש־גערטנער. פּלוצלינג איז באַם זייט וועג אויסגעוואַקסן אַ שורה פּאַלמען מיט ברייט־פּאַנאַנדער־געשטרעקטע ריזיקע פייכטלאַכע בלעטער. אַף דער ערד האָבן געבליט קופּעס רויטע, געלע, בלאָע בלומען — גאַנצע כאַליאַסטרעס פון בליענדיקע הייסע קאָלירן. אויבן האָט געשיינט אַ צעוואַרימטע זון. די לופט האָט זיך געגילט.

מיר זענען געווען אין קאַליפאָרניע — זיבעציק מייל פון דעם פּאַסיפישן ים.

.1923

אין קאַליפאָרניע.

„היינט איז דאָ קיל און ניט אַזוי שיין. די בעסטע צייט איז אין דעצעמבער און יאַנואַר. דעמאָלט ווערן אַלע פרוכטן צייטיק“.

אַזוי זאָגט מען מיר אין לאָס אַנדזשעלעס דעם ערשטן מאַי.

איך הויב אויף דעם קאָפּ און טו אַ קוק: ארום הויז שטייט אַ

גוואַרדיע פון רויזן־קוסטעס באַהאַנגען מיט געדיכטע שווערע סאַמע־טענע רויטע רויזן, אַזוינע האַרטע, אַז כ׳אַטש צום פּלאַצן. אַף דער וועראַנדע קריכט אַ זשאַסמין־בוימל מיט אַ מיליאָן געזונטע קרעם־קאָלירענע, ווי פון בלייכן וואַקס אויסגעקלעפּטע בליטן מיט גאָלדענע פינטעלאַך אינווייניק. איבער׳ן גראָז פונ׳ם גערטנדל און אַף יענער זייט שטאַכעטן, באַם וועג, אַרום יעדן סלופּ זענען צעוואָרפן אַלערליי מאָדנע בליענדיקע קרייטאַכצער, וואָס איך ווייס ניט זייערע נעמען. איבער׳ן קאָפּ לייכט אַ הימל פון בלאָען געשליפענעם שטיין, און אַרום און אַרום שמעקט אַזוי, אַז ס׳דרייט זיך אַביסל דער קאָפּ. ס׳איז אַזש הייס פון די דופטן.

קוק איך און טראַכט: אויב ד אָ ס איז נאָך ניט די שענסטע צייט, טאָ וואָס איז שוין אום ווינטער?

פאַרכאַפּ איך זיך און טו אַ שמייכל. ס׳איז דאָ קאָמיש צו ריידן פון „ווינטער“, ס׳איז ניטאָ קיין ווינטער. ס׳איז קיינמאָל ניט קאַלט. דאָס בעסטע באָדן זיך איז אין יענער צייט, ווען מיר, ניו יאָרקער, פרירן. די פייגען און די אווילבירטן און די מילגרוימען און די וויינ־טרויבן ווערן צייטיק אין יענע חדשים, ווען בא אונז ליגט דער שניי. די ערד איז אייביק גרייט צו געבן איר קראַפט.

אָט דאָס איז די ברכה פון קאַליפאָרניע. זומער און ווינטער און הערבסט און פרילינג זענען איבערגעמישט אין איין לאַנגן יום־טוב׳דיקן זוניקן סעזאָן. עס וואַקסט שטענדיק, און עס בליט שטענ־דיק, און מען קאָן שטענדיק רייסן פרוכט פון אַ בוים.

די בוימער זענען ווי געפּיעשטשעטע קינדער, וואָס וואַקסן אוים אין וואויל־טאָג. זיי דערלויבן זיך קאַפּריזן, קינדערייען. למשל: דער אָראַנזש־בוים ווייסט לחלוטין ניט צו האַלטן שטאַט. אַמאָל מאַכט ער צייטיק זיינע גרויסע געל־גאָלדענע שמעקעדיקע זאַפּט־עפּל אום יאַנואַר, אַמאָל אין אַפּריל און אַמאָל גאָר אום יוני. דעסגלייכן דער גרייפּ־פרוכט. ס׳איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַף אָט דעם חברה־מאַן. אַ בוימל — ניט ווערט קיין דריי גראָשן. אַ „כּודערליאַווע“ נפש מיט אַ דינעם שטאַם, מיט אַ סך דינע קרומלאַכע און גאָרניט חנ׳עוודיקע צווייגלאַך: ווען איר ווייסט ניט, קוקט איר זיך געווים ניט אום אַף אַזאַ העלד. הייגען אָבער פון אָט די קרומע צווייגלאַך,

צווישן גלאַנצנדיקע טונקעלע בלעטער, די גרויסע גרינע שווערע באָמ־
בעס: איר וואונדערט זיך, ווי אַזוי איין בוימל קאָן טראָגן אַזוי פיל
אומגעלומפּערט גרויסע פּרוכטן. זענען טאַקע די צווייגלאַך אונ־
טערגעשפּאַרט מיט שטעקנס. נעמט איר אַראָפּ אַ גרייפּ־פּרוכט,
שפּאַלט אים אויף מיט אייערע פינגער, עסט אים דווקא אָן צוקער;
איז דאָס פלייש אינעווייניק זיסלאַך און וואַרים און שמעקעדיק און
שאַרף; עסט איר, און דער זאַפט רינט איבער אייער מויל, אייער
באָרד, אייערע פינגער, אייערע קליידער — אַזאַ געזונטער, טערפּקער,
פרישער, יאָדערדיקער זאַפט, — אָן אַ שיעור זאַפט. ווילט איר
ווישן די הענט, איז ניטאָ מיט וואָס, כאַטש נעם און רייס אָפּ עטלאַכע
מאָן־בלומען, ווייסע מיט רויטע אָדערלאַך און רויטע מיט ווייסע
שפּרייענקעלאַך, וואָס וואַקסן דאָ דערביי. נישקשה: יעדע מאָן־בלום
איז אַזוי גרויס, ווי אַ קינדערשער קאָפּ, און איז אָנגעשטאָפּט מיט
צונויפגעקנייטשטער זייד. זענט איר אָבער אַ נייער אין קאַליפאָרניע
און פאַרגעסט, אַז דאָ מעג מען רייסן בלומען אַף וואָס די וועלט
שטייט: דאָ האָט מען פאַר זיי ווייניקער דרך־ארץ, ווי מיר, ניו
יאָרקער, פאַר גראָזן.

ווי איר שטייט אַזוי אין די גרינע הײלן פון׳ם גאָרטן, דער־
שפּירט איר אינמיטן דערינען אַ שאַרפן, זיסן, שכור׳ן, הייסן דופט,
וואָס קריכט אייך ממש אין דער נשמה. ס׳איז אַ דופט ווי מוזיק.
ס׳איז מער ווי אַ ליד. ס׳דערציילט וועגן הייס בלוט פון יוגנט,
וועגן פיבערדיקע חלומות, וועגן שוואַרצע ליבע־נעכט, וועגן שלאַנקע
שפּאַניער מיט גיטאַרעס און מאַנדל־אויגיקע דאַנאַס מיט בלוט־רויטע
ליפּן און קאַסטאַניעטן אין די בויגיקע פינגער — און אפשר גאָר
וועגן געדיכטן שוואַרץ־רויטלאַכן וויין, וואָס צוגייט זיך איבער די
גלידער מיט אַ זוניקער האָפנונג. ווער ווייסט פון וועלכע מאָדנע
זאַכן אָט דער דופט זינגט. פרעגט איר: וואָס איז דאָס? ענטפערט
מען אייך: אָראַנדזש־בליטן. פרעגט איר: היתכן? אָט הענגען דאָך
די רייפע אָראַנזש־עפּל, ווי קומען אָהער בליטן? נעמט מען אייך
פאַר דער האַנט און מען פירט אייך צו צו אַ בוים. וואַקסן אַף דעם
בוים אי אָראַנזש־עפּל, אי אָראַנזש־בליטן. די אָראַנזשן זענען שוין
פאַרטיק; די בליטן וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אָראַנזשן שפּעטער
מיט עטלאַכע חדשים. דער בוים האָט זיך זיין קאַפּריז: אויב שוין

פאַבריצירן פרוכטן, זאָגט ער, וועט ער פאַברצירן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

און אַזוי פאַבריצירט אויך די ערד אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אַלצדינג וואַקסט דאָ אָן מי, אָן מענטשנ׳ס זאָרג. וואו איר טוט זיך אַ קער: ס׳וואַקסט. אַף אַ ליידיקן „לאָט“ אינמיטן שטאָט האָט זיך אויסגעלייגט אַ קאָלדרע ווייסע בלימעלאַך — אַזוי געדיכט אָנגעזעצט, איינס אין איינס, ווי אונטערגעשוירן, אַקוראַט ווי די האַנט פון אַ גוטן גערטנער האָט איבער זיי געאַרבעט אַ גאַנצן פרילינג. איבער אַ צאַם אַרום אַן אַלטער ליידיקער שטאַל דראַפּען זיך טויזנטער בלאָע גלעקלאַך און הייגנען אַרונטער אין פאַנטאַסטישע טראָלדן. באַ דער זייט פון דעם וועג, אין אַ „טינטערל“, וואו די ערד איז פייכטער, האָט זיך צונויפגעשפּאַרט אַ מחנה הויכע גרינע בלעטער איבערגעמישט מיט געלע ליליעס — אַזאַ געדיכטעניש, אַז מען קאָן ניט דורכגיין. פון די הויכע, נידעריקע, ברייטע, דינע, שלאַנקע, געגרייזלטע און גלאַטע בוימער הייגנט אַראָפּ אַ וועלט מיט פאַרשיידנאַרטיקע בלומען, בלעטער, פרוכטן.

צווישן אָט דער צעהוליעטער פלאַנצן־משפּחה זעט די פּאַלמע אויס ווי אַ פרעמדע. זי פּאַסט ניט אַהער. זי איז אַ טאָכטער פון דער מדבר. זי דאַרף האָבן אַ שטרעקע זאַמד אַרום זיך. זי איז צו פאַרטראַכט און צו שטרענג, און אפילו די יונגע זעען אויס אַלט.

צוויי־ערליי פּאַלמעס וואַקסן אין קאַליפאָרניע. איך וואָלט זיי אָנגערופן די הויכע און די ברייטע. די הויכע שיסט־אַרויף מיט אַ דינעם שלאַנקן שטאַם, וואָס אַפּ׳ן שפּיץ זיינעם שטעקן עטלאַכע גרינע אויסגעבויגענע בלעטער. די דאָזיקע פּאַלמע מאַכט דעם איינדרוק, אַז זי איז אַריסטאָקראַטיש־ווייט פון דער ערד און קיין זאַך קער זיך מיט איר ניט אָן. אפשר טוט זי גאָר תּפלה אין דער הויך. די ברייטע פּאַלמע האָט כמעט קיין שטאַם ניט. פון אַ נידעריקן האָלצקנויל שפּרייטן זיך ריזיק־גרויסע פעטע בלעטער — זיבן, אַכט פוס די לענג, אויסגעלייגט אין אַ קרייז, איינס איבער׳ן אַנדערן. די דאָזיקע פּאַלמע האָט אַ פּנים, ווי אַ דיקע באַלעבאָסטע, וואָס האַלט זיך אין איין בלאָזן. די האַרטע ליניעס פון די פּאַלמען־בוימער און שטאַמען, די אַלץ־איינקייט פון די פאָרמען, די געזעצטקייט און זיכערקייט פון דעם אויפבוי, איז אַ גרויסער קאָנטראַסט צו דער

ליבלאַכער פאַרשיידנאַרטיקייט און פאַרביקער לייכטזיניקייט פון די איבעריקע פלאַנצן.

„און וואָס טוט מען, אַז עס פאַרבענקט זיך נאָך שניי?"

מיינע פריינט שמייכלען. זיי האָבן ליב זייער קאַליפאָרניע יעדער אָרטיקער ווערט אַ קאַליפאָרניער פּאַטריאָט. זיי ווילן ניט דערלאָזן, אַז אַ גרינער זאָל געפינען חסרונות אין זייער מדינה.

נעמען זיי און זעצן מיך אַריין אין אַן אויטאָמאָביל און פירן מיך ערגעץ. דער אויטאָמאָביל גליטשט זיך פריער דורך דער שטאָט, נאָכדעם זינגט ער אַרויף־באַרג, צווישן צוויי ווענט פון ביימער, וואָס פאַרשטעלן די אויסזיכט. אין אַ געשליינגלטער ליניע, אַרום און אַרום באַרג, העכער און העכער, גייט דער שמאָלער וועג, און אַז מיר זענען אויבן, עפנט זיך פאַר אונז אַ וועלט. איבער טאָלן, איבער באַאַרבעטע פעלדער שטייען ווילדע בערג — הרודעס, הויפנס פון בערג, ווענט פון בערג, קייטן בערג, איינס אין אַנדערן, איינס איבער־געוואָרפן איבער'ן אַנדערן, איינס אַריינגעקרעמפּעוועט, אַריינגעביסן אין אַנדערן. העכער און העכער צום בלאָען הימל שטייגן די רוקנס, און אויף די רוקנס גלאַנצן ווייסע דעקן.

דאָס איז שניי.

אויב מען וויל, קען מען אין עטלאַכע שעה פאַרפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל אין אַ געגנט, וואו ס'ליגט דער שניי. ער ליגט אַ גאַנץ יאָר. אייביקער שניי.

דאָס איז קאַליפאָרניע. עס פאַרמאָגט אַלע קלימאַטן — פון אַזוינעם, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט פייכטקייט, ביז אַ טרוקענער מדבר ערגעץ אין דער טיפעניש פון'ם לאַנד. עס פאַרמאָגט אַלע פלאַנצונגען — פון דעם מילגרוים ביז דעם זויערן אַגרעס און דער צפון'דיקער סאָסנע. עס פאַרמאָגט אַלערליי הויכקייטן — פון אַזוי־נער, וואו עס הערשט אייביקער ווינטער, ביז אַזוינער, וואו עס איז תמיד וואַרים. עס פאַרמאָגט אי ווילדע וועלדער, אי רייכע תבואה־לאַנד, אי אָזערעס, אי טייכן, אי פינסטערע טאָלן, אי זילבערנע וואַסער־פאַלן, און אָן זיינע ברעגן קלאַפּט זיך און רוישט דער אומ־ענדלאַכער פּאַציפישער אָקעאַן.

לאָס אַנדזשעלעס.

אַז די זון הוליעט איבער'ן קאָפּ, ווי אַ גיהנם פול מיט שכור'ע מכשפות, און די גאַסן באָדן זיך און טונקען זיך אין אַ מבול פון העלקייט, און די בוימער פאַר די הייזער פּלאַצן שיער ניט פון זאַפ־טיקייט און ציטערן מיט יעדן אבר, און די גאַסן זענען ברייט און ציכטיק און אויסגערוט און וואַך מיט יעדן אָנגעוואָרימטן שטיינדל,— ווערט אייך יום־טוב'דיק אַף דער נשמה, און איר ווילט שוין ניט טראַכטן פון קיין זאַך, נאָר גלאַט אַזוי זיך לעבן.

אפשר פילן דאָס ניט אַזוי די אָרטיקע מענטשן. מען ווערט געוואוינט צו אַלצדינג, אַפילו צו דעם אייביקן קאַליפאָרניער יום־טוב. אָבער אונז, געסט, „צפון'דיקע", נעמט עס דורך ביז די ביינער.

וואָס דאַרף מען מער: לעבן הויז פון מיין פריינט פּאַשעט זיך אַ ווייסע ציג. ס'איז אַ גאַס אין דעם שטאָט־טייל, וואָס רופט זיך „באָיל האַיטס", און ס'וואוינען דאָרטן ניט קיין מיליאָנערן, נאָר אַרבעטער, וואָס לייענען די „פרייהייט", און אַזוינע מענטשן וואוינען ניט אין רחבות, פונדעסטוועגן איז דאָ גענוג פּלאַץ און פּאַשע פאַר ציגן. איך גיי אַרויס אַף דער וועראַנדע און זע, ווי די ציג לאָזט זיך וואויל־גיין מיט'ן געדיכטן גרינעם שמעקענדיקן גראָז, וואָס דערגרייכט איר ביז'ן בויך. אָט האָט זי אָנגענומען אַ בונט געל־פּוטערדיקע בלימלאַך, אָנגעשטאָפּט מיט זיי אַ פול מויל, אויפ־געהויבן דעם קאָפּ — און קייט. די בלימלאַך שטעקן נאָך אַרויס פון איר פּיסק; אייניקע זענען אַרויסגעפאַלן און געבליבן הענגען אַף די גראָז־שטיינגלאַך; אייניקע האָט אַ ווינט אונטערגעכאַפּט און גענומען דרייען. דאָס ווינטל בויגט די זאַנגען פונ'ם גראָז, גלעט די בלומען־קוסטן, וואָס שטייען דאָ דערביי. אַ פעפער־בוים האָט גענומען הוידען זיינע לאַנגע דינע געקרייזלטע צווייגן, וואָס הייגען אַראָפּ ווי גרינע האָר. און אָט איז ווידער רואיק און די זון וואָרימט הייסער. און עס שמעקט זשאַסמין און רויזן. שטיי איך און קוק און אָטעם און פיל מיט יעדן טראָפּן בלוט, אַז דאָס איז אַ יום־טוב'דיק לאַנד.

עמיצער אַ גרויסער האָט אָנגענומען אין זיין האַנט אַ געוואַל־

טיקן הויפן הייזער, אויסגעזוכט אַ פּלאַכן שטח צווישן בערג — און מיט איין שוואונג פאַנאַנדערגעוואָרפן די געביידעס, אַזוי אַז זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט נאָנט און ווייט און אַפילו באַדעקט די פיס פון די בערג. און ס'האָט זיך באַקומען לאָס אַנדזשעלעס.

ס'איז אַ לאַנגזאַמע שטאָט. מען קען זיך ניט איילן, ווען די לופט איז אַזוי ווירציק און די ערד אונטער די פיס איז אַזוי הייס. מען וואָלט זיך קיימאָל ניט געדאַרפט איילן, ווען מענטשן וואָלטן ניט געווען איינגעשפּאַנט. אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער שפּאַן ניט אַזוי שווער און די בייטש ניט אַזוי שאַרף, ווי אין ניו יאָרק.

ס'איז אַ קאָלירנדיקע שטאָט. די גראַקייט פון די אַמעריקאַנער שטעט וואָלט אויסגעזען צו נעבעכדיק אונטער אַזוינע הימלען, אין אַזאַ ליכט. דער גראָ־געלביקער אַמעריקאַנער טאָן האָט אָפּגעטראָטן פאַר דער אָראַנזש־פאַרב, פאַר ליכטיק־בלאָ, פאַר רייך־ברוין, פאַר העל־ווייס. די אַרכיטעקטור האָט ערלויבט דאָ און דאָרט אַ אָריענ־טאַליש הויז מיט ווייניק פענסטער און מיט אַ פּלאַכן דאַך. זעען זיי אויס, די מאָדנע פאַרטראַכטע הייזער, ווי אַ גרוס פון אַ פרעמדן לאַנד.

ס'איז אַ פריינדלאַכע שטאָט. דער אָנגעכמוּרעטער אַמעריקאַ־נער האָט דאָ אויסגעגלעט זיין אָנגעצויגן פּנים, פאַנאַנדערגענומען זיינע פאַרשטשעמעטע ציין — און שמייכלט. ער האָט אַ פרייערן קוק. ער באַגעגנט אַ מענטשן מיט אַ פרייערן וואָרט. ער האָט ניט אַזוי מורא פאַר אַנדערע מענטשן, ווי דער צפון־אַמעריקאַנער. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די הייסע זון האָט צעשמאָלצן דאָס אייז אין זיין ברוסט און אַרויסגעטריבן פון זיין נשמה די שאָטנס, אין וועלכע עס האָט געשווירבלט מיט פאַרדאַכט און שטרענגן משפּט איבער יענעמס חטאים. אָוונט־צייט, ווען ס'שיט זיך אַרום אין לאָס אַנדזשעלעס די מענטשן־מאַסע אַפּ'ן גאַס, איז היימלאַך. מ'האָט ניט מורא צו ריידן אַף אַ קול. מ'האָט ניט מורא צו לאַכן. איך האָב געזען אַ סך מענטשן מיט בלומען אין די לאַצן.

ס'איז אַ שטאָט פון האַנדל און וואַנדל. די צענטראַלע גאַסן זענען פּונקט אַזוי באַלעבט, ווי אין יעדער אַנדערער גרויסער שטאָט. די זעלביקע ביינק מיט די זעלביקע שריַיענדיקע אַפּטייקן, וואו מען פאַרקויפט פון כל טוב, מיט די זעלביקע זיבן־ און אַכט־שטאָקיקע

קעסטלדיקע הייזער. עס רוישט דאָ און הוזשעט ניט ערגער ווי אין צענטער פון קליוולאַנד אָדער פּיטסבורג. גייט איר אָבער אַוועק פון די צענטראַלע פּאָר קוואַרטאַלן, ציען זיך אויף מיילן און מיילן איין־שטאָקיקע און צוויי־שטאָקיקע הייזלאַך, מיט גערטנער פון אַלע זייטן, מיט פּאַלמען אין דער לענג פון טראָטואַרן, מיט ברייטע ציכ־טיקע גראָזיקע סקווערן, וואָס זאָגן: גאָט׳ס ערד איז גענוג גרויס, און נישטאָ וואָס צו שטיקן.

גייט מען נאָך ווייטער פון צענטער שטאָט, דערגייט מען ביז די בערג — הויבן זיך ערשט אָן די פּאַרקן. ווי גרויסע טעפּיכער שפּרייטן זיי זיך איבער די נידעריקערע און העכערע בערג, קלעטערן מיט מחנות בוימער צוליינן זיך מיט בייטן מערקווירדיקע בלומען, טוען אַ בלישטש מיט אָזערעס, וואַסער־פאַלן, טייכלאַך, לאָזן אריין אינמיטן אַ פעלד אַ גרויסן קאַקטוס מיט אומגעלומפּערט־אָנגעקלעפּטע בלעטער, וואָס זעען אויס ווי גרינע פּאַדעשוועס פון גרויסע שטיוול אַנגעשטעקט מיט שאַרפע געלבלאַכע נאָדלען. גייט מען אריין אין אַזאַ פּאַרק, ווערט מען פאַרבלאָנדזשעט אין זיינע סטעשקעס, דרייט מען זיך העכער און העכער, ביז מען קומט צו אַן אָפענער פּלאַט־פאָרמע און מען דערזעט אונטן לאָס אַנדזשעלעס, ווי אַן אוצר פון איידל־שטיינער אויסגעוועבט אויף אַ זיידענעם גרינעם טישטוך. פון אַלע זייטן, ווי שטרייגנע שומרים, שטייען די בערג.

און אַז מען גייט אַראָפּ אונטן, אַלץ נידעריקער, אַלץ טיפער, קומט מען צו אַן אָרט, וואו עס גייען די אייזנבאַן־רעלצן. דאָס איז אַ טאָל אינמיטן שטאָט. רעכטס און לינקס און פאָרנט און הינטן שטרעקן זיך צו צוויי פּאָר רעלצן פון די פילע באַנען, וואָס צולויפן זיך אין אַלע עקן פון׳ם לאַנד. עס פאָרן אָן אָן אויפהער לאָקאָ־מאָטיוון און וואַגאָנעס, און ס׳הויבט זיך אַ רויך איבער׳ן טאָל, ווי איבער אַ וואולקאַן. ארום שטייען פאַבריקן מיט הויכע קוימענס. די שלאַכט־הייזער לאָזן ארויס אַ שרעקלאַכן ריח פון פוילקייט, דער־שטיקט צו ווערן. די גאַז־פאַבריקן האַלטן אין איין רויכערן. ס׳איז אַ קלאַפּעריי, אַ ווייסטער טומל, אַ גרילצן פון אייזן און שטיין. אין שמאָלע, בלאָטיקע, ברודיקע געסלאַך שטייען דאָ פאַר׳חושכ׳טע הייז־לאַך, — אָפּגעריסענע, פאַרשטויבטע, צונויפגעפּרעסטע איינס צום צווייטן — ניט דורכצואָטעמען. מענטשן גייען דאָ — שטיקער

בלאָטע, שטיקער ערד, פאַרהאָרעוועטע, מיט אויסגעברענטע פּנים'ער, מיט פאַרלאַטעטע קליידער. ס'איז אַ טאָל פון העסלאַכקייט, גע־שטאַנק, נויט.

— ווער וואוינט דאָ? — פרעג איך.

— אָ, — ענטפערט מען מיר גאַנץ רואיק. — דאָ וואוינען די מעקסיקאַנער. דאָס איז זייער שטאָט־טייל.

אביסל ווייטער — צען מינוט מיט דעם טראַמוואַי — בליען מאַנדל־ביימער און הייזער־צאַצקעס פּיעשטשען זיך אַנטקעגן דער זון.

יאָ, דאָ וואוינען מעקסיקאַנער, און מעקסיקאַנער זענען „אומ־וויסנדיקע אימיגראַנטן", און מיט זיי מעג מען טאָן אַלצדינג.

פאָרט איר אָפּ אַ האַלבע שעה, קומט איר קיין האָליוואוד — די שטאָט פון די מאָווינס. דאָ ווערט פאַבריצירט דער גרעסטער טייל פון די בילדער, וואָס מען ווייזט איבער'ן לאַנד. דאָ „פאַרדינען" מענטשן משוגע'נע פאַרמעגנס און, זייענדיק אומוויסנדיק און אומ־קולטורעל, פאַרברייגען זיי די גרינג־געוואונענע הונדערטער טויזנטער אין אומזיניקן לוקסוס, אין שרייענדיקער אויסברענגעריי, אין נאַריש־רעקלאַמישע הייזער, מעבל, מאַלצייטן, הוליאַנקעס, עקסצעסן. גאַנץ האָליוואוד איז ווי איין גרויסער בודואַר פון אַ רייך־געוואָרענער כּאַריסטקע. אַלץ כּדי צו שטעכן יענעם די אויגן. אַלץ כּדי צו באַווייזן: „אַז איך האָב, קען איך מיר פאַרגינען".

כּדאַי צו וויסן, אויב די מעקסיקאַנער פון יענעם טאָל קומען אַמאָל אַהער, אין די באַרימעריש־ברייטע גאַסן פון מואווי־לאַנד.

און די זון גיסט איר פייער אָף אַלצדינג גלייך — און דער הימל איז גליענדיק־בלאָ.

דער שיינק פון קאַליפאָרניע.

— זענט איר שוין געווען אין טיהואַנאַ?

— איר מוזט אַריבערפאָרן אין טיהואַנאַ.

— זיין אין סאַן דיעגאָ און ניט זען טיהואַנאַ, איז ווי זיין אין רוים און ניט זען דעם פּאָפּסט.

— איך וועט געוויס זיין אינטערעסאַנט א קוק צו טאָן אַף טיהואַנאַ.

אַזוי זאָגט מען מיר אין סאַן דיעגאָ.

פרעג איך: וואָס איז טיהואַנאַ?

ענטפערט מען מיר: דאָס איז אַ מעקסיקאַניש שטעטל אַפ׳ן גרענעץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דרייסיק מייל פון סאַן דיעגאָ.

מיט וואָס איז דאָס שטעטל אַזוי באַרימט?

שטעלט מען אַף מיר אָן אַ פּאָר אויגן, אַקוראַט ווי איך וואָלט געקומען פון יענער וועלט.

— סטייטש, דאָרט מעג מען פאַרקויפן משקה.

טיהואַנאַ, ווייזט זיך אַרויס, איז דער שיינק פון קאַליפאָרניע. אַהין פאָרט מען מחנות־ווייז דערקוויקן די נשמה. דאָס שטעטל איז רייך געוואָרן פון וויין און בראָנפן. אַזוי ווי סאַן דיעגאָ איז אַ שטאָט מיט עטלאַכע צענדליק טויזנט איינוואוינער און אַזוי ווי עס שווימלט און גריבלט דאָרט כסדר פון טוריסטן — לעבט טיהואַנאַ אַ טאָג.

און עס הויבט זיך אָן אַ ויכוח צווישן מיינע „געניטע“ חברים, ווען ס׳איז בעסער צו פאָרן: באַטאָג אָדער אין אָוונט? באַטאָג שפּילט מען קאָרטן — און דעמאָלט קאָן מען נאָר זען די תושבים, די מעקסיקאַנער מיט די שוואַרצע פּנים׳ער און מורא׳דיקע קאַפּאַ־לושן. אין אָוונט טרינקט מען — און דאָס איז אַ צייט פאַר דער „ציוויליזירטער“ געזעלשאַפט פון סאַן דיעגאָ און אַנדערע „טרוקענע“ מקומות. סטייטש, מען קומט דאָך פון הונדערטער מייל דערקוויקן דעם גומען. אַ קאַטאָוועס טיהואַנאַ!

און ס׳בלייבט, אַז מיר פאָרן אין אָוונט.

אַ שטילע שמעקעדיקע פינסטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף סאַן דיעגאָ, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן זעקס פאַרשוין אין אַן אויטאָמאָביל — דריי חבר׳טעס און דריי חברים. סאַן דיעגאָ האָט אָנגעצונדן אירע פּערלדיקע עלעקטרישע פייערן און אַריינגעקוקט פון דער הויך אין די רואיקע וואַסערן פונ׳ם האַפן. פּאַלמען און מאַנדל־בוימער האָבן ניט גערירט מיט קיין בלאַט. די גאַנצע ליבע שטאָט

האָט זיך געשטרעקט און געצויגן מיט א שטילער פרייד אונטער דעם ווארימען גלעט פונ׳ם אָוונט. אונזער אויטאָמאָביל האָט זיך באלד אריינגעגליטשט אין דער נאכט אריין איבער א פלאכן פעלד. הינ־טער אונז זענען געפאָרן אנדערע אויטאָמאָבילן, אלע אין איין ריכ־טונג. פאַר אונז האָבן אויך אין א לאנגער ריי זיך געצויגן פייערלאָך פון מאשינען. די וועלט איז דאָרשטיק. דער קוואל פון בראנפן איז סך הכל עטלאכע מייל פון דאנען. די וועלט פאָרט זיך לאָבן. א מאָדנע וועלט.

ס׳ווערט טונקעלער און דער וועג איז ערגער; באלד, הייסט עס, מעקסיקאָ. אָט איז א בריק איבער א שמאָלן וואסער. אָט איז די גרענעץ. א שטיבל מיט עטלאכע אמעריקאנישע סאָלדאטן. א פאָן. דאָ מאכט מען ניט קיין פאָרמאליטעטן. דאָ ווייזט מען ניט קיין פאספאָרטן. דאָ פרעגט מען אפילו ניט קיין נעמען. מען ווייסט, וואוהין מען פאָרט און צוליב וואָס. מען ציילט נאָר איבער די קעפ. איינער פון דער גרופּע פארשרייבט זיך אין א בוך. פארטיק. די מעקסיקאנער וואך קוקט זיך שוין לחלוטין ניט אום. נאך איין מינוט — און מיר זענען אין טיהואנא.

עס גרילצן גראמאָפאָנען, מעבאנישע פּיאנאָס, ביליקע מוזי־קאנטן. עס הילכן מענטשלאכע שטימען. עס שרייען די „בילער", וואָס פאררופן אין די ווארילע געשעפטן. די געשעפטן זענען אלץ איינע: ביליקע משקה און ביליקע פרויען. די טירן פון די שיינקען זענען ברייט געעפנט. אינעווייניק ברענען ווייסע עלעקטרישע לאָמפּן און באלייכטן די וואנט־מאלערייען. די בילדער שטעלן פאָר נאקעטע פרויען אין העסלאכע פּאָזעס, וואָס דארפן עקלען א נאָרמאלן מענטשן. אָבער דאָ איז אלצדינג אזוינס, וואָס עקלט. אזא מקום. די ברייטע טויערן פון די שיינקען זענען אָפן, און אין יעדן טויער שטייט א נידעריק שפאניער ווענטל, וואָס פארשטעלט, כלומרשט, דעם אריינ־גאנג. פון יענער זייט ווענטל קוקן ארויס פרויען־קעפּ — אָנגע־פּודערטע, אָנגעשמירטע, מידע, צעקנייטשטע, חורבות פון פּנימ׳ער, חורבות פון שמייכלען. די פרויען רופן. זייערע אויגן דארפן צו־זאָגן פרייד. אז אך און ווי איז דער פרייד, וואָס מען קאָן שוין דאָ קריגן.

הינטער די ווענטלאך אין די זאלן טאנצט מען. אין יעדן זאל איז א לאנגע באר, אמעריקאנישער סטיל. די וואנט הינטער דער באר איז אָנגעשטעלט מיט פלעשער. אלץ ווי אין דער היים אין די אלטע גוטע נאסע צייטן. די שיינקער זענען אלע אמעריקאנער, די קעלנער אויך. קאפיטאל ווייסט ניט פון קיין פאָטערלאנד.

פאַר די סאלונען שטייען פעדלער, וואס פארקויפן וואורשטלאך („הייסע הינטלאך"), ברויט, פיש — צוביים צו דער משקה. איבער די טראָטוארן ציען זיך מאסן נאָר־וואָס אָנגעקומענע אמעריקאנער, בכבוד'יקע מענטשן, מיט אייגענע אויטאָמאָבילן, מיט פיינע געשעפטן בא זיך אין דער היים, מיט ווייבער און קינדער. פאַר די סאלונען ציען זיי זיך, די אלע רעספעקטאבלע, גאָטספאָרכטיקע, אין קירך־גייענדיקע, דאס פאָטערלאנד ליבענדיקע בירגער, און פארקוקן אין יעדער טיר, און באטראכטן יעדן זאל, און טאפן אוים מיט די אויגן יעדע פרוי, און וועגן און מעסטן און רעכענען, וואו זיי וועלן באַ־קומען מער פארגעניגן. די זאלן ווערן ביסלכוויז אָנגעפילט. דער מסחר בליט.

אונזער קאָמפאניע וואלט בעסער געפאָרן אהיים, נאָר אז מ'איז שוין דאָ, איז ניט שייך. גייען מיר אריין אין איינעם פון די נעסטן, זעצן זיך ארום א טיש, הייסן זיך דערלאנגען א פלאש וויין. דער קעלנער, א זשוואווער יונגערמאן מיט כיטרע אויגן און א גאנג פון א קעשענע־גנב, דערהערט אז מיר ריידן אידיש, ווערט ער גאָר מיט אונז „זא פאניבראטא". ער איז אויך א איד, כאָטש מען וואלט דאס ניט דערקענט אַף זיין פנים. זאל אונז דאס ניט פרייען, אדרבא? דער וויין איז געמאכט פון שלעכטן בראנפן מיט שארפע געווירצן. די סענדוויטשעס שמעקן מיט פערדן־פלייש. די הערן ארום און ארום זענען זיך משמח אַף וואס די וועלט שטייט. זעקס מיידלאך אין טאנץ־קאָסטיומען זענען גרייט זיך צו זעצן צום טישל פון יעדן נאסט, טאנצן מיט אים, העלפן אים פארברענגען די צייט אין מעקסיקאָ. א יונגער מאן מיט א דינעם בלאסן פנים שטעלט זיך אוועק פאַר אונזער טיש און זינגט אונז עפעס גאָר מחיה'דיקע קופלעטן. מיר גיבן אים א מטבע אבי פטור צו ווערן פון אים. אין זאל טאנצט מען, געסט און היימישע, אמעריקאנער און מעקסיקאנער. דער זאל איז צוטיילט דורך ביינק אַף צוויי העלפטן. אין דער הינטערשטער

העלפט פירט א טרעפ צום צווייטן שטאק. לעבן דער טרעפ ווערט פלוצלינג א טומל. מען שלאגט זיך. דער קופלעט־זינגער און עפעס א שייגעץ מיט שווארצע האר ווארפן קלעפ איינער דעם אנדערן אין פנים אריין. ס'האט זיך באלד געבילדעט א קרייז. מען שרייט. מען טומלט. אבער מען לאזט די שלעגער צורו. ז י י ע ר זאך. עס פליען פעטש ווי הייסע קוילן. די פנים'ער פון די שלעגער זענען ווילד, פארצויגן אין שרעקלאכע גרימאסן. די ציינער אויסגעשטשירעט, ווי בא צורייצטע הינט. באך, טראך, טראך, באץ! דער קופלעט־זינגער באוואשט זיך שוין מיט רויטער יושקע. איך טראכט מיר, אז ס'איז גאר ווי אין א „מאוווי". און נאך טראכט איך מיר, אז מסתמא איז ניט אלצדינג אויסגעטראכט, וואס מען ווייזט אין די „מאוווים".

מ'האט די חברה צענומען. מיר זיצן ווייטער באם טיש. פון דעם געטראנק איז מען שכור'לאך, אבער ווייט פון פריילאך! פרייל־אכקייט איז אן איידעלע זאך, מען קאן עס ניט קויפן. דער אידישער קעלנער איז ווייטער דא. ער שמייכלט. „היינט איז נאך גארנישט. בא אונז שיסט מען זיך שיר ניט יעדן צווייטן טאג. אמאל טראגט מען ארויס א טויטן".

— ווי קאנט איר דא לעבן? — פרעגט א חבר.

יענער טוט וואויל־יונגעריש א מאך מיט דער האנט.

— אט זשע זעט איר! איך לעב דא מיט מיין ווייב שוין דאס דריטע יאר, און איך קען זיך ניט באקלאגן. ניט קיין שלעכטע פרנסה...

די מיידלאך הויבן איצט אן טאנצן זייער „רעוויו"; די שכור'ע מענער שלוקערצן, ברומען, ווינקען־צו מיט די אויגן, ווארפן זיך דורך מיט נבול־פה, קלאפן בראוואָ. די „פארליידי" גייט ארום מיט א קאשיק זאמלען מטבעות „פאר די בייבים". די „בייבים" כאפן קוים דעם אטעם נאכ'ן שווערן טאנץ. זיי זענען פארמאטערט, און די ענגע קארסעטן, זעט מען, עסן זיך איין אין זייערע לייבער. די פאדלאגע איז פארליאפעט מיט משקה, פארוואָרפן מיט שאלאכץ פון פרוכט און אייער.

אה! ס'ארא פארגעניגן — צוריק אף דער פרישער לופט! די נאכט איז אנגעזאפט מיט שטערן־שיין און בלעטער־רוויש. די נאכט

שווימט ווי אַ דופּטיקער טונקל־בלאָער טייך. אַ ווינטל בלאָזט, גלעט דעם הייסן שטערן, קונדס'ט זיך אַרום די אויערן. דער אויטאָמאָביל זשומעט. פאָר, מאַשינקעלע, פאָר, וואָס ווייטער פון יענעם גיהנום!...

.1923

אין טעקסאַס.

ס'איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז אין צפון איז קאַלט און אין דרום איז וואַרים. ס'איז זיך ניטאָ וואָס צו חידוש'ן, ווייל מ'האָט עס געלייענט און מען ווייסט עס. אָבער אַז די צייט איז יאַנואַר און אַ מענטש פאָרט אַריבער אין איין וואָך פון מינעסאָטאַ קיין טעקסעס, איז שוין ניט שייך ווייסן. דאָס ווייסן ווערט בלאָס; די לעבע־דיקע ווירקלאַכקייט נעמט אַרום און דערפרייט און דערפרישט. הימל און ערד און לופט פאַלן אָן מיט אַ הויפן איינדרוקן, וואָס מאַכן פונ'ם טאָג אַ יום טוב און פון דער נאַכט אַן אויסגעטערנטע בלאָע זעאונג. דער מענטש פילט, אַז מיט אים האָט געטראָפן עפּעס אויסערגעוויינ־לאַכס, כאָטש אַלצדינג איז אַזוי פּראָסט און אייביק, ווי יד נאַטור אַליין.

ס'איז דוקא ניטאָ קיין שרייענדיקע קאָנטראַסטן, קיין קאָפּ־דרייענדיקע מעטאַמאָרפאָזן. איר פאָרט אַרויס פון קענזעס סיטי, ליגט נאָך אַ שניי. די פעלדער שלאָפן. די ערד איז פאַרגליווערט, דער הימל איז וואַסערדיק־בלאָ־ווינטערדיק. די בוימער זעען אויס ווי אָנגעזאָפּט מיט פאַרקילטן אייזן. די בוימער זענען אַלע נאַקעט. די וועלדלאַך — שוואַרץ ווי פּעך. דער פּראָסט גלאַנצט אָפּ אויף די שטיינדלאַך באַם וועג.

אָט פאָרט איר איבער די פאַרם־לענדער פון מיזורי. דאָ און דאָרט זעט איר אַ רויך איבער אַ הייזל. דער רויך איז גלייך, ווי אַ זייל. אַ סימן די לופט איז געפרוירן. איר פאָרט איבער די שטרעקעס פון אָקלאַהאָמאַ. דאָס לאַנד איז טויט. די פּאַראַיאָריקע גראָזן זענען אַלע געל. ס'איז ווינטער. עס פאַלט אַראָפּ אַ רויע נאַכט און

פארדעקט די אומפריינטלאכע געגנט. ס'הויבט זיך א בייזלאכער נעבל. ס'איז ניטא מער וואס צו זען. אבער אז די נאכט פארשווינדט און די זון קריכט ארויס פון אונטער א קישן פון וואלקנס, און דער צוג הויבט זיך אויף אף א ברייטן פלאכן פלאן, איז שוין א נייע וועלט מיט א נייער נשמה.

אויס ווינטער. די ערד פון מעקסעס ליגט א שווארצע, א צע־אקערטע, און זי איז לעבעדיק און פוקע, ווי אנגעשוואלן פון פרילינג־וואסער. די ערד לויפט אף רעכטס און אף לינקס אין א מעכטיקן שוואונג — ברייטער אפילו ווי די דרום'דיקע רוסישע סטעפעס. דא און דארט קיילעכיקט זי זיך ווי א נידעריקער גרויסער טעלער מיט'ן דנא ארויף — און פון די העכערע פונקטן זעט זיך א גוואלטיקע ווייטקייט. מיילן און מיילן איז ניט צו זען קיין הייזער. ווייניק וועלדער — אבער קופעס בוימער לויפן אמאל צו צום אייזנבאן־וועג. די בוימער זענען ערטערווייז געלע, ערטערווייז גרינע, ערטערווייז ברוינע — און אנטקעגן דער שווארצער ערד שטעלן זיי זיך אויס ווי קונציקע שטיקערייען. דער עיקר אבער איז די זון און די לופט. די זון איז אזא ליכטיקע און א פריילאכע, ווי זעלטן בא אונז אום פרילינג. די זון האט יענעם שטיפערישן גלאנץ, וואס פון איס ווערן אלטע יונג און יונגע שכור פון לעבן. די לופט איז אנגעגאסן מיט אזא קלארקייט, אז אלצדינג אין דער וועלט זעט אויס ניי. א ברכה ליגט אף דעם שטיקל פעלד באם זייט פון א צוים. א ליבלאכקייט גלעט די קעפ פון א וועלדל. א שימער הויבט זיך פון אומעטום — דער שימער פון א לאנד, וואס האט אקארשט צעשמאלצען זיין שניי און גרייט זיך אנטאן א קלייד פון גראז. קיין שניי איז דא ניט געוועזן — דאס ווייס איך. אבער דער איינדרוק איז: א באפרייטע ערד. עס דאכט זיך: אין דער זילבער־שטויביקער לופט קען מען הערן דאס פישטשען פון פויגלען.

און וואס איז דאס? א גרין פעלד. פריש גרין גראז. א גרינע פלאכטע א ווארף געטאן אף א שווארצן גרונט. ס'קומען נייע שווארצע פעלדער. עס קומען רויטלאכע — צוגעדעקט מיט א געוויקס, וואס איך ווייס ניט זיין נאמען. דאס איז שוין דער באמוועל־ראיאן, — דאס לאנד פון שווארצע שקלאפן, דאס לאנד פון זאמער ערד, דאס לאנד פון הורדעס אקסן און פערד, דאס לאנד פון מעכטיקע רייטער.

וואָס פאַר אַ רחבות ס'וואָלט דאָ געקענט זיין פאַר'ן מענטשן, ווען ער וואָלט זיך אַליין ניט געמאַכט איינג.

אָבער דאָ זעען זיך ווייניק מענטשן. ס'איז פּאַרט ווינטער. מען אַרבעט ניט אַף דער ערד. דער ווינטער איז ווי בא אונז דער פרילינג, נאָר פעלד־אַרבעט וועט זיך אָנהויבן ערשט שפּעטער מיט אַ חודש — אַנדערהאַלבן. דערווייל טרינקט די ערד דאָס זון־ליכט און קלייבט זיך מיט כחות, כדי שפּעטער אַרויסצוגעבן איר גרויסע שפע. די ערד נעמט אויף די טייכן פון ליכט און שטרעקט זיך אונטער זייער איבערפאַל און בויגט אויס אירע בייכער און אָטעמט טיף. פון אירע געדערים גייט שוין אַ זאַפט אין די בוימער און גראָזן.

אָט איז אַ ביימל. זיינע קנאָספּן האָבן שוין געפּלאַצט. זיינע צווייגן זענען אָנגעדראָלן פון סאָק. עס שטייט און ציטערט פון דעם קאָפּ ביז'ן לעצטן וואָרצל טיף אין דער שוואַרצער ערד.

אָט איז אַ פּאַס גראָז אין אַ פייכטן אָרט. דאָס גראָז איז שוין הויך. אָט איז לעבן אַ וואַנט אין אַ דערפל אַ קוסט פון געלן גאָלד־רעגן. זייט מיר געגריסט, יאַנואַר־בליטן אין אָט דעם ברייטן צע־הוליעטן לאַנד. די בליטן זענען ווי געלע זומער־פייגלאַך אָנגעזעצט אַף טונקל־גרינע צווייגלאַך. אין סט. פּאָול איז איצט 20 גראַד אונ־טער נול, דער פראָסט האַקט ווי מיט שווערע שאַרפע האַמערס, און אז מען שטעקט אַרויס אַ נאָז אין דרויסן, כאַפּן צוואַנגען אַרום דעם גאַנצן קערפּער און פאַרשלאָגן דעם אָטעם. מענטשן רופן איינער דעם אַנדערן: „רייבט אייער אויער. איר'ט זיך אָפּגעפרוירן אַן אויער".

די זון ליגט אַף דער ערד פון טעקסאַס ווי אַ צוזאָג אַף גליק. אַלצדינג חנ'דלט זיך און קוועלט אין דעם העלן טאָג. דער הימל איז אַ הויך־הויכער, און די בלאָקייט זיינע איז אַ טיפע און אַ וואַרעמע און אַ געדיכטע. ס'טראַכט זיך פון פליען.

דער וועג טוט זיך אַ דריי אַן אַ זייט, און ס'ווייזט זיך אַן אָזערע. דאָס וואַסער בלאַנקט מיט'ן קאָליר פון פערלמוטער. ווען איך קוק נאָר אויפ'ן וואַסער אַליין, וואָלט איך געוואוסט, אַז ס'איז דרום.

אומבאַמערקט שווימט צו אַ שטאָט. דאַללאַס. אייזנבאַן־סטאַנציע. דאַכט זיך מיר נאָר, אַז די מענטשןריידן העכער, באַוועגן זיך האַסטיקער, לאַכן פרייער ווי אין אַנדערע שטעט? פאַרוואָס ניט. די זון מוז דאָך זיין אין זייער בלוט.

די סטאַנציע איז אַ ציכטיקע, אַ הויכע, אַ פּאַרפּוצטע. איבער אַזוינע טרעפּ, אין אַזוינע זאַלן דאַרף מען מאַכן פּאַקלס־קאַרנאַוואַלן. רויטע פאַנען וואָלטן גוט געפּאַסט צום כאַראַקטער פון דעם בנין.

פון דער הויפּט־טרעפּ צוויי זאַלן: איינע רעכטס, די אַנדערע לינקס. אויף דער רעכטער אַן אויפשריפט: „פאַר ווייסע", אויף דער לינקער: „פאַר נעגערס".

מיר זענען אינ׳ם לאַנד פון אַלטער אַדעליגער דעמאָקראַטיע.

שוואַרצע.

אַן אַמעריקאַנישע שטאָט איז ווי אַן אויפגעקומענע גביר׳טע: מען דאַרף זיך באַרימען מיט׳ן רייכטום.

ס׳איז ניטאָ קיין שום סיבה, פאַרוואָס די שטאָט דאַללאַס זאָל אויסבויען צוואַנציק־ און דרייסיק־שטאָקיקע בנינים. פּלאַץ איז דאָ לרוב — לאָז זיך אין דער לייִנג און אין דער ברייט. די געשעפטן זענען גאָר נישט אַזוינע גרויסע; די באַפעלקערונג איז קוים מער ווי צוויי הונדערט טויזנט; די הייזער זענען מערסטנס צוויי־שטאָקיגע און געראַמע — הלואי אויף ניו יאָרק. וואָס דאַרף מען הימל־קראַצערס? נאָר וואָס דען, אַז אַ שטאָט וויל זיך באַרימען, קריכט מען צו די וואָלקנס. ס׳איז אַ סגולה פאַר ביזנעס: „זע ווי דאַללאַס וואַקסט!"

און לאָמיר אייך זאָגן: אין דער קלאָרער טעקסאַסער לופט זענען די עטלאַכע טורעם־געביידעס גאָר ניט קיין שלעכטער אָנבליק. די „מאַגנאָליא בילדינג", דאָס „הויז פון מעדיצינישער קונסט", דער „אַדאָלפוס האָטעל" צייכענען זיך אין דער הויך מיט גראַציעזע און לייכטע קאָנטורן. זיי זענען ווי שפּילעכלאַך אויפגעשטעלט צו ברעכן דעם מאָנאָטאָן. זיי זענען ווי שטיין־פאָנטאַנען, אַרויסגעשאָסן פון אַ פעטן לאַנד. זיי ציִען דאָס אויג פון אַלע זייטן. וואָלטן זיי געהאַט אַ נשמה, וואָלט מען זיך אפילו געקענט אויסמאָלן, אַז זיי רופן פון דעם ערדישן טומל ערגעץ אין ליכטיקער הויכקייט.

אונטן טומלט די פּראָווינץ־שטאָט, ווי אַף קאַטאָוועס. זי פּרופט זיך נאָכמאַכן ניו יאָרק אָדער שיקאַגאָ, און ס׳האָט אַ פּנים ווי אַ קליין מיידעלע וואָלט אָנגעטאָן דער מאַמע׳ס באַל־קלייד. עס גלאַנצן געשעפטן מיט סחורה פון׳ם צווייטן סאָרט; עס באַרימען זיך אוניווערסאַל־קראָמען (דעפּאַרטמענט סטאָרס) מיט ביליקע אַרטיקלען; עס שרייען קינעמאַטאָגראַפן מיט אַלט־באַקאַנטע נעמען פון פּיעסן; עס שטעלן אַרויס מאָדיסטקעס „די לעצטע פּאַריזער מאָדעס", וואָס קומען פון מאַנהעטען; עס טרובען אויטאָמאָבילן, ווי ס׳וואָלט זיי, חלילה, געוועז איינג; פּאָליסלייט פייפן דראָענדיק, מען זאָל ניט אַריבערגיין די גאַס איידער מען גיט דעם סיגנאַל, כאָטש ס׳איז דאָ ווייניק פאָרער און גייער, און ס׳איז גאָר ניט געפערלאַך. אַלצדינג זעט אויס, ווי מ׳וואָלט זיך געשפּילט אין גרויס־שטאָט. הויבט מען אויף די אויגן און מען דערזעט די זעקס און דרייסיק שטאָק פון דער „מאַגנאָליא", הויך איבער די פלאַכע און בייכיקע הייזער מיט סעדלאַך און גערטנדלאַך פון פאָרנט און פון הינטן, זעט דאָס ערשט אויס ווי אַ שפּיל. אפילו די פאַר פאַבריקן מיט די צוויי־דריי קוימענס מאַכן ניט קיין ערנסטן איינדרוק. מ׳האָט זיי אויפגעשטעלט גלאַט אַזוי ווייל אַ שטאָט אָן פאַבריקן איז קיין שטאָט ניט.

און אַ גאַסט פון אַן אַנדער געגנט וואָלט געקענט זייער שיין אַריינפאַלן אין טאָן פון אָט דעם שפּיל און הנאה האָבן פון דעם קאַטאָוועסטדיקן רויש, פון דער מיושב׳דיקער איילעניש, פון דעם רואיקן דאָרף־גייסט, וואָס הויערט איבער אַלצדינג און וואָס קיין שום הימל־קראַצערס קענען אים ניט פאַרווישן; ער וואָלט געקענט הנאה האָבן פון דער ליבער וואַרימער זון, וואָס שמייכלט פון יעדן שטיין און יעדן ווינקל. אַ גאַסט וואָלט געקענט מיטגיין מיט די מענטשן אין גאַס און באַטראַכטן מיט פאַרגעניגן זייערע געזונטע קערפּערס, זייערע ברייטע טריט, זייער דאָרפישע רויקייט. צווישן אַן איינוואוינער פון ניו יאָרק און אַן איינוואוינער פון טעקסאַס איז אומגעפער דערזעלביקער אונטערשייד, וואָס צווישן אַ קלויזניק און אַ ישוב׳ניק.

וואָלט אַלצדינג געווען גוט, ווען ניט די נעגערס. אודאי זענען די נעגערס פאַר אונז קיין נייעס ניט, און אודאי ווייסן מיר פון זייער

שפלות. אָבער וויסן און זען איז ניט דאָס זעלבע. ערשט ווען איר קומט אין דרום, פארשטייט איר, וואָס ס'הייסט שקלאַפעריי, — און די פרייד און דאָס שפּיל פון דער שטאָט ווערט פאַר אייך פאַרטונקלט.

„פאַר ווייסע“ — „פאַר נעגערס“. אין טראַמוואַי זענען די בייַנק צעטיילט. צוויי הינטערשטע פאַר שווארצע — די איבעריקע פאַר די „הערן“. א שווארצער טאָר זיך ניט איבעררוקן מיט איין באַנק העכער. אין טעאַטערס און קינעמאַטאָגראַפן לאָזט מען ניט אַריין קיין נעגערס. פאַראַן נאָר איין „מואווי־הויז“, וואו מ'האָט פאַר זיי אָפּגעטיילט א ספּעציעלע גאַלעריע מיט א ספּעציעלן אַריינגאַנג. וואוינען מעגן זיי נאָר אין באַשטימטע גאַסן.

און וואָס זענען דאָס פאַר גאַסן! דאַלאַס, דאָס שפּילכל, מיט די שיינע הייזער און לאַכנדיקע בולווארן, פאַרוואַנדלט זיך דאָ אין א שמוץ־גרוב. די גאַסן זענען שמאָל און ניט ברוקירט. קיין טראָטואַרן איז ניטאָ. א געדיכטע לייַמיקע בלאָטע לאָזט ניט אַרויסשלעפּן א פוס. די בלאָטע ווערט טיפער אין צענטער פון דער גאַס, און אַלעס צוזאַמען זעט אויס ווי א גרויסער רינשטאָק. פון ביידע זייַטן שטייען הילצערנע ביידלאַך, ווי סוכות, צונויפגעקלאַפּטע ווי ניט איז פון ברעטלאַך, אמאָל האַלב אייַנגעפאַלענע, אמאָל אָנגעבויגענע פון אַלטקייט, אמאָל אויפגעבויט אף סלופּעס איבער דער בלאָטע. אָט דאָ לעבט מען. אָט דאָ קריכן אַרום שווארצע האַלב־נאַקעטע קינדערלאַך מיט שעפּסענע שווארצע געקרייזלטע הערעלאַך; אָט דאָ זיצן נעגערס אף די „פאָרטשעס“ (מ'שטיינס געזאָגט) און לאָזן זיך וואויל גיין. אָט דאָ זענען אָפן די אָרעמע קרעמלאַך מיט די פאַרוויילונג־פּלעצער מיט די רעסטאָראַנען, וואו נעגערס עסן. איבעריגנס זענען דאָ אַזוינע גאַסן, וואו נעגערס מעגן יאָ וואוינען צוזאַמען מיט ווייסע, אָבער נאָר אין די הויפן, אין הינטער־שטיבלאַך, אין ספּעציעל אויפגעבויטע קליינע לעכער. אין די פאָדערשטע הייזער פון אַזוינע גאַסן טאָרן זיי ניט וואוינען. פאַראַן א סך גאַסן, וואו אויך הינטער־שטיבלאַך זענען פאַר די שווארצע פאַרבאָטן, סיידן זיי דינען טאָקע בא דעם ווייסן, וואָס וואוינט צו דער גאַס צו.

וואָס טוען זיי? זיי וויסטן א לעבן. קיין בעל מלאכות זענען

זיי ניט. צו אינטעליגענטע פּראָפעסיעס האָט אַ צוטריט נאָר אַ נישטיקער פּראָצענט. לעבן זיי פון שווערער האַנט־אַרבעט אין די שטעט און פון אַרבעט בײַ קאַטן (באַמוועל) אויף די פעלדער. פאַר־דינט אַ נעגער אַ פּאָר גראָשן, קען ער זיך ניט איינהאַלטן, מוז ער זיי אויסגעבן אויף אַ קינדערשן אומגעלומפּערטן אופן. ער קען ניט זאָרגן פאַר מאָרגן. ער איז נאַאיוו און פּרימיטיוו — און אויב ער וואָלט פאַרשטאַנען זיין קראַפט, וואָלטן אָט די ווייסע הערשער זיך ניט געפילט אַזוי זיכער.

ס'איז שבת בײַטאָג. די אַרבעט איז געענדיקט. די נעגער־גאַסן זענען פול מיט מענטשן. שוואַרצע, ווײַסע, אַ סך קליינ־געוויקסיקע, אַ סך מיט אויסגעדרייטע פיס. קענטיק, זיי קריינקען ניט ווייניק. אַ סך זענען בלאַס הינטער דער ברוינקייט. איצט איז די צייט זיך לאָזן וואַוילגיין. קלײַבט מען זיך צונויף אין צענטראַלן נעגערשן פּלאַץ, וואו עס איז דאָ עטלאַכע רעסטאָראַנען און וואו עס באַווייזט זיך אָפט אַ שוואַרצער פּריידיקער און האַלט אַ האַרצ־רייסנדיקע רעדע. טייל הערן, טייל שטייען גלאַט אַזוי און שמועסן. אַמאָל ווערט מען אין כעס איינער אויפ'ן אַנדערן — בליצן מעסערס. ס'איז דאָ אַ ספּעציעלער סאָרט מעסער, וואָס רופט זיך „איסט דאַללאַס", קויפט מען אים ניט אויף צו שניידן ברויט, נאָר אויף צו שניידן קישקעס. זומער־צייט, ווען אויף די קאַטן־פעלדער איז אַ דוחק אין אַרבעט, שיקט מען אַהער, אויף דעם פּלאַץ, גרויסע וואָגנס, וואָס ווערן בעלד אָנגעלאָדן מיט אייליק־געדונגענע שוואַרצע. אַ קנאַק מיט דער בייטש און — פּאַשאָל! אַוועקגעפירט די שקלאַפן אַהין, וואו זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געשוויצט.

אַרום דעם פּלאַץ געפינען זיך אידישע קראָמען. אידן לעבן פון די נעגערס. דער נעגער האָט ליב צו קויפן בײַם אידן, ווייל דער איד לאָזט זיך ריידן. דער איד האָט ליב צו פאַרקויפן דעם נעגער, ווייל דער נעגער לאָזט זיך נאַרן.

אַ נעגער האָט זיך ליב צו קליידן. ס'קומט אים צו אַ חיות, ווען ער פּוצט זיך אויס אין עסיק און אין האָניק. וואו האָט מען אָבער געלט אויף אַ קאָסטיום? קויפט מען אויף אויפצאָלן: דאָס הייסט, מען גיט דעם אידן אַלע וואָך אַ פּאָר דאָלער, ביז ס'וועט זיך אָנזאַמלען דער פּרייז פון די קליידער, וועט ערשט ד ע מ אָ ל ט

דער נעגער באקומען די קליידער. ארויסגעבן די קליידער איידער ס'איז איינגעצאָלט דער גאַנצער פּרייז, וועט ניט איינפאַלן קיינעם: דער נעגער וואָלט פארגעסן דעם „זיי געזונט" און מ'וואָלט אים מער ניט געזען אין די אויגן. הייסט עס, אז דער איד איז פאר אים א מין שפּאָר־קאַסע, וואו ער זאמלט אָן די עטלאכע גראָשן. פאר דער טובה רעכנט אים דער איד פונקט אזא פרייז, ווי א ווייסער וואָלט געדארפט צאָלן, ווען ער נעמט טאקע אַף באָרג. אזוינע גרויסע בעלי־טובות זענען די אידישע הענדלער. אמאָל טוט גאָט א נס און דער נעגער פאַלט אריין אין טורמע צוליב א געשלעג — זייער אָפט פאַלט ער אריין אין טורמע — איז אויס געשעפט: דער איד ירשנ'ט די אָנגעקליבענע עטלאכע דאָלער.

די זון שיינט איבער דאַללאַס, טעקסאַס. די זון לאכט ווי אָקאָרשט א באפרייטע. די מענטשן וואַנדערן אין די העלע פרייד־לאכע גאַסן און ס'זעט אויס ווי זיי באָדן זיך אין פרילינג־פרייד, און צווישן זיי און בא די זייטן פון זייער פרייד־הערשאפט, אין די הינטער־געסלאך און אין דער בלאָטע, אין אָרעמקייט און אומ־ווויסנקייט און דערנידעריקונג, וואַנדערן און פייניקן זיך און בייַנקען און זוכן פארגעסנקייט די שוואַרצע שטיף־קינדער פון דער גרויסער מדינה, די שקלאפן פון א פאָלק, וואָס באַרימט זיך מיט זיין פריי־הייט.

אין דאַללאַס הערשט דער קו־קלוקס־קלען. הינטער דאַללאַס איז דאָ א פּלאַץ, וואו מען שמייסט. אמאָל שמייסט מען נעגערס אינמיטן העלן טאָג. די זון קוקט פון אויבן און לאכט.

1923.

אין דער געגנט פון פּיטסבורג.

רויך. רעלצן. קוימענס. געפלאָכטענע אייזערנע טורעמס. גרילץ. רויך.

דער צוג פאָרט אריין אין א וועלט פון אייזן, שטאָל, קוילן, קאָקס, מאשינען, פאבריקן, פאבריקן.

דער צוג איז אַ טייל פון אַ גרויסער פּראָצעסיע צוגן, וואָס רוקן זיך צווישן די אַרבעט־באַשווערטע בערג. שווער־באַלאָדענע, רויך־פאַרשווארצטע צוגן.

רעלצן אויבן, אונטן, רעכטס, קאָסע, איינס אינ׳ם אַנדערן, איינס איבער׳ן אַנדערן; רעלצן גלאַנצן זילבער־ווייס אין דער קינדעריש־מונטערער הערבסט־זון. רעלצן לויפן, פאַרקירעווען זיך, ווערן פאַרפּאַלן צווישן בערגלאַך, אין זייטיקע טאָלן. רעלצן שיסן אַריין אין דער ווייטער וועלט.

וואַגאָנעס, וואַגאָנעס, גראָע, געלע, רויטע, שווארצע; אָפענע, פאַרמאַכטע. אויל־וואַגאָנעס, קוילן־וואַגאָנעס, פלייש־וואַגאָנעס, וואַגאָנעס מיט שטיין, האָלץ, ציגל, שיפער, ערד, ליים, פּרענטן, רעדער, רערן. וואַגאָנעס אין שורות, אין קייטן, אין גרופּעס. וואַגאָנעס צעוואָרפענע דאָ און דאָרט. פאַרסאַזשעטע וואַגאָנעס. פאַרברוינטע, פאַרשטויבטע וואַגאָנעס.

קופּעס שטיינער בײַ די רעלצן. קופּעס באַלקנס. קובן ציגל. בערג מיט אייזן־ערד. קאַלך־פּיראַמידן. אַש־פּיראַמידן. גראָ. שווארץ. גלאַנציק. פאַרזשאַווערט.

קוימענס. קיילעכיקע, קורצע, גראָבע; הויכע, שלאַנקע, פּיר־קאַנטיקע, אַכטקאַנטיקע; אייזערנע, שטיינערנע, ציגעלנע; קוי־מענס אין פאָרן, קוימענס אין רייען, קוימנס אין פּעק. קוימענס געבויגענע, געשליינגלטע, גלאַטע. קוימענס גיסן אַ רויכיקע היץ אין דער לויטערער זוניקער לופט. קוימענס ציטערן פון היץ. קוי־מענס ציען איינס צום אַנדערן געשניצטע שטאָלענע נעצן.

רויך. פּאַרע. שטויב. סאַזשע. במארעס. קנוילן. וויכערס. דורך פּאַרע און רויך מאַכט דער צוג זיך אַ וועג. ווייטער. ווייטער.

הייזלאַך. אַף אַ באַרג־זייט אויסגעשאָטן קליינע הילצערנע קעסטלאַך. אויבן, אונטן, איינס איבער׳ן קאַרק פונ׳ם צווייטן, איינס אַפּ׳ן קאָפּ פונ׳ם צווייטן. בלאַסע, געלבלאַך־רויטלאַכע קעסט־לאַך מיט פּירעקעכדיקע שעמעוודיקע פּנים׳ער אַנטקעגן דער זון.

בוימלאַך. צעשויבערט. צעדראַפּעט. האַלב־נאַקעט. שווארצע, גלאַנציקע צווייגלאַך. בוימלאַך לויפן אוועק פונ׳ם צוג. קענען איינס דאָס אַנדערע ניט דעריאָגן. בוימלאַך לויפן באַרג אַרויף, ווערן פאַרשוואונדן פון יענער זייט רוקן.

ווייטער.

א טייכל. געלבלאַכע וואַסער. פּעטס אינ'ם וואַסער. הייסע דאַמפּן אין וואַסער. רויכערט זיך דאָס פלאַכע וואַסער. בלאָטיקע שטרייפן. זון־פּונקען אין וואַסער. לויפט דאָס וואַסער אונטער בריקן, איבער רעדער, פאַלט פון דעמבעס, לעקט דעם אָנשיט פון די רעלצן. ווייטער. ווייטער.

א בערגל וויקלט זיך אריין אין א בערגל. א טאָל שווימט אַרויס, א טאָל גיט א פאַל אַרונטער צו א ווייטן דאָרף צו; א טאָל רוקט זיך אַריין אין באַרג. אין א ווינקל, ווי אַן אַלטער שלאָס פון ריטער־רויבער — א פאַבריק. שווערע ווענט, פאַרגראַטעטע פענצטער, בייכיקע קוימענס. א הויף אָנגעוואָרפן מיט ברוך־אייזן. קאַנוסן פון ברוך־אייזן. וואָגנס מיט ברוך־אייזן. א רויטלאַך געוועב פון צע־פאַטלטן ברוך־אייזן. שווערע פלאַכטעס רויך לייגן זיך אהערצוצי, פאַרשטעלן די פאַבריק. שוין ניטאָ די פאַבריק.

א וועלדל. דינע, ציטערדיקע, איינס צום אַנדערן געטוליעטע בוימלאַך. רויטע בלעטער, גרינע בלעטער אַף די בוימלאַך. דער ליבער וואַרעמער הערבסט, איינגעקאָרטשעט, זיצט זיך אַפ'ן לעצטן גראָז צווישן די בוימלאַך, שמעקט די לעצטע שוואָמען, זוכט די לעצטע גרילן. אַף זיין קאָפּ שיטן די בוימלאַך פאַרביינקטע געל־גאָלדענע בלעטער.

און אָט איז א פעלד. פעלד, פעלד, ווי קומסטו אהער? ליגסט באַגרינט מיט א פרישן חן. ליגסט און וויגסט דיין ווינטער־ווייץ, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון דיין בויך. סאַמעט־ווייך, זיידן־ווייך שיינט דיין גרינע דעק. ראָסע ליגט נאָך בלאָלאַך אין דיין גרינער דעק. יעדע גרעזעלע — א גרין ציכטיק קינדעלע באַ דיין ברוינער ברוסט. איל ניט, פעלד! לויף ניט אַוועק אויף גיך!

שוין — שוואַרץ. אַף אַן אַקער־מאַשין זיצט אַן איינגע־הויקערטע פיגור. פאַסן שוואַרצע ערד לייגן זיך איינס צו איינס. א פאַס נאָך א פאַס — און שוין איז א באַרג. אַפ'ן באַרג — פיר־עקעכיקע פאַרוויסטע גערטנער. אונטער'ן באַרג — צען פאָר רעלצן, איינס לעבן צווייטן. אַף די רעלצן — ליידיקע וואַגאָנעס עפענען צום הימל פוסטע זשאַווערדיקע מיילער, הונגעריקע מיילער. באַ דער זייט — קוימענס.

אַלץ געדיכטער די קוימענס. בערג־זייטן באַדעקט מיט קוי־מענס. טאָלן אָנגעשטעקט מיט קוימענס. פּאַסן רויך. פּליאַמעס רויך. וואָלקנס רויך.

אַ שמעליץ־אויוון. אַ פלאַם. אַ גרויסער פייערדיקער פויגל מיט גאָלדענע שוואַרצע פליגל. גאָלד שיסט אַרויס פון צווישן שוואַרצע ווענט. גאָלד גלאַנצט אין דער זון מיט טויזנט לויטער־קייטן. גאָלד שפּריצט אַ פונקען־נעץ איבער אַ גראָען דאַך. רויך גייט פון'ם גאָלד — געלער רויך, שוועבלדיקער רויך, שמעלצט זיך אין דער בלאָער לופט, שיינט מיט פּערלמוטער, חנ'דלט זיך מיט דער זון.

נאָך קוימענס. נאָך ווענט. נאָך לאַנגע ברייטע בנינים — רוקנס פון שוואַרצע איינגעשפּאַרטע חיות. שוואַרצע בנינים. אַלע־מאָל איינגער. אַלעמאָל העכער. אין אַ שפּאַלט צווישן צוויי שורות בנינים קריכט דער צוג. ס'איז טונקל אין צוג.

רויך. סאַזשע. ליאַרעם. הילך. גריליץ. באַרג איבער באַרג מיט קוילן, אייזן, קאַלך. באַרג איבער באַרג מיט רוזיק־שטריינגע, פאַרצאַרנטע בנינים־פאַבריקן. דאַך איבער דאַך מיט פלאַם.

אַ וועלט שרייט, קלינגט, ברומט, סאַפּעט, קרעכצט אין אַן אָנשטרענגונג פון משוגע'נער אַרבעט.

מיר זענען אין פּיטסבורג.

אַ פאַרנאַכט אין ניו יאָרק.

גרינלאַכער געשליפענער הימל. עפּל־זאַפּטיקע לופט. צונטער־רויטע זון־פלעקן אין מערב. אויסגעטאָקטע ליניען פון הויכע און שלאַנקע בנינים. גאָלד־גלאַנץ אין די פענצטער. פּערל־ליכט אין די פענצטער.

הערבסט־טאָג פאַרנאַכט. פרישקייט. רחבות. כח. שוואונג. ערגעץ וואַקסן דעמבעס. ערגעץ ברענען בלעטער. ערגעץ בלוטן בלעטער אַף וואַלדיקע בערג־רוקנס. ערגעץ זינגט די לופט, ווי אַ נעץ פון אָנגעצויגענע סטרונעס.

אָבער דאָ איז נאָר אַ שאַכטע. רעכטס אַ וואַנט. לינקס אַ וואַנט. הויכע ווענט. אינמיטן — אַ קאָרידאָר. אַפ׳ן דעק פון קאָרידאָר — מיר. אַלע.

יאָג.

עפנט די ערד אַ מויל. שפּייט אונז אַרויס דורך שטאָלענע ברודנע ציין. גיט אונז אַ שטויס אַרויס. טראָגן מיר זיך מיט אימפּעט. שפּאַרן מיר זיך אַף די פאָדערשטע. שפּאַרן זיך די פאָדערשטע אַף אונז. שפּאַרן זיך אַלע אַף אַלע. לויפן מיר אַרויס אַף דער פלאַך פון דער ערד. שטויסן מיר זיך צונויף אין אַ קופּע. שפּייט די ערד נייע און נייע. ווערט די קופּע גרעסער. האָבן מיר קיינער קיין צייט ניט. שטופּן מיר די פאָדערשטע. שטופּן די הינטערשטע אונז. צינדט די מערב־זון בילדער אַף יענער זייט טייך. מאָלט די מערב־זון יום־טוב־געזאַנגען איבער אַ ווייַן־גע־באָדענער ערד. שרייט דורך פּאָפּערעטשנע גאַסן צו אונז. די ליכטיקע בשורה. אָבער מיר זעען ניט. מיר האָבן קיין צייט ניט. די קופּע ווערט ענגער. די קופּע שטיקט זיך. אָטעם שטיקט אָטעם. אַקסל שטיקט פּלייצע. אויג לעכערט וואַנט פון פּאַטילניצעס, קאַרקן, אויערן, היט, האָר, שטויב, שוויים... לאָזן מיר זיך ערשט לויפן. גיכער. כאַפּ. אייל. יאָג. יאָג...

גייען מיר איבער דער גאַס. ניט קיין מענטשן — יאָגנדיקע שאָטנס. באַטארייען אָנגעלאָדן מיט אימפּעט. פיילן אַרויסגע־שאָסענע. רוחות געשמיסענע מיט בייטשן. רוחות טונקעלע, איינער נאָך איינעם, איינער לעבן איינעם, כאַפּטעס איבער כאַפּטעס, פּעק צווישן פּעק. ציטערן בריקן איבער אונזערע קעפּ. שקריעט שטאָל איבער שטאָל. רודערן רעדער איבער רעלצן. הודזשען דראָטן. כאָרכלען מאָטאָרס. גרילצן צוואַנגען. יאָגן אונטן שאָטנס. יאָגן מיר. טרייבן מיר די פאָדערשטע פאַר זיך. אַנטלויפן די פאָדערשטע. יאָגן מיר נאָך. קומען מיר צום איבערגאַנג אַף יענער זייט גאַס. בלייבן מיר שטיין. קלאַפּן אין אונז הערצער־מאַשינען, אומגע־דולדיק, באַפעלעריש, מאָטאָריש־גיך. הויבן זיך אַליין די פיס. קומען אָן נייע. מער. מער. בונטן. סטאַדעס. מחנות. היישעריקן. שטופּן. פּרעסן. טרייבן. ווערט געדיכטער, שווער־אָטעמיקער, האַרץ־קלאַפּיקער. גיכער, גיכער...

גייט פאַר אונז אַ ברייטער טייך פון אויטאָמאָבילן. אַן אויטאָמאָביל — אַ כוואַליע. אַן אויטאָמאָביל — אַ כוואַליע. טונקעלע שטראָמען. גלאַנציקע. שנעלע. ברונז׳ע. שווימט אַ מאַשין נאָך אַ מאַשין. שלעפּט אַ מאַשין אַ מאַשין. גליטשט זיך אַ ראָד נאָך אַ ראָד. בייסן שינעס דעם ברוק. גייט אַ האָרדע בופל־אָקסן. אָטעמען בריסטן. שרייען העלזער. רוקט זיך שוואַרצע גבורה. שווימט עלאַסטיש, גליטשט זיך אַ שלאַנג — אַ ריפּ נאָך אַ ריפּ, אַ גלאַנץ און אַ ברום און אַ סאָפּע, — און ווייטער, ווייטער, איין שלאַנג פון אָנהייב וועלט ביז׳ן סוף וועלט.

גרילצט אַ פייפל, שפּאַלט דעם טייך. לויפן מיר אַף דער אַנדערער זייט. שטויסן זיך. שפּרינגען. האָפּקען. גיכער. ווייטער. יאָג, יאָג...

ווילן מיר אַרויף אַף דער לופט־באַן. דראַפּען מיר זיך. פאַרטשעפּען זיך איינער אָן איינעם. שפּאַרן זיך אַריין אין די טרעפּ. דרייען זיך צענויף. דרייען אויס אָרעמס. קרומען בריסטן. ברעכן רוקנס. רייסן קליידער, קנעפּ. רייסן זיך אָפּ פון די טרעפּ. הייזגען. ווערן געטראָגן. ווערן אַלע ווילד. שרייען מיר. שילטן מיר. פרעסן זיך ציין אַף ציין. שיסן אויגן טויט־פּאַרדרוס. גאַלט זיך האַס. וואַרפט מען אונז אַריין אין אַ וואָגן. וואַרפט עס אונז קדחת. פאַלן מיר האַנט אַף פּלייצע, פינגער אַף בערד, עלנבויגנס אַף קעפּ. ציטערט דער וואָגן. שאַרשקען די רעדער. כריפּען די קייבלס. כריפּען אונזערע בריסט. טוט אַ שיין אַריין דורכ׳ן פענצטער אַ גרין־ראָזעווער קרישטאָל. לויפט דורך אַ צעפּאַטעלטער שטראַלן־אוזאָר אַף אַ פאַלירטן הימל. איז די לופט אינדרויסן — שטייף און ריין. הייזגען לאָמפּן גאָלדענע זייט באַ זייט. נידערט אַראָפּ אַ הערבסט־נאַכט — פריש און פראַסטיק און טערפּקע, פול מיט שטאָל.

יאָגן מיר זיך, יאָגט דער צוג. יאָגט דאָס האַרץ. טראָגט דער מח. לויפן מענטשן אונטן משוגע׳נערווייז. יאָגן פייערס. יאָגן דונערס. יאָגן גאַסן, יאָגן בריקן, יאָגן שיפן אַפ׳ן וואַסער. פייפן פייפלען, פייפט אונזער מח. גיכער, יאָג, יאָג.

ווי לאַנג וועלן מיר זיך יאָגן

1923.

ניו יאָרקער מזבח.

אין די אלטע שטעט פון די אלטע לענדער באַגעגנט איר דאָ און דאָרט א געהייליקט ווינקל. צווישן איין הויז און דעם אנדערן חלומ'ט שטיל אן אלטער שטיינערנער סקלעפּ. אונטער'ן דעכעלע הייגט דאָס בילד פון אַ הייליקן. פאר'ן בילד צאַנקט אן אייביק לעמפּל. אונטן ליגן בלומען — מתנות, געבראכט דורך פרומע הענט צום מזבח. דאָס גאַנצע ווינקל איז אָפּגעטיילט פון'ם שטאָט־גערויש מיט עפּעס אַ לויטערער וואנט פון לופטיקן פרידן. אין אייביקן טראכטן איז פאר־טיפט דאָס בלאסע לעמפּל. פון אייביקן בייגקען דערציילן די בלומען־קרבנות. דעם הייליקנ'ס אויגן קוקן ערגעץ אף יענער זייט פון אונזער פאַרטראָגענער, אָטעמלאָזער וועלט.

אין ניו יאָרק, אף די ברייטסטע און רוישיקסטע גאַסן, וואו עס פאָרן א סך מאָטאָר־וואָגנס און אויטאָמאָבילן, קענט איר אויך דאָ און דאָרט באַגעגענען א מזבח. צוויי הויכע פילפענצטערדיקע בנינים האָבן זיך פאנאנדערגערוקט און געלאָזט א ברייטן שטח. האַלב־קיילאַכדיק, מיט אַ מאיעסטעטישן זעלבסט־באַוואוסטן שוואונג הויבט זיך אַ נידעריקע ווייסע וואנט, — פּונקט ווי א זעלטענער ריזן־פויגל וואָלט אויסגעשפּרייט צוויי האַלב־קיילאַכדיקע פליגל אף רעכטס און אף לינקס. אין דער מיט, דאָרט וואו ס'דאַרף זיין דער גוף פון'ם פויגל, הויבט זיך דער סקלעפּ פון'ם ניו יארקער מזבח. איידל אויס־געשניצט איז ער פון ווייסן שטיין אָדער אויסגעהאמערט פון אייזן און באַפארבט מיט גאָלד און זילבער. שטילע, פאר'חלומ'טע לעמפּ־לאַך באַלויכטן אים מיט א פּערל־קלאָרער מאטער ווייסקייט. קינסט־לאַכע בלומען־גירלאַנדן פאַרפלעכטן דעם אויבערשטן טייל פון דער טיר און ווייען מיט פרידן.

דער האַלב־קיילאַכדיקער פלאכער שטח איז אביסל אָפּגערוקט פון דער גאַס און דערציילט וועגן א באַזונדער לעבן, וואָס איז איינ־געשלאָסן אין זיך. מיט רויטע אָדער געלבלאַכע פיין־געטאָקטע ציגל איז אויסגעפּלאַסטערט דער שטח. קליינינקע זיילן־קאַרליקלאַך —

חנ׳עוודיקע און פארזיכטיקע — צאמען אים אָפּ פון דער גאס. אמאָל איז נאָך געבליבן א פאסיקל ערד — און דאָס איז פארדעקט מיט א גרינעם טישטוך פון פרישן גראָז.

די האלב־קיילאכדיקע ווענט זענען צעטיילט דורך גרינע געשניצטע שטעקעלאך אף פירעקיקע קעסטלאך. אין יעדן קעסטל איז אויסגעמאָלט א הערב — די עמבלעם פונ׳ם הייליקן אָרט. ארום דעם עמבלעם האָט א האנט פון א מאלער ארויסגעצויבערט בלעטער און בלומען, שטענגלאך און זאנגען — אויסגעמישט אין א הארמאָנישער פאנטאסטיק.

דער גאנצער פּלאַץ — אָפּן און דאָך אָפּגעטיילט פונ׳ם רוישיקן לעבן — איז איינגעוויקלט אין א שטילן, פארטראכטן, דורכזיכטיקן, אביסל טרויעריקן שיין.

אינמיטן פלאַץ הויבט זיך א רויטע זייל. דאָס איז דער הייליקער קוואל. לעבן דער זייל שטייט, אין ווייסן געקליידט, דער כהן גדול פון דעם מזבח. דער כהן גדול האלט אין דער האנט דאָס הענטל פון דער פּאמפּע. ווען ס׳קומט די צייט, טוט ער א דריי דאָס הענטל — און ס׳גיסט זיך די געבענטשטע פליסיקייט. אף דער פּאָמפּע איז אָנגעשריבן איין וואָרט: „גאזאָלין״.

גאזאָלין־סטאנציע! קוואל פון קראפט, באוועגונג, ליכט, אימפּעט, שאפונג!

גאזאָלין־סטאנציע! ניו יאָרקער מזבח! הייליקער סקלעפּ פון אינדוסטריאליזם!

גאזאָלין־סטאנציע! מענטשן מעגן פארגעסן אָן גאָט, אָן הימל, אָן הייליקע, אָן זייער אייגענער נשמה. זיי קענען אָבער ניט פארגעסן אָן דיר. מיט אָפּשיי גליטשן זיי זיך צו דיר אף דער שטילער גומי פון זייערע מאשינען — און מיר ערפורכט טרינקען זיי דיין הייליק געטראנק און ווערן באפרידיקט.

ארום דיר הערן אויף פּארטיי־קאמף, פּערזענלאכער שטרייט, קנאה, שנאה. דו פאראייניגסט אלע, דו זעטיקסט אלע — דו גרויסער מזבח פון א גרויסער מעכאנישער וועלט!

א זונטיק.

אז ס'איז היים, ווילט זיך ריידן פון וואלד און וואַסער און פרישער לופט.

וועל איך פארצייכענען, ווי אזוי מיר האָבן פארבראכט א זונטיק.

מיר זענען געווען דריי. מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן כאָטש אַף איין טאָג פון אויטאָמאָבילן און גראַמאָפאָנען און געשרייען. מיר האָבן געוואָלט אויסרוען אונזערע פארטשאַדעטע מוחות און באַפּעס־טיקן אונזערע אָפּגעשוואַכטע קערפּערס.

האָבן מיר זיך געפעדערט אין דער פרי און פונקט ניין אזייגער זענען מיר געווען ביי דער טשיימבערס סטריט פערי. מיר זענען אַריבערגעפאָרן דעם טייך און מיט דער אירי־באַן זענען מיר דערפאָרן ביז דער סטאַנציע מאַונטען וויו אין ניו דזשוירזי. אָנגעקומען זענען מיר אהין א פערטל נאָך צען. די נסיעה איז ניט געווען קיין שווערע, ווייל אין דער פרי פאָרט ווייניק עולם, און דורך די פענסטער זעט מען ביימער און פעלדער און חנ'עוודיקע בערגלאָך.

מאַונטען וויו איז א דערפל, וואס ליגט ביים „מאָרים קאַנאַל". דער קאַנאַל איז אמאל געווען א וויכטיקער וואַסער־וועג. איבער אים פלעגט מען שלעפּן באַרזשעס מיט סחורה. עס פלעגט אַף אים שווימלען מיט גרעסערע און קלענערע שיפן. היינט האָבן די אייזנ־באַנען פארנומען זיין מחיה. ליגט ער זיך א שטילער, א לויטערער, א באַרואיקטער, און האָט צייט צו טראַכטן. אפשר דער־מאָנט ער זיך די יאָרן, ווען אַף זיינע ברעגן פלעגן שפּאַנען מענטשן, אָנגעטאָנענע אין כאָמוטן, און ציען די שטריק פון די שיפן. אפשר טרוימט ער פון דער גרויסער אָזערע האָפּעטקאָנג, וואָס פון איר שטאַמט זיין וואַסער.

מאָרים קאַנאַל וועט אָפּגעהיט פון דער אָרטיקער פארוואַלטונג, אז ער זאָל ניט פארצויגן ווערן מיט בלאָטע. זיין וואַסער ווערט גענוצט אין דער וואַסער־לייטונג פון אייניקע דערפלאָך. אָבער שיפן זיך אַף אים מעג מען. ער ציט זיך אַף עטלאַכע צענדליק מייל דורך

א שיינער דאָרפישער געגנט און זעט אויס ווי א טייך. ער איז ניט ברייט, אָבער טיף, און ערטערווייז שטראָמט זיין וואסער מיט געוואַלדיקן כּח.

מיר האָבן אויסגעטאָן אונזערע שטאָטישע בגדים, אָנגעטאָן באָד־קליידער (בייטהינג סוטס), געדונגען א שיפל „קענו" און זיך אוועק־געלאָזט איבער'ן קאנאל. א פּעקל עסנווארג האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך.

א קענו איז א לייכט שיפל. עס איז געמאכט פון דיקער לייוונט אָנגעצויגן אויף הילצערנע ריפּן. עס איז לאנג און שמאָל און קערט זיך שנעל איבער, אויב מען ווייסט ניט ווי צו טרייבן. אין געניטע הענט איז עס א חיות. עס גליטשט זיך ווי א פיש. געפאָרן זענען מיר אזוי: צוויי האָבן גערודערט, איינער פאָרנט, איינער הינטן, א דריטער האָט גערוט אינמיטן, אויפ'ן דנאָ. נאָכדעם האָט מען זיך געביטן. אזוי אז יעדער איינער האָט געאַרבעט צוויי שעה, גערוט א שעה.

א ווינטל האָט געגלעט אונזערע נאַקעטע אָרעמס, וואָס האָבן געהאַלטן די רודערס. א האָגל מיט הייסע שטראַלן האָט די זון געשאָסן אויף דער ערד און אויפ'ן וואסער. דאָס וואסער איז געווען גלאַט און שווער. אויף ביידע ברעגן זענען געוואַקסן געדיכטע, גרינע, זאפטיקע גראָזן מיט א סך ווילדע בלומען. דער קאנאל גייט ניט גלייך, נאָר ער שלייגגלט זיך, און אַלעמאָל עפנט זיך פון אים א נייע פּאַנאָראַמע.

טרייבן א קענו איז א פיזישער פאַרגעניגען. די ארבעט איז ריטמיש. דאָס שיפל פאָלגט דעם קלענסטן וואונק פונ'ם רודער. די מוסקלען שטייגנגען זיך אָן און שטרעקן זיך אויס, ווי אין שפּיל. די וואסער זינגט אונטער'ן רודער. קליינע שפּריצלאָך פאַלן מיט א גלעזערנעם קלונג. נאָך בעסער איז, ווען איר קענט אַרויסנעמען דעם רודער גאָר אָן א שפּריץ. דאָס שיפל שניידט די וואסער מיט'ן שאַרפן נאָז. דאָס שיפל ציטערט, ווי א לעבעדיקע זאַך.

ארום ליגט א גרינע וועלט. ס'איז שטיל. ס'איז ניטאָ קיינער. ס'איז ווייט פון ברייטע וועגן. וואו ניט וואו שטייט א פאַרם־הויז, איינס אליין. וואַקסט א גערטנדל באַ זיין וואַנט. שטייט א ברונעם מיט א ראָד. איז דער ברונעם פאַרוואַקסן מיט מאָך. לויפן ווילדע רויזן פונ'ם הויז צום קאַנאַל און טוקן זיך בונטווייז אין די קליינינקע

כוואליעלאך, וואס גייען פונ׳ם שיפל. הוידן זיך ווייסע וואסער־ליליעס מיט גאלדענע הערצער. שפרינגט א זשאבע אראפ פון א בלאט און טוט א קראקע איידער זי באהאלט זיך אין איר פייכטן הויז. קריכן טשערעטען ארויס פונ׳ם וואסער און גלעטן דעם דנא פונ׳ם שיפל. טאנצן אף דער אויבערפלאך פלינקע וואסער־זשוקלאך מיט לאנגע, דינע פיסלאך. קוקט איר אין דער גרינלאכער וואסער, זעט איר שוויי־מענדיקע פישלאך, זעט איר פישלאך ליגן אפ׳ן דנא. זיי אנטלויפן ניט, זיי זעען דא וויניק מענטשן.

אבער אט איז דער שלויז. דער וואסער איז פארצאמט מיט א הילצערנעם טויער. דער קאנאל ליגט דא אף א העכערן, דא אף א נידעריקערן פלאך. צווישן איין פלאך און צווייטן איז א צאם מיט א טויער. ווען מ׳הייבט אויף דעם טויער, פליסט דאס וואסער ארונ־טער פון העכערן שטח. דער טויער פארשפארט אונז דעם וועג. וואס טוט מען? איין ברירה. צוגעפארן צום ברעג, ארויסגעשלעפט דאס שיפל, גענומען אף די פלייצעס און היידא צום העכערן פלאך. אזוינע טויערן באגעגענען זיך אפט. אמאל דארף מען טראגן דאס שיפל צוואנציק יארד, אמאל מער. אבער ס׳איז גוט אויסצוגלייכן די ביינער. אביסל ארבעט אין דער פרישער לופט איז נאר א דער־קוויקעניש פאר גוף און נשמה. פאראן ערטער, וואו מען דארף טראגן דאס שיפל א הונדערט יארד בארג ארויף. נישקשה, א וואוילע גימנאסטיק.

וואס ווייטער מיר פארן, אלץ בערגיקער ווערט די געגנט, אלץ ליבלאכער די פאנאראמעס. אט זענען מיר דורכגעפארן אונטער א בריק. אויבן הילכן אויטאמאבילן. דארט איז א ברייטער וועג. נאך א פאר קלעפ מיט׳ן רודער — דאנקען גאט, ניטא שוין קיין וועג. א וואלד איז אנגעלאפן. הויכע בוימער בויגן זיך איבער׳ן וואסער, לייגן א גרינעם שאטן. אונזערע אנגעווארימטע קערפערס אטעמען אפ לייכטער. דא און דארט זענען די צווייגען אזוי נידעריק באם וואסער, אז מיר פארן אין א גרינער סוכה. און וואס שמעקט דאס אזוי? הא! דאס איז דאך א לינדן־בוים געדיכט אפגעשיט מיט בליטן. די בליטן האבן א ריח פון האניק. אז איר וועט אביסעלע אויפהערן רודערן, וועט איר הערן דעם בינען־כאר איבער׳ן קאפ. בינען קומען אהער אין די טויזנטער, טרינקען דעם האניק.

וואַסער און גרינס און ריחות און שאָטנס און ריטמישע באַ־וועגונג שפּינען אַ נעץ אַרום אונז, פאַרוועבן די חושים, פאַרוויקלען אין פאַרגעסנקייט. ניטאָ גאָרניט. ניט געווען קיינמאָל קיין זאָרגן. ניט געווען קיין שטאָט־געיעג. ניטאָ קיין געדאַנקען. דאָס האַרץ איז וואַך. די הויט טרינקט די גרינע לופט. דאָס אויג גליטשט זיך פון איין שטיקל וועלט צו אַ צווייטן. דאָס אויג איז גליקלאַך. די מוסקולן זינגען שוין אין האַלב־מידקייט.

וואו שטעלן מיר זיך אָפּ?

אָט נאָך אַביסל. ס'איז שוין האַלב נאָך איינס. מיר פאָרן שוין דריי שעה. אָט איז אַ ברייטער אויסגוס באַם פוס פון אַ באַרג. דער באַרג שטייט אַרום וואַסער ווי אַן אַמפיטעאַטער. אויף זיינע זייטן וואַקסן וועלדלאַך, גערטנער, אַ קאָרן־פעלד, גראָז און קוסטעס. צום וואַסער גייט ער צו מיט אַ האַלב־קיילאַכדיקן גראָזיקן ברעג, אויסגעצייכנט.

מיר שלעפּן אַרויס דאָס שיפל אויפ'ן ברעג. קלייבן אויס אַ בוים פאַר אַ געצעלט. ערשט איצט פילן מיר, אז מיר זענען הונגעריק, ווי די וועלף. אָבער מיר האָבן צייט. קודם כל שפּרינגען מיר אַריין אין וואַסער זיך באָדן. דאָס וואַסער איז קאַלט, אייזיק. דאָ שלאָגן, ווייסן מיר, קוואַלן פונ'ם דנאָ, דערפון נעמט זיך די פרישקייט און די קעלט. וואָס פאַר אַ פרייד דאָס איז — באָדן די זון־צעברענטע גלידער אין דעם קרישטאָלענעם וואַסער!

לאָמיר זיך אַביסל אָפּטריקענען אין דער זון. און איצט — צום עסן! קיינמאָל האָבן סענדוויטשעס אַזוי ניט געשמעקט. ס'איז דאָ טאָמייטאָס אויך. און אַן עפּל פאַר יעדן. און די קאַווע אין דער טערמאָס־פלאַש איז הייס, ווי אָקאָרשט פונ'ם קעסל. און דער בוים האָט געדיכטע צווייגן — און די בערג שטייען אַרום און באָדן זייער שיינקייט אין אַ קלאָרן זון־שיין.

נאָכ'ן עסן רוען מיר אַלע אַ האַלבע שעה. ס'ווערט דריי אזייגער. מיר פאָרן נאָך איין שעה אַרויף מיט'ן שטראָם. נאָכ־דעם נעמען מיר זיך צוריק.

ס'ווערט שוין קילער. ווען מיר גליטשן זיך נאָענט באַם ברעג, זעען מיר, ווי טשערעפּאַכעס (טווירטלס) מיט געלע און גרינע און געשטרייפטע פאַנצערס זיצן אויף טרוקענע צווייגן, וואָס סטאַרטשען

אַרויס פֿונ׳ם וואַסער. די טשערעפּאַכעס שטרעקן זייערע קעפּ־לאַך מיט די לאַנגע העלזער פֿון צווישן די ביינערנע פּאַנצערס און קוקן פֿאַר׳חלומ׳ט אַף דער פֿאַרנאַכטיקער וועלט. ווען מיר פֿאָרן נאָר פּאַוואָליע, אַנטלויפֿן זיי ניט, קוקן מיר איינע די אַנדערע אין די אויגן. רעדן מיר אויס אַ הויך וואָרט, שפּרינגען זיי אַריין אין וואַסער.

ניין אַזייגער זענען מיר צוריק אין מאַונטען־וויו. פֿאַרבראַכט האָבן מיר אַפּ׳ן וואַסער צען מיט אַ האַלבער שעה. געפֿאָרן זענען מיר הין און צוריק פֿערצן מייל.

פֿאַר עלף זענען מיר צוריק אין ניו יאָרק, געזונט־מידע, אָנגע־פּאָמפּעט מיט לופֿט. מיר פֿילן, אַז ס׳וואַקסט אונז אַ נייע הויט.

.(1923)

רעוואָלוציאָנערן.

באַריקאַדן בויט מען ניט אַלע טאָג. אויפשטאַנדן מאַכט מען ניט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. אַ גענעראַל־סטרייק איז אַ זעלטענע זאַך אינ׳ם לעבן פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס. און ניט אַלע די, וואָס מאַכן אויפשטאַנדן און בויען באַריקאַדן, זענען באמת רעוואָלוציאָנערן. די מערסטע קעמפּפער אין דער צייט פון אַ שטורם זענען צופעליקע מענטשן, העלדן אף אַ שעה. אָבער דער אמת׳ער רעוואָלוציאָנער וועט בלייבן אַן אמת׳ער רעוואָלוציאָנער, סיי פאַר דעם אויפרייס, סיי נאָכדעם, סיי אין הייסע צייטן, סיי דעמאָלט, ווען די געזעלשאַפטלאַכע טעמפּעראַטור איז נאָענט צום פריר־פונקט. וואָרים דער אמת׳ער רעוואָלוציאָנער איז מער ווי אַ מענטש פון אויעסרלאַכע רעוואָלוציאָנערע אַקטן. פאַר אים איז אַ געזעלשאַפטלאַכער אויפרייס נאָר איין טייל אין אַ גרויסער רע־וואָלוציאָנירער אַנטוויקלונג.

דער אמת׳ער רעוואָלוציאָנער איז אי טעאָרעטיש, אי פּראַק־טיש אַ געגנער פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. טעאָרעטיש פאַרשטייט ער, אַז די דאָזיקע אָרדנונג מוז פאַרשווינדן, ווייל אַנט־קעגן איר ווירקן די כחות פון דער געשיכטע; דאָס גיט אים איבערצייגונג און ערנסט. פּראַקטיש ריכט ער אַזוי איין דאָס איינענע לעבן, אַז ער זאָל קענען טאָג־איין, טאָג־אויס מלחמה האַלטן קעגן דער פאַרהאַסטער אָרדנונג.

רעוואָלוציאָנערן זענען אין רוסלאַנד געווען ניט נאָר זשעליאַ־באָוו, באַלמאַשאָוו, קאַליאַעוו. רעוואָלוציאָנערן זענען געווען ניט נאָר די אָרגאַניזאַטאָרן פונ׳ם סאָוויעט ראַבאָטשיך דעפּוטאַטאָוו אין אָקטאָבער, 1905. רעוואָלוציאָנערן זענען געווען אַלע טויזנ־טער דאָרפישע לערער, וואָס האָבן יאָרן און יאָרן, אין נויט און אין עלנט, אין די פינצטערע ווינקעלאַך פון אַ פינצטערער מדינה געשפּרייט אויפקלערונג צווישן פאָלק, כדי עס זאָל אָנהויבן פאַר־שטיין זיין לאַגע. רעוואָלוציאָנערן זענען געווען די ערשטע אויפ־

געקלערטע ארבעטער, וואָס האָבן לאַנגזאַם, גערולדיק, אַלע טאָג און אַלע יאָר, אין פאַבריק און אין דער היים, אין גאַס און שיינק, — געוועקט דאָס באַוואוסטזיין פון זייערע חברים. די דאָזיקע שטי־לע, געדולדיקע העלדן האָבן געטאָן זייער ארבעט ניט באַ׳ם פּויקן־קלאַנג פון אויפשטאַנד, ניט באַ׳ם פּאַקלשיין פון אַ רעוואָלוציאָנע־רער עפּאָכע. זיי האָבן אפשר אַליין ניט געהאַפּט דערלעבן אַ רוי־שיקע צייט. אָבער זיי האָבן געארבעט, ווייל זיי האָבן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געמוזט. דאָס האָט פון זיי געפאָדערט די רע־וואָלוציאָנערע נשמה.

נאָר אַף מאַסן אַזוינע מענטשן קען אַ רעוואָלוציע זיך האַלטן. נאָר דורך אומדערמידלאַכער, אומאויפהערלאַכער, איינגע׳עקשנ׳־טער, אָפּטמאָל קליינלאַכער, אָבער אומענדלאַך נויטיקער ארבעט קען אַ רעוואָלוציע קומען צו שטאַנד. זיי זענען די קרעפטן, וואָס גראָבן־אונטער אַ פונדאַמענט. זיי זענען דער מאַטעראַל, וואָס פון אים בויט מען אַ נייעם פונדאַמענט.

אָבער זיין אַזאַ רעוואָלוציאָנער איז אָן אָן ערך שווערער, איידער זיין אַ העלד פון אויפשטאַנד. יענער געפינט זיך כסדר אַף דער סצענע. זיין נאָמען איז ארומגערינגלט מיט אַ ראָמאַנטישן גלאַנץ. זיינע האַנדלונגען אַפּלאָדירט מען. זיין טאַט דויערט אַ קורצע צייט, אָפּטמאָל עטלאַכע שעה. ער מאַכט נאָר איין גרויסע אָנשטרענגונג — און ווערט אַ העלד אַפּ׳ן גאַנצן לעבן. אפילו זיין טויט איז פול מיט הערלאַכער טראַגיק, מיט גליענדי־קער שיינקייט.

ווי אַנדערש איז דאָס מזל פון אַ וואָכעדיקן העלד, פון אַ טאָג־טעגלאַכן קעמפער. אַרום אים איז קאַלט. אַרום אים איז טונקל. אַף זיין קאָפּ פאַלט ניט דער שיין פון געוויטער. ער דאַרף מיט זיין אייגענער ברוסט צעשמעלצן דאָס אייז פון געזעל־שאַפטלאַכער רו. ער דאַרף מיט זיין אייגענער נשמה אָנצינדן ליכטלאַך, וואָס וועלן אָנזאָגן דאָס קומען פונ׳ם טאָג. אים דריקט די געדיכטע נעבלדיק־בין־השמשות׳דיקע לופט. אָבער ערגעץ טיף ליגט אין אים איינגעשלאָסן אַזאַ אוצר פון ווארימקייט און גלויבן, וואָס אי אים אַליין דערהאַלט עס באַ׳ם לעבן, אי אין אַנדערע

דרינגט עס אַריין מיט אומזעבאַרע שטראַלן און וועקט זיי צו נייע צייטן.

טיפע ליבע און טיפער האַס; שטאַרקער ווילן; ערלאַכקייט מיט זיך און ערלאַכקייט מיט קהל; עקשנות אין דורכפירן דאָס, וואָס מ׳האַלט פאַר אמת, און פאַרוואַרפן דאָס, וואָס מ׳האַלט פאַר שקר; א גרייטקייט מקריב צו זיין דאָס אויסערלאַכע פאַר׳ן איר־נערלאַכן, דאָס צייטווייליקע פאַר׳ן אייביקן; אַן אוממעגלאַכקייט זיך צוצופאַסן צו אַ וואַרימען אַלטעגלאַכן קליינבירגערלאַכן קאָמ־פאָרט, — דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע נשמה.

מ י ט איר איז יעדע אַרבעט גרינג, לעבעדיק, יום־טוב׳דיק, הייליק.

אָן איר באַקומט אַלצדינג דעם בייגעשמאַק פון וואָכעדיקייט און קליינקייט.

מ י ט איר איז דאָ רעוואָלוציע, כאָטש ס׳פּלאַצן ניט קיין באָמבעס, און רויטע פאָנען ווייען ניט איבער אויפגעשטאַנענע מיליאָנען.

אָן איר באַקומט אַלצדינג דעם בייגעשמאַק פון וואָכעדיקייט שאַפן אַ נייַ לעבן.

די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג בייַנקט נאָך אַ רעוואָלו־ציאָנערער נשמה...

(1922).

דערוואַכונג.

האָט אַ ווילדע חיה געשפּיגן מיט פייער און האָט אָנגעצונדן די וועלט פון עק צו עק.

האָט אַ בייזער וויכער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער וועלט און האָט דערשיטערט איר פונדאַמענט און אומגעוואָרפן אירע זיילן און געמאַכט פון איר אַ חורבן.

האָט דער טויט געאָטעמט, האָט פאַרלענדונג געפרעסן יעדע שפּראָצונג פונ׳ם לעבן, האָט גיפט זיך געגאָסן נאָענט און ווייט.

ס׳האָט געיושעט דער וועלט־קריג.

אוים ברודער. אוים ליבע. אוים האפנונג אף ליכטיקע ציטן. אוים האנט־אין־האנט מארשירן — צום ליכט, צום רויטן פלאם פון דער מעכטיקער קוזניע, וואו ס'ווערט געהאמערט דאס נייע לעבן.

ניטא קיין לעבן. עס לעבט דער טויט. שיס, ברודער, אף דיין לייבלאכן ברודער אף יענער זייט טרענטשעס. ווארף, ברודער, טויזנט־פונטיקע באמבעס, רייס פון דיין ברודער די קישקעס. גיס, ברודער, גיפטיקע גאזן, עס ארויס פון דיין ברודער די לונגען, און זאל ער ווערן פארקוילט און פאר'שרפ'עט און זיך צאפלען, ווי א זשוק אף דער שפילקע.

ס'זאל לעבן פארלענדונג!

וואכן, חדשים, יארן, טויט, פארניכטונג, פארוויסטונג, האס, עקל, פארצווייפלונג. פינסטער, שמוציג, בלוטיק־גליטשיק.

און דער פעטער גאט פון קריג איז געזעסן און געלאכט; געשמעקט דעם פעטן ריח פון ביינער און פלייש און געדערים, וואס ווערן געבראטן אין העלישן פייער; געפאטשט זיך איבער'ן פעטן בויך, וואס איז אנגעשטאפט מיט פארטיליגטע לעבנס; גע־לאכט מיט א פריילאכן הילכיקן חוזק־געלעכטער, שדים־געלעכטער:

— אט אזוי! אט אזוי! צעשיסט, מענטשעלאך, אייערע הייליקע אידעאלן! צעקוילעט, קארליקלאך, אייערע שיינע חלומות! חיה'לאך זענט איר, קליינע, מיאוס'ע, שפל'ע, שארף־צייניקע. בייסט זיך אריין איינער אין צוויטן און עפנט ניט די ציין, ביז איר וועט אלע קראפירן.

געהירזשעט האט דאס ווילדע געלעכטער — פון פראנקרייך ביז גרוזיען, פון ענגלאנד ביז יאפאן, פון וויסן ים ביז'ן שווארצן, פון די אלפן ביז די הימאלאיען, פון אמור ביז דער טעמזע.

שווארץ איז געוועען דער הימל איבער'ן קאפ און קופער־רויט די ערד אונטער די פיס, און גרא די נשמה, ווי דער זאמד אין אן אייביקער מדבר.

האבן זיך אויפגעהויבן געציילטע מענטשן און געזאגט: „גע־נוג! מיר ווילן זיין מענטשן.“ און געווען איז זייער קול רואיק, קלאר, זיכער — און מענטשלאך. „גענוג מלחמה“, האבן זיי גע־זאגט, „מיר רופן ברידער צו דערקענען זייערע ברידער.“

אָבער דערטרונקען זענען געוואָרן זייערע ווערטער אין אַ גרילץ פון האַס; אַ פליוך האָט געטאָן דעם ים פון משוגענעם שרעק. אַראָפּגעשווינקט האָט ער דאָס ניכטערע, ערלאַכע, מענטש־לאַכע, קלוגע. און ווידער זיצט דער פעטער גאָט און שלינגט מענטשלאַכע לעבנס און באַגיסט זיך מיט צעשמאָלצענע מענטשלאַ־כע געהירן — און הירזשעט זיין הייזעריק נקמה־געלעכטער.

און אַזוי לאַנג און אַזוי ווילד האָט געוואוטיקט די שלאַכט, ביז אַ חורבן איז געוואָרן פון דער וועלט, אין בלאָטיקן קויט איז פאַרזונקען די קולטור, אין הונגעריקע אויסגעדייוועוערטע חיות האָט זיך פאַרוואַנדלט אַ העלפט פון דער מענטשהייט, — און גע־שטאַלטן־מאָנסטערס האָבן געלויערט אַרום און אַרום, — די פרוכט פון דער משוגענער פלאָג, די שטראָף פון דעם גיפטיקן גרויל.

געדאַכט האָט זיך: אויס! ניטאָ קיין האָפנונג. ניטאָ קיין צוקונפט. געקומען די גסיסה. מענטשן־וועלף און מענטשן־שלאַנ־גען וועלן פון היינט אָן און ווייטער זיך שטויסן און וויקלען, און אָנפאַלן, און וואָיען, און צישען און מאַכן די וועלט פאַר אַ וויסטן אורוואַלד.

* * *

אָבער ניין. הערט זיך איין. ס'איז עמיצער געבליבן באַ'ם לעבן. ס'הערן זיך ווידער מענטשלאַכע קולות. ס'פערלען זיך רואיקע, קלאָרע, זיכערע ווערטער: „אַזוי קען ווייטער ניט זיין. לאָמיר בויען אויפסניי."

ס'לעבט ווידער דער אַרבעטער־קלאַס. ס'רעדט ווידער אַ ברודער צו אַ ברודער.

ס'האַלט אין פאַרשווינדן דער גאַליקער נעבל. ס'האַלט אין זינקען די כוואַליעס פון האַס. שרעק און פאַרצווייפלטער וואַנזין טרעטן אָפּ און אַנטלויפן. ס'באַווייזט זיך אַ קלאָר וואַרים ליכט. ס'עפנט זיך אַ האַרץ צום האַרץ.

דער אַרבעטער־קלאַס קומט צו זיך פון די ברודיק־בלוטיקע יאָרן. דער אַרבעטער־קלאַס גלייכט אויס זיין נשמה.

דאָ און דאָרט טוט אַ שפּרייז נאָך אַ מוטנע שטינקעדיקע כוואַליע. דאָ און דאָרט רייסט זיך אַ חיה'שער קוויטש פון די

אַרבעטער־רייען. אָבער ס׳שטאַרקט זיך דער כאָר פון דעם מונטערן, צום נייעם דערוואַכטן, און נייעם באַפעסטיקטן מענטשלאַכן מענטשן. ס׳ווערט העלער און פּאַרביקער דער כאָר. ס׳ווערט אייניקער דער מאָטיוו. ס׳ווערט איינגער פאַרשלאָסן די פייערדיקע רייף פון שותפות׳דיקן געדאַנק.

עס זאָגט דער כאָר:

„מיר זענען דאָ.

„מיר זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

„מיר האָבן דערקענט אונזער טעות.

„מיר האָבן געדינט פרעמדע געטער, — אונזער אייגענעם גאָט, אונזער הייליקן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, האָבן מיר פאַרגעסן.

„מיר האָבן געבויט פרעמדע הייעזר, — אונזער אייגענעם טעמפּל האָבן מיר ניט געצערטלט.

„מיר האָבן פאַר די שונאים אָפּגעגעבן דאָס שענסטע אין אונז — אונזער נשמה — מיר האָבן ניט געוואוסט, ווי גרויס ס׳איז אונזער קרבן.

„מיר דערקענען דעם אמת.

„מיר וועלן מער ניט גיין אין פאַלשע וועגן.

„מיר זענען ניט קיין שונאים איינע די צווייטע. מיר זענען איין אַרבעטס־פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

„מיר זענען ניט קיין שקלאַפן אין די הענט פון באַדריקער. מיר זענען שטאַרקער פון זיי און מיר וועלן זיי באַזיגן און פאַר־יאָגן פון דער וועלט.

„מיר וועלן אויפבויען אונזער לעבן.

„מיר וועלן אומקערן דער אַרבעט איר פרוכט, דעם מענטשן— זיין נשמה, דער מענטשהייט — איר קרוין.

„מיר וועלן לעבן אין פרידן. מיר וועלן אָטעמען אין פריי־הייט. מיר וועלן שאַפן אין שיינקייט.

„מיר קומען. מיר קומען.

„זאָל לעבן דאָס בויען.“

* * *

זייט געגריסט, בויער!

זייט געגריסט, באַפרייער!

אַ ברכה אין די הענט, וואָס ברעכן דאָס אַלטע.
אַ ברכה אין די הענט, וואָס גיסן אָן מיט גבורה צו שאַפן דאָס נייע.
זאָל קומען דער יום־טוב פון לעבן.

(1922).

אַ וואָרט צו אַ פריינד.

זאָגט צו מיר אַ פריינט:

„צו בייז איז אייער צייטונג. ניטאָ אין איר קיין געלעכטער. צו טונקל איז אייער צייטונג. ניטאָ אין איר קיין גוטע בשורות. איר קריגט זיך מיט אַלעמען, און וויניק זאַכן געפינען לייטזעליקייט אין אייערע אויגן. ווי קענט איר לעבן אין שטענדיקן מעסער־שטעך מיט די שכנים, מיט דער וועלט?“

טייערער פריינט, מיר וואָלטן אויך געוואָלט לאַכן. טייערער פריינט, מיר וואָלטן אויך געוואָלט רוען מיט׳ן אויג אויף אַ זון־באַלויכטענעם לאַנדשאַפט. אונז איז גאָרניט צום האַרצן דער ריס. אָבער וואָס קענען מיר טאָן! — אַזאַ צייט.

ליבער פריינט! ס׳איז אַ משוגענע צייט. אַ וואונדערבאַרע צייט. זי איז געקומען מיט אַ רויש און אַן אימפעט און אַ שטריינגן באַפעל, און פאָדערט זאַכן פון דער מענטשהייט, וואָס יענע איז צו זיי ניט דערוואַקסן. וואַרפט זיך די מענטשהייט אין קראַמף. פרופט זי איבערשטייגן זיך אַליין. ליגט אַ גהינום׳דיקע מרה־שחורה אויף אַלע אירע מעשים.

קינדיש זענען מיר אַלע געווען צוריק מיט עטלאַכע יאָר. פרידלאַך, ווי אַ מורמלענדיק וואַסערל, האָט געפלאָסן דאָס לעבן. לייכט, ווי אַ שפּיל, איז געווען אפילו דער קאַמף. מיר האָבן גערעדט פון דער „מענטשהייט“, אָבער געאַרבעט האָבן מיר יעדערער אין זיין ווינקל. מיר האָבן גערופן איבערבויען די וועלט, אָבער שטאַרק, ווי אַ שטאָלענע פעסטונג, איז די וועלט געשטאַנען

ארום און ארום. און געדאכט האט זיך: דורות וועלן אריבער, און נאך וועט די פעסטונג שטיין אף איר פונדאמענט.

איז געקומען דער שד פון צעשטערונג און האט זיך געמאכט א שפאס. איבערגעקערט האט ער די וועלט מיט איין שטויס פון זיין אקסל. צעווארפן האט ער ווייט און ברייט די רעשטן פון דעם גרויסן פונדאמענט. אין הויפנס שטויב און שמוץ איז באגראבן די אלטע רו. און מיט ביטערן חוזק קוקט דער שד אין די אויגן: נו, אדרבא, שטעלט אויף א נייעם בנין.

צום ערשטן מאל אין די קורצע עטלאכע טויזנט יאר פון דער מענטשלאכער געשיכטע איז געקומען די צייט צו שאפן איין איינציקע מענטשהייט. ניט קיין שבטים איינגענורעט יעדערער אין זיין וואלד אדער מדבר; ניט קיין פעלקער איינגעשלאסן יעדעס אין זיין נאציאנאלער טורמע; ניט קיין בונדן פון פעלקער צוזאמענגעשלאסן צו באהערשן אנדערע בונדן, — נאר איין גרויסע, איינהייטלאכע, פרידלאך־געקייטלטע מענטשהייט איבער דעם גאנצן שטח פון דער ערד.

„שאפט אזא מענטשהייט", לאכט גיפטיק דער שד פון צעשטערונג, „אדער, אויב ניט, — גראבט זיך א קבר."

„ווער זאל שאפן?"

„איר אליין האט דאך דעם שעפער געפונען: דער ארבעטער־קלאס."

שטארק איז דער ארבעטער־קלאס. א גוף פון א ריז האט דער ארבעטער־קלאס. אבער זיין קאפ איז א קאפ פון א קינד. ווי וועט ער בויען?

און א זייט שטייט דער חוזק און האלט זיך בא די זייטן:

„בויען מוזט איר. די מענטשהייט מוז ווערן איינע. אניט איז אפן דער קבר..."

לויפן טונקעלע בליצן דורך דעם מארך פונ'ם ריז — דעם קינד. אנט ער אומגעריכטע אידייען. שטראמען שאפונגס־קוואלן דורך זיין ניט־געוואוינטער נשמה. רירט ער אומגעלומפערט מיט די אברים. די פאדערונג פון דער צייט איז געקומען צו אים — און האלב־וויסנדיק און האלב־ניט־ווילנדיק, פאלגט ער.

אבער ווי שווער, טיטאניש שווער עס איז זיין ארבעט. ווער

ס׳האָט זיך צוגערירט צו איר, וועט פאַרגעסן לאַכן. ווער ס׳האָט געהערט די דונערן פון אַ נייער צוקונפט, הילכנדיק מיט אַ געדרו־דעריי אין דעם גרויסן טונקעלן מאַרך, וועט דערשפּירן די גהינום׳־דיקע פּיין. ניט אַ יונגער און מוטוויליקער גאָט שאַפט זיך שפּילנ־דיק אַ נייע וועלט, נאָר אַ טונקעלער זון פון דער ערד, אַליין אַ שטיק גאָרע ערד, הויבט זיין שווערן קאָפּ, שאַרט אַראָפּ די הור־בעס ערד פון די אויגן, באַלט־צונויף די אומגעלומפּערטע קולאַקעס, טראַכט און פּלאַנעוועט אין זיין שווער־פאַרפּאַפּטן מח.

שווער, ווי קריעת ים־סוף. שווער, ווי מעשה־בראשית.

איינע אַזאַ מינוט האָט שוין איבערגעלעבט דער מענטש מיט צען אָדער מיט פופצן, אָדער מיט צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק. דאָס איז געווען דאַמאָלסט, ווען די האָריקע באַשעפעניש מיט דער פּלאַטשיקער נאָז און שמאָלן אידיאָטישן שטערן האָט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן איר פּלאַץ אין דער גרויסער וועלט. דער אור־מענטש האָט דערפילט, אַז ער קען באַהערשן די וועלט — און האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער גרויסקייט פון דער אַר־בעט. ער האָט אָנגעשפּאַרט די ברייטע חיה׳שע מאָרדע אויף דער האָריקער האַנט און זיך טיף פאַרטראַכט. און אַ גוואַלדיקע מרה־שחורה, אַ טיפע מ ע נ ט ש ל אַ כ ע מרה־שחורה האָט פאַרקלעמט זיין טונקעלע נשמה.

* * *

ליבער פריינט. מיר זענען מאַכטלאָז קעגן דער מרה־שחורה פון דער צייט — און מיר זענען איינזאַם. מיר זענען אַ הייפל אין אַ וויסטער וועלט. מיר האָבן געהאַט חברים — ערשט נעכטן. ס׳איז מיט זיי געווען היימלאָך. האָבן זיי פאַרלוירן די נשמה. אין דעם גרויסן אויפרוּר זענען זיי געוואָרן שונאים. מיר האָבן געהאַט שכנים — כמעט פריינט, האָבן זיי איינגעשלונגען סם, און זייער אָטעם איז געוואָרן פויל. האָבן מיר זיך אָפּגערוקט פון זיי.

פון איין זייט — מדבר, פון דער אַנדערער — שוואַרצע ערד, פון דער דריטער — פוילע זומפּן, פון דער פערטער — אָפּגרונט... שווער...

אָבער דאָך זענט איר אומגערעכט, פריינט. ס׳איז דאָ פרייד בא אונז אויך — די פרייד פון אַ פייער, וואָס פּלאַצט אַרויס

אין פלאמען נאכדעם ווי ס'האט לאנג און ביטער געטליעט, גע־נאגט, געגרויבערט. די פרייד פון א שטראם, וואס האט דורכגע־ריסן בריקן און דאמבעס, און פלייצט און פארפלייצט.
זיי זענען זעלטן — די שארפע פריידן. אבער זיי זענען דא.
(1922).

„דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט."

דער אלטער ראקעפעללער.
איך קוק אף זיין בילד.
אלע צייטונגען האבן זיך געאיילט אפצודרוקן זיין בילד. דער רייכסטער מאן אין דער וועלט איז אלט געווארן דריי־און־אכציק יאר.
א שרעקלאכער פנים.
דאס מויל — איינגעפאלן, קיין ליפן ניטא. די הויט פונ'ם פנים ווי ארייגעצויגן מיט צוואנגען אינ'ם שפאלט פונ'ם מויל.
די באקן — צוויי גריבער אויסגעבעט מיט אן איינגעשרומ־פענער, צעקנייטשטער, געלבלאכער, פארמעטענער הויט. די נאז־לעכער — געעפנט אף פארנט, ווי בא א הינטל. דער האלז — א דארער ווארצל ארומגעצויגן מיט פארטרוקנטער קארע. ארום די אויגן — א מיליאן קיילאכדיקע און לענגלאכע קנייטשן, וואס ציען זיך צו די אויערן און צום האלז.
א בילד, וואס דערוועקט א פחד.
אפ'ן פנים ליגט דער קינדיש־סארקאסטישער אויסדרוק, וואס איר זעט אפ'ן פנים פון א סקעלעט. דאכט זיך, דער ביינערנער קאפ לאכט מיט זיינע אויסגעשטשירעטע ציין. דאכט זיך, ער מאכט פון אייך חוזק. ער מאכט חוזק פון אלצדינג אף דער וועלט. אבער קוקט זיך איין — איז ער ערנסט, טויט־ערנסט, ווי דער קבר אליין. און איר הויבט אן גלויבן, אז ער זעט אלצדינג און ווייסט אלצדינג.
א שרעקלאכער פנים.

דער טויט אַליין, אַרויסגעקראָכן פון אַ שטיינערנעם סקלעפ, וואַנדערט אַרום צווישן די לעבעדיקע. אין די קנייטשן פון זיין הויט ליגט דער שווייס פון ווערים.

אָבער די אויגן זענען נאָך לעבעדיק. שטאָלענע, קאַלטע, האַרטע אויגן, וואָס שטעכן, ווי שפּיזלאַך. אומדערבאַרעמדיקע אויגן. אַזוי קוקט ניט אַ לעבעדיקער מענטש, נאָר עפּעס אַ מאָדנע וואַלד־חיה, וואָס איז פאַרבלאָנזשעט געוואָרן צווישן מענטשן.

איך קען זיך ניט אָפּרייסן פונ׳ם פּנים.

אָט דער מענטש איז דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט. זיין מאַכט איז אומבאַגרענעצט.

אַ בינטל אויסגעטרוקנטע ביינער מיט אַ שטיקל פאַרגליווערטער הויט. אַן אַלט האַרץ, וואָס זשיפּעט קוים. אַביסל וואַסערדיק בלוט אין איינגעשרומפּענע אָדערן.

און פאַר אָט דעם אַרבעטן טויזנטער און טויזנטער געזונטע, יונגע, רויט־בלוטיקע, שטאַרק־מוסקלדיקע מענטשן, מיט הערצער, וואָס קלאַפּן ווי האַמערס, מיט אויגן, וואָס גליען ווי פייער, מיט ביינער — אויסגעגאָסן פון שטאָל.

ס׳איז אַ הייסער זומער־טאָג. אַלע שוויצן. אָבער דעם אַלטן נפש איז קאַלט. דער אַלטער נפש איז אָנגעטאָן אין גראָבע שיך, אַ לעדערן לייבל, אַ שווערן אויבער־מאַנטל און אַ וואַרימען שאַרף אַרום האַלז. ער שטייט אונטער דער זון — און קען זיך אַלץ ניט דערוואַרימען.

און אָט ווי ער שטייט אַזוי, רינט דער שווייס פון טויזנטער קערפּערס, וואָס אַרבעטן אַף אים. טויזנטער מענער, טויזנטער יונגע און אַלטע פרויען, טויזנטער קינדער. זיי שטרענגען אָן זייערע הענט, זייערע פיס, זייערע רוקנס, זיי האָבן קיין צייט ניט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, זיי האָבן קיין צייט ניט אָפּצואווישן דעם שווייס. ווען מען נעמט־צונויף די היץ פון אַלע זייערע קערפּערס, וואָלט מען געקענט מיט איר טרייבן הונדערטער פאַבריקן. ווען מען נעמט־צונויף זייער הייסן שווייס, וואָלט געווען אַן אָזערע, וואָס צענדליקער אַזוינע אַלטע נפשות וואָלטן דערטרונקען געוואָרן אין איר. און ער שטייט, און אים איז קאַלט אינמיטן יולי.

און ער איז זייער הערשער.

קען ער ליב האָבן? קען ער זיך פרייען? קען עפּעס אַ וואַרימע האָפנונג אַ לייכט־טאָן אין אָט דעם סקעלעט? איז בא אים נאָך געבליבן אַ דאגה, אַ קימער, אחוץ זיין אייגענעם שטיקל גוף?

און דאָ אַרבעט אַף אים אַ מחנה יונגען, וואָס זענען פאַר׳־שכור׳ט מיט די אויגן פון זייערע געליבטע, אַ מחנה מיידלאַך, וואָס בייִנקען נאָך גליק און שיינקייט, אַ מחנה טאַטעס, וואָס בויען לופט־שלעסער פאַר זייערע קינדער, אַ מחנה מאַמעס, וואָס ס׳פאַלט זיי איין ס׳האַרץ פאַר זייערע איבערגעלאָזענע עופה׳לאַך. טויזנ־טער און טויזנטער, וואָס בייִנקען, פרייען זיך, ליידן, שמאַכטן, זוכן, האָפן, פלוכן, בענטשן — אַ מענטשהייט פול מיט מענטש־לאַכע געפילן.

עס שטייט דאָס אַלטע צעקנייטשטע שטיקל מענטש — און איר וואונדערט זיך: צי איז עס נאָך באַ׳ם זינען? צי אַרבעטן נאָך די צעלן פון זיין אָפּגעריבענעם מוח?

אָבער טוט ער אַ מאַך מיט אַ האַנט — קומט אַ הונגער אַף טויזנטער מענטשן. וויל ער אַ וואונק טאָן מיט אַן אויג — ווערן טויזנטער מענטשן אַרויסגעוואָרפן פון זייערע דירות. שרייבט ער אַ וואָרט — פאַרציט זיך אַ וואָלקן איבער גאַנצע שטעט און דערפער.

און אָט איז ער אַלט דריי־און־אַכציק יאָר — און וואָס ער דאַרף, איז סך־הכל אַ וואַרימער אויוון און אַ ניאַנקע, וואָס זאָל אים אויסטאָן און אָנטאָן.

און דאָ שרייבט וועגן אים אַ וועלט. און מענטשן וואַרטן צו כאַפּן אַף אים אַ קוק. און צייטונגען זענען גליקלאַך, וואָס זיי קענען דרוקן זיין בילד.

ווי־זשע איז דאָס מעגלאַך?

וואו לעבן מיר?

וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטשהייט, וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט?

ווער איז דאָ משוגע?

(1922).

גרויסע הענט — בלינדע אויגן.

א נפש — א מורא צו קוקן.

הענט האָט עס, ווי צוויי גוואַלטיקע שטאָלענע דעמבעם. פיס — ווי שטיינערנע זײלן. א ברוסט — א דאמף־מאַשין פון הונדערט טויזנט פערד־קרעפטן. טוט עס א שפּאַר מיט אַן אקסל, קען עס איבערקערן װער װײסט װאס פאַר א מויער. מיט איין בלאָז קען עס פאַרלעשן אַלע פייערן אין שטאָט.

א נפש — ניט צו פאַרזינדיקן. פאַר וועמען קען, אשטייגער, מורא האָבן אזא ווערגעלעם?

האָט ער אָבער איין חסרון — בלינדע אויגן.

ס׳הייסט, זען זעט ער דוקא יאָ, נאָר ווייניק. ער זעט א קליינע שטרעקע. ער זעט נאָר, וואָס עס טוט זיך אונטער׳ן נאָז, און קען ניט ארומנעמען א זאך פון אַלע זייטן.

די זעאכץ פונ׳ם גרויסן יאָלד וואָלט געווען גענוג פאַר א מייזל אָדער פאַר א וויקל־קינד, ניט פאַר אזא געזונטן שטורמאַק.

* * *

נו, האָט מען דעם חברה־מאַן אַריינגענאַרט אין קאַטשומענט און מען טוט אים אָן אַלערליי נגישות.

ערשטנס, הייסט מען אים דרייען מילשטיינער, שארפן מע־סערס און האקן האָלץ, אָבער טאַקע פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צווייטנס, גיט מען אים עסן מיט א וואָג און א מאָס, אַז ער זאָל זיך,חלילה, ניט איבערעסן. אַמאָל לאָזט מען אים נאָך פאַסטן הפסקות.

דריטנס, האָט מען צו אים צוגעשטעלט אַזוינע אויפזעער, אַנטרייבער, מיט בייטשן אין די הענט. טאָמער רירט ער זיך ניט אַזוי גיך, טוט מען אים א שמייס אין דער מאָרדע, א פּליאַסק איבער׳ן קאָפּ, א פּלעם צווישן די אויגן, אַזש פונקען פליען.

און דער גרויסער למך מאָלט מעל און האַקט האָלץ און מאַכט

כלים פאר די קליינינקע ברואים׳לאך, וואס דרייען זיך ארום אים. און ער שלאפט אף דער שטיינערנער פאדלאגע, און ס׳חלומ׳ען זיך אים פעטע הינער און שטארקער בראנפן און ווייכע ווייבער — אבער האבן האט ער א מכה.

* * *

אנומעלטן האבן זיך די אויפזועער צעקריגט מיט זייערע שכנים, די אויפזעער פון אן אנדער ווערגעלעס. ווען יענע זענען זיי ארייננעקראכן אין די האר און אין די גרגרת, האבן זיי זיך אנגעהויבן בעטן בא׳ם חברה־מאן: „בחור׳ל, ראטעווע אונז, דו ביסט גרויס, דו ביסט מעכטיק, דו ביסט די זאלץ פון דער ערד, קיינער קען זיך מיט דיר ניט פארגלייכן. גיי ארויס און באשירם אונזער אלעמענס הויז, און מיר וועלן דיך דערפאר ליב האבן אייביק און אייביק.“

האט דער נפש זיך אויפגעהויבן און גענומען „ראבאטעווען“ מיט הענט און פיס, אז ס׳איז א רויך געגאנגען איבער דער גארער וועלט. און אז ער האט צעפראסקעט די שונאים און געמאכט פון זיי אש, האט מען אים ווידער פארנארט אין חדר ארייו און מ׳האט אים געזאגט:

— ליג אין דער קריינק, און קיין פארע זאל מען פון דיר ניט הערן.

* * *

אמאל ווערט דעם חברה־מאן נמאס, הויבט ער אן טאן אף קאפויר. ער איז א גרויסער צו להכעיס׳ניק, און ס׳איז ניט גרינג מיט אים צו הויזן.

אט, א שטייגער, לייגט ער צונויף די ידים און זאגט: „איך ריר ניט אן קיין מילשטיין.“ ווערט די אויפזועער קאלעמוטנע אף דער נשמה.

אן אנדער מאל וויל ער ניט גראבן קיין קוילן. כאטש טעסעט אים פלעקער אפ׳ן מוח.

אמאל זאגט ער: „געגנוג דרייען די רעדער“. ווערט א מהומה, א געפילדער, א קאכעניש. און יענער — ניט פון ארט.

אבער אזוי ווי ער איז א בלינדער, ווייסט ער ניט, אז עס איז דא א שייכות צווישן די מילשטיינער מיט די קוילן מיט דעם האלץ

מיט די רעדער — מיט די אויפזעער, וואָס טרייבן אים צו דער אַרבעט.

אַמאָל וואַרפט ער זיך אָפּ׳ן קאָטשומענט און וויל אים צע־ברעכן. נאָר אַזוי ווי ער זעט ניט געגוג, איז דאָס אַרויסגעוואָר־פענע אַרבעט. ער שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, אָנשטאָט צו ברעכן דעם שלאָס פון דער טיר. ער קלאַפּט אין דער פּאָדלאָגע, בשעת ער וואָלט געדאַרפט אַרויסנעמען די גראַטעס. ער האָט געגוג כח, דער שוואַרץ יאָר האָט אים ניט גענומען, נאָר ער זעט ניט, וואָס אָנצוהויבן מיט זיין כח.

און די חברה לצים, די בערן־טרייבער און בייטשן־דרייער, ווייסן דוקא גוט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. זיי זעען אַלצדינג און זיי טאַנצן אַרום אים, טוען אים דאָ אַ בוכטשע אין זייט, דאָרט אַ קרעל איבער דער הויט, דאָרט אַ שניט ביז׳ן ביין, דאָ שטעלן זיי אים אונטער אַ פוס און דאָרט פאַרנאַרן זיי אים אין זאַק. און יענער וואַרפט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט מיד און צע־טומלט און פאַלט צו דער ערד. דעמאָלסט טרייבן זיי אים ווידער צו דער אַרבעט, און ער איז שטיל, ווי אַ לעמעלע.

וואָלט ער נאָר געזען, וואָלט פון׳ם גאַנצן קאָטשומענט מיט אַלע אויפזעער קיין שריד ופליט ניט געבליבן. אָבער ס׳איז אַן אומגליק: ער זעט ניט.

* * *

וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן, ברידער?

דאַרף מען אים מאַכן אַן אָפּעראַציע, אַז ס׳זאָלן זיך אים עפענען די אויגן.

(1922).

אין א שלאָפלאָזער נאַכט.

אין דער שטיל פון דער נאַכט האָבן חלומות־זעאונגען גע־מאַטערט דעם שלאָפלאָזן מח.

געשטאַלטן זענען געקומען. אַריינגעקוקט אין די אויגן. גע־פרעגט מיט א שטומען פאַרוואורף.

א לערער. א גרייז־גראָער. א פרעמדער — און ערשט נעכטן הייליק־נאָענט. צוואַנציק — פינף־און צוואנציק יאָר געלערנט זיינע ספרים. געוואָרימט זיינע געדאַנקען אין דעם טייערסטן ווינקל פון דער נשמה. געזוכט בא אים א תשובה אף אַלע ריסן פונ'ם מענטשלאַכן לעבן, געוואוינט זיך קוקן מיט זיינע אויגן אפ'ן גאַנג פון דער מענטשלאַכער געשיכטע. געווען א יום־טוב, ווען א נייער בוך איז אַרויס פון אונטער זיין פעדער. געלעבט א שטילע, שעמעוודיקע דאַנקבאַרקייט צו אָט דעם אַלזעענדיקן גייסט, וואָס צייכנט א גלייכן וועג אין דעם שווינדלדיקן תוהו־ובוהו. אַלצ־דינג איז בא אים אויסגעקומען אַזוי איינפאַך, שכל'דיק, מענטש־לאַך־נאָענט.

אין דער שטיל פון דער נאַכט ווייסן זיך די גראָע האָר, קוקן די טרויעריק־ערלאַכע אויגן אריין אין דער נשמה. פרעמד איז ער. א שונא, א שונא, א שטערער, א פאַלשער משיח.

אין דער שטיל פון דער נאַכט שטייט־אויף די פיגור פון דעם פירער. שטאַרק האָט געקלונגען זיין קול, ווען ער האָט גערופן אין שלאַכט. גרויס, שטיין־פעסט האָט זיך געהויבן זיין געשטאַלט איבער לענדער און פעלקער. זיין הייסער צאָרן האָט, ווי א האַגל פון שטיינער, זיך אויסגעגאָסן אף די באַדריקער. זיין האַרציקע ליבע האָט, ווי א זומער־טוי, דערפרישט פאַרמאַטערטע הערצער. דער גרויסער צוימען־ברעכער, דער גרויסער פאַרשמעלצער פון אַרבעטער־קרעפטן, דער גרויסער סטראַטעגיקער פון אַרבעטער־אַר־מייען, דער קומענדיקער גרויסער קאָמאַנדיר אין דעם קריג פון די קלאַסן, — ווי האָבן מיר געלעכצט נאָך זיין וואָרט, ווי האָט דורך

אונז דורכגעציטערט די ענערגיע פון זיין פערזאָן, ווי האָט זיך געשטאַלט דאָס האַרץ אנטקעגן דעם אימפּעט פון זיין לײדנשאַפט!

שטום און שטייף קוקן זיינע אויגן אין דער נאַכטיקער שעה, ווען ס'וויל ניט איינשלאָפן דער מידער מח. פּרעמד איז ער, קליין איז ער, נישטיק, מיאוס, דערנידעריקט אין דער פייגטלאַכער מחנה. און ס'קוקן זיינע אויגן און פרעגן און קענען ניט באַגרייפן.

און דו, מיין פריינט. אין קלאַסן־קאַמף האָבן מיר זיך גע־טראָפן. אין היץ פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אונזער פריינדשאַפט באַפעסטיקט. אין איין צימער האָבן מיר גע־פירן דורך דעם גרויסן געגענראַל־סטרייק פון ניינצען פינף. אין די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע היילן האָבן מיר איינער דעם אַנדערן דערלאַנגט אַ האַנט. פון טורמע האָבן מיר זיך געשיקט גרוסן, אויף דער פרייהייט האָבן מיר אינאיינעם געשמידט דאָס וואָרט פאַר די אידישע אַרבעטער־מאַסן. דיין לעבן איז געווען מיין לעבן, דיין פרייד — מיין פרייד. באַהעפטע צווילינג זענען געווען אונזערע געדאַנקען. ווייסטו, אַז איך פלעג מיר טראַכטן: קיין זאַך וואָלט ביי מיר ניט שווער געווען פאַר דיר, פאַר דיין ווייב, פאַר דיין קינד? ווייסטו, אַז ווען איך פלעג אַריינקומען אין דיין הויז נאָך אַ צע־שיידונג פון דריי יאָר, בין איך אַריינגעקומען ווי צו זיך אַליין, מיט אַ גרינג האַרץ, מיט אַ באַוואוסטזיין, אַז איך בין געקומען אהיים? „וואָס איז אַ לייבלאַכער ברודער", פלעג איך זאָגן. „אַ לייבלאַכן ברודער האָב איך ניט געוויילט. אַ ברודער אין גייסט — דאָס איז דער אמת'ער ברודער. אַ ברודער אין גייסט איז אויף אייביק."

פופצען יאָר האָט געדויערט אונזער ברודערשאַפט־פריינדשאַפט.

איצט?

אין דער שטומער נאַכט זע איך דיינע אויגן. פרעמד ביזטו. פיינדלאַך ביזטו. פאַרשוועכט איז דיין בונד. צעריסן איז דער באַנד. ביטערקייט... גאַל...

געשטאַלטן הויבן זיך אין דער פינצטער, שווימען פאַרביי, קוקן אַריין אין די אויגן.

פרעמדע. קאַלטע. אומגויטיקע.

עס לייגט זיך א טונקעלע משא אפ'ן שלאפלאזן מח. עס ווערן געדיכטער די שאטנס. די שטומע שטילקייט לויערט.

און פלוצלונג טוט א ציטער די נאכט. עס צערייסט זיך א פעסט־געשפונענע נעץ. עס פאלן שטיקער פינצטערניש איינער איבער'ן אנדערן, הויפן זיך, הויבן זיך און צעשווימען. א ליכטיקייט לייגט זיך אויס איבער אומענדלאכע רוימען. דער מח ווערט קיל און פינקטלאך.

עמיצער רעדט אין דער נאכט. דאס קול גייט פון ערגעץ נים. דאס קול איז אין אונז, עס איז מיר אליין:

— אלטע געטער ווערן צעבראכן, און מיט זיי אלטע קייטן, וואס בינדן דעם געדאנק. אלטע גלויבנס ראמען אפ דעם וועג פאר נייעם וויסן, כדי די מענטשהייט זאל גיין פאראויס. גרויסע פארצייטיקע נביאים זעען אויס קליין, ווען זיי באווייזן זיך אין ליכט פון א נייער צייט. פריינדשאפט איז ווערטלאז, ווען זי ווערט נים געוואַרעמט פון איין גייסטיקן קוואל. פארערונג איז דאס קינד פון איבערצייגונג — און עס שטארבט מיט דער ענדערונג פון אנזיכט און ציל.

— מיר זענען די גליקלאכע: מיר לעבן אפ'ן איבערברוך פון צייטן.

— מיר זענען די פיילן, וואס די נייע צוקונפט שליידערט אין אונזערע נעכטיקע אפגעטער.

— מיר זענען די פונקען, וואס צינדן א בראנד אין די אלטע, פארשימעלטע היימען.

— זאל אונז נאך ווי טאן אן אלטער זכרון אין די אלטע היימלאכע היימען: דער פונק מוז גליען.

— נייע פריינדשאפט בליט אפ'ן אש פון חרוב'ע טעמפלען.

מיר זענען די רייכע: מיר האבן אלצדינג גענומען פונ'ם נעכטן, כדי צו לעבן אפ'ם ניי אין דעם מארגן.

.1922

העלדן און נעמען.

דער סטרייק וועט זיך ענדיקן. די האַק פון דעם מיינער וועט זיך ווידער איינבייסן אין די שוואַרצע געדערעם פון דער ערד, צו גראָבן ליכט, וואַרימקייט, קראַפט, — פאַר אונז, פאַר דער מענטש־הייט.

דער מיינער וועט נעמען זיין לוין און ברענגען אַהיים. ליכ־טיקער וועט ווערן דאָס פאַר'דאגה'טע פּנים פון דער פרוי. פריילאַך וועלן אַרומשפּרונגען די אויסגעמאַטערטע קינדער. עסן וועלן זיי צו זאַט — דאָס ערשטע מאָל אין חדשים, דאָס ערשטע מאָל אונטער'ן זיכערן דאַך פון אַ הויז. און פרידן און פרייד וועלן אַרונטערגיין אויף דעם אָרימען אַרבעטער־הויז.

און ערגעץ וועט זיצן די אלמנה, וועמעס מאַן איז געפאַלן אין סטרייק. וויסט וועט קוקן דער טאָג אין אירע אויגן; שוואַרץ וועט די נאַכט אַרומנעמען איר טרייסטלאָזע וואַוינונג. פון שלאָף וועט איר יתום אַרויסקרעכצן עפּעס, און זי וועט הערן: „טאַטע". אין דער הויך וועט דער ווינט זיך פאַרטשעפּן אין די צווייגן, און זי וועט הערן אַ זיפץ: „אויף אייביק". און טראַכטן וועט זי אַזוינע פּשוט'ע, מענטשלאַכע, היימישע ווערטער: „קיינמאָל וועט דער מאַן שוין ניט קומען אַ פאַרדעקטער מיט קויל־שטויב; קיינמאָל וועט זי שוין פאַר אים ניט גרייטן קיין וואַרימע וואַסער; קיינמאָל וועט זי שוין ניט הערן זיין אָטעם אין צווייטן בעט; זיינע גרויסע אָרעמס וועלן שוין קיינמאָל ניט אויפהייבן דאָס קינד אין דער הויך, און קיינמאָל וועט זיין מויל ניט שמייכלען, זאָגנדיק: „מאַי באָי".

אַ מיינער איז דערשאָסן געוואָרן אין דער צייט פון אַ סטרייק.

* * *

און אומקערן וועלן זיך די שניידער צו די מאַשינען. און זשור־מען וועלן די עלעקטרישע אַפּאַראַטן, ווי מ'וואָלט אין זיי אַריינגעבן אַ נייע נשמה. מענטש און מאַשין וועלן קונציק, פלינק און פּינקט־

לאַך צונויפֿגיסן זייער ענערגיע צו שאַפֿן קליידער פֿאַר אונז, פֿאַר די מענטשן. לופֿטיק־העל וועט קלינגען דאָס געזאַנג פֿון דער אַרבעט.

מיטאָג־צייט וועלן זיך אַרבעטער אַרויסשיטן אין גאַס, אונטער דער ליבער הייסער זון. יוגנט וועט שמייכלען צו יוגנט. אויגן וועלן זאָגן, וואָס ווערטער קענען ניט דערציילן. מענטשן וועלן לאַכן אין די היים־גאָלדענע שטראָמען. דאָס לעבן וועט זיך פֿלעכטן צווישן לעבעדיקע ווי אַ רעגן־בויגן־פֿאַרביקע נעץ מיט אומענדלאַכע גלאַנץ־שטיינער אַריינגעוועבט אין אירע פֿעטליעס.

און ערגעץ אין אַ זייטיקן געסל וועט זיך אומשלעפּן אַן אײנ־געבויגענע מאַמע, מיט אויגן, וואָס קוקן אינווייניק, מיט אַ פֿאַר־לאָשן פּנים, וואָס איז אויסגעברענט פֿון פּיין. און שלעפּן וועט זי זיך איבער דער שטיינערנער ערד, און אָנשטויסן זיך אָן די שטיי־נערנע ווענט, און פֿרעגן שטיל־שווייגנדיק: „וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיין קינד? ער איז נאָך געווען אַזוי יונג! ווער האָט אומ־געוואָרפֿן מיין שיינעם, יונגן בוים?"

אַ מוטער וועט קלאָגן אין דער שטיינערנער שטאָט נאָך איר זון, וואָס מ'האָט דערשטאָכן אין סטרייק.

* * *

און אַז דער באַן־מאַשיניסט וועט זיך אומקערן צו זיין קאַלט־געוואָרענעם לאָקאָמאָטיוו, און אַ פֿייער וועט זיך אָנצינדן אונטער'ן גרויסן קעסל פֿון דער מאַשין, און אָטעמען וועט אָנהויבן איר מעכ־טיקע ברוסט, און ציטערן וועלן אין אומגעדולד אַלע אירע שטאָלענע אברים, און אוועקגליטשן וועט זיך די וואונדער־באַשעפֿעניש איבער די זינגענדיקע בלאַנקע שינעס־סטרונעס, און ערד און פֿעלד און בוים אין באַרג וועלן פֿאַרבייטאַנצן אין אַ פֿריילאַך־שטיפֿערישןווירבל, און דער ווינט וועט זיך שפּאַרן מיט שליידער־קראַפֿט אין דעם פֿענצטערל פֿון דעם אימפּעט־פֿולן מאַנסטער, און דער מאַן וועט אַרויסרייסן פֿון דעם בויך פֿון דער חיה איין צאָרנדיקן הילך־געַ־שריי נאָך אַ צווייטן, וועט ער דעמאָלט וויסן, אַז דאָס קלאָגט ער אַרויס אין דער וויטער וועלט אַריין זיין צער נאָכ'ן טויט פֿון זיין ברודער. פּונקט אַזאַ ווי ער איז געווען זיין ברודער, און פּונקט אַזוי האָט ער געטריבן אַן אייזנבאַן־מאַשין דורך פֿעלדער און וועלדער,

און צוריק מיט אַ וואָך איז ער געפאַלן אין סטרייק אונטער די הענט פון געדונגענע מערדער.

שרייען, שרייען און ברומען וועט די מאַשין אין דער גרויסער וועלט אריין, שרייען און רופן און וויינען: וואָס האָט מען געהאַט צו זיין יונגן לעבן?

* * *

קלאָגט ניט אַף די גרויסע, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער אידייע. ווארום אין זייער גרויסקייט איז געווען זייער לוין.

זיי האָבן געלויכטן — און זיך געוואַרעמט ביי זייער אייגענעם ליכט. זיי האָבן געפילט די מתנות הינטער זיך — און פון זיי געצויגן זייער כח.

ווען זיי האָבן צונויפגעפרעסט זייער לעבן אין איין גרויסן פייער־קנויל און אים ארויפגעלייגט אַפ׳ן מזבח פון זייער גלויבן, האָבן זיי איבערגעלעבט די העכסטע פרייד, וואָס איז אַ מענטשן באַשערט אַף דער ערד.

זיי האָבן געוואוסט: דער קנויל וועט אויפרייסן מויערן, די פונקען וועלן זיך אויסשפרייטן איבער שבעת ימים און פאַרזייען די ליכטיקע זאָמען פון מאָרגן.

אין דער זיס־פיינלאַכער רגע פון טויט האָט פאַר זיי גע־ברענט דאָס ליכט פון שאַפונג, דאָס ליד פון דערגרייכן.

* * *

קלאָגט ניט אַף די פירער, וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכט.

פירער זענען הערשער, געקרוינט מיט דער באַוואונדערונג פון דעם פאָלק.

אין זייער מאַכט איז זייער לוין. אין די צענדליקע טויזנטער הערצער, וואָס פּרעסן זיך ווייך אריין אין זייער האַנט, ווי ליים אין דער האַנט פון אַ טעפּער, איז דאָ קראַפט גענוג צו מאַכן דעם טויט פאַר אַ יובעלדיקן יום־טוב.

פאָנען ווייען איבער די קעפּ פון די פירער. קראַנצן פלעכט מען פאַר׳ן שטערן פון די פירער. גרוסן שטורעמט מען אינ׳ם פּנים פון די פירער. קניען בויגן זיך אַפ׳ן קבר פון די פירער.

א פרייד־געשריי איז דער טויט פון א פירער.
קלאָגט ניט אף די פירער. זייער טויט איז דער טריאומף פון זייער לעבן.

* * *

קלאָגט אף די שטילע, די קליינע, די אומבאַקאַנטע, וואָס האָבן געטאָן זייער פליכט פאַר זייערע ברידער און האָבן אוועקגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף.

פון דער פינצטערניש זענען זיי געקומען. קיין פאַקל האָט ניט באַלויכטן זייער סטעזשקע. קיין לויב־געזאַנג האָט ניט פאַר־שענערט זייער קרבן. קיין נאָמען אפילו איז ניט געבליבן אף זייער מצבה. ווער ווייסט וואו עס געפינט זיך זייער מצבה?

שטילע, ערלאַכע, אומבאַוואוסטע, אומבאַקאַנטע, פון דער מאַסע זענען זיי געקומען. פאַר דער מאַסע האָבן זיי געטאָן די וואָכעדיקע אַרבעט פון מקריב זיין אַ לעבן. אין דער מאַסע איז צעשוואומען זייער זכרון, ווי א טראָפּן אין ים. און וואָס איז פון זיי געבליבן?

* * *

ליבע, האַרציקע, נאָמענלאָזע העלדן. איינציק־אמת'ע העלדן. אָן א לוין האָט איר געלעבט, אָן א לוין זענט איר געשטאָרבן, — פאַר אונז, פאַר די מענטשן.

ברידער, אונזערע, אייגענע ברידער!

פאַר אייערע קברים בויגן מיר אין ערפורכט אונזער קאָפּ. אייער אָנדענק פייערן מיר שטיל, אָבער הייליק, מיט א ציטער פון אומ־רואיקע נשמות, מיט אן אויפבליץ פון נייעם ווילן, מיט א צוזאָג אף נייע טאַטן.

איר זענט די העלדן, איר זענט די פילע, די וואָס שאַפן די צוקונפט, די וואָס טרעטן א וועג פאַר דעם מאַרש פון דער צוקונפט.

געבענטשט איז אייער אומבאַקאַנטער לעבן. געבענטשט אייער אומבאַקאַנטער טויט.

מ י ר, די מאַסע, די מענטשהייט, מיר האָבן א גרויס האַרץ. פלאַץ גענוג איז דאָרט דאָ פאַר אייער אַלעמענס אָנדענק.

* * *

דער סטרייק וועט זיך ענדיקן. דער שטרייט וועט דויערן ווייטער.

ווי שטערן אפ'ן ברייטן הימעל וועט פינקלען אייער אָנדענק, ברידער.

שטערן קענען מיר ניט ביי די נעמען. אָבער שטערן באַלייכטן דעם חשך.

גענגרסיט זייט, שטערן אין א פינצטערער נאַכט.
געבענטשט אייער שטילער, שעמעוודיקער שיין.

.1922

פאַרשאָלטענע אַרבייט.

זעקס פאַרנאַכט. קאַנעל לעבן בראָדוויי. פיר גרויסע מיילער האָט אויפגעעפנט די שטיין־פאַרפאַנצערטע ערד און שפּייט אַרויס איין פאַק מענטשן נאָך אַ צווייטן.

עמיצער שטופּט זיי פון דער ערד מיט אַ ווילדער און אימפּעטיקער עקשנות. זיי פאַלן אַרויס בונטנווייז אַף דער הייסער גאַס און לאָזן זיך ווייטער, געטריבן פון דער זעלביקער פינצטערער גבורה.

טויזנטער און טויזנטער. מענטשן אין דער בלי־צייט פון לעבן. מענטשן אין דער קראַפט־צייט פון לעבן. שיינע מענטשן. געזונטע מענטשן. אַ גאַנץ פאָלק פון באַשעפטיקטע מענטשן.

און וואָס איז אָנגעשריבן אַף זייערע פּנים'ער?

לאַנגווייל. מידקייט פון לאַנגווייל. צייכנס פון דערעסענע שעה'ן. טויטקייט פון פאַרדריסלאַכע טעג.

פון אינדערפרי ביז איצט האָבן די אַלע מענטשן געטאָן אַזוינס, וואָס האָט פאַר זיי אַליין ניט געהאַט קיין זין און וואָס זיי אַליין האָבן דאָס ניט געדאַרפט. אַ גאַנצן גרויסן טאָג זענען זיי געזעסן און געוואַרט, ס'זאָל זיך שוין ענדיקן די אומנויטיגע מאַטערניש און ס'זאָל זיך אָנהויבן דאָס לעבן.

יעדער איינער פון אַט די מחנות, יעדער איינער פון די מיליאָנען

באשעפטיקטע מענטשן איבער דער גאַרער ערד לעבט ניט, ווען ער אַרבעט, און האָט קיין צייט ניט צו לעבן, ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט.

דאָס איז דער שרעק. עס ליגט אַ קללה אויף דעם מענטשלאַכן שאַפן.

דער מענטש איז געבוירן מיט'ן ווילן צו אַרבעט. דער מענטש איז געטריבן פון שאַפונג־אימפּולסן. אַרבעט קען זיין אַ פרייד פון אויסשאַרפן די אייגענע כחות. אַרבעט קען זיין אַ פילזייטיק אויסלעבן פון דעם מענטשנ'ס איך. אַרבעט קען זיין דער פאַרביק־סטער, דער פרוכטבאַרסטער חלק פונ'ם מענטשלאַכן לעבן. שעפערישע ציל־באַוואוסטע אַרבעט.

אָט איז אַ קינסטלער. מיט אומענדלאַכער געדולד לייגט ער אַ פּינזל־שטריך צו אַ פּינזל־שטריך, מעקט אויס, ווישט אָפּ, הויבט אָן אויפ'ס ניי, חזר'ט איבער דעם זעלביקן פּראָצעס אָן אַ שיעור — און ס'ווערט אים קיינמאָל ניט מיאוס. גראָבע, שמוציקע צוגרייטונג־אַרבעט איז בא אים ניט צו ביליק. אָנשטריינגונג איז פאַר אים ניט צו שווער.

אָט איז אַ וויסנשאַפט־מאַן. איך האָב געקענט אַ פיזיקער, וואָס האָט פיר הונדערט און צען מאָל געמאַכט איין און דעמזעלביקן עקספּערימענט, כדי צו דערזען אַ געוויסן פּרט. צום שלום האָט ער איינגעזען, אַז וואָס ער זוכט, איז אונמעגלאַך — און האָט זיך באַ־רואיקט. ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַרויס־געוואָרפענע אַרבעט. דער עקספּערימענט האָט בא אים צוגענומען פיר הונדערט און צען טעג.

אָט זענען פּראָסטע בעל־מלאכות באַשעפטיקט מיט אַזוינס, וואָס ס'איז זיי טייער. אַרבעטער בויען אַ לייבאָר טעמפּל אין די פרייע שעה'ן. זיי זענען מיד. ס'איז דער זעלבער מאַנאַטאָן, וואָס די אַר־בעט פאַר'ן באָס. אָבער ס'איז ניט דער זעלביקער ציל. און ס'גלייכן זיך אויס די נשמות, עס וועקט זיך אַ פרייד צווישן די בויער.

אפילו ריין־מעכאַנישע אַרבעט קען באַקומען אַ נשמה, קען געבן ליכט פאַר'ן מענטשלאַכן גייסט, ווען דער ציל אירער איז געשטעלט פון די, וואָס אַרבעטן, און דער זין איז סאַנקציאָנירט פון אַ מענטש־לאַכן געדאַנק.

אַט גייען זיי — די אַרויסגעשפּיגענע פון די לעבער. צווישן זיי — אַ סך פּייאַיקע, אַ סך עמפּינדלאַכע, אַ סך טאַלאַנטן. צווישן זיי מענטשן מיט זינגענדיקע נשמות, מענטשן מיט שטורעמדיקע נשמות, מענטשן מיט טיפע אָפּגרונטן אין די נשמות. און ווי האָבן זיי פאַרבראַכט זייער טאָג? זיי האָבן געהאַסט די אַרבעט, וואָס זיי האָבן געטאָן. זיי האָבן געהאַסט די געצייגן, די מאַטעריאַלן, די אויפזעער, די צימערן. זיי האָבן צונויפגעפּרעסט זייערע נשמות אין איין קנויל פון געדולד — און געוואַרט, ביז ס'וועט זיך ענדיקן די באַליידיקונג, וואָס רופט זיך „אַרבעט".

דער שטעמפּל פון אָט דער באַליידיקונג ליגט נאָך איצט אויף זייער פּנים.

אַ גאַנץ פאָלק געצוואונגען צו טאָן אַזוינס, וואָס איז אים פריקרע. אַ גאַנצע מענטשהייט האַסט דאָס טאָן, וואָס פאַרנעמט דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן.

קיין וואונדער, וואָס ס'איז דאָ אַזוי ווייניק פרייד אויף דער וועלט. קיין וואונדער, וואָס מיר זענען נאָך אַלע אַזוי ווייט פון אַ מענטשלאַכן לעבן.

.1922

די וואָס שטייען פון ווייטן.

עס געפעלט זיי ניט — די איידל־געוואַקסענע, די פיינינקע, מיט די ציטערדיקע נשמות.

עס איז פאַר זיי צו רויִשיק, צו שאַרף, עס שטעכט די אויגן.

„דאָס איז דאָך ברודער־קריג", קלאָגן זיי זיך. „דאָס קען דאָך ניט פירן צו גוטן."

„מען דאַרף דאָך אייניקייט", לערנען זיי אונז. „און איר מאַכט נאָר הייסער דאָס בלוט."

„מען דאַרף דאָך גיין קעגן אַלעמענ'ס שונא", מוסר'ן זיי אונז, „און איר מאַכט די ברידער פאַר פיינט."

און דער ווייכהאַרציקער און שוואַך־קעפּיקער „דורכשניטמענטש" שטייט און הערט און שאָקלט מיט׳ן קאָפּ: „יאָ, אמת, ברודער־קריג, בירגער־קריג, שרעקלאַך, שרעקלאַך. ווי לאַנג נאָך?"

הערן מיר דאָס — און קענען נאָר שמייכלען.

קוקן מיר אָף די בני־רחמנים — און האָבן אפילו קיין צייט ניט צו ענטפערן.

ווילט זיך נאָר זיי אוועקמאַכן מיט׳ן האַנט, ווי מען מאַכט אוועק אַ דערעסענע פליג.

לאָזט צורו.

זינט די וועלט איז אַ וועלט, איז נאָך קיין געווינס ניט דער־גרייכט געוואָרן אָן אַ שטרייט.

זינט די מענטשן בויען זייער לעבן, האָט מען נאָך קיין זאַך ניט דערגרייכט מיט צונויפגעלייגטע הענט.

זינט די מאַסן האָבן זיך אויפגעהויבן צו ברעכן זייער יאָך, האָט אַ הייסער שטרייט ניט אויפגעהערט צו טיילן זייערע מחנות.

און דאָך: דורך שטרייט, דורך ביטערע חלוקי־דעות, דורך אומגעהייערע גייסטיקער אָנשטריינגונג גייט דער אַרבעטער־קלאַס צום אמת, מאַכט ער אַלעמאָל קלאָרער זיין גאַנג, מאַכט ער אַלע־מאָל בלאַנקער זיין געווער, ווערט ער אַלעמאָל פייאיקער צו באַ־הערשן די וועלט.

שטרייט? יאָ, ביז׳ן לעצטן אָטעם שטרייטן פאַר דעם, וואָס ס׳איז אמת אין אונזערע אויגן.

ברודער־קאַמף? יאָ. אויב אונזער ברודער איז שולדיק, אויב אונזער ברודער איז אוועק אָף אַ פאַלשן וועג, אויב ער האָט שלום געמאַכט מיט׳ן שונא, וועלן מיר קעמפן קעגן אים ווי קעגן אַ שונא; וועלן מיר שאַרפן קעגן אים דעם שווערד פון אונזער קריטיק, פון אונזער פאַראַכטונג, פון אונזער עקל, פון אונזער פלוך.

שעדלאַך? ניין. דער אמת איז קיינמאָל ניט שעדלאַך. דער אמת באַלויכט דעם וועג. דער אמת שטאַרקט די הענט. אויב אונזער חבר אין אונזערע רייען וויל ניט זען דעם אמת, וועלן מיר אים ווייזן, וועלן מיר לאַכן פון זיין בלינדקייט, וועלן מיר אויפקלערן זיין טעות, וועלן מיר וואַרנען אַנדערע קעגן זיין טעות, ביז ער וועט אויפעפענען די אויגן און דערזען דאָס ליכט.

מיר האָבן ניט מורא צו צושטערן אייניקייט אינ׳ם נאָמען פון גרעסערער באַוואוסטזיניקער אייניקייט.

מיר האָבן ניט מורא אָנצוגרייפן אַ חבר אינ׳ם נאָמען פון העכערער געלייטערטער חבר׳שאַפט.

מיר ווילן ניט קיין אייניקייט, וואָס איז געבויט אויף פאַלשקייט; מיר ווילן ניט פאַרהוילן קיין ריס, וואָס צעעסט די לעבעדיקע געוועבן; מיר וועלן שוין ליבער נעמען אַ מעסער און אויפשניידן די וואונד און האָפן, אַז ווען זי וועט זיך אויסהיילן, וועלן מיר האָבן אַ שטאַרקן, לעבנספייאיקן קערפּער.

אין אונזער שטרייט איז לעבן. אין אונזער ביטערקייט איז דאָס זוכן פון אמת.

און מיינט ניט, איר גלאַטינקע, איר וואויל־ריידעוודיקע, אַז אונז טוט ניט וויי. אפשר שמאַרצט אונז מער ווי איר קענט זיך מאָלן. אפשר האָט איר קיינמאָל ניט פאַרזוכט אַזאַ שווערקייט, ווי די, וואָס דריקט אונז אויפ׳ן האַרצן. דאָס איז אונזער זאַך. ניט פאַר אייך וועלן מיר זיך קלאָגן.

אָבער איר — איר זייטיקע, איר אומצופרידענע, — וואָס טוט איר? מיט וואָס העלפט איר אין דער אַלגעמיינער אַרבעט? ווי נעמט איר זיך אונטער צו געבן עצות, ווען איר אַליין שטייט פון ווייטנס? ווער זענט איר בכלל, אַז איר זאָלט זיך מישן?

איר רעדט פיינע ווערטער. „האַרמאָניע“, „פרידן“, „מענטשלאַכקייט“, „פאַראייניקטע קרעפטן“. אָבער צו וועמען רעדט איר זיי? און דער עיקר: וואָס טוט איר, כדי אייערע ווערטער זאָלן ניט בלייבן קיין קול אין דער מדבר?

רואיקע זענט איר. אַ גערטנדל פלאַנצט איר זיך אינמיטן אַ שלאַכטפעלד. אַ נעסטעלע בויט איר זיך אויפ׳ן וועג פונ׳ם שטראָם. וועט קומען די מלחמה און וועט צעטרעטן אייערע בלומען. וועט קומען דער גרויסער היסטאָרישער שטראָם און אַראָפּשווענקען אייך און אייערע נעסטן.

ווען איר וועט פאַרשווינדן, וועט קיינער נאָך אייך ניט בענקען...

1922.

די רוסישע רעוואָלוציע און די מענטשלאַכע נשמה.

אַ מיליאָן מיליאָנען טענער דרעמלען אין אונזער גייסט. אַ מיליאָן ביליאָנען פארבן ליגן באַהאַלטן אינ׳ם אוצר פון אונזער נשמה.

די האַנט פונ׳ם לעבן שפּילט אַף די סטרונעס פון אונזער גייסט. דער פינזל פון סאָציאַלער ווירקלאַכקייט מאָלט דעם לאַנדשאַפט פון אונזער נשמה קעגן אונזער אייגענעם ווילן און ווייסן.

אָבער נאָר אַ קליינע צאָל סטרונעס וועקט דער וואָכעדיקער גאַנג פונ׳ם אָרימען אַל־טאָג. נאָר אַ גראָע מדבר־בילד שאַפט דער טרויערדיקער טומל פון דעם קלאָגעדיקן קאַמף פאר׳ן שטיקל ברויט.

מיר זענען רייך — און ווייסן דאָס ניט. אין אונזער אונטער־באַוואוסטזיין ליגן איידל־שטיינער פון דעם העכסטן ווערט, נאָר באַ־גראָבן זענען זיי אינ׳ם אַש פון נישטיקער דערפאַרונג, און ס׳פעלט דער גרויסער פייער, וואָס זאָל אָנצינדן זייערע ליכט־געבענטשטע פונקען.

איז געקומען די רוסישע רעוואָלוציע און האָט אראָפּגעבלאָזן דעם אַש פון אַ סך מענטשלאַכע נשמות. איז געקומען דער גרויסער פלאַקער און האָט אויפגעוועקט פונקען־אָפּקלאַנגען, פונקען פייער־קוואַלן אין מיליאָנען גייסטער אַף דער גאַנצער וועלט.

מענטשן זענען געוואָרן רייך.

הייליק איז זייער רייכקייט.

גראָ און אָרים און מיטליידוווערט זענען די, וואָס האָבן ניט דערזען די ליכטיקע שיין.

מענטשן האָבן געטרוימט פון אַ נייער אָרדנונג. מענטשן האָבן טעאָרעטיזירט וועגן פּראָלעטאַרישער הערשאַפט. מענטשן האָבן גע־בויט אַ וויסנשאַפטלאַכע סיסטעם פון באַווייזן, אַז די וועלט פון רויבערישער מיאוס׳קייט וועט אַמאָל פארשווינדן. אָבער נישט געווען איז קיין אָנהאַלט פאר דער נשמה אין דעם סיסטעם פון לאָגיק. נישט געווען קיין זעהונג. איז געקומען די רוסישע

רעוואָלוציע און האָט אָראָפּגעריסן דעם פאָרהאַנג פון דער צוקונפט. די מענטשהייט האָט דערזען וואָס ס'איז מעגלאַך. פּראָלעטאַרישע הערצער האָבן אויפגעיובלט אַנטקעגן אַ הונדערט־און־זעכציק־מיליאָניקן לאַנד, וואו דער אַרבעטער־קלאַס האָט אַרויסגעטריבן זיינע הערשער און אַליין געוואָרן אַ הערשער. פּראָלעטאַרישע אויגן האָבן דערזען אַ פּאַנאָראַמע, וואָס האָט געברענט מיט אירע שאַרפע ליניען, געשניטן הימלען מיט איר איבערמענטשלאַכער העלקייט. און זאָלן איצט וואָלקנס ווידער קומען און פאַרטונקלען די פּאַנאָראַמע, און זאָל אַ נעבל אָפּווישן די שניידנדיקע קאָנטורן, און זאָל פאַרטריבט ווערן דער קוואַל פון ליכט, — דאָס בילד קען שוין ניט פאַרשווינדן. מ'האָט עס ג ע ז ע ן. עס איז מ ע ג ל א ך. וואָס ס'איז איינמאָל געווען, דאָס וועט ק ו מ ע ן. וואָס ס'איז פאַרזייט געוואָרן, דאָס וועט אויפגיין.

ווער ס'האָט איינמאָל פאַרזוכט דאָס ליכט, וועט שוין קיינמאָל די פינסטערניש ניט וועלן.

געווען אַ וועלט אַ פעסטע, אַף זיכערע פונדאַמענטן. געווען אַ ווירקלאַכקייט אַ ג ע ו ו י ס ע, וואָס קיינער האָט אין איר ניט געצווייפלט. געווען ווענט און מויערן און קירך־טורעמס און תפיסה־קעלערס און פעסטונגס־וואַלן און שטיין־געהאַקטע מאָנומענטן. געווען אַ שווערקייט, אַ שטאָלענע געוויכטיקייט, אַ גראַניטענע געבונדענקייט. איניקע האָבן זי געליבט און אין איר געזען אַ גן־עדן, אַנדערע האָבן זי געהאַסט און אַף איר געוואָרפן דעם סם פון זייער קללה. אָבער פאַר אַלעמען איז זי געווען אַ זאַך, וואָס איז ד אָ, וואָס באַצווינגט אַלע זייערע חושים.

האָט אַ שטראַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע אָנגערירט אָט די פעסטע ווירקלאַכקייט — און זי האָט אָנגעוואָרן איר פעסטקייט. עס שאָקלען זיך ווענט, עס וואַקלען זיך טורעמס, ווי שכור; עס ברעקלען זיך מויערן; עס שפּאַלטן זיך פעסטונגען; עס צעקריכט, ווי טייג, די האַרטקייט פון גראַניט; עס שמעלצן זיך שטאָל און אייזן; די ערד אונטער די פיס עפנט זיך; דער פונדאַמענט גופא שאָקלט זיך, וויגט זיך, פאַלט ערגעץ טיפער און טיפער. די גאַנצע ווירקלאַכקייט לייזט זיך אויף, ווי שטאָף אונטער דער ווירקונג פון מעכטיקע כעמישע קרעפטן. די גאַנצע סאָציאַלע אָרדנונג האַלט זיך אין ברעכן.

מיר האָבן אַ נײַ בילד פון דער וועלט: אַ בילד פון אַ מענטש־הייט, וואָס פּײַניקט זיך אין די געבורטס־ווייען פון אַ נײַער אָרדנונג. מיר זעען די קרעפטן, וואָס רײַסן־אויף דעם איצטיקן געזעלשאַפטלאַכן בנין. מיר הערן דאָס געריויש פונ׳ם שטורם, וואָס וואַרפט־אום די אַלטע טעמפּלען מיט די אַלטע מאָנומענטן. מיר פילן מיט יעדן נערוו די אויפרייס־שטויסן, וואָס צעטרודערן און פאַרניכטן די יסודות.

מיר זעען אַ וועלט אין אַ צושטאַנד פון כאַאָטישער באַוועגונג. אַלעס שווימט, אַלעס ווירבלט, אַלעס איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ וואַנזיניקן אימפּעט. פון אַ זײַט הערן זיך מעכטיקע טריט פון מעכטיקע מאַסן, וואָס גייען צום טאַקט. זיי גייען אויפשטעלן אַ נײַע אָרדנונג.

די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגענומען די שלייערס פון מענטשלאַכע נשמות. די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעבלאָזן דעם לעצטן טרוים־שטויב פון אונזער גייסט. נאַקעט איז דער גייסט — מוראַ׳דיק אין זײַן נאַקעטן אמת, שטעכעדיק ווי אַ שאַרפע שפּיז אין זײַן אומדערשראָקענער דראָאונג.

מיר האָבן געהאַסט — פריער אויך. מיר האָבן געגליט מיט פאַראַכטונג. אייניקע פון אונז האָבן געהאַט מוט. איצט האָבן מיר חוצפּה. איצט האָבן זיך אונזער האַס און פאַראַכטונג אויסגעגאָסן אין די שטראָמען פון בלוטיקן עקל — וואָס קענט איר אונז טאָן?

ס׳וועט שוין ערגער ניט זײַן. ס׳וועט שוין מיאוס׳ער ניט זײַן. פאַר ווענמען האָבן דרך־ארץ? ווענמען שוינען?

צ י י ן האָבן באַקומען אונזערע נשמות. שאַרפע, גיפטיקע ציין, וואָס שטעכן זיך אַרײַן מיט אַ פיזישן פאַרגעניגן אין דעם בלוט און פלייש פון דער ווירקלאַכקייט, און בײַסן, און צערײַסן די געוועבן, און פאַר׳סמ׳ען די אָדערן. זאָל אונטערגיין וואָס אונטערגיין מוז!

הפקר אַלצדינג! הפקר די וועלט! הפקר מיר אַליין!

אַ רעוואָלוציע איז אַן אָרגיע פון בלוטיקער דרייסטקייט און ווילדער מאַכט. אַ רעוואָלוציע איז אַן אוממעגלאַכקייט צו שטילן די שעפּ־פערישע וואוט, ביז ס׳וועט ניט אינגאַנצן אַראָפּגעקאָסעט ווערן דאָס ווילדקרויט און ס׳וועלן ניט ביז׳ן לעצטן אויסגעוואָרצלט ווערן די דערנער, און ס׳וועט ניט צעאַקערט ווערן דאָס שוואַרצע פעלד — טיף און גרינטלאַך — אַזוי, אַז ס׳זאָל אויפגיין און געדייען דאָס פאַר־זייטע.

מענטשלאַכע נשמות האָבן פאַרזוכט דעם ווילן צו מאַכט. זיי האָבן געטרונקען דעם וויין פון קאַמף פאַר מאַכט — און זענען שכור געוואָרן פון זיינע דאַמפן.

שכור פון דורשט, שכור פון חוצפה, שכור מיט זאַרגלאָזער שעפּ־פער־פרייד זענען געוואָרן די נשמות.

העי, איר, טכוירן, קריכט אַרויס פון די לעכער! קומט צו דער סעודה פון שלאַכט! קומט צו דער שמחה פון צעשטערונג!

העי, איר, טרופן! בעסער ליגט אין די לעכער. אַ קלאָג צו אייך מיט אייערע פאַדלעם!

אויס האַרמאָניע. אויס ווייכקייט. אויס זאַנפטקייט. אויף סאַ־מעטענע רויזן־בלעטלאַך פאַלן מער ניט די טרערן פון פאַרליבטע. אין לאַנדיש־דופט איז ניט איינגעהילט דאָס געזאַנג פונ׳ם סאָלאָוויי. אויף צאַרטע לבנה־שטראַלן גליטשט זיך ניט צום הימל דער זיפץ פון בייִנקשאַפט. דאָס שעמעוודיקע האַרץ־צו־האַרץ־געפּליסטער איז פאַר־טויבט, פאַרטרונקען פון הילכיקערע קלאַנגען.

דאָס איז אַלץ — דער נעכטן.

היינט: גיט אונז דעם אויפברויז. גיט אונז דעם פריי־געוואָ־רענעם כאַאָס. גיט אונז די ערד פון ששת ימי בראשית, ווען ליכט און פינסטערניש, וואַסער און בערג, פלאַם און פליסיקער שטיין זענען געווען אויסגעמישט אין איין שעפּפערישער וועלט־קאַשע. גיט אונז דעם צוזאַמענשטויס פון פּלאַנעטן אין דעם ענדלאָזן וועלט־רוים.

זאָל די מוזיק דערציילן פון דעם הפקר־טאַנץ אַרום אונז און אין אונז. זאָלן זיך אין אירע אַקאָרדן דערהערן די ווילדע ווייען פון אַ שטורעם־יאָג, וואָס טראָגט זיך אַרום און אַרום דעם ערד־באַל און וואַרפט אום אַלצדינג אויף זיין וועג. זאָל אין אירע סימפאָניעס זינגען אַ וועלט, וואָס איז אַראָפּ פון די רעלסן און טראָגט זיך מיט טייוול־האַסט צו אַל די רוחות אין די ציין. זאָל דאָס זיין א ו נ ז ע ר ה י י נ ט י ק ע מוזיק! אונזער היינטיקער נשמה־געשריי!

זאָלן דער מאָלער און דער סקולפּטאָר אַרויסרייסן פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע די גראַנדיעזע ליניען, דעם מעכטיקן שוואונג, די גראַ־טעסקע דיסאָנאַנסן, די שווינדלאַכע שיינקייט, דעם אָנזאָג פון נייע, אומגעטרוימטע האַרמאָניעס, די נאַקעטקייט פון דעם נייעם מענטשן,

די גיריקייט פון זיין אויג, ווי עס זעט דעם היינט און דעם מאָרגן און דעם אייביק.

זאָלן דיכטער אוועקשליידערן די לייצעס פון זייער גייסט, זאָלן זיי ברייט אויפעפענען די טירן און ארייגלאָזן דעם וועלט־ווינט, דעם וועלט־געדאַנק, דעם וועלט־ציטער, דעם וועלט־תהום פון נייע געפילן.

עס איז לאַנגווייליק פון די אַלטע מאָטיוון. עס איז אַ ליגן די אַלטע שיינקייט!

די רעוואָלוציע האָט אונז געגעבן אַ מעגלאַכקייט פון זעלבסט־אויסדרוק. פון הינטער דעם גרויסן תהו ובוהו שיינט דאָס פּנים פון'ם אמת. פון אונטער אַ באַרג מיט פּיין, חורבות, קרבנות, צעקריפּלטע לעבנס, פאַרגליווערטן שרעק לייכט ארויס אַ הייסע, ליכטיקע, מענטשלאַכע ליבע צום נאָנטן און ווייטן.

זאָל לעבן די ליבע...

.1922

אן אינטערנאַציאָנאַלער אָרדן.

געזעסן און גערעדט מיט אַ חבר, וואָס איז ניט לאַנג ארויס פון טורמע.

דער חבר האָט געהאַט מידע אויגן. אַזוינע אויגן באַקומט מען נאָר הינטער אייזערנע גראַטעס. ס'איז ניט קיין אומעט. ס'איז ניט קיין ווייטאָק. ס'איז ווי דער גראָער שטויב, וואָס זאַמלט זיך אָן אין די ווינקלאַך פון אַ ליידיקן הויז. ס'איז ווי אַן אַלטע קראַנקהייט, וואָס האָט דערעסן מיט איר לאַנגווייליקייט מער ווי מיט פּיין.

מיר האָבן גערעדט.

איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אַמעריקאַנישע טורמעס. איך האָב געוואָלט וויסן, ווי מען לעבט דאָרט. געוואָלט וויסן ניט ווי אַ זייטיקער, נאָר ווי איינער, וואָס דאָס טורמע־לעבן איז אים נאָנט.

איך האָב אויסגעפרעגט דעם חבר. ער האָט געענטפערט. ער האָט דערציילט, וויפיל חדשים ער איז אָפּגעזעסן אין סינג־סינג און

וויפיל „אַפּ־סטייט“, ווי גרויס עס איז געווען די קאַמער אין דער ערשטער און אין דער צווייטער טורמע. ניט קיין גרויסע קאַמערן, באמת, קלענערע ווי אין רוסלאַנד, קלענערע ווי אין דייטשלאַנד. די לענג — ניט מער ווי פיר טריט, און צווישן וואַנט און בעטל קוים איין שפּאַן. דאָס בעטל צוגעשרויפט צום וואַנט? יאָ, געוויס. אין איין טורמע איז אַפילו ניט געווען קיין טישל. פע, דאָס איז שוין גאָר ניט שיין. אַזוינס האָט זיך ניט געפירט ניט אין קיעווער לוקיאַנאָווקע, ניט אין ווילנער לוקישקעס, ניט אין מאָסקווער טאַגאַנקע, ניט אַפילו אין מאָסקווער פּערעסילנע.

און וואָס עפּעס מכח עסן?

ווידער גייט אַוועק א סדרה. אינדערפרי האָבער־גריץ (אויטמיל) מיט שוואַרצע קאַווע. מיטאָג א מוטנע סופּ (איך זעץ עס איבער אַף רוסיש: „באַלאַנדאַ“) מיט צוריבענע קאַרטאָפל. אין אָוונט דער זעלבער אויטמיל מיט דער זעלבער קאַווע. אַמאָל א שטיקל פּוטער, און אַמאָל קיין פּוטער אויך ניט.

און וואָס עפּעס מכח וויפּיסקעס?

מיין אַמעריקאַנישער חבר פאַרשטייט ניט, וואָס א וויפּיסקע איז. איך דאַרף אים געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט פּראָדוקטן, וואָס מען שרייבט אויס פאַר אייגן געלט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין אַמעריקע איז אין דעם פּרט זייער שטרענג. אין א סך טורמעס זענען וויפּיסקעס גאָר אינגאַנצן פאַרבאָטן. אין אייניקע מעג מען זיך יאָ עפּעס קויפן, אָבער זייער ווינציק, אי דאָס אויך ווערט עס פאַררעכנט פאַר א גרויסער פּריווילעגיע. אַפילו דאָס געלט, וואָס מען פאַרדינט דורך אַרבעט, טאָר מען ניט אויסגעבן אַף צו פאַרבעסערן דאָס לעבן.

מיר ריידן. וואָס ווייטער גייט מען אריין אין מער פּרטים. ווען שטייט מען אויף? ווי וואַשט מען זיך? ווער רייניקט די קאַמער? צו מאַכט מען אַן אונטערשייד צווישן א פּאָליטישן און אַן אוגאָלאָוונע (קרימינעלן)? ווי זענען די קליידער? צי טראָגט מען אום זומער דאָס זעלביקע ווי אום ווינטער? מיט וואָס דעקט מען זיך צו? ווי קעמפּט מען קעגן וואַנצן? צי האָט דער חבר געפּרואווט קראָסין? צי קען מען קריגן זודיקע וואַסער? צי קען מען זיך דורכריידן דורך אויסקלאַפּן ווערטער? צי קען מען אונטערקויפן א שומר? ווי־שפּאַצירט מען — אין א ראָד צי איינציקווייז? ווי איז אָרגאַניזירט

די פּאָסט? ווי איז דער קאַרצער? וואָס עפּעס מכח מייז און שטשורעס? און וואָס איז מיט נאַסקייט? וועלכע פּראָטעסט־מיט־לען זענען מעגלאך? וואָס איז די באַציאונג צווישן די פּאָליטישע און אונאָלאָוונע? צי איז אַ הונגער־סטרייק ווירקזאַם?

דאָס געשפּרעך איז אונז געוואָרן אַלץ מער אינטערעסאַנט. דאָס געשפּרעך האָט אונז פאַרשלונגען. די טורמע איז געשטאַנען צווישן אונז ווי אַ לעבעדיקע זאַך, פול מיט טיפן מענטשלאַכן אינטערעס. און אַ וואונדער איז געשען. ס'איז פאַרשוואונדן דער חילוק צווישן דעם חבר און מיר. שוין ניט געווען צוויי מענטשן, וואָס איינער האָט זיך אַמאָל אויסגעוואַלגערט אין טורמעס פאַר קעמפּען קעגן ניקאָלאַי'ען און אַן אַנדערער האָט זיך אָפּגעמאַטערט צוויי יאָר פאַר אַ פריי וואָרט אין אַמעריקע אין קריגס־צייט. שוין ניט געווען קיין „רוס" און קיין „אַמעריקאַנער". געווען צוויי מענטשן פון איין משפּחה, פון איין אָרדן, דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אָרדן פון „טורמע־זיצער". געווען צוויי „איינגעשוואוירענע", ברידער, וואָס די טורמע האָט אויסגעוועבט צווישן זיי אַן אינטימען פאַרבאַנד, אַ פיל שטאַרקערן, ווי צווישן אַנדערע חברים. געווען עפּעס אַ באַזונדערע מ ע נ ט ש ל אַ כ ע נאָענטקייט פון צוויי פריינט, וואָס האָבן זייער אייגענעם געמיינזאַמען סוד און וואָס זענען, יעדערער פאַר זיך, שטאָלץ מיט דעם סוד.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר געזעסן מיט דעם אַרויסגעלאָזטן חבר. ווען מיר האָבן זיך צושיידט, איז אין אונזער האַנטדרוק געווען דאָס באַזונדערע ווייסן פון מענטשן, וואָס האָבן אַ שותּפותדיקע היים־שטאָט. און ווען איך בין געגאַנגען אַהיים צווישן די שטילע, אָבער וואַכזאַמע גאַסן פון ניו יאָרק, האָב איך מיר געטראַכט, אַז ס'איז גוט, וואָס איך בין געזעסן אין טורמע, און אַז ס'וואָלט גוט געווען, אַז יעדער קעמפער פאַר אַ נייער געזעלשאַפט זאָל האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע און זאָל ווערן אַ מיטגליד פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלן אָרדן.

.1923

אַלט - יונגע.

אין ווייטע ווינקלען פון דעם מערכתיקן לאַנד, אין שטעטלאך אויסגעשפּרייט אַף דער פּעטער ברוסט פון דער פּרעריע, אין דערפּער צוגעטוליעט צו די שטיינערנע פיס פון די בערג, אינמיטן אַ גראָז־בלאַסן גענוצדיקן לעבן פון סענטס און דאָלארס און „הייזקעס" און „מאָרטגעדזשעס" און מיטינגען און פוילע רכילות, טוט פּלוצלונג אַ פלאַקער־אויף אַ מענטשלאך אויג, טוט פּלוצלונג אַ שריי־אַרויס אַ שטראַל פון צאָרן, ביינקשאַפט, האַס — פון אַ מענטשלאכן בליק. יוגנט רייסט זיך צו העלדישן אָנשטורם פון שווערד קעגן שווערד; אימפּעט בעט זיך אַריינוואַרפן אין אַ קאָכיקן מענטשן־געווירבל און ברעכן אַ וועג, און שטורעמען און ווערן געשטורעמט, און פאַלן און אומוואַרפן יענעם, און אויפשטיין און ווייטער שטרייטן, באַטריפנדיק מיט אייגענעם בלוט דעם וועג צו אַ לאַנד, וואו קיינער איז נאָך ניט געווען.

אָבער די מענטשן, וואָס דערשפּירן אָט דעם אימפּעט, זענען ניט יונג. די אויגן לייכטן־אויף אין פּנים'ער איינגעשרומפּענע, זאָרג־צעטרעטענע, בלאַסע. די הענט, וואָס הויבן זיך, זענען שוין מיד פונ'ם לעבן. די מענטשן זענען מיטליאָריקע — צווישן פערציק און פופציק. זיי האָבן געעלטערטע ווייבער און דערוואַקסענע קינדער, און אַמאָל דראַפּעט זיך אַן אייניקל אַף די קני, און אַמאָל שטייט אַ מאַשינקע אין גאַראַזש באַם אייגענעם שטיבל, און אַמאָל איז מען אַ בכבוד'יקער בירגער, כאָטש אַ שניידער אָדער אַ דאָרפישער פּעדלער.

אָבער צוריק מיט צוואַנציק און פינף און צוואַנציק יאָר האָט מען ניט געהאַט קיין גראָע האָר און מ'איז ניט געווען בכבוד'יק. צוריק מיט צוואַנציק און פינף און צוואַנציק יאָר האָט מען געלעבט אין מינסק, פּינסק, דווינסק אָדער ריגע, געגאַנגען אַף בירזשעס, געזאַמלט סכאָדקעס, געשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, געמאַכט סטרייקס, אַריינגע־גנב'עט אַמאָל אַ דעמאָנסטראַציע, אַמאָל אַריינגעפאַלן אין טורמע, גע־הונגערט, געבראָכן גראַטעס, געגאַנגען אין סיביר, אַנטלאָפן מיט מסירת־נפש, געקומען צוריק, געשטרייט און געשטורמט און געפלאָ־

קערט, — און אינמיטן אָרימקייט איז די וועלט געווען אַ גרויסער רויטער יום־טוב, און אינמיטן ליידן האָט די נשמה געהאַט בוייגיק־שטאָלענע פליגל, און אינמיטן אומזיכערקייט איז מען געווען אַזוי שטאָלץ־מלכות'דיק־זיכער אין דעם אייגענעם ווערט און אין דער אייגענער קראַפט.

איז געקומען די צייט — און מ'האָט עמיגרירט. האָט מען זיך צוגעפּאַסט. האָט מען זיך אריינגעלעבט אין דער היגער „באַוועגונג". האָט מען זיך אָנגעהויבן פּלושקען אין לעבלאַכן אַלטעגלאַכן וואַסערל. האָט מען דערזען, אַז דאָס אַמאָליקע איז אויס — פאַרשוואונדען, פאַרפלויגן, ווי אַ חלום. דער סטרייק האָט ניט דעם ברען, דאָס וואָרט האָט ניט דעם פיבער, דער מיטינג האָט ניט דעם ציטער, די אייניקייט האָט ניט דעם רוח הקודש, וואָס האָט געשוועבט „אין דער היים" אויף די קעפּ פון די ברידער.

האָט מען זיך „איינגעלעבט". איז אַ שטויב געפאַלן אויף דער נשמה. האָט אַ זשאַווער פאַרצויגן די שמאַרצנדיקע ווינקעלאַך פון'ם הארצן. האָט מען שוין אויפגעהערט וועלן. האָט מען געלעבט אַ יאָר נאָך אַ יאָר, זיך ארויסגעצויגן פון ניו יאָרק אין דער „וועסט", אין דער „סאוט", אַמאָל געהוסט מיט בלוט און זיך פאַרקליבן קיין דענווער, אַמאָל זיך געקויפט אַ שטיקל ערד און געפּרואווט פלאַנצן קאָרן.

און יאָרן זיינען געגאַנגען, און זילבער האָט זיך אריינגע־פלאָכטן אין די פאַרבליבענע האָר, און איינגעפאַלן זענען די אויגן טיפער אין זייערע לעכער, און ניטאָ שוין דער כח וואָס אַמאָל, און אינווייניק נאָגט און נאָגט און קלעמט אַן אייביקע אומצופרידנקייט און אַן אייביקער שטיל־שעפטשענדיקער פּראָטעסט: „ניט דאָס, ניט דאָס".

און פּלוצלונג — ווי אַ פריש ווינטל — אַ בשורה: ס'איז דאָ! ס'גייט! ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע באַוועגונג! עס הערן זיך אין איר די אַלטע קלאַנגען! עס לעבט די נשמה פון אויפשטאַנד. עס שטעלט ארויס זיין ברוסט דער פּראָלעטאַרישער שטאָלץ. מען וואַגט! מען ריזיקירט! מען ברעכט!

גרויס און הייליק זעט אויס פון דער וויטן די נייע באַוועגונג. אומרואיק הויבט אָן קלאַפּן דאָס האַרץ בא די געעלטערטע מענטשן.

ס'איז זייער צווייטע יוגנט. זיי וועלן העלפן. זיי וועלן שטיצן. זיי וועלן שיקן זייערע הארציקסטע נשמה־געוואָרימטע גרוס. זיי זענען אָבער ווייט פונ'ם שלאכט־פעלד. זיי קענען קוים דערהערן זיין אָפּ־קלאַנג. זיי זענען צעוואָרפן...

יונגע בליצן לויכטן אין די אלט־געוואָרענע אויגן. העלע גלוטן פארשפרייטן זיך איבער די צעקנייטשטע פּנים'ער. ווען ס'וואָלט געקומען צו אן ערנסטער אנטשיידונג, וואָלטן זיי מיט א ברכה אויף די ליפּן געגאנגען אין פייער. אָבער דערוויילע איז איינג דער ברוסט, און הויך האמערט דאָס בלוט. און ווייט איז מען, ווייט...

.1922

קינסטלער.

אין אָוונט האָט מיט מיר גערעדט א יונגער אידישער דיכטער. איך קען דעם מענטשן און איך ווייס, אז אין אים טומלט זיך א טאַלאַנט. זיין נשמה איז ווי א שטייג, זיין טאַלאַנט איז ווי א פויגל אין שטייג; דער פויגל וואָרפט זיך, פלאַטערט מיט די פליגל, גראַבלט די דראָטן, פּיקט מיט'ן שנאָבל די גראַטעס, לאָזט אלעמאָל ארויס א וויי־טיק־געזאַנג. אזוי שטעלט זיך מיר פאָר. ער שרייבט שוין א צייט.

זיצט ער מיט מיר, און זיין אויסגעצערטער פּנים איז אזש געלב־לאַך פון בלייכקייט, און זיינע הענט האָט ער טיף ארייגעדרוקט צווישן די קני, אזוי אז דער רוקן איז ווי א ראָד. זיצט ער און קוקט מיט זיינע פיבערדיקע אויגן אין דער ליידיקייט אריין, וואו ער זעט, מסתמא, דעם נעכטיקן טאָג, און ער זאָגט מיר:

— וואָס זאָל איך טאָן? גיט מיר אן עצה. איך האָב ניט וואו צו שרייבן. די טעגלאכע צייטונגען האָבן זיך זייערע הויף־דיכטער, בין איך ניט פון זיי. פאַראַן א פּאָר זשורנאַלן. זענען זיי באַלאַגערט פון דיכטער. פערעבענדעווען זיי, ווייסן זיי אליין ניט, ווען יאָ צו

טאָן די גרויסע טובה און וועמען ניט, האָט מען דאָרט אַ קנאַפּן טשאַנס. וואָס זשע זאָל איך טאָן?

מיין דיכטער שווייגט אַ ווייל און נאָכדעם רעדט ער ווייטער:

— שרייבן לידער איז באַ מיר ניט קיין קאַפּריז. איך קען ניט אַנדערש. סע שרייבט זיך. און שרייבן און ניט אָפּדרוקן איז פּונקט ווי פּאַמפּען פּאַרע אין אַ קעסל און ניט עפענען אַ קלאַפּאַן. ס'מוז פּלאַצן. עס ליגן שוין באַ מיר פּעק מיט לידער. זיי ליגן מיר ווי אַ משא אַף די פּלייצעס. זיי שטיקן מיך. זיי לאָזן ניט אָטעמען. און וואָס איז מיין גאַנץ לעבן, מ'שטיינס געזאָגט? מען אַרבעט אין שאַפּ. מען איז פּאַר'חשכ'ט. די איינציקע פרייד איז געווען: דערלעבן אָפּדרוקן אַ ליד. דעם טאָג, ווען מיין ליד האָט זיך באַוויזן, פלעגט באַ מיר זיין אַ געבורטס-טאָג. ס'איז געווען ליכטיק אין אַלע ווינקעלאַך פון דער וועלט.

ווידער שווייגט מיין דיכטער און הויבט אָן מיט אַן אַנדער טאָן:

— מען טומלט וועגן אַרבעטסלאָזיקייט. עס טוט זיך חשך, ווען אַ שניידער אָדער אַ מיינער גייט אַרום ליידיק. פאַרוואָס שווייגט מען פון אַרבעטסלאָזע דיכטער? וואָס איז: דער שניידער איז הונגעריק. מיינט איר, אַז אַ הונגעריקע נשמה איז בעסער ווי אַ הונגעריקער גוף? און אַז איך האָב שוין מיט וואָס אָנצושטאָפּן די קישקע, גיי איך דען ניט אויס, ווי אַ ליכט?

אַזוי האָט גערעדט דער דיכטער. און אַף מאָרגן בין איך געווען אין דער סטודיאָ פון אַ מאָלער. דער מאָלער איז באַרימט אין אַ סך לענדער. ער האָט געשאַפן אין זיין לעבן אפשר פינף און זיבעציק גרויסע בילדער און אַ סך קליינע. מ'האָט אָפּגעדרוקט קאָפּיעס פון זיינע ווערק אין צענדליקע זשורנאַלן. מ'האָט וועגן אים געשריבן הונדערטער אַרטיקלען און נאָטיצן. ער האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין צוויי קאָנטינענטן. מען גרייט זיך אַרויסלאָזן אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע וועגן זיין שאַפונג. ער ווערט גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע היינטיקע מאָלער.

בין איך געזעסן אין זיין סטודיאָ, און ער האָט אויפגעדעקט איין בילד נאָכ'ן צווייטן. ס'אַ קראַפט אין די פאַרבן! ס'אַ צאַרטקייט אין די אויזאָרן! ס'אַ פאַנטאַזיע אינ'ם זיכערן אויפבוי!

ס'אַרא פאַרענדיקטער פּלאַן אין יעדער שאַפונג! ס'אַרא אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן די טיילן! ס'אַרא נייע אייגענע, ווייכטיקע, פרישׂ־שימערירנדיקע וועלט עס עפנט זיך אין יעדן בילד!

איז ער געשטאַנען, דער מאַלער, און מיט יעדער נייער לייוונט, וואָס ער האָט אויסגעקירעוועט צו מיר, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז א כשוף־מאַכער אַנטפּלעקט פאַר מיר א נייעם האָריזאָנט. האָט ער מיר געוויזן אַזוי פיל בילדער, אַז ס'האָט מיר שוין געבליצט אין די אויגן פון פאַרבן, געקלונגען אין די אויערן פון מעלאָדישע פאַרבן, געווירבלט אַרום און אַרום מיט טאַנצנדיקע פּלאַסטישע פאַרבן, געדאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז א שטורעם־יום־טום פון פאַרבן. און אַז איך האָב שוין מער קיין כח ניט געהאַט אויפצונעמען, און אַז איך האָב שוין א קוק געטאָן אויך אויף די פּעק מיט צייטונג־אויסשניטן און בערג מיט רעפּראָדוקציעס, וואָס ליגן אַפ'ן קאַסטן, האָבן מיר ערשט אָנגעהויבן ריידן, און פון די רייד בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער מאַלער האָט ניט פון וואָס צו לעבן.

ווי קומט עס? גאַנץ פּשוט. מען קויפט ניט קיין בילדער. א מאַלער מעג זיין ווי גרויס און באַרימט, אָבער אַז מען קויפט ניט זיינע בילדער, האָט ער ניט וואָס צו עסן. אַליין קומט אונזער מאַלער פון רוסלאַנד. אין רוסלאַנד איז אַמאָליקע יאָרן געווען א מאַרק פאַר קונסט. שפּעטער, ווען די סאָוועט־רעגירונג האָט באַקומען די מאַכט, האָט זי געשטיצט די קינסטלער אַפ'ן חשבון פון דער מלוכה. נאָכדעם איז געקומען דער הונגער, און מ'האָט באַ זיי אָפּגענומען די הילף. איז אונזער קינסטלער געקומען אַהער מיט זיין אוצר. געהאָפט, אַז דאָ וועט מען באַלוינען זיין אַרבייט. באַלוינט האָט מען זי מיט גוטע אַרטיקלען אין דער פּרעסע, מיט אַנערקענונג, מיט לויב. אָבער אַמעריקע קויפט ניט קיין בילדער.

— ס'הייסט, קויפן קויפט מען יאָ, — זאָגט מיר דער קינסטלער, — אָבער מערסטנס טאַלאַנטלאָזע ווערק. א קינסטלער — א פאָטאָגראַף, א פּאָרטרעטן־מאַלער, וואָס חנפ'עט די דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט, האָט אַלעמאָל א טשאַנס צו ווערן געקויפט. אַן ערנסטער מאַלער, וואָס גייט זיין אייגענעם וועג, איז ניט קיין חשוב באַ דער בורזשואַזיע. טאָמער וויל זי שוין באַצירן איר הויז מיט א

קונסט־ווערק, פֿאַרט מען אוועק קיין פֿראַנקרייך, וואו געלט איז ביליקער, און מען קויפֿט א בילד פֿון א געשטאָרבענעם מאָלער. א געשטאָרבענער מאָלער איז אַלעמאָל א גרעסערער מיוחס, איידער א מאָלער וואָס לעבט. דער, וואָס לעבט, דאַרף אויסגיין פֿון הונגער.

מיין קינסטלער רעדט — און מיר דערמאָנט זיך מאָדעלי־יאַני, דער וואונדערבארער מאָדערנער איטאַליעניש־פֿראַנצויזישער מאָלער, וואָס איז צוריק מיט עטלאָכע יאָר פּשוט אויסגעגאַנגען פֿון נויט אין פּאַריז און וואָס איצט פֿאַרקויפֿט מען זיינע בילדער מיט גאָלד גלייך. אין דרייסיק יאָר ארום וועט מען, מסתמא, אונזער מאָלער'ס ווערק אויך שעצן אין די צענדליקע טויזנטער דאָלארס, אָבער ער וויל דאָך לעבן איצט, ער האָט א ווייב מיט קינדער, און ער איז אין פֿולער קראַפֿט פֿון זיין לעבן.

— עך! ווען איך קען זיך באוואָרענען אַף א צוויי־דריי יאָר, פֿאַרשפּאָרן זאָרגן וועגן פּרנסה, — וואָלט איך זיך דאָס ערשט א נעם געטאָן צו דער ארבעט!

אזוי רופֿט אוים דער קינסטלער, און איך גלויב אים, ווייל איך זע, אז זיין שאַפֿונג־שטראָם פֿליסט אַלעמאָל ברייטער, פֿאַרשיידנאַרטיקער, רייכער. א מענטש האָט אָפּגעאַרבעט צוואַנציק יאָר, א מענטש האָט א נאָמען, א מענטש האָט עטלאָכע בילדער אין די מוזייען פֿון דער וועלט, — און א מענטש האָט קיין מעגלאָכקייט ניט אָפּצולעבן א יאָר צוויי אָן דאגת פּרנסה.

און די וועלט איז פֿול מיט קלאָוק־מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבן אין די ביינק הונדערטער טויזנטער דאָלערס, און די וועלט איז פֿול מיט באַנקירן, וואָס גיבן אוים אַף א קאַפּריז אזוי פֿיל, וויפֿיל אָט דער מאָלער דאַרף האָבן צו קענען לעבן דריי יאָר.

און מען דערציילט אונז, אז יעדער איינער האָט א מעגלאָכקייט זיך פֿריי אויסצולעבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, און מען רימט אונז די גרויסע רייכקייטן, וואָס מיר שאַפֿן.

א וועלט פֿול מיט קינסטלער, וואָס ווילן שאַפֿן ניט קיין פּולווער און ניט קיין באָמבעס און ניט קיין גיפֿטיקע גאזן, נאָר דאָס עכטע, דאָס מענטשלאך־ווערטפֿולע, דאָס אייביקע. אָבער זיי רוקט מען אָפּ אָן א זייט, זיי פֿאַרשטויסט מען אין דער פֿינצטער, זיי צעטרעט מען.

אוועק'ט פון וועג! מאכט א ווארע! דער קרעמער גייט! דער הענדלער האָט פארנומען די וועלט! די ערד געהערט דעם געלט־זאַק און פּאָליטישן!

אין טונקעלע ווינקעלאך פון דער ריזיקער שטאָט, אויף בוידימער, אין קעמערלאך, אין קעלערס, שוויבלט עס און גריבלט מיט דיכטער, מאלער, קינסטלער, טרוימער, דענקער, וואָס הערן ניט אויף וועבן דעם פּאַרדים פון שאפונג. זיי הונגערן, זיי שלינגען ווינט, זיי פארנעמען זיך מיט טעכנישער ארבעט און שאדן זייער טאַלאַנט, אָבער זיי פאַר־לעשן ניט זייער פונק, זיי פארטיליקן אין זיך ניט דעם הייליקן הונגער. זיי שאַפן.

זיי זענען גאנצע מחנות. ווען זיי וואָלטן ארויס אין גאַס, וואָלט מען זיך געוואונדערט, ווי גרויס ס'איז זייער צאָל.

פארוואס, אדרבא, זאָלן זיי ניט ארויס אין גאַס? ביז וואַנען איז דער שיעור צו שווייגן?

.1923

כאָטש איין מאָל אַ יאָר.

(1טער מאַי)

עס גרילצט די מאשין — און ערגעץ וויגן זיך פּאַלמען־בוימער אין א לייכטן ווינטל אונטער א בלאָען הימל, וואָס איז דורכגעפונקלט מיט בריליאַנטן.

עס שטינקט די פאבריק מיט איר אָטעם פון אויל, קוילן און שוויים — און ערגעץ שפּרייטן גרויסע רויזן־קוסטעס א פלאכטע פון געווירצטע דופטן.

עס ווארפן זיך קערפער־אויטאָמאטן אין די אייזערנע לאַפּעס פון אפּאראטן־וואַמפּירן — און ערגעץ שטיפן גראציעזע ווייס־געקליידטע מענטשן אויף גרינע לאָנקעס באַם ברעג פון לויטערע וואסערן.

א פלוך דער פאבריק.

אַ פלוך דער אַרבעט, וואָס האָט צוגענומען באַם מענטשן דאָס ליכט פונ׳ם הימל, די גלוט פון דעם זון־אונטערגאַנג, דעם גלעט פונ׳ם גראָז, די רחבות פון דער סטעפּ, דעם גרינעם סוד פונ׳ם וואַלד, דעם פרייד־געשריי פון די פויגלען אויף די בערג.

אַ פלוך דער אַרבעט, וואָס האָט אוועקגערויבט באַם מענטשן דעם נחת פון קערפּער, די שיינקייט פון באַוועגונג, די לוסט פון ברייטן געזונטן אָטעם, דאָס וואונדער פון פרייע טריט, די באַפרידיקונג פון פרייער אַרבעט.

אַ פלוך דער הערשאַפט, וואָס שמעלצט אַריין דעם זאַפט פון אונזער מאַרך אין אייזערנע פרענטן, די קאַרעלן פון אונזער בלוט אין שטומע, שטיינערנע בלאָקן, די פּערל פון אונזער שווייס אין גרויסע הודזשענדיקע מאַנסטערס, וואָס פאַרפינצטערן די טעג און פאַר׳סמ׳ען די נעכט.

אַ פלוך דער געוואַלט־מאַכט, וואָס האָט אונז אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי שטאָלענע סלופּעס און ציט ביסלאַכווייז צונויף די שרויפן און קוועטשט און מאַכט איינגער און דריקט און פּרעסט און טויט די שוואַכע און פורעמט די איבעריקע לויט איין קרעמעריש־נוצלאַכן שאַבלאָן.

ערגעץ היינגען געלע קיילאַכדיקע גאָלד־אָראַנזשען אויף קינדעריש־קליינע, שטאַרקע, טונקל־גרינע ביימעלאַך, און אונטן ליגט אַ פעלד פון נעלקען, וואָס דער ריח זייער פאַר׳שכור׳ט מער ווי אַלטע ווייַנען, און אויבן שטרעקט אַ שניי־באַדעקטע גיגאַנטישע סקאַלע אירע טורעמס אין דעם פּוך פון באַזילבערטע וואָלקנס, און מענטשן־קינדער רויטלען זייערע ליפּן מיט אַ געטראַנק, וואָס מאַכט פון אַלטע יונג און פון יונג — אָדלערס.

מ׳האָט באַ אונז אוועקגעראַבעוועט דאָס גליק צו זיין קינדער פון דער ערד, קינדער פון דער לופט, קינדער פון דער זון, קינדער פונ׳ם הימל, — זינגער, בויער, שטיפער, קלעטערער, פאַנטאַסטן, גאונים פון קלוגשאַפט און רייפקייט און מענשלאַכקייט און יושר און שיינקייט.

די קייטן האַלטן אונז אין דער נידער, האַלטן אונז אין דעם זומפּ פון פוילע בלוטן און קאַליע פריידן און שווינדזיכטיקע פאַרלאַנגען.

האָי! איין מאָל אין יאָר כאָטש מאכן א סימבאָל! האָי־האָי! איין טאָג צווישן אַלע מיאוס'ע דריי הונדערט און פינף און זעכציק טעג כאָטש דערמאָנען זיך אַליין, אז ס'דאַרף זיין אַנדערש! איין קורצער שטראַל זאָל איין מאָל א קיצל טאָן אונזערע פאַרשטויבטע, פאַרשאָלעכצטע נשמות און אונז זאָגן: ווייַ צו אייך, וואָס איר לעבט ווי איר לעבט, פרייד צו אייך, אויב איר קענט אזוי וועלן, אז דאָס האַרץ זאָל פלאַצן אין דער זיסער פּיין פון וועלן!

וווילט!

גייט!

ברעכט!

זוכט!

ווען דער טאָג וועט קומען, וועט אַרבעט ווערן א בייזאַך און לעבן — דער עיקר פון מענטשלאַכן זיין.

ווען דער טאָג וועט קומען, וועט איין שיינענדיק וואָרט פון איין מענטשנ'ס נשמה וועגן מער, ווי אַלע טאָנען קוילן און קאָרן און אייזן־ערד און צעמענט און גראַניט, און אַלע לאָקאָמאָטיוון און אַלע פּאַנצער־שיפן און אַלע האַרמאַטן פון היינט.

ווען דער טאָג וועט קומען, וועלן מענטשלאַכע אויגן לייכטן, און דאָס מענטשלאַכע געמיט וועט וואַקסן, און די מענטשלאַכע קרובה'־שאַפט וועט ערשט ווערן געשאַפן, און מענטשן וועלן זיך אויסלערנען זינגען אין כאָר.

ווען דער טאָג וועט קומען, וועט אונזער אַרבעט זיין ווי א שאַפונג, מיט אירע שטאָפן און אירע פאַרבן און אירע קלעטער־הויכקייטן און אירע לויער־סודות און טיפענישן אָן א דנאָ.

ווען דער טאָג וועט קומען, וועט אונזער אַרבעט זיין ווא שאַפונג, און אונזער שאַפונג ווי א פלאַם, און אונזער פלאַם ווי די גלוט פון זיבן זונען, און אונזער זון — ווי דאָס געזאַנג, וואָס רייסט זיך אַרויס פון ברייטע, פרייע, באַפרייטע, באַגליקטע הערצער, וואָס האָבן געפונען זיך אַליין.

איין מאָל אין יאָר כאָטש — געפינען זיך אַליין. איין מאָל אין יאָר כאָטש אויפהויבן א קאָלעקטיוון קולאָס אַנטקעגן די שטום־געוואָרענע, פאַרשטאַרטע, פינסטער־שווערע, דראָענדיקע, אומדער־

בארמדיק - פאר'עקשנ'טע מאָנסטער - מאַשינעס, מאָנסטער - געביידעס, מאָנסטער־ציטאַדעלען, מאָנסטער־געצייגן פון טויט און שרעק, און אויסשרייען מיט אן ארויסרוף פון זיכערער קראפט:

— חיה, איך בין שטארקער פון דיר! חיה, עס וועט קומען א טאָג און איך וועל ברעכן דיין האַלז און נאקן און ארויס פריי!

סט. דיעגאָ, קאל., 1923.

„לענין איז געשטאָרבן."

לענין איז געשטאָרבן... צווישן איין האָטעל און דעם צווייטן, צווישן א באַן־סטאַנציע אינדערפרי און א באַן־סטאַנציע באַנאַכט איז מיר געשטאָרבן לענין.

ס'האָט געטומלט א שטאָט. ס'האָבן מענטשן גערעדט וואָכעדיקע רייד. ס'זענען קרעמער געשטאַנען אין די טירן פון זייערע קלייטן, און ארויסגעקוקט אף א קונה. ס'זענען ארבעטער געזעסן בא א האַלב־פארענדיקטער שטוב און געגעסן מיטאָג־ברויט. און לענין איז געשטאָרבן.

ס'ווילט זיך אָפשטעלן א מענטשן, אים א קוק טאָן אין די אויגן, אים זאָגן מיט אן ערנסטן רואיקן טאָן, ווי מען רעדט פון טויט און פון אייביקייטן:

— ברודער, לענין איז געשטאָרבן!

מיט פרעמדע אויגן קוקט א פרעמדע גלייכגילטיקע שטאָט. אפ'ן ראָג שטייט א צייטונג־אינגל און רייסט פון זיך ארויס די נשמה:

— פערד־לויפעריי! דער נייסטער באריכט וועגן פערד־לויפעריי!

מענטשן קויפן און שלינגען די נייס.

* * *

דער צוג פאָרט איבער א פרעריע־ברייטקייט. דער צוג זינגט א שטאָלן ליד אונטער א לויטערן ריזיקן הימל. בוימער נאַקעטע רויכערן זיך ווי אפפער־ליכט. נעבל־שאָלן ליגן אויסגעצויגן אף האַלב־דער־

וואַכע פעלדער. זון־בריקן בויען זיך צווישן דער רויטלאַך־ברוינער ערד און די וואַנדער־וואָלקן אויבן. זון־בליצן, אייביק־יונגע, שטר־רעמען דעם רוים.

ערגעץ שטייט א לאַנד אין הייליקן טרויער פאַר דעם טויטן קערפּער פון׳ם פּירער. ערגעץ האָט אַ שטילקייט זיך אויסגעלייגט אין מיליאָנען הערצער, — די שטילקייט, וואָס האָט ניט קיין ווערטער. ערגעץ געשעט דאָס גרעסטע פון אַלע וואונדער: די באַהעפטונג פון איין איינציקן גייסט מיט אומצייליקע גייסטער, די פאַרשמעלצונג פון מיליאָנען אינדיווידואַליטעטן מיט איין איינציקער אינדיווידואַליטעט, וואָס האָט אַליין שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס אַ לעבעדיקע איינהייט.

לענין אין טויט איז מעכטיקער ווי לענין בא׳ם לעבן. לענין אין טויט גייט ערשט איבער צו אַ נייער מדרגה פון לעבן.

עס קלאַפּט דער צוג, עס ברומט דער צוג. מענטשן זיצן איינ־ווייניק און שווייגן — פרעמדע, קאַלטע. אונטן בייסן זיך די רעדער אריין אין די רעלצן, — בייסן, שקריען, הודזשען, שילטן, און אַ ליד ווערט געבוירן, — אַ ליד פון ווייטיק, צאָרן, גרימיקער פּיין:
לענין איז געשטאָרבן.

* * *

אינמיטן דער פּרעריע ליגט אַ בריק. אונטער׳ן בריק לויפט אַ ברייטער טייך. איבער׳ן טייך פאָרן שיפן צום ים. אויף יענער זייט ים ציען זיך טייכן איבער פעלדער, אויף די פעלדער פאָרן צוגן קיין מזרח. דאָרט, אין עק וועלט, שטייט אַ פילהונדערטיאָריקע כמורנע שטיינערנע פעסטונג. אויף דער פעסטונג הייבגט אַ רויטע פאָן. די פאָן איז אראָפּגעלאָזט אויף העלפט. די פאָן דערציילט דעם פאָלק: „דער פירער איז געשטאָרבן”. די פאָן דערציילט די געשיכטע פון אַ מענטשן, וואָס האָט ארויסגעצויבערט נסים פון דעם הארצן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

איבער דער פּרעריע פאָרט מיין צוג. איבער׳ן בריק ציטערט מיין צוג. איבערן קרעמל פלאַטערט די רויטע פאָן. איז זי דען פרעמד אָט דער פּרעריע? איז זי דען פרעמד אָט די ווייטקייטן פון דער נייער וועלט?

פון ניו יאָרק קיין פּאריז און קיין לאָנדאָן רעדט דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער רעדט די שפּראַך פון געשעפט. ער טראָגט די זאָמען פון האַס. פונ׳ם קרעמל צו די פעלדער פון קענזעס, טעקסאַס, לואיזיאַנאַ רעדט די רויטע פאָן. זי רעדט די שפּראַך פון ארבעטער־איינהייט. טראָגט די בשורה פון ליבע.

פעלדער פון מיין נייער היים! שטעט פון דעם מעכטיקן לאנד! ווייסט איר דען ניט, אז עט־ווייט איז אויפגעגאַנגען די רויטע זון אויך פאר אונזערע ברידער דאָ, אויף דער זייט אָקעאַן? זעט איר דען ניט דעם ליכטיקן וועג, וואָס האָט זיך, ווי א געניאַלער דרייסטער עסקיז, אָנגעצייכנט אויף דער שווארצער ווירקלאַכקייט פון אונזערע טעג? וועקט זיך ניט עפּעס אין אייך — אַן ענטפער צו יענעם מוטיקן גרוס?

* * *

אין דער שטויביקער לופט פונ׳ם צוג פאַלן אריין שטויביקע בלעטער. א פּראָווינציעלע צייטונג. א בילד. א שטיין אויף א קבר: „לענין״. א געבייי שוין צעשטערט פון פלאַמען: „קאָמוניזם״. אויפ־שריפט: „אש צו אש, שטויב צו שטויב״. אַן אומבאַקאַנטער צייטונג־שקלאַף האָט געוויזן פארזשאַווערטן הומאָר. טויט איז לענין און טויט איז קאָמוניזם — און זאָל די וועלט שלאָפן רואיק.

אומבאַקאַנטער קאָלעגע מיינער! דו ביזט געטריי דיינע הערן. דו פארשטייסט אפ׳ן וואונק. דו וועסט קריגן לויב פאר דיין חכמה. דו וועסט קריגן באַצאָלט. אָבער וויפיל מאָל האָסטו שוין באַגראָבן דעם קאָמוניזם אין די לעצטע פינף און זיבעציק חדשים? וויפיל מאָל האָסטו שוין געטרייסט די באַלעבאַטים דיינע מיט חלשות־טראָפּן פון באָלשעוויסטישן באַנקראָט? פאַרוואָס מוזטו נאָך אמאָל און נאָך אמאָל דערוואַרימען זייער קאַלט־געוואָרענע האָפנונג? פאַרוואָס מוזטו כסדר גיסן בוימל אויף זייער אייביק־שמאַרצנדיקער וואונד?

מאָסקווע. קיעוו. אַרכאַנגעלסק. וולאַדיוואָסטאָק. יאַקוטסק. אַר־בעטער — יונגע, אַלטע, אויסגעהאַרעוועטע, שלעכט־געקליידעטע, א סך מיט וואונדן פון די לעצטע מלחמות. פּויערים, זין פון דער ערד, מיט הענט ווי לאָפּאַטעס און האָר ווי שטרוי. פרויען, געבויגענע אונטער א משא פון ארבעט. יונגע מענטשן — מיט שטאָלץ אין די

אויגן און צייכנס פון נויט אַפּ׳ן פּנים. אַלע גייען זיי נאָכן אָרון פון זייערע פירער, אַלע איין שטראָם, איין הארץ, איין וואונש, איין ווילן. אַלעמען האָט צונויפגעשמאָלצן דער קאַמף, פאַרברידערט דער זיג. פעסט האַלט זיך די נייע אָרדנונג אַף איר פּראָלעטארישן פונדאַמענט. קיין הונגער און קיין מערדערישער אנפאַל האָבן זי פון אָרט ניט גערירט. איז דאָס אש? איז דאָס טויט?

טרייסט דיינע הערן, אומבאַקאַנטער קאָלעגע! גיס דיין צוגע־פוילטן וויץ אַף זייערע אומרואיקע נשמות. פאַרשלעפער זייער מורא. פאַרוויג זייער צווייפל. זאָלן זיי חלום׳ען זיסע קאַפּיטאַליסטישע חלומות. אַלץ פיינלאַכער וועט זיין די דערוואַכונג.

זייער שונא לעבט. זייער שונא איז נאָענט.

אָבער דו — דו אַליין! ווי קענסטו אַזוי פאַרברודיקן דיין מענטשלאַכע נשמה? שקלאַף, מיאוס׳ער שקלאַף, ווי קענסטו זיך פאַרקויפן!

* * *

„כ׳האָב אַ דיינקמאַל אויפגעשטעלט — אייביקער פון אייזן". פון יאַרטויזנט צו יאָרטויזנט האָבן דיכטער וועגן זיך געזונגען אַזאַ ליד. אָרימע טרוימער! זיי האָבן געוואָלט פאַראייביקן ז י ך, זיך אַליין. זיי האָבן עגאָאיסטיש געהאָפט, אַז זייער איינציקייט וועט ניט פאַר־טרונקען ווערן אינ׳ם אָפּגרונט פון גאָרניט.

רייכער איז דער בויער, וואָס וויל גאָרניט פאַר זיך. שענער איז דער שאַפער, וואָס באַהאַלט זיך הינטער זיין שאַפונג, וואָס פאַרניכט זיך אַליין צוליב זיין שאַפונג.

„ניט מיר די פירער — נאָר איר די מאַסן".

„ניט אונזער געדאַנק — נאָר אייער ווילן".

„ניט אונזער גרויסקייט — נאָר אייער מאַכט".

„די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן".

אַ שטיין אַף אַ שטיין האָט דער געשטאָרבענער געלייגט אַפּ׳ן בנין פון דער נייער אָרדנונג. מיט דעם זאַפט פון זיין מוח האָט ער די שטיינער צעמענטירט. מיט׳ן בלוט פון זיין הארצן האָט ער אַ פּאַן געפאַרבט, וואָס זאָל הייענגען איבער׳ן נייעם בנין. מיט׳ן ליכט פון זיין לעבן האָט ער אָנגעצונדן פאַקעלן צו באַלייכטן די געשאַפענע וועלט. און וואָס מער ער האָט געגעבן, אַלץ מער האָט ער זיך געפרייט.

און וואָס העכער דער בנין איז געוואַקסן, אַלץ רייכער איז געוואָרן זיין געבן. און ס'איז געוועזן זיין גרויסער וואונש, אַז דער בנין זאָל איבערוואַקסן אים אַליין. און ס'איז געוועזן זיין שטאָלצער טרוים, אַז אַ טאָג וועט קומען — און זעלבסטשטענדיק, פריי, העל, ברייט וועט שטיין דאָס נייע, אינגאַנצן אָן דער הילף פון די ערשטע בויער.

אַלצדינק האָט ער אָפּגעגעבן דער שאַפונג. דעם לעצטן טראָפּן מאַרך. דעם לעצטן פלי פון געדאַנק. דעם לעצטן הויך. דעם לעצטן ציטער.

און דערפילט געוואָרן איז זיין וואונטש. איבערגעוואַקסן איז אים זיין ווערק. אָן אים קען שוין לעבן און זיך ווייטער שאַפן זיין ווערק. ער אַליין האָט געוואוסט פאַר'ן טויט, אַז זיכער איז דער פונדאַמענט און דימענט־פעסט איז דער בוי־שטאָף אין די נייע אומגעזעענע טורעמס.

אָן אייביקער דיינקמאָל — ניט פאַר'ן בויער, נאָר פאַר דער מענטשהייט, וואָס וועט קומען. ניט פאַר דער באַפרידיקונג פונ'ם שאַפנדיקן אינדיווידואום, נאָר פאַר צוקונפטיקע קאָלעקטיוון.

געבענטשט איז דער זעער, וואָס פאַרזעט זיין לעבן אין דער שוואַרצער ערד פון דער געשיכטע, כדי ס'זאָלן שפּראָצן די געוויקסן פון מאָרגן.

* * *

אָוונט. מיין צוג האָט מיך געבראַכט צו אידישע חברים.

ענדלאַך — אָן אייגענע נשמה.

אָוונט. אַ זאַל. אַ בלאָע פינצטערניש אינדרויסן. אַ טריב ליכט אינוויינינק. פאַרמאַזאָליעוועטע הענט. ערנסטע אויגן. עפּעס קלאַפּט זיך אין די הערצער.

„לאָמיר אויפשטיין, ערן דאָס אָנדיינקען פונ'ם געשטאָרבענעם חבר לענין."

אַ רוק, אָן אויפשטיי. אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פאַרכמורעטע פנים'ער. אַ טרער אין אָן אויג.

„לענין איז געשטאָרבן".

ווי אַ מעסער טוט דאָס ערשטע מאָל אַ שניט דאָס באַוואוסטזיין פונ'ם פאַקט:

— לענין איז דאָך געשטאָרבן!

— ער אָטעמט דאָך מער ניט. ער איז דאָך מער ניטאָ. ער איז טויט. לענין איז טויט.

און אַזאַ ווייטאָק טוט אַ קלעם באַ'ם הארצן. און אַזוי איבעריק איז אָט דאָס אויפשטיין און אָט דאָס ריידן און אָט דאָס שרייבן — און אפילו אָט דער ערלאַכער טרויער. פארמאַכן ווילט זיך די אויגן — דערפילן, ווי די נאַכט וויינט, ווי די איינזאַמקייט וויינט, ווי דער מענטש לענין ליגט אַ קאַלטער און אַ טויטער און וועט שוין קיינמאָל ניט ריידן און קיינמאָל ניט קוקן מיט זיינע שאַרפע קלוגע אויגן. מיר האָבן אים דאָך אַזוי ווייניק געקענט באַ זיין לעבן.

— לענין איז געשטאָרבן.

אָבער ניין! דער טרויער איבער לענין'ען טאָר ניט זיין קיין פריוואַט־זאַך. לענין איז אונזער אַלעמענס. לענין איז אַ סימבאָל פון קאָלעקטיוון דיינקען, קאָלעקטיוון שאַפן. לענין איז אין אונז אַלע. מיר אַלע — מיט לענין'ען.

לענין איז דאָ.

זייט געגריסט, חברים, אין אייער שאַפונג־טרויער נאָך אונזער אַלעמענס פירער.

.1924

„נאָ קען ליוו."

אַ גיהינם פון שטאָל; אַ קעסל־גרוב פון צושמאָלצענעם אייזן; אַ וויסטע ריזיקע קוזניע, אַ מייל די גרויס, אָנגעפילט מיט פרענטן, רעלסן, רערן, שטאַנגען, וואַגאָנעס, אייזערנע קאַסטנס, אויוונס מיט פייערדיקע מיילער, הויב־מאַשינען, גריבער, לעכער, טונעלען; אַ גאַנץ פעלד אויסגעשטעלט מיט שמעלץ־אויוונס, ווי טורעמס, מיט אַ ווייסן בראַנד אינווייניק, מיט גיפטיקע גאַזן פון אויבן, מיט בערג פון אייזן־ערד, קוילן, שטיין, שטויב, סאַזשע אַרום און אַרום; אַ געפלאָנטעריי, אַ גערווישעריי, אַ געבראַזגעריי פון פייער און וואַסער, פאַרע און עלעקטרישער קראַפט, לאָקאָמאָטיוון און טורבינעס, אייזן

אַן אייזן, שטאָל אַן שטאָל, — אַ העלישע היץ, אַ שמוציקייט, אַ נאַס־קייט, אַ דערשטיקעניש, — דאָס איז אַ שטאָל־פאַבריק ערגעץ וואו אין דער גאָט־געבענטשטער פּענסילווייניע, אונטער דער הערשאַפט פון דעם גאָט־געבענטשטן שטאָל־טראָסט.

וואָס איז דאָ אַ מענטש? ער איז ניט מער ווי אַ צוגאָב. ער איז אַ משרת בא די מעטאַלענע טיטאַנען. דער שמעלץ־אויוון האָט אַ נאָז; די נאָז איז פאַרקלעפּט מיט ליים; נעם אַן אייזערנעם שטעקן און ברעך דורך די ליים, ווען דאָס שטאָל איז צייטיק צום פליסן. אָבער האָסטו ניט אָפּגעטראָגן דיין נעבאַכדיקן קערפּער אין דער רעכטער סעקונדע, וועסטו באַקומען אין פּנים אריין אַ טייכעלע פון צושמאָלצענעם מעטאַל. היט דעם אויוון, פיטער אים מיט אַ פּאָר צענדליק וואַגאָנעם אייזן־ערד און קוילן, אָבער רוקסטו זיך צו איין האָלבן אינטש נעענטער, וועסטו אריינגעצויגן ווערן אין דער ברייטער רער און וועסט ווערן אַ טייל פון דער שפּייז אין דעם בויך פון׳ם מאָנסטער. קריך אריין אין אַ ליידיקן קעסל רייניקן די אָנגעוואַקסענע שטיקער פּסולת; קריך אַפּ׳ן בויך, טראָג אַף די פיס הילצערנע שיך, וויקל אַרום דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, פאַרשטעל זיך די נאָז און דאָס מויל, אָבער געדיינק: ווען דו וועסט אָנהויבן חלש׳ן, קריך אַרויס וואָס גיכער, ווייל דו קענסט נאָך פאַר׳סמ׳ט ווערן פון די גאַזן און וועסט שוין ניט דערלעבן אַרויס.

וואָס איז דאָ אַ מענטש? ווער׳מען אַרט עס, אויב אַ שפּריץ מעטאַל וועט אויסברענען אַ לאָך אין זיין פלודער אָדער אין זיין ליטקע? וואָס מאַכט דאָס אויס, אויב ער וועט צעקוועטשט ווערן אין די אייזערנע נעגל פון אַ הויב־מאַשין, אָדער אַרויסגעוואָרפן ווערן דורך אַ לופט־דרוק אַ הונדערט פוס אין דער הויך? ווער פרעגט אים? ווער איז ער בכלל?

ער איז אַ פּשוט׳ער אַרבעטער אין אַ שטאָל־פאַבריק ערגעץ אין אַ וויסטן שטעטל פון פּענסילווייניע. ער אַרבעט יעדן טאָג פון פינף פאַרנאַכט ביז זיבן אינדערפרי; איין מאָל אין וואָך אַרבעט ער פון זיבן ביז זיבן — פיר און צוואַנציק שעה. איין מאָל אין צוויי וואָכן האָט ער אַ פרייען טאָג: פון זונטיק אינדערפרי ביז מאָנטיק אינ־דערפרי. ער אַרבעט פיר און ניינציק שעה אַ וואָך בא דער שווערסטער אַרבעט. טאָמער האָט ער זיך שוין אונטערגעלערנט אַ ביסל, ווערט

ער אַ פּריווילעגירטער און אַרבעט פון זעקס ביז זעקס יעדן טאָג פון דער וואָך — פיר און אַכציק שעה אַ וואָך.

אַזוי דערציילט אַן אַמעריקאַנער טשאַרלז רומפאַרד וואַקער, אין זיין בוך „שטאָל". ער דערציילט דאָס קאַלטבלוטיק און כמעט גלייכגילטיק, — אַ זייטיקער מענטש, וואָס האָט געהאַט די אַקסענע געדולד און דעם אַקסענעם כח צו אַרבעטן אין אַ שטאָל־פאַבריק אַ לייענגערע צייט. ער איז אַן אינטעליגענט, טשאַרלז וואַקער, אַ געענדיקטער אוניווערזיטעט. אָבער ער האָט אַוועקגעלייגט זיין דיפּלאָם אַן אַ זייט און געאַרבעט מיט'ן לאָם און מיט דער טאַטשקע, מיט דער לאָפּעטע און מיט דער האַק, ביז ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שטופן פון אַרבעט, כדי צו קענען דערציילן דער וועלט, ווי אַזוי מען לעבט אין דעם קעניגרייך פון שטאָל. זיין בוך איז ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע. וואַקער איז קיין „איסט" ניט. ער דערציילט. ער באַשרייבט. ער גיט אַ באַריכט. אַמאָל ווערט איר אַפילו אין כעס, וואָס ער איז אַזוי רואיק, אַזוי פאַרדאַמט „פאַקטיש". אַמאָל ווילט זיך אים זאָגן: „וואָס שווייגסטו צו אַלדי רוחות? וואָס ביסטו אַזוי רואיק?" אָבער גראָד אין זיין רואיקייט איז זיין גבורה. ער גיט אייך איבער'ן קאָפּ מיט דער מאַכט פון די פאַקטן. ער שטורעמט אייך אויף ביז'ן גרונט מיט דער אומבאַצווינגלאַכקייט פון אַלטעגלאַכער פּראַקטיק. ער באַשרייבט אַ טיפּישע פאַבריק, וואָס אַזוינע זענען דאָ הונדערטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און איר שטייט אַ פּריטשמעליעטער און קענט זיך ניט אויסטשוכען פון דער פראַגע: „ווי איז דאָס מעגלאַך?"

... שאָטנס דרייען זיך אַרום אין דער פאַרגיפטעטער לופט. שאָטנס הויבן זיך אויף אין די פעלדן פון דעם מורא'דיקן מעכאַניזם. מען וואַקלט זיך. מען קען ניט שטיין אַף די פיס. מען קען ניט צונויפציען קיין מוסקל. מען „פאַרמאַכט דעם מוח" — ניט טראַכטן, ניט ווען, ניט דערמאָנען: מען מוז זיין אויטאָמאַטן, אַניט איז אומ־מעגלאַך צו פאַרטראָגן. מ'איז אַזוי נערוועז, אַז פון יעדער קלייניקייט קריגט מען זיך. מען וויל ניט ציילן די שעה'ען — ווייל ס'איז צו לאַנג, און אַז מען גלויבט שוין ס'שאַריעט אַף טאָג — איז ערשט דעמאָלט עלף אַזייגער. מען אַרבעט שוין פינף, זיבן, צען שעה, מען פילט טשוועקעס אינ'ם קערפּער, אַ שטיקעניש אין דער ברוסט, בליי אין די אָדערן, מען וויל שלאָפן, מען דאַרף אַ טראַכט טאָן, איידער

מען הויבט אויף א האנט, און הויבן דארף מען אן אייזערנעם „לעפל״ פון פופצן פונט, א שטעקן פון דרייסיק פונט, א האמער, א שיבער, א וועגעלע פול מיט שטיין אָדער אייזן. ארבעטן ארבעט מען אין א בראנד־היץ, וואָס עסט אויס די אויגן און די לונגען און דעם מארך.

זיבן אין דער פרי איז מען פארטיק מיט דער ארבעט. פינף נאָכמיטאָג מוז מען זיין צוריק אין פאבריק.

„איך האָב געענדיקט״, זאָג איך מיר אויטאָמאטיש. „איך וועל עסן און זיך לייגן שלאָפן. איך דארף מער ניט ארבעטן״.

„איך קוק אף די איבעריקע. די מערסטע איילן זיך. זייערע פנים׳ער טראָגן די מידקייט פון נעכטן און פון פאראיאָרן. דער גרעסטער טייל זעט אויס ווי איינער, וואָס האלט זיך אָן, ער זאָל ניט אראָפפאלן פון א סקאלע, און זיינע פינגער ווערן בישלאכווייז פאראַ־ליזירט.

„איך האָב אָנגעטראָטן אף א שטיין און האָב דערפילט דעם פלאַץ אף דער פאָדעשווע, וואו דער קאלך און דער שוויים האָבן איגאיינעם געארבעט צו מאכן א מכה. פינף א זייגער, טאקע היינט, וועל איך זיך איילן אהער, און זיי וועלן גיין אהיים. ס׳איז געוועזן 7.20. פון איצט אָן, הייסט עס, ניין שעה מיט א האלבער. אין אָט דער צייט האָב איך געדארפט צוויי מאָל עסן, קויפן א פּאָר הענטשקעס, פארלאָזן א העמד און שלאָפן. פון דער פאבריק ביז מיין קווארטיר איז געווען 20 מינוט. אויב איך גיי אהיים אזוי שנעל, ווי די פיס קענען מיך טראָגן, און שלינג אראָפּ אף גיך דעם פרישטיק, בלייבט העכסטנס זיבן שעה ביז 3:30. איך וועל דארפן אויפשטיין, אָפּעסן, פארריכטן דאָס העמד און גיין אין פאבריק.

„איך פרעג זיך: ווי לאַנג וועט אָט די מחנה גרא־פּנים׳דיקע מענטשן מיט פארשיידנפאָרמיקע שפייז־עמערלאך גיין פון דער פאבריק צום גרינעם טויער און אנדערע וועלן קומען אף זייער פלאַץ פאר טאָג־ארבעט — וויפיל יאָר?״

ווי קען מען אזוי לעבן? ווי קען מען ערפילן די מענטשלאכע פליכטן פון לעבן?

„מיר האָבן ניט קיין זונטיק״, — זאָגן די מענטשן. — „מיר האָבן פאר קיין זאך קיין צייט ניט״. — די, וואָס ארבעטן באנאכט פערצן שעה, ארבעטן נעקסטע וואך צען שעה באטאָג, אָבער ס׳קומט אויך צו

איין טאָג פון 24 שעה — און דאָס מאַכט צוזאַמען אַ פיר און אַכציק שעה׳דיקע וואָך.

„אַלצדינג, וואָס ס׳קומט פאָר ביי אייך אין שטוב אָדער אין שטאָט, איז אויסגעמעקט, אָפּגעווישט, אַקוראַט ווי ס׳וואָלט געשען אױף אַ ווייטער פּלאַנעטע. יעדע שעה איז פאַררעכנט. יעדע שעה מוז אַריין אין חשבון פון שלאָפן, אַרבעטן, עסן״.

שלאָפן, אַרבעטן, עסן, — עסן, אַרבעטן, שלאָפן.

אָרגאַניזירן זיך טאָר מען ניט. האַלטן אַ מיטינג איז פאַרבאָטן. פּראָטעסטירן איז ניטאָ וואו. די מערסטע זענען „פרעמדע״ — טשעכן, פּאָליאַקן, רוסן, איטאַליענער, סקאַנדינאַווער, דייטשן. איינער פאַר־שטייט ניט דעם צווייטן. די „קאָמפּאַניע״ פאַרשטייט אָבער אַלע. די קאָמפּאַניע שטייט אױף דער וואָך.

אַפילו פאַרשענערן דאָס הויז ווילט זיך ניט קיינעם פון די אַרבעטער. דאָס הויז געהערט דער קאָמפּאַניע. די שטאָט געהערט דער קאָמפּאַניע. טאָמער איז די קאָמפּאַניע ניט צופרידן מיט אַ מענטשן, — איז אױף צוויי שפּענדלאַך פון דעם הויז, פון דער שטאָט!

עמיצער אַ גרויסער שטייט איבער אָט די מחנות מיט אַ שטאָ־לענער בייטש אין האַנט. ער כוואָשטשעט. ער טרייבט. ער צו־קאַרבט די רוקנס. ער ברענט זיך איין אין די ביינער. ער פאַריאָגט ביז טויט. ער ווייסט ניט פון קיין רו. ער לאָזט ניט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

„נאָ קען ליוו״ (מיר קענען ניט לעבן) — קלאָגן זיך די מענטשן אויף זייער געבראָכענער ענגלישער שפּראַך. — „נאָ קען ליוו״.

שטייט דער טייוול פון געלעכטער און אַ חוזק ברענט אין זיינע אויגן:

— שקלאַפן! פאַרוואָס לאָזט איר זיך טרעטן?

וואָלט דער אַרבעטער־קלאַס פון אַמעריקע געהאַט אַ פּנים, וואָלט עס געדאַרפט רויט ווערן פון שאַנד.

.1923

מיט וואָס זאָל מען שפּייזן די נשמה?

זאָגט מיר מיין פריינט:

„איך קען ניט איבערטראָגן די שטאָט. זי קוילעט מיר מיין נשמה".

ענטפער איך:

„געהערט די חכמה. ס'איז גרינג צו זידלען די שטאָט. אָבער נאָר פון איר וועט קומען די באפרייאונג".

זאָגט ער:

„דאָס מעג זיין אמת. אָבער די איצטיקע שטאָט באַליידיקט מיין מענטשלאַכע ווירדע. זי מאַכט מיך נידעריק. זי מאַכט מיך פאַר א חיה".

א מאָדנער מענטש — מיין פריינט. א באשעפעניש פון לויטער נערוון. איך ווייס ניט, ווי ער קען לעבן. ער הערט דעם ציטער פון א סטרונע צוויי־דריי שטאָק איבער זיין קאָפּ. ער זאָגט, אז ער קען הערן, ווי די ערד שאָקלט זיך, ווען ס'פאָרט א שווערער וואָגן איבער דער גאַס. און ער דאַרף דאָס לעבן אונטער דעם מיל־שטיין פון ניו יאָרק.

אים קומען אין מוח אויסטערלישע געדאַנקען.

„אדרבא", זאָגט ער, און זיינע אויגן צינדן זיך אָן, „אדרבא, קום מיט מיר איבער דער גאַס. וואָס זעסטו? קראָמען. וואָס געפינט זיך אין די קראָמען? זאַכן פאַר'ן גוף. קליידער: רעק, וועסטן, הויזן, שלייקעס, שיך, העמדער, היטלען, קעפּקעס, קאָלנערס, מאַנטלען. הויפּנס וועש, בערג געוואַנט, הורבעס לייוונט. פאַר'ן גוף. געסטו ווייטער. שפּייז־געוועלבן. פליישן, שינקען, וואורשטן, קיש־קעס, הערינג, לאַקסן, ציבעלעס, גרינסן, עפּל, בארנעס — פעסער מיט פיש, קאַסטנס מיט ראַקעס, טונען מיט פרוכט. פאַר'ן מאָגן, פאַר דער קישקע, פאַר'ן גוף. און אזוי אָן אָן עק. בלאָקס און בלאָקס. גאַס איין, גאַס אויס, מיילן, מיילן".

אפ׳ן פנים פון מיין פריינט ליגט א שמערצלאַכע גרימאַסע. איך ווייס: אים טוט שוין אזוי ווי, אז בעסער ניט ריידן אַנטקעגן.

ער שווייגט א ווייַלע און הויבט ווידער אָן:

„גייסטו ווייטער, שטויסטו זיך אָן אף די רייכערע שוי־פענצטער, וואָס האָבן א פּרעטענזיע אף געשמאַק. וואָס זשע זעסטו? צירונג: זייגערס, רינגען, גאָלד, בריליאַנטן, טעפּיכער, מעבל, זאַכן צו טראָגן, זאַכן צו פּוצן זיך מיט זיי, זאַכן צו זיצן אף זיי, צו טרעטן אף זיי, צו ליגן אף זיי. אַלץ — פאַר די הענט, פאַר דעם האַלז, פאַר די פיס, פאַר די פינגער. אַלץ פאַר׳ן חומר. דאָ דערביי זענען אויסגעשטעלט זייפן, אוילן, וואַסערלאַך, פּראָשקעס, פּודרעס, בערשטלאַך, קעמלאַך, שוואָמען, פּאַרפומען. פאַר דער הויט, פאַר די האָר, פאַר די נעגל, פאַר די ליפּן, פאַר די ציין. אָבער די נשמה! וואָס גיט איר מיר פאַר דער נשמה?"

איך וואַרף אריין פאַרזיכטיק:

„איז דאָס דען אַלעס?"

יענער רעדט שוין ווי אין היץ:

„אהא! איך ווייס! דו וועסט זאָגן: בלומען! אָבער טו א קוק, וואָס זיי טוען מיט די בלומען! זיי פאַרדרייען זיי אין קראַנצן צו לייגן אף די טרונעס פון מתים. זיי פאַרבינדן זיי מיט דראָטן, כדי אַרויסצוקוועטשן פון זיי די נשמה. זיי פאַרבן זיי מיט קינסטלאַכע פאַרבן. זיי מינטערן זיי מיט חלש־טראָפּן. וואָס דאַרפסטו מער: זיי פּ אַ ר פ ו מ י ר ן ד י ב ל ו מ ע ן! זיי שפּריצן פיילכען־דופט אף די אָרימע האַלב־טויטע פיילכען. זיי גיסן רוזין־וואַסער אף די פאַרשמאַכטע רויזן. ווילסטו, אז ד אָ ס זאָל שפּייזן מיין נשמה? און ווי אָפט טרעפסטו בכלל א בלומען־קראָם אין אונזער שטאָט?

„היינט אז מען דערשלעפּט זיך שוין צו א בוך־געשעפט! טו א קוק אף די ביכער. קודם כל: א קאָך־בוך — ווי אזוי צו מאַכן שפּייז פאַר דער קישקע. א רייזע־בוך — ווי אזוי צו שלעפּן דעם גוף איבער די באַנען. ווייטער א ריי געזעץ־ביכער טרוקן ווי דער אָפּיס פון א לאָיער. לעבן זיי — אָן אינסטרוקציע פאַר פּאָליציי־לייט; די געשיכטע פונ׳ם קריג — ווי אזוי מענטשן האָבן געשאָכטן מענטשן; דאָס בוך פון לופט־שווימעריי; דאָס בוך פון אויטאָמאָבילן; דאָס בוך פון אדרעסן; דאָס בוך פון אינזשענירן; דאָס בוך פון בוכ־

האַלטערס; „ווי צו האָבן ערפאָלג אין ביזנעס"; „עפּישענסי אַלס קלווירק"; „דאָס בוך פון גוטע מאַנירן". דרייסטו זיך אוים — זעסטו באַנען אַנגעפּאַקט מיט קערפּערס, וואַגאָנס אַנגעפּאַקט מיט קערפּערס, שיפן מיט קערפּערס. אַלץ פאַר'ן קערפּער. אַלץ פאַר דער חיה. און וואָס גיט איר מ י ר — מיין אומשטערבלאַכער נשמה, מיין לעב־צעדיקן הארץ?"

א ווייַלע שפּעטער הויבט מיין פריינט אָן פאַנטאַזירן:

„אונטער קאָמוניזם וועלן אין די שוי־פענסטער שטיין בילדער און סטאַטועז פון באַרימטע מייסטערס. אף שריט און טריט וועלן זיין קיאָסקן מיט די בעסטע ווערק פון נייע דיכטער. אף די ראָגן וועלן אויטאָרן פאָרלייענען זייערע ווערק. א טרופּע שוישפּילער וועט דאָ און דאָרטן געבן א פאָרשטעלונג אונטער'ן פרייען הימל. די הייזער גופא וועלן זיין באַמאָלן מיט רייכע פאַרבן און וועלן שמייכלען אין דער וועלט אַריין. פאַרקן וועלן זיין צעוואָרפן גאַנץ געדיכט און וועלן אויסזען ווי שטיקלאך ווילדער וואַלד. די הימל־קראַצערס וועלן פאַר־שווינדן..."

נאָך לאַנג האָט מיין פריינט געמאָלן דאָס בילד פון דער צוקונפט. און ווי ער האָט געמאָלן, איז א ליבע ווייכקייט אַריינגעקראָכן אין זיינע געפּייניקטע אויגן.

א מאָדנער מענטש — מיין נערוועזער חבר...

געשעמטן פאַרלאַנג, צונויפגעדרייט אין א קאָנוואולסיע פון לייבלאַכן 1923.

דער טאַנץ פון מתים.

מען טאַנצט „טשאַרלסטאָן". עס וואַרפן זיך אין קדחות עטלאַכע הונדערט פאָרלאַך. עס שרייען מיט באַנומענע קולות עטלאַכע הונ־דערט קאָלירנדיקע לאָמפּן. די מוזיק איז דשעז.

די מוזיק איז נאַקעט. שרייענדיקע לוסט. לעכצנדיקער געשלעכט־פאַרלאַנג. הונגעריקער קערפּער. דער אָרקעסטער מאַכט שכור'ע

און ציגישע האַוואַיעס. דער קעסל־פּויק האַצקעט זיך אויף אַלע פיר. דער סאַקסאָפאָן קוויטשעט ווי אַ חזיר. דער טראָמבאָן מאַכט נאָך גערוישן פון׳ם קערפּער, וואָס מען דערמאָנט זיי ניט בא׳ם טיש. אַלעס צוזאַמען זינגט אָן אָפּענעם און צעיורענעם זמר פון צעהיצטן לייב. מער ניט ווי לייב, — פליש, אברים.

די פאַרלאַך טאַנצן. די לייכטע זייד פאַרשטעלט ניט. די לייכטע זאָקן באַהאַלטן ניט. די קערפּערס ווייסן ניט פון צוריקהאַלט. מ׳איז איינגעקנאָטן איינס אין איינעם, צונויפגעשמאָלצן אין לייב־געגנוס. ס׳איז ניט קיין גראַציע, קיין חנ׳עווריקע באַוועגונג, קיין שיינקייט פון געשוואָונגענע ליניעס — קיין לייכטקייט פון ריטם, — ס׳איז אַ פּראָסטע און אַ דירעקטע זאַך: לייב מיט לייב.

די לאָמפּן ברענען. די לאָמפּן מינען זיך אין גרינע, רויטע, געלע, בלאָע קאָלירן. די לאָמפּן זענען שותפים אין יום־טוב. עס טאַנצט, עס הילכט, עס פּאָנפּעט, עס שפּריצט, עס פונקלט — און עס בעט זיך: נעם מיך, גיב זיך...

די טענצער זענען מערסטנס סטודענטן און סטודענטקעס. ערגעץ לערנען זיי. עפּעס האָבן זיי געהערט פון ביכער. אָבער ווער טראַכט וועגן אידייען? ווער קימערט זיך וועגן פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש?

מען טאַנצט „טשאַרלסטאָן". אומעטום. עס טאַנצן אַלע קלאַסן. עס טאַנצן אַלע שטאַטן. עס קערפּערט זיך דאָס גאַנצע לאַנד. מען יאָגט זיך נאָך געגוס, ווי נאָך אַ קריינק אָדער פאַר׳ן אָנקום פון אַ שווידערלאַכער קאַטאַסטראָפע. לייב הערשט.

* * *

אויטאָמאָבילן. שורות אויטאָמאָבילן. שנירלאַך אויטאָמאָבילן. שערענגעס, ראָטעס, פאָלקן, טשערעדעס, האַרדעס אויטאָמאָבילן. מען פאָרט, מען ציט זיך, מען גליטשט זיך איבער גאַסן, איבער וועגן, איבער פעלדער, אויף בערג, אין טאָלן, פאַזע ים, דורך דער מדבר. עס פאָרן רייכע און אָרימע, ריינע און פאַרשמוצטע, גערוישלאָזע און קלאַפּנדיקע אויטאָמאָבילן. דאָ זיצט איינער, דאָ איז אָנגעשטאָפּט אַ גאַנץ בינטל פאַרשוינען. מען פאָרט. וואָס ווייטער — אַלץ מער מענטשן. וואָס אַ טאָג — אַלץ מער אויטאָמאָבילן.

דער אויטאָמאָביל דינט דעם קערפּער און פאָדערט דעם דינסט פונ׳ם קערפּער. דער אויטאָ־פאָרער ווייסט נאָר פון געז, אויל, וואַסער, שינעס, רעדער, גומענע קישקעס, שרויפן, צוואַנגען, האַמערס, שלעכטע און גוטע וועגן, גאַראַזשן. דער אויטאָ־פאָרער איז אַריינגעטאָן אין גשמיות׳דיקע זאַכן. ער קען ניט טראַכטן וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס פאָדערט מוח. ער קען זיך ניט אָפּגעבן מיט ערנסטע געפילן. ניטאָ קיין צייט. ניטאָ קיין אָרט. ניטאָ קיין סטימול. אַט פאָרט אַן אַנדער אויטאָ — מ׳זאָל זיך נאָר ניט פאַרטשעפּען. אַט מאַכט דער וועג אַ שאַרפן בויג — מען זאָל נאָר ניט אַראָפּ פון דעם פלאַסטער. אַט האָט דער מאָטאָר אָנגעהויבן הוסטן — ס׳זאָל אים עפּעס ניט פאַרשאַדן. און וויפיל ווייזט דער שנעלקייט־מעסטער? וויפיל מייל אַ שעה קען מען אַריינכאַפּן אין אַט אַזאַ געגנט? און וואו וועט מען קענען פאַר־בלייבן נעכטיקן?

מען פאָרט אין אויטאָמאָבילן. גאַנץ אַמעריקע זיצט בא׳ם ראָד און „טרייבט". מען האָט אפילו קיין מעגלאַכקייט ניט אָנצוקוקן אַ לאַנדשאַפט. מען קען ניט קומען אין אַ נשמה־באַריר מיט פעלד און וואַלד און גראָז און טייכל. מען זעט זיי דורך אַ גלאָז, ווי זיי טאַנצן פאַרביי. מען זעטיקט ניט אָן דאָס האַרץ מיט דער עכטקייט און ריינקייט פון הימל און ערד און זון און שטערן. מען הערט ניט דאָס געזאַנג פון די פייגל. ווען מען שטעלט זיך אָפּ, איז מען מיד. דאַרף מען זיך באַטויבן מיט אַ גלאָז אומלעגאַלן בראַנפן און גיין שלאָפן. דער קערפּער פאָדערט שלאָף. דער קערפּער וועט מאָרגן ווידער פירן דעם אויטאָמאָביל. ווער וועט דאָס טראַכטן וועגן די העכערע זאַכן פון לעבן? וואו איז נשמה? וואו איז גייסט?

* * *

גייט איר אַרויס צום ים, איז אַ מיליאָניקע מחנה אויסגעשפּרייט אַפ׳ן זאַמד, שפּרינגט מען מענגעס־ווייז אין וואַסער און מען שרייט. ס׳איז גוט צו שטיפן אין די געזאַלצענע כוואַליעס. עס יאָגט זיך שנעלער דאָס בלוט. עס זינגען דערפרישטע די אברים. עס לייטערן זיך די אויגן. לאָמיר ניט זיין קיין בייזע פּעטערס. לאָמיר ניט מוסר׳ן אַן עולם דערפאַר, וואָס ער גלייכט זיך אויס די ביינער נאָך שווערער אַרבעט. לאָמיר מיטשטיפן מיט דער מאַסע. דאָס וואַסער איז פריש, און די זון איז הייס, און די כוואַליעס שוימען, און פערלדיק בלישטשעט

די ווייטקייט. אָבער ווי איר פּלאָנטערט זיך אַריין אין דעם מענטשן־קנויל, דערפילט איר ערשט די מאַכט פון'ם קערפּער. מוסקולן, רוקנס, פיס, הענט, געלאַף, געיאָג, שפּרינגעריי, שפּילכלאַך, וואורשטלאַך, ניס, צוקערקעס, — און וואו איז דער גערדאַנק, וואָס זאָל פּאַראַיי־ניקן אָט די מאַסע? וואו זענען דער וואונטש און די שטרע־בונג, וואָס זאָלן זי אויפהייבן העכער פון זיך אַליין?

* * *

אַ וועלט מיט זאַכן. אַ הערשאַפט פון זאַכן. יעדער איינער, אַפילו דער אומפאַרמעגלאַכער, האָט צופיל זאַכן. אַ גאַנץ לאַנד אונטער'ן יאָך פון מאַטעריעלע גיטער. טויזנטערליי שיך, צענטויזנט־ערליי קליידער, אומענדלאַכע סאָרטן מעבל, און אַ שיעור כלים, פּוץ, ביליקע צירונג, ביליקע שיינקייט. און דאָס קריכט דיר אין די אויגן און פאַרגרילצט דיר די אויערן: „קויף מיך! קויף מיך! דאַרפסט מיך האָבן פאַר דיין איינענער טובה!" און מיליאָנען מענטשן אַר־בעטן איבער זאַכן, וואָס ברייננען שוין ניט קיין קאָמפאָרט און קיין נוצן; און הונדערטער טויזנטער אַנדערע מענטשן פאָרן אַרום און לויפן אַרום און „אַדווערטייזן" און פאַרקויפן די אומנויטיקע זאַכן. און צענדליקע מיליאָנען ציען זיך צום שטראָם פון גיטער און שלאָגן זיך אַרוים פון די כוחות צו באַקומען אַזוינס, וואָס ס'וועט ניט מאַכן זייער לעבן ניט גליקלאַכער, ניט שענער. און ס'באַשאַפט זיך אַ ווילדע יאָגעניש, און איינער שטויסט דעם אַנדערן מיט די עלנבויגנס, און איינער פאַרטרעט דעם אַנדערן די וועגן, כדי אַריינצוכאַפּן דאָס, וואָס וועט אים געבן אַ באַפרידיקונג אפשר נאָר אויף איין איינציקע מינוט. און דער, וואָס האָט ניט קיין בערג מיט זאַכן, ווערט באַהאַנדלט ווי אַ נידעריקע בריאה, און ווער עס האָט ניט אָוועקגעלייגט קיין פעט פּעקל געלט אין באַנק, איז דאָך גאָר קיין מענטש ניט, און ווער עס טראַכט וועגן זאַכן, וואָס קערן זיך ניט אָן מיט'ן שאַפן פון זאַכן, דער איז אַ „מאָדנע באַשעפעניש", אַ „נאַרישער פויגל", אַ „געפערלאַכער טרוימער", אַ „שעדלאַכער אַגיטאַטאָר".

מיליאָנען ציימונגען גייען אַרוים — און די נייס אין זיי איז מאָגער און גראָ און פאַלש — און די אַדווערטייזמענטס וועגן זאַכן צום עסן און טרינקען און פאַרברויכן זענען ברייט און הילכיק און ריכ־טיק. מיליאָנען זשורנאַלן ווערן אַרויסגעגעבן אַלע וואָך, און די

אילוסטראַציעס צו זייערע באָבע־מעשות זענען שוואַך און נעבלהאַפט און לעבלאָז, און די אילוסטראַציעס פון זאַכן צום פאַרקויפן זענען קלאָר און קרעפטיק און געטריי צום אמת פון לעבן. מיליאָנען פילמען ווערן געוויזן אין אַלע טעאַטערס — און די מענטשן און די מעשות זענען דאָרט שאַטנדיק און אויסגעטראַכט און אידיאָטיש — און די קליידער פון די העלדן, און זייער וועש, און זייערע הייזער און שלעפער און הינט און פערד און שפייזן און געטראַנקען זענען אַלע מאָל פונ׳ם בעסטן און עכטן, אַזוי אַז אפילו סטענאָגראַפיסטקעס קליידן זיך אין די טייערסטע פּאַריזער מאָדעלן און די וואוינונג פון אַ באַנקקלוירק האָט אַ פּנים ווי אַ פּאַלאַץ. און אַ בירזשע איז דאָ אויף דער וועלט צו באַשעפטיקן מענטשן אינדערפרי, און אַ טעאַטער צו פאַרוויילן זיי באַנאַכט, — און ביידע דינען איין און דעם זעלביקן גאָט פון קערפּערלאַכע זאַכן. און אוניווערזיטעטן זענען דאָ צו פּאַבריצירן לאָיערס פאַר די געשעפטן און דאָקטוירים פאַר׳ן גוף און אינזשענירן פאַר די פאַבריקן און סיילסלייט צו פאַרשפּרייטן די גיטער און זשורנאַליסטן צו קיצלען די פּיאַטעס פון די באַנקירן און פאַבריקאַנטן מיט זייערע משרתים.

דאָס איז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אויף איר העכסטער הויך אין אַ זיגרייכן לאַנד זיבן יאָר נאָכ׳ן סוף פון דעם ערשטן וועלטקריג.

דאָס איז דער גייסטיקער באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע אין איר פּרעכטיקן אויפבלי.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט ניט קיין אידעאַל. זי ווייסט ניט, מיט וואָס צו פאַראייניקן די מענטשן. זי קען זיי ניט געבן קיין ריכטונג.

מעכטיק איז אַמעריקע. אומגעהייער אויסגעוואַקסן איז איר מאַטעריעלער רייכטום פאַר די לעצטע צען יאָר. געוואַלדיק אויסגעברייטערט האָבן זיך איר פּראָדוקציע, איר באַנק־סיסטעם, איר האַנדל, איר טעכניק. הויך איז געוואָרן איר פּרעסטיזש צווישן אַנדערע פעלקער. אָנגעבלאָזן מיט שטאָלץ זענען געוואָרן אירע פירער און אַפּיציעלע פאַרטרעטער. אומעטום איז מען מקנא דעם גליקלאַכן אַמערי

קאָנער. אַמעריקע איז געוואָרן דער סימבאָל פון גאָלדענער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָספּעריטעט.

אָבער אין אָט דעם בלישטשענדיקן גאָלדענעם טאַנץ איז פאַר־שוואונדן די נשמה. ניט געבליבן קיין אידייע. ניטאָ קיין וועגווייזער. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז געשטאָרבן אין איר שענסטער גדולה.

געווען אַ צייט — אַזוי אַרום 1770—1790 — ווען אַמעריקע האָט געלעבט מיט דעם געדאַנק פון פרייהייט. „פרי ענד איקוואַל״ (פריי און גלייך) זענען געווען לאָזונגען. ע פּ ע ס האָט פאַראייניקט די יונגע געזעלשאַפט. ע פּ ע ס האָט זי געצויגן אין איין ריכטונג. עס מעג זיין, אַז מ׳האָט זיך גענאַרט וועגן דער צוקונפט. זיכער איז, אַז אויך דעמאָלט האָט די מאַסע זיך געלאָזט פאַרפירן פון פּאָליטישנס. אָבער מ׳האָט געגלויבט, אַז ס׳איז דאָ אַן אַלגעמיינער ציל. שפּעטער איז געקומען דער בירגער־קריג מיט אַ נייעם אידעאַל: באַפרייען די שקלאַפן. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס הינטער דעם האָט געשטעקט דער עקאָנאָמישער אינטערעסן־צוזאַמענשטויס צווישן די פּלאַנטאַטאָרס פון דרום און פאַבריקאַנטן פון צפון: די מ אַ ס ע, די גרויסע צאָל פאָלקס־קינדער, האָט געגלויבט, אַז זי קעמפט און שטאַרבט פאַר אַן אידעאַל. נאָכדעם איז געקומען דער שנעלער וואוקס פון רייכטום, דער אויפבוי פון אַ נייער גרויסער וועלט. עס האָט זיך געגלויבט, אַז ס׳איז אַ נ ד ע ר ש, ווי די אַלטע אייראָפּע. מען האָט זיך איינ־גערעדט, אַז דאָס איז אַ וויגעלע פון מענטשלאַכקייט. מ׳האָט געבויט „די היים פון די פרייע און דאָס לאַנד פון די שטאָלצע״. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַן אידעאַל: רייכטום, וואָס דינט דער מענטשהייט; וואוקס פון פּראָדוקטיווע כוחות צו מאַכן אַלעמען גליקלאַך. נאָך ערשט מיט זיבן יאָר צוריק האָט דער קאַפּיטאַליזם אַרויסגעשטעלט אַן אי־דעאַל: „מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע״, „גיין אין קריג, כדי אָפּצושאַפן קריג״. ס׳איז געווען אַ ליגן. ס׳איז געווען אַ מיטל פון פּראָפּאַגאַנדע. אָבער די מאַסן האָבן געגלויבט אין אָט דעם ליגן. די מאַסן פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט האָבן זיך פאַראייניקט אַרום עפּעס, וואָס האָט זיי געלויכטן מיט׳ן שיין פון אַן אידייע. מ׳האָט זיך מקריב געווען צוליב דעם, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר אמת. מען האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ טרוס, אויב מ׳האָט זיך אָפּגעהאַלטן

פון ברייננגען קרבנות. ס'איז געווען עפּעס ווי אַ י ן ר י כ ט ו נ ג, אַ י ן ש ט ר אָ ם, איין פּלעמל, וואָס האָט פאַרבונדן די געזעלשאַפט.

האָט געריושט און אָפּגערוישט דער קריג, איז געקומען דער העס־לאַכער „פרידן" מיט דער טיילונג פון רויב — האָט אַ וואַקס געטאָן דער נאַציאָנאַלער רייכטום — און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אידעאַל איז געשטאָרבן. י ע ד ע ר בורזשואַזער אידעאַל איז גע־שטאָרבן. דעמאָקראַטיע? אומזין. אַפילו די בורזשואַזע געזעל־שאַפט פילט, אַז דאָס איז אַ ליגן. פרייהייט? אַ בלוטיקער און נאַרישער חוזק. פּראָגרעס? וואוהין פּראָגרעסירן? האָבן מיר דען ניט דערגרייכט אַ הויכע שטופע? זענען מיר דען ניט די שענסטע און פּראָגרעסיווסטע מלוכה? גערעכטיקייט? אַך, ווער קען ריידן פון גערעכטיקייט אין די אָרעמס פון'ם ווערסאַלער פרידן, וואָס די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט אים געמאַכט פאַר איר „מאַגנאַ כאַרטאַ".

ניטאָ וואוהין צו גיין. ניטאָ וואָס צו וועלן. ניטאָ קיין אַלגע־מיינע שטרעבונגג.

די בורזשואַזע געזעלשאַפט מעג דאָס ניט טראַכטן. אָבער זי קען זיך ניט באַוואָרענען פאַר'ן אמת. ער קלאַפּט אין די טירן פון מענטשלאַכע הערצער. ער שלייכט זיך אַריין אין זייער באַוואוסטזיין. ער פאַר'סמ'ט. ער עסט אויף.

געשטאָרבן די אידייע. געבליבן דער קערפּער. געבליבן איין וואונטש: געלט, רייכטום, גיטער.

איילט זיך, בירגער! מאַכט זיך רייך. הוליעט אַ טאָג. היינט איז אייער טאָג. כאַפּט, שלעפּט, שאַרט אַריין וואָס מער גוטע זאַכן. גיט אייער קערפּער אַלצדינג וואָס ער וויל.

פרייט זיך. טאַנצט „טשאַרלסטאָן". וואַרפט זיך אין דזשעז. שווימט אין לוסט. מאַכט אַ קולט פון לוסט.

אָבער איר וועט זיך ניט באַפרייען פון שרעק. אינמיטן אייערע סעודות מוז אַ בלאָז טאָן אַ קאַלטער פּחד. איר זענט דאָך ט ו י ט. עמיצער וועט מוזן פאַרנעמען אייער פּלאַץ אין לעבן. איר טאַנצט צו אייער קבר.

אין אייער פאַרצווייפלונג וואַרפט איר זיך צו דער קירכע. כאַפּט איר זיך אָן פאַר די שפּיצן פון'ם צלם, פאַר די פּאָלעס פון'ם גלח. אומזיסט. דאָס וועט אייך ניט געבן קיין אידייע. אייער יעזוס מיט

זיין הייליקער מאַמען וועלן אין אייך ניט אַרייבלאָזן קיין לעבן. טויט איז אייער גלויבן — ווי איר אַליין, ווי אייער קאָלעקטיווע נשמה.

טאַנצט, בירגער, הוליעט. לאָזט זיך וואויל־טאָן. זאַמלט גיטער פאַר'ן קערפער. איר וועט זיך שוין ניט באַפרייען פון אייער מורא.

אונז וועט אייער יום־טוב קלייד ניט נאַרן. מיר ווייסן, ווער עס גייט צו פאַרנעמען דאָס לאַנד, וואָס איר האָט פאַרפעסטעט מיט אייערע טויטע גיטער.

.1925

דער מאַן מיט דער קישקע.

שטייט ער מיט אַ קישקע אין דער האַנט
און גיסט און שיסט מיט וואַסער אויף דער בלאָטע.

אָנגעטאָן איז ער אין ברייטע גומענע שטיוואַלעס.
אַ לעדערנע מיץ מיט אויער־לאַפּן אַפ'ן קאָפּ.
אַ גראָב און קורץ געוואַנטן רעקל אַפ'ן לייב.
שטייט ער אינמיטן גאַס אַף פּיס ווי קלעצער דעמבענע
און סמאַליעט די בלאָטע מיט אַ מבול'דיקן שטראָם.
זעט ער אויס, דער יאַט דער גוף'יקער,
ווי אַ גאָט פון שטראָף,
ווי אַ שטראָפנדיקער שד
אויסגעקלעפּט פון נאַסן בויגנדיקן שטאָל.

ווילט זיך אויסשרייען צו אים:
— מאַלאַדיעץ!

ער שטייט און האַלט אַ קישקע אין די ברייטע ברוינע לאַפּעס.
ער טאָפּטשעט זיך ביז די קני אין אַ טייַגאַכץ פון צופוילטן שניי,

פון אָפּגעשוואַכטן אייז, פאַרשוועכטער וואַסער, קויט און שליים און
אָפּפאַל,
פון רעשטן אויל און ווערמדיקן שימל.
פון ברייטע גאַסן עטלאַכע האָט זיך אהער אַנגעקליבן די שיטערע
שטינקנדיקע מיאוס׳קייט.
פיס פון פערד און פיס פון מענטשן און רעדער פון וואָגנס און וואַסער
פון רעגנס
האָבן אהער אַנגעטראָגן די בערגיקע שנייאיקע, אייזיקע בלאָטע.
ליגט זי הורבעסווייז, הרודעסווייז, שטיקערווייז, אינזלווייז, פלאַכ־
טעסווייז
אויף דעם שטיין־געפלאַסטערטן פלאַץ, —
די קללה פון דעם פלאַץ.
שטייט דער וואַסער־שד און גיסט און שמייסט די בלאָטע מיט זיין
וואַסער־שטראַל.

שטייט דער שטאָלענער שטראָפער און כמאַליעט און כוואָשטשעט
און לעכערט דעם טריפה׳נעם שניי־שמוץ
מיט זיין שאַרפער וואַסער־בייטש.
סווישטשעט דאָס וואַסער.
זשוזשעט דער שניי.
שיפּעט די בלאָטע.
ווייל די בלאָטע ניט ליידן.
קלאָגן זיך בלאָטינקעס,
לויבן זייער גדולה:

„כ׳בין אַ שנייעלע אַ ווייסע.
כ׳שטאַם פון יחוס — פון די הויכע פלאַטער־וואָלקן.
כ׳בין אַ צאַרט געוועב פון דינע זיידן־ווייכע פאָדים.
כ׳בין אי ריין, אי וואונדער־לייכט, —
אַ ציטער־שעמעוודיקע כלה.
כ׳בין אַ שמעטערלינג, וואָס שווימט באַזאַכט
אויף לופטיק־גלעטנדיקע פליגלען.
כ׳האָב געטראָגן זיך אין רוים,

ווי גייסטער־פריי, ווי קינדער־שמייכל ליבלאַך.
כ׳בין אַ הייליקע נשמה,
טשעפּעט ניט,
אַי, טשעפּעט ניט מיין אומשולד!"

„איך בין אַן אייז־קרישטאָל.
איך טראָג אין זיך די פונקען פון אַ דימענט
און די לויטערקייט פון הימל.
איך בין געהאַנגען אויף אַ צווייגל אין דער הויך.
איך האָב געבאָדן זיך אין פרישן אָטעם פון די ווינטן.
איך האָב געבראָכן סנאָפּעסווייז לבנה־זילבער.
איך בין אַ זון פון גרויסע פרעסט.
איך בין דאָס גרויסע אייז־ליכט.
וואָס שפּריצט איר, וואָס?
ווער זענט איר, ווער?"

„כ׳בין אַן אָרענדזש.
כ׳היינג אינמיטן גרויסע גרינע פרישע בלעטער.
כ׳לייכט מיט גאָלד.
כ׳פיל די וועלט מיט דופטן ווירציקע.
כ׳בין פון גרויסן אָרענדזש־בוים,
דעם שטאָלצן גאָרטן־קעניג.
כ׳קען ניט,
כ׳וויל ניט..."

זאָגט דער וואַסער־שד מיט שמייסנדיקע ווערטער:

„בלאָטע זענט איר!
בלאָטע פוילע!
וואָס געווען
איז מער ניטאָ.
בלאָטע זענט איר!
בלאָטע מיאוס׳ע!

בלאַטע !
פּלעקן עקלדיקע.
עיפּוש״

פּליוכעט דאָס וואַסער. שיפּעט דאָס וואַסער. שניידט, מעסערט דאָס אייזיקע וואַסער.
יאָגט עם די בלאַטע, שטויסט עם די בלאַטע, זינקט עם די בלאַטע.
אין רינשטאָק, אין רינשטאָק !

אַרבעט.

שטאָט.
בארג אַף בארג פון שטיין. קאַנטיקע אַייזערנע טורעמס. גע־הילך. בראַזג.
שטאָט.
צעפּלאַקערטער לויף. פאַרטראָגענער אימפּעט. אַטעמלאָז. ענדלאָז.
שטאָט.
טאַנץ־קאַרנאַוואַלן פון ליכט. רעגנס פון שימער. שטערן־ראַקעטן. גלאַנציק געשריי.
שטאָט.
בלייערנער הימל און אַספאַלט־געשמידטע ערד פאַרמישט, פאַר־קלאַמערט אין פאַרבן־געווירבל, ליניען־שטורמווינט, פאָרמען און מאַסן, רוימען און נעבל־דורכווייטע תהומים.
שטאָט מיין שטאָט.
אין אַל דיינע שווירינ־געוואַלטיקע מאַסן, אין אַל דיין צעיושעט הארצקלאַפּנדער האַסט, אין אַל דיין פּילפאַרביק־פילשאַרפיקן תוהו ובוהו —
זען איך נאָר איינס:
די שאַפנדע אַרבעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָרך !

ס׳שניידט דער צונג זיך מיט רוצח׳יש־ברענענדע ציין דורך די געדערים פון דר׳ערד; ס׳שרייט זיין געיאָג א ליד פון נצחון אריין אין שווארצן טונעל; ס׳טראָגן זיך מענטשן אף פליגלען פון עפּעס א ווילדן און טרייען און קרעפּטיקן ריז אין א שכור־באַצווינגענדן־לויף.

דאָך:

ס׳שטייט ביי דער קורבע א מענטש;
ער פירט מיט א זיכערער האנט;
ער הערשט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זע:

ס׳הויבט זיך צום רויכיקן הימל א מעכטיק־געשטערעקטע פאבריק; עס ווארפט זיך אין צענדליקע זאלן א מחנה פון פיבער־געיאָגטע מאַשינען; ס׳שוועבן־שוויבלען־שווימען־זשומען פלניקע רעדער, וואלן, צאפּערס; ס׳הילכט און פּאָכט און לויפט און שרייט אלצדינג אין ווילד־צעראשטן געטומל, —

דאָך:

א הענטל האָט א רוק געטאָן א מענטש — און ס׳שטייט אלצדינג, ס׳איז שטיל.

געהאָרכזאם פאר די פיס פון ארבעט־מאַן אין אָנמאכט ליגט די איינגעשלאָפענע פאבריק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האר!
ארבעטסמאַן!
דער אָנהויב און דער סוף פון לעבן.
עס בויגט אין ערפורכט זיך פאר דיר מיין קאָפּ.

1923.

פ ל י כ ט.

דאָס האָט מיר דערציילט אַ לערער פון אַ קאָמוניסטישער שול אין מאָסקווע. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין דער ביבליאָטעק פון דער סאָציאַליסטישער אַקאַדעמיע. דער מאַן האָט גראָד געליִיענט אַ בוך, וואָס איך האָב אים געדאַרפט האָבן. איך האָב אים געבעטן מיר געבן דעם בוך אויף אַ קורצע צייט. אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט. מיר האָבן זיך צערעדט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער זאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַן אַרבעט וועגן רעוואָלוציאָנערער פּסיכאָלאָגיע. זיינע מיינונגען האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט. איך האָב שוין פריער געהאַט געזאַמלט פאַקטן וועגן די געדאַנקען און געפילן פון קעמפער אין אַ רעוואָלוציאָנערער מלחמה. איך האָב געוואוסט, אַז אַלע אונזערע וואַכעדיקע פאָרשטעלונגען וועגן רעכט, פרייהייט, מענטשלאַכן לעבן האָבן קיין ווערט ניט אין דער היץ פון אמת׳ן קאַמף. עס האָט מיך דעריבער געפרייט אָנצוטרעפן אַ מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט אָט דער פראַגע. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיט אַן אינטעליגענטן פנים, מיט אַ פריינטלאַכער מינע. געוואָרפן אין די אויגן האָט זיך דער נאַקעטער קאָפּ, כמעט אָן האָר, און צוויי גרויסע טיפע קנייטשן אויף ביידע זייטן פון דעם מויל. לאַפּוכין איז געווען דער נאָמען פון מיין נייעם באַקאַנטן. אַרקאַדי לאַפּוכין. ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, איז ער געוואָרן נאָך פריינטלאַכער און האָט זיך אָנגעגבאָטן מיר ווייזן וואָס צו לייענען וועגן רעוואָלוציאָנערער פּסיכאָלאָגיע. איך האָב אים געזאָגט, אַז ביכער איז פאַר מיר ניט דער עיקר, איך וויל האָבן פאַקטן פוןווירקלאַכן לעבן. איך האָב אים ניט געזאָגט אָפן, אַז איך בעט אים מיר דערציילן, וואָס ער האָט געזען און געהערט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען מיין כונה.

„איך אַליין — האָט ער געזאָגט — האָב דורכגעמאַכט די פעברואַר־רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד און דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד אין מאָסקווע. איך בין געווען אין די הייזער, פון וואַנען רעוואָ־

לוציאַנערע סאָלדאַטן האָבן געשאָסן אַף די גענגנער. איך בין געווען אפ׳ן פּלאַץ בשעת מ׳האָט געשטורמט דעם קרעמל. איך האָב געזען מענטשן אין סאַמע ברען פון בירגער־קריג. אָבער דאָס איז אַלץ גאָר ניט אַנטקעגן איין מאָמענט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פּאַראַיאָרן. איר דאַרפט וויסן, אַז דער „גענגנער", דער „שונא" איז קיינמאָל ניט קיין באַוואוסטער מענטש. איר טראַכט וועגן אים ניט ווי וועגן אַ באַקאַנטן, אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס האָט אַ האַרץ און אַ מוח, וואָס איז אפשר אַ פאָטער פון קינדער, וואָס ס׳קען אים ווי טאָן און באַנג טאָן. איר טראַכט וועגן שונא ווי וועגן אַ פינצטערער מאַכט, וואָס וויל אייך צעשטערן. איינציקע מענטשן פאַרשווינדן אין אייער מחשבה: עס ווערט איין צענויפגעשמאָלצענע פיינטלאַכע מאַסע. דעריבער איז אייך גרינג צו קעמפן, גרינג אפילו צו שיסן אין שונא. ס׳איז דאָך ניט קיין מענטש, ס׳איז דער „שונא". אפשר ווען מיר אַלע וואָלטן געוואוסט קלאָר, וואָס עס טראַכט און פילט יעדער שונא אין דער וועלט, ווען מיר באַגעגענען אים, וואָלטן מיר קיין כח ניט געהאַט אים צו שיסן. ס׳איז דאָך אַ שרעקלאַכע זאַך — צונעמען דאָס לעבן בא אַ לעבעדיקן מענטשן."

לאַפּוכין האָט אַ ווײַלע געשוויגן. אַ וואָלקן האָט זיך באַוויזן אַף זיין פּנים. די קנייטשן אַרום זיין מויל זענען געוואָרן שאַרפער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אים מאַטערט אַ פּערזענלאַכע זאַך. איך האָב אויך געשוויגן. די הערבסט־בלומען, די נאַסטורציעס און נעגעלאַך, זיינען נאָך ניט אַלע געווען טויט. פון אונזער אָרט האָבן מיר געקענט זען דעם גרויסן ווייסן בנין פונ׳ם רעוו. וואָיענ. סאָוועט (העכסטער מיליטערישער ראַט). צוויי וועכטער מיט גרויסע רויטע שטערן אַף די גרויע שפּיציקע היטלען זענען געשטאַנען פאַר די טירן.

— טאַ! — האָט לאַפּוכין געזאָגט, — ס׳איז מיר ניט אָנגענעם צו דערציילן, אָבער איך וועל דאָס טאָן צוליב אייך, ווייל איך זע, אַז איר אינטערעסירט זיך אַף אַן אמת. איך וויל אייך איבערגעבן וואָס מיט מיר אַליין האָט געטראָפן.

איך בין בטבע ניט קיין מיליטערישער מענטש, און ביכער האָב איך מער ליב ווי ביקסן. איך בין געווען אַלע מיינע יאָרן אַ פּראָפּאַגאַנדיסט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, און אפילו אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגן האָבן מיך ווייניק אינטערעסירט. איצט אויך בין

איך מער אַ לערער איידער אַ פּראַקטישער טוער, און אין דער פּאַרטיי־שול גיב איך קורסן אין סאָציאָלאָגיע און געשיכטע פון סאָציאַליזם. פונדעסטוועגן אַז ס'איז געוואָרן זייער ענג אין דער צייט פון דעניקינ'ס אָנפאַל, האָב איך אוועקגעוואָרפן טעאָריע און זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַרמיי. אַ פּאַרטיי־מאַן אַ באָלשעוויק בין איך נאָך פון 1905, איז קיין וואונדער ניט, וואָס מ'האָט מיך געמאַכט פאַר אַ קאָמיסאַר פון אַ פּאָלק. ס'איז געווען אַ קריטישע צייט, און אייגענע מענטשן, וואָס מען קען זיך אַף זיי פאַרלאָזן ביזן סוף, זענען זעלטן אַפילו איצט אויך. איר ווייסט אַז די „אַלטע גוואַר־דיע", וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט אומלעגאַל, איז אינגאַנצן אויסער חשד.

נו, האָבן מיר דורכגעמאַכט אַלע באַקאַנטע פאַרגעניגנס פון אַ בירגער־קריג. מיר זיינען געפאָרן אין אייזנבאַן־צוג, און פון דעם הויכן קאָרן אַף ביידע זייטן האָט געהאָגלט מיט קוילן, כאָטש די סאָלדאַטן האָבן מיר ניט געזען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ניט־ווייט פון ... טיקן אין דערפער, און באַנאַכט האָבן די הייזער און די שטאַלן גע־נומען פלאַקערן איבער אונזערע קעפּ. מיר האָבן באַגעגנט אין פעלד פּויערים, וואָס האָבן כלומרשט פרידלאַך געשניטן די תבואה, און אַז מיר זענען געפאָרן ווייטער, האָבן די זעלביקע פּויערים — איבער־געטאָנענע דעניקינצעס — אונז געשאָסן אין רוקן. מיר האָבן באַ־געגנט אַף אונזער וועג אויפגעריסענע בריקן, אַראָפּגענומענע רעלסן, פאַרשמוציקטע ברונעמס. אונזערע רייטער האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן באַראַנעס, וואָס מ'האָט זיי אויסגעלעגט אָפן וועג מיט די שפּיצן אַרויף. די פערד האָבן זיך צעשטאָכן די פיס און גענומען לויפן ווילדערהייט אין סטעפּ אריין, אַראָפּוואַרפנדיק די רייטער. אין איין אָרט, אַרום דאָרף קראַסנאָפּאָלקע, איז אונז אויסגעקומען גאַר שלעכט. דריי פון אונזעריע פּאָלקן האָבן זיך דאָרט געזאָלט צוזאַ־מענטרעפן און מיט פאַראייניקטע קרעפטן מאַרשירן קעגן דעניקינ'ס אָן אַטריאַד, וואָס איז געווען ניט ווייט צו מערב צו. מיר האָבן זיך געזאָלט צענויפגיין באַנאַכט, דורך פעלדער, אין אַ וועלדעל אַף אַ באַרג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער שונא ווייסט פון אונזערע פּלענער. ניט קוקנדיק אַף דער טונקעלער נאַכט און אַף אונזער פאָרזיכט, האָט די פיינטלאַכע אַרטילעריע געשאָסן און גע־

טראָפן אונזערע סאָלדאַטן. קיין צופאַל האָט עס ניט געקאָנט זיין: עמיצער האָט מסתמא געלאָזט דעם שונא צו וויסן, וואָס מיר טוען. מיין פּאָלק איז געווען דער לעצטער אָנצוקומען אויפן באַשטימטן אָרט. סך הכל זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ וויאָרסט פערצן. אין איין אָרט האָבן מיר געדאַרפט אַריבערגיין אַ טייכל. דאָס בריקל איז געווען צעבראָכן, אָבער דאָס וואַסער איז ניט געווען טיף, זענען מיר געגאַנגען אין וואַסער. גראָד דעמאָלט האָט מען גענומען באַשיסן דאָס וואַסער מיט האַרמאַטן. די האַרמאַטן זענען געווען פאַרבאָרגן הינטער אַ בערגל, און מיר האָבן זיי ניט געקענט אויסגעפינען, כדי צו ענטפערן פון אונזער זייט. אין יענער שיסעריי האָבן מיר אָנגעוואָרן צוויי הונדערט טויטע. אַ פופציק שווער־פאַרוואונדעטע האָבן מיר געבראַכט מיט זיך און אַ הונדערט לייכט־פאַרוואונדעטע האָבן זיך אַליין דערשלעפּט צום פאַרזאַמלונגס־פונקט. אַ סך זענען געבליבן ליגן אָנמעכטיק אין די פעלדער, וואָס דאָס איז געווען זיכערער טויט, וואָרים טאָמער האָבן די דעניקינצעס געפונען אונזערן אַ פאַרוואונדעטן, האָבן זיי אים דערשטאָכן אויפן אָרט.

מיט אַ שווער געמיט האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אויפן בערגל אין וואַלד. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. די סאָלדאַטן זענען געווען טויט־מיד. די קאָמאַנדירן האָבן זיי דערלויבט כאַפּן אַ דרעמל, אָבער אויפשטעלן געצעלטן האָט מען ניט געהייסן, ווייל מ'האָט מורא געהאַט, אַז יעדע מינוט קען פּאַרקומען אַן אַטאַקע. די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ קריגס־ראַט צו באַטראַכטן די לאַגע. מיר האָבן זיך געפילט ווי חיות אין אַ פּאַסטקע: פון דריי זייטן האָט אויף אונז געלויערט דער שונא. ער האָט, קענטיק, געוואוסט פון יעדן ריר אונזערן, און מיר האָבן ניט געוואוסט באַשטימט, וואו ער געפינט זיך און ווי גרויס עס איז זיין קראַפט. מיר האָבן געטאַפּט ווי אין דער פינצטער. די שטימונג איז געווען זייער אַ געדריקטע. מיר האָבן ניט געהאַט קיין שום פּלאַן. וואַרטן איז ניט געווען מעגלאַך. אונזער איינציקער לופט־פליער, וואָס וואָלט געקענט אויסגעפינען די פּאָזיציעס פונעם שונא, איז נעכטן פאַרוואונדעט געוואָרן, פליענדיק, און האָט געמוזט זיך אַראָפּלאָזן אינמיטן פעלד. די מאַשין איז געווען מיט אונז, אָבער דער פליער איז געלעגן אין היץ מיט אַ קויל אין דער זייט. שלעכט.

ווי מיר זיצן אַזוי און רעדן, רופט זיך אָפּ דער קאָמיסאַר פון דעם שכנה'שן פּאָלק:

„אפשר וואָלטן מיר גערופן דעם חבר מוראַטאָוו. טאָמער קען ער אונז געבן אַן עצה?"

פרעג איך:

„ווער איז מוראַטאָוו?"

זאָגט מען מיר:

„דאָס איז אַ כאַרקאָווער חבר, אַ קאָמוניסט. ער האָט זיך קוים מיט צרות ארויסגע'גנב'עט פון די הענט פון די ווייסע. ער האָט זיך געבלאָנקעט אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן פראָנט. ווילן וויל ער פאָרן קיין מאָסקווע, אינם רשות פון צ. ק., אָבער דערווייל איז ער געבליבן מיט אונז".

אַן אַנדער חבר האָט זיך אריינגעמישט:

„וואָס קען אונז מוראַטאָוו העלפן?"

ענטפערט מען:

„עס ווייזט זיך ארויס, אַז ער קען די געגנט אויסגעצייכנט. ער האָט אונז ניט איינמאָל געהאָלפן אויסגעפינען דעם ריכטיקן וועג".

שיקט מען אַ סאָלדאַט רופן מוראַטאָוון.

ס'איז שוין געווען העלער טאָג. אין מזרח האָט געברענט אַ רויטער פּאַס. פויגלען האָבן געפּישטשעט. מיר זענען געווען מיד און הונגעריק און פארשטויבט, און אָפּן הארצן האָבן „קעץ אונז גע־דראַפּעט", אָבער ניט ווילנדיק האָב איך געפילט די שיינקייט פונ'ם פרימאָרגן. ווען ניט אָט די מינוטן פון שיינקייט, וואָלט מען ניט געקענט אריבערטראָגן די פּיין פון מלחמה. אין עטלאָכע מינוט אַרום האָט מען געבראַכט דעם חבר מוראַטאָוו. איך הויב אויף די אויגן און דערזע מיין אַלטן פריינט וולאַדימיר גאַווריליאָוו.

איך האָב געקענט גאַווריליאָוון פון אַמאָליקע יאָרן. נאָך אין גימנאַזיע האָבן מיר אינאיינעם שטודירט, נאָכדעם האָבן מיר אין מאָסקווער אוניווערזיטעט געהערט צו איין זעמליאַטשעסטוואָ (רע־וואָלוציאָנערע לאַנדסמאַנשאַפט). שפּעטער בין איך געוואָרן אַ באָל־שעוויק, ער—אַן עסעראָווער*) מיט פאַנטאַסטישע פּלענער פון טעראָר

*) עס־ער — סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

און פֿויערשע פֿאַרשווערונגען. דעם אוניווערזיטעט האָב איך ניט געענדיקט, ווייל מע האָט מיך פֿאַרשיקט קיין סיביר, אין אירקוטסקער גובערניע, אַף דריי יאָר. דאָרט האָב איך ווידער געטראָפֿן גאַווריל Ȧווןן, אויך אַ פֿאַרשיקטן, אָבער אַף פּאָסעליעניע (אַף אייביק). אין דעם דערפֿל פֿון אירקוטסקער גובערניע האָבן מיר זיך נאָך נענטער באַפֿריינדעט. מיר האָבן אינאַיינעם געלייענט, אָפֿט דעבאַטירט, אינאַיינעם געוואַרט אַף דער פּאָטשט, אינאַיינעם געגאַנגען אַף יאַגד. דריי יאָר זיינען ניט קיין טאָג. מענטשן ווערן ניט ווילנדיק צונויפֿגעגאָסן. איך האָב אים געהאָלפֿן מיט געלט, ער מיר — מיט ביכער, וואָס ער פֿלעגט קריגן הויפּנווייז דורך זיין כלה אין כאַרקאָוו. מיר פֿלעגן זיך אָפֿט זאָגן, אַז ווען ניט די גוזעלשאַפֿט פֿונ׳ם צווייטן, וואָלטן מיר געמוזט אַראָפּ פֿונ׳ם זינען אין דעם פּוסטן סיבירער דערפֿל מיט די האַלב־ווילדע פּויערים און וויסטע וועלדער אַרום און אַרום. סוף כל סוף האָבן מיר זיך באַזעצט אינאַיינעם, אין איין שטיבל, און האָבן זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי ברידער. טאַקע צוליב מיר איז אים געראָטן צו אַנטלויפֿן פֿון סיביר. ווען מיין צייט איז אַריבער, האָב איך פֿון אירקוטסק אים אַרויסגעקריגן אַ פֿאַלשן פּאַס מיט געלט און מיט די נויטיקע קליידער. אַזוי ווי איך האָב געקענט יעדן מויזן־לאָך אין יענער געגנט, האָב איך די חברים געגעבן אַלע ידיעות, מיט זיי אויסגעאַרבעט די גענויסטע פּלענער, און אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין באַפֿרייאונג איז ער שוין ווידער געווען אין רוסלאַנד. זיינע חברים האָבן זיך נאָך דעמאָלט געוואָרטלט איבער מיר, אַז איך העלף אַן עסעראָווער. איך האָב נאָר געשמייכלט. איר ווייסט דאָך אַז אין יענע צייטן איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער — אַ רעוואָלוציאָנער, צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי ער זאָל ניט געהערן.

נו, און אַז עס איז געקומען די פֿעוורואַר־רעוואָלוציע, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. איצטיקס מאָל אין פּעטערבורג, שוין אַלס פּאָליטישע געגנער. אָבער אַלץ נאָך פֿערזענלאַכע פֿריינט. ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געוואָרן אַ פֿאַרביסענער שונא. איך האָב זיך מיט אים אינטערעסירט. מיר האָט ווי געטאָן, וואָס גראָד ער, אַ פֿריינט, כמעט אַ ברודער, איז אַזאַ פֿאַרסמ׳טע נשמה. וואָס ווייטער איז ער געוואָרן ערגער. איך האָב געהערט, אַז ער איז אין כאַרקאָוו, אַרבעט מיט די ווייסע. איך

האָב געלייענט אייניקע פון די אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן אין די ווייסע־גוואַרדייסקע צייטונגען. שרעקלאַכע אַרטיקלען. אַ ליגן אַף אַ ליגן. העסלאַכע בלבולים, איינער שוידערלאַכער פון דעם צווייטן. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז אַ בייזער גייסט איז אַריין אין אים, אַן אָנשיקעניש האָט בלינד געמאַכט זיינע אויגן און אָנגעפילט מיט שמוץ זיין נשמה. וואו האָט זיך גענומען אַזוי פיל נידערטרעכטיקייט אין אַ געוועזענעם רעוואָלוציאָנער? וואו האָט ער געשעפּט אַזוי פיל ביטערן האַס קעגן דער נייער אָרדנונג? איך געדענק דעם סוף פון זיינעם אַ צייטונגס־אַרטיקל. „הענגען!" — האָט ער געשריבן — „הענגען אָן רחמנות! אָבער פריער שמייסן מיט ריטער, אַנידערלייגן די רויטע מיט'ן רוקן אַרויף און שמייסן ביז בלוט!" — אַזוי האָט גערעדט אַן עס־ער. אמת, אויך פריער איז ער ניט געווען קיין שטאַרקער מענטש. ער איז געגאַנגען מיט'ן שטראָם. ער האָט געלעבט מיט שטימונגען מער ווי מיט איבערציגונג. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז אין גרונט איז ער אַן איבערגעבענער, גוטער, טרוימערישער, סענטימענטאַלער און העכסט פאַרפיינערטער מענטש. איצט איז אין אים אַריין דער דבוק פון ברודער־האַס.

און איצט האָב איך אים דערזען אַפ'ן בערגל, גאַנץ פרי, אינמיטן דעניקינ'ס פּאָזיציעס. כלומר'שט אַ קאָמוניסט, אַן אַנטלאָפענער פון כאַרקאָוו, כלומר'שט אַ העלדישער חבר מוראַטאָוו. ער מיך האָט ניט גלייך באַמערקט. ווען ער האָט אַ ביסל שפּעטער זיך אויסגעדרייט און מיך דערזען, איז ער בלייך געוואָרן, און אַ ציטער איז דורך איבער זיין פּנים. די חברים האָבן זיך דערויף ניט אומגעקוקט, זיי זענען געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט דער לאַגע. איך אָבער האָב אים ניט אַרויסגעלאָזט פונ'ם אויג. מיין ערשטער פאַרלאַנג איז געווען אויסשרייען „גאַוורילאָוו", זאָגן ווער ער איז, זיך אַ וואָרף טאָן צו אים, איך האָב אַליין ניט געוואוסט נאָך וואָס. אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן. מיין ערשטוינונג און מיין ערשיטערונג זענען געווען צו גרויס. און ער, גאַוורילאָוו, האָט נאָך געהאַט דעם מוט צו רעדן מיט די חברים, אויסהערן זייערע באַקלאָגונגען, כאָטש קיין באַשטימטע עצות האָט ער ניט געגעבן, און כאָטש זיין אונטערשטער קינבאַק האָט נאָכאַנאַנד געציטערט און

דאָס פּנים האָט זיך באַ אים געמיניעט. פון די חברים האָט קיינער אים ניט געקענט אחוץ מיר.

די באַראַטונג האָט זיך באַלד געענדיקט. מ׳איז ניט געקומען צו קיין באַשטימטן באשלוס, און מ׳האָט אָפּגעלעגט די אַנטשיידונג אַף שפּעטער. די חברים זענען זיך צעגאַנגען יעדער צו זיינע סאָל־דאַטן. איך בין געבליבן מיט גאַווריליאָון אַליין. ס׳איז געווען אין סאַמע מיט פון אונזער אַרמיי, און איך האָב געוואוסט: אַנטלויפן איז פאַר אים ניט מעגלאַך.

מיר זיינען אָפּגעגאַנגען עטלאַכע טריט און געבליבן שטיין הינ־טער געדיכטע קוסטעס, וואו קיינער האָט אונז ניט געקענט זען. איך האָב געקוקט אַף אים, ער אַף מיר. פּלוצלונג האָט אַ געלעכטער פאַרקרימט זיין פּנים. אַ נערוועזער געלעכטער פון אַ שוועכלינג, וואָס קען זיך ניט באַהערשן. אין מיר האָט אויפגעקאָכט דאָס בלוט. עס איז אויסגעקומען, אַז ער מאַכט פון מיר חוזק, כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז וויט פון חוזק. איך האָב אים איבערגעמאָסטן מיט די אויגן פון אויבן אַראָפּ און אַ זאָג געטאָן:

„וואָס טוסטו דאָ? רעד, אָבער דעם אמת".

ער ווערט פּלוצלונג פריינטלאַך. אַן אַלטער פריינט, זיך ניט געזען צוויי יאָר.

„לאָז צורו מיט דער שטרענגקייט", — זאָגט ער. — „דערציייל בעסער, וואָס מאַכסטו. עס פרייט מיך דיך צו טרעפן אַזוי אומ־געריכט".

און עפּעס אַ פונק פון דער אַמאָליקער וואַרעמקייט — ווי ווילד דאָס זאָל ניט אויסקומען — האָט זיך דערפילט אין זיין טאָן. ער איז דאָך אַזאַ נאָנטער מענטש. וואָלאָדקאַ, וואָלאָדקאַ גאַווריליאָוו.

איך וויל בלייבן פעסט. איך כמורע מיינ׳ע ברעמען און זאָג שטרענג:

„ס׳איז איצט ניט די צייט פאַר שפּאַס. זאָג, וואָס טוסטו דאָ? דו ביסט דאָך אַ פאַרברענטער דעניקינעץ".

יענער רייסט אָפּ אַ צווייגל, פּליקט דערפון איינציקווייז די בלעטער, פּאַכט מיט׳ן ריטל און שלאָגט אַראָפּ דעם שטויב פון זיינע שטיוול. טראָגן טראָגט ער אַ ברוין העמדל און גרויע פּאַרוסינאָווע הויזן. דאָס פּנים איז אָפּגעברענט און געעלטערט. אַ קיילעכדיק

פּנים מיט אַ קלײנער נאָז און אַ קלײן מײלכעל און אָפּגעשטאַנענע אויערן. די אויגן זענען פול מיט זאָרג און מורא. איך קען די אויגן אַזוי גוט. ברוינע, טרוימערישע אויגן. און האָר האָט ער בלאָנדע. דער אַלטער פרײנט גאַווריליאָוו.

ער זאָגט געלאַסן:

„וואָס אײלסטו דיך? דער טאָג איז נאָך גרויס. קום, זעץ זיך אַוועק. לאָמיר רעדן ווי אַלטע חברים".

און ער טוט מיך אַ ציִ פאַר'ן האַנט און מיר זיצן אַפּ'ן גראָז. ער פאַרלײגט אַ פוס איבער אַ פוס, ווי ער פלעגט אַמאָל טאָן אין די וועלדער אין אירקוטסקער גובערניע — און ער איז ווידער דער אַלטער גאַווריליאָוו.

„וואָס מאַכסטו עפּעס? און וואָס מאַכט דײן אַלטע מאַמע? און קאַטיאַ?"

קאַטיאַ איז מײן שוועסטער. מײן אײנציקע שוועסטער. מיר האָבן וועגן איר גערעדט אַזוי פיל.

איך פיל, ווי ערגעץ איז מײן שנאה צעשוואָומען. איז דאָס די מאַכט פון געוואוינהײט, אָדער אפשר זענען מענטשן — מענטשן, וואָס פאַר אַ בערג עס זאָלן זײ ניט צעשײדן?

איך שווײג. דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר. איך דאַרף זיך אײנהאַלטן, ניט אַרויסווײזן מײנע געפילן.

ער טוט אַ טיפן זיפץ, אַקוראַט ווי ס'וואָלט אים גרינגער געוואָרן אױף דער נשמה.

„אַך, ס'אַרא שײנער פרימאָרגן! אין די אירקוטסקער וועלדער האָבן קײנמאָל די פײגעלעך אַזוי ניט געזונגען. דאָס געבענטשטע רוסלאַנד".

און ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל און פּאַכט זיך איבער'ן שטערן און גלעט מיט דער לינקער האַנט דאָס זײדענע גראָז.

„נו, דערצײל. שוין לאַנג ביסטו פון מאָסקווע? און וואָס מאַכט דײן פוס?" — איך האָב אַמאָל געהאַט רעוומאַטיזם אין לינקן פוס. גאַווריליאָוו האָט דאָס ניט פאַרגעסן.

און פלוצלונג רוקט ער זיך צו גאָר נאָענט און זאָגט מיר פאַרטרויליך:

„נו, זאָג עפּעס. זײ ניט בײז".

און איך ענטפער:

„וואָס איז דאָ צו זאָגן. איך וויל וויסן ווי קומסטו דו דאָ".

און פּלוצים טוט מיר אַ זעץ אין קאָפּ און אין האַרצן דער געדאַנק: ער וויל מיך דאָך נאַרן! ער וויל מיך אונטערקויפן מיט ווייכע ווערטער! ווי שענדלאָך! איך האַנדל ווי אַ באָבע!

איך שפּרינג אויף. ער, ניט ווילנדיק, נאָך מיר. איך זאָג מיט שטרענגקייט, אָבער איך פיל, אַז די שטרענגקייט איז אַ האַלב געמאַכטע:

„דו ביסט אַ שונא. איך האָב געלייענט דיינע אַרטיקלען. איצט געפין איך דיך אין אונזער אַרמיי. וואָס הייסט דאָס? ווי קענסטו דאָס דערקלערן?"

ער מאַכט אַן ערנסטן פּנים, אָבער איך זע: די אויגן לויפן בּאַ אים אַהין און אַהער. ער זאָגט:

„איך וויל פאָרן קיין מאָסקווע, זיך שטעלן אינ׳ם רשות פונ׳ם צ. ק."

איך פרעג:

„ביסט דאָך ניט קיין קאָמוניסט?"

ער ענטפערט מיט אַ פראַגע:

„פון וואַנען ווייסטו? אַ מענטש קען בייטן זיינע איבער־צייגונגען".

איך האָב נאָך צוריק מיט צוויי־דריי וואָכן געלייענט זיינע שרעקלאַכע פּאַסקווילן. אָבער איך פרעג:

„פאַרוואָס באַהאַלטסטו דיין נאָמען?"

ער זאָגט:

„ווי קען דען אַנדערש זיין? מיינסט, אַז דעניקינס באַנדעס וואָלטן מיך דורכגעלאָזט, אויב איך טראָג מיין אייגענעם נאָמען?"

עפּעס ווערט מיר אַ טומאַן אין מוח. יאָ גלויבן, ניט גלויבן? ס׳איז דאָך לעבערלאָך. וואָס טוט זיך דאָס מיט מיר?

איך זאָג:

„ווי קענסטו באַווייזן, אַז דו זאָגסט דעם אמת?"

ער נעמט אַרויס אַ פּאַרטיי־קאַרטע און ווייזט מיר. אַ גע־ווינלאָך רויט ביכעלע מיט׳ן נאָמען: אַנאַטאָלי מוראַטאָוו.

מיר טוט א בליץ אין מוח דער געדאנק: מע דארף דאָך זיין משוגע צו האַלטן אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי־קאַרטע אין קעשענע, ווען מע וואַנדערט איבער אַ לאַנד, וואָס איז פאַרנומען פון דעניקינ׳ס באַנדעס. מאַכט ער שפּאַס? ער טרעפט, אַפּנים, מיין געדאַנק און זאָגט:

„איך האָב זי גוט באַהאַלטן. זייער קונציק. קיינער וואָלט זי ניט געפונען. איך האָב זי געהאַלטן אין דער זויל פון מיין שטיוול“.

און ער שמייכלט דערביי אַ פריינטלאַכן שמייכל און קוקט מיר אין די אויגן מיט תחנונים.

מיך הויבט אָן שטיקן דער אָטעם. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ווייכע פעדים שפּינען מיך אַרום, וועבען מיך אַרום און איך וועל זיך באַלד ניט קענען רירן. איך מוז צערייסן די פעדים וואָס גיכער. איך מוז אָנזאַמלען אַלע מיינע כחות.

איך שווייג אַ ווײַלע און זאָג אַרויס גאַנץ רואיק און שטרענג, כאָטש די רואיקייט קאָסט מיך אַ שטיק געזונט:

„דו ביסט אַ שפּיאָן. דו האָסט געגעבן די דעניקינצעס אינ־פאָרמאַציע וועגן אונז“.

יענער גלייכט זיך אויס. פאַרמאַכט אויף אַ רגע די אויגן, ווי פון מידקייט. שטייט און שווייגט.

איך זאָג:

„זיי זיך בעסער מודה. אַניט הייס איך דיך באַלד אַרומזוכן“.

ער שווייגט. נאָכדעם זאָגט ער מיט אַ קאַפּריזנעם טאָן, ווי אַ ברוגז קינד:

„און אַז דו וועסט גאָרניט געפינען, וואָס וועט זיין?“

איך ענטפער:

„אויב איך וועל גאָרניט געפינען, וועל איך סיי ווי סיי זאָגן די חברים, אַז דו ביסט גאַווריליאָוו, וועט מען דיך שטעלן פאַר׳ן מיליטערישן טריבונאַל“.

ער באַלעקט די טרוקענע ליפּן. שפּייט אויס, ווי אַ בראַוווער קאָזאַק (וואו האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט?), טוט אַ מאַך מיט׳ן האַנט, ווי איינער רעדט: „עט!“ נאָכדעם זאָגט ער מיר מיט אַ זיסן שמייכל:

„דו וועסט דאָס דאָך ניט טאָן אַן אַלטן פריינט!“

און ער לייגט אַרויף אַ האַנט אַף מיין אַרבל. און ער שטייט גאָר נאָענט צו מיר.

עפּעס טוט זיך אין מיר אַ הויב, ווי אַ ספּרוזשינע וואָלט זיך אויסגעגלייכט. כמעט מעכאַניש, נאָך איידער איך האָב צייט צו טראַכטן, טו איך אים אַ שטאַרקן שטויס אין ברוסט; ער וואַקלט זיך אַ פּאָר טריט אַף הינטן און פאַלט אום. מיר ווערט ליכטיקער אין די אויגן. איך פיל, אַז איך האָב זיך געראַטעוועט.

איך וויל, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין. איך זע, די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון זיינען אייך ניט קלאָר. איר דאַרפט וויסן, אַז די גאַנצע צייט איז אין מיר פאָרגעקומען אַ דאָפּעלטער פּראָצעס. מיט'ן געדאַנק האָב איך געוואוסט, אַז גאַווריליאָוו איז אַ שפּיאָן. איך האָב געטראָפן, אַז דאָס איז ער צוגעשטאַנען צו אונזער אַרמיי, כדי צו העלפן דעניקינ'ען. איך האָב ניט געצווייפלט, אַז ער האָט פאַרדינט דעם טויט. אַפ'ן האַרצן אָבער און מיט אַלע עמפּפינדונגען האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז וואָלאָדיאַ, מיין אַלטער גוטער פריינט, וואָלאָדיאַ פון גימנאַזיע און אוניווערזיטעט און סיביר; וואָלאָדיאַ, וואָס האָט מיט מיר געוואוינט אין איין שטיבל און וואָס איך האָב געקענט יעדן מאַך פון זיין האַנט און יעדן קנייטש פון זיינע ברעמען. אָט דער וואָלאָדיאַ איז געווען מיינער אַן אייגענער מענטש, כמעט אַ ברודער — און עפּעס האָב איך איהם ניט געקענט צונויפבינדן מיט יענעם וואָלאָדיאַ גאַווריליאָוו'ן, דעם שפּיאָן, וואָס האָט געהאָלפן דעם שונא אונז אַרומרינגלען פון דריי זייטן. אָט די צווייאיקייט איז געווען פאַר מיר אַ שרעקלאַכע פּיין. ניט ווילנדיק האָט זיך באַקומען, אַז איך סימפּאַטיזיר מיט'ן פאַרברעכער. בשום אופן האָב איך ניט געקענט נעמען דעם טאָן, וואָס אַ פרעמדער וואָלט גענומען, ווען ער באַגעגנט אַזאַ נפש. מאָדנע: איך האָב ניט געהאַסט גאַווריליאָוו'ן מיט'ן האַרצן, כאָטש מיט'ן מח האָב איך פאַרשטאַנען וואָס ער איז. איך האָב געמוזט אויפשטעלן אַ וואַנט צווישן מיר און אים. כדי צו קענען האַנדלען ווי מיין חוב פאַרלאַנגט. קענטיק, ער האָט אויך אינסטינקטיוו געוואוסט, אַז ער מוז ריידן צו מיר ווי צו אַ פריינט. קיין גרויסער חכם איז ער ניט געווען, אָבער מיט'ן חוש פון אַ חיה, וואָס ראַטעוועט זיך פון אַ טויט-געפאַר, האָט ער אָנגעטאַפּט די האַלטונג, וואָס איז פאַר אים אַם בעסטן.

מיט דעם שטוים האָב איך זיך אָפּגעטיילט פון אים. איך האָב זיך אָנגעהויבן באַפרייען פון אים.

ער איז אומגעפאַלן מיט׳ן קאָפּ אױף אַ קוסט. דאָס היטל איז אַראָפּ און געבליבן ליגן לעבן אים. מיט מי האָט ער זיך אויסגע־קירעוועט אױף אַ זייט, גענומען דאָס היטל, עס אַרויפגערוקט אַפ׳ן קאָפּ און זיך אויפגעהויבן. ס׳איז אים געווען שווער, מסתמא האָט אים ווי געטאָן פונ׳ם קלאַפּ. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ זייט, געגעבן אַ קרעכץ, און איך האָב געפילט, אַז דער קרעכץ איז אַן איבערטריבענער, אַז ער קרימט זיך צופיל, כדי אין מיר צו דערוועקן רחמנות. אין מיר האָט זיך דערוועקט אַן עקל. דער עקל האָט מיר געהאָלפן זיך נאָך מער אָפּטיילן פון אים. איך האָב געזען פאַר מיר אַ קאָמעדיאַנט, וואָס וויל מיך נאַרן. דער קאָמעדיאַנט האָט אָנגעהויבן פאַרשטעלן דעם פריינט וואָלאָדיאַ.

איך בין נאָך אַלץ ניט געווען אַנטשלאָסן. מיר האָבן געשוויגן. ער האָט, אַפּנים, געוואַרט איך זאָל אָנהויבן ריידן. אפשר האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. איך האָב געקוקט אױף זיין פיגור, זיין קיילאַכדיק פּנים מיט׳ן פאַרקרימטן מיילכעל — און מיך האָט געעקלט.

ענדליך רעדט ער אַרויס:

„נו, וואָס וועט זיין?״

ער גלויבט נאָך, קענטיק, אַלץ ניט אין דער ערנסטקייט פון זיין לאַגע. איך בין ז י י נ ע ר, זיין פריינט אַרקאַדי.

ער זעהט מיך שווייגן, זאָגט ער געלאַסן:

„נו, איך וועל גיין צו מיין פאָלק.״

ז י י ן פאָלק! דאָס הייסט, אונזער רויטער פאָלק, צו וועלכן ער איז צוגעשטאַנען ניט לאַנג.

און ער לאָזט זיך גיין ניט געאיילט, מיט קליינע טריט. ער גלויבט אַליין ניט, אַז ער איז גערעטעט.

איך גיי אים נאָך. מיר גייען אַריבער אַ קליין שטיקל פעלד אין מיטן וואַלד. אױף יענער זייט, אונטער בוימער, האָט מען צונויפ־געלייגט אונזערע פאַרוואונדעטע. איך האָב געהאַט פאַרגעסן וועגן זיי. איצט טוט מיך אַ ברי אין האַרצן און אַ הייסע כוואַליע טוט זיך אַ גאָס איבער מיינע אברים פון אויבן אַראָפּ. אָט דער מענטש האָט דאָך אומגעבראַכט אַזוי פיל חברים.

„מערדער!" — רייסט זיך ארויס פון מיין מויל. איך פיל: איך ווער בלייך. די האָר הויבן זיך אַף מיין קאָפּ.

ער בלייבט שטיין, טוט אַ קוק, דערשרעקט זיך. דאָס ערשטע מאָל זינט ער האָט מיך באַגעגנט האָט ער זיך אַף אַן אמת דערשראָקן. ער טוט אַ זאָג גאַנץ שנעל, ווי אַן אויסגעלערנטן אוראָק:

„מלחמה איז ניט מאָרד. יעדערער קעמפט פאַר זיין אידעאַל. איר טויטעט דען ניט דעם אַנדערן צד?"

„איר!" ער האָט זיך, ניט ווילנדיק, אויסגערעט. ער האָט זיך מודה געווען! אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז — דער „אידעאַל"! דעניקינצעס פאַרטיידיקן אידעאַלן. דער גאַנצער האַס וועקט זיך אויף אין מיר — האַס קעגן מיאוס'ן געגנער, האַס קעגן פינסטערע כחות, האַס קעגן די קוילער פון דער רעוואָלוציע. דעניקינ'ס אידייען! דאָס קען אַראָפּפירן פון זינען. דעניקינ'ס דע־מאָקראַטיזם און אונזער דעספּאָטיזם. אָט איז ער — דעניקינ'ס פריינט, דער פאַררעטער, דער מחבר פון פּאַסקווילן, ערגער ווי אַ געוועזענער קאַדעט, ערגער ווי אַ געוועזענער אָקטיאַבריסט. האַ, ווי ער מאַכט דאָס חוזק פון מיר. דעניקינ'ס אידעאַלן. דער אַלטער האַס ווינגט זיך אין מיר, הויבט זיך, הויבט מ י ך, גלייכט מיך אויס און באַפרייט מיך. איך ווייס וואָס צו טאָן. איך בין כמעט רואיק. איך האַנדל שנעל, פּינקטלאַך, לייכט. יעדער מוסקול אין מיר איז פול מיט לעבן.

איך כאַפּ אים באַם האַנט און זאָג אים:

„קום!"

ער פאַרשטייט נאָך ניט.

„וואוהין?"

„קום, פּראָקליאַטאַיאַ גאַדינאַ!" (פאַרשאָלטענער שרץ)

איך שלעפּ אים מיט געוואַלט צום פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך די אַנדערע קאָמיסאַרן.

ער רעדט אַרויס:

„לאָז מיך אָפּ."

איך שווייג.

„לאָז מיך אָפּ, זאָג איך. לאָז מיך אָפּ."

ס'איז דאָ רוגז אין זיין שטים. נאָך מער — שרעק.

ער טוט זיך פּלוצים אַ ריס און לאָזט זיך לויפֿן. אידיאָט! וואוהין וועט ער לויפֿן? אַרום און אַרום אונזערע סאָלדאַטן.

ער דערזעעט פון דער ווייטנס אונזערע מענטשן און בלייבט שטיין.

איך זאָג:

„קום!"

ער דרייט זיך אוים צו מיר — און וויפיל איך לעב האָב איך נאָך אַזאַ פּנים ניט געזען. בלייכקייט פון טויט. אַנגסט פון טויט.

ער זאָגט:

„האָב אַף מיר רחמנות."

זיין קול עקלט מיך. זיינע ווערטער דערקוטשען. וואָס קען איך טאָן? איך בין שוין רואיק.

ער זאָגט:

„קריג איז קריג. אַלע מיטלען זיינען גוט. דיר פּערזענלאך בין איך קיין שונא ניט."

איך ענטפער:

„לאָז צורו. ניטאָ וואָס צו ריידן. קום!"

ער פאַלט פּלוצלונג אַף די קני. הויבט צו מיר די אויגן. אומ־געוויינלאך — זען אַ מענטשן אַף די קני. ס'איז לעכערלאך און קינדעריש. איך דערפיל אַ ווייטאָק אין האַרצן.

יענער בעט זיך:

„האָב רחמנות. ביזסט אַ פריינט. איך האָב דיר קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן. דו ביזסט דאָך ווי אַן אייגענער."

איך פיל, ווי מיין האַרץ פאַרקוועטשט זיך. עפּעס רייסט זיך אין מיר אָפּ אינוועניק. איך זאָג:

„אַנדעריש איז ניט מעגלאך. דיין רעכט מוז דיר געשען."

ער טוט אַ כאַפּ מיין האַנט, האַלט זי צו מיט זיינע ביידע הענט. איך פיל ווי זיי ציטערן.

„האָב רחמנות. לאָז מיך ניט שטאַרבן. דו וועסט מיך ניט איבערגעבן צום טויט. מיין אַרקאַשאַ."

מיר איז הייס. פון ערגעץ קומען שאַרפע, גיפטיקע נעבלען, וויקלען אַרום מיין מח. ס'האַמערט אונטער מיין שאַרבן. אוי, וואָס טו איך!

יענער כאַפּט זיך אויף, רעדט ווי פון היץ. ער פילט, אַז וואָס מער ער רעדט, אַלץ שווערער איז מיר צו האַנדלען.

„אַרקאַדי! געדענקסט ווי מיר האָבן פּונקט אין אַזאַ פרימאָרגן געוואַנדערט איבער די וועלדער? ס'איז דיר געווען אַזוי גוט אַפּ'ן האַרצן, אַז דו האָסט אַפילו אַ חיה ניט געוואָלט שיסן. „אַלצדינג לעבט", — האָסטו געזאָגט, — „אַלצדינג אָטעמט. טאָ זאָל זשע זיך אַלץ פרייען". געדענקסט דאָס ליד, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן יענעם פרימאָרגן? איך ווייס עס נאָך: „אַף אַ רייטוואָגן פון גאָלד איז געקומען דער פרידן"...

איך פיל, אַז איך זינק ערגעץ, איך פאַל טיפער, ווי פון אַ טורם. איך דאַרף זיך ציען אַרויף — און קאָן ניט. מיין אייגן קול הער איך ווי פון דערווייטנס:

„דו ווייסט, איך קאָן ניט, ס'איז מיין פליכט".

יענער פאַלט צו צו מיר, לייגט אַרויף זיין קאָפּ אַף מיין ברוסט. ער איז נידעריקער פון מיר און שוואַכער.

„אַרקאַדי, איך האָב אַ מאַמע. האָב רחמנות אַף מיין אַלטער מאַמע. זי דערמאָנט דיך ווי אַ גוטן פריינד.

איך שווייג.

„!אַרקאַדי, לאָז מיך גיין. קיינער וועט ניט וויסן. וואָס זיינען אַלע מלחמות און רעוואָלוציעס קעגן אַ מענטשלאַך לעבן?"

האַ! ווי שוידערלאַך! דער מענטש רעדט נאָך. זיין לעבן! פאַרוואָס האָט ער ניט געטראַכט וועגן פרעמדע לעבנס? איצט פילאָזאָפירט ער. גענוג! איך פיל, מיר איז ווידער גרינג. דער מענטש איז מיר אַ פרעמדער. ער איז אַ שונא. איך טו אַ געשריי:

„הער אויף ריידן! דו — שפּיאָן!"

מיין קול איז אומנאַטירלאַך. אין האַלז איז מיר טרוקן.

יענער קוקט אַף מיר מיט פאַרגליווערטע אויגן. זיין מויל איז האַלב אָפן, זיין פנים איז געעלטערט.

„אַרקאַדי, טייערער! טו עס צוליב דיין מאַמען, צוליב דיין איינציקער שוועסטער!"

וואָס וויל דער מענטש האָבן פון מיר? וועל איך זיך קיינמאָל פון אים ניט באַפרייען? אַף מיינע פּלייצעס ליגט אַ משא. זי בויגט מיך צו דער ערד. דאָס האַרץ דריקט, דריקט.

מען דאַרף ענדיקן. איך קאָן ניט. ווי וועל איך איבערגעבן א פריינד צום טויט?

און פּלוצלינג דערהער איך פון דער ווייטנס א טרומפּייט. מען רופט די סאָלדאַטן זיך שטעלן אין די רייען. דער שונא איז מסתמא ניט ווייט. דעם שונא האָט אהער געבראַכט דער פאַררעטער.

איך גלייך זיך אויס. איך ווייס וואָס איך דאַרף טאָן. איך בין א רעוואָלוציאָנער. די רעוואָלוציע וויל ניט וויסן פון מיינע געפילן. איך בין נאָר אַ סאָלדאַט. מיין פליכט פאַר מיינע חברים, — די ערשטע פליכט. איך בין א קאָמוניסט.

גוט צו זיין א מיטגליד פון א קאָלעקטיוו. גוט צו זיין איינער פון א רייע. איך טו ניט צוליב זיך. איך טו צוליב אַלע. וואָס איז ווערט מיין רחמנות?

איך האָב געזאָגט גאַווריל‎אָוון — גאַנץ רואיק, גאַנץ געלאַסן — אז אויב ער וויל, קען ער זיך דערשיסן, וועט ער פאַרשפּאָרן דעם משפט און דאָס וואַרטן. דער מענטש האָט דאָס ניט געוואָלט, ניט געהאַט די קראַפט.

איך האָב איהם געמוזט איבערגעבן דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. איך בעט אייך, פאַרלאַנגט פון מיר ניט, איך זאָל שילדערן די לעצטע סצענעס. דער מענטש האָט זיך געקלאַמערט אָן מיר, געקושט מיינע הענט, געוויינט. איך האָב אַליין אויך גע־וויינט — איך ווייס אַליין ניט איבער וואָס. אפשר איבערן טרויעריקן מזל פון דער מענטשהייט.

נאָך איצט הער איך די בעטנדיקע, דערשראָקענע, ווילדע אויס־רופן: „ארקאדי, ארקאדי! זיי זיינען דאָך אַלע פרעמדע. דו ביסט מיין איינציקער אייגענער דאָ! ראַטעווע מיך! העלף מיר, ארקאדי!”

איך האָב געטאָן מיין פליכט.

מ'האָט אים ארומגעזוכט. אין די זוילן פון זיינע שטיוול האָט מען געפונען דאָקומענטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט זיין שולד.

יענעם נאָכמיטאָג האָט מען אים געשאָסן.

* * *

מיין דערציילער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און זיין פּנים האָט אויסגעזען מיד. ער האָט זיך ווי געעלטערט אין דער

לעצטער האַלבער שעה. ארום אונז האָט געוויזט דער ארבאַטסקי פּלאַץ, און א פּלאַקאַט האָט געוויזן, ווי רויטע סאָלדאַטן שלײַדערן א ריזיקע רויטע באָמבע אין ווראַנגעלס ארמיי. לעבן רעוו־וואָיען־סאָוויעט האָבן די סאָלדאַטן זיך געשטיצט אַף זייערע ביקסן. די שפּיצן האָבן געפינקלט.

.1921

קעמפער

לוסיא. זי איז אַלט דריי־און־צוואַנציק יאָר. זי איז הויך און דין. בויגט זי אָן דעם קאָפּ, איז אין דעם האַלז און אין דעם נאַקן נאָך פאַראַן א קינדערשע ווייכקייט. אָבער די אויגן זענען ערנסט. און דער שטערן האָט שוין דינע קנייטשן. די טונקעלע האָר זײַנען גלאַט פאַרקעמט מיט א שרינט אינמיטן, און דאָס דערמאָנט אָן א מאַנאַשקע. די גאַנצע לוסיא, מיט דעם פּראָסטן קליידל און שטילע מאַנערן, דערמאָנט אָן א מאָנאַשקע.

זי איז אַלט דריי־און־צוואַנציק יאָר, אָבער זי האָט שוין א געשיכטע. צוריק מיט זעקס יאָר האָט זי געענדיקט אין קיעוו א קאָמערץ־שול, די בעסטע אין רוסלאַנד. זי האָט געוואָלט באַקומען העכערע בילדונג, אָבער די מלחמה האָט געפּלאָנטערט. לוסיא איז געווען א פּאַטריאָטקע. זי האָט באַשלאָסן עפּעס טאָן פאַר רוסלאַנד. איר אייגענע בילדונג האָט זי אָפּגעלייגט אַף שפּעטער. זי איז אוועק אין דער אַרמיי אונטער דער אויפזיכט פון׳ם זעמסקי סאָיוז — א פאַרבאַנד פון ליבעראַלע טוער. זי האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן קלובן און טיי־הייזער און ביבליאָטעקן פאַר די סאָלדאַטן ניט ווייט פון׳ם פראָנט. זי האָט געהאָלפן היילן פאַרוואונדעטע און קראַנקע. אין יענער אַרבעט האָט זי, א זיבעצען־יאָריק קינד, צום ערשטן מאָל דערזען די מיאוסקייט פון דער צאַרישער אָרדנונג. זי האָט באַגעגנט אָפיצערן, וואָס האָבן געשלאָגן די סאָלדאַטן מיט נאַגאַיקעס. זי האָט געזען קאָמאַנדירן, וואָס האָבן גערופן צו פּאָגראָמען. איר יונגע נשמה

האָט זיך געוואָרפן אין פיין און עקל. אָבער זי איז געבליבן בא דער ארבעט, ווייל די סאָלדאטן האָבן זי געדארפט האָבן. זי האָט געדינט איר פּאָטערלאַנד, ניט די שלעכטע הערשער.

דאַן איז געקומען די רעוואָלוציע, און אין לוסיאס נשמה איז געוואָרן אַ יום־טוב. אויס אונטערדריקונג, אויס קנעכטשאַפט, אויס מיאוסקייט — און אויס מלחמה. יאָ, אויס מלחמה, אויס בלוט און וואונדן און תורבעס טויטע. לוסיא האָט ניט געקאָנט פארשטיין, צוליב וואָס מען דארף נאָך ווייטער פירן דאָס בלוטיקע שפּיל. לוסיא האָט געוואָלט, אז „אירע" יונגען מיט די בלויע אויגן זאָלן גיין אהיים, ארבעטן אין פעלד, בויען הייזער פאר'ן נייעם פּאָטערלאַנד. לוסיא האָט אָנגעהויבן ריידן. זי האָט ניט געהאַלטן קיין דרשות פון די פּלאַטפאָרמעס. זי האָט פיינט צו ווייזן זיך פאר אַן עולם, אבער מיט דער געוויסקייט, וואָס נעמט זיך נאָר פון אמת'ן גלויבן, האָט זי איינציגווייז גערעדט מיט אירע יונגען. עס איז דאָך אַזוי קלאָר, אז מען דארף גיין אהיים. עס איז דאָך ניטאָ וואָס צו טאָן אין די גראָבנס. די דייטשן וועלן ניט קומען אין רוסלאַנד. די דייטשע ארבעטער וועלן ניט גיין פארשקלאַפן די נייע פרייע רעפּוב־ליק. און וואָס קערן זיך אָן מיט'ן רוסישן ארבעטער די דארדאנעלן אָדער קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער די פּלענער פון די פראנצויזישע אימפּעריאליסטן?

לוסיא איז אַ שטילע. זי רעדט ניט הויך. אָבער וואָס זי רעדט, איז פון דער נשמה. דעריבער גלויבט מען איר. דעריבער האָט מען פאר איר דרך־ארץ. אין די עטלאַכע זומער־חדשים אין יאָר 1917 האָט זי מער געשאַדט דער רעגירונג פון קערענסקי'ן, איידער אַ סך בארימטע אַגיטאַטאָרס. ענדלאַך איז געקומען דער טאָג. איר פּאָלק האָט זיך אָפּגעזאָגט מארשירן צום קריגס־פראָנט. מ'האָט ערגעץ באַקומען וואָגאָנעס און זיך אויפגעזעצט — און האיידא, אהיים! לוסיא איז געבליבן אָן ארבעט. זי האָט זיך אומגעקערט אין אוקראַינע. זי איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערקע, ניט פון די פּאָליטישע טוערס — נאָר איינע וואָס העלפט בויען.

זי איז איצט אין מאָסקווע. זי ארבעט אין בילדונגס־קאָמיסאַ־ריאַט. זי איז אָן אויפזעהערין איבער קינדער־היימען אין זאַמאָסקוואָ־ריעטשיע — דעם אָרימסטן טייל פון דער שטאָט. זי גיט אכטונג

סיי אויף דער אינווייניקסטער ארדנונג, סיי אויף די לערער. מ'האט איינגעפירט נייע מעטאדן פון לערנען. מ'האט איינגעפירט א נייע, פרייוויליקע דיסציפלין. מ'האט אנגעפילט די שולן מיט נייע אידייען. זי, לוסיא, די יונגע, דארף ווייזן דעם לערער דעם וועג. צווישן די לערער זיינען דא עלטערע מענטשן, מיט צענדליקער יארן פון פעדאגאגישער פראקטיק. אבער זיי זיינען אפגעשטאנען. זי איז די נייע. זי גלויבט אין דעם נייעם: איז איר צייט אנגעפילט מיט ארבעט.

פון אינדערפרי ביז שפעט אין דער נאכט האלט זי אין איין טאן. זי „גייט" איבער איר דיסטריקט. זי האט א סך שולן. דער דיסטריקט איז א גרויסער. דאס גיין פון א שול צו א שול געדויערט א מאל א האלבע שעה. זי האט קאנפערענצן, זיצונגען, געשפרעכן. זי ארגאניזירט נייע שולן. זי האט צו טאן מיט דער שטאט־אדמיניסטראציע און מיט דעם בילדונגס־קאמיסאריאט און האלט מלחמה, ווי א געטרייע מוטער, פאר „אירע" קינדער. זי האלט אין איין ברענען. זי האלט אין איין טרוימען און פלאנעווען און זארגן און צארענען און פרייען זיך פאר אירע שולן. אינדערפרי אכט אזייגער פארלאזט זי איר צימער, אוונט, עלף אזייגער, איז זי נאך ניט שטענדיק צו טרעפן אין דער היים.

איך בין געווען אין איר היים. א צימער ערגעץ אויף סאליאנקע — גוטע פערציק מינוט פון איר דיסטריקט. אין צימער וואוינט זי מיט נאך פיר מיידלאך, אלע — קולטורעלע טוער. אלע — יונגע. עסן עסט מען וואס ס'מאכט זיך. איך האב פארזוכט זייער מאלצייט. א שטיקל פלייש, ניט פלייש, נאר אויסגעקאכטע פעל, וואס מען קאן זי ניט צעקייען, א זופ מיט גרויפן, א שטיק שווארצע ברויט. איך האב געבראכט א גוטן ביסן: מאן געפרעגלט אין האניק — געקויפט א האלב פונט פאר צוועלף טויזנט רובל — האט מען זיך געקוויקט דערמיט, ווי מיט א זעלטענעם אוצר. ארימע קינדער: זיי קאנען זיך דאס ניט פארגינען. זייער גאנצע געהאלט איז אזוינע צען טויזנט רובל א חודש.

ניט היימלאך איז לוסיא'ס היים, ניט היימלאך איר לעבן. זי האט ניט קיין שיך. א קלייניקייט: ניטא קיין שיך. ס'איז שוין קאלט, אבער זי טראגט נאך א פאר זומערדיקע אפגעטראגענע פאנטאפל. מער פארמאגט זי ניט. ווי קומט דאס? לוסיא איז ניט פון די וואס

בעטן. לוסיא שעמט זיך. וואָלט זי געמאַכט א געפילדער און אָנגע־וועגדט איינפלוס, וואָלט זי אלצדינג געקראָגן. אָבער דאָס קאָן זי נאָר טאָן פאר די קינדער. דאָרט איז זי שטאַרק, דאָרט שעמט זי זיך ניט. פאר זיך — איז איר פּריקרע. טאָקע דעריבער וואוינט זי פינף אין א צימער. זומער — זאָגט זי מיר — איז נאָך געווען גיש'קשה, מ'האָט געהאַלטן אָפן די פענצטער. ארום איז א גאָרטן. געווען א מחיה. איצט איז קאַלט. ניט מעגלאך צו האָבן פרישע לופט. צוויי פון די מיידלאך הוסטן שוין. „באלד דערגייט צו מיר די רייע", — זאָגט לוסיא מיט א שטילן שמייכל.

לוסיא איז שטיל און חנ'עוודיק און צאַרט און איינגעהאַלטן. טיף אין דער נשמה נאָגט זי איין געדאַנק — זי ווייסט ניט גענוג. זי האָט ניט גענוג געלערנט. אפשר דאַכט זיך איר דאָס נאָר, אפשר שטעלט זי זיך צו גרויסע פאָדערונגען. אבער זי וויל זיין א ספּעציאַליסטקע אין איר פאַך, זי מוז לערנען א סך און פלייסיק. „עך! ווען איך קאָן אוועק אין סווערדלאָווסקי אוניווערזיטעט כאָטש אף איין יאָר!" — זאָגט זי מיט א שעמעוודיקן בענקען. איך פּלאַפּל ארויס: „פארוואָס ניט? ווער האַלט אייך? פאר אזוינע ווי איר איז דאָך געמאַכט דער אוניווערזיטעט?" מיין לוסיא ווערט רויט ווי פייער און שווייגט. עס דויערט לאַנג ביז איך באַקום פון איר ארויס אן ענטפער: „און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? — אָקאָרשט אויפגעבויט דאָס נייע שול־סיסטעם, יעדער מענטש איז מיט גאָלד צוגלייך. ווי קאָן מען אוועקוואַרפן די ארבעט?" און אז איך הייב אָן טענה'ן מיט מיין מגושמ'דיקער לאָגיק, אז די ארבעט איז ניט אף איין יאָר און אז פון לוסיא'ס לערנען וועלן די קינדער אליין שפּעטער האָבן א נוצן, קוקט זי אף מיר מיט איר ערנסטן פרעגנדיקן בליק און זאָגט ארויס אזוי שטיל און ניט־ווילנדיק: „גלאַט, ווי קען מען לעבן נאָר פאר זיך אליין? ס'איז עגאָאיסטיש". אפילו לערנען פאר זיך אליין איז אין לוסיא'ס אויגן א חטא. אפילו לייענען ביכער פארגינט זי זיך ניט. ווייניק צייט, בלייבן מיט זיך איז פאר איר אוממעגלאך. דערקוויקן די נשמה קאָן זי נאָר מיט א שנעלן באַזוך אין בילדער־גאַלעריי און מיט אן אָוונט אין טעאַטער. די קונסט לאָזט זיך אף איר אראָפּ, ווי א פרישער טוי, און וואַשט און רייניקט און צערטלט איר נשמה.

ס׳לעבט אַ בענקשאַפט אין לוסיאַ׳ס האַרצן, אַ בענקשאַפט נאָך שיינקייט, נאָך האַרמאָניע, נאָך אַ רייכקייט פון פאַרבן. זי מאָלט אַליין ניט שלעכט, זי שפּילט פּיאַנאָ, זי האָט אַ חוש פאַר פּאָעזיע און איז באַ׳הבנ׳ט אין דער נייער רוסישער דיכטונג. זי וואָלט געוואָלט זען אַ לעבן פון פרידן, פון האַרמאָנישער אַרבעט, מענשלאַכער ליבע, טרייהייט, חן. און אַרומגערינגלט איז זי מיט אַרימקייט, אָפּגעלאָזנ־קייט, שמוץ און צעשטערונג. זי בענקט אפשר נאָך פּערזענלאַכער ליבע, נאָך אַ וואָרים וואָרט, נאָך אַ פריינטלאַכן האַנט־דרוק. און פאַרטאָן איז זי אין דער אַרבעט אַזוי טיף, אַז פּערזענלאַכע געפילן דאַכטן זיך איר אַ פאַרברעכן. וואָלט זי באַגעגנט ליבע, וואָלט דאָס זי אָפּגעריסן פון אירע קינדער. און זי איז אַ מאַמע פון הונדערטער קינדער.

אַנדערע וואָלטן אַראָפּגעלאָזט די הענט. לוסיאַ אַרבעט. ס׳איז ניט שטענדיק פאַראַן ליבע אין איר נשמה. זי ברענט אַמאָל אין האַס. זי פלוכט די שונאים, וואָס שטעלן אויף אַ וואַנט צווישן רוס־לאַנד און פרידן, צווישן רוסלאַנד און פרוכטבאַרער אַרבעט.

אָט אַזוינע ווי לוסיאַ שטיצט זיך דאָס נייע רוסלאַנד.

* * *

מיקאיאַן. אַן אַרמעניער מיט אַ געלבלאַכן פּנים. די ווייסלען פון זיינע אויגן זענען פייכט און בלוילאַך; דאָס שוואַרצאַפּל איז פינסטער, ווי די נאַכט. און קריכט ער אין אימיצן אַריין מיט אַ בליק, ווערט יענעם אומהיימלאַך אויף דער נשמה. מיקאיאַן איז ניט קיין הויכער, אָבער אַ שלאַנקער. איבער׳ן הויכן שטערן מיט די שיינע ווינקלען שפּרייט זיך באַ אים אַ וועלט מיט שוואַרצע געקנייטשטע האָר, וואָס ער פאַרשאַרט זיי אויף הינטן. דער פּנים איז אַרומגעראַמט מיט אַ שוואַרצן געקרייזלטן בערדל. ער איז אַלט פינף און צוואַנציק יאָר, זאָגט ער מיר, אָבער אויסזען זעט ער אויס עלטער. יעדער מענטש זעט איצט אויס אין רוסלאַנד עלטער פון זיינע יאָרן.

מיקאיאַן איז אַ קאָמוניסט. דאָס איז זיין אַרבעט. דאָס איז זיין פּרנסה. דאָס איז זיין אידעאַל. דאָס איז זיין וועלט. מיקאיאַן איז פריער פאַר אַלץ אַ קאָמוניסט. ערגעץ האָט ער מסתמא אַ היים אין קאַווקאַז. ערגעץ האָט ער אַ מאַמע און שוועסטער. אפשר גאָר אַ געליבטע. אפשר איז ער גאָר צוגעבונדן צו אַ נעסט אין די בערג.

אָבער דאָס איז אַלץ פאררוקט אין א ווינקל. דאָס איז ניט דער עיקר. דער עיקר איז די ר. ק. פּ. (רוסישע קאָמוניסטישע פּארטיי). דער עיקר איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, פאר וואָס די ר. ק. פּ. האָט אויפ־געהויבן איר פאָן. דער עיקר איז די רעוואָלוציאָנערע ארבעט.

מיקאיאַן איז א זודיקער קעסל מיט א צוגעשרויפטער דעק. ער איז שטענדיק הייס. ער קאָן אויפרייסן יעדע מינוט. ער האַלט אין איין ברויזן, לויפן, איילן, ראטעווען, וועקן, פּאררייכטן, קעמפן ברוסט קעגן ברוסט — דאָס איז זיין עובדא. דאָ פילט ער זיך אין דער היים. די לעצטע דריי יאָר האָט ער פארבראכט אין באקו. געווען שטורמדיקע צייטן. געווען אויפשטאַנדן פון רעוואָלוציאָנערן און אויפשטאַנדן פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. געווען אמת׳ע מלחמות פון די און יענע סאָלדאטן. מיקאיאַן איז געווען אין קאָמיטעט; א מאָל אומלעגאַל. אף זיין קאָפּ איז עטלאכע מאָל געווען באשטימט א פּרייז. נאָך אים האָבן זיך נאָכגעיאָגט שפּיאָנען און פּראָוואָקאטאָרן. אָבער מיקאיאַן איז שטענדיק געווען אף זיין פּאָסטן. מיקאיאַן איז געגאַנגען אין די ערשטע רייען. מיקאיאַן האָט געהאַלטן א ביקס אין זיין האנט און אַליין געשאָסן אף די שונאים.

„א מאָדנער געפיל, — זאָגט ער מיר איינמאָל אין א פּארטרוי־לאַכן געשפּרעך, — א מאָדנער געפיל, ווען איר זעט, אז אימיצער צילט זיך אף אייך מיט א ביקס. שנעלקייט — דאָס איז אייער רעטונג. איין סעקונדע צו שפּעט — און איר זענט פארפאַלן״.

„אנטלויפן, מיינט איר?״

יענער טוט א שמייכל.

„ניין, ארייַנהאַקן אים א קויל אין גארגל, אז ער זאָל שוין ניט קאָנען שיסן. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל.״

א בלוטיקע רציחה הערט זיך אין די ווערטער. קריג איז ניט קיין שפּיל. בירגער־קריג איז דער שווערסטער פון אַלע. איר קאָנט ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנער, אויב איר זענט ניט גרייט צו שטארבן און טויטן יענעם, ווען די רעוואָלוציע פארלאַנגט דאָס.

מיקאיאַן איז אן איידעלער און א שלאַנקער. אָבער כח האָט ער א סך. ער איז בויגיק, ווי א קאַץ, און קאָן אויסשטיין וואָס איר ווילט אף דער וועלט. ער קאָן ניט שלאָפן צוויי טעג נאָכאנאַנד. ער קאָן לעבן אין נאסקייט און קעלט. ער האָט ניט מורא פאר א קראנקהייט אין

ווערט אנטשלאָפן אַף אַ הארטער באנק. איך האָב דעם איינדרוק, אז ער לעבט מיט די נערוון. אפשר האָט ער גארניט אזוי פיל פיזישן כח, אפשר שעפּט ער אוים די רעזערוון פון זיין קערפּער. מעגלאך, אז איין פרימאָרן וועט ער זיך אויפכאַפּן —אַן אינוואליד. און אפשר ניט. ער איז דאָך יונג, ער איז ניט אפּגעטראָגן. שלאָפט ער אָפּ צען־צוועלף שעה נאָכאַנאַנד — איז ער ווידער פריש און געזונט, ווי גאָרניט געשען. און ווידער צוריק: ווער האָט צייט צו טראכטן וועגן אזוינע זאכן?

מיקאיאַן איז א מיטגליד פון א גובערנסקין איספּאָלקאָם (עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן). אונטער זיין אויפזיכט געפינט זיך די ווירטשאפטלאכע פאַרוואלטונג פון דער גאנצער גובערניע. זיצט ער אין זיין קאַבינעט. שווילבלט עס און גריבלט עס באַ אים מיט באַזוכער, אויעזדנע טוער, פאַבריק־פאַרוואַלטער, שפּייז־קאָמיסארן, דעלעגאטן פון דאָרפישע געמיינדעס, מענטשן וואס קומען מיט ביטעס! מיקאיאַן דאַרף קענען אלע געשעפטן, האלטן אַן אויג אַף דער אַדמיניסטראַציע פון די אויעזדן און וואָלאָסטן, אויסגלייכן סכסוכים, אויפדעקן חסרונות, דאָ מונטערן, דאָ שטראָפן, דאָ רעאָר־גאניזירן. מיקאיאן איז עטלאַכע שעה אין טאָג פארנומען מיט דער ארבעט. אבער דאָס איז א ביי־זאך. דער הויפּט איז דער גובקאָם, דער גובערנסקי קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, וואו ער איז א מיטגליד, וואו ער איז דער גאנצער טוער.

מיקאיאַן איז אַ קאָמוניסט. אַלס אַזעלכער דאַרף ער קענען אלע פראגן פון דער אויסווייניקסטער און אינווייניקסטער פּאָליטיק. ווארפט ער זיך מיט הייסן הונגער אַף אַלע נייע ביכער און צייטונגען, וואָס ערשיינען אין מאָסקווע. ער שלינגט זיי הויפנווייז, און איך גלויבט קוים, אז ער זאָל אלעס קאָנען פארדייען. אַבער איין זאך איז לערנען צוליב לערנען, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, און אן אַנדערע — איז לערנען צוליב׳ן לעבן. מיקאיאַן דאַרף ה אָ ב ן די ביכער, קריצט זיך איין אין זיין נשמה אַלצדינג, וואָס ער האָט געלייענט. מיקאיאַן וויים א מאסע זאכן. איך האָב אים איין אָוונט געהערט לייענען אַ רעפעראט וועגן דעם פרידן מיט פוילן; דעם אַנדערן אָוונט — וועגן רעאָרגאניזירן דעם ארטיקן קאָמוניסטישן קאָמיטעט; דעם דריטן — וועגן דער ראָליע פון די פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען אין דער אינדוסטריע

פון רוסלאַנד; דעם פערטן — וועגן דער אַגראַר־פראַגע. און אין אַלצדינג, וואָס מיקאָיאַן זאָגט אין די רעפעראַטן, שטיצט ער זיך מיט ציפערן און פאַקטן. אַמאָל קומט אים אויס צו ריידן עפּעטלאַך צוויי־דריי מאָל אַ טאָג.

מיקאָיאַן איז פאַרנומען. דער גאַנצער קאָמיטעט איז אויף זיינע הענט. די אַרבעט דאַרף ווערן רעאָרגאַניזירט. די צייט איז אַן אומרואיקע. און דאָ האָט זיך געבילדעט אַן אינעווייניקסטע אָפּאָזיציע. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. מען דאַרף זיין קלוג. מיקאָיאַן האָט אומענדלאַכע פּריוואַטע באַראַטונגען מיט איינצלנע מענטשן, מיט גרופּן, מיט יונגע קאָמוניסטן, מיט אַלטע פירער פון דער אָפּאָזיציע, מיט פאַרטרעטער פון די אויעזדנע קאָמיטעטן. ער האַלט אין איין קאָכן. ער איז, דאַכט זיך, רואיק און איינגעהאַלטן, אַבער אינעווייניק זידט ער. ער וואָלט געוואָלט, אַז אַלצדינג זאָל גיין גלאַט, פיין, שנעל, אָן שטערונג. און דאָ באַגעגנט ער שטרויכלונגען אויף שריט און טריט. אַרט דאָס. רייצט עס. שווימט דאָס אין אים, און ער קאָן זיך קוים באַהערשן. ווען ס'וועט קומען די צייט, וועט ער דערלאַנגען די קעגנער אַ קלאַפּ, אַז ס'וועט זיי ווערן פינסטער אין די אויגן. זייט זיכער: מיקאָיאַן וועט קיין רחמנות ניט האָבן. צוליב דעם כבוד פון דער פּאַרטיי וועט ער מקריב זיין דעם אייגענעם פאָטער, ניט נאָר אַ פריינד אָדער אַ חבר. די פּאַרטיי איז אַלעס. די איבעריקע וועלט — גאָר ניט.

מיקאָיאַן אַרבעט פון צען אינדערפרי ביז איינס־צוויי ביינאַכט, אָבער ער איז ניט צופרידן, ס'איז אים ס ק ו ט ש נ ע, זאָגט ער, ס'איז ניט קיין אמת'ע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. צופיל „אַביוואַטעל־שטשינאַ", קליינבירגערלאַכע אינסטינקטן, קליינבירגערלאַך לעבן. ס'איז צו ר ו א י ק אַרום און אַרום. מען ווערט ניט ווילנדיק אַריינגעצויגן. אַנדערש — אין באַקו! דאָרט האָט געשטורעמט. דאָרט האָט מען געדאַרפט פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע קעגן אַן אויסוויי־ניקסטן שונא. און גלאַט — דאָרט האָבן מענטשן לעבעדיקערע נשמות. מ'איז ניט אַזוי פאַרשלאָפן.

מיקאָיאַן האַסט די „איינגעפונדעוועטע" מענטשן, די וואָס האָבן אַ הויז, אַ ווייב, אַ קינד, מעבל, זאַכן. ביי אים זענען זיי שוין ניט קיין רעוואָלוציאָנערן, כאָטש זיי זענען קאָמוניסטן. ער אַליין פאַר־

מאַגט אַ לייוונטענעם טשעמאָדאַן, אין טשעמאָדאַן אַ פּאָר העמדער, אַ קאָסטיום, אַ פּאָר קאַלאָשן. דאָס איז אַלעס. אויב מען דאַרף, וועט ער אין צען מינוט זיך קענען אויפהייבן פון אָרט און „פּאַשאָל"! וואוינען וואוינט ער אין אַ צימער מיט אַ בעט און אַ טיש און אַ דיוואַן. איבער זיין טיש האָט ער אַן עלעקטריש לעמפּל. מער דאַרף ער ניט. אַלס מיטגליד פון איספּאָלקאָם און גובקאָם וואָלט ער זיך געקאָנט פאַרגינען אַ ביסל מער, אָבער ער דאַרף ניט. ער ווייסט ניט וואָס הייסט פּריוואַט־באַזיץ. אפילו דעם צימער האַלט ער אויך ניט פאַר זיינעם. אַלע מאָל נעכטיקט בא אים אימיצער, צי אַ חבר, וואָס איז אָנגעקומען פון אַן אַנדער שטאָט, צי אַן אָרטיקער חבר, וואָס האָט ניט וואו צו שלאָפן. איינמאָל האָב איך בא אים געטראָפן זעקס מענטשן שלאָפנדיק אפ'ן דיוואַן און אויף דער פּאָדלאָגע לעבן אויוון. עסן עסט ער אין איספּאָלקאָם צוזאַמען מיט די חברים.

מיקאיאַן איז אַן אינטעליגענט, אַ געוועזענער סטודענט. ער לייענט דייטש. ער איז אַמאָל געווען איין יאָר אין אַ דייטשישן אוני־ווערזיטעט. אָבער ער פאַרגעסט, אַז ער איז אַן אינטעליגענט. ער האָט קיין צייט ניט צו טראַכטן וועגן זיך. ער האָט אויף זיין קאָפּ דאָס גרויסע רוסלאַנד מיט אַלע זיינע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען.

מיקאיאַן לייענט ניט קיין בעלעטריסטיק, גייט ניט אין טעאַטער, באַזוכט ניט קיין קאָנצערטן, האָט קיין צייט ניט פאַר פּערזענלאַכע וויזיטן. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען פאַרברייגען. דאָס איז אים פּשוט ניט אינטערעסאַנט. ער דאַרף עס ניט האָבן. ער איז אין אַן אַנדער וועלט. ער איז ווי אַ פייל, וואָס מ'האָט אָפּגעלאָזט פון בויגן. ער פליט אין איין ריכטונג. ער איז אַ סאָלדאַט, די רעוואָלוציע איז זיין גאָט און הערשער.

איינמאָל זענען מיר מיט אים געשטאַנען אין גאַס. ס'איז געווען סוף פעברואַר — און פרילינג האָט געשמעקט אין דער לופט. בוימער זיינען געשטאַנען אין דער לענג פון די טראָטואַרן. אויף די בוימער איז אַ טוי פאַרפרוירן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון צאַרטע געוועבן. ס'איז געווען אַ פייערלאַכע פאַרנאַכטיקע שטימונג, ווי אין אַ טעמפּל. מיקאיאַן האָט געשוויגן. פּלוצלינג רופט ער זיך אָפּ:

„טוט אַ קוק אויף דעם הימל דורך די שניי־געוועבן. ווי צאַרט און ווי נאָענט צו דער נשמה".

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען איך האָב געהערט מיקאיאַנ'ען רעדן וועגן אַ זאַך, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו פּאָליטיק אָדער עקאָנאָמיק. אָבער די קורצע עטלאַכע ווערטער האָבן מיר באַוויזן, אַז אויך אין זיין נשמה לעבט די דורשט נאָך שיינקייט.

אָפּ אַזוינע ווי מיקאיאַן האַלט זיך דאָס נייע רוסלאַנד.

1921.

אַ שטוב אין אַ רוסישן דאָרף.

דער וואָגן פאָרט פּאַמעלאַך איבער'ן פייכטן וועג. די רעדער זינקען אָפּ צוויי־דריי פינגער אין דער שווארצער ערד. פון איין זייט שטייט אַ שיטער וועלדל מיט נאַקעטע צווייגן, פון דער אַנדערער — שפּרייט זיך אַ פעלד. דאָס וועלדל האָט אַ פּנים ווי אָפּגעשמיסן. דאָס פעלד איז גראַד און פלאַך, און ליידיק, און ציט זיך אָן אָן עק. דער וואָגן סקריפּעט, די פערד סאָפּען. דער פויער האָט זיך איינגענורעט אין זיין סוויטע, און זעט אויס ווי אַ מאָדנער ברייטער, שפּיצעכיקער קלאָץ. ערשט דריי שעה, אַז איך בין אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, און שוין דאַכט זיך מיר, אַז איך פאָר חדשים. ניטאָ קיין גרעניץ צו דעם אָפּגעשניטענעם פעלד. ניטאָ קיין סוף צום ברודיקן וועג. ניטאָ קיין רעטונג פון בלייענעם הימל, וואָס הייגנט איבער די קעפּ. דער פויער שווייגט. דער וואַלד שווייגט. דאָס פעלד שווייגט. די נשמה שווייגט שוין אויך. די רוסישע סטעפּ האָט אונז איינגעשלונגען, איינגעשלעפּערט, פאַרוויגט, פאַר'יתומ'ט. ניט געווען קיינמאָל קיין לעבן. ניט געווען קיין העלע ליכטער און צוהוליעטע געשרייען. שטיל טראַכט דער איינזאַמער לאַנדשאַפט. שטיל בייגקט די גראָע וועלט. שאַ. שטיל.

נאָר אָט זענען אַרויסגעקראָכן גראָע קליינע בערגלאַך פון אונטער דער ערד, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין שורות, געעפנט ניט־זעענדיקע אויגן. דאָס איז אַ דאָרף. גראָ זענען די הילצערנע הייזער, ווי דאָס פעלד, ווי דער לאַנגער וועג. גראָ זענען די שינדעלנע און שטרויענע

דעכער. און די קליינע פענצטערלאַך מיט פיר און זעקס טאַפּליעס זענען ווי אָנגעכמורעט אונטער די אָנגערוקטע דעכער.

דאָס דאָרף איז לײדיק. וואָס האָבן מענטשן צו טאָן אין גאַס אין אַזאַ כמאַרנעם טאָג?

איך מעלד זיך אין איספּאָלקאָם (עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ׳ם אָרטיקן סאָוועט). איך בעט אַ צימער אין אַן אַכסניא. ניטאָ קיין אַכסניא. זאָל איך אפשר שטיין אין איספּאָלקאָם? ניטאָ קיין בעט־גוועאַנט און קיין בעט און קיין באַזונדערער צימער. טאָ וואָס זשע טוט מען? איך זאָל איינשטיין בא אַן אָרטיקן באַלעבאָס. זאָל זיין אַזוי. אבי ערגעץ צושפּאַרן דעם קאָפּ. איך בין מיד. ס׳טוט מיר ווי דער קאָפּ. איך האָב היץ. הלואי זאָל איך ניט ווערן קראַנק. ביז אַ דאָקטאָר איז פינף און צוואַנציק וויאָרסט.

מען פירט מיך אוועק אין אַ דריטער גאַס, פאַרביי דער צערקווע, אין הויז פון אַ פויער סאַפּראָנאָוו. איך קום אריין און לייג זיך אוועק און בלייב פינף טעג, ביז ס׳ווערט מיר גרינגער. איך האָב גענוג צייט צו באַטראַכטן די שטוב מיט די מענטשן — און דאָס בילד קריצט זיך איין אױף לאַנג אין מיין זכרון.

דער אריינגאַנג איז אין קיך, פון אַ קאַלטן פאָרהויז, וואו עס שטייען אַלטע פעסלאַך, אַ פּאָר צעבערס און עס הייגט דאָס געשפּאַן פונ׳ם פערד. ווען איר שטייט אפ׳ן שוועל פון דער קיך, האָט איר לינקס דעם גרויסן אויוון, רעכטס אַ וואַנט, און צווישן וואַנט און אויוון אַ דורכגאַנג פון דריי־פיר טריט אין דער ברייט. די ווענט און דער באַלקן פון קיך זענען אומגעקאַלכט, און עס זעען זיך די קלעצער, וואָס די שטוב איז פון זיי געבויט. מחמת אַלטקייט זענען די קלעצער גראָע, און די גאַנצע קיך איז אַ גראָע. בא די ווענט שטייען ביינק, פאַר דער פאָדערשטער באַנק — אַ טיש. אונטער׳ן אויוון איז דאָ אַן אויסגעמויערטער לאָך. זיצט דאָרט דריי הינער. צו אַ פיסל פון אַ באַנק איז צוגעבונדן אַ יונג שעפעלע. אין קיך זיצט אַ פויערטע מיט פיר קינדער. דאָס אינגסטע קינד איז אַלט אַ יאָר צען, דאָס עלטסטע (אַ מיידל) — אַ יאָר זעכצן. די קיך איז אינגאַנצן פינף טריט די ברייט, אַכט טריט די לײנג. אָבער ס׳איז דאָ גענוג פּלאַץ. ס׳דאַכט זיך, אַז די פינף מענטשן פאַרנעמען גאָר קיין פּלאַץ ניט. עפּעס רייבן זיי זיך אַרום די ווענט, ווי די שאָטנס. עפּעס דאַכטן זיי

זיך איינס מיט די גראָע ווענט, מיט די ביינק, מיט דעם טיש. די קינדער זעען אויס ווי אַ טייל פון זייער מוטער, ווי נאָך ניט אינ־גאַנצן אָפּגעזונדערט פון איר. עפּעס פאַר־היסטאָרישעס, פאַר־קול־טורעלעס, אור־אַלט־פּרימיטיוועס איז דאָ אין דער פאַרבינדונג פון אָט די מענטשלאַכע באַשעפענישן. זיי ריידן אַלע אַף איין קול, זיי מאַכן אַלע די זעלבע באַוועגונג; זיי זענען טיילן פון איין גאַנצן, זיי זענען צוזאַמען איין גאַנצעס.

די פענצטער פון דער קיך זענען נידעריקע, דער באַלקן נידעריק איבער'ן קאָפּ. דאָס גאַנצע הויז זעט אויס ווי אַ קאַטאַוועס, ווי גע־שפּילט אין הויז. ס'איז אָבער אַן ערנסט. ס'איז דאָס הויז פון אַ בעל־גוף, איינס פון די בעסטע אין דאָרף. פאַרוואָס בויט מען ניט קיין גרעסערע, ווען ארום און ארום איז דאָ אַזויפיל וואַלד? ווייל אַזוי האָבן געבויט די טאַטעס און די זיידעס. די ביינק און דער טיש זענען ריין אָפּגעוואַשן. דאָס פענצטער איז אויסגעווישט. צי איז דיין אין שטוב? וואָס הייסט אָבער ריינקייט? דאָ טראָגן מענטשן דאָס זעלביקע לייבל אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד און מער. באַטאָג גייט מען אין דעם אָנגעטאָן, באַנאַכט דעקט מען זיך מיט דעם צו. אַ העמד בייט מען אפשר איין מאָל אין חודש. אין באָד גייט מען ניט, ווייל ס'איז ניטאָ קיין באָד. די הענט און דאָס פּנים וואַשט מען אינ־דערפרי — דוקא אָן זייף. אין דער זייט פּונ'ם אויוון זענען אויס־געמויערט אַזוינע מיני פּירקאַנטיקע לעכער — זענען זיי אָנגע־שטאָפּט מיט שמאַטעס. אַף וואָס מען דאַרף די שמאַטעס, קען איך ניט זאָגן.

פון דער קיך גייט מען אריין אין גאָרניצאַ, — דאָס פאַראַדנע צימער, דער שטאָלץ פון דער באַלאַבאָסטע. דאָס גאַנצע צימער איז אַ צען טריט די לייגנ און אַ זעקס — די ברייט. ווענט און באַלקן זענען דאָ אויסגעקלעפּט פון אַלטע צייטונגען, און דאָס פּאַפּיר האָט ערטערווייז געפּלאַצט. צוויי פענצטער קוקן ארויס אין גאַס, און פאַר די פענצטער שטייען וואַזאָנעס אין קריגלאַך. צווישן ביידע פענצטער איז דאָ אַ רויט־ געפאַרבטער טיש מיט דריי שטולן. אין ווינקל שטייט אַ פראָסטער שראַנק מיט טעלער און שיסלען. אַף די ווענט הייגנען הייליקע בילדער, ביליקע, שפּאָגל נייע, איינגעראַמט אין רעמלאַך פון זילבער־פּאַפּיר און גאָלד־פּאַפּיר. אייניקע שטעלן פאָר גאַנצע לאַנד־

שאַפֿטן; בוימער אויסגעשניצטע פֿון קאַרטאָן, מיט צווייגן און בלעטער פֿון גרין־געפֿאַרבטן וואַקס, מיט מאַריע און יעזוס געמאַכט פֿון צעלו־לאָיד, מיט אַ פּאַפּירענעם בלאָען הימל פֿון אויבן. אחוץ די הייליקע בילדער איז דאָ אַ פּאָר וועלטלאַכע. צופֿעליק האָבן זיך אַריינגעכאַפּט עטלאַכע ליטאָגראַפֿיעס פֿון באַרימטע רוסישע מאָלער: וואַסנעצאָוו, מאַקאָווסקי, ווערעשטשאַגין; איין קאָפּיע פֿון מיקל אַנדזשעלאָ. ווי קומען זיי אַהין? מסתמא אַריינגעפֿאַלן דעם פּויער אין די הענט אַריין אַ נייער אַלבאָם מיט בילדער. אפֿשר שטאַמט ער פֿון דער רעוואָלוציע־צייט, ווען פּויערים האָבן געבראַכט פֿון שטאָט אַלערליי אַנטיקן. אַ חוץ די בילדער הייגנט אױף דער וואַנט אַ זייגער מיט אַ פּאָרצעלייענעם ציפֿערבלאַט. דער זייגער איז שוין אַלט אַ סך יאָרן. די גאַנצע „גאַרניצאַ" זעט אויס ווי אַ שפּילכל, אַזוי קליין איז זי. עס גלייבט זיך ניט, אַז דאָס זאָל זיין אַ וואוינונג פֿון דערוואַקסענע מענטשן.

אַ טייל גאַרניצאַ, די וואָס אַנטקעגן די פֿענסטער, איז אָפּגע־צאַמט מיט אַ ציצענעם רויטלאַכן פֿאָרהאַנג. הינטער'ן פֿאָרהאַנג שטייט אַ בעט. ס'איז ניט קיין בעט, נאָר אַ גרויסער טאַפּטשאַן, אַ מין באַנק, צונויפֿגעשלאָגן פֿון פֿיר דריינגלאַך און פֿיר לייסטלאַך און מיט אַ דריי־פֿיר ברעטלאַך פּאָפּערעק. אױף די ברעטלאַך ליגט אַ גראָ־בער שרוי־זאַק. דאָ שלאָפֿט מען. לעבן בעט זענען איבערגעצויגן אונטער'ן באַלקן אַ פּאָר שטריקלאַך. דאָ הייגנען קליידער. צווישן בעט און דער וואַנט בלייבט אַ חלל, זענען דאָרטן אָנגעוואָרפֿן שמאַ־טעס. אונטער'ן בעט וואַלגערט זיך אַלטע שטרוי.

נענטער צו דער וואַנט פֿון דער קיך, גלייך לעבן טיר, שטייט אַ קיילאַכדיקע געמויערטע הרובע, ארומגעשלאָגן מיט רויטע בלעך. די הרובע איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריקל. פֿאַרנאַכט הייצט מען אין הרובע. אין אָוונט קומען דער פֿאָטער און דאָס עלטערע אינגל און דאָס עלטערע מיידל פֿון דרויסן, נעמען אַראָפּ זייערע נאַסע לאַפּציעס, וויקלען פֿאַנאַנדער די נאַסע אַנוטשעס און הייגנען זיי אויף אָפּ'ן שטריקל. די אַנוטשעס טריקענען זיך, לאָזן פֿון זיך אַ פּאַרע; לאָזן פֿון זיך אַ ריח. די פֿענצטער זענען פֿאַרשטעלט מיט טאָפּל־ראַמען און פּעסט פֿאַרקיטעוועט, ס'זאָל חלילה קיין טראָפּן וואַרימקייט ניט גיין פֿאַרלאָרן. אַז מען הייצט אויס די הרובע, איז אַ ביסל טשאַדנע.

איך האָב צייט צו באַטראַכטן, וואָס די מענטשן עסן. ס'איז היינטיקס יאָר ניט געווען קיין גערעטעניש, איז דאָ ווייניק ווייץ און קאָרן. אמת, די געגנט איז די רייכסטע אין פענזער גובערניע, אָבער ס'איז ניט געווען קיין רעגן, און די תבואה האָט האַלב אויסגעברענט אַפּ'ן וואָרצל. איצט עסט מען ברויט פון געריבענע קאַרטאָפל, אויס־געבאַקן אַף אַ קאָרענעם פּלעצל. צו מיטאָג — געפּרעגלטע קאַרטאָפל מיט פלאַקס־אויל, אַ זופּ פון קרויט (שטשי), אָן פלייש; וועטשערע — די זעלביקע שטשי. מען האָט אַ קו, אָבער מילך פאַרגינט מען זיך זעלטן. מ'האָט אייער — אָבער דאָס רירט מען ניט. מילך און אייער טראָגט מען אין שטאָט אַריין — אויסצובייטן אַף זאַלץ און קעראָסין און די נויטיקע קליידער. ס'איז דאָ אַ שיקסע, אַ כּלה־מויד, און זי האָט אַפּ'ן ליִיב נאָר איין קליידל. די גאַנצע משפּחה פון זעקס פאַר־שוין האָט נאָר צוויי פּאָר שטיוול. דאָס פערד וויל אויך עסן און די קו אויך — און זיי זענען אַמאָל בילכער פון די קינדער. מוז מען שפּאָרן. ניט נאָכגעבן דער קישקע. מען צורייבט רויטע בוריקעס און מען עסט זיי מיט קאַרטאָפל. קאַרטאָפל איז דאָ גענוג. בוריקעס אויך. ברויט דאַרף מען שפּאָרן. פלייש עסט מען נאָר אום יום־טוב. פלייש האָט מען געגעסן אפשר נאָר פינף־זעקס מאָל איבער'ן גאַנצן ווינטער.

ס'איז דאָ אַ לאָמפּ, אָבער ניטאָ קיין קעראָסין. ברענט אַ קאָפּ־טילקע — אַ קנייטל אַריינגעשטעקט אין אַ גלעזל אַלעאָנאַפט. דאָס פלעמל צאַנקט. די טאַראַקאַנעס (פּרייסן) קריכן אַרום פון אַלע ווינק־לען, פון אַלע לעכער, הונדערטער טאַראַקאַנעס, טויזנטער טאַראַקאַנעס. זיי קריכן איבער די ווענט. זיי שאָרשקען אין דעם צייטונג־פּאַפּיר, וואָס באַקלעפּט די גאַרניצאַ. זיי לויפן איבער דער סטעליע, איבער די ביינק. קיינעם אַרט ניט זייער פאָרען זיך. קיינער קוקט זיך ניט אום. די גויע שפּינט פלאַקס — ווי די עלטער־עלטער באָבעס; אַ שיקסל נייט אויס; אַ שייגעצל קוקט אַריין אין אַ ביכל. דער גוי איז נאָך ניט געקומען פון דאָרף. ס'איז שטיל. אַצלדינג אומבאַוועג־לאַך. מענטשן און ביינק און ווענט און דער אויוון — אַלץ איינס, ווי אויסגעקאַרבט פון דעם אייגענעם מאַטעריאַל.

איך זיץ און קוק אין פלעמל אַריין און הער די שילקייט פונ'ם דאָרף.

עס קומט דער באַלאַבאַס. ער רעדט עפּעס וועגן די שכנים, וועגן פאָרן מאָרגן אין וואַלד אריין, וועגן א נייע פּאָר לאַפּציעס, וואָס ער האַלט אין קויפן בא טראָפּימען. טראָפּים וויל פינף הונדערט רובל, ער גיט שוין פיר. גוטע לאַפּציעס. ערלאַך געפלאָכטן. עס ווערט שוין קאַלט. מאָרגן וועט פאַלן א שניי.

די פויערטע ענטפערט. די פויערטע און די שיקסלאַך ריידן מיט'ן „צ". איך האָב דאָס באַמערקט אין דער גאַנצער געגנט. די מענער זאָגן „טשאי" (טיי), די פרויען זאָגן „צאי"; די פרויען זאָגן „חאָצו" (איך וויל) אָנשטאָט „חאָטשו", „טאָוואַריסץ" (חבר) אָנשטאָט „טאָ־וואַרישטש". ווי קומט עס, האָב איך געפרעגט. האָט מען מיר גע־ענטפערט, אז אַמאָליקע יאָרן האָבן אַלע גערעדט מיט'ן „צדיק", נאָר וואָס דען, די מאַנסבילן האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן אין שטאָט אריין, זענען זיי געוואָר געוואָרן, ווי אַזוי מענטשן ריידן אַנדערש וואו; די ווייבער זענען געבליבן בא'ם אַלטן.

— טאָוואַריסץ, חאָצעס צאַיו? — פרעגט מיך די גויע. יאָ, אודאי וויל איך. מען גיסט אריין פון א קעסל אַביסל הייסע וואַסער אין א טשאַיניק מיט געטריקנטע מערן, ווערט טיי. טרינקען מיר און ריידן. מיר איז שווער, דער קאָפּ פּלאָמט. די גויע טרייסט מיך: נישקשה, וועסט איבערשלאָפן. קריך אַפ'ן אויוון.

איך קריך אַפ'ן אויוון. דער פויער מיט די קינדער לייגן זיך אויס אין בעט און אַף דער פּאָדלאָגע אין גאָרניצאַ. מ'האָט פאַרלאָשן די קאָפּטילקע און ווינקל. בא'ם גרויסן קריסטוס בילד, מיט דעם קור־פּערנעם ראָס, באַמערק איך דאָס רויטע פייערל פון א קליין לעמפּעלע, וואָס ברענט שטענדיק. א נר תמיד.

ס'איז שטיל. אַפ'ן אויוון שמעקט מיט זויערטייג און לעדער. ס'איז הייס און שטויביק, און א געדיכטער טרוקענער ריח קיצלט די נאָזלעכער. אונטערגעלייגט האָט מען מיר א פּעלץ מיט די האָר ארויף. איך ליג מיט'ן פּנים צו דער שטוב צו, כדי צו קענען כאַפּן דעם אָטעם.

אַלע שלאָפן. דאָס קליינע לעמפּעלע גוסס'ט און קען ניט אויס־גיין. ערגעץ האָט געקרייט א האָן. א פערד האָט א פּאַרשקע געטאָן אין א שטאַל, הינטער דער וואַנט. דאָס שעפּעלע האָט זיך אויפגע־הויבן און קראַצט זיך אין ראַנד פון אויוון. דער באַלאַבאָס כראָפּעט. מיר קלאַפּט אין די שלייפן. איך צייל ביז טויזנט און קען ניט שלאָפן.

און אָט זע איך אַ גרויסן וואַלד און אַ בלאָטיקן וועג, און דער פויער פאַרמעסט זיך אַף מיר מיט דער בייטש און זאָגט: „ביז וואַנען וועל איך דיך פירן, ביסט ניט קראַנק גיין צו־פוס". איך וויל אַראָפּ־שפּרינגען פון וואָגן, אָבער מיינע אברים זענען ווי פון שטיין, און איך קען זיך ניט רירן. מיך באַפאַלט אַ פּחד, איך וויל אַ געשריי טאָן און קען ניט. איך זיץ און קוק און אַלצדינג רייסט זיך אין מיר. דער פויער טוט מיך אַ שטויס. איך פאַל אום מיט'ן פּנים אין שטרוי. די שטרוי קיצלט מיך, שטעכט מיר אין נאָז און אין שטערן. איך וויל זי אָפּרוקן מיט דער האַנט און כאַפּ אַ פּאָר טאַראַקאַנעס, וואָס קריכן איבער מיין פּנים. איך בין ווידער וואַך. דאָס האַרץ האַמערט. די טאַראַקאַנעס רוישן, שעלעשטשען אומעטום. אין פענסטער קוקט אַריין די נאַכט. ס'איז שטיל. איך קוק זיך איין אין דער שטילקייט און ווייס ניט, וואו איך בין. אפשר איז אַלעס נאָר איין פאַנטאַס־טישער חלום?

.1921

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ.

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז אַלט זעכציק יאָר. זי איז אַן אַלמנה. זי קען ניט לייענען און שרייבן. אַמאָליקע יאָרן איז זי געווען אַ באַלאַבאָסטע פאַר זיך: דער מאַן אירער איז געווען אַ מעשטשאַנין, אַ קליינער הענדלער. שפּעטער איז זי געווען אַ פּאַרוואַלטערין אין אַ פאַרמעגלאַכן אינטעליגענטן הויז. איצט איז זי אַ קעכין אין דעם ניזשעגאָראָדער גובערנסקי איספּאָלקאָם (עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן).

ס'רעדט זיך אַזוי: אַ קעכין. אויב איר ווילט, איז זי דער הויפּט־קאָמאַנדיר איבער'ן גאַנצן איספּאָלקאָם. די מעשה איז אַזוי. אין איספּאָלקאָם אַרבעטן אַ פערציק־פופציק באַאַמטע. און אַ כלל איז איצט אין רוסלאַנד, אַז וואו מענטשן אַרבעטן, דאָרט עסן זיי מיטאָג. יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ באַקומט פון איספּאָלקאָם פּראָדוקטן און

קאָכט פון זיי מיטאָג פאַר אַלע באַאמטע. דאָס עס־צימער געפינט זיך אַפ'ן דריטן שטאָק, לעבן קיך. דער מיטאָג איז אַ טעלער זופּ, אַ פערטל פונט פלייש, גוטע ברויט און טיי. נו, און דאָס ווייסט יעדערער, אַז דאָרט, וואו עס עסן פערציק־פופציק מענטשן, קען זיך „ספּאָזשיוועןʺ ניט איינער און ניט צוויי. קומט מען טאַקע אָן צו יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אונטער אַ נויט. חבר גאַווראַנסקי קערט זיך אום אהיים פון אַ זיצונג טויט הונגעריק: ס'איז איינס אַזייגער באַנאַכט, און קריגן אַ ביסן איז אוממעגלאַך, כאָטש צוריס זיך. חבר גאַווראַנסקי וואוינט טאַקע אין דעם בנין פון איספּאָלקאָם. הויבט ער אָן ארומ־שפּאַצירן אין קאָרידאָר פאַר יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ס טיר. (יענע וואוינט לעבן קיך, אין אַ קליינער קאַמער). וועקן האָט ער מורא, ס'פּאַסט ניט. און ווידער האָט ער אַ רעכט נאָר אַף מיטאָג, ניט אַף וועטשערע. פונדעסטוועגן גייט ער זיך דורך אַ פּאָר מאָל — אפשר... די טיר עפנט זיך, די אַלטע גויע אין אַ פאַרשמאַלצעוועטער קאַפטע און אַ טשיפּעק אַף די גראָע האָר, באַווייזט זיך אַף דער שוועל. „נו, קום שוין אַריין, תכשיט מיינערʺ, זאָגט זי גאַווראַנסקי'ן און צינדט אָן דאָס לעמפּל אין קיך. „ביסט דאָך, מסתמא, הונגעריק. זיך אָנ־געדערט ווי אַ פּויקʺ. און אַפ'ן ריין געהובלטן טיש באַווייזט זיך אַ טעלער מיט שטיקלאַך קישקע, וואָס זענען געבליבן פון מיטאָג, מיט אַ גוט שיסעלע הירזשענע קאַשע; פון ערגעץ שלעפּט יעקאַטערינאַ אייוואַנאָוונאַ ארויס אַ טשאַיניק מיט הייסע וואַסער און אָן אַנדערן מיט עפּל־טיי (פּאַרטריקנטע שאָלאַכץ פון עפּל, וואָס מע נוצט אָנ־שטאָט טיי), און גאַווראַנסקי קוויקט זיך. ער עסט. די אַלטע זיצט אַף דער באַנק לעבן גרויסן קופּערנעם קעסל, רייבט זיך די הענט און פרעגט פראַגן. מען דאַרף איר דערציילן אַלצדינג, וואָס עס איז פאַר־געקומען אַפ'ן מיטינג, וואָס אימיצער האָט געזאָגט און וואָס פאַר באַשלוסן מ'האָט אָנגענומען און ווי אַזוי מ'האָט זיי דורכגעפירט אין לעבן. גאַווראַנסקי עסט און דערציילט, און די אַלטע שטעלט אַלע מאָל אַריין אַ וואָרט: „האָסט געדאַרפט געווען זאָגן אַזוי און אַזוי, האָסט ניט געטאָרט לאָזן מאַרקעלאָ'ן זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ גאַנצן כוואַטʺ.

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַ סך קליענטן. פאַלט אַמאָל אַריין אַ דעלעגאַט פון דעם אויעזד, געקומען אין גובערניע אַף אַ טאָג

צי צוויי און האָט ניט וואָס צו עסן, פרעגט ער זיך בא יעקאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַ, אפשר וועט זי אים געבן מיטאָג. דאַרף פּושקאַריעוו אַרויספאָרן פינף פאַרטאָג צום וואָקזאַל אַפּ'ן וועג קיין קאַזאַן, זאָגט זי אים אין אָוונט מיט אַ כלומר'שטן ברוגז: „גיי נאָר ניט אַוועק אַ ניכטערער, קראַסאַוועץ מיינער, ס'וועט דיר אויסכליאַנעז דאָס האַרץ; קום אַריין פאַר'ן אַוועקפאָרן און טרינק אַ גלעזל וואַרימס". און ער געפינט שוין פאַרטיקע טיי און אַ גוטן שטיק ברויט מיט פּוטער. פאַראַן עטלאַכע חברים, וואָס זי האָט זיי צוגעלאַשטשעט ווי אַ באָבע: סאַרין, דער פאָרזיצענדער פון די יונגע קאָמוניסטן, אַ סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי, און דערצו אַ טשאַכאָטאַטשניק; אים איז גאָר נויטיק צו זיין אין אַ סאַנאַטאָריום, און ער ברענט ווי אַ פייער אַף מיטינגען, זיצונגען און קאָנפערענצן. דערמאָנט זי אים אַלע מאָל, ער זאָל למען השם קומען צו איר נאָך אַלע געשעפטן. און זי האָט שוין פאַר אים דעם עסן ביסן. ווען ניט איר אכטונג געבן, וואָלט ער שוין לאַנג אויסגעצויגן די פיס. וואַסקאַ לאַפּוך, דער שאָפער פון דעם סאָוועטסקן אויטאָמאָביל, אַ יונג מיט ביינער, וואָס וואוינט אין אַ צימערל איבער'ן שטאַל און איז קיינמאָל ניט זאַט. ער העלפט אונטער בא'ם קאָכן. (פאַראַן אַ חוץ דעם צוויי שיקסעס, וואָס יעקאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַ קאָמאַנדעוועט איבער זיי). און דערפאַר איז ער אַ חשוב. די אידישע מיידל באַסקע, די סעקרעטאַרקע פונ'ם אָרטיקן קאָמוניסטישן קאָמיטעט, און אַ גאַנצער שטאַב אַנדערע נויטבאַדערפטיקע סאָוועטסקע טוער. אַלעמען איז זי אַ מאַמע, קיינמאָל זאָגט זי ניט אָפּ, אָבער זי קען אַרויסנעמען די נשמה מיט פראַגן — און אַלצדינג וויים זי, כאָטש זי קען ניט קיין אות, און וועגן אַלצדינג האָט זי אַ מיינונג, און אַלצדינג איז איר ניט געפעלן.

איך גופא האָב זיך באַקענט מיט יעקאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַ אַף אַ גאַנץ נאַטירלאַכן שטייגער. אַז איך בין אָנגעקומען קיין ניזשני, האָט מיר דער איספּאָלקאָם צו איר געגעבן אַ צעטל, אַז איך מעג עסן מיטאָג מיט די באַאַמטע. געבראַכט דעם צעטל צו יעקאַטערינאַ איוואַנאָווּנאַ, פרעגט זי: „און פרישטיק און וועטשערע האָסטו וואו צו עסן?" זאָג איך, מסתמא, אַז ניין. זאָגט זי: „פאַרגעס זשע ניט קומען אין דער פרי און אַף דער נאַכט: ס'וועט זיך פאַר דיר עפּעס געפינען".

אין דעם זעליקן אוונט בין איך שוין געזעסן אין דער ריינער, גראמער, ווארימער קיך, געגעסן קאשע און געענטפערט אף דער אל־טער׳ס פראגן. זי האט ניט געפרעגט גלאט אין דער וועלט אריין. זי האט געדארפט וויסן אלע וויכטיקע זאכן. וואס מער איך האב מיט איר גערעדט, אלץ מער האב איך געזען: איך האב צו טאן מיט אן אינטעליגענטן, דיינקענדן מענטשן. יעקאטערינא איוואנאוונא פאר־שטייט קלאר דעם זין פון דער סאציאלער רעוואלוציע, וואס איז פאר־געקומען אין רוסלאנד; זי איז גוט באהאוונט אין דער קאנסטיטוציע פון דער סאוועט־רעפובליק; זי וויים גענוי, וואס עס טוט זיך אין די פארשיידענע צווייגן פון דער ארטיקער פארוואלטונג, און זי איז אן אויסגעצייכנטער קענער פון מענטשן. זי האט א מעגלאכקייט צו זען מענטשן פון א באזונדער זייט, אין זייער פריוואטן לעבן — און שאצט אפ זייערע מעלות און חסרונות מיט אן אויסערגעוויינלאכער חריפות.

ווען איינעם א געוועזענעם פארזיצענדן פון דעם ארטיקן קאמור־ניסטישן קאמיטעט, א מאן א יאבעדניק, וואס מאסקווע האט אים געמוזט צוריקרופן פון זיין שטעלע, האט זי מיר געזאגט אזוי: „איך האב געוואוסט פון פריער, אז ער איז ניט קיין מענטש. ניטא קיין געטריישאפט. שטעל דיר פאר: אין מיטן העלן טאג נעמט ער דאס ווייב און גייט מיט איר אין קראם אויסקלייבן שיך. געהערט א מעשה! אן ערנהאפטער טוער האט קיין אנדער ארבעט ניט, נאר קלייבן שיך פאר זיין ווייבל... ניין, ברודערקע, מיט אזוינע מענטשן וועסטו קיין בנין ניט בויען. ניין, טייערינקער...״

יעקאטערינא איוואנאוונא איז אינגאנצן דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון דער נייער צייט — און מענטשן מעסט זי אויך לויט די פאדערונגען פון דער נייער צייט. זי איז אנטציקט פון די גרויסע פי־רער, וואס ארבעטן טאג און נאכט. זי איז אויך פול מיט אפשיי פאר אייניקע פון די ארטיקע טוער. ווען טראצקי׳ן האט זי מיר געזאגט: „אט דאס איז א מענטש! אט דאס איז אן אמת׳ער וואזשד (פירער). ער ארבעט מיט׳ן בלוטיקן שוויים. ער פארט ארום איבער גאנץ רוסלאנד. ער שרייבט ביכער אין וואגאן. אינמיטן דער נאכט שטייט ער אויף און ארבעט. אט דאס הייסט אן אמת׳ער רעוואלוציאנער. ווען אלע וואלטן געווען אזוי, וואלט בא אונז שוין לאנג קיין ראזרוכע

(עקאָנאָמישער תוהו ובוהו) ניט געווען". ווען א היימישן טוער, א מיטגליד פון איספּאָלקאָם, האָט זי באמערקט: „א פיינער מענטש. אַן אמת׳ער קאָמוניסט. ארבעט ניט נאָר פון צען ביז פיר. קומט ניט אָפּזיצן און אוועקגיין, אבי קריגן דאָס געהאַלט. ס׳טוט אים טאַקע וויי. ער וויל אַלצדינג בעסער מאַכן. ער אַרבעט אריבער די כוחות. זאָל אים גאָט געבן געזונט". און די אַלטע יעקאַטערינא איוואַנאָוונא איז גרייט זיך איבערצו׳צלמ׳ען, אָבער זי דערמאָנט זיך, אַז איצט איז דאָס אוים מאָדע.

געוויינטלאַך איז אָבער יעקאַטערינא איוואַנאָוונא ניט צופרידן מיט די טוער. יעקאַטערינא איוואַנאָוונא האָט ניט נאָר ליב צו פרעגן, נאָר אויך צו דערציילן, דערהויפּט צו זאָגן מוסר. אָפטמאָל פּלעגט זי נאָר אויסהערן פון מיר א פּאָר ווערטער און זיך אַליין נעמען שמועסן. זי רעדט א קלאָרע, זאַפטיקע, קיילאַכדיקע, רואיקע פאָלקס־שפּראַך, מיט א סך שפּריכווערטער, מיט פאַרגלייכונגען, מיט א שטאַרקער באַטאָנונג דאָ און דאָרט. זי האָט ליב איבערצו׳חזר׳ן איין פּראַזע עטלאַכע מאָל, צוגעבנדיק אַלץ נייע ווערטער, ביז דער געדאַנק איז אינגאַנצן לעבעדיק און בולט. אָפטמאָל פאַרגעסט זי, אַז זי רעדט צו מיר, און שטעלט זיך פאָר דעם מענטשן, וועלכן זי באַשולדיקט.

„אַרבעטן דאַרף מען", זאָגט זי, „אַרבעטן מיט אַלע כוחות. אָן אַרבעט וועט מען אונז אַלעמען אַרויסוואַרפן אין מיסט־קאַסטן", — און זי לאָזט זיך אוועק דערציילן, ווי אַזוי סאָוועטסקע מענטשן פוילן זיך צו טאָן אַרבעט. „געהערט אַן עובדא! אַרבעט אָפּ זיינע אַכט שעה אין פאַבריק — אפילו ניט קיין גאַנצע אַכט שעה, נאָר מיט א הפסקה אַף טיי, נעמט זיך אָפּ דאָס געהאַלט און אַוועק אַהיים. ניט זיין געשעפט. דאָס איבעריקע קער זיך מיט אים ניט אָן. ניין, ליבינקער, ניט רעכט אַזוי. אפשר אַמאָל, אַז דו האָסט געאַרבעט פאַר יענעם, האָסטו זיך געמעגט פוילן. אָבער אַצינד, אַז ס׳איז דיין אייגנס, ביסטו א נאַר און א טויגעניכטס, אויב דו פוילסט זיך".

„פרייהייט", זאָגט יעקאַטערינא איוואַנאָוונא, „איז ניט אַרומגיין פּוסט און פּאַס (לאָדירניטשאַט), נאָר טאָן אַרבעט. אויב אפילו דו ביסט איינער אַליין אַף דער וועלט, ביסט פריי ווי דער ווינט אין פעלד, דאַרפסטו אויך זאָרגן וועגן זיך. אפילו דער פרייער פויגל מוז זיך בויען א נעסט און זוכן עסן. אויב דו פאַרלאָזט זיך אַף יענעם און

אַליין טוסטו קיין אַרבעט ניט, ביסטו ניט קיין פרייער מענטש, נאָר אַ קנעכט בא דיין פּוילקייט. אַזוי קען מען ניט באַשאַפן קיין פרייע מלוכה. ניין, מיין האַרץ, קיין פרייען לעבן קען מען ניט אויפבויען אָן אַרבעט".

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז זייער אויפגעבראַכט אַף די וואָס קלאָגן זיך. יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ מאַכט פון זיי חוזק. „אַ רעוואָלוציע", זאָגט זי, „האָט איר געקענט מאַכן, און אַז ס'קומט צו אויסהאַלטן, פעלט אייך די געדולד. ניט רעכט אַזוי, ניט רעכט, קינדערלאַך. האָט איר שוין געמאַכט אַ רעוואָלוציע, דאַרפט איר האָבן כח איבערצואוואַרטן, ביז ס'וועט ווערן בעסער. בלאָזן זיך אַף אַנדערע איז נאַריש. וואָס מיינט איר: דאָס האָבן די באָלשעוויקעס געמאַכט די ראַזרוכע? ניין, מיר אַלע האָבן זי געמאַכט. מיר אַלע זענען שולדיק. קיינער טאָר ניט אָפּוואַשן זיינע הענט און זאָגן: ניט מיין עסק. טאָמער האָט איר טענות צו די באָלשעוויקעס, איז דאָס אַ זינד".

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז פאַר אייניקייט, פאַר ברודערשע הילף. „אָן אייניקייט", זאָגט זי, „זענען מיר פאַרפאַלן. טאָמער נעמען מיר זיך איצט רייסן און בייסן, וועט מען אונז אַלע אויפעסן מיט די ביינער. טאָמער מאַכט אימיצער אַ טעות, העלפט אים פאַרריכטן דעם טעות, אָבער שטייט ניט פון דער זייט ווי אָן אָנגעבלאָזענער אינדיק. קריטיקירן איז גרינג, טאָן עפּעס רעכטס איז אַ סך שווערער. די באָלשעוויקעס אַרבעטן פאַר אַלע, זיי זענען קהל'שע פאַרזאָרגער, קומט זיי חבר'שע הילף און ניט קריטיקירן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. פון אַזאַ קריטיק וויאַנען די אויערן און ס'איז פּריקרע אַף דער נשמה".

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז ניט קיין קאָמוניסטקע, דאָס הייסט, זי איז ניט פאַרשריבן אין דער פּאַרטיי. „ניט מיינע יאָרן", זאָגט זי. „און גלאַט, וואָס בין איך פאַר אַ טוערקע? איך טויג נאָר אַף צו קאָכן קאַשע מיט באָרשטש". אָבער אַזוי סימפּאַטיזירט זי מיט'ן באָלשעוויזם. „דער באָלשעוויזם", זאָגט זי, „איז גוט. שלעכט זענען נאָר אייניקע באָלשעוויקעס. וואָלטן אַלע מענטשן געווען באָלשעוויקעס, און וואָלטן אַלע באָלשעוויקעס געווען רעכטע טוער, וואָלט מען זיך פאַרשפּאָרט זאָרגן. אַזוי ווי ס'איז, וועט מען נאָך דאַרפן אַ סך אויסשטיין צרות און לייד. און פאַר וואָס? אַלץ צוליב אונזער אומ-

וויסנהייט און גראָבקייט".

די ווערטער „אומוויסנהייט און גראָבקייט" נוצט יעקאטערינא איוואנאָוונא גאנץ אָפט („ניעוועזשעסטווא אי גרובאָסט"). דערביי פארגעסט זי, אז זי אליין קען ניט לעזן און שרייבן. אָבער זי איז באמת ניט אומוויסנד און ניט גראָב. מיר האָט זיך געדאכט, אז אָפטמאָל פארשטייט זי מער, ווי א ליאדע דאמע, וואָס איז געגאנגען אף קורסן. א קלאָרערן קוק האָט זי אודאי. מיט די ווערטער „אומוויסנהייט און גראָבקייט" זידלט זי אלערליי פעלערן אפילו פון געבילדעטע מענטשן. „אומוויסנהייט און גראָבקייט" הייסט בא איר, ווען א טוער קומט אין זיין ביורא עלף א זייגער אָנשטאָט צען. „אומוויסנהייט און גראָבקייט" הייסט, ווען א מענטש נעמט זיך א בעסערן ביסן, איידער ס'קומט אים. „אומוויסנהייט און גראָבקייט" הייסט, ווען א קאָמיסאר פאָרט ארויס אף א סאָוועטסקן שליטן מיט זיין דאמע, אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק — און דערמיט רייסט ער אויף די אויגן פונ'ם פשוט'ן עולם. „אומוויסנהייט און גראָבקייט"...

אף איייניקע קאָמיסארן טראָגט זי א שווער הארץ. „ניט אלע קאָמיסארן זענען גלייך", האָט זי מיך געלערנט. „פאראן לייטישע מענטשן, גאָלדענע הערצער, בריליאנטענע נשמות", און זי רופט מיר אָן נעמען און נעמען. „פאראן אָבער אזוינע, וואָס האָבן זיך פארקאָמיסארעוועט". מיט אָט דעם וואָרט באצייכנט זי מענטשן, וואָס נוצן זייער אמט צו הערשעווען איבער מענטשן, צו געניסן פערזענלאכע טובות, צו פילן זיך העכער ווי דער פּראָסטער ארבעטער. אזוינע „פארקאָמיסארעוועטע" קאָמוניסטן זענען בא יעקאטערינא איוואנאָוונא טריף. און זאָל איינער קומען בעטן בא איר א גלעזל טיי, וועט זי אים ווייזן די טיר: „נישטאָ פאר דיר קיין טיי אינמיטן דרינען. וועסט קומען צווישן איינס און דריי, וועסטו קריגן מיטאָג. אָבער פארגעס ניט ברייננגען א צעטל".

יעקאטערינא איוואנאָוונא איז בטבע אן אגיטאטאָר. קיינער קען ניט ריידן אזוי קלאָר און פארשטענדלאך צום פּראָסטן עולם, ווי זי. קיינער האָט אזוי ניט ליב אויפקלערן מענטשן, ווי זי. זי רעדט ניט אף קיין פארזאמלונגען, אָבער צווישן אייגענע, צווישן באקאנטע, צווישן שכנים און שכנות הערט זי ניט אויף צו אגיטירן פאר דער נייער אָרדנונג. דערהויפּט האָט זי ליב ריידן צו פרויען. עס פארשטייט

זיך, אַז זי איז ניט צופרידן מיט די סאָוועטסקע פרויען. „געהערט אַ מעשה", זאָגט זי מיר, „מ'האָט געגעבן ארכיפּאָוו'ן אַ קאַזיאָנע דירה מיט מעבל, מיט אַלצדינג (אַ הויף פון אַ געוועזענעם סוחר). וואָס טוט די ארכיפּיכע? זי נעמט און צושניידט דעם סאַמעטענעם פאָרהאַנג און מאַכט זיך אַ קלייד. פאַר אַזוינס מוז מען אריינזעצן אין טשעקאַ". און יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ'ס אויגן בליצן.

„אומוויסנהייט און גראָבקייט"... די אַלטע דערציילט מיר פון אַ דאַמע, אַ באַאַמטנ'ס ווייב. געקומען אין טעאַטער, אויסגעפּוצט ווי אַ ליאַלקע, זיך אַוועקגעזעצט אין לאָזשע. אַן אמת'ע פּריצה. און אַ ברודער־ארבעטער, אַן אויסגעהאָרעוועטער און אַ הונגעריקער, קען קיין פּלאַץ ניט באַקומען. פע, טפו!" און יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ שפּייט אויס און ווישט זיך דאָס מויל מיט'ן עק פון'ם טונקעלן פאַר־טוך. „איך וואָלט אַזוינע פאַרבאָטן זיך ווייזן אין טעאַטער. זאָל זי בעסער ארבעטן אין דער היים. איר מיינט: באַ איר אין דער היים איז דאָ אָרדנונג, ריינקייט? האָט איר אַ טעות. אין שטוב איז אָנ־געוואָרפן, דאָס בעטגעוואַנט ניט אויסגעוואַשן, די קליידלאַך שמוציק, אַ גאַנצן טאָג גייט זי ארום אַ צושויבערטע, אַ ניט געקעמטע. פאַר־נאַכט טוט זי אָן אַ זיידן קליידל אַפּ'ן שלומפּער און איז אַ דאַמע. איך וואָלט אַזאַ דאַמע ניט געלאָזט אַף מיין שוועל, באַהיט זאָל מען ווערן".

און יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ סאָפּעט אַזש, און איר דיקלאַכער, קיילאַכדיקער קערפּער בלאָזט זיך מיט פאַראַכטונג.

פונדעסטוועגן האָפט יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אַף בעסערע צייטן. זי איז ניט קיין פּעסימיסטקע. „דאָס נייע לעבן קען ניט באַשאַפן ווערן אין איין טאָג. דאָס נייע לעבן דאַרף נייע מענטשן — און די מענטשן וועלן קומען".

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אפשר אַליין ניט געוואוסט, אַז זי איז איינע פון אָט די מענטשן.

די שעה'ן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין יענער ניזשעגאָראָדער קיך אין געשפּרעכן מיט דער אַלטער פרוי, זענען אין מיין זכרון באַ־הויכט מיט אַן איידלקייט און מיט דער וואַרימקייט פון אַ ליבער מענטשלאַכער נשמה. זיי שיינען צו מיר אריבער ווי קלאָר ווייסע רואיקע שטריכן אין אַ געמיש פון אַ שוואַרץ־רויט־גראָ שטורעמדיקן צעיושעטן לעבן.

פאר מיין אוועקפארן האט מיר יעקאטערינא איוואנאוונא אריינגעשטופט אין רענצל א פאר פונט ברויט און א שטיק קעז און עטלאכע שטיקלאך צוקער און, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, האט זי מיר געוואונטשן גליקלאך ענדיקן מיין רייזע און גליקלאך קומען איבער׳ן ים. און אויב איך וועל אמאל ווידער ארייננפאלן אין ניזשני, זאל איך זי ניט פארגעסן.

אודאי וועל איך זי ניט פארגעסן.

.1921

דער פויער איוואן אנדראנאוו.

איוואן אנדראנאוו איז אלט א יאר פופציק. ער איז א מיטלוואוקסיקער, א ברייט־ביינערדיקער, אביסל אן איינגעבויגענער, א שטארקער, ווי אייזן. זיינע פיס זענען עטוואס אויסגעקרומט, און ווען ער גייט, שטעלט ער די פיס אף אויסן, ווי א מענטש, וואס איז געוואוינט צו טראגן משא. גיין גייט ער פאוואליע, און אלצדינג, וואס ער טוט, איז מיט אן ערנסטקייט און מיט א גרויסן ישוב־הדעת.

איוואן אנדראנאוו מאכט דעם איינדרוק פון א קיילאכדיקן. איך וויים, אז דאס איז ניט מיין אויסדרוק. טאלסטאי האט אזוי באשריבן קאראטאיעוו׳ן אין „קריג און פרידן”: „קיילאכדיקע באוועגונגען”, „קיילאכדיקע ווערטער”, א „קיילאכדיקער מענטש”. אבער ערשט, ווען איך בין געקומען אין רוסישן דארף, האב איך בחוש געזען אט די קיילאכדיקייט פון דעם פאלקס־מאן. איוואן אנדראנאוו טוט א מאך מיט דער האנט — און ס׳באקומט זיך א קיילאכדיקער זשעסט. ער טוט אויס די לאפציע און באטראכט זי און הייננט זי טריקענען אף באנאכט — און בא אייך בלייבט דער זכרון פון קיילאכדיקער באוועגונג. איוואן אנדראנאוו רעדט, און ס׳שיטן זיך פון זיין מויל קלאכדיקע ווערטער — ניין, זיי שיטן זיך ניט, זיי שווימען ארויס און פארבינדן זיך אין קיילאכדיקע פארענדיקטע פראזן. איוואן אנדראנאוו רעדט לאנגזאם, ער וועגט איבער יעדעם ווארט; און אלצדינג, וואס ער זאגט, איז איבערגעוואויגן און פארענדיקט.

איוואַן אַנדראַנאָוו איז אַ געוועזענער פאַרמעגלאַכער פויער. אין דער צייט פון די „קאָמביעדן" (קאָמיטעטי ביעדנאָטי — אָרגאַניזאַציעס פון די אָרימסטע פויערים) האָט ער אַנגעוואוירן אַ סך פון זיין פאַרמעגן. ער איז אָבער ניט אָרים. ער האָט אַ קו און צוויי פערד און עטלאַכע שאָף און עופות. ער האָט אַ שטוב מיט אַ פיינער באַלעבאַטישקייט. ער איז דאָס, וואָס מ׳רופט איצט אַ „מיטעלער פויער", אפשר נאָך אביסעלע העכער. בכלל איז ער אַ טיפּישער פויער פונ׳ם בעסערן סאָרט. איך האָב מיט אים פאַרבראַכט עטלאַכע טעג און האָב זיך באַקאַנט מיט זיין גייסטיקער געשטאַלט, אַף וויפיל דאָס איז מעגלאַך אין אַזאַ קורצער צייט.

איוואַן אַנדראַנאָוו לעבט פון דער ערד און באַארבעט זי מיט׳ן שוויים פון זיין פּנים. אַ וואָגן שטרוי איז פאַר אים וויכטיקער, ווי אַלע קאָנסטיטוציעס, און די געזונטקייט פון זיין קו אינטערעסירט אים מער, ווי די פאַרבעסערונג פונ׳ם רוסישן טראַנספּאָרט. פאַר מיינע אויגן האָט ער צוויי שעה נאָכאַנאַנד אַרומגערעדט מיט זיין פרוי וועגן קויפן אַ נייע פּאָר לאַפּציעס פאַר פינף הונדערט רובל. מיט אַלע זיינע חושים און מיט דער גאַנצער אַרבעט פון זיין לעבן איז ער צוגעבונדן צו פּראַקטישע ממשות׳דיקע, אַלטעגלאַכע זאַכן: ערד, קי, האָבער, אַקערס, וואָגנס, באַלקנס, שטיוול. פונדעסטוועגן איז דאָס אַ מענטש, וואָס לעבט מיט גייסטיקע אינטערעסן. איך האָב זיך אַליין ניט געקענט גלויבן. אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז אָט דער מענטש טראַכט וועגן די וויכטיקסטע אַלגעמיינע פראַגן. פון וואָס איך האָב מיט אים ניט גערעדט, האָב איך געזען, אַז ער האָט דאָס שוין איבערגעטראַכט פריער, אַז ער האָט שוין געפּרואווט אויסאַרבעטן זיין אייגענע מיינונג.

איוואַן אַנדראַנאָוו איז אַ „גראַמאָטנער": ער קען לעזן, כאָטש שרייבן איז אים שווער. ער האָט געלייענט ביכער און צייטונגען, נאָר ניט קיין סך. ער איז ניט קיין גיכער לעזער, אָבער וואָס ער האָט איבערגעלייענט, האָט ער עס נאָכדעם איבערגעקלערט, אויסגעפּרואווט אין געדאַנק, און אָדער אָנגענומען, אָדער זיך אָפּגעגעבן חשבון, פאַרוואָס דאָס איז פאַלש. גייט ער אַף אַ פאַרזאַמלונג, כאַפּט ער אויף דעם תּוך פון דער רעדע און קען אים שפּעטער איבערגעבן אַף זיין אייגענעם שטייגער.

בכלל איז ער אַ בריה אַף כּאַפּן דעם תוך. איך האָב מיט אים גערעדט שעה'ן לאַנג. איך האָב מיט אים אָפּט דעבאַטירט. עס פלעגט מיר אויסקומען דערקלערן מיין מיינונג צען מינוט נאָכאַנאַנד. ווען אַנדראַנאָוו פלעגט נאָכדעם נעמען דאָס וואָרט, האָב איך געזען, אַז ער פאַקט גלייך דעם גרונט־געדאַנק, אַז זייטיקע זאַכן פירן אים ניט אַראָפּ פון'ם הויפּט־וועג. ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן אויפ־געבראַכט, קיינמאָל ניט פאַרלוירן די געדולד, זיך געהאַלטן, ווי איינער, וואָס איז זיכער אין זיינע פּרינציפּן. און וואָס מער מיר האָבן גע־רעדט, אַלץ מער האָב איך געזען, אַז איך האָב פאַר זיך אַן אינטע־ליגענטן דיינקענדן מענטשן.

רוסלאַנד איז, פאַרשטייט זיך, בא אים אויבן־אָן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער רעוואָלוציע. ער ווייסט, וואָס ס'טוט זיך אין לאַנד. און ער איז פול מיט מורא פאַר דער רוסישער צוקונפט. „אַלע וואַרטן אַף עפּעס. קיינער ווייסט ניט, וואָס מאָרגן וועט זיין. ניטאָ קיין פונדאַמענט אין לעבן. ניטאָ קיין אָנהאַלט." — אַזוי האָט ער פאָרמולירט די אַלגעמיינע שטימונג. פון דער רעוואָלוציע איז ער ניט באַגייסטערט, כאָטש ער ווייסט איר ווערט. ער ווייסט, אַז די פּויערים האָבן געשפּילט אין רוסלאַנד אַ פּאַסיווע ראָלע און ניט זיי זענען די פירנדיקע קראַפט. „די רעוואָלוציעס, סיי די פעוורואַלסקע, סיי די אָקטיאַברסקע, האָבן ניט מיר געמאַכט", האָט ער מיר געזאָגט: „געמאַכט האָבן זיי די, וואָס שטייען העכער פון אונז, קאָמיטעטן פון געלערנטע מענטשן, וואָס פאַרשטייען אַן ענין. אַ נייע רעוואָלוציע, אויב ס'וואָלט נויטיק געווען, וואָלטן אויך געמאַכט די געלערנטע מענטשן. דער פּויער וואָלט זי געמוזט אָננעמען, צי ער וויל, צי ער וויל ניט." איוואַן אַנדראַנאָוו ווייסט, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַפרייט דעם פּויער פון די פּריצישע לאַפּעס, אָבער ער ווייסט אויך, אַז די צייטן זענען נאָכדעם געוואָרן ביטער, און אַז דעם פּו ער לעבט זיך איצט אין אַלגעמיין שווערער, ווי צוריק מיט יאָרן. ער קען דעריבער ניט זיין צופרידן. אָבער ער ווייסט, אַז „וואָס געשען, איז פאַרפאַלן". ער וואָלט נאָר אַ בעלן געווען, אַז די ערד זאָל זיך אויפהערן שאָקלען אונטער זיינע פיס. ער וויל וויסן, וואו ער איז אַף דער וועלט. ער וויל זען אַן איינגעפונדעוועטע נייע אָרדנונג, וואָס זאָל אים מער ניט ברייננגען קיין סורפּריזן. ניט איינמאָל און ניט

צוויי מאָל האָב איך געהערט פון אים: „ניטאָ קיין אָנהאַלט אין לעבן. אַלע וואַרטן — וואָס וועט ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג?" און זיין ברייטע ברוסט האָט זיך געהויבן פון אַ זיפץ.

איך האָב אים אַ פּאָר מאָל געשטעלט אַ גאַנץ שאַרפע פראַגע: „וואָלט איר געוואָלט זיך צוריקקערן צו דער לאַגע פון צוריק מיט צען יאָר?" אָבער, ווי אַ גאַנץ געשייטער פּאָלעמיקער, האָט ער מיר שטענדיק געענטפערט מיט אַ פראַגע: „וואָס וואָלט דאָס געהאָלפן? דער פויער איז דעמאָלט אויך ניט געגאַנגען אין גאָלד." און בכלל איז פאַר אים דער עיקר: עפּעס אַ שטראַל פון האָפענונג אויף ווייטער, עפּעס אַ וועג, וואָס זאָל אַרויספירן פון קלעם. ניט צוריק, נאָר פאָרווערטס. אָבער ס'זאָל זיין אַ קלאָרע ליניע, און מ'זאָל אויפהערן בלאָנדזשען אין נעבל.

מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן ערד־אַרבייט, וועגן נייע מעטאָדן צו אָרגאַניזירן די פּויערשע ווירטשאַפט. איוואַן אַנדראָנאָוו פאַרשטייט די פּראָבלעמען. ער איז אָבער אַ רעאַליסט. ער רעכנט זיך מיט דער לאַגע, ווי זי איז. „דער מענטש", זאָגט ער, „איז פּייאיק סיי צו פּריוואַטער ווירטשאַפט, סיי צו קאָלעקטיווער ווירשאַפט. איך לייקן ניט, אַז קאָלעקטיווע אַרבעט איז אַ סך בעסער, זי באַצאָלט זיך מער, זי וואָלט געקענט אויפהייבן דאָס דאָרף אויף אַ העכערער שטופע. איז אָבער דער אומגליק, וואָס מענטשן האָבן עס ביז אַהער ניט פאַרזוכט, זיי ווייסן ניט דעם טעם. עס איז פּונקט ווי מיט עסן. אַט זאָגן אונז אַגראָנאָמען, אַז טאָמייטאָס זענען געזונטער פון אוגערקעס אָדער קרויט, און זיי הייסן אונז פלאַנצן טאָמייטאָס אָדער בלאָען־קרויט, אָדער קאָלראַבי. איז אָבער דער רוסישער פויער ניט געוואוינט צו אַזוינע געוויקסן. דער רוסישער פויער איז ניט געוואוינט צו שותפות'דיקע אַרבעט. ער ווייסט, אַז וואָס ער פאַרהאָרוועט, דאַרף געהערן צו אים אַליין. אַנומעלטן האָט מען באַ אונז געפּרואווט אָרגאַניזירן אַן אַרטעל — ניט געגאַנגען. ס'איז ניטאָ באַם פויער די געוואוינ־שאַפט. אפשר שפּעטער וועט ער זיך געוואוינען. פאַרוואָס ניט? אַ מענטש איז פייאיק זיך אויסצולערנען אַ סך נייע זאַכן. איך ווייס אָבער ניט, ווי גיך דאָס וועט זיין. דעריבער איז מיין עצה: זאָל מען דעם פויער לאָזן אַרבעטן אויף זיין שטיקל ערד, און זאָל ער טאַקע ווייסן, אַז דאָס איז זיין אייגנס."

איוואַן אַנדראַנאָוו איז מקיים אַלע דינים און מנהגים פונ׳ם פויערשן לעבן. ווען ער קומט אַריין, צלמ׳ט ער זיך אַף די הייליקע בילדער. פאַר׳ן עסן צלמ׳ט ער זיך, פאַר׳ן שלאָפן צלמ׳ט ער זיך ווידער און זאָגט די הייליקע תפילות. אין זיינע מאַנירן און ריידן און קליידן זיך איז ער פונקט אַזאַ פויער, ווי אַלע. נאָר דער קאָפּ אַרבעט בא אים, אַפּנים, לעבעדיקער. און אַ האַרץ האָט ער אַ לעבעדיקע, אַ רוסיש ווייכע, וואָס מוז האָבן פּאָעזיע און געזאַנג און מיסטיק צו שטילן איר הונגער. צוליב׳ן הונגער איז ער אַ היים רעליגיעזער מענטש, כאָטש ער קריטיקירט די גלחים. „די גלחים", זאָגט ער, „זענען געווען פאַרקויפטע מענטשן. זיי האָבן געדינט ניט דעם אמת, נאָר זייערע הערשער. דאָס ווייסן מיר שוין אַלע. די גלחים האָבן גענאַרט אונזערע ברידער. ווען די מלחמה איז געקומען, האָבן אונז די גלחים דערציילט, אַז די דייטשן זענען ווילדע מערדער. ניט געווען אַזאַ מיאוס׳קייט, וואָס זיי האָבן ניט אויס־געטראַכט אַף די דייטשן. אין די צערקוועס האָבן זיי געבעטן גאָט, ער זאָל אונז שיינקען אַ נצחון איבער די שונאים. שפּעטער האָט מען געבראַכט אין אונזער דאָרף עטלאַכע געפאַנגענע דייטשן. זיי האָבן געלעבט מיט אונז און געאַרבעט מיט אונז — און וואָס האָבן מיר דערזען? פריינטלאַכע, האָרעפּאַשנע, געבילדעטע ענטשן, ניט ערגער ווי מיר. נו, האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די גלחים זאָגן ליגן". פונדעסטוועגן גייט אַנדראָנאָוו אין צערקווע אַריין יעדן זונטיק, אונטער אַ יום־טוב רופט ער צו זיך דעם גלח און איז בכלל פונקט אַזוי פרום, ווי אַלע אַנדערע פויערים. פרעג איך אים, ווי קומט עס? ענטפערט ער מיר מיט לאַנגע קיילאַכדיקע רייד, מיט אַ סך ביישפּילן און מעשות. פאַרשטיי איך, אַז ער האָט צוויי גרונט־געדאַנקען, פאַרוואָס ער רופט דעם גלח: ערשטנס, דאַרף מען האָבן אַ צוים פאַר׳ן עולם, כדי ער זאָל זיך ניט צובאַלעווען, ניט אַראָפּ פונ׳ם וועג; אַזאַ צוים איז דאָס וואָרט פונ׳ם גלח. („אָן גאָט איז ניט מעגלאַך, בשום אופן ניט מעגלאַך", זאָגט אַנדראָנאָוו); צווייטנס, איז דאָ אינ׳ם מענטשנ׳ס גייסט אַ באַדערפעניש נאָך רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַ מענטש דאַרף האָבן ניט נאָר די נשמה, נאָר אויך די **פּאַרמעס** פון רעליגיעזן לעבן. („דער קירכן־גלאָק", זאָגט אַנדראַנאָוו, „וועקט אינ׳ם מענטשן אַזוינע געפילן, וואָס אָן אים וואָלטן זיי דאָרטן

נעשלאָפן”). דאָך איז בא אונזער פויער דער עיקר — די רעליגיע אלס א גייסטיקע איבערלעבונג.

איך האָב מיט אנדראָנאָוו'ן ניט געוואָלט פירן קיין רעליגיעזע ויכוחים. עס איז מיר אָבער אויסגעקומען הערן אזא ויכוח, וואָס אנדראָנאָוו האָט געפירט מיט א קאָמוניסטישן פויער. יענער איז געווען נאָר וואָס פון פארטיי־שול, געווען אָנגעשטאָפּט מיט דער נייער תורה, וועלכע האָט זיך נאָך ניט גוט פאָטאָיפּעט אין זיין קאָפּ און האָט ארויסגעשפּארט בא אים פון דער געוויינלאכסטער פראזע. בא אים איז ניט געווען דער מינדסטער ספק, אז קיין גאָט איז ניטאָ אף דער וועלט און אז יעדערער, וואָס גלויבט אין א גאָט, איז ענטוועדער א שוטה, אָדער א שווינדלער. מ'האָט געדארפט הערן, מיט וואָס פאר א געדולד און מיט וואָס פאר אן ערנסט אונזער אנדראָנאָוו האָט אים גענעבן צו פארשטיין, אז ס'איז דאָ אזוינע זאכן, וואָס די וויסנשאפט איז קעגן זיי מאכטלאָז. ער האָט ניט געברויכט דאָס וואָרט „וויסנשאפט”, אָדער „דערפארונג”, אָדער „מאָראל”, אָדער אפילו „רעליגיע” („וויערא” האָט ער געזאָגט, און וויערא הייסט „אמונה”, „גלויבן”, אינוויניקסטע איבערצייגונג, וואָס ווענדט זיך ניט אָן באווייזן). אנדראָנאָוו האָט ניט געוואוסט די נעמען פון א סך זאכן, דערפאר האָט ער געוואוסט די זאכן גופא. איך וועל ניט איבערגעבן דעם אינהאלט פון דעם ויכוח, וואָס האָט געדויערט א גאנצע נאכט. איך וויל נאָר זאָגן, אז אנדראָנאָוו'ס ארגומענטן האָבן זיך געדרייט ארום דריי פונקטען: 1) דער אָנהויב פון אלע אָנהויבן. די וויסנשאפט מעג ערקלערן, ווי אזוי די וועלט האָט זיך אנטוויקלט פון א נעבל־פלעק און ווי אזוי אלצדינג טוט זיך אף א נאטירלאכן אופן. אָבער פון וואנען האָט זיך גענומען דער נעבל־פלעק? ווער האָט אים באשאפן? „אָן א גאָט”, זאָגט אנדראָנאָוו, „קענסטו ניט דערקלערן דעם אָנהויב. פארוואָס זאָלסטו ניט אָננעמען, אז גאָט איז געווען אין אָנהויב פון אלץ?” 2) דאָס מאָראלע געפיל. א מענטש ווייסט, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט, וואָס גערעכט און וואָס אומגערעכט, כאָטש קיינער האָט אים דאָס ניט געזאָגט. ס'איז „א לעבעדיקע קראפט אין אונז”, ס'איז „דאָס געזעץ פון גאָט”. 3) דאָס רעליגיעזע געפיל. יעדער מענטש פילט מיט זיין הארץ — ניט מיט'ן מוח, נאָר מיט'ן הארץ, אז ס'איז דאָ א וועזן, א גרויסע קראפט, א געהיימניספולעס עטוואָס, וואָס

רינגלט אונז אַרום און רירט אונז מיט אומגעזעענע פינגער. „גיי אַליין אַריין אין קירך", זאָגט אַנדראָנאָוו, „און הער זיך איין, וואָס ס'טוט זיך אין דיין האַרץ. גיי אַרויס אין פעלד אין אַ שיינעם פרי־מאָרגן און דערפיל דעם ציטער פון דער נשמה. שפירסטו ניט, אַז אימיצער איז מיט דיר, אימיצער רעדט אין דיינע אויערן, אימיצער גיסט אַ הייליקן סוד אין דיין האַרץ. טאָ וועד איז דאָס?"

„דאָס האַרץ" האָט בּאַ אַנדראָנאָוו'ן פאַרנומען מער פּלאַץ, ווי דער מוח, דער סוד מער ווי די קלוגשאַפט פון לעבן. איך האָב זיך איינגעהערט אין אַנדראָנאָוו'ס רייד און האָב מיר בשעת מעשה גע־טראַכט: אונזערע אַמעריקאַנער האַלטן זיך דאָך געוויס אַ סך העכער פון די אַלע אַנדראָנאָווס, ווייל זיי, די אַמעריקאַנער, האָב הייסע און קאַלטע וואַסער אין זייערע הייזער און די אַנדראָנאָווס זענען פאַר־חושכ'ט און שמוציק. אָבער וויפיל איז דאָ אַמעריקאַנער פויערים, וואָס אינטערעסירן זיך מיט אָט די פראַגן? און וויפיל זענען פייאיק אָפּצוזיצן אַ נאַכט און דיסקוטירן אַזוינע טעמען?

מיר, אידן, אידישע אינטעליגענטן, און אפילו רוסישע אינטעלי־גענטן, זענען געוואוינט צו קוקן אַפ'ן פויער, ווי אַף אַ נידעריקערע בריאה. אינ'ם רוסישן דאָרף בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער פויער איז אַ קולטור־מענטש. ער מעג ניט שטענדיק קענען לעזן און שרייבן, אָבער ער לעבט אַ גייסטיקן לעבן און ער האָט אַן אָפענע נשמה.

.1921

פּאָגראָם.

אין דער סאָוועטסקער טשיינע איז געווען אָנגערויכערט און היים. די פענצטער פון אינווייניק זענען געווען באדעקט מיט קליינע טראָפּנס. די לופט איז געלעגן אַ הייסע און אַ פייכטע און געדריקט ווי אַ משא. די הילצערנע טישן און בּיינק האָבן אויס־געזען ווי געשוואָלן. די פּאָדלאָגע איז אַמאָל באַשטאַנען פון קעס־טעלאַך — שוואַרצע און רויטע, ווי אַ שאַך־ברעט. איצט האָט זיך אָנגעזעצט אַזוי פיל שמוץ און שטויב אַף די פירקאַנטיקע ציגעלאַך,

אז עס איז שווער צו דערקענען זייער פארב. אין ווינקל שטייט א גרויסער בלעכענער קעסל און זשומעט און זעצט א פארע.

ארום די טישן זיצן רויטע ארמייצעס, פורמאנעס, אנגעקומענע פויערים, עטלאכע יונגע שקצים, פון די וואס פארקויפן אין גאס פאפיראסן. דער מסחר איז אומלעגאל, אבער ער פירט זיך אפן איבער דער גאנצער שטאט. א בחור'ל שטייט אפ א שטונדע, צוויי אפ'ן פראסט, ווערט אים קאלט, גייט ער אריין זיך אנוואר־רימען און טרינקען א גלאז טיי. טשייניקעס מיט קיפיאטאק (הייסע וואסער) שטייען פאר יעדן. אפ דעם גרויסן טשייניק — א קלע־נערער מיט טיי. די טיי איז געמאכט פון געלע מערן. גאנץ רוס־לאנד טרינקט געלע מערן. מען צושניידט די מערן אפ דינע רייפט־לאך, מען טריקנט זיי אויס, — און די טיי איז פארטיק. ס'האט א קאליר און עפעס א זיסלאכן טעם. נארט מען אפ דעם מאגן: „סאוועטסקי טשאי". פאר א פארציע טיי מיט א ביסל סאכארין צאלט מען 18 רובל. ביליק ווי בארשט. וואס איז 18 רובל? וויניקער ווי אמאל א גראשן. אז איר האט צוקער, ברענגט איר מיט זיך. איך זעץ זיך בא א טיש, גיס די געלבלאכע וואסער אין דער שאל (בלודקע), בלאז אפ איר און זופ. ארום און ארום פירט זיך א געשפרעך וועגן טעגלאכע זאכן: אן אטפוסק; דער פרייז פון שוועבעלאך; דער טיפער שניי היינטיקן ווינטער; א פאר פאד־מיאטקעס, וואס איינער האט געקראגן גאר בזול הזול: עפעס א מאנקע, א בארימטע מיידל אין דעם געגנט; איינעמס א קראנקע זייט, וואס איז אים פארבליבן נאכ'ן טיפוס. די שטימען רוישן און הודזשען און ווערן, דאכט זיך, צערונען אין דער געדיכטער לופט. גראָע שטימען, אנגעקילטע אין דעם שטרייננגן ווינטער. נאר זעלטן טוט א שאס ארוים א שארפער מי־שברך „יעטיט . . . ." געמאכט אין גוטן מוט, און עמיצער טוט א שפיי פון א ווינקל מויל אין דער זייט אריין מיט א סווישטש.

איך זעץ און ווארט אפ א באקאנטן, וואס האט מיר צוגעזאגט קומען מיך נעמען אין א קלוב. איך קוק זיך אויפמערקזאם איין אין דעם אוזאר פון מיין טשייניק — בלאָע קווייטלאך אפ געל־ווייסן פארצעלייַ. איך הויב ניט אויף די אויגן, ווייל איך וויל ניט לאזן דעם עולם באמערקן, אז איך הער זיך איין אין געשפרעך. אבער

איך פיל, אז עס ווערט מיר אומרואיק אױף דער נשמה, און טו אַ קוק אַנטקעגן זיך. אין מיר זענען אַריינגעבויערט צוויי שאַרפע הייסע אידישע פרעגנדיקע אויגן. איך זע אַ בלאַסן דינעם אויסגעמאָגערטן פּנים מיט לייגנלאַכע קנייטשן. אַרום די קנייטשן ליגן געל־בלאָע פאַסן. אונטער'ן מויל קרייזלט זיך אַ שוואַרץ בערדל. איך ווייס: דאָס איז אַ קראַנקער. איך פיל אַ פיבער אין דעם קוק, אין דעם נערוועזן ציטערן פון דער הויט פון פּנים. „איר זייט מסתמא ניט קיין היגער?" טוט ער מיך אַ פרעג אױף אידיש. — און אַזוי מאָדנע האָט דער ליטווישער אַקצענט געקלונגען אין אָט דער עכט־רוסישער טשיינע. — איך שאָקל מיט'ן קאָפּ, אַז יאָ. נאָך איידער איך האָב צייט עפּעס צו זאָגן, פליען שוין אױף מיר אַ רייע האַסטיקע פראַגן: אַן אַמעריקאַנער? אַ דעלעגאַט? אַ זשורנאַליסט? אַ סאָציאַליסט? קלייבט מאַטעריאַל? איך האָב זיך שוין לאַנג אויפגעהערט וואונדערן, וואָס מען דערקענט אין מיר אַן אַמעריקאַנער. אפשר איז דאָס די ברילן, און אפשר איז אין פּנים אַזוינס, וואָס מען ברענגט עס פון דער זייט ים. היינט, אַז מען איז אַן אַמעריקאַנער, וואָס קען מען זיין אַחוץ אַ דעלעגאַט אָדער אַ זשורנאַליסט? מיך רייצן די שנעלע פראַגן, און איך ענטפער כדי עפּעס צו זאָגן: „און וואָס זייט איר?" יענער שווייגט איין מינוט, ווי מ'וואָלט אים פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אין מיטן אַ געלאַף, דאַן זאָגט ער אַרויס זייער דייטלאָך און מיט אויסדרוק: „אַ קרבן". איצט בין איך אַ ביסל צומישט. איך פאַרשטיי יאָ און פאַרשטיי ניט וואָס ער מיינט. יענער שטעכט אין מיר אַריין נאָך טיפער זיינע שוואַרצע פיבערדיקע אויגן, און זאָגט פּאַמעלאָך, מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט מיך באַשולדיקט: „יאָ, אַ קרבן פון אידישן פאָלק און פון היינטיקע משוגע'נע צייטן". אױף אַ קורצער רגע ווערט מיר קאַלט אין האַרצן. אַזוי מסתמא וואָלטן געוועדט מתים, ווען זיי קענען דערציילן פון זייערע קברים. איך וויל ניט פרעגן: עפּעס האָב איך ווי אָפּשיי פאַר אָט דעם מענטשן. אפשר איז ער גאָרניט באַם זינען? יענער טרעפט אָפּנים מיינע געדאַנקען. „איר מעגט פרעגן", זאָגט ער. „זאָל מען באַ אייך דאַרטן וויסן, איר האָט דאַרטן ניט קיין צער . . ." עפּעס אין די ווערטער זאָגט מיר, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַן אינטעליגענטן מענטשן. ער האָט מסתמא אַ סך געטראַכט און איבערגעקרייגקט.

ער איז ניט עלטער פון א יאר 25. אבער ווען ער פארקנייטשט דעם שטערן און עס טוט א ציטער אין זיין פנים ארויף־צו פונ׳ם ווינקל מויל צום אויג, פיל איך אן אלטקייט פון דורות.

עס איז ניט אוועקגעגאנגען קיין פינף מינוט, און ער האט מיר שוין אנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע. — ער וועט ריידן אידיש, האט ער געזאגט, כדי די גויים זאלן ניט הערן און האבן נקמה. און דערביי האט א גרימאסע פון האס אף א ווייל׳ע פארהארטעוועט זיין פנים. איך האב קיין חשק ניט געהאט צו הערן זיין דער־ציילונג. מיר איז געוועזן אומהיימלאך און פריקרע, אבער דער יונגערמאן האט זיך שוין אריבערגעבויגן צו מיר און האלב געפליס־טערט, האלט געצישט מיט זיין פארברענטער שטימע: ער איז א מינסקער, געענדיקט א קאמערץ־שול, א געוועזענער סטודענט. ווען איז דאס געווען? יא, פונקט צוריק מיט אנדערהאלבן יאר, אין יולי 1919, איז ער געשטאנען אין באלטע מיט א רויטער דיוויזיע, ניט מיט דער דיוויזיע אליין, נאר מיט דעם שטאב, א הונדערט און צוואנציק סאלדאטן ארום און ארום. ער, דער יונגער מאן, איז געווען דיעלאפראיזוואדיטיעל — געשעפטס־פירער אין דער קאנ־צעליאריע פון שטאב. אין א שיינעם זומער־טאג איז אנגעפאלן אף באלטע זאבאלאטני׳ס באנדע. געזונטע מאלאראסן, „קאזאקן", ווי זיי רופן זיך, מיט שמויסענע היטלען, לאנגע וואנצעס, ביקסן און פולעמיאטן. א ווילדע באנדע. די עטלאכע שטאב־סאלדאטן האבן זיך ניט געקענט שטעלן אנטקעגן. ס׳האט זיך אנגעהויבן דער בא־רימטער נאכט־פאגראם אין באלטע. „איר האט אמאל געזען א פאגראם?" פרעגט מיך דער יונגער מאן, און איין זייט פון זיין פנים טוט א שטארקען ציטער. נו, איז א טאג־פאגראם נאך גארניט קעגן א פאגראם אין מיטן נאכט. איר זעט גארניט, איר הערט נאר. אבער דאס הערן איז גענוג. עס קלינגען אויסגעזעצטע שויבן, און עס קנאקן צובראכענע זאכן. העכער פון אלצדינג ברומט א ווילדע חיה מיט א סך קעפ, און נאך העכער שניידט זיך אריין דאס ווייי־געשריי פון די געפייניקטע. איר האט קיינמאל ניט געהערט אט אזא געשריי? איז אייך וואויל און גוט. איך, פארשטייט איר מיך, האב יא געהערט. עס הויבט זיך אויף א געשריי ווי א רויטער פלאם און ציט זיך ביז צום הימל. ווי קען א קול פון א מענטשן

זיך הערן אַזוי הויך? ערגעץ ווייט הערט זיך אַן אַנדער קול, און נאָך איינס, און נאָך איינס, און אייך דאַכט זיך אַז די קולות שניידן מיט זעגן אייערע נערוון. וואו בין איך געווען? וואו קען זיין אַ איד? אַפ'ן בוידעם. איך מיט נאָך אַ אידישן רויטן אַרמייעץ האָבן זיך באַהאַלטן אַפ'ן בוידעם בא אַ רוסישן חבר. מ'איז געלעגן פאַרדעקט מיט שטרוי און מ'האָט געהערט, ווי ס'ברומט און וואָיעט אַרום און אַרום. מאָלט איר זיך דאָס? אַז אַ געזונטער מענטש מיט אַ לעבעדיקער נשמה זאָל ליגן און הערן ווי מען קוילעט אַרום און אַרום און ניט קענען טאָן גאָרניט. און דערצו נאָך אָט דאָס קלאַפּן מיט די ציין, אָט דאָס געמיינע, דערנידערנדיקע, שקלאַפישע קלאַפּן מיט די ציין פאַר פּחד. שטשעמעסט זיי צונויף, וואָלסט זיי אַריינגעקוועטשט אין די קינבאַקן, וואָלסט זיי צעבראָכן איינע אָן איינע, אָבער זיי קלאַפּן אַלץ. און דיר דוכט זיך, אַז אינדרויסן וועט מען דערהערן דאָס קלאַפּן און מען וועט קומען דיך קוילענען. דער הויף איז געווען פול מיט פּאָגראָמשטשיקעס. מ'האָט געזוכט אידן. מיין חבר איז געלעגן אַ שטיקער. מסתמא איז דער שטויב פון דער שטרוי אים פאַרקראָכן אין נאָז אַריין, וואָרים ער האָט פּלוצלינג געגעבן אַ הויכן ניס. אין מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. מ'האָט אונז דערהערט. „זשידי!" האָט איינער אַ זאָג געטאָן אין הויף. „האַידאַ, כלאָפּצי!" און מען גייט אַריין אין פאָרהויז און מען נעמט זיך דראַפּען אַפ'ן לייטער. מיר זעען שוין דאָס ליכט פון אַ לאַמטערן, וואָס קומט אַלץ העכער. מיין חבר כאַפּט מיך אָן פאַר'ן האַנט, אָבער איך טו אים אַ שטויס אָפּ פון זיך, ווי אַ משוגע'נעם הונט. אַזאַ פּאַסקודסטוואָ. איך הער ווי מיין האַרץ וויל צעברעכן מיין ברוסט־קאַסטן, און די האָר שטייען מיר ווי דראָט. עס שטעכט מיך אַזש אין קאָפּ. די פּויערים קומען שוין. די ערשטע קעפּ באַווייזן זיך פון לאָך. און ווייסט איר ווער עס האָט אונז געראַטעוועט? אַן אַנדער איד, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אַפ'ן בוידעם. מיר האָבן פון אים ניט געוואוסט. ער איז געלעגן אַף דער אַנדערער זייט. ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די קעפּ, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן „אוי". ווייסט איר, נאָך איצט הער איך אַלע מאָל אָט דעם „אוי". נו, האָבן זיי זיך גענומען צו אים. איך בין געווען אין מלחמות, איך בין ניט קיין שוואַכלינג.

(דעם מאַן׳ס פּנים האָט עטלאַכע מאָל אויפגעציטערט אין אַ מיאוס׳ער קאָנוואולסיע). אָבער איך האָב ביז דאַמאָלט ניט געזען, ווי מען קוילעט אַ מענטשן. אַזוי פּשוט, אַזוי געשעפטלאַך. צוויי גויים האַלטן אים פאַר די פּלייצעס, און ער שטייט מיט די קני אויף דר׳ערד. אַ דריטער בויגט אַריבער זיין קערפּער אויף הינטן. אַ פערטער נעמט אַרויס אַ מעסער פון די ברייטע הויזן. „כוועדקאַ, ריזש!" (שנייד), זאָגט אימיצער. און כוועדקאַ פאַרבויגט דעם אידען׳ס קאָפּ אויף צוריק און פירט מיט׳ן מעסער איבער׳ן האַלז אונטער דער באָרד אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. עס כאָרכלט און פייפט, און די גויים לאַכן שטילערהייט, ווי עס וואָלט געווען שפּאַס. נאָך דעם לאָזן זיי אים אַרויס פון די הענט און ער טוט אַ פאַל אַנידער. און די גויים נעמען זיך טאָן איבער אים אַ שענדלאַכע אָפּעראַציע, די שענדלאַכסטע פון אַלע. און איר ליגט צוויי טריט פון דאַנען און זעט דאָס, און ווייסט די גאַנצע צייט, אַז איר טאָרט זיך ניט געבן קיין ריר, אַז איר טאָרט ניט לאָזן הערן קיין פּאַרע. און די שטרוי קיצלט אייער האַלז און אייער פּנים, און די גויים פּאָרען זיך מיט׳ן אידן אַרום לאַמטערן, און זיי לאַכן עפּעס ווי משוגעים. איך האָב איבערגעלעבט יענע שעה אויך. די ראַזבאַיניקעס זענען אַוועקגעגאַנגען און האָבן אונז ניט באַמערקט.

דער דערציילער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ געדיכטער שווייס האָט זיך געזעצט אויף זיין שטערן. איך האָב זיך אָפּגערוקט פון אים און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אין טשיינע איז שוין געווען ליידיקלאַך. נאָר נענטער צום אויוון זענען געזעסן מענטשן אַרום עטלאַכע טישן. די פּאַרע אין צימער איז אויך געווען שיטערער, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פילן קאַלט.

— מיר זענען אַזוי איבערגעלעגן ביז אינדערפרי, — האָט דער איד ווייטער אָנגעהויבן. — פאַרטאָג איז שוין אַלעס געווען שטיל: די באַנדע איז אַוועקגעגאַנגען שלאָפן אין לאַגער קראַסני יאַר. מ׳האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיך ניט אומקערן ביז שפּעט באַטאָג. אינדערפרי איז צו אונז געקומען דער באַלעבאָס פון דער דירה מיט אַזאַ מין פּלאַן: ער האָט מורא אונז לייגער האַלטן בא זיך. וואָס טוט ער, אויב מ׳קומט צו אים און מען געפינט אונז? בכן זאָלן מיר אַריבערגיין אין אַ אידישער שטוב, וואָס מ׳האָט זי

שוין צוראבעוועט, קענען מיר זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. וואָרים ווער וועט גיין זוכן אין אַ צוראבעוועטן הויז? גייען מיר. דער באַלעבאָס אונזערער האָט זיך ארויסגערופן אונז העלפן איבערגיין אין דער אַנדערער דירה. אַ דאַנק אים כאָטש דערפאַר. דורך גערטנער און הינטער־געסלאַך זענען מיר אריין אין אַ פּאָגראָמע־וועטער אידישער שטוב. דער גוי איז אַוועק און מיר זענען גע־בליבן אַליין. מיר האָבן זיך ארומגעקוקט. מיר האָבן געזען די צובראָכענע כלים, צוריסענע זאַכן, אויפגעטרענטע איבערבעטן, טישן, ביינק, אויוונס — אַלצדינג צובראָקט, צוקאָרטשעט, צוטראָטן, פאַר־פּאַסקודנע, ווי צען ווילדע חיות מיט מענטשלאַכע הענט און מענטש־לאַכע געצייג וואָלטן דאָ געווילדעוועט אַ לאַנגע צייט. איך האָב זיך אונטערגענומען: ס'אַרט מיך ניט, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך; ס'אַרט מיך ניט, ניט מיין זאַך. איך האָב געוואוסט, אַז טאָמער אַרט מיך יאָ, וועל איך אַראָפּ פון זינען. מיין חבר, אַ רויטער אַרמייעץ, מיט אַ טעמפּן פּנים, האָט ווייניק גערעדט. איך האָב אים אין האַרצן געדאַנקט דערפאַר. מיר האָבן גענומען זוכן אַ ווינקל, וואו מ'קען צושפּאַרן אַ קאָפּ. אין שלאָף־צימער האָבן מיר געפונען אַ פּאָר מאַטראַצן אויף דער פּאָדלאָגע. מיר האָבן זיי אויפ־געהויבן, געוואָלט אריינלייגן אין בעט. אונטער די מאַטראַצן איז געלעגן אַ טויטער איד מיט אַן אויסגעקרימטן האַלז. מ'האָט אים מסתמא דערוואָרגן, דערשטיקט מיט אָט די מאַטראַצן. ער איז געלעגן אַ צופּלעטשטער, ווי אריינגעקוועטשט אין דער ערד.

איך האָב דאָ אָבער מער ניט געקענט בלייבן. די שטילקייט פון דער שטוב, דער חורבן, דער טויטער קערפּער האָבן מיך ארומ־געכאַפּט מיט אַ פּייכטן שרעק. איך בין ארויס אַפ'ן גאַניק. פאַר דער שטוב איז געשטאַנען אַ בוים, אונטער אים, אויף דער פאַרענטשע פונ'ם גאַניק, איז געזעסן אַ קאַץ און מיר געקוקט אין פּנים אריין מיט גרינע אויגן. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז ניט קיין קאַץ, נאָר דער טויטער איד האָט פאַרקירעוועט צו מיר זיין אויסגעקרימטן האַלז און קוקט מיר אין פּנים. איך האָב זיך גע־לאָזט לויפן. מיר און טויער זענען געוועזן פאַרשפּאַרט, אָבער אין שטאָט איז שוין געווען לעבן. גוי'עס זענען געקומען זיך „ספּאַ־זשיוועןʺ. מ'איז געגאַנגען אין די אייגענע ערטער, וואו די

באַנדע האָט פּאָגראָמעוועט באַנאַכט, און מ'האָט פאַרנומען די זאַכן, וואָס האָבן אַ ווערט. פריילאַכע גוי'קעס האָבן געפּלאַפּלט ווי די סאָראָקעס און אריינגעלייגט אין די טאָרבעס און פּאַרטיכער די מציאות, וואָס זיי האָבן געפונען. עס האָט אויסגעזען ווי זיי טוען אַ ניצלאַכע אַרבעט. אַמאָל האָב איך געזען מאַלאָרוסישע גוי'עס אַרבעטנדיק מיט'ן זעלבן חשק איבער אַ פעלד פון בוריקעס אָדער קאַרטאָפליעט. מיר איז געווען אַזוי אַפ'ן האַרצן, אַז איך האָב געמוזט אָנהויבן ריידן. אַבי הערן מיין אייגענע שטים. אַבי עמיצער זאָל ענטפערן. אַבי פּטור ווערן פון טויטן אידן מיט די קעצישע אויגן. איך האָב פאַרפירט אַ שמועס מיט די גוי'עס. זיי האָבן געזען מיין מיליטערישן שינעל, האָבן זיי לכתחילה ניט גע־וואוסט אַז איך בין אַ איד, אָבער איינע האָט אויסגעשריען: „טאַ צע—זש זשידאָק!" (ס'איז דאָך אַ אידל!), און די גוי'עס האָבן זיך פריער אַביסל צעמישט, נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן פון מיר לאַכן. „זעט, ס'אַראַ קראַסאַוועץ, נאָך אַ סאָלדאַט דערצו, אַ פיינער בחור!" איינע אַ יונגע גוי'ע האָט אַף מיר אויפגעהויבן אַ לאַנגן דרוטשאָק (שטעקן): „העט, גיי אַוועק פון דאַנען, פּאַרשיווער!" פון דעם עולם האָט זיך ארויסגערוקט אַן עלטערע גוי'ע און אָנגע־שריגן אַף די איבעריקע: „לאָזט אים צורו. איר זעט ניט, אַז ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט?" איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, אָבער די גוי'ע האָט מיך גענומען בא דער האַנט און זאָגט מיר: „קום". איך בין געגאַנגען. איך האָב שוין ניט געהאַט קיין אייגענעם ווילן. זי האָט מיך דורכגעפירט דורך עטלאַכע גאַסן און געבראַכט אין אַ גאָרטן הינטער אַ שטוב. „וואַרט אָט דאָ אַ" — האָט זי געזאָגט. — „ס'איז אַ אידישע שטוב. אַהער וועט מען ניט קומען. וואַרט ביז איך וועל דיך רופן". איך האָב געוואַרט. ערגעץ אין אַ ווינקל מוח האָט געשוועבט אַ געדאַנק, אפשר איז זי אויך אַ מערדער, אפשר וויל זי מיך קוילען. אָבער עס איז ניט געווען קיין כח דורכצוטראַכטן דעם געדאַנק ביז'ן סוף. וואָלט מען מיך געקומען קוילן, וואָלט איך ניט געקאָנט מאַכן קיין טריט צו אַנטלויפן. איך האָב געוואַרט. איבער מיר זענען געווען אויסגע־שפּרייט גרינע בוימער. עס האָבן געפּישטשעט פויגלען. די בלע־טער האָבן זיך געשאָקלט. איך בין געזעסן און געוואַרט. מיין

קאָפּ איז געווען אַ שטיק בליי. איך ווייס ניט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט. אַ פענצטער עפנט זיך אין שטוב, און די גוי'ע מאַכט צייכנס מיט דער האַנט: קום אַריין! איך גיי צו און קריך אַריין דורכ'ן פענצטער. ס'איז אַ קיך. פון דער קיך פירט מיך די גוי'ע אַריין אין אַ צימער מיט בעטן. דאָ ליגט אויף דער פּאָדלאָגע אַ קערפּער פון אַ אידן מיט אַ בלאָנדער באָרד. דער קערפּער איז נאַקעט ביז'ן גאַרטל, און איך זע רויטע פּאַסן אויף דער ברוסט און אויף דער זייט. אַרום און אַרום ליגן אין הויפנס צוריסענע זאַכן. איך קוק אויפ'ן אידן און פאַרשטיי ניט, צו וואָס די גוי'ע האָט מיך געבראַכט אַהער. אָבער זי פירט מיך ווייטער. מיר זענען אַריין אין אַן אַנדער צימער מיט אַ גרויסן טיש אין מיטן. לעבן טיש איז געלעגן אַ טויטע פרוי מיט אַ קינד. אַרום זיי איז געווען אַ לוזשע בלוט. ס'האָט געהאַט אַ פּנים, ווי די פרוי וואָלט געשוואומען אין בלוט. איר בוזים איז געווען אָפן, און איך האָב געזען, אַז די בריסט זענען בײַ איר געווען צושטאָכן. פון די בריסט האָט גע־רונען בלוט. דאָס קינד איז צוגעפאַלן צו דער ברוסט — אַ קליין קינד, אפשר פון אַ יאָהר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד זויגט דאָס בלוט. איך האָב ניט געוואוסט, צי עס לעבט, צי עס איז טויט. מיר האָט זיך שוין געדאַכט, אַז איך ווייס ניט, וואו איך בין. איך האָב געמיינט, ס'איז אַ חלום. איך האָב זיך אַוועק־געזעצט אויף דער ערד און פאַרמאַכט די אויגן און האָב שוין גאָר ניט געוואוסט. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך פון דער וואַסער, וואָס די גוי'ע האָט געשפּריצט אויף מיר. זי האָט מיך אונטערגעהויבן און זאָגט מיר: „קום שוין, נעבאַכדיקער". און זי האָט מיך אַריינגע־פירט עפּעס אין אַ טונקעלן קעמערל אָן פענסטער, נאָר מיט אַ קליי־נעם שפּאַלט אין דער וואַנט. זי זאָגט מיר: „בלייב דאָ, נעבאַכ־דיקער. האָב ניט מורא. איך האָב דאָ אַמאָל געדינט. איך וועל דיר ברענגען עסן". זי איז אַוועקגעגאַנגען. איך האָב זיך געלייגט אויף דער באַנק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און צוגעמאַכט די אויגן. איך האָב געטראַכט, אַז מענטשן אין מיין לאַגע נעמען זיך דאָס לעבן. ס'איז אָבער געווען אַ ווייטער געדאַנק. איך האָב ניט געהאַט קיין כח צו וועלן. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. איך האָב געזען, ווי די פיר גויים האַלטן דעם אידן, פאַרבויגן אים דעם קאָפּ

אַף הינטן, און איינער פּאָרט מיט'ן מעסער איבער'ן האַלז אונטער דער באָרד. דער איד קירעוועט אוים צו מיר זיין קאָפּ, און גרינגע קעצישע אויגן קוקן מיך אָן, און עמיצער זאָגט מיר: „גיי, פאַרשיווער! גיי, פאַרשיווער!" וואוהין זאָל איך גיין? יאָ, אדרבא, וואוהין זאָל איך גיין?

דער יונגער מאַן האָט גאָר נאָנט צוגערוקט זיין פּנים צו מיינעם איבער'ן טישל און אין מיר נאָך טיפער אריינגעשטעקט זיינע אויגן. איין זייט פּנים האָט נאָכאַנאַנד געציטערט — פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. מיר האָט זיך נאָך דייטלאַכער פאַרגעשטעלט, אַז ער איז ניט באַם זינען. ער האָט אָבער גערעדט, ווי אַ קלאָרער. נאָר אָט די פרעגענדיקע פאַרהיציקטע אויגן, און אָט די ווערטער: „וואוהין זאָל איך גיין?" האָט ער מסתמא איבערגע'חזר'ט זיך אַליין ניט איין טויזנט מאָל, מסתמא האָט ער שוין לאַנג ניט גערעדט מיט אַ מענטשן וועגן אָט די זאַכן.

דער חבר־באַדינער האָט אונז צוגעטראָגן אַ פרישן טשייניק מיט קיפּיאַטאָק, און מיין שכן האָט פאַרגעזעצט זיין געשיכטע.

אין דער שטוב מיט'ן טויטן מאַן, דער טויטער פרוי און דעם קליינעם קינד איז ער אָפּגעלעגן דריי טעג און דריי נעכט. באַנאַכט פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז דאָס קינד וויינט. גאַנצע נעכט האָט ער געהערט דאָס שטילע געוויין פון אַ קינד. ער האָט אָבער קיין מוט ניט געהאַט אַריבערצוגיין און זען, צי דאָס איז ריכטיק. באַטאָג איז געווען שטיל. מסתמא האָט זיך אים דאָס נאָר געדאַכט. מסתמא איז דאָס קינד געווען טויט. „איך האָף, אַז עס איז געווען טויט", האָט ער געזאָגט, און אַ קרומער שמייכל האָט אַף איין רגע באַוויזן זיינע ווייסע שטאַרקע ציין אונטער די שוואַרצע וואָנצעס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געשמייכלט. אַפּ'ן פערטן טאָג האָט ער דערהערט דאָס דונערן פון האַרמאַטן. די סטאַנציע איז געווען עטלאַכע ווי‎אָרסט פון שטאָט, און דאָרט האָט מען דאָס געשאָסן. שפּעטער איז ער געוואָר געוואָרן, אַז עס איז געהאַט אָנגעקומען אַ רויטער בראָניע־פּאָיעזד — אַ געפּאַנצערטער צוג. אין אַ שעה, צוויי אַרום האָבן זיך דערהערט זיכערע, לעבעדיקע טריט איבער די גאַסן: די רויטע אַרמיי. ער איז אַרוים פון זיין באַהעלטעניש. ער איז געווען פריי. אָבער ער איז שוין

קיינמאָל ניט געווען דערזעלביקער מענטש, וואָס פריער. „מ׳האָט מיך איבערגעבראָכן און ארויסגעוואָרפן אַפ׳ן מיסט. קיין זאַך האָט שוין ניט געהאָלפן״. ער איז געווען האַלב־קראַנק, אָבער די רויטע אַרמיי האָט געהאַלטן אין איין שטרייטן, און מ׳האָט אים ניט גע־וואָלט אָפּלאָזן אַהיים.

— אין אויגוסט, שפּעטער מיט אַ וואָך פינף, — דערציילט ער ווייטער, — האָט זיך באַקומען אַ באַפעל אָפּצוטרעטן פון אוקראַינע. אונזער דיוויזיע האָט אָפּטרעטנדיק געהאַט אַ רייע פאַרביטערטע שלאַכטן מיט דעניקינ׳ען אונטער פּאָפּעלניע, קאָראָסטישעוו און זשיטאָמיר. באַם דאָרף קאַפּילאָווא האָט דעניקינ׳ס אַן אָפּטיילונג אַרומגערינגלט אונזער שטאַב — אַ מאַן 120 — און אַזוי אַלעמען געפאַנגען. מ׳האָט אונז צונויפגעבונדן די הענט מיט דראָטן, יעדנ׳ס האַנט צו דער האַנט פון אַ צווייטן. מיר זענען אַלע, הייסט עס, געוואָרן איין קייט פון מענטשן. די דעניקינצעס האָבן אונז גע־נומען טרייבן. זיי זענען געפאָרן רייטנדיק, און מיר זענען גע־גאַנגען צו־פוס. האָבן מיר ניט געקענט אַזוי גיך לויפן. זיי האָבן אונז געשמיסן מיט נאַגאַיקעס, געקראָכן אַף אונז מיט די פערד, געשריגן „בעגאָם, קראַסנאַיאַ סוואָלאָטש!״ (לויפט, רויטע פּאַסקוד־ניאַקעס!). פון אונז האָט דער שווייס זיך געגאָסן, דאָס האַרץ איז שיער ניט ארויסגעשפּרונגען. אָבער עפּעס האָט זיך קיין שרעק ניט געפילט. מיר זענען געווען אַלע צוזאַמען. ס׳האָט זיך ניט גע־גלויבט, אַז עפּעס זאָל געשען. באַלד האָב איך באַמערקט, אַז מיט אידן איז שלעכט. צו די אידן האָט מען זיך געטשעפּעט מער ווי צו אַלע. הינטער אונז האָבן זיך געהערט די ערגסטע זידלערייען: „זשיד! זשיד!״ האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. ניט ווייט פון מיר איז געגאַנגען אַ איד, אַ שרייבער פון אונזער שטאַב. אַ דעני־קינעץ איז צוגעפאָרן און אים געגעבן אַ האַק איבער׳ן קאָפּ. דער איד האָט ארויסגעלאָזט אַ שאַרפן געשריי און איז אומגעפאַלן, אָבער ער איז געווען צוגעבונדן מיט דראָטן צו די איבעריקע. מיר האָבן זיך ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט — האָבן זיך אַף אונז גענומען שיטן קלעפּ פון נאַגאַיקעס: „בעגאָם, סוואָלאָטש, בעגאָם!״ מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן ווייטער, שלעפּנדיק דעם פאַרוואונדעטן איבער דעם אָפּגעשניטענעם פעלד. די דעניקינצעס האָבן גע׳האָ־האָ־טשעט,

ס׳האָט זיי געטאָן ווילד הנאה. שפּעטער האָט מען אַזוי דער־הרג׳עט די איבעריקע אידן: מיט שווערדן, מיט שטיקעס, מיט קוילן פון רעוואָלווערן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר שוין געשלעפּט אפשר אַ טוץ טויטע, צוגעבונדענע צו אונז מיט דראָטן. איך ווייס ניט, פאַרוואָס מען האָט מיך ניט דערקאָנטשעט: אפשר ווייל איך בין געווען שטאַרק פאַרשטויבט האָט מען ניט געזען מיינע שוואַרצע האָר: איך האָב געהאַט פאַרבראַכט עטלאַכע טעג אין פעלד און בין געווען הוילע שטויב. אָט אַזוי האָט מען אונז גע־טריבן אַ וויאָרסט דריי, פיר ביז מ׳האָט אונז פאַרטריבן אין דאָרף יאַסנאָגראָדקע. דאָ זענען מיר געבליבן שטיין. ס׳איז געווען אַפּ׳ן פּלאַץ פאַר דער צערקווע. די זון האָט געברענט. די הענט אונטער די דראָטן האָבן געשמאַרצט. מיר זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט. די עטלאַכע טויטע אידן האָבן מיר בישלאַכווייז ווי ניט איז אָפּגעטשעפּעט פון אונז און געלאָזן אַפּ׳ן וועג. די לעצטע צוויי זענען געלעגן ניט ווייט און האָבן געהאַט אַ פּנים פון בינטלאַך שמאַטעס, אויסגעקייקלט אין ערד. זייערע פּנים׳ער איז ניט געווען צו דערקענען. מיר זענען געשטאַנען און געוואַרט. וואָס וועט ווייטער זיין. „פלען" — געפאַנגענשאַפט — האָט זיך געבאָמבלט אין קאָפּ. ס׳האָט זיך געוואָלט גיכער וויסן דעם באַשייד.

פּלוצלינג האָט זיך עפּעס אַ שטראָם דורכגעגאָסן דורך די חברים. מיר האָבן דערהערט אַ שיסעריי הינטער אונז. מיר זענען אַלע געווען דערפרייטע סאָלדאַטן און האָבן געוואוסט וואָס דאָס באַדייט. מ׳איז די דיניקינצעס באַפאַלן פון הינטן. זיי זענען צווישן צוויי פייערן. זיי וועלן זיך לאַנג ניט קענען האַלטן. יענע האָבן דאָס אויך באַלד באַמערקט און אונז גענומען טרייבן צום טייך אורפּן. ווייזט אויס, זיי האָבן זיך געוואָלט אויסשטעלן און קעמפן. פּלוצלינג הערן מיר אַ קאָמאַנדע: „אויפבינדן די געפאַנגענע!" מ׳האָט אונז אויפגעבונדן די הענט, נאָכדעם הייסט מען אונז: „סטרויסיאַ פּאַ פּאַרנאַ!" (שטעלט זיך אויס צו צוויי). מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט. מ׳קאָמאַנדעוועט „בעגאָם" (לויפן) — מיר לויפן. געקומען צום שאָסיי. אַפּ׳ן שאָסיי שטייען אויסגעשטעלט אַ דרייסיק דעניקינצעס מיט ביקסן אין די הענט. דער קאַפּיטאַן האָט אונז געקאָמאַנדעוועט: „סטאָי". מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

אונזער לאַנגע רייע פון אריבער הונדערט מאַן איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט די דרייסיק באַוואָפנטע דעניקינצעס. איך בין זיך מודה: איך האָב נאָך דאַמאָלסט אויך ניט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט. איך בין געווען עפּעס ווי באַטויבט. אַלצדינג איז געקומען אזוי פּלוצלונג און אומגעריכט. מיינער א שכן טוט א ברום: „זיי וועלן שיסן". איך טו אַ טראַכט, אז דאָס איז מעגלאך, אָבער איך שטעל זיך ניט אָפּ דערויף. מיינע געדאַנקען זענען צוברעקלט. אָן אַן אינהאַלט. אָן אַ טאָלק. עפּעס ווי אַלצדינג וואָלט געפינקלט פאַר מיינע אויגן. איך דערהער פּלוצלונג: „נאַליעוואָ קרוגאָם!" (זיך אויסדרייען מיט'ן פּנים צוריק). דער קאַפּיטאַן זאָגט גאַנץ הויך: „זאָלן זיי ניט זען, ווי מ'וועט זיי שיסן." מיר דרייען זיך אויס מיט'ן רוקן צו די סאָלדאַטן. אונזערע געפאַנגענע ווייסן איצט זייער גורל. אונזער דיסציפּלין פאָדערט איינס: שטאַרבן ווי העלדן. אָבער ניט אַלע זענען העלדן. אייניקע הויבן זיך אָן אויסצודרייען, נעמען אראָפּ די היטלען, פאַלן אויף די קני פאַר'ן קאַפּיטאַן. איך הער: „האָב רחמנות, איך האָב קינדער, אַ קראַנקע מאַמע." אַנדערע טענה'ן: „איך בין אַ מאָביליזירטער ,ניט מיט'ן אייגענעם ווילן בין איך אַהער געקומען." אַך, די קשות, די הינט! וואָלט דאָס כאָטש געהאָלפן. איך בייס צונויף די ציין און שטיי און וואַרט. איך טראַכט מיר, ס'איז אפשר גרינגער ווי ליגן אַפּ'ן בוידעם. גרינגער אפשר ווי לויפן און שלעפּן מיט זיך די טויטע. וואָס זשע, שטאַרבן איז שטאַרבן. ס'איז אַ מלחמה. אָבער אַ קעלט קריכט פונ'ם בויך ארויף צום האַרצן. אַ מיאוס'ע קעלט. עס עקלט. גיכער שוין. זאָל שוין זיין אַן עק. עס דערהערט זיך אַ קאָמאַנדע: „פּלי!" (שיסן). ביקסן טוען אַ קראַך. איך בין אומגעפאַלן—צי פון שרעק, צי פון דער לופט־דערשיטערונג. און אפשר האָט זיך אין מיר געטראַכט, אז אזוי איז בעסער, אזוי קאָן מען זיך נאָך ראַטעווען. איך בין אומגעפאַלן און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז דאָס איז דער סוף. דאָס האַרץ איז נאָך געוואָרן קעלטער. עפּעס האָט צונויפגעפּרעסט דעם האַלז. אַ געפיל פון רחמנות הויבט זיך פּלוצלונג אין מיר. רחמנות אויף זיך אַליין. איך האָב דאָך נאָך גאָרניט געלעבט. — שוין־זשע אַ סוף?

דער דערציילער האָט זיך אָפּגעשטעלט. מערקווירדיק! איך זע

אין זיינע אויגן עפּעס ווי אַ פּייערל פון פרייד. זיינע ליפּן קרימען זיך אין אַ שמייכל פון פאַרגעניגן. וואָס טוט אים דאָ הנאה? אפשר מאַכט ער חוזק איבער זיך אַליין? ווער ווייסט, אפשר איז ער צופרידן, וואָס ער לייענט צייכנס פון שרעק אַף מיין פּנים. ס'קען זיין, אַז ער מוז פאַר אימיצן אויסדערציילן, אויסגיסן זיין נשמה, און דערפון ווערט אים גרינגער.

— יאָ, זאָגט ער — איך בין אומגעפאַלן דוקא ניט קיין טויטער. אַף מיר איז אומגעפאַלן אַ חבר, וואָס ס'האָט אים צעריסן דעם האַלז מיט אַן אויפרייס־קויל. ער איז געפאַלן מיט'ן קאָפּ צו מיר אַף דער פּלייצע. איך בין געלעגן מיט'ן פּנים צו דער פייכטער צע־אַקערטער ערד און געפילט, ווי איך באַגיס זיך מיט זיין וואַרים בלוט. יענער האָט געכאָרכלט ווי אַ געקוילעטע קו; געצויגן די לופט דורכ'ן לאָך און מיך אַלץ באַגאָסן מיט בלוט. ענדלאַך האָט ער זיך גענומען ציען איבער מיר אין דעם לעצטן גסיסה־ציטער. איך בין אַלץ געלעגן מיט'ן פּנים צו דער ערד און זיך ניט גערירט. ס'האָט זיך דערהערט אַ צווייטער „זאַלפּ" (שאָס) און אַ דריטער, און אַ פערטער און אַ פינפטער. קענטיק, מ'האָט שוין געשאָסן אַף די ליגנ־דיקע. אַלע ווילע האָב איך געוואַרט: אָט־אָט וועט אַ קויל מיר אַ זעץ טאָן אין רוקן אָדער אין קאָפּ. אָבער דאָס האָב איך געטראַכט נאָר מיט אַ טייל פון מיין מאָרך, ווי מ'טראַכט פון אַ זייטיקער זאַך. מער פון אַלץ האָט מיר געעקלט — און ס'איז מיר געווען קאַלט. אַ פאַרשאָלטענע קעלט. נאָר איינמאָל האָט זיך אין מיר אַ הויב געטאָן עפּעס אַ הייסער שטראָם, אַ ווייכער, אַן אומגעריכטער. מיין האַרץ איז אין מיר צעשמאָלצן געוואָרן און איך האָב געפילט ווי איך בעט: „גאָטעניו, האַרציקער פאָטער, טו אַ נס!" איך בין ניט קיין גלויביקער, און האָב שוין לאַנג צו גאָט ניט געבעטן. שוין זינט איך בין אַ קינד. אָבער וואָס איז דאָ צו ריידן... נאָכ'ן פינפטן זאַלפּ בין איך נאָך אַלץ געווען לעבעדיק. ס'איז געוואָרן שטיל. איך האָב געהערט, ווי די שיסער זענען אוועק איבער'ן שאָסיי. כ'האָב אָבער מורא געהאַט אויפהויבן דעם קאָפּ: אפשר האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ שמירה. איך בין געלעגן און געוואַרט צווישן האָפענונג און שרעק, און האָב געפילט ווי מיין חבר'ס בלוט גליווערט אַף מיינע הענט. איך האָב זיך ניט געטאָרט אַ ריר טאָן.

איך ווייס ניט, וויפיל שעה איך בין אָפּגעלעגן אַזוי. אפשר אַ שעה און אפשר פיר. איך האָב געהערט אַ שיסעריי פון דערווייטנס. די שיסעריי איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳גייט אַ היים געפעכט צווישן אונזערע און די דעניקינצעס. איך ריר זיך אַלץ ניט. ענדלאַך הער איך טריט פון אַ פערד. אַ רייטער איז צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט. איך פיל, ווי מיינע האָר שטעלן זיך אויף, און די אַלטע עקלדיקע קעלט פאַרכאַפּט מיין האַרץ. דער רייטער איז געשטאַנען עטלאַכע מינוט און איז אַוועק. איך ליג אַלץ. באַלד הער איך אַ גערויש. מענטשן גייען, מ׳רעדט, מ׳רופט: „טאָ־ווארישטשי!” חברים! אונזערע! זיי גייען צו נענטער. אימיצער זאָגט: „חברים! אפשר איז נאָך דאָ לעבעדיקע צווישן אייך. שטייט אויף!” איך שטיי אויף. נאָך זעקס הויבן זיך אויף, דאָ און דאָרט. זיבן פון הונדערט און צוואַנציק. מ׳גריסט אונז. מ׳נעמט אונז אַרום. מ׳קלאַפּט אונז איבער׳ן פּלייצע. מיר זעען לאַכנדיקע פּנים׳ער. איך לאַך אויך. איך רייד. אָבער איך ווייס: איך בין אַ פרעמדער, אַף אייביק אַ פרעמדער צווישן מענטשן. איך בין שוין ניט מיין אייגענער, נאָר אימיצנס. עפּעס אַ שטאַרקע מאַכט האָט מיך אריינגענומען אין אירע הענט און וועט מיך ניט אַרויסלאָזן וויפיל איך וועל לעבן.

מיין דערציילער האָט זיך אַביסל באַרואיקט — און מיר האָבן גענומען טרינקען טיי. מיר האָבן שוין גערעדט, ווי אַלטע באַקאַנטע. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז נאָך דעם זעלבן הערבסט איז ער קראַנק געוואָרן אַף צוריק־קערנדן טיפוס און האָט אָפּגעקרענקט פיר חדשים. היינטיקן ווינטער האָט מען אים דערלויבט פאָרן אַהיים אַף אַ חודש זיך אָפּרוען. ער האָט כסדר געליטן פון מאַלאַריע, און איצט פאָרט ער צוריק צו זיין דיוויזיע דינען. ער וואָלט זיך געקאָנט באַפרייען אינגאַנצן, אָבער ער וויל ניט. ער בלייבט אין דער אַרמיי.

איך הויב אויף דעם קאָפּ.

— איר האָט ליב די אַרמיי? — פרעג איך.

יענער ענטפערט געלאַסן:

— ליב האָבן איז ניטאָ וואָס. אָבער אַן אַרמיי איז נויטיק. אָן אַרמיי איז די רעוואָלוציע טויט.

דאָ ווער איך פאַרוואונדערט:

— וואָס קער זיך מיט אייך אָן די רעוואָלוציע? האט איר דען אַליין ניט גערעדט, אַז איר זייט אַ קרבן?

איצט קוקט יענער מיך אָן מיט באַדויערן, ווי אַן עלטערער אַן אינגערן.

— איר מישט צונויף צוויי זאַכן. איך פּערזענלאַך מעג זיין טויט, איך בין אַ קרבן. די רעוואָלוציע איז ניט שולדיק. וואָס איז רוסלאַנד אָן דער רעוואָלוציע?

און איך האָב געהערט אַ פעסטע ליבע אין דעם וואָרט „רעוואָלוציע" און אין דעם וואָרט „רוסלאַנד". און דעם יונגנמאַנ'ס פּנים האָט שוין ניט אַזוי געציטערט, ווי ווען ער האָט דערציילט פון זיין אייגן לעבן.

* * *

ס'איז שוין געוועזן טונקל, ווען מיר זענען אַרויס אין גאַס. דער פראָסט האָט געדריקט דעם קערפּער, ווי צוואַנגען. אַ קאַלטער נעבל איז געהאַנגען אין דער לופטן. ווייט איינער פונ'ם אַנדערן האָבן געלויכטן גאַז־לאַמטערנעס. און אונטער די טריט פון פאַרבייגייער האָט מיט ווייטאָק אויפגעשריען דער האַרטער שניי.

.1921

דער ערשטער מאַי אין מאָסקווע.

גייען זיי. רייען נאָך רייען. באַטאַליאָנען הינטער באַטאַליאָנען. שטראָמען זיי, שווימען זיי, ציען זיי זיך — אַ סטיינגע פון מענטשן, צען — פופצן — צוואַנציק מענטשן די ברייט.

שטיי איך אויף דער פּלאַטפאָרמע, אינמיטן דער קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד (רויטער פּלאַץ). גוט איז מיר: איך בין אויף דער פּלאַטפאָרמע. אין גאַנץ מאָסקווע איז דאָ אפשר הונדערט מענטשן, וואָס האָבן דאָס גליק צו שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע. קען איך זען פון דער הויך דאָס רויטע מאַי־בילד.

נאָך פון אינדערפרי אָן בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן. פון אַלע עקן שטאָט, פון אַלע ווייטסטע פאַרשטעט האָבן זיך געצויגן אָרגאַניזירטע מאַסן. מיליציע און רויטע אַרמייער האָבן געהאַלטן

אַלע וויכטיקע דורכגיינג אָפּגעצאַמט פאַר דעמאָנסטראַנטן. ווי דיקע קאַלירנדיקע שליינג, האָבן זיך די מענטשן־רייען געצויגן פון אומעטום צו איין פּונקט — צום קרעמל, צו דער קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד. א קוק געגעבן אַף א גאַס, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז א טייך פון קעפּ, א לעבעדיקער, קאָכיקער שטראָם פון קערפּער. איבער׳ן שטראָם האָט אויפגעשוימט־אויפגעבליצט א כוואַליע רויטס. רויט... רויט.. רויט...

איך שטיי אַף דער פּלאַטפאָרם. א שעה, און א שעה, און א שעה. ס׳גייען מענטשן. ס׳שפּאַנען האַסטיק, מונטער, מוטיק פריילאַכע מענטשן. א גרופּע אַרבייטער פון א שטאָל פאַבריק: געזונטע יונגען, איינס אין איינס. לעדערנע לייבלאַך, לאַנגע שטיוול. שווערע טריט. גייען געשלאָסן, ווי צונויפגעהאַמערט. ס׳גייט א גרופּע אַרבעטער־מיידלאַך: רויטע פאַטשיילקעס, רויטע שלייפלאַך, רויטע לאַכנדיקע פּנים׳ער, ווייסע ציין אין די לאַכנדיקע מיילער. ס׳גייען סטודענטן און סטודענטקעס: יונגע, בויגיקע קערפּער, בליצנדיקע אויגן, פלינקע באַוועגונגען, שכור־פאַר׳שכור׳ט פון יונגער פרייד. ס׳גייען רויטע אַרמייצעס: אייזערנע יונגען, שטאָל־גראָע; רויטע, געלע פאַסיקלאַך אַף די אַרבל, רויטע שטערנס אַף די שפּיציקע היטלען; טריט — אין טאַקט, איינס אין איינס, איינס אין איינס. ס׳גייען אַלטע, גראָע, יונגע קינדער.. ס׳גייט די רעוואָלוציאָנערע מאַסע. ס׳גייט דאָס זיגרייכע אַרבעטער־פאָלק. אין די הענט — רויטע פענדלאַך. איבער די קעפּ — א רויט געפּלאָנטער פון אויפגעכוואַליעטע פאָנען. אַף די פּנימ׳ער — יום־טוב, יום־טוב...

נאָר ס׳איז דאָ א שוואַרץ פּאַסיקל אין דער רויטער יום־טוב׳־דיקער פרייד: ס׳איז געשטאָרבן דער גרויסער פירער. דאָ אַפּ׳ן פּלאָשטשאַד האָט מען באַגראָבן לענינ׳ען.

... ווי א גרויסער הימלאַכער זאַל איז דער ריזיקער רויטער פּלאַץ. רעכטס — די אַלטע וואַנט פונ׳ם קרעמל, לינקס — די גרויסע פּאַ־סאַזש־געביידע, הינטן — דער ספּאַססקע טויער מיט די בייכיקע, נידריקע טורעמס, פאָרנט — די ווילדע פּראַכט פון וואַסיל דעם משוגענעמ׳ס קלויסטער. ברייט דער פּלאַץ — א פעלד, א צעשפּרייט, א צעיאָג. פון איין זייט גיסט זיך די מאַסע אַריין אין דעם פּלאַ־

שטשאַד, גייט פאַרביי דער רויטער וואַנט, גיסט זיך אַרויס אַף דער אַנדערער זייט, צום טייך צו, גייט אַוועק אין די זייטיקע גאַסן.

בא דער רויטער וואַנט שטייט די צייטווייליקע מצבה פון וולאַדימיר איליאיטש לענין. געמאַכט פון גראָ־געלבלעך האָלץ, מיט שוואַרצער באַפּוצונג. איינפאַך — ווי לענינ׳ס פירונג. רוסיש — ווי די רוסישע דאָרפישע הילצערנע הייזער. און הייליק, הייליק און טייער, הייליק און רויט און פייער־בלוטיק אין די הערצער פון אַלע די, וואָס גייען דאָ פאַרביי.

ווען זיי גייען פאַרביי, בויגן זיי אַרונטער די פאָנען, שטעלן זיך אָפּ אַף אַ קורצע מינוט. די מאַסע ווערט געדיכטער. הינטערשטע שפּאַרן אָן, גייט מען ווייטער, וואַרפט מען נאָך אַ קוק אַף דעם ברענענדיקן רעוואָלוציאָנערן קבר.

אַף די באַלקאָנען פון דער מצבה שטייען פירער פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד: ריקאָוו, קאַלינין, קאַמענעוו. לעבן זיי שטייען אַלטע רעוואָלוציאָנערע פירער פון אַנדערע לענדער. איך דערקען קלאַרא צעטקין און פעליקס קאָן. „אַ גרוס די קעמפער!“ קלינגט פון אויבן. „הוראַ!“ רייסט זיך פון אונטן. „זאָל לעבן די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי! זאָל לעבן די וועלט־רעוואָלוציע! זאָל לעבן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל!“

ברענט דער פּלאַץ אין רויטע רעוואָלוציאָנערע פאָנען־פלאַמען, פאָנען־ליכט. קוקן אַראָפּ פון די הויכע קרעמל־טורעמס אַלטע צווייקעפּיקע שוואַרץ־גאָלדענע אָדלערס. קלינגט אויבן אין אַן אַלטן צערקווע־טורעם דער זייגער מיט אַ הייליקן ציטערנדיקן קלאַנג. וואַנדערן זיך די אַלטע קלויסטערס, וואָס איז דאָ געשען. טוט ערגעץ אַ קלאַפּ דאָס טויטע האַרץ אינ׳ם פילהונדערטיאָריקן הויפן בנינים. העי, וואַכט אויף! אַ נייע צייט איז געקומען! דאָ הערשט אַ זיגרייכער אַרבעטער־קלאַס! ס׳איז זיין יום־טוב! ס׳איז זיין טאָג!

... איך שטיי אַף דער פּלאַטפאָרמע. ס׳איז געווען כמורנע פון אינדערפרי אָן. איצט קאַפּעט אַ רעגן. די שטיינער זענען שוין נאַס. דער הימל איז גראָלאַך. אָבער ווער האָט דערפון מורא. ס׳איז יום־טוב. די דעמאָנסטראַציע גייט זיך איר גאַנג.

קוקט נאָר אַף די מענטשן. לייענט זייערע פּנים׳ער. געזונטע מענטשן. אויסגעגלייכטע מענטשן. אַף אונזער פּלאַטפאָרמע שטייט

אַן אַלטער גרייז־גראָער מאַן אין קאַווקאַזישע קליידער. די פּראָצעסיע גייט פאַרביי. גרופּן שרייען פון אונטן: „זאָל לעבן די אַלטע גוואַר־דיע פון די באָלשעוויקעס“ „הורא!“ שרייען די איבעריקע. און פריילאַך, פריילאַך! אַלע איינס!

לייענט די אויפשריפטן אויף די פאָנען! אין זיי לעבט די אַרבע־טער־נשמה. אין זיי לעבט דער געדאַנק פון די רוסישע רעוואָלוציאָ־נערע מאַסן.

„אַ גרוס אַלע קנעכט פון׳ם אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל!“

„אַ גרוס אַלע אונטערדריקטע פעלקער!“

„אַ וואָרט דער סאָוועט־דעלעגאַציע אין לאָנדן: די דעראָבע־רונגען פון דער רעוואָלוציע ניט אָפּגעבן די קאַפּיטאַליסטישע רויבער!“

„ביסט געשטאָרבן, איליאיטש, אָבער דיינע געבאָטן בלייבן, און מיט זיי וועלן מיר גיין פאָראויס!“

„אַ גרוס די קעמפער, וואָס שמאַכטן אין טורמעס!“

„מאַכט אַ וואַרע פאַר דער אַרבעטער־פּויערשער יוגנט: זי טראָגט אונזער לאַנד אַ ליכטיקע צוקונפט!“

„דער רוסישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די פעס־טונג פון דער וועלט־רעוואָלוציע.“

„זאָל לעבן דער פאַראייניקטער פראָנט פון די אַרבעטער קעגן די אַלוועלטלאַכע רויבער!“

„נידער מיט׳ן פאַשיזם!“

„זאָל לעבן דער בונד פון׳ם דאָרף מיט דער שטאָט!“

„מיט׳ן געווער פון לעניניזם אין די הענט וועלן מיר אומוואַרפן די הערשאַפט פון דער וועלט־רעאַקציע!“

„שאַפט דאָס לעבן אין בונט מיט דער וויסנשאַפט!“

„אַוועק די רויבער־הענט פון בעסאַראַביע!“

„אַ גרוס די אַרבעטער פון אַזיע!“

„אַ גרוס די אַרבעטער פון אַפריקע!“

„אַ גרוס די אַרבעטער פון אויסטראַליע!“

„אַ גרוס די אַרבעטער פון אַמעריקע!“

פּאָנען־פּאָנען־פּאָנען; רויט־רויט; גאָלד און רויט, רויט און רויט. און פּנים׳ער — פרייל‍אַכע, פרייל‍אַכע, פרייל‍אַכע. יום־טוב! מונטער!

אף אונזער פּלאַטפאָרמע קומט ראַדעק — דער לעבעדיקער, רי־רעוודקיער, שטיפעריש־לאַכנדיקער ראַדעק מיט אַ פינף־יאָריק מיי־דעלע. ער שטעלט זי אַרויף אפ׳ן באַריער, זי זאָל קענען זען דעם יום־טוב. אף דער פּלאַטפאָרמע קומט קורסקי, דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון יוסטיץ, ס׳קומט שמידט — דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון אַרבעט, ס׳קומט פּאַוולאָוויטש — דער באַרימטער מאַרקסיסטישער קענער פון אימפּעריאַליזם. יעדער מאַן — אַ פירער, אַ בויער, אַ כאַראַקטער־פיגור פאַר אַ קינסטלער.

פון דער פּלאַטפאָרמע גריסט מען יעדע פאַרבייגייענדיקע גרופּע מיט הילכיקע קולות:

„אַ גרוס די רויטע אייזנבאַן־אַרבעטער!“

פון אונטן אַ הילכיקער פרייל‍אַכער: „הוראַ!“

„אַ גרוס דער רויטער אַרמיי, דער העלדישער שיצערין פון דער אַרבעטער־מאַכט!“

„הוראַ!“

„אַ גרוס די רויטע אַרבעטער־פרויען!“

„הוראַ!“

„אַ גרוס די בראַווע אַרבעטער פון זאַוואָד דוקס!“

„הוראַ!“

„אַ גרוס די פּראָלעטאַרישע סטודענטן!“

„הוראַ! הוראַ!“

„אַ גרוס דער קאָמוניסטישער יוגנט!“

„זאָל — לע — בען — די — וועלט — רע — וואָ — לו — צי — ע!“

צום טאַקט פון די טריט קלינגען די ווערטער. זיי מיינען ערנסט מיט זייערע ווערטער — די רוסלענדישע אַרבעטער. זיי האָבן דאָס באַוויזן.

און די יוגנט! צווישן גרופּן פון גרויסע מאַרשירן קינדערשע באַטאַליאָנען. שולן. קינדער־היימען. פּיאָנערן. קאָמוניסטישע יוגנט. די קינדער פון אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האַלט די מאַכט אין זיין מלוכה.

זיי פילן — זיי זענען פריי. זיי ווייסן — זייער לאַנד איז אַנדערש פון אַנדערע לענדער. זיי ווערן דערצויגן אין אַ נייער לופט.

ס'פאַלט דער רעגן. אַף צען מינוט האָט זיך באַוויזן די זון. איצט רעגנט עס ווידער. אָבער מען קימערט זיך ניט. ווער ס'איז געגענגען מיט אַ צושפּילעטן רעקל, דער האָט עס געלאָזן צושפּילעט. ווער ס'איז געגאַנגען אָן אַ היטל, האָט ניט אָנגעטאָן דאָס היטל. זיי האָבן שוין געזען ערגערע זאַכן — די רוסישע אַרבעטער. זיי האָבן איבערגעלעבט אַלצדינג. און זיי האָבן טאַקע אַלע גאַנצע שיך און גאַנצע שטיוול. טאָ וואָס איז זיי דער רעגן?

ווי אַ סטאַדע פויגעלאַך אין אַ זומער־לופט, קלינגען די קינדערשע שטימעלאַך. פון אויבן פרעגט אַן עלטערער:

„פּיאָנערן, געדיינקט איר דאָס געבאָט פון אילאיטש?"

„מיר געדיינקען!"

„פּיאָנערן, זענט איר פּאַרטיק?"

„וסעגדאַ גאָטאָווי!" (שטענדיק פּאַרטיק).

ס'שפּילט מוזיק. אַ סך גרופּעס האָבן זייערע אָרקעסטערס. אַ סך קלובן זענען געקומען מיט אייגענע קאַפּעליעס. די פּיאָנערן האָבן פּייקלאַך: אַ קליינער ניין־יאָריקער נפש גייט פּאַראַויס, קלאַפּט אין פּויק. חברה, אַלץ איינס אָנגעטאָן, מיט ווייסע, אָדער רויטע, אָדער בלאָע רוסישע בלוזעס און הויכע שטיוועלאַך ביז איבער די קני, מאַרשירט צום טאַקט.

„פּיאָנערן, זענט איר גרייט?"

„שטענדיק גרייט!"

אין דער הויך הויבען זיך די רעכטע הענטעלאַך, ווי צו אַ שבועה.

די פּיאָנערן און די יונגע קאָמוניסטן טראָגן פאָנען:

„די פאָטערס אין דער ר. ק. פּ. — די קינדער פּיאָנערן."

„מיר גייען אייך איבערנעמען די הענט."

„די אַרבעט פון אונזערע פאָטערס וועלן מיר דערפירן ביז'ן סוף."

„אַז מיר וועלן אויסוואַקסן, וועלן מיר שאַפן אַ נייע וועלט."

פון אויבן רופט מען:

„דער יונגער גוואַרדיע — אַ רויטער גרוס!"

און ס'ענטפערן הונדערטער, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער קלינגענדיקע פויגעלאַך־שטימען:

„זאָל — לע — בען — די — אר — בע — טער — מאַכט —
אױף — דער — גאַנ — צער — װעלט — הו — ראַ!"

פּאַנען, פּאַנען, פּאַנען. קינדערשע אױגן — גליקלאַכע קינדערשע שמײכלס — קינדער אױסגעמישט מיט גרױסע, קינדער אין אײן יום־טוב מיט גרױסע — קינדער אַ האָפנונג פון קומענדיקע טעג — קינדער פון אַ באַפרײטן קלאַס.

רױט, רױט. געדיכטער די רײען. געדיכטער די פּאַנען. געדיכטער די פּנים׳ער. טעפּיכער אױסגעװעבט פון פּנים׳ער. לעבעדיקע פון פּנים׳ער. אַלערלײפאַרביקע באַװעגלאַכע מאָזאַיִק פון גליקלאַכע, לאַכנדיקע פּנים׳ער. זינגט! זינגט!

„ראָס איז שױן דער לעצטער
און אַנטשידענער שטרײט!"

ס׳הינקט אַן אַלטער מאַן. אַ גרױסער, האָריקער, װײַסער קאָפּ. אַ װײַסע באָרד. אַן אָפּגעטראָגענער גראָלאַכער מאַנטל. אַ גרױסער רױטער שלײף אױף דער ברוסט. דער מאַן האָט נאָר אײן פוס. ער שפּאַנט מיט אַ קוליע. אָבער ער שפּאַנט! ער װעט דאָך ניט בלײבן אין דערהײם.

ס׳קומט צו אונז אױף דער פּלאַטפאָרמע אַן אַלטער קאָזאַק. אַלט — װי די װעלט. מען װײַזט מיר אים. מען דערצײלט: צוריק מיט פינף־און־דרײַסיק יאָר האָט ער, אַ פּראָסטער סאָלדאַט־קאָזאַק, דער׳הרג׳עט אַ קאָזאַקישן־אָפיציר. מ׳האָט אים גע׳משפּט און פאַרשיקט אין סיביר. דאָרט האָט ער אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן. פאַר זעקס יאָרן, אין קאָלטשאַק׳ס צײַטן, האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אָן אַ באָלשעװיסטישער פּאַרטיזאַנישער מיליטער־אָפּטײלונג, געקעמפט פאַר דער סאָװעט־מאַכט. דעמאָלט איז ער אַלט געװען זעקס־און־זיבציק יאָר. איצט איז ער אַלט צװײ־און־אַכציק. אָבער אין מיליטערישע קלײדער, מיט אַ מיליטערישער האַלטונג, זעט ער נאָך אױס אַ קרעפּטיקער מאַן. זײַן טריט איז זיכער, זײַן שטים — קלאָר.

— אױב ס׳איז נױטיק, װעל איך מאָרגן אַרײַנטרעטן אין דער אַרמײ צו באַשיצן אונזער מאַכט.

און אַ יונג פײַערל באַװײַזט זיך אין די אַלטע אױגן — און דער געלבלאַכער פּנים באַפאַרבט זיך.

מיין קאָזאַק דרייט זיך אוים מיט'ן פּנים צו דער פּראָצעסיע און שרייט־אוים מיט אַ קאָמאַנדאָ־קול:

„דער בראַווער רויטער אַרמיי אַ קאָזאַקישער רויטער גרוס! — הורא!"

ווילד־פריילאַך ענטפערט די יוגנט אַפ'ן קאַמף־רוף פונ'ם וועטעראַן:

„הורא!" „הורא!"

„פון די זיגן אַפ'ן קריג־פראָנט — צו די זיגן אַפ'ן ארבעט־פראָנט!"

ס'גייט די מענטשן־מאַסע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן צען אַזייגער אינדערפרי. ס'גייט און ס'גייט און ס'גייט. ס'איז שוין דריי, ס'איז שוין פיר, ס'איז שוין פינף. וויפיל מענטשן זענען דאָ אין די גאַסן? קענער פון אַזוינע דעמאָנסטראַציעס זאָגן מיר, אַז ס'אַז דאָ צווישן זעקס און זיבן הונדערט טויזנט.

האָט זיי אימיצער גענויט דעמאָנסטרירן?

מ'וואָלט מיך אויסגעלאַכט, ווען איך פרעג אַזאַ פראַגע. וואָס הייסט נויטן? ס'איז דאָך אונזער יום־טוב! מען האָט זיך דאָך געגרייט צו אים אַ גאַנצן חודש! מ'וואָלט זיך דאָך געפילט עלנט, ווען אימיצער לאָזט ניט גיין. מ'וואָלט זיך דאָך ניט געפילט גוט אַ גאַנץ יאָר. דער יום־טוב — דאָס איז דאָך א ו נ ז ע ר פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ר ט אָ ג, אַ טייל פון אונזער נייעם לעבן־שטייגער.

גוט־יום־טוב אייך, רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער! גוט־יום־טוב אונז אַלעמען! און זאָל פלאַמען און פלאַקערן אייער פאָן, אונזער פאָן!

* * *

ס'איז שוין באַלד זעקס אַזייגער. די פּראָצעסיע גייט נאָך. דער רויטער פּלאַץ האָט נאָך די דעמאָנסטראַציע ניט געענדיקט. נאָר לאָמיר גיין אין גאַס. די גאַסן זענען פאַרפילט. קיינער וויל ניט גיין אַהיים. ס'איז אַ רעגן. ס'ליגט נידעריק איבער'ן קאָפּ דער גראָער הימל. אָבער די גאַסן קאָכן. די גאַסן זידן. דאָס לעבן ברויזט. דאָס לעבן פון דער מאַסע איז אַ קאָלעקטיוו. אַלע צוזאַמען. אַלע ווי איין משפּחה. איר מעגט ריידן מיט יעדן שכן, ווי מיט אַ באַקאַנטן.

איר האָט ניט מורא צו באַגעגענען אַן אומצופרידן פרעמד פּנים, אַ פרעמד קול.

ס'איז יום־טוב.

אַזוי וועט דאָס זיין ביז צוועלף און איינס באַנאַכט. מאָרגן איז אויך יום־טוב. אין רוסלאַנד פייערט מען דעם ערשטן מאַי צוויי טעג נאָכאַנאַנד. מאָרגן וועט זיין אַ ספּעציעלער קינדער־טאָג. גאַנץ מאָסקווע וועט אויף איין טאָג איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די קינדער. ז י י ע ר יום־טוב.

היינט אין אָוונט איז דאָס בעסטע גיין אויף אַ זאַוואָד, אין אַ פּראָלעטאַרישן קלוב. דאָרט וועט איר זען דאָס אמת'ע פּנים פונ'ם רעוואָלוציאָנערן רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

גייען מיר. איז דער קלוב הינטער'ן שטאָט, גאָר ווייט, אין אַ דערפל, וואָס רופט זיך „לענינ'ס דערפל". דער זאַל איז אָנגעפּאַקט ביז אויף יענער זייט טיר. אַלץ פּאַרמאַזאָליוועטע רוסישע אַרבעטער און רוסישע אַרבעטערקעס — מעטאַליסטן. צוליב'ן אינטערנאַציאָנאַלן יום־טוב האָט מען היינט מאָביליזירט יעדן אויסלענדישן טוער, וואָס געפינט זיך אין מאָסקווע, צו ריידן פאַר די אַרבעטער־מאַסן. זיצט דער עולם און הערט די רעדעס און די איבערזעצונגען — און פרעגט נאָכדעם ערנסטע, באַוואוסטזיניקע פראַגן פון מענטשן, וואָס האָבן אַ ידיעה אין דער לאַגע פון אַנדערע לענדער.

און אַז די אָפיציעלע רעדעס זענען געענדיקט, שטייען אויף על־טערע אַרבעטער און דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן אַמאָל געפייערט דעם ערשטן מאַי. געהיימע קרייזלאַך, אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס, צען־מינוטיקע ריזיקאַלישע דעמאָנסטראַציעס, קאָזאַקן, נאַגאַיקעס, אַרעסטן, טורמע, סיביר...

זיצן די יונגע און הערן און גאַפן.

— היינט באַשיצט אונזער מיליץ די מאַי־דעמאָנסטראַציע און האַלט פאַר אונז אָרדנונג. צוריק מיט עלף יאָר האָב איך אויף דער מאַי־דעמאָנסטראַצ'ע געקראָגן אַזאַ שמיץ מיט דער נאַגאַיקע, אַז ס'האָט צושניטן מיין ראָק אויף צוויייען. איך בין נאָכדעם אָפּגעזעסן דריי חדשים אין טורמע — און נאָך געווען צופרידן, וואָס אַזוי ווייניק.

די יוגנט לאַכט.

שטייט אויף דער פּאָרזיצער און זאָגט:

—לאָמיר האַלטן פעסט אונזער מאַכט. זאָל אפילו שווער זיין צו לעבן, וועלן מיר ניט לאָזן די רויבער צו פאַרשקלאַפן אונזער צוקונפט!

ענטפערט די מאַסע:

— מיר וועלן ניט לאָזן!

און שטאָל און בלוט איז דאָ אין די פּראָסטע ווערטער.

2טן מאַי, 1924, מאָסקווע.

א געפאנגענער.

איבער די קעפּ איז געשוואומען די ווייסע מאָסקווער נאַכט. די בלעטער אף די בוימער זענען געווען פייכט פון טוי און שווער. ס'איז געווען ניט פינצטער — ניט ליכטיק, און א בלאָלאַכע קלאָרקייט אין מזרח האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'איז באַלד טאָג.

מיר זענען געגאַנגען מיט א חבר פון א פאַרזאַמלונג. איך האָב געאָטעמט די פאַר'כשופ'טע שטילקייט פון דער ניט־שלאָפנדיקער נאַכט. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט: אין אָט די שמעקעדיקע בולוואַרן, צווישן אָט די בלייכע פאַרגאַפטע הייזער אַרום די גרויסע פּלעצער קייטלט זיך עפּעס א שטילע מערקווירדיקע סודות'פולע אַרבעט.

אף לוביאַנסקע פּלאַץ, אינמיטן, איז דאָ א פאָנטאַן. אַרום פאָנטאַן שטייען ביינקלאַך. דער חבר זאָגט מיר:

— לאָמיר זיך צוזעצן אף א ווייל.

מיר זיצן. הינטער אונז — קיטאַי־גאָראָד — „די כינעזישע שטאָט" — א פּלאָנטער פון גאַסן אַרומגערינגלט מיט אַן אַלטן רויטלאַכן מויער: דער האַנדל־טייל פון אַלט־מאָסקווע. הינטער קיטאַי־גאָראָד — דער קרעמל מיט זיינע גאָלדענע קלויסטער־קעפּ. פאַר אונז, אף יענער זייט פּלאַץ, עטלאַכע גרויסע פיר־פינף שטאָקיקע הייזער: מאַגאַזינען, סקלאַדן, שולן, אנשטאַלטן, שילדן. פאַר איינער פון די הייזער שטייט א סאָלדאַט מיט א ביקס. דאָס איז די פּאָלי־טישע פּאָליציי („גע־פּע־או", די יורש'טע פון דער אמאָליקער „טשע־קא").

מיין חבר זאָגט:

— אַלע מאָל, ווען איך גיי איבער לוביאַנסקי פּלאַץ, מוז איך אַ קוק טאָן אויף דער „געֿפּעֿאו": עס ציט מיך ווי אַ מאַגנעט.

איך האָב געשוויגן. איך ווייס, אַז די „געֿפּעֿאו" אינטערעסירט יעדן בירגער פון רוסלאַנד: דעם פריינט — ווייל דאָס איז אַ מיטל צו שיצן די פּראָלעטאַרישע אָרדנונג; דעם פיינט — ווייל דאָס איז די האַנט, וואָס וועט אים סוף־כל־סוף דערגרייכן. אַרום דער געֿפּעֿאו האָט מען אָנגעהויפט אַ באַרג מיט לעגענדן.

דער חבר זאָגט:

— ווייסט איר, אַז איך אַליין האָב געהאַט צו טאָן מיט דער טשעקאַ?

איך ענטפער, אַז איך פאַרשטיי דאָס: דער חבר האָט אַמאָל געאַרבעט אין אויסערן־קאָמיסאַריאַט, און ס'איז באַוואוסט, אַז די טשעֿקאַ האָט אַכטונג געגעבען אויף אַלע, וואָס קומען פון אויסלאַנד.

מיין חבר טוט אַ שמייכל און זאָגט:

— ניט דאָס מיין איך. איך מיין, אַז די טשעֿקאַ האָט מיך אַמאָל אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטן צען חדשים.

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף'ן חבר. איך האָב זיך מיט אים ניט לאַנג געהאַט באַקאַנט, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט, אַז ער פאַרנעמט אין דער פאַרטיי איינעם פון די פאַראַנטוואָרטלאַכע עמטער. דורך אים האָב איך באַקומען אַ צוטריט צו העכערע פאַרטייאישע קרייזן. דעם חבר'ס נאָמען האָט מען אין מאָסקווע אַרויסגערעדט מיט פריינט־שאַפט און דרך־ארץ. אַט דער מענטש האָט פאַרבראַכט צען חדשים אין אַ סאָוועטישער טורמע? ווי איז דאָס מעגלאַך?

איך האָב קוים באַמערקט, ווי מיינע ליפּן האָבן אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער: „ווי איז דאָס מעגלאַך?"

אויף'ן חבר'ס פּנים האָט געשפּילט אַ שטיפערישער שמייכל. דאָס איז איינער פון זיינע אינטערעסאַנטע כאַראַקטער־שטריכן: אַ מענטש איז פופצן יאָר אַ קאָמוניסט, איז שוין אַלט איבער פערציק, האָט פאַרנומען אין דער פאַרטיי אַלערליי שטעלעס, טראָגט אַ משא פון אַ סך ערנסטער אַרבעט, לייענט פּעק־וויז פּאָליטיש־סאָציאָלאָגישע

ליטעראַטור, — און אַז ס'קומט צו עפּעס, איז ער פּריילאַך אין לאַכנדיק און לעבעדיק און איינפאַך, ווי אַ קינד. אין פּריוואַטן לעבן איז אַ פאַרגעניגען צו באַגעגענען אַט דעם שטרייַנגען אויסגעהאַל־טענעם אומדערבאַרמדיקן מאַרקסיסט און לינקן קאָמוניסט. איצט צופּט ער די האָר פון זיין לייַנגלאַכן רויטן בערדל, פאַרריכט די ברילן אויף די קורצזיכטיקע אויגן — און אין דעם צעשפּילעוועטן קאָלנער פון זיין בלאָער בלוזע און אין די פּיס מיט די הויכע שטיוול, וואָס ער האָט איצט אויסגעשטרעקט ווייט פון זיך, איז דאָ אַזאַ רחבות און רואיקייט, אַקוראַט ווי ער וואָלט דערציילט פון אַ פּיקניק און ניט פון צען חדשים אין טורמע.

— אייך, אַן אויסלענדער, וואָס באַאַבאַכט די רוסלענדישע פּאַרטיי, וועט מסתמא זיין אינטערעסאַנט צו הערן וועגן אַ קאָמוניסט, וואָס די טשע־קאַ האָט אַרעסטירט.

איך האָב פאַרשפּאָרט דערציילן דעם חבר, אַז איך וויל הערן זיין געשיכטע.

די ווייסלאַכע לופט איז דערווייל געוואָרן נאָך העלער. קליינינקע ווייסע פונקען, ווי צושאָטענער זילבערנער שטויב, האָבן זיך באַוויזן איבער דער שטאָט. ערגעץ האָט שוין די זון אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון אונטער דעם האָריזאָנט. ניט ווייט האָבן אַ פּאָר פויגעלאַך גע־פּישטשעט. דער גרויסער קרעמלער קלויסטער, וואָס קלינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל", האָט אויסגעקלונגען צוויי. מאָסקווע האָט שוין דאָ און דאָרט גערירט אירע אויסגערוטע גלידער.

מיין חבר האָט דערציילט:

— ס'איז געווען אין 1920, אין דער ערגסטער צייט פון'ם בירגער־קריג. אונזערע אַנשטאַלטן זענען געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. מלחמות אויף פראָנט, פאַרשווערונגען, אויפשטאַנדן, אַטענ־טאַטן אין לאַנד גופא. מ'האָט קיין צייט ניט געהאַט אַ סך צו פאָרשן. מ'האָט ניט געקענט זיין גענוג פאָרזיכטיק. איך האָב גע־אַרבעט אין אויסערן־קאָמיסאַריאַט — צוליב דעם איז מיר אָפט אויסגעקומען צו זיין אין דער טשע־קאַ, און איך האָב געקענט די מענטשן, איך האָב געוואוסט זייער אַרבעט. ס'איז געווען קאַטאָרזשנע אַרבעט. איצט, ווען איך קוק צוריק, וואונדער איך זיך, וואָס מיר

האָבן בייגעקומען אזוי פיל אינוויינוקסטע כיטרע שונאים. ס'האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט שונאים. היינט איז שוין גאָלד...

מיין חבר האָט זיך אפגעשטעלט. איך האָב אים שטיל, אָבער פעסט געבעטן, ער זאָל דערציילן ווייטער.

דער חבר האָט נאָכאמאָל א שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: „ביזט געפּאַקט, ברודער!" און האָט פאָרטגעזעצט:

— אין איין שיינער זומער־נאכט—מיר האָבן דעמאָלט געהאלטן אין אָפּטרעטן פאר די פאָליאקן, און איך האָב זיך אָקאָרשט געהאט אומגעקערט פון א פארטיי־שליחות צום פראָנט — איז מען אריין צו מיר, איבערגעראַיעט מיינע פאפירן, אויפגעריסן די פּאָדלאָגע פון מיין צימער און מיך ארעסטירט. דער אָנפירער פון דעם ארעסט איז געווען א באקאנטער טשעקיסט, וואס איך האָב זיך מיט אים אָפּט באגעגנט בא דער ארבעט. לאָמיך אייך זאָגן פון אָנפאנג אָן, אז דאָ איז פאָרגעקומען א טעות, א שרעקלאכער, פארפלאָנטערטער, כמעט אומגלויבלאכער טעות, וואָס ווען איך זאָל אייך דערציילן אלע זיינע פרטים, וואָלט איר געמיינט, אז דאָס איז א מעשה פון א קינעמאַטאָגראף. דאָס לעבן, ווייזט זיך ארויס, איז אמאָל אומגלויבלאכער און ווילדער, ווי די ווילדסטע קינעמאטאָגראפישע פלאָנטערס. קורץ: איבער מיין קאָפּ איז געהאנגען א באשולדיקונג אין פארראט, און ווערדליך דער דעמאָלטיקער לאַגע, האָב איך ניט געהאט קיין שום מעגלאכקייט צו באווייזן מיין אומשולד. אז איך בין געווען אומשולדיק, פארשטייט איר דאָך אליין: אניט וואָלט איך איצט ניט געווען אין דער פארטיי, ניט געזעסן מיט אייך, נאָר מיינע ביינער וואָלטן געפוילט אין דער ערד צוזאמען מיט די ביינער פון אנדערע פאררעטער. נאָר איך פארלויף אפריער.

אין דער צייט פון מיין ארעסט האָב איך נאָך אפילו ניט געוואוסט, אין וואס מען באשולדיקט מיך: פשוט, מ'איז געקומען, באזוכט, מיר געהייסן אָנטאָן די קליידער, צוגענומען מיין פארטיי־בילעט מיט אלע דאָקומענטן, — און דער קאָמוניסט פון 1909, דער אַלטער אויסגעפּרופטער טוער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון א געהיימער שליחות, וואו ער האָט געקאָנט יעדע מינוט צוריסן ווערן אויף שטיקלאך, — זיצט זיך אין א קעמערל אין אונטערשטן שטאָק פון

אַ געפּענגעניש און קוקט אויף דער גראָער צעגראַבלטער וואַנט, וואָס הויבט זיך פאַר זיין פענצטער. ווי געפעלט אייך דאָס בילד?

דער חבר האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט דער דלאָניע אַרויף, ווי איינער, וואָס ווייזט דעם פּובליקום אַן אינטערעסאַנטע זעלטענע זאַך. אונטער זיינע רויטלאַכע וואָנצעס האָט ווידער געשפּילט דער קונדס'עוואַטער שמייכל. אין די ברילן מיט די אייזערנע האָלאָבליעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער נייער טאָג.

איך האָב פאַרזיכטיק געפרעגט, ווי ער האָט זיך געפילט אין טורמע.

יענער האָט אַ לאַך געטאָן און געענטפערט כמעט מיט חוזק:

— הערסט, אָט דאָס איז דאָך די געשיכטע. אָט צוליב דעם וויל איך דאָס אייך דערציילן.

ער האָט אַראָפּגענומען די ברילען, זיי אויסגעווישט מיט אַ זוים פון זיין בלוזע, אַריבערגעלייגט איין שטיוול איבער'ן צווייטן און גענומען דערציילן:

— פון אָנהויב האָב איך אויף דער גאַנצער זאַך ניט געקוקט ערנסט. מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך? די טשעקאַ קען מיך דאָך, די פּאַרטיי ווייסט, ווער איך בין. ס'וועט אַוועקגיין אַ טאָג, צוויי — און מ'וועט מיך באַפרייען. צוליב אָט דער זיכערקייט האָב איך פון דער היים ניט מיטגענומען גאָרניט. ס'איז דאָך אַ שפּאַס, — האָב איך געטראַכט, — איך וועל נאָכדעם לאַכן מיט די חברים איבער דעם קאָמישן אינצידענט. ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג און צוויי, און אַ וואָך און צען טעג — און איך בין אַלץ געזעסן, און איך האָב אַלץ ניט געגלויבט, אַז דאָס איז ערנסט. איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס מען רופט מיך ניט אויף אַ דאָפּראָס (אויספרעגונג), אָבער איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָס איז אפשר נאָך בעסער: מ'וועט קומען און מיך גלייך באַפרייען...

אַזוי פעסט האָט אין מיר געשטעקט אָט די געוויסהייט, אַז איך האָב זיך ניט געוואָלט אויסטאָן באַנאַכט פאַר'ן שלאָף: סטייטש, מען וועט מיך קומען באַפרייען, און איך וועל זיין נאַקעט. איך האָב צוויי חדשים נאָכאַנאַנד ניט אויסגעטאָן מיינע קליידער, איך האָב

צוויי חדשים ניט אראפגענומען די קאָלדרע פון דעם שטרוי־זאַק אַף מיין בעטל, ניט אויסגערעדט קיין וואָרט צו די וועכטער: מיר האָט זיך אַלץ געדאכט, אז טאָמער טו איך דאָס, אָנערקען איך דערמיט אליין, אז איך בין אַן ארעסטאַנט, גיב איך מיין הסכם אפ׳ן ארעסט — איז אוים באפרייאונג. איצט ווייס איך, אז איך בין דעמאָלט ניט געווען אינגאנצן נאָרמאַל: עס איז דאָך קלאָר, אז איך האָב זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון א מאַניע, אָבער מיר איז דערפון ניט געווען גרינגער. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט לאָזן ווימן מיינע נאָנטע פריינט, אז איך בין ארעסטירט: אַלץ די זעלביקע מורא, אז טאָמער טו איך דאָס, ווער איך אַן אמת׳ער ארעסטאַנט. ס׳האָט זיך אַלץ געטראכט: אָט עפנט זיך די טיר און מען קומט מיך באפרייען.

בין איך געווען אין כעס פאר מיין ארעסט? האָב איך אין הארצן פראָטעסטירט קעגן דער רעגירונג? אמת גערעדט: ניין. לכתחילה בין איך געווען אזוי זיכער אין דער נאָנטקייט פון מיין באפרייאונג, אז איך האָב אפילו ניט געטראכט וועגן די שולדיקע. שפעטער האָט זיך אין מיר צעשפּילט א מין צו־להכעים צו די חברים פון דער טשע־קאַ: אהא, איר האלט מיך דאָ אומזיסט־אומנישט, וועל איך אייך ווייזן, ווער איך בין; איר שפּילט מיט מיר א בייזע שפּיל, וועל איך טאָן דאָסזעלבע: מ׳האָט מיר, למשל, פארגעשלאָגן פארבעסערן מיין שפּייז — פאָרט באקאַנטע גוטע חברים — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט און געלעבט פונ׳ם האלבן פונט ברויט מיט דער קוואָרט וואַרימע וואסער, וואס איך פלעג באקומען אַלע טאָג. מ׳האָט מיר געגעבן די פּריווילעגיע פון שפּאַצירן אין הויף — האָב איך ניט געוואָלט ארויס פון מיין קליינער נידעריקער קאַמער. ווען מ׳האָט מיך ארויסגערופן אַף א דאָפּראָס, האָב איך געענטפערט אַף די פראַגן: ס׳איז א פּארטיי־פליכט צו ענטפערן, ווען מען פרעגט. — איך האָב זיך אָבער געהאַלטן אזוי קאַלט און ווייט, אקוראַט ווי איך האָב די מענטשן קיינמאָל ניט געקענט. ס׳איז געווען אזוי, אקוראַט ווי ברידער וואָלטן שלעכטס געטאָן זייערן א ברודער — און ער עקשנ׳ט זיך אין פארבייסט די ליפּן און וויל שפּילן א ברוגז.

איך ווייס ניט, וואס די חברים האָבן דעמאָלט געטראכט — פון די פראַגן איז מיר בשום אופן ניט מעגלאָך געווען צו טרעפן, אין וואס

איך ווער באשולדיקט — אָבער מיר איז מיין עקשנות געווען ווי א מין רעטונג־גארטל אינמיטן ים. דאָס איז געווען מיין איינציקער אָנ־האַלט. ערגעץ אין ווינקל פונ׳ם באוואוסטזיין האָט געטליעט א מין געדאַנק פון נקמה: אדרבא, איר האלט מיך פארשפּארט, איר מאכט פון מיר א תל, טאָ לאָמיך זשע גיין צו אל די שווארצע יאָר, לאָמיך צעשעדיקן מיין געזונט און מיין נשמה, וועט איר זען, וואָס איר האָט אָנגעמאכט. אבער קלאָגן זיך — דאָס ניט! קיין פּיפּס וועט איר פון מיר ניט הערן!... ס׳איז מיר באמת שווער איבערצוגעבן מיינע דעמאָלטיקע געפילן. איך האָב מיט קיינעם ניט גערעדט, מיט קיינעם ניט געזוכט קיין פארבינדונג, וואָכנלאנג זיך ניט געוואשן, טעג ניט געגעסן, אָפטמאָל אפילו ניט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענצטער, — טאָג ווי נאכט געזעסן אפ׳ן בעטל אָנגעשפּארט מיט׳ן עלנבויגן אָן טישל. פון דעם אָנשפּארן האָט זיך דורכגעריבן א לאָך אינ׳ם עלנבויגן פונ׳ם רעכטן ארבל. איך האָב געפילט דעם לאָך און עפּעס האָט געטראכט אונטער׳ן בלייענעם דעק פון מיין מח: גוט אזוי, גוט אזוי, זאָל אלצדינג גיין צו אל די רוחות.

איך האָב ניט אומזיסט געזאגט: „דער בלייענער דעק פון מיין מח". עס איז א פאקט, אז דעם דריטן חודש האָב איך שוין ניט געהאט קיין באשטימטע געדאנקען, וואָס מען קען זיי ארויסריידן אין ווערטער. אלצדינג האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן אין מיין קאָפּ: פאר־דרוס, דערוואַרטונג, אומגעדולד, איינגעשפּארטקייט, ברעקלאך פאר־שטעלונגען, פראגן, שמועסן, שטיקלאך אפגעריסענע רעדעס, צעשוואָר־מענע איינדרוקן, נארישע קליינקייטן, די מויז, וואָס קריכט אלע אינדערפרי פון א לאָך בא׳ם פיסל פון בעט; דער שליסל, וואָס קריכט אלע טאָג אריין אין שלאָס פון מיין קאמער, ווי אן אייזערנע שפּין וואָלט זיך געגראבלט איבער שטאָלענע שפּינוועב; די זיבן און פערציק מיט א האלבן טאָג, זינט מ׳האָט מיך ארויסגערופן צום דאָפּראָס — טאקע דאָ, אין דעם זעלביקן הויז; די פראגע: „צוליב וואָס האָט איר זיך אפגעשטעלט נעכטיקן אין סמאָלענסק?" וואָס קען דאָס מיינען — נעכטיקן אין סמאָלענסק? וואָס קען מען דרינגען פון דעם, וואָס איך האָב גענעכטיקט אין סמאָלענסק? וואָס פאר א שייכות איז דאָ צווישן מיין זיצן דאָ און מיין נעכטיקן אין סמאָ־

לענסק? וועמען האָב איך געזען אין סמאָלענסק? ווער איז דאָס אזוינס, וואָס איך האָב אים ניט געטאָרט זען אין סמאָלענסק?

אין א קרייז, אין א קרייז האָבן זיך געדרייט די שטיקלאך געדאנקען, זיך צוזאמענגעפּרעסט, צוזאמענגעשווייסט, געוואָרן איינגער, געדיכטער — געדריקט איבער'ן קאָפּ, ווי אַ שווער היטל. דערפון האָבן געבראָכן די שלייפן. די מויז פלעגט זיך שטעלן אַף די הינטערשטע פיס לעבן דער פּאַראשקע (קויט־עמער), אויפהויבן אין דער לופטן די פאדערשטע לאפּקעס, גלעטן די גראָע וואָנצעלאך און לאַכן מיט אַ פּישטש. דאָס שטאָלענע שפּינוועב פלעגט זיך אויסציען איבער'ן גאנצן צימער, פונ'ם פענסטער צו די דריי טשוועקעס אין ווינקל אונטער'ן באַלקן; א טויזנט אייזערנע שפּינען פלעגן זיך לאָזן לויפן איבער דעם שפּינוועב, קריצנדיק מיט די אייזערנע לאפּקעס, און יעדע שפּין האָט זיך ארייננעגעסן מיט א שארפן פּיסק אין די צעלן פון מיין מארך. דער מארך האָט געדריקט, ווי אַ שטיק טעמפּע ערד, און אונטער דעם אַלעם פלעגט אמאָל געבוירן ווערן א קליינינקער פּראָסטער קלאָרער געדאַנק: ס'איז דאָ דריי טשוועקעס, יעדער טשוואָק איז גענוג שטאַרק אויסצוהאַלטן אַ מענטשן.

ס'איז געווען אַפ'ן צווייטן דאָפּראָס, ווען אן ערד־ציטערניש איז געקומען איבער מיין נשמה. די באשולדיקונג איז נאָך אַלץ געווען אַזוי טונקל פאַר מיר ווי פריער—און ניט וועגן דעם רייד איך דאָ; דער דאָפּראָס גופא האָט צו קיין זאך ניט געבראכט, אָבער דער אויספאָרשער, אן עלטערער ערנסטער חבר, וואָס האָט צען יאָר פארבראכט אין יאקוטקע (צפון־סיביר) און דריי יאָר אין קאַטאָרזשנע אַרבעט, האָט אַף מיר אַלץ געקוקט אין דער צייט פון דער אויספאָרשונג, אָפּטמאָל אפילו פארגעסן, וואָס ער וויל מיך פרעגן, און זיך אַלץ איינגעקוקט אין מיין פּנים, אין מיינע דינע ציטערדיקע שמוציקע הענט, אין מיין איינגעהויקערטער נערוועזער פיגור. איך האָב דעמאָלט, מסתמא, אויסגעזען גענוג פריקרע. קורץ: איידער די וועכטער האָבן מיך געדארפט נעמען אָפּצופירן אין קאמער, האָט דער אויספאָרשער אויפגעהויבן זיין גראָען קאָפּ און ארויסגערעדט אין דער לופט אריין, ווי מען רעדט צו זיך אליין:

— ד ע ר א י ז אַ ש ל ע כ ט ע ר ק אָ מ ו נ י ס ט, װ ע ר ע ס ק ע ן נ י ט א י ב ע ר ט ר אָ ג ן אַ ש װ ע ר ע צ י י ט. אַ קאָמוניסט טאָר זיך ניט אָפּלאָזן קיינמאָל.

מיין דערציילער האָט ארויסגערעדט די לעצטע װערטער מיט אַ זעלטענעם ערנסט, װי אַ גלויביקער װאָלט איבערגערעדט די װערטער פון אַ נביא. אויף זיין באָרדיקן דינעם פּנים מיט׳ן צושויבערטן קאַשקעט איבער׳ן שטערן איז שוין ניט געװען קיין סימן פון שפּאַס. די בלאָע ריינע רוסישע אויגן האָבן זיך װי אויסגעבאָדן אין עפּעס אַ שיינענדיקער פייכטקייט, און דערפון זענען זיי געװאָרן טיפער. צום מיטן הימל האָבן פון מזרח־זייט געשאָסן לאַנגע ליכטיקע פּאַסן — אונטן שמאָלע, אויבן אַלעמאָל ברייטער. דער זומער־טאָג האָט אָנגעזאָגט זיין קומען מיט ליכט־טרומייטן.

מיין חבר האָט אַ שטיקל צייט ניט גערעדט גאָרניט. װען ער האָט װידער גענומען דערציילן, איז זיין קויל געװען װייכער און העלער.

— אין אויספאָרשונגס־צימער האָבן די װערטער אויף מיר גאָרניט געמאַכט קיין איינדרוק. זיי זענען פאַרביי געשװאומען פאַר מיין באַװאוסטזיין, װו זיי װאָלטן צו מיר גאָרניט געהאַט קיין שייכות. ס׳איז אויסגעקומען, אַקוראַט װי זיי זענען אַ טייל פון דער אויספאָרשונג, װאָס האָט מיך אַזוי װייניק באַפּרידיקט. אָבער אַז די װעכטער האָבן מיך ארויסגעפירט — איינער בײַ מיין רעכטער זייט, אַ צװייטער בײַ מיין לינקער — און די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער מיר, און דער לאַנגער שמאָלער קאָרידאָר האָט אויסגעשטרעקט פאַר אונז זיין טונקעלן טונעל, האָב איך פּלוצלינג װידער דערזען דעם גראָען קאָפּ פונ׳ם אויספאָרשער. זיינע אויגן האָבן טרויעריק אַ שיין געטאָן אַנטקעגן מיינע אויגן — און עפּעס האָט מיך אָפּגעבריט פון קאָפּ ביז די פּיס, עפּעס איז װי אַ דערשיטערונג דורכגעגאַנגען דורך אַלע מיינע גלידער:

— ד ע ר איז אַ שלעכטער קאָמוניסט, װער עס קען ניט איבער־טראָגן אַ שװערע צייט.

— א י ך בין אַ שלעכטער קאָמוניסט, װייל איך בין ניט בייגע־שטאַנען די פּרוף.

— א י ך האָב געטראַכט פונ׳ם טשװאָק, װען מיר איז אַביסל געװאָרן איינג.

— א י ך האָב פאַרגעסן די שווערע צייט, אין וועלכער ס׳געפינט זיך אונזער רעפובליק.

— א י ך האָב געזוכט נקמה קעגן מיינע חברים, וואָס שטייען אַף דער וואַך אין איצטיקער ביטערער צייט.

— א י ך האָב ניט געהאַט דעם פּאַרטיי־מוט צו פאַרטראָגן אַ טעות, ווען איך ווייס, אַז קיינער האָט מיר קיין שלעכטס ניט געווינשט.

— א י ך האָב אַ פּנים פון אַ קליינבירגערלאַכן טרוס, ווען מיר אַלע שטרייטן אַף לעבן און טויט.

— א י ך האָב געטראַכט וועגן זיך, וועגן זיך, וועגן זיך...

ווען איך בין געקומען אין קאַמער, האָב איך, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל דערזען די גראָע פאַרשטויבטע ווענט, דאָס פאַרגראַ־טעוועטע גרויסע פענסטער (ס׳איז געווען אַ פּריוואַטע הויז, איבער־געמאַכט אַף אַ טורמע), די פאַרשפּיגעטע פּאָדלאָגע און דאָס בעטל מיט׳ן שטרוי־זאַק, אין וועלכן ס׳איז געווען אַן אויסגעהוילטע לאַנגע פאַר־טיפונג — ווי אַ מולטער. איך האָב אַ קוק געטאָן אַף דער קאַמער, אַפ׳ן קוואַדראַטנע פענצטערל אין טיר, אַף דער האַנט, וואָס האָט געעפנט דאָס פענצטערל און אריינגערוקט אַ בלעכענע קוואָרט מיט וואַסער, — און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קום צו זיך נאָך אַ היציקער קריינק, און איך האָב דערפילט, אַז די אַלע זאַכן זענען לחלוטין ניט שרעקלאַך, אַז איך ל ע ב, איך בין פול מיט כח, איך באַהערש אַלע מיינע פייאיקייטן, אַלע מיינע געדאַנקען, אַלע באַוועגונגען פון מיין גייסט. איך ל ע ב.

יענעם אָוונט האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז אימיצער האָט אַראָפּ־גענומען פון מיר אַ שאָלאַכץ: איך האָב בעסער געהערט, בעסער גע־זען, שאַרפער געפילט דעם טעם פונ׳ם ברויט; דער קילער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דורך אַ שפּאַלט אין אַ טאַפּליע, האָט געמאַכט וויברירן מיין הויט מיט אַן אויסערגעוויינטלאַכער פרישקייט. יעדע עמפּפינדונג איז געווען דייטלאַך, צונעשפּיצט, פול מיט אַ טערפּקע פאַרגעניגן. אַזוי וואָלט אפשר געפילט אַ מענטש, וואָס מ׳האָט פון אים אויסגעטאָן אַ הויט. יענעם אָוונט האָט זיך צו מיר אומגעקערט מיין נאַטירלאַכע פרייליאַכקייט: איך האָב זיך דערמאָנט עפּעס אַ נאַרישקייט פון פאַר׳ן אַרעסט און האָב זיך צולאַכט. דאָס איז געווען

אזוי אומגעוויינטלאך, אז דער וועכטער האָט פונ׳ם קאָרידאָר ארײנ־געשטופּט זיין קאָפּ דורכ׳ן פענסטערל און געפרעגט:

— טי טשאָווּאָ? (וואָס איז דאָס מיט דיר?).

די דאָזיקע ווערטער און דער פאַרוואונדערטער פּנים מיט צוויי ברייטע לאַנגע פּירעקעכדיקע וואָנצן האָבן זיך מיר אויסגעדאַכט אזוי לעכערלאך, אז איך האָב זיך נאָך שטאַרקער צולאַכט. ווען יענער האָט זיך א בייזער געטאָן, האָב איך צווישן געלעכטער אַרויסגערעדט:

— חבר, ביזט א קאָמוניסט, הא?

יענער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איך פרעג, און כדי צו ראַ־טעווען זיין ווירדע, האָט ער אַרויסגעברומט:

— וואַרט, די קאָמוניסטן וועלן דיר שוין ווייזן, ווער עלטער איז.

מאָדנע! אָט די פּשוט׳ע ווערטער פון א פּשוט׳ן רויטן פּאָלי־ציאַנט האָבן מיך כמעט אזוי דורכגענומען, ווי דעם אויספאָרשער׳ס מוסר. עפּעס ווי מ׳וואָלט מיר געבראַכט א גרוס פון מיין אייגענער משפּחה. די קאָמוניסטן וועלן דיר שוין ווייזן! די קאָמוניסטן וועלן ניט דערלאָזן! די קאָמוניסטן היטן — אָ, זיי ווייסן ווי צו היטן! מיר וועלן ראַטעווען די פּראָלעטאַרישע מלוכה!

לאָמיך זיך מודה זיין: צום ערשטן מאָל יענעם אָוונט האָב איך געטראַכט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן דער פּאַרטיי, וועגן אונזער אלעמענ׳ס זאַך. מאָדנע! איך האָב דאָך אפילו ניט געוואוסט, וואָס ס׳טוט זיך באַ׳ם פראָנט. איך ווייס ניט, ווי איז די גערעטעניש פון היינטיקס יאָר. איך ווייס ניט, צי פירן מיר נאָך מלחמה, צי ס׳איז שוין פרידן. איך ווייס ניט, צי ס׳וועט איינגיכן זיין א קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי. אפשר איז שוין גאר געווען א קאָנפערענץ? וואָס האָט זי אָנגענומען פאַר באַשלוסן? וואָס טוט זיך באַ מיר אין דער יאַטשייקע?

אזא הונגער נאָך אַרבעט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אז ס׳האָט זיך מיר געדאַכט: טאָמער טו איך עפּעס ניט, וועל איך קראַנק ווערן. פאַרגעסט ניט: איך בין געווען נערוועז, אויסגעמאַטערט, אויס־געצערט; איך בין כמעט ניט געווען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זיך: ס׳איז שוין געווען די עלפטע וואָך פון מיין זיצן.

אין אזא צושטאַנד איז מען געגליכן צו א קינד: דאָס אומ־יויכטיקע זעט אויס געוואַלטיק ערנסט, דאָס לעכערלאַכלאַכסטע ווערט

אַן זיין קאַמיזם. מען טוט זאַכן, וואָס מען שעמט זיך פאַר זיי אין שפּעטערע צייטן. מיר, יענעם אָוונט, האָט זיך פאַרגלוסט אַרויס־שלעפּן די דריי טשוועקעס פון דער וואַנט אונטער׳ן באַלקן און זיי אַרויסוואַרפן אין דרויסן. אין מיין צעהיצטן מח האָט זיך מיר פאַר־געשטעלט, אַז דערמיט וועל איך זיך באַפרייען פון אַלע מיינע פריער־דיקע שווערע געדאַנקען: איך וועל אָנהויבן אַ נייע תקופה.

ווען די טורמע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָב איך צוגעשטעלט דאָס טישל צו דער וואַנט, וואו די טשוועקעס האָבן געשטעקט. איך בין אַרויפגעקראָכן אַפ׳ן טישל. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איינס, צוויי, און איך צי אַרויס די טשוועקעס. ווען איך האָב אָבער אויפגע־הויבן די הענט און גענומען ציען, האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ, ס׳איז מיר געוואָרן גרין און געל אין די אויגן. איך בין קוים אַראָפּ־געקראָכן און זיך אַ וואַלגער געטאָן אַפ׳ן בעטל.

ניין, איך האָב ניט באַהערשט ניט מיין קערפּער, ניט מיינע געדאַנקען.

איך בין קראַנק געוואָרן נאָך יענעם אָוונט. די חברים האָבן מורא געהאַט פאַר מיין פאַרשטאַנד, האָט מען מיך שפּעטער אַביסל אַריבער־געפירט אין אַ גרויסער געמיינזאַמער קאַמער, וואו ס׳איז געווען עטלאַכע און צוואַנציק אַרעסטירטע. איך האָב זיך מיט אַמאָל געפונען צווישן אַ סך פאַרשיידענע מענטשן. און דאָ הויבט זיך ערשט אָן אפשר דער אינטערעסאַנטסטער פּעריאָד פון מיין לעבן אין טורמע.

אַף דעם לוביאַנסקע פּלאַץ האָבן זיך באַוויזן אַרבעטער מיט בעזימער. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב פונ׳ם קערן. די זון האָט שוין געשיינט — און דער שטויב האָט זיך גענילט אין דער לופטן. מיר האָבן פאַרלאָזט אונזער באַנק און אוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם גרויסן טעאַטער. לינקס, בא דער וואַנט פון קיטאַי־גאָראָד, אַרום דעם דענקמאָל פון איוואַן דעם פערטן, איז דאָ אַ קליין גערטנדל מיט עטלאַכע ביימער. דאָרט האָבן מיר זיך צוגעשפּאַרט צו די אייזערנע גראַטעס, און מיין חבר האָט פאָרטגעזעצט זיין דערציילונג:

— די אַרעסטאַנטן זענען געווען, ערשטנס — ספּעקולאַנטן; צווייטנס — פּאָליטישע פאַרברעכער: מענשעוויקעס, עס־ערן און אַלערליי אַנדערע אַזוינע טיפּן; דריטנס — אַ גרופּע פּויערים, וואָס

האָבן אָנגעפירט אַ בונט אין איינעם פון די דערפער און געוואַרט אַפ׳ן משפּט. ווען מ׳האָט מיך געבראַכט אין קאַמער און מיר אָנגעוויזן אַן אָרט אַף דער פּאָדלאָגע, וואו איך זאָל אוועקלייגן מיין שטרוי־זאַק, איז מיר די גאַנצע זאַך ניט געפעלן: דער טומל האָט מיך בארוישט; איך האָב כמעט ווי מורא געהאַט פאַר אַזוי פיל מענטשן. איך בין דעריבער געלעגן אַ לאַנגע צייט אַף מיין שטרוי־זאַק און גע־שוויגן, ווי אַ באַטויבטער. מענטשן זענען צוגעגאַנגען צו מיר און מיך עפּעס געפרעגט, אָבער איך האָב ניט געוואָלט און ניט געקענט ענטפערן. מיר איז אַלצדינג געווען גלייכגילטיק. דאָס ערשטע, וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן געוואָלט וויסן, איז — אין וואָס באַשולדיקט מען מיך? צי בין איך אַ מענשעוויק צי אַן עס־ער? (פאַר קיין ספּעקולאַנט האָט מען מיך ניט געהאַלטן: משמעות, ניט אַזאַ צורה). ווען איך האָב עפּעס אַרויסגעברומט און זיך איבערגעדעקט מיט׳ן מאַנטל איבער׳ן קאָפּ, האָט איינער פון די אַרעסטאַנטן, אַ מענטש מיט אַ קיילאַכדיקן קאָפּ און קיילאַכדיקע אַקסלען, אַרויסגעקוועטשט פון צווישן די ליפּן:

— קאָמוניסטישע הינקער! צו וואָס די מערזאַוועצעס האָבן דער־פירט אַן אומגליקלאַכן אַרעסטירטן!

איך געדיינק: די ווערטער האָבן מיר דערלאַנגט ווי מיט אַ בייטש אין פּנים. איך בין אַרויפגעשפּרונגען און וואַרפנדיק די הענט אין דער לופט אַריין, האָב איך אויסגעשריגן:

— שווייג, הונט!

אָבער מיין אויסגעשריי האָט נאָך מער דערוועקט דאָס פּראָטעסט־געפיל פון די אַרעסטאַנטן. דעם זין פון די ווערטער האָט קיינער ניט גענומען ערנסט. ס׳האָט זיך זיי געדאַכט: דאָ ליידט, נעבאַך, איינער פון זיי, וועמען די טורמע און די שווערע דאָפּראָסן האָבן געמאַכט געפערלאַך קראַנק. ווען איך האָב זיך אוועקגעלייגט אַפ׳ן שטרוי־זאַק און זיך ווידער איבערגעדעקט איבער׳ן קאָפּ מיט דעם מאַנטל, האָט די גאַנצע קאַמער זיך אוועקגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן דער נייער אָרדנונג, וועגן די מערדערישע קאָמוניסטן און וועגן די האָפנונגען אַף בעסערע צייטן.

איך בין געלעגן און געהערט: איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז מיר זעלטן אויסגעקומען צו האָבן אַ פּערזענלאַכע באַרירונג מיט די פיינט פון דער נייער אָרדנונג. איך האָב זיי געזען, אַזוי צו זאָגן, פון דרויסן, פון דער זייט: איך האָב געזען פאַבריקאַנטן און פאַבריק־דירעקטאָרן, ווען מיר האָבן קאָנפיסקירט זייער אייגנטום; הויזבאַזיצער, ווען מיר האָבן פאַרנומען זייערע הייזער; רייכע פּויערים, ווען מיר האָבן געפאָדערט זייער תבואה. איך האָב געזען מענטשן, וואָס זענען געקומען אין סאָוועט־אַנשטאַלטן אָדער פּאַרטיי־אַנשטאַלטן בעטן טובות אָדער פאָר־שלאָגן זייער דינסט. אין די אַלע פאַלן האָבן די שונאים באַהאַלטן זייערע געפילן, זיי האָבן זיך ניט זעלטן פאַרשטעלט פאַר געהאָרכזאַמע בירגער, אַמאָל אַפילו געפּרואווט חנפ'ענען די נייע הערשער. וואָס איז שייך די פּאָליטישע פאַרשווערער — די מענשעוויקעס און עס־ערן, — איז דאָך זייער אַרבעט געווען אַ פאַרבאַהאַלטענע, און נאָר די ספּעציעלע חברים פון די רעוואָלוציאָנערע אונטערזוכונג־קאָמיסיעס האָבן זיי געזען פּנים אל פּנים.

איצט האָב איך זיך געפונען צווישן אַ כאַליאַסטרע פאַרביטערטע שונאים, וואָס האָבן זיך געפילט אַזוי פריי, ווי עס פילט זיך נאָר אַן אַרעסטירטער בנוגע דער מאַכט, וועלכע האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. עס איז דאָ אַ כלל, אַז אַרעסטאַנטן היטן זיך ניט איינער פאַר'ן צווייטן. די שנאה פאַראייניקט אַלע. קיינעם איז ניט איינ־געפאַלן, אַז איך קען זיין אַ קאָמוניסט און אַן איבערגעגעבענער מענטש. פאַרוואָס וואָלט אַזאַ טיפּ געזעסן אין טורמע?

די ערשטע טעג האָב איך כמעט ניט גערעדט. איך בין געווען קראַנק, מיד. יעדער נערוו איז געווען ווי אַ פרישע וואונד. איך בין זעלטן אַראָפּגעקראָכן פון מיין שטרוי־זאַק. איך האָב אָבער גע־הערט און געזען אַלצדינג, וואָס ס'טוט זיך.

איין זאַך האָט זיך מיר פון אָנפאַנג אָן שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן: עס איז פאַרשוואונדן דער אונטערשייד צווישן אַן איג־טעליגענט און אַ געשעפטסמאַן, צווישן אַן אַזוי־גערופענעם סאָציאַליסט און אַ בורזשוא. געזעסן צווישן אונז אַ געוועזענער גימנאַזיע־לערער, טאַקע דער מיט די קיילאַכדיקע פלייצעס און קיילאַכדיקן קאָפּ, אַ מענטש, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן עס־ער, — האָט איר גע־דאַרפט זען, ווי ער האָט שעה'ן לאַנג פאַרבראַכט אין געשפּרעכן

מיט'ן געוועזענעם רעסטאָראַטאָר, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ פּעטן בויך און וואָס מ'האָט בײַ אים אין קעלער געפונען באַהאַלטן פּערציק פּוד צוקער און טיי. מיט וואָס פאַר אַ קרובה'שאַפט די מענטשן האָבן גערעדט איינער צום אַנדערן! מיט וואָס פאַר אַ סימפּאַטיע זיי האָבן זיך באַקלאָגט איינער פאַר'ן אַנדערן אויף זייערע צרות! ער, דער גימנאַזיע־לערער, האָט געהאַט אַזאַ שיין שטיבל אין אַזאַ שיינער גאַס: צוויי גאָרן, און אַ פּערטל דעסיאַטין גאָרטן און אַ פּאַליסאַדיק פאַר דער שטוב, און פלוימענבוימלאַך מיט די טייערע פלוימען, וואָס אַזוינע איז גאָר ניט צו געפינען, און עפּל, אמת'ע אַנטאָנאָוועקעס, געשמאַקע און האַרטע און ווייניקע, וואָס קנאַקן אונטער די ציין. — היינט די צימערן, מיט די קאַנאַרעקלאַך, מיט די קאָברעצלאַך, מיט די שקאַטולקעלאַך! היינט דאָס ביסל זילבער, מיט די שיינע איקאָנעס, מיט די פאָרטרעטן אויף די ווענט. זענען געקומען די מערזאַוועצעס און האָבן אים געהייסן אַריינקוועטשן זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע אין צוויי צימערן און די איבעריקע האָבן זיי באַזעצט מיט רויטע אַרמיי־צעס. שוידערלאַך! עק וועלט! ווי ווייט נאָך וועט מען דערגיין! דער רעסטאָראַטאָר פון זיין זייט האָט דערציילט די גרויסע נסים, וואָס פאַר אַ שיינעם רעסטאָראַן ער האָט געהאַט — מיט אַ שפּיל־מאַשין, מיט קעלנערס אין ווייסע פאַרטיכער, מיט די געשמאַקע וויינען און שנאַפּסן, מיט אַלערליי פישן צום פאַרבייסן, מיט צימערן אויבן — פאַר די געסט, וואָס ווילן פאַרברייננגען מיט זייערע דאַמען. איצט איז אין דעם הויז עפּעס אַ פאַרשאָלטענער קאָמיסאַריאַט מיט אַזאַ נאָמען, וואָס מען קען אים אפילו ניט אויסריידן.

און ביידע, דער נעכטיקער אינטעליגענט און דער נעכטיקער סוחר, לאָזן זיך אַוועק זידלען און באַשפּייען די נייע אָרדנונג. „גנבים", „ראַזבאָיניקעס", טויגעניכצן", „פּוילע הינט", „מערזאַוועצעס", „נידריקע שקלאַפן", „צעיושעטע באַמען", „לאַכודרעס", „ווען וועט אויף זיי קומען אַ מפּלה".

פון דער זייט פלעגט זיך צורוקן דאָס קליינע מענטשל מיט'ן פליך און אַרויסשיפּען שטיל, אָבער אַזוי, אַז ס'האָט זיך געהערט איבער'ן גאַנצן צימער:

— נישקשה, ס'וועט אויף זיי קומען אַ סוף — און גאַנץ גיך.

מיר זענען די שמועסן געווען ניי. קיינמאָל האָב איך אַזוינס נאָך ניט באַגעגנט. דאָ האָב איך געזען די אַלטע אָרדנונג — אַ צעברעקלטע, אָבער נאָך לעבעדיקע אין אירע אָפּגעזונדערטע שטיקלאָך. אַזוי לעבט אַ צעשניטענער וואָרים, וואָס זיינע טיילן רירן זיך יעדערער באַזונדער.

וואָס מער איך האָב געהערט, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן מיין האַס צו דער כאַליאַסטרע און אַלץ קרעפּטיקער האָט אין מיר גערעדט דער קאָמוניסט. די געזעלשאַפט האָט אויף מיר געווירקט ווי קאַלטע וואַסער אויף אַ נערוועזן קערפּער. פון מינוט צו מינוט האָב איך זיך געפילט נענטער צו מיינע חברים, צו דעם נייעם, וואָס זיי בויען אויף יענער זייט טורמע. וואָס ווייטער האָב איך אַלץ הייסער געשפּירט דעם אָפּגרונט פון עקל און פאַראַכטונג, וואָס טיילט מיך אָפּ פון אָט די מענטשן־שמאַטעס. עפּעס האָט זיך אין מיר אויסגעגלייכט, פאַרשטייפט: מיין קאָפּ איז געוואָרן קלאָרער; מיין האַרץ — רואי־קער. דאָס בלייענע היטל איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון מיין מאַרך: ווי צערונען. איך האָב אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיך. אָט די שונאים, וואָס איך האָב דאָ געזען אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט, זענען פאַר מיר געוואָרן אַן אויפגאַבע, אַ פּראָ־בלעם: איך, אַ קאָמוניסט, אַ טייל פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, האָב דאָ גערדאַפט עפּעס טאָן. איך האָב ניט געקענט בלייבן לײַדיק. טאָן האָט געהייסן — פאַרגעסן די אייגענע אומאַנגענעמע לאַגע. מיין זיצן אין טורמע איז געוואָרן ניט מער ווי אַן אינצידענט. איך בין געווען אין אַלגעמיינעם שטראָם פון קאָמוניסטישער אַרבעט!

איך האָב אייך נאָך ניט דערציילט וועגן די פּאָליטישע פאַר־רעטער: זיי זענען דאָס פאַר מיר דער עיקר. דאָס מענטשל מיט'ן פּליך, האָב איך געוואוסט, איז אַרעסטירט געוואָרן צופעליק. ער האָט דאָס אַליין אַ סך מאָל איבערגע'חזר'ט. ס'איז קענן אים כמעט ניט געווען קיין באַווייזן. פּשוט, מ'האָט אים געטראָפן אויף די טרעפּ פון אַ הויז, וואו מ'איז געקומען אַרעסטירן אַנדערע. ער איז געווען זיכער, אַז מ'וועט אים באַלד באַפרייען. אָבער פון זיין האַלטונג אין טורמע איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז ער איז ניט קיין צופעליקער מענטש. עפּעס האָט זיך אין אים געפילט אַ וויכטיקער טוער. עטלאַכע עס־ערן און אַ פּאָר מענשעוויקעס האָבן אים, ווייזט אויס, גוט געקענט.

מען פלעגט זיך מיט אים גאַנצע אָוונטן שושקען אין אַ ווינקל. מען פלעגט צו אים אָפט קומען נאָך אַן עצה. געווען אַזוינע זיבן־אַכט מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים פאַרהאַלטן ווי צו אַן עלצטן. איך האָב איינמאָל אַפילו איבערגעכאַפּט אַ נאָמען, וואָס איינער האָט אים גערופן: חבר סאָלאָוויי.

איך האָב אויפגעלעבט. איך האָב אָנגעהויבן ריידן מיט די אַרעס־טאַנטן. איך האָב זיי דערציילט, אַז איך בין אַן אָרימער אומפּאַרטיי־אישער זשורנאַליסט, וואָס מ'האַלט מיך שוין דריי חדשים פאַר גאָר־נישט. איך האָב זיך געקלאָגט אויף דער טורמע, געזידלט די פּראָנד־קעס. מ'האָט ניט געצווייפלט אין מיינע ווערטער. איך בין געוואָרן אַ טייל פון דער כאַליאַסטרע.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך געפילט, ווי איך ווער לעבע־דיקער, העכער, האַרטער פון טאָג צו טאָג. אַזוי פילט זיך מסתמא אַ מענטש, וואָס דאַרף איבערגיין איבער דינע אייז. יעדער אבער אין מיר האָט געלעבט. יעדער חוש איז געווען וואַך. איך קעמף אָפּ'ן פּראָנט. איך וועל טאָן מיין פליכט.

ס'איז מיר ניט געווען שווער אויסצוגעפינען, אַז צופעליק זיצן דאָ אַ פּאָר אָנגעזעענע פירער. די עטלאַכע פּאָליטישע האָבן געקוקט אויף זייער זיצן ווי אויף אַ קורצן איבערשלאָג. אַפילו זיצנדיק אין טורמע האָבן זיי ניט אויפגעהערט זייער אַרבעט. צו איינעם פלעגט מען שיקן עסן פון דער פריי — אין דער גרויפּענער קאַשע זענען גע־ווען ברוינע קייקעלאַך — צונויפגעדרייטע שטיקלאַך פּאַפּיר מיט שיפ־רירטע צייכנס. פון די צייכנס פלעגט „חבר סאָלאָוויי" געוואָר ווערן, וואָס ס'טוט זיך אין זיין פּאַרטיי. ס'איז געווען די צייט, ווען עס־ערן האָבן נאָכאַנאַנד געפּלאַנעוועט רעוואָלטן און אַטענטאַטן. מ'האָט אויפגעריסן אַמוניציע־סקלאַדן, מ'האָט געצונדן געביידעס.

איך האָב מער ניט געקענט שווייגן. איך האָב דערלאַנגט דורכ'ן וועכטער אַ צעטעלע אין טשע־קאַ, וואו איך האָב געבעטן, מען זאָל מיך אַרויסרופן ניט צוליב מיר, נאָר צוליב אַ וויכטיקן ענין. נאָך דעם זעלביקן טאָג האָב איך גערעדט צום אַלטן אויספאָרשער מיט די גראָע האָר:

— איר מעגט מיר ניט גלויבן. איך בין אַרעסטירט — און מסתמא טראַכט איר, אַז איך בין אַ פאַרברעכער. לאָמיר וועגן דעם

ניט ריידן. ס'איז אָבער דאָ זאַכן וויכטיקערע, ווי איך און איר. איך זיץ אין איין קאַמער מיט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב געפונען די פעדימער, וואָס פירן צו אַ פאַרשווערונג.

דער אַלטער האָט געקוקט אױף מיר מיט זיינע קלאָרע שאַרפע אויגן און האָט אַרויסגערעדט:

— דערציילט.

איך האָב אים איבערגעגעבן דאָס, וואָס איך האָב געוואוסט. איך האָב גערעדט רואיק און זאַכלאַך, ווי מען גיט אָפּ אַ פּאַרטיי־באַריכט. ווען איך האָב דערמאָנט דעם נאָמען „סאָלאָוויי״, האָב איך געזען, ווי אַ פייערל האָט אַ ברען געטאָן אין די אויגן פונ'ם אַלטן חבר.

יענע נאַכט בין איך דאָס ערשטע מאָל געשלאָפן רואיק, ווי אַ געזונטער מענטש. איך האָב געטאָן מיין פליכט.

דער דערציילער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אױף זיין פּנים איז געלעגן אַ מידקייט. ער איז געווען בלאַס. די שטאָט אַרום און אַרום האָט שוין אָנגעהויבן לעבן. דער הימל איז געווען בלאָ. צו די טויערן פון קיטאַי־גאָראָד האָבן זיך געצויגן די ערשטע פוסגייער.

איך האָב געבעטן דעם חבר פאָרטזעצן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זיין קונדס'עוואַטן שמייכל, אין וועלכן ס'איז געווען אַביסל איראָניע צו זיך אַליין, און האָט געזאָגט:

— אָט אַזוי איז געשען די מערקווירדיקע זאַך, אַז אַן אַרעסטאַנט, אַליין באַשולדיקט אין פאַרראַט, האָט אַנטדעקט דעם פירער פון אַ גאַנץ־פאַרצווייגטער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט געקענט אָנטאָן דער רעפּובליק אומגעהייערן שאָדן. דורך דעם, וואָס איך האָב דערציילט דער טשעקאַ, איז מעגלאַך געווען צו מאַכן אַ גאַנצע ריי אַרעסטן. מ'האָט אויסגעפונען די פאַרשווערונג. מ'האָט אין וואָרצל דערשטיקט די געפּלאַנעוועטע אַקטן. ס'איז געווען אַ טריבונאַל — און דריי פון די פירער האָט מען דערשאָסן נאָך בשעת איך בין געזעסן אין טורמע.

— און ווי האָט איר זיך געפילט, וויסנדיק, אַז צוליב אייך האָבן מענטשן פאַרלוירן זייער לעבן?

איך האָב אַרויסגערעדט די פראַגע און זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי איז ניט טאַקטיש.

דער חבר האָט מיך איבערגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און אַרויסגעזאָגט מיט אַן אומגעווײנלאַכער שאַרפקייט:

— אפנים בא אייך אין אַמעריקע וועט מען זיך נאָך דאַרפן לערנען, וואָס הייסט אַ קאָמוניסט. אמת, קאָמוניסטן ווערט מען נאָר אין ריכטיקן קאַמף.

אָבער ס׳האָט אים, ווייזט אויס, באַנג געטאָן, וואָס ער האָט מיר אַזוי שאַרף אָפּגעשניטן, וואָרום ער האָט נאָכדעם געזאָגט אַ סך ווייכער:

— גלויבט מיר, איך האָב ניט געטראַכט וועגן דעם, וואָס דריי אָדער צען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן וועלן אָנווערן זייער לעבן. ניט דאָס איז געווען דער ענין. פּונקט אַזוי האָב איך ניט געטראַכט, אַז איך בין דאָ אַ שטיק העלד. דאָס איז אַלץ קלײנבירגערלאַכע סענטי־מענטן. מיר האָבן געדאַרפט פּאַרטיידיקן אַ זאַך, מיר האָבן געדאַרפט באַקעמפן אַ שונא. — מיר אַלע, וואו מיר זאָלן זיך ניט געפינען. דאָס איז געווען דער עיקר.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און געלאָזט גיין צום צווייטן הויז פון די סאָוועטן. דער חבר האָט דערציילט:

— פון דעמאָלט אָן איז מיר אַוועק גרינגער. ווען מ׳האָט אַרויס־געפירט פון דער קאַמער די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, האָב איך זיך גענומען צו די פּויערים. איך האָב געזען, אַז זיי זענען גוטער מאַטעריאַל. אמת, רויע מענטשן, אומבאַוואוסט, ביטער געשטימט, אָבער מען קען מיט זיי עפּעס מאַכן. איך האָב זיך געווענדעט צום קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי מיט אַ בקשה, מען זאָל מיר דערלויבן אָרגאַניזירן אין טורמע אַ קרייז פון פּויערים פאַר פּאָליטישער אויפקלערונג. איך האָב די דערלויבעניש באַקומען. אין עטלאַכע טעג אַרום זענען די זיבן פּויערימלאַך, מערסטנס יונגע שקצים, געזעסן און געהערט מײנע לעקציעס און ס׳איז זיי אַלעמאָל ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. העי, וואָס פאַר אַ פרייד דאָס איז געווען — זען, ווי מײנע הערער הויבן אָן אַלץ בעסער פאַרשטיין די אָרדנונג, אַלץ קלאָרער איינזען די נאַרישקייט פון זייער פריערדיקער האַלטונג, אַלץ אינטעליגענטערע פראַגן מיך פרעגן. איך זאָג אייך: אין לעקציעס און דיסקוסיעס האָבן מיר ניט באַמערקט, ווי ס׳פאַרגייען טעג און וואָכן. ווען מ׳האָט

ארויסגעלאָזט מײַנע מוזשיקעס, האָבן זײ זיך אַלע אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. װי געפעלט אײַך אַזאַ עסק?

ווידער האָט דער חבר אויסגעשטרעקט די האַנט מיט דער דלאָניע אַרויף, װי אײנער װאָס װײַזט אַ העכסט טשיקאַװע זאַך. די שטיר־פּערישקייט און קינדישקייט האָט ווידער געלויכטן אַף זײַן פּנים און געגליטשט זיך איבער יעדער באַוועגונג.

— און וואָס איז געוואָרן מיט אײַער זיצן? — האָב איך גע־פרעגט.

— אָ, דאָס האָט נאָך אַביסל געדויערט, ביז ס'איז געקומען פון אויסלאַנד אַ חבר, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט אין אַ געהיימער דיפּלאָ־מאַטישער מיסיע. דער חבר האָט געקענט אויפקלערן דעם טעות — און ער האָט דאָס געטאָן. ס'איז שוין געווען דער פרילינג פון'ם אַנדערן יאָר, ווען מ'איז געקומען און מ'האָט מיר געהייסן גיין פון דער קאַמער. איך בין געווען פרײַ.

— האָט מען זיך פאַר אײַך אַנטשולדיקט?

— אין וואָס זאָל מען זיך אַנטשולדיקן? מ'האָט דען געמיינט מײַן פּערזענלאַכע רעה? וואָלט איך דען ניט געטאָן דאָס אייגענע אין אַזאַ לאַגע? ס'האָט זיך געטראָפן — ס'מאַכט זיך — ווער איז שולדיק? אײן זאַך האָב איך געטאָן: ווען איך האָב זיך באַ־פרייט, בין איך אַוועק אין פּאַרטײ־קאָמיטעט און געבעטן, מען זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכן מײַן פאַל. מ'האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט זיך באַקאַנט מיט'ן באַשולדיקונג־מאַטעריאַל. — איך האָב געגעבן די נויטיקע דערקלערונג, — און די פּאַרטײ האָט געמעלדעט, אַז איך בין ריין. דאָס איז אַלעס. דערמיט איז געענדיקט די געשיכטע. איצט זאָגט: ווי געפעלט אײַך אָט די מעשה פון טויזנט און איין נאַכט?

פייערלאַך פון הומאָר האָבן געטאַנצט אַפ'ן חבר'ס פּנים מיט דעם רויטלאַכן בערדל. פייערלאַך האָבן געשפּרונגען איבער זײַנע ניט וואַרטנדיק אַף מײַן ענטפער, האָט ער געזאָגט:

— נו, זײַט מיר געזונט!

און מיט לײַכטע טריט איז ער אַוועק צום קרעמל־צו.

ס'האָט זיך קוים געגלויבט, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ לײַכטן זאָרג־לאָזן טריט זאָל האָבן דורכגעגאַנגען דורך אַזוינע עפּאָכן פון זײַן לעבן.

חבר דאַוויד.

חבר דאַוויד איז אַמאָל געווען אַ שוסטער־אינגל בײַ גדליה שוסטער. חבר דאַוויד איז דעמאָלט אַלט געווען עלף יאָר און האָט געהייסן דאָדל. גדליה שוסטער האָט געהאַט אַ ברייטן פּנים מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז מיט אַ ברייטער רויטער באָרד, ווי אַ לאָפּאַטע, און געוועדט האָט ער האַלבע ווערטער. אַף זײַנע דרײַ שוסטער־יונגען מיט׳ן קליינעם צוציק דאָדל פּלעגט ער האַלטן אין איין שרײַען:

— אַ ר ע ט! כאַ ניט קיין פליגן אין דע לופטן. אַ ר ע ט!

„אַ ר ע ט" איז בײַ אים אויסגעקומען אַנשטאָט „אַרבעט".

דאָדל צוציק האָט געצויגן דראַטווע׳ס; די דאַרע פינגערלאַך און דאָס וואַטאָוועס לײַבל און אַפילו דאָס שפּיציקע נעזל זענען בײַ אים געווען אויסגעשמירט אין סמאָלע. מיט די הענט האָט ער געקרעמפּעט־וועט די דראַטווע, און מיט׳ן לינקן אויגל פּלעגט ער קוקן פון אַ זײַט אַף גדליה שוסטער און זיך טראַכטן:

— רויטער פּאָנפּאַטש, אַ רוח אין דײַן טאַטן!

דאָדל צוציק איז געווען אַ כוואַט. די אַרבעט האָט געברענט אונטער זײַנע פינגער. נאָר אַזוי ווי דאָס לינקע אויג האָט בײַ אים כסדר געפינטלט קיין צפון זײַט און אַף׳ן אויסגעשמירטן פּנים איז געווען אָנגעשריבן: „כ׳האָב דיך אין דר׳ערד, רויטער פּאָנפּאַטש",— דעריבער האָט אים גדליה שוסטער „געמאָטעט די קישקעס". גדליה שוסטער האָט געוואוסט, ווי אַזוי צו דערגיין אַ חברה־מאַן די יאָרן. אָבער דאָדל איז אויך געווען אַ ממזר. אַז גדליה פּלעגט נעמען זעגן די נשמה מיט האַלבע ווערטער, פּלעגט דער צוציק אַ פינטל טאָן מיט׳ן אויגל און אַ דרײַ טאָן מיט אַ ליפּ צו די דרײַ שוסטער־יונגען, פּלעגן זיי פּלאַצן פון געלעכטער. פּלעגט דער רויטער נאָך מער אַרויס פון די כלים. האָט ער זיך איינמאָל געכאַפּט פאַר׳ן פּאַסעק, ווען דאָדל איז גראָד געקראָכן אַף דער פּאָליצע נאָך אַ קאָפּיט. האָט דער צוציק זיך אַזוי אַ דרײַ געטאָן, אַז אַ האָגל פון קאָפּיטעס איז

אראָפּגעפאַלן אױף גדליה׳ס צעקנייטשטן קאַשקעט און האָט אים נאָך מער צעקנייטשט.

האָט שוין דאָדל געמוזט אַנטלױפן פון דעם װאַרשטאַט און פאַר־געסן קומען צוריק.

איז אָבער די מאַמע געװען אַ מאַמע. האָט זי געהאַט אױגן, װאָס האָבן געװײנט אָן טרערן. האָבן אָט די אױגן געפּײניקט דאָדל׳ס הערצל. האָט ער ניט געקענט אַרומגײן שלינג און שלאַנג. מ׳האָט געמוזט זוכן אַ תכלית. איז ער אַװעק אין רב יאַנקל צוקערבערג׳ס פּאַפּיר־פאַבריק אַרבעטן.

רב יאַנקל צוקערבערג׳ן האָט ער געקענט פון דער שטוב, װאו ער, דאָדל, האָט געװאױנט מיט דער מאַמען און מיט די פיר איבעריקע שװעסטער און ברידער. די שטוב איז ניט געװען קײן שטוב, נאָר אַ קעלער אונטער אײנעם פון רב יאַנקל׳ס סקלאַדן. אין די סקלאַדן האָט רב יאַנקל געהאַלטן שמאַטעס אױף צו מאַכן פּאַפּיר; די קעלערס האָט ער פאַרדונגען אָרעמע לײט. די קינדער פון די אָרעמע לײט פלעגן מורא האָבן פאַר׳ן נגיד רב יאַנקל. װען ער פלעגט זיך אַמאָל באַװײזן לעבן קאַנטאָר פון די סקלאַדן, — אַ איד אַ נידעריקער, אַ שװערער, מיט אַ גרױסער צעקאָמטער שװאַרצער באָרד איבער אַ הױכן אָנגעגאָסענעם בױך, אָנגעטאָן אין אַ שװערער שװאַרצער אַט־לעסענער קאַפּאָטע מיט צװײ שורות גרױסע קנעפּ, — פלעגן זיך די קינדער באַהאַלטן הינטער די סקלאַדן. רב יאַנקל איז געגאַנגען, הױבנדיק זײנע גראָבע קורצע פיס און טרעטנדיק האַרט אױף דעם ברוק, װי ער װאָלט געװאָלט עפּעס אַרײנקװעטשן אין דער ערד, — און אַ צענדליק שװאַרצע און ברױנע און בלאָע אױגעלאַך פלעגן פון דער זײט נאָכקוקן נאָך זײנע טריט מיט אַ פײערדיקן נײגיר. פון מױל צו מױל איז געגאַנגען דאָס װאָרט:

— די פוזע פאָרט שױן.

רב יאַנקל׳ס גײן האָט טאַקע אַ פּנים געהאַט, װי אַ מאַשין רוקט זיך אױף רעדלאַך.

אָט צו דעם יאַנקל צוקערבערג איז דאָדל אָנגעקומען אַרבעטן אין דער פּאַפּערניע. אַ יאָר האָט ער געסאָרטעװעט די שמאַטעס. אין די סקלאַדן זענען געלעגן בערג מיט שמאַטעס, װאָס די „שמאַטעניקעס“ פלעגן צוזאַמענפירן פון אַלע קאַנטן. די סחורה האָט מען געדאַרפט

פאַנאַנדערקלייבן: וואָל באַזונדער, באַוועל באַזונדער, זייד באַזונדער. די שמאַטעס האָבן געשטונקען. אין די סקלאַדן איז געווען אַ ריח פון אַ נוזשניק. בײַ דאַדלען איז די נאָז געווען כסדר פאַרלייגט און די הענט האָבן געשמעקט מיט זויערס. באַקומען האָט ער אַלע וואָך זעקס גילדן.

פון די סקלאַדן איז דאַדל איבערגעגאַנגען אין פאַבריק אַריין, פריער אין דער אָפּטיילונג, וואו מ'האָט געוואַשן די שמאַטעס, נאָכדעם אַהין, וואו מען האָט זיי געקאָכט; שפּעטער — אין דער קאָך־אָפּטיילונג, וואו מ'האָט זיי פאַרוואַנדלט אין וויסער קאַשע; ווען דאַדל איז אַלט געווען פערצן יאָר, האָט ער שוין געקענט אַכטונג געבן אױף דער מאַשין, וואָס האָט געוויקלט דאָס פאַרטיקע פּאַפּיר אױף לאַנגע וואַלן. ווען אַ וואַל איז געווען פול, האָט מען געדאַרפט איבערשניידן דאָס אָנגעוויקלטע פּאַפּיר און עס אוועקשיקן אין דער פּאַקערײַ. דאַדל איז געווען אַ פלינקער טוער. די מײַסטערס זענען מיט אים געווען צופרידן. אָבער דאַדל איז ניט געווען צופרידן מיט די מײַסטערס. דער עיקר איז ער ניט געווען צופרידן מיט רב יאַנקל'ען. רב יאַנקל האָט געהאַט אַ טבע אַרומגיין איבער דער פאַבריק, אַלעמאָל אין אַן אַנדער ווינקל. רב יאַנקל האָט געגלויבט, אַז ער איז אַ מומחה אין אינזשעניער־קונסט. פלעגט ער זיך אָפּשטעלן לעבן די אַרבעטער און זיך מישן אין דער אַרבעט. רב יאַנקל האָט דער עיקר ניט געקענט פאַרטראָגן, ווען אַן אַרבעטער כאַפּט איבער דעם אָטעם. „נעמסטו געלט, דאַרפסטו זיך רירן", איז געווען זײַן שטענדיקע טענה. רב יאַנקל האָט געוואָלט זען, אַז בײַ די אַרבעטער זאָלן הענט און פיס זיך באַוועגן אָן אַן אויפהער. דאַדל האָט ניט געקענט פאַרטראָגן רב יאַנקלען מיט זײַן געדיכטער פעציקער שפּראַך, וואָס ס'פלעגט פון איר קאַלט ווערן אונטער'ן לעפעלע. דאַדל האָט ניט געקענט אָטעמען, ווען די „פּוזע" האָט זיך געפונען אין זײַנע פיר אײלן. ווען ער האָט נאָך געסאָרטעוועט די שמאַטעס, איז רב יאַנקל איינמאָל „אַרײַנגעפאָרן" אין סקלאַד און זיך געשטעלט קוקן אױף דער אַרבעט. דאַדל האָט אומיסטנע געגומען אַרבעטן פאַוואָליע. רב יאַנקל האָט אים אַ שטיק צײַט געלעכערט מיט זײַנע שוואַרצע אויגן אונטער שווערע געדיכטע ברעמען, דערנאָך האָט זיך פון אים אַ צי געטאָן דער פּעך:

— מען דאַרף זיך רירן. אז מען נעמט באַצאָלט, דאַרף מען ניט זיין געפּגר'ט.

דאָדל האָט בא זיך אין האַרצן געענטפערט מיט א הייסער כונה:

— מעגסט אַליין פּגר'ן, קעלביקע פּוזע!

דאָדל האָט ניט געקענט פאַרגעסן, אז דער באַלעבאָס האָט אים אפילו ניט געזאָגט „דו", נאָר גערעדט אף סתם לשון „מע", אַקוראַט ווי ער רעדט צו דער וואַנט, ניט צו דאָדלען. ס'שטייט אים ניט אָן, דעם גראָבן טרעלבוך.

דאָס אַנדערע מאָל, ווען רב יאַנקל צוקערבערג איז געקומען אין סקלאַד, האָט אים דאָדל צוגעשפּילעט פון הינטן צו דער שוואַרצער קאַפּאָטע א געלע שמאַטקע. דער באַלעבאָס האָט געטראָגן די שמאַטקע פון סקלאַד אין פאַבריק און פון פאַבריק אַהיים. מענטשן האָבן זי געזען און געשאָסן א געלעכטער אין די פויסטן, אָבער זאָגן רב יאַנקלען האָט מען מורא געהאַט, און ערשט ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט די יאַנקעליכע פון אים אָפּגעטשעפּעט דאָס פענדל.

פון דעמאָלט אָן האָט די פאַבריק געזונגען א לידל, וואָס איינער א ווייסער-חברה'ניק האָט אויסגעטראַכט. דאָס לידל האָט זיך אָנגעהויבן:

„יאַנקל פּוזע באַלעבאָס

טראָגט א שמאַטע אָפּ'ן דאָס"

רב יאַנקל איז געוואָר געוואָרן פונ'ם לידל, און ס'האָט אים גוט געקאָרטעט, נאָר ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער ווייסט ניט.

ווען דאָדל איז אַלט געווען פערצן יאָר, האָט ער צום ערשטן מאָל געזען פון אינווייניק רב יאַנקל'ס פּאַלאַץ. אַזוי האָט מען גערופן דאָס הויז פונ'ם נגיד. די יאַנקעליכע האָט אונטער א יום-טוב געלאָזט רופן דאָדל'ס מאַמע — העלפן שמירן און וואַשן. די מאַמע האָט געאַרבעט שפּעט אין אָוונט. דאָדל איז זי געקומען אָפּפירן אַהיים, וואָרים זי האָט שלעכט געזען אין דער פינסטער. אין פּאַלאַץ האָט די מאַמע געוואַשן די טירן פון רב יאַנקל'ס קאַבינעט. דאָדל איז אַריינגעקומען און פאַרשטיינערט געוואָרן לעבן שראַנק מיט ביכער. דאָדל האָט שוין דעמאָלט שטילערהייט געלייענט ביכלאַך, וואָס דער גוטהערציקער בוכהאַלטער האָט אים געליען. דער בוכהאַלטער האָט אויסגעשריבן א פּאָפּולערן וועכנטלאַכן זשורנאַל מיט אַן אוצר ביי-

לאַגען און בילדער. דאָדל האָט שוין לאַנג געקענט לייענען רוסיש און האָט געשלונגען די וואונדער פון די ביכער. ער האָט געהערט, אַז ערגעץ איז דאָ ביבליאָטעקן, אָבער אין זייער שטאָט איז ניט געווען קיין זאַמלונג פון ביכער. דאָדל האָט קיינמאָל ניט געזען מער ווי דריי־פיר ביכער צוזאַמען. איצט האָט ער דערזען אַ גרויסע שאַפע מיט זעקס פּאָליצעס — אָנגעשטעלט מיט אַלערליי בענד. לעבן שרייב־טיש איז געשטאַנען אַן עטאַזשערקע — אויך אָנגעפּאַקט מיט ביכער. רב יאַנקל צוקערבערג איז געווען אַ קנאַפּער לעזער, אָבער די קינדער האָבן געלייענט אַף רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש. דאָדל האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער שאַפע מיט ביכער. באַ דאָדלען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, און אין האַלז איז אים געווען טרוקן. די לאַנגע הענט — צו לאַנג פאַר זיין אינגעלשן קערפּער — האָבן געגלעט די רוקנס פון די ביכער. זיינע אויגן — טונקל, רירעוודיק, דאָס לינקע אויג מיט אַ קונדס'עוואַטע פּינטל אָן אַ זייט — האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די אומגעוויינטלאַכע נעמען. דאָס דאַרע פּנים מיט דער הויכער נאָז איז געוואָרן אָנגעשטריינגט, ווי פון ווייטאָק. דאָדל האָט ניט באַמערקט, ווי ער האָט ארויסגעשלעפּט אַ באַנד און אים גענומען בלעטערן מיט די לאַנגע אויסגעשמירטע פינגער. פון די פינגער זענען געבליבן צייכנס, אָבער ער האָט זיך וועגן זיי ניט געקימערט. דעם באַנד האָט ער אוועקגעלייגט אַפ'ן טיש און גענומען אַ צווייטן, אַ דריטן. דאָדל האָט געבלעטערט, געקוקט אַף די בילדער, זיך געוואונדערט איבער די אותיות פון פרעמדע שפּראַכן. דאָדל איז ווי שכור געוואָרן פון די ביכער. זיינע הענט האָבן זיך געגראָבן אין די בענד — אויבן און אונטן. דאָדל האָט געוואָלט זען אַלע ביכער. דאָדל האָט געברענט ווי אין פיבער. דאָדל איז געווען ווי ניט אין זיך. דאָדל האָט געלייגט אַפ'ן טיש גאַנצע בערג מיט ביכער.

רב יאַנקל'ס שטים האָט אים דערגרייכט ווי פון דער ווייטנס:

— וואָס איז דאָס, וואָס?

דאָדל האָט נאָך פון אָנהויב ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים טוט זיך. רב יאַנקל'ס שווערע האַנט האָט זיך ארויפגעלייגט אַף זיין דינעם אַקסל. רב יאַנקל האָט אים אויסגעדרייט מיט'ן פּנים צו זיך. רב יאַנקל האָט דערזען אַ בלייכן צעטראָגענעם יונג מיט אַ הויכער נאָז, אָבער אָן אַן אויסדרוק פון שרעק אַפ'ן פּנים. רב יאַנקל איז

געוואָרן אין כעס. די מאַמע, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט די טירן און ניט געזען דאָדל׳ס עובדה, איז איצט צוגעלאָפן און געשטאַנען, ווי אַ בילד פון שרעק. די מאַמע האָט אויסגעשריגן:

— גאָט איז מיט דיר, דאָדל!

רב יאַנקל האָט געפרעגט:

— ס׳איז דיין תכשיט?

די מאַמע האָט ניט געקענט ענטפערן, ווייל די צונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען.

רב יאַנקל האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און דערלאַנגט דאָדלען אַ שווערן פּאַטש איבער׳ן פּנים.

די מאַמע האָט אָנגעכאַפּט דאָדלען און אים אַרויסגעפירט פון דעם פּאַלאַץ.

דאָדל האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. די מאַמע האָט פאַרשטאַנען זיין האַרץ און געשוויגן.

אין אַ חודש אַרום, ווען רב יאַנקל איז אין אָוונט געגאַנגען אַהיים פון דער פאַבריק מיט אַ משרת, וואָס האָט געטראָגן אַ לאַמטערן, האָט איין שטיין געטראָפן דעם לאַמטערן און אים פאַרלאָשן, און אַן אַנדער שטיין האָט געטראָפן רב יאַנקלען אין האַלז און נאַקן. רב יאַנקל האָט געקוויטשעט, ווי אַ חזיר, ווען מען בינדט אים. רב יאַנקלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אים איז באַפאַלן אַ גאַנצע באַנדע. דאָדל איז זיך פּאַוואָליע געגאַנגען צו די סקלאַדן, צו דער קעלער־שטוב, טראַכטנדיק:

— וועסט וויסן, פּעטע פּוזע, ווי אַזוי צו זאָגן אַן עלטערער אידענע „דו“.

יאַנקל צוקערבערג איז אָפּגעלעגן קראַנק אַ וואָך צייט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער אָפּגעזאָגט זיבן אַרבעטער, וואָס ער האָט געטראַכט, אַז זיי האָבן אָף אים אַ האַרץ. דאָדל איז ניט געווען צווישן זיי: רב יאַנקל צוקערבערג האָט פאַרגעסן דעם יאַט: ער האָט אים ניט גערעכנט פאַר קיין מענטשן.

אין דריי יאָר אַרום האָט דאָדל אָנגעפירט דעם ערשטן סטרייק אין יאַנקל צוקערבערג׳ס פאַבריק. דאָדל איז שוין דעמאָלט געווען ח ב ר ד אָ ו ו י ד און געהאַנדלט לויט דעם באַשלוס פון דער אָרטיקער בונדישער גרופּע. איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט און באַפריינדעט

אין דער אָרגאַניזאַציע, און ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זיין קינדהייט. ער איז שוין געווען אַ הויכער בחור מיט אַ שאַרפן פנים, מיט אַ הויכער שאַרפער נאָז, מיט טונקעלע קלוגע און פאַר־זיכטיקע אויגן. ווען ער האָט גערעדט וועגן די קאַפּיטאַליסטן, האָט ער געוואונקען מיט'ן לינקן אויג, האָט מען זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן. אין דעם סטרייק האָט ער זיך אַרויסגערוקט דורך זיין היציקן טעמפּעראַמענט, זיין מוט און זיין פאַראַכטונג צום שונא. מענטשן, וואָס זענען מיט אים געגאַנגען אין דער דעלעגאַציע צו־צושטעלן רב יאַנקלען די פאָדערונגען פון די סטרייקערס, האָבן נאָכדעם געזאָגט, אַז מ'האָט אַזאַ קאָמעדיע ניט געזען. רב יאַנקל האָט זיך געהיצט, און דאָדל איז דוקא געווען רואיק. רב יאַנקל האָט געהויבן דעם בויך און געסאָפּעט, און דאָדל, מיט איין האַנט אין קעשענע און מיט דער אַנדערער אָנגעשפּאַרט אָן שרייב־טיש, האָט געזאָגט:

— קאָכט זיך ניט, רב יאַנקל, איר זענט דאָך ניט קיין שמאַטעס.

רב יאַנקל האָט זיך געוואָרפן מיט צונויפגעפּרעסטע קולאַקעס, און דאָדל האָט געזאָגט:

— שלאָגט זיך ניט, רב יאַנקל, דערפאַר באַקומט מען אין האַלז און נאַקן.

ס'איז געווען אַ קאָמעדיע.

די אַרבעטער האָבן געוואונען דעם סטרייק, ווייל דעם באַלעבאָס האָט זיך בעסער געלוינט העכערן שכירות, איידער האַלטן פאַרמאַכט די פאַבריק.

דאָדלען האָט מען אַוועקגעשיקט קיין סיביר אויף זעקס יאָר, ווייל אַזוי האָט געוואָלט רב יאַנקל. דער גביר האָט זיך געקענט מיט נאַטשאַלסטוואָ און האָט גע'פּועל'ט מען זאָל פאַרשיקן „דעם געפער־לאַכן אַגיטאַטאָר“.

אין 1917 האָט זיך דאָוויד אומגעקערט פון ססילקע. דעם זומער האָט ער געאַרבעט אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געווען קאָמיסאַר אין זיין געבורט־שטאָט און האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט עקספּראָפּריאירט יאַנקל צוקערבערג'ס פאַפּערניע.

אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט אַנטוויקלט אין זיך אַ געוויסע ווירדיקע האַלטונג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פירער. אינוויינ

אין אים האט אבער געטומלט א קונדס, אז אומרואיקער כוואט —
און דאס האט אים ליב געמאכט בא די חברים. ס׳האט זיך געפילט,
אז דער יונג וועט זיך ניט אפשטעלן פאר גאר ניט. די פאקטן, ווי
אזוי ער האט אנגעפירט די עקספראפריאציע פון די ארטיקע פאבריקן,
איז אנגעשריבן אין דער געשיכטע פון יענער געגנט. עס שטייט אבער
ניט פארשריבן, אז נאכדעם ווי מ׳האט געהייסן יאנקל צוקערבערג׳ן
מיט דער פאמיליע זיך ארויסקלייבן אין דעם הינטער־שטיבל אין
הויף, און דעם „פאלאץ" האט מען צוגענומען פאר דעם אואיספאלקאם
(אויעזדני איספאלניטעלני קאמיטעט — עקזעקוטיוו קאמיטעט פון
דעם קרייז־סאוועט), איז חבר דאוויד, אנגעטאן אין א מיליטערישן
גרא־גרינעם קאסטיום מיט הויכע שטיוול אף די פיס, נאך לאנג
געזעסן אינ׳ם געוועזענעם צוקערבערג׳ס קאבינעט, ארויסגענומען די
ביכער פון די שאפעס און זיי באטראכט איינעם נאך איינעם. אפ׳ן
שרייב־טיש האט ער אנגעלייגט א בארג מיט ביכער. עס שטייט אויך
ניט פארשריבן, אז דער שטרייגער, אבער פריילאכער קאמיסאר, א
מענטש פון דיסציפלין און א מענטש פון מוט, איז לאנג געשטאנען
אנגעשפארט מיט די עלנבויגנס אפ׳ן בארג מיט ביכער, דעם קאפ
אוועקגעלייגט אף די הענט, געקוקט אין דער אסיען־נאכט, וואס איז
געלעגן א פינצטערע הינטער די פענצטער, און אליין ניט געהערט
ווי ער האט ארויסגערעדט אף א קול:

— עך, מאמע, מאמע, וואלסטו ניט געשטארבן, וואלסטו געזען
טשיקאווע זאכן.

שפעט איז דאוויד יענעם אוונט געזעסן אין דעם געוועזענעם
צוקערבערג׳ס קאבינעט. ווען ער איז געגאנגען אהיים — אין זיין
צימער אינ׳ם עקספראפריאירטן האטעל „מעטראפאל" — האט זיך
אין זיין הארץ אויפגעהויבן אזא ברייטקייט, אז ס׳האט זיך אים
אויסגעדאכט: ער האט זיך אפגעריסן פון דער ערד און שפאנט
איבער דער לופט. ווייט ארום אים, רעכטס און לינקס אן א ברעג,
האבן מיליאנען מענטשן געטאן די גרעסטע ארבעט פון דער גע־
שיכטע. רעכטס און לינקס האט זיך געצויגן א באפרייט לאנד. ער,
דאוויד, איז א גליד פון יענעם לאנד. אים, דאוויד׳ן, זאגן יענע
מיליאנען: „חבר". הארץ! קענסט נאך צעפלאצט ווערן פון דעם טומל

אינוויינינק! חבר דאוויד האָט געשפּאַנט דורך אַן אַלעע פון ליכט!
אָבער אויך דאָס איז ניט פאַרשריבן אין דער געשיכטע.

* * *

נאָך יענער נאַכט זענען אַוועק שווערע צייטן. צוקערבערג האָט געהאַנדלט מיט שמאַטעס — אומלעגאַל. מ׳האָט אים אַריינגעזעצט און אָפּגעהאַלטן עטלאַכע וואָכן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. אַז מ׳האָט אים באַפרייט, האָט ער גענומען האַנדלען שטילערהייט מיט סאַכארין, און איז ווידער געזעסן. דאוויד איז געווען באַם פראָנט, א פּאָלקאָוואָי קאָמיסאַר, פאַרוואונדעט געוואָרן, אויסגעהיילט זיך און ווייטער געדינט אין דער אַרמיי, נאָכדעם קראַנק געוואָרן אַף טיפוס און קראַנקערהייט שיער ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די ווייסע, אין היץ, אין דינע קליידער, האָט ער מיט נאָך עטלאַכע זיך אַרויס־געכאַפּט פון דעם באַדראָטן בנין און געגאַנגען צוועלף מייל דורך א ווינטער־נאַכט, ביז ער איז דערגאַנגען צו א זיכערן פּלאַץ. פאַר דער טאַט האָט ער באַקומען דעם אָרדן פון דער רויטער פאָן.

די פאַבריק איז אין די יאָרן געגאַנגען אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, ביז זי איז אינגאַנצן געבליבן שטיין.

היינטיקן זומער האָב איך באַזוכט יענע שטאָט און האָב אָפּ־געשטאַט חבר דאוויד׳ן א וויזיט.

חבר דאוויד איז שוין ניט קיין מיליטערישער קאָמיסאַר. ער טוט עקאָנאָמישע אַרבעט. מ׳האָט אים ספּעציעל געשיקט אויפלעבן די פּאַפּיר־אינדוסטריע פון יענער געגנט. די געוועזענע צוקערבערג׳ס פאַבריק אַרבעט איצט בעסער, ווי פאַר דער מלחמה.

חבר דאוויד׳ן האָב איך געטראָפן אין קאָנטאָר פון דער פאַבריק, אין א גרויסן צימער מיט א גרויסן ברוינעם שרייב־טיש און פיר טיפע שווערע פאָטעלן באַשלאָגן מיט ברוינעם לעדער. פאַר׳ן טיש, צווישן טיש און דער וואַנט, איז געשטאַנען א פאָטעל מיט א זייער הויכן רוקן. אין דעם גרויסן פאָטעל איז געזעסן א דינער יונגערמאַן מיט א הויכער נאָז, מיט קנייטשן אפּ׳ן שטערן און מיט גראָע האָר אין די שלייפן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז נאָך ניט אַלט קיין דרייסיק יאָר. דאָס איז געווען חבר דאוויד. באַמערקנדיק, אַז איך קוק אפּ׳ן צו גרויסן טיש, האָט ער א זאָג געטאָן:

— וואונדערט זיך ניט: אַט דער מאָנומענט איז אונז נאָך געבליבן פון׳ם אַלטן רעזשים.

און אין דעם פּינטל מיט׳ן לינקן אויג האָב איך דערקענט דעם אַלטן דאָדל.

חבר דאַוויד האָט מיר דערציילט וועגן זיין איבערגאַנג פון מיליטערישער צו עקאָנאָמישער אַרבעט, וועגן דער שווערקייט פון אַזאַ איבערגאַנג, וועגן דעם איבערבוי פון׳ם עקאָנאָמישן אַפּאַראַט, וועגן דער צוקונפט פון דער פּאַפּיר־אינדוסטריע. מיר האָבן אויך דער־מאָנט פאַרגאַנגענע צייטן. חבר דאַוויד האָט זיך ווייניק געביטן. איך האָב אין אים געפונען דעם זעלביקן אומרואיקן מוטיקן מענטשן, ווי אַמאָליקע יאָרן. נאָר איצט האָט ער גענוצט זיין מוט צו וואַרפן זיך אַף עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט, אַף פוילער רוטינע. איך האָב אים געבעטן מיר ווייזן די פאַבריק, און ער האָט געענטפערט, אַז אַליין האָט ער קיין צייט ניט, אָבער ער וועט שיקן דעם אינזשינער אַנטאָנאָוו.

חבר דאַוויד האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל אַפ׳ן טיש און אַ מענטש האָט זיך באַוויזן אַפ׳ן שוועל פון׳ם קאַבינעט.

חבר דאַוויד האָט געזאָגט:

— צוקערבערג, רופט אַריין דעם אינזשענער אַנטאָנאָוו.

אַ גערדיכטע, פּעכיקע, אָבער שוין הייזעריקלאַכע שטימע האָט גע־ענטפערט:

— סלושאַיום (איך פּאָלג).

איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזען דעם אַלטן גביר, רב יאַנקל.

פאַר דער צייט איז ער געוואָרן גראָלאָך. דער שפּיץ קאָפּ איז פּליכעוואַטע. פון דעם פּנים הייגנגען אַרונטער זעק מיט געקנייטשטער הויט. דער קערפּער איז דינער, אָבער פויל, נאָכגעלאָזן. דער בויך איז געבליבן — אָן אָנגעבלאָזן פּעסל. אָנגעטאָן איז צוקערבערג אין אַ ברייט וואַרים לייבל מיט געפּלאַצטע נאָטן און אין אַ פּאָר געוועזענע מיליטערישע שטיוול. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער פאַרנעמט די שטעלע פון אַ קוריער (שיק־יונג) מיט אַ געהאַלט פון 37 רובל אַ חודש, טראָגט ער נאָך דעם בויך מיט אַ געוויסן שטאָלץ און גיין גייט ער מיט ווירדע, ניט ווי אַבי ווער.

פונדעסטוועגן, ווען איך בין שפּעטער פאַרבייגעגאַנגען דורך דעם

קאָרידאָר, וואו ער זיצט און וואַרט אַף אַ קלונג, און ער האָט אין מיר דערקענט דעם גאַסט, וואָס איז אַזוי היימיש מיט'ן נאַטשאַלניק הבר דאַווידן אַליין, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און מיך גע־גריסט דורך אַ נויג מיט'ן קאָפּ און אַ זאָג: דאַ סווידאַניע—ס (צום ווידערזען).

אַזוי האָבן געטאָן קוריערן אין „פיינע" אַנשטאַלטן אין דער צייט פון די צאַרן.

(1924)

גרישקע פיאָניר.

גרישקע האָט אַ רירעוודיק פּנים מיט אַ ברייט מויל און אַ פּאָר־ריסן קיילעכדיק נעזל. די אויערן שטייען אָפּ פון זיין גלאַט־געשוירענעם קאָפּ, און דער האַלז איז צו לאַנג. דערפאַר האָט גרישקע אַ פּאָר ממזר'שע לאַכנדיקע אויגן, וואָס אַז ער טוט מיט זיי אַ שאָס, ווערט פריילאַך אַפ'ן הארצן.

גרישקע איז אַלט צוועלף יאָר און אַרבעט אין זאַוואָד. ס'הייסט, ער האָט ליב צו זאָגן: „ראַבאָטאַיעם" — מיר אַרבעטן — אָבער אין אמת'ן איז ער דערווייל אַ שילער אין פ א ב ז א ו ו א ו ט ש. דער פאַבזאַוואוטש (פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקאָיע אוטשעניטשעסטוואָ) איז אַ טעכנישע שול באַם זאַוואָד, פאַר די קינדער פונ'ם זאַוואָד. אין שול לערנט גרישקע אי נאַטור־וויסנשאַפט, אי געשיכטע, אי מאַטעמאַטיק. אָבער ער לערנט זיך אויך אַ מלאכה. ער זאָגט: ער וועט זיין אַ שלאָסער.

גרישקע איז אַ פייאיק אינגל און פאַרשטייט די למודים, אָבער פאַבריק־אַרבעט געפעלט אים בעסער. די שילער פאַרברייננגען אַ האַלבן טאָג אין קלאַס־צימער און אַ האַלבן אין זאַוואָד צווישן די מאַשינען. קיין סך אַרבעט טוט מען ניט, אָבער מען באַקענט זיך מיט די פּראָ־צעסן און אַפּאַראַטן, מען געוואוינט זיך צו די עלעמענטן פון טעכני־שער אַרבעט. גרישקע פילט זיך אין זאַוואָד, ווי אַ פיש אין וואַסער.

ער זאָגט: ער וואָלט שוין געקענט שטיין באַם וואַרשטאַט, ווי אַ גרויסער.

נאָך בעסער פילט ער זיך אין קלוב פון די יונגע פּיאָנערן. דאָ איז ער שוין ניט קיין שילער. דאָ איז ער אַ ק אָ מ אַ נ ד י ר. דאָ טראָגט ער פּ ל י כ ט ן. דאָ מוז ער אָנפירן מיט גאַנצע אַכצן יונגע חברים.

די גרופּע יונגע פּיאָנערן איז איינגעטיילט אין דריי ר י נ ג ע ן (זוועניאַ): איינער פון פופצן, איינער פון זיבעצן, איינער פון אַכצן קינדער. יעדער רינג האָט אַ באַזונדער פּ י ר ע ר. אַלע דריי פירער זענען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם עלטערן פיער, חבר וואַסילי, וואָס קאָמאַנדעוועט איבער דער גאַנצער גרופּע (אָטריאַד). גרישקע׳ס רינג איז דער גרעסטער — און גרישקע איז ניט אומזיסט אַ מיטגליד פון דעם פּיאָנערסקן ס אָ ו ע ט (עקזעקוטיווע): ער ווייסט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ טוער.

דער קלוב געפינט זיך אין אַ גראַמען צימער לעבן דעם „זאַווקאָם“ (זאַוואָדסקאָי קאָמיטעט), און אַז גרישקע טרעט אַריבער די שוועל, מוזן אַף אים שוין וואַרטן די חברים פון דעם רינג. גרישקע האָט ליב אָרדנונג. ער זאָגט, אַז אַ יונגער לענינעץ מוז זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע קינדער, און אַז מיר וועלן, זאָגט ער, „לאַדירניטשאַיען“, באַלאַמוטשען, טאַ וואָס וועלן מיר אויסוואַקסן פאַר קאָמוניסטן?

קומט גרישקע אַריין אין קלוב, אַזוי רינגלען אים אַרום זיינע יאַטן און עס הויבט זיך אָן די אַרבעט. מ׳האָט נאָך ניט אויסגעלערנט אַף אויסווייניק דאָס נייע ליד פון די יונגע פּיאָנערן. מען דאַרף איינ׳חזר׳ן די ראָלען פאַר׳ן ספּעקטאַקל, וואָס מ׳וועט שטעלן דעם קומענדיקן יום־טוב. מען דאַרף איבערלייענען דעם אַרטיקל אינ׳ם נומער פון דעם חודש־זשורנאַל „פּיאָנער“. מ׳האָט נאָך ניט געענדיקט אויספּוצן דאָס לענין־ווינקעלע אינ׳ם קלוב־צימער. מען דאַרף צוגרייטן מאַטעריאַל פאַר דער אייגענער וואַנט־צייטונג: חבר וואַסילי וויל אים האָבן וואָס גיכער. היינט האָט מען נאָך ניט אַלץ פאַרטיק געמאַכט פאַר דער ערשטער זונטיקדיקער עקסקורסיע. ס׳איז דאָ אַ פּלאַן, אַז מ׳זאָל אַרויסגיין שבת באַטאָג און איבערנעכטיקן אין וואַלד באַ אַ טייכל. דאַרף מען זיך פריער באַקאַנען מיט׳ן פּלאַן פון דער

געגנט, מיט דעם וועג, מיט די נעמען פון די דערפער, וואָס מ׳וועט פאַרבייגיין. ס׳איז דאָ אַ פאָרשלאַג, אַז מ׳זאָל אָנהויבן זאַמלען זשור־קעס און זומער־פויגעלאַך פאַר דער קאָלעקציע פונ׳ם קלוב. אַניט וואָס טויג די עקסקורסיע?

הכלל, אַרבעט איז דאָ איבער׳ן קאָפּ, און גרישקע איז ניט קיין פראָמאַך. שוין די ערשטע מינוט, ווי ער גייט אַריין אין קלוב, דער־זעט ער וואו עפּעס איז ניט אין אָרדנונג. סאַשקע ראַבאַי האָט אַ צעקרעלטן פּנים, בא מיטקע שטשור איז אָפּגעריסן אַ שטיק אַרבל. גרישקע ווייסט, וואָס דאָס הייסט. מסתמא זיך ווידער געשלאָגן. אַן אַקט מיט די יאַטן. רק זיי רייסן זיך, ווי די קעץ. גרישקע וואָרנט זיי: „הערט, חברה, אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי גיין, וועלן מיר דאָס מוזן אַריינשטעלן אין וואַנט־צייטונג. איך האָב שוין צוגעגרייט אַ לידל״. און גרישקע נעמט אַרויס פון דער קעשענע אַ פאַרשמאָלצעוועט פּאַפּירל און לייענט עטלאַבע גראַמען. חברה שיסט אויס אַ געלעכטער. סאַשקע ראַבאַי און מיטקע שטשור זענען רויט, ווי די בוריקעס. גרישקע זאָגט: „אין אונזער גרופּע טאָרן ניט זיין אַזוינע זאַכן״. חברה טומלט און מען נעמט זיך צו דער אַרבעט.

אין אַ שיינעם פאַרנאַכט זיצט מען ניט אין צימער. מען גייט אַרויס אין הויף, מען פאַרקלייבט זיך אויף דער פּלאַשטשאַדקע (ספּאָרט־פּלאַץ); אַניט גייט מען גאָר אַוועק אין פעלד, הינטער׳ן זאַוואָד. אָבער מען גייט ניט אַרום ליידיק. מען טוט די נויטיקע פּיאָנערסקע אַרבעט. מען טוט זי ק אָ ל ע ק ט י ו ו. און אַזוי ווי די אַרבעט איז אַליין האַלב שפּיל, באַמערקט מען ניט, ווי ס׳גייט די צייט.

גרישקע אַרבעט גלייך מיט אַלעמען, שפּילט זיך מיט דעם זעלבן פאַרגעניגן, ווי אַלע. זיין קייל־עכדיק נעזל פאַרקריכט נאָך העכער אַפּ׳ן פּנים; דאָס מויל מיט די ווייסע שאַרפע ציין האַלט אין איין לאַכן, די אויגן פינקלען, און די הענט קענען קיין רו ניט געפינען. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער אינזינען אַלע חברים פון זיין רינג. די קליינע לענקע דאַרף האָבן שיך: זי איז צו קליין צו גיין באַרוועס אויף דער עקסקורסיע. נאַטאַשע האָט געזאָלט אויפּנייען דער חברה דריי פּאָר ספּאָרט־הויזן: ס׳איז שוין צייט, מ׳וועט זיך שוין באַלד קענען באָדן; גרישקע דאַרף איר דאָס דערמאָנען. און וואַנקע כוואַט

באַרימט זיך נאָר, אַז ער וועט קענען האַלטן אַ רעדע אַף דער אַל־גמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם ראַיאָן: מ׳וועט מיט אים דאַרפן איינ׳חזר׳ן די רעדע. בעסער פון אַלצדינג איז, אַז ער זאָל פריער אָנשרייבן, וואָס ער וויל זאָגן. אחוץ דעם וועט מען דאַרפן אַרבעטן אַף דער דיאַגראַמע פונ׳ם זאַוואָד; סיאָמקע דאַרף ברייזגען די פאַרבן, ער זאָגט, אַז ער קען זיי באַקומען פון זיין פעטער דעם פאַרבער. מען דאַרף אים פרעגן, וואָס הערט זיך מיט די פאַרבן.

אַזוי, אין שפּיל און אַרבעט, אין זאָרג פאַר׳ן קאָלעקטיוו און אין דיסקוטירן די פראַגן פונ׳ם קאָלעקטיוו, גייט אַוועק די צייט פון פינף ביז זיבן און אַכט. חברה צעגייט זיך אַהיים. גרישקע דאַרף ערשט גיין אַף אַ זיצונג פונ׳ם פּיאָנערסקן סאָוועט. גרישקע איז אַ פ י ר ע ר.

היינטיקן זומער איז גרישקע אַריין אין אַ צייטונג פון „גרויסע“. די „פּראַוודאַ“ האָט געשריבן, אַז מען דאַרף גרישקע׳ן פ אַ ר צ י י־כענען אַפ׳ן רויטן טאָוול. די מעשה איז געווען אַזוי. חברה האָבן זיך אַרויסגעקליבן אין לאַגער. די זונטיקדיקע עקסקוריעס זענען געווען אַזוי געשמאַק, אַז ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן קאַניקול, האָט דער גאַנצער אָטריאַד באַשלאָסן פאַרברייננגען די צוויי חדשים אונטער׳ן פרייען הימל. מ׳האָט מיטגענומען לייוונט אַף געצעלטן, העק, לאָפּאַטעס, האַמערס — און האַידאַ אין וואַלד לעבן טייכל. אַז מ׳האָט שוין אויפגעשטעלט די געצעלטן, אויסגעגראָבן אַן אויוון, גע־מאַכט אַן ערדענעם טיש מיט ערדענע ביינק, דורכגעפירט אַ הילצערנע רער פונ׳ם טייכל צום לאַגער, כ׳די מ׳זאָל פאַרשפּאָרן שלעפּן די וואַסער אין עמערס, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס טוט מען מיט׳ן דאָרף. דאָס דאָרף איז אָנדערטהאַלבן וויאָרסט פונ׳ם לאַגער. אין דאָרף איז דאָ אַ סך שקצים. דאָס דאָרף איז ניט אָרגאַניזירט. נישטאָ ניט קיין קאָמסאָמאָלסקע (יונגע קאָמוניסטן), ניט קיין פּיאָנערסקע גרופּע. די פּיאָנערן דאַרפן דאָס דאָרף אָרגאַניזירן. אָבער ווי אַזוי?

חברה איז געגאַנגען אין דאָרף, געפּרוּווט ריידן מיט אַלטע און יונגע. עס איז גאָר ניט געוואָרן. די עלטערע פּויערים האָבן געקוקט אַף די שטאָטישע יאַטן ווי אַף פּוליאַקעס און לײדיקגייער, וואָס לעבן אַ זומער אין ראָסקאָש. די דאָרפישע אינגלאַך האָבן געקוקט אַף זיי, ווי אַף אַ בייז וואונדער, געטייטלט אַף זייערע רויטע האַלז־

טיכלאַך און געלאַכט אין די קולאַקעס. הכלל, ס׳איז געווען שלעכט. און דאָ איז די צייט קורץ. מען דאַרף דורכפירן די ס מ י ט ש ק א (פאַרבינדונג צווישן שטאָט און דאָרף).

פאַלט גרישקע אַף אַן עצה און לאָזט וויסן אין דאָרף, אַז די פּיאָנערן קענען פאַרריכטן אייזערנע און בלעכענע כלים. פון אָנהויב האָבן די פּויערים ניט געגלויבט. אָבער ס׳האָט זיך געפונען אַן אַלמנה, וואָס האָט געבראַכט אין לאַגער אַן אַלטן געלעכערטן עמער און אַ צעשפּאָלטענעם קעסל. חברה האָט ניט אומזיסט געאַרבעט אין זאַוואָד. די נויטיקע געצייגן האָבן זיי געהאַט מיט זיך. דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט גרישקע, וואָס האָט גוט געוואוסט, ווי אַזוי מען טוט אַן אַרבעט. מ׳האָט פאַרריכט די כלים. נאָכדעם האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פּויערים מיט קאַסעס און סערפּעס און אַנדערע געצייגן. חברה האָבן געאַרבעט. די פּויערים האָבן פאַר דער אַרבעט געבראַכט מילך און אייער און קעז און פּלעצל. און אַזוי איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרבינדונג צווישן דעם דאָרף און די פּיאָנערן. די פּיאָנערן זענען געוואָרן אָנגעלייגטע געסט אין די פּויערשע הייזער. די דאָרפישע יונגען האָבן אָנגעהויבן גיין אין פּיאָנערסקן לאַגער. גרישקע איז געווען אַפּ׳ן פּלאַץ. ער האָט אויפגעקלערט די דאָרפישע יונגען, וואָס איז אַזוינס לעניניזם, וואָס איז די נייע אָרדנונג, וואָס עס ווילן די קאָמוניסטן און פאַר וואָס די יוגנט דאַרף זיך גרייטן צו בויען די רעפּובליק. די דאָרפס־יונגען האָבן אָנגעהויבן פאַרברענגען מיט די פּיאָנערן, לערנען און לייענען און דיסקוטירן מיט די פירער. שפּעטער האָט מען אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע דאָרפישע פּיאָנערסקע גרופּע „אינ׳ם נאָמען פון קאַרל ליבקנעכט" מיט עטלאַכע און פערציק מיטגלידער. איצט האַלט זיך דאָרט אין גרינדן אַ קאָמסאָמאָלסקע גרופּע. די חברה פונ׳ם זאַוואָד שיקן אָפט אין דאָרף אריין צייטונגען און זשורנאַלן. מען שמועסט, אַז היינטיקן ראָזשדעסטוואָ (קריסטטעג) זאָל מען שיקן גרישקע׳ן אין דאָרף אריין האַלטן אַ לעקציע וועגן רעליגיע, כדי צו באַווייזן, אַז ס׳איז ניט געווען קיין קריסטוס און אַז די מעשה וועגן קריסטוס׳עס געבורט איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. גרישקע גרייט זיך צו דער לעקציע און האָט שוין איבערגעלייענט אַ פּאָר אַנטי־רעליגיעזע ביכלאַך. חברה קוקן אַף אים מיט אַפּשיי, און אייניקע וואָרענען אים און זאָגן:

„סמאַטרי, גרישאַ, ניע פּאַדגאַד" („זע, גרישע, מאַך ניט קיין תל פון'ם עסק").

און גרישקע טוט אַ שאָקל מיט'ן גלאַט־געשוירענעם קאָפּ און שמייכלט אַזוי, אַז זיין נעזל קריכט אין דער הויך:

— ניטשעוואָ, נישקשה. ס'וועט שוין זיין רעכט.

אַ גאַנצע וואָך איז גרישקע פּאַרנומען און ער האָט ליב די אַרבעט. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז מער פון אַלצדינג האָט ער ליב מאַרשירן מיט דער חברה. ניט לאַנג האָט ער זיך אויסגעלערנט קלאַפּן אין פּויק. מאַרשירן מיט'ן פּויק — קען מען זיך מאָלן עפּעס בעסערס?

די זון שיינט. די האַלזטיכלאַך זענען רויט. חברה האָט זיך אַרומגעוואַשן, אַרומגערייניקט די קליידער, אָנגעטאָן שיך — ווער עס האָט שיך, זיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג — צוויי אין אַ ריי. גרישקע וואַרפט דעם לעצטן קוק אויף זיין גרופּע, הייסט ליזע'ן אויסגלייכן דעם רוקן, זאָגט אָן סיאָמקע'ן, ער זאָל ניט ברעכן די ליניע, שטעלט אַריבער דעם קאַראַפּוזיק טיאָשאַ אויף אַ בעסערן פּלאַץ, נאָכדעם שטעלט ער זיך אַוועק אָן שפּיץ פון דער קאָלאָנע, ציילט: „איינס, צוויי, איינס, צוויי", טופּנדיק אויף איין אָרט. פּלוצלינג גיט ער אַ קלאַפּ אין פּויק— מאַרש! — די חברה לאָזט זיך גיין.

גרישקע גייט פאָרויס. גרישקע פּויקט. גרישקע ציילט די טריט. מען גייט אַריבער די בריק. מ'גייט צום צענטער פון דער שטאָט. די גאַסן ווערן גלאַטער, די הייזער העכער. גרישקע'ס האַרץ וואַקסט. גרישקע'ס האַרץ קלאַפּט שנעלער פון זיין פּויק. אַט עפענען מענטשן טיר און פענסטער. אַט קוקט מען נאָך די קינדער. אַט הערט זיך אָן אויסגעשריי: „זאָלן לעבן די פּיאָנערן!" חברה ענטפערט: „הוראַ!" גרישקע'ס פּנים איז גוואַלדיק ערנסט, גרישקע'ס ליפּן זענען צונויפגעפּרעסט, ווי אין ווייטיק. אָבער גיין גייט ער, ווי אין דער לופטן. די ערד איז ווייכע סאַמעטענע בוואַליעס אונטן. די הייזער נויגן זיך, בויגן זיך, שמייכלען. די הייזער גלאַנצן מיט טויזנט לאַכנדיקע מיילער. גרישקע קלאַפּט געמאָסטן אין פּויק: איינס־צוויי, איינס־צוויי.

צוויי געשעענישן האָבן געמאַכט אויף גרישקע'ן דעם גרעסטן איינדרוק פון זיין לעבן. דאָס ערשטע איז געווען די דזשורסטווע פון זיין גרופּע אויף דער זיצונג פון מאָסקווער סאָוועט. די פּיאָנערן

זענען אריינגעקומען אין זיצונג־זאַל מיט פויקן־קלאַפּ; מ׳האָט זיי אַרויפגעלאָזט אויף דער טריבונע. גרישקע האָט געהאַלטן אַ באַגריסונגס־רעדע, און דער פּרעזיצער האָט אים געענטפערט. דער גאַנצער עולם דערוואַקסענע, אַליין באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך אויפגעשטעלט און אַפּלאָדירט. נאָכדעם האָט די גרופּע פּיאָנערן זיך פאַנאַנדערגעשטעלט אין פאַרשיידענע ווינקעלאַך פון׳ם זאַל — צו דערזשורעווען, דערלאַנגען דעם פּאַרזיצער צעטעלאַך פון די דעלעגאַטן, אָנווייזן יעדן דעם ריכטיקן פּלאַץ. גרישקע איז געשטאַנען אויף דער טריבונע באַם פּרעזידיום און דערפילט „אַ מאַסע טעכנישע אַרבעט“, ווי ער האָט נאָכדעם דערציילט אין זיין באַריכט פאַר דער גאַנצער זאַוואָדסקער גרופּע.

און דאָס צווייטע געשעעניש איז געווען — וואָס זיין פאָטער האָט זיך פאַרשריבן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. גרישקע האָט אַזוי לאַנג „געזעגט“ און דערקוטשעט דעם פאָטער, אים אַזוי פיל אָנגעדערציילט וועגן לענינ׳ען און די קאָמוניסטן, אַז דער פאָטער האָט געזאָגט:

— זאָל שוין זיין, ווי דו ווילסט. עס איז דאָך אייער צייט.

און אַז גרישקע האָט אריינגעפירט דעם פאָטער פאַר אַן אַרב... אין ביוראָ פון דער יאַטשייקע און אויף דער פראַגע פון׳ם סעקרעטאַר געזאָגט מיט אַ געמאַכט־רואיקער שטים: „אָט כ׳האָב געבראַכט דעם באַטקע זיך פאַרשרייבן אין דער פּאַרטיי“ — איז קיין גלייכן צו אים ניט געווען.

איצט האָט שוין גרישקע באַשלאָסן איבערצובייטן זיין נאָמען. „גרישקע“, „גריגאָרי“, זאָגט ער, דאָס זענען צערקאָווגע נעמען, גלח׳שע נעמען. דאָס שמעקט מיט דער אַלטער צייט. אַ פּיאָנער דאַרף האָבן אַ נייעם נאָמען. גרישקע ווייסט נאָך ניט, צי זאָל ער זיך רופן ס פּ אַ ר ט אַ ק, צי ס ק ר אַ ם — וואָס דאָס איז מאַרקס אויף דער לינקער זייט.

חבר דמיטרי.

וואו האט זיך באם פינפאונזעכציקיאריקן חבר דמיטרי גענומען דער כח צו לויפן ארויף און אראפ איבער די טרעפ פון דעם פיל־שטאקיקן הויז? און ווער האט דאס אויסגעגאסן אף זיין ברייט פנים אזא מינע פון שיינענדיקן פארגעניגן, אקוראט ווי מ'וואלט אים פריש אפגעפאלירעוועט מיט לאק?

דאס הויז איז געווען אן אפטיילונג פון מאסקווער סאוועט. אינ'ם הויז איז געווען א סך קארידארן מיט א סך טירן אף רעכטס און אף לינקס. הינטער די טירן האבן עטלאכע הונדערט מענטשן גערעדט און געשריבן און געקלונגען אפ'ן טעלעפאן. דאס הויז האט געזשוזשעט, ווי א גאזאלין־מאטאר. פון א טיר פלעגט אלע ווײַלע ארויסלויפן א מענטש מיט א פאקעט אדער א פאפיר אין האנט און זיך לאזן איבער דעם גלאט־שימערירנדיקן פאל פונ'ם לאנגן קארידאר. דער פאל האט געגלאנצט, ווי טונקל אייז, און ס'האט אויסגעזען, אז דער לויפנדיקער גליטשט זיך איבער א געקעסטלטן שפיגל. ס'איז געווען א סך טירן מיט א סך אײַלנדיקע מענטשן, און אלע האבן געהאט א פארטראגענעם און פארהאוועטן אויסדרוק. איין דמיטרי איז געווען פרײַלאך, קאנטעט. „ער זעט אוים, ווי אן אימעניניק" (ווי ס'וואלט געווען זיין געבורטסטאג), זאגט מען אף אזוינע אין רוסלאנד.

— ס'איז גוט צו לעבן אף דער וועלט — האט ער איינמאל א זאג געטאן, פארבײַלויפנדיק מיט א בינטל נייע זשורנאלן.

— וואס איז?

— וואס רעדט איר? עס ברענט דאך אונטער די הענט!

און ער האט א מאך געטאן מיט דער לינקער האנט ערגעץ אין דער ווײַטקייט ארײַן, און זיין לאנגע רויטלאך־גראע באָרד האט א טאנץ געטאן אף זיין ברייטער ברוסט.

אן אנדער מאל קום איך אין דעם בנין און געפין אים גייענדיק פון די טרעפ. אנגעטאן איז ער אין א ברוינער בלוזע מיט א רימענעם פאסעק. די ברוסט און די פלייצעס זענען ברייט און שפארן

פון אונטער דער בלוזע. די באָרד דערגרייכט שיער ניט ביז'ן גאַרטל. די הויכע שטיוול וועגן אפשר אַ פּוד. ער גייט, און דער שוויים רינט פון זיינע באַקן, פון זיין פליישיקער נאָז, פון דעם ברייטן פליכעוואַטן שטערן, און זיינע באַוועגונגען זענען לייכט, ווי בא אַ אינגל.

— איך ווייסט — זאָגט ער מיר און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט. — שוין דערגרייכט 6748.

— עקזעמפּליאַרן?

— מאַכט ניט קיין שפּאַס. מיר האָבן שוין דערגרייכט מיט אונזער וואַכנבלאַט 6748 דערפער אין ראַיאָן אַליין. איר הערט? דערפער! דאַס וואַכנבלאַט איז נאָך ניט אַלט קיין האַלב יאָר.

און חבר דמיטרי לאָזט זיך אוועק אין אַן אויסרעכענונג, וויפיל ס'פאַרשפּרייטן זיך אין פּויערטום טעגלאַכע צייטונגען, וויפיל וואָכן־בלעטער, וויפיל חודש־זשורנאַלן, וויפיל ביכער און בראָשורן. חבר דימיטרי ווייסט אַלע ציפערן אויף קלאָר. חבר דימיטרי איז אויסגע־בונדן מיט דער גאַנצער ליטעראַטור פאַר'ן דאָרף. חבר דימיטרי האָט אַן אויפזיכט ניט נאָר אויף דער פאַרשפּרייטונג פון געשריבענעם וואָרט. ער האָט אויך אַ דעה, ווי אַזוי מען זאָל דאָס שרייבן. ער איז אַ טייל פון עפּעס גאָר אַ וויכטיקן קאָמפּליצירטן מעכאַניזם.

— עך! ס'איז דאָך אַ פעלד אָן אַ ברעג! אַ ברייט פעלד, אַ רייך פעלד. מען דאַרף עס נאָר צעאַקערן און פאַרזייען. וואו נעמט מען נאָר די כחות?

אַ קוק געבן אויף דימיטרי'ן, פעלט אים ניט קיין כח. ער איז זאַפטיק, מונטער, פלינק. ער לעבט מיט יעדן אבר. ער פרעסט צונויף אַ האַריקן קולאַק און טוט מיט אים אַ מאַך אין דער לופטן, פילט איר, אַז דאָס קען נאָך דערלאַנגען אַ קלאַפּ. חבר דימיטרי זעט אויס ווי אַ געזונטער אַלטער איזוואָשטשיק, ניט ווי אַ שרייבער. חבר דימיטרי אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און שפּעט אין דער נאַכט.

— איך אַליין, — זאָגט ער, — קען זיך ניט באַקלאָגן. איך טו וויפיל איך קען. אַנדערע טוען אויך. אָבער ס'איז אַלץ ווייניק. דאָס דאָרף איז ווי אַ תהום. ס'שלינגט און ווערט ניט זאַט. וואָס מיר אַלע טוען איז ווי אַ טראָפּן וואַסער אויף אַ הייסן שטיין.

און חבר דימיטרי לאָזט זיך ווייטער גיין. די אַרבעט וואַרט ניט. פון אויבן לויפט שוין עפּעס אַ יונגער בחור. „חבר דימיטרי, קומט, מען דאַרף אייך האָבן. די קאָלעגיע האָט זיך שוין פאַר־זאַמלט“.

חבר דימיטרי שפּאַנט איבער די טרעפּ מיט לייכטע יונגע טריט. זיין גרויסער קערפּער הויבט זיך ווי אַ מאַסיווער טורם. חבר דימיטרי געזעגנט זיך דורך אַ שאָקל מיט'ן קאָפּ און אינגאַנצן איז ער איין שטיק צונויפגעפּרעסטע פרייד.

וואָס מער איך קוק אין דעם בנין, וואָס מער איך זע חבר דימיטרי'ן, אַלץ שטאַרקער איז דער איינדרוק פון זיין טעטיקן גליק־לאַכן געמיט. חבר דימיטרי האָט ליב די אַרבעט. חבר דימיטרי'ן איז יעדער ביכל איינגעבאַקן אין האַרצן. חבר דימיטרי האָט ליב מיט אַ פאָטערלאַכער ליבשאַפט אַלע ווייטע אומבאַקאַנטע פּויערים, וואָס וועלן לייענען דאָס ביכל. אַזוי איז מען נאָר פאַרליבט אין דער יוגנט, ווען דער שוך און די פּאַטשיילקע און דאָס קנעפּל פון דעם ראָק פון דער געליבטער זענען אַ הייליקער אוצר. חבר דימיטרי זעט אויס ווי אַ יונגער, נאַרישער פאַנטאַסט, וואָס האָט אַנטדעקט די פרייד פון ליבע צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

איך האָב אים דאָס איינמאָל אַרויסגעפּלאַפּלט אין אַ גוט־מוטיקער מינוט, האָט זיך אַ צייכן פון שוואַרצקייט געלייגט אויף זיין שטערן, און ער האָט געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קול:

— רעדט בעסער ניט. כ'וועל זיך קיינמאָל ניט פאַרגעבן, וואָס איך האָב אַזוי פיל יאָרן פאַרבראַכט אין גיוועץ.

איך האָב אים דעמאָלט ניט געוואָלט פרעגן, וואָס ער מיינט, אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך באַגעגנט איינס אויף איינס און זיך צורעדט. געווען איז דאָס האַלב צוויי פאַרטאָג, לעבן טייך מאָסקווע. ס'האָט זיך געגליטשט אויף ווייסלאַכע זעגלען די מאָסקווער זומער־נאַכט, וואָס קען ניט שלאָפן. איך בין געזעסן אויף אַ באַנק לעבן וואַסער. לינקס האָבן די גאָלדענע קעפּ פון'ם קרעמעל שוין געכאַפּט דעם ערשטן לייכטן אָנזאָג פון דער נאָנטער זון. רעכטס האָט דער טייך זיך גערוקט צו אַ הורבע אָנגעוואָרפענע נעבלען אַרום די וואָראָ־ביאָווע בערג. ערשט ניט לאַנג איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצ־טער רויט־גליענדיקער פאַס אין מערב. איצט האָט דער מזרח שוין

געגלאַנצט אין גרינעם גאָלד, איבערגעמישט מיט פּערל. אַ ריח פון בלעטער האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. מאָסקווע האָט לייכט געאָטעמט. געווען די צייט, ווען אַלע פאַרבן ווערן גראָלאַך און אַלע מענטשן זעען אויס ווי גייסטער.

איך האָב ניט באַמערקט, ווי חבר דימיטרי איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אַף דער זעלביקער באַנק. אַ צייט האָבן מיר געשוויגן.

— מיר דאַכט, — האָב איך באַמערקט, — אַז די מאָסקוואַ איז ניט שמעלער און ניט ווייניקער שיין, ווי די ס ע נ ע אין פּאַריז. אָבער זעט, ווי באַרימט ס'איז די לעצטע און ווי ווייניק מען ווייסט פון דער ערשטער.

חבר דימיטרי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

— באַם טייך סענע האָב איך אויסגעבראַכט אין גיוועץ פינף פון די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן.

— אַלס עמיגראַנט?

— אַלס אַנטי־באָלשעוויק.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. פּלוצלינג איז אַף דימיטרי'ן אָנגעקומען יענער אַנפאַל פון רוסישער אָפנהערציקייט, ווען אַ מענטש דעקט אויף זיינע טיפסטע טיפענישן אַפילו פאַר אַן אומבאַקאַנטן.

— איך בין געווען ניט נאָר אַ מענשעוויק, נאָר אַ מענשעוויסטישער ליטעראַט, ד. ה. אַ מענטש, וואָס האָט פאַרטיידיקט אַ זאַך מיט זיין פען. איר ווייסט: דאָס פאַרפליכטעט. איך האָב געלעבט מיט דער אימיגראַנטישער אידעאָלאָגיע. איך האָב געזוכט אין די רעוואָלוציאָנערע רוסישע צייטונגען נאָר דאָס ערגסטע. מיר האָבן זיך אַלע אויפגעבויט אַ קינסטלאַכע וועלט, און מיר האָבן צוגעטראָגן אַ ציגל נאָך אַ ציגל, כדי זי צו פאַרשטאַרקן. איך בין געווען ניט פון די לעצטע. מיר האָבן זיך ג ע וו אָ ל ט פאַרבלענדן. מיר האָבן געהאַט אונזערע אייגענע טעאָרעטיקער, אונזערע סטראַטעגן, אונזערע שטאַטסלייט, אונזערע נביאים. מיין גליק איז געווען, וואָס איך שטאַם פון פויער־שטאַנד. מיין פאָטער האָט באַאַרבעט די ערד. איך אַליין האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט אַף דער ערד. אין מיר איז געבליבן אַ שטיק אָנהאַנג צו דער נאַטור, צו רעאַליטעט, צום נאַקעטן

אמת. איך האָב זיך איינמאָל ארומגעזען, אז איך לעב אַן אויסגע־טראכט לעבן. און ווייסט איר, ווי דאָס איז געשען? ניט דורך ביכער, ניט דורך פּראָגראַמען. איך האָב באַגעגנט אַ מענטשן. קיין פּאַריז איז געקומען אַ רוסישער באָלשעוויק באַזאָרגן עפּעס אַ ווירט־שאַפטלאכן ענין. איך האָב אים צופעליק באגעגנט. ער האָט מיך ניט געוואָלט איבערצייגן. אָבער פון זיין גאַנצן וועזן, פון זיין באַ־נעמונג, פון זיינע צופעליקע ווערטער האָט אַף מיר אַ ווייַ געטאָן מיט אַזאַ נייעם ווירקלאכן פּילזייטיקן לעבן, אַז מיין אייגענע וועלט האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ זייפן־בלאָז.

חבר דימיטרי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ וויש געטאָן זיין לאַנגע ווייכע באָרד, אַ גלעט געטאָן דעם הויכן שטערן (געגאַנגען איז ער אָן אַ הוט), אַ קוק געטאָן אַף יענער זייט טייך, וואו די ערשטע מענטשן האָבן זיך געטונקען אין מאָרגן־גאָלד, און ווייטער דערציילט.

— ס'קומט פאַר מיר אַ צייט פון איבערברוך. איך לעב צווישן מיינע פריינט און איך פיל זיי מער ניט. איך רעד זייערע ווערטער, און ניטאָ אין זיי קיין טעם. איך הער זייערע טענות, און אַלצדינג איז איבערטריבן, קינדעריש, אומבאַגרינדעט. איך לעב ווי אַן לופט. איך בין דאָ און איך בין ניטאָ. דערביי בין איך שוין ניט קיין אינגל. בין ניט אַזוי בויגיק, ווי אין דער יוגנט. שווער אָנצוהויבן אָפּ'ס ניי. נאָך שווערער צוצוגעבן, אַז מ'איז געווען אַ נאַר, אַ שלעכטער נאַר... ס'קומען פאַר מיר שווערע צייטן. איך בין כמעט ניט באַם זינען. איך גיי אַף רעפעראַטן פון עמיגראַנטן און ס'דאַכט זיך מיר, אַז דער רעדנער איז אַ סאַטיריקער, וואָס מאַכט נאָך מענ־שעוויסטישע רעפערענטן. איך רעד מיט מענטשן און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס זענען מתים. איך שלאָף ניט נעכט. איך קען ניט לייענען. איך ווער מאָגער. איך באַוועג זיך קוים. איך ווער באַ־טראַכט פאַר אַ קראַנקן. איך האָב ליב צו טראַכטן וועגן זיך ווי וועגן אַ קראַנקן. אָבער אינווייניק ווייס איך, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, אַז אַזוי וויל איך זיך ארויסדרייען פון אַ קלאָרן ענטפער: וואָס זאָל איך טאָן? עס דערגייט צו אַ סאַנאַטאָריום. איך בין אָרעם, אָבער מענטשן לייגן זיך צונויף און שיקן מיך אַוועק צווישן די בערג, אין אַ הייל־אַנשטאַלט „צורעכטצומאַכן די נערוון".

חבר דימיטרי טוט אַ שמייכל. דאָס ערשטע מאָל זע איך אים שמייכלען מיט חוזק. די פויגלען אינ'ם בוים איבער'ן קאָפּ הויבן אויף אַזאַ צוויטשעריי, אַז אַ פּאָר מינוט איז שווער צו ריידן.

אַ ווײַלע שפּעטער פרעג איך:

— נו, און וואָס איז געוואָרן דער סוף?

דימיטרי טוט זיך אַ בויג פאָראויס מיט זיין גאַנצן מאַסיוון קערפּער און אַ ליכט צינדט זיך אָן אין זיינע אויגן אונטער געדיכטע רויטלאַך־גראָע אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען. ער רעדט ארויס מיט אַ מונטער קול:

— וואָס איז געוואָרן? איר זעט דאָך! איך בין געקומען אהיים. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ר. ק. פּ. די אַלטע פריינט רופן מיך פאַררעטער. וואָס ווייסן זיי! איך בין געקומען אַהיים. איך האָב געפונען אַרבעט. איך האָב געפונען זיך אַליין! ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט געפינען זיך אַליין?

חבר דימיטרי רוקט צו זיין פּנים גאָר נאָנט צו מיר. איך פיל דעם ריח פון זיין באָרד. איך זע גרויסע, יונגע, בלאָע אויגן, וואָס שיטן אַ הייסן פייער.

אין עק הימל שטייט שוין די זון. מאָסקווע איז דורכגעשאָסן מיט פיילן פון ליכט. מאָסקווע הויבט אָן אַ נייעם טאָג.

* * *

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַגעגנט דימיטרי'ן מיט אַ יונגן מאַן, פּונקט אַזאַ הויכן ווי ער, אָבער מיט אַ שטייפערן געגאָלטן פּנים. ביידע זענען געגאַנגען איבער מאָכאָוואַיאַ, און ס'איז געווען מאָדנע, וואָס דער אַלטער דימיטרי האָט געהאַלטען דעם יונגען בא דער האַנט, ווי אַ קינד.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ מינוט. דימיטרי האָט גע־זאָגט מיט אַ פרייַלאַך קול:

— מיין זון. אַ באָלשעוויק.

דער זון האָט זיך פאַרנויגט און אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, כדי צו לאָזן אונז ריידן אומגעשטערט.

דימיטרי האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און היים געפּליסטערט אין מיין אויער:

— ער איז די גאַנצע צייט געווען אין רוסלאַנד. געווען אַ פּאַרטיי־מאַן פון 1917 אָן. ער איז געוואָלטיק שטאָלץ מיט זיין ניי־געפונענעם פּאָטער.

אין דימיטרי׳ס אויגן האָט געלייכט דער יונגער אָנשטעקנדיקער פייער פון פרייד. ער האָט זיך אומגעקערט צום זון און אים ווידער גענומען פאַר דער האַנט.

שוין גייענדיק אין דער ריכטונג צום אוניווערזיטעט, האָט ער זיך אויסגעקירעוועט און מיר אַ וואָרף געטאָן פון ווייטן:

— ס׳איז גוט צו לעבן אַף דער וועלט, האַ?

מאַשורא.

באַקענט האָב איך זיך מיט איר אַזוי. איך בין געפאָרן אין טראַמוואַי. דער טראַמוואַי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף לוביאַנסקי פּלאַץ. דער פּלאַץ איז געווען צערויטלט פון אַ יוגנט־דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געענדיגט. אַ כאָפּטע בחורים מיט מיידלאַך האָבן זיך אריינגעוואָרפן אין וואַגאָן... צווישן זיי האָט איינע אויסגעזען ווי אַ פייערדיקע מאָן־בלום צווישן גראָז.

שיין? איך ווייס ניט. אַ פּנים אַ ברוינער, אַ לייַנגלאַכער, אַ זון־געברענטער, מיט אַ גאָלדענער גליאונג פון אונטער דער הויט. אויגן לייַנגלאַכע, טונקעלע, גלאַנציקע, אביסל קאָסע געשטעלט. האָר ברוינע, געדיכטע, פאַרקעמט אַף הינטן. אַ מויל אַ לאַכנדיקער, אַ גרויסער, — רויט און ווייס, בלוט און פּערל. די פיגור — אַן עפּלדיקע: רונד, שטייף, זאַפטיק, יאָדרעדיק. אַלעס צוזאַמען אַזוי אָנגעטרונקען, אָנגעשפּיקעוועט מיט לעבן, זון, לאַכעניש, פרייע פרייַלאַכקייט אַז ס׳האָט זיך גאָר ניט געטראַכט, צי די באַשעפעניש איז שיין. פרעגט, צי אַ יונגע סאָסנע איז שיין, ווען זי ציטערט אין הייסן זומער־ווינט.

דער וואַגאָן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ קאָלירנדיקן האַרמידער. דער וואַגאָן האָט זיך נאָך ניט גערירט פונ׳ם אָרט, האָב איך שוין געוואוסט, אַז דאָס מיידל רופט מען מאַשוראַ.

זי איז געזעסן אַנטקעגן מיר אַף דעם שמאָלן ביינקל באַם פענצטער. איך האָב געקוקט אַף איר און געטראַכט, ווי גוט דער נאָמען פּאַסט צו איר אויסזען: ברייט, קיילעכדיק, פעטס, פול מיט שוואונג: מאַ־שו־רא. איך האָב מסתמא געקוקט מיט צופיל נייגיר, וואָרים דאָס מיידל האָט פּלוצלינג ארויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער:

— איר ווילט ריידן, טאָ רעדט. וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?

איך האָב לאַכנדיק געענטפערט, אז זי אינטערעסירט מיך ווי א טיפּ פון דער נייער פּראָלעטאַרישער יוגנט. מאַשוראַ האָט זיך געווענדט צו די איבעריקע חברים מיט א הויך קול און מיט א האלב־שטיפערישן זשעסט:

— חברים, איך האָב אייך די ערע פאָרצושטעלן א זעלטענע פרי: אַן אַמעריקאַנער, וואָס רעדט רוסיש.

אין א פערטל שעה ארום זענען מיר שוין אלע געווען גוטע ברידער, אַקוראַט ווי מיר האָבן זיך געקענט ווער ווייסט ווי לאַנג.

* * *

איך האָב געוואָלט אַמאָל אונטערפירן א סך־הכל פון מאַשוראַ'ס טאָג, האָט אַלץ געפעלט שעה'ן. די מעשה איז אזוי. אינדערפרי מוז זי אויפשטיין ניט שפּעטער ווי זעקס — האלב זיבן, וואָרום זי דאַרף זיך וואשן, אָנטאָן, אָפּקאָכן און אָפּעסן פרישטיק און נאָכדעם פאָרן פערציק מינוט מיט'ן „טראַם” און גיין צען מינוט צו־פוס ביז זי קומט אין פאבריק „צום פייף” — פּונקט אכט אזייגער. אין פאבריק אַרבעט זי פון אכט ביז צוועלף און פון איינס ביז פינף — אַלע טאָג, א חוץ שבת, ווען די ארבעט איז נאָר ביז צוועלף. זעקס אין אָוונט איז זי אין אוניווערזיטעט, וואו זי הערט לעקציעס און באַטייליקט זיך אין סעמינאַר ביז ניין. דריי מאָל אין וואָך איז זי פאַרנומען: ערשטנס, אין דער פּאַרטיי־יאַטשעיקע; צווייטנס, אין דעם פּאָליטישן קרייז, וואו זי לערנט יענע; דריטנס, אין כאָר. א חוץ דעם האָט זי א ספּעציעלע אויפגאַבע: אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען פונ'ם מאָפּר (מיעזשדונאַראָדניע אָבשטשעסטווא פּאָמאָשטשי זשערטוואַם רעוואָ־לוציאי: אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט צו העלפן די קרבנות פון דער רעוואָלוציע, — אַף ענגליש: רעד אייד). צוליב דעם גייט זי אַף אַלערליי ארבעטער־פאַרזאַמלונגען און האלט רעדעס וועגן מאָפּר,

אָדער זי אָרגאַניזירט אַליין פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן. דער מאַפּר נעמט באַ איר צו עטלאַכע אָוונטן אין וואָך.

דאָס איז איר שטענדיקע אומפאַרמיידלאַכע אַרבעט.

נו, האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין, וואו נעמט מאַשורא צייט, ערשטנס, צו עסן אָוונט־ברויט, וואָרים פון דער פאַבריק ביז׳ן אוני־ווערזיטעט איז גוטע פופציק מינוט מיט׳ן טראַם; צווייטנס, צו־צוגרייטן די אַרבעטן פאַר׳ן אוניווערזיטעט; דריטנס, צו לייענען ביכער און צייטונגען; פערטנס, צו באַטייליקן זיך אין קאָמסאָמאָל (אָרגאַניזאַציע פון יונגע קאָמוניסטן); פינפטנס, אויפצונייען זיך אַ קליידל, פאַרריכטן אַ זאָק, אויסוואַשן אַ העמד; זעקסטנס, בכלל צו לעבן.

מילא, קיין סך קליידער האָט זי ניט געדאַרפט. אַפ׳ן קאָפּ אַ רויטע פאַטשיילקע, אַפ׳ן גוף — אַ גראָמע בלוזקע און אַ קורץ קליידל ביז איבער די קני, אַף די געזונטע אָפּגעברענטע גוט־געפאָרמטע פיס ניט מער ווי אַ פּאָר סאַנדאַלן. אָבער דאָך...

— מאַשורא, וואו נעמסטו צייט?

מאַשורא טוט אַ דריי מיט׳ן קאָפּ, אַזוי אַז די צוויי אויגן טוען אַ בלישטש, ווי אַ פּאָר שוואַרצע שפּיגעלאַך, און דאָס גרויסע מויל ווייזט אַ הונדערט געזונטע ווייסע ציין.

— ניטשעוואָ, ס׳געפינט זיך.

— מאַשורא, וואָס לערנסטו אין אוניווערזיטעט?

— ביאָלאָגיע און מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע.

— מאַשורא, וואָס ווילסטו ווערן?

— וואָס הייסט ווערן? איך בין שוין.

— וואָס ביזטו?

— אַ פּראָלעטאַרקע.

און מאַשורא טוט אַ הויב אויף דעם אויבערקערפּער, אַזש די ווייסע בלוזקע ציטערט. מאַשורא האָט זיך ליב צו באַוועגן מיט קראַפט. מאַשורא דאַרף האָבן אַ סך רוים. אַם בעסטן פילט זי זיך אין דער פרייער לופט. או—אוך! דאָרט קען מען זיך דאָס געבן אַ ריר!

— מאַשורא, וויפיל שלאָפסטו אַ נאַכט?

— אַ כפּרה. ווער וויל דאָס פאַרשלאָפן זיינע יאָרן?

* * *

איך בין געווען בא מאַשוראַ׳ן אין הויז. זי באַוואוינט אַ צימער מיט נאָך צוויי מיידלאַך אין שטאָט־טייל אַרבאַט, אפ׳ן אַכטן שטאָק. דאָס הויז האָט אַן עלעוויטאָר, אַרבעט ער נאָר ביז ניין. אַזוי ווי איך בין געקומען קורץ פאַר עלף, וואָרים פריער איז קיינער ניט געווען אין דער היים, האָב איך געמוזט גיין צופוס די הונדערט מיט צוועלף טרעפּ. דערפאַר האָבן די דריי מיידלאַך זיך באַרימט, אַז זיי האָבן אַ באַלקאָן, פון וואַנען מען זעט האַלב מאָסקווע. (דאָס הויז האָט אַמאָל געהערט דער בורזשואַזיע, איצט איז עס ווי אַ בינשטאָק אָנגעפּילט מיט פּראָלעטאַריער). מיר האָבן געטרונקען טיי אפ׳ן באַלקאָן.

פון די צוויי מאַשוראַ׳ס שכנ׳טעס איז איינע אַן אָנגעשטעלטע אין אַ קאַנטאָר (אָפיס) און איינע אַ פעלדשעריצע. די פעלדשעריצע איז פאַרנומען אין אַ האָספּיטאַל צוויי טעג נאָכאַנאַנד, דעם דריטן איז זי פריי. ווען זי איז פריי, קאָכט זי פאַר אַלע, און ס׳בלייבט געקעכץ אַף די איבעריקע צוויי טעג. קאָכן קאָכט מען אַף אַ פּרימוס — אַ קעראָסין־מאַשינקע, וואָס מען צעהיצט זי מיט ספּירט.

דער צימער איז ניט גרויס, אָבער ריין. פאַראַן אַ בעט, אַ קאַנאַפּע, צוויי שטולן, אַ טיש, אַ פּאָר קעסטלאַך, אַ פּרימוס, אַ באַלקאָן. פאַראַן אַ סך ביכער — אַלע דריי לייענען ביכער. אַף די ווענט — בילדער פון די פירער און אַ פּאָר לאַנדשאַפטן.

פון די צוויי מיידלאַך איז די אָנגעשטעלטע געווען אַ בלאָנדע, שוואַכלאַכע, בלאַסע באַשעפעניש פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, מיט פאַר׳חלומטע אויגן און לאַנגזאַמע זשעסטן. די פעלדשעריצע איז אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק — מיט קורצע געשאָרענע האָר, אַ האַרטן פּנים און אַ מענערשן אויסדרוק. מאַשוראַ האָט אויסגעזען שרעקלאַך יונג אין דער קאָמפּאַניע פון אירע שכנות. מ׳האָט געקענט גלויבן, אַז זי איז אַלט זעכצן יאָר. ס׳האָט זיך געדאַכט: אַ זאָרגלאָז קינד. אָבער צייטנווייז, ווען דער געלעכטער איז אַף איין מינוט פאַרשוואונדן פון׳ם פּנים, האָט מען געמערקט, אַז דאָס איז אַן ערנסטער מענטש, אַ מענטש מיט אַ ווילן און אַ וועג.

— מאַשוראַ, וואָס וועסטו מאָרגן טאָן?

— מאָרגן גיי איך אין נאַרקאָמזדראַוו (געזונט־קאָמיסאַריאַט). די קינדער־היים בא אונזער פאַבריק דאַרף האָבן א דאָקטאָר. ס'א סקאַנדאַל, וואָס מען דאַרף אזוי לאַנג וואַרטן.

מאַשוראַ טוט א פּאַך מיט ביידע קולאַקעס פון אויבן אַראָפּ, ווי זי וואָלט עפּעס אַריינגעקלאַפּט אין דער לופט מיט צוויי האַמערס. אין א מינוט אַרום לאַכט זי שוין ווידער, און די ווייסע ציין פינקלען אינ'ם גרויסן זאַפטיקן מויל.

— מאַשוראַ, זינג!

— מען שלאָפט שוין.

— בעבע ניט. ווער שלאָפט אין אזא נאַכט?

— וועט איר אונטערהעלפן?

— זינג שוין.

מאַשוראַ נעמט אָן א פולע ברוסט מיט לופט, און א הייסער שטיפערישער פאָלקס־מאָטיוו טאַנצט אַריין אין דער ווייסער וואַרטנ־דיקער מאָסקווער נאַכט. פון די נאָענטע צימערן באַפט מען אונטער דעם רעפרעין. אין א פּאָר מינוט אַרום זינגט שוין דאָס גאַנצע הויז.

— אי־ע־עך! — טוט מאַשוראַ א קוויטש אַרויס און צעשפּרייט אירע הענט. ס'דאַכט זיך, זי וויל אַראָפּשוועבן פונ'ם באַלקאָן.

* * *

מאַשוראַ זאָגט: זי האָט א מאַן. וואָס הייסט? אזוי: זי האָט א מאַן. שוין אַנדערטהאַלבן יאָר.

פאַרוואָס וואוינט זי ניט מיט אים?

טוט זי א וואָרף אָן א זייט איר קאָפּ, און דער ברוינער פּנים ווערט אײנגאַנצן באַדעקט מיט גאָלדענע פונקען, וואָס שפּריצן פון אונטער דער הויט.

— בורזשואַזער פאָראורטייל.

— אָבער, ווילסטו דען ניט לעבן מיט דעם, וואָס דו האָסט ליב?

— נו, טרעפן מיר זיך. וואָס נאָך? דאַרף מען דען כסדר מאָזאָליען איינער דעם אַנדערן די אויגן? אפשר גאָר אוועקשטעלן צוויי בעטן איינס לעבן צווייטן און איבערדעקן מיט איין קאָלדרע? כאַ־כאַ־כאַ!

עס דאַכט זיך: מאַשוראַ האָט קיינמאָל ניט געזען א קאָמישערע זאַך, ווי צוויי בעטן איבערגעדעקט מיט איין קאָלדרע.

— אָבער, ווען טרעפסטו אים, אז דו ביזט כסדר פארנומען?
— ניטשעווא, ס'געפינט זיך צייט. ווי זאָגט יענער געלערנטער:
„מען דארף נאָר קענען זיין דער מייסטער פון דער אייגענער צייט״.
דאָס איז נ.אָ.ט (נאַאוטשנאַיאַ אָרגאַניזאַציאַ טרודאַ. אַף ענגליש:
סייענטיפיק מענעדזשמענט).

מאַשורא נעמט אין אוניווערזיטעט א קורס אין נאָט.

— קענט איר מיר אפשר עפעס דערציילן וועגן טיילאָר־
סיסטעם? — פרעגט זי מיך, און איר העלער לאכנדיקער פּנים
באקומט דעם אויסדרוק פון א וואוילער, בראווער, געהאָרכזאַמער
שילערין אין קלאַס.

* * *

איך האָב געזען מאַשורא'ן אַף די וואָראָביאָווי בערג א זונטאָג
בייטאָג. פון דער הויך האָט מאָסקווע זיך אויסגעדאכט א געוועב פון
זילבער און איידלשטיינער אַף א גרינעם טעפּיך. דער טייך מאָסקווא
האָט זיך אונטן געצויגן ווי א בלאָער גארטל מיט פּערל־מוטער־
שפּראָנטשקעס.

יונגווארג האָט געשפּילט אַף א פעלד. מאַשורא צווישן זיי. אירע
האָר זענען געווען צעפלאָסן, איר פּנים פאררויטלט, אירע שלאַנקע
באָרוועסע פיס האָבן זיך געריסן פון אונטערן קליידל. זי האָט
אויסגעטאָן די רויטע פאטשיילקע, זי געהאַלטן אין האַנט און געמאכט
מיט איר אין דער לופט, נאַרנדיק צו זיך א כאַליאַסטרע בחורים, וואָס
האָבן זיך געווארפן אין אלע זייטן. ס'האָט געהייסן: ווער עס כאַפּט
מאַשורא'ן, דער וועט מיט איר טאַנצן. זי האָט געמאכט מיט דער
פאטשיילקע און געלאָפן, הינטער איר די צעהיצטע בחורים — און
ווייט איבערן פעלד האָט געדודלט דאָס געלעכטער.

אויבן האָבן ווייסע וואָלקנדלאך געטאַנצט אינ'ם הייסן מאָסקווער
זומערדיקן הימל.

פון אלע זייטן האָט געקלונגען:

— מאַ־שו־רא! מאַ־שו־רא!

.1924

מאָסקווער בילדלאַך.

טווערסקאיא פּלאַשטשאַד. זומער פאַרנאַכט. רעכטס — אַ קלויסטער, לינקס — פּושקינ'ס דענקמאַל. פון ביידע זייטן — בולוואַרן. אין די בוימער לויערט שוין אַ לייכטער נעבל. ס'האָבן אויפגעפּערלט די געלבלאָך־בלאָע עלעקטרישע לאָמפּן. איבער אַלצדינג — אַ שטילער וואַרימער הימל. אין אַלצדינג—אַ שטילע ביינקשאַפט.

דער פּלאַץ איז אַ צענטראַל־פּונקט פאַר די טראַמוואַיען. אַהער קומען זיי אָן פון אַלע זייטן שטאָט און פון דאַנען צעקריכן זיי זיך אומעטום. אין איין אָרט, הארט לעבן סקלאַד פונ'ם לענינגראַדער מלוכה־פאַרלאַג, גייען זיך די רעלסן פאַנאַנדער. אַן אַרבעטערקע זיצט אַף אַ ביינקל און האַלט אין האַנט אַן אייזערנעם שטעקן. ווען דער וואַגאָן דאַרף גיין לינקס צום בולוואַר־רינג, שטעקט זי אַריין דעם שטעקן אין דער קאַליע און פירט אַריבער דעם עק פונ'ם רעלס.

אָט דאָס איז איר אַרבעט. זי זיצט און פירט אַריבער די וואַגאָנעס פון איין ליניע אַף דער צווייטער. אַרום און אַרום קאָכט דער פּלאַץ. ס'שיטן זיך מענטשן. ס'קריכן וואַגאָנעס — יעדערער מיט זיין באַלויכטענעם נומער. ס'רוישן די בוימער פון די בולוואַרן. עט אויבן האָט אַ צלם אַף אַ קירך נאָך אויפגעכאַפּט אַ לעצטן זונ־שטראַל. אונטן איז שוין טונקל. איבער דעם פּלאַץ און איבער די בולוואַרן פאַרשפּרייט זיך יענער איינגעהאַלטענער אומעט, וואָס איז ווי אַ רוף צו ווילדער פרייד און וואָס נאָר אין רוסלאַנד קען מען אים פילן. די אַרבעטערקע אַפּ'ן ביינקל, מיט'ן אייזערנעם שטעקן אין האַנט, רעדט עפּעס מיט צוויי מיידלאַך, וואָס שטייען דערביי. דער־נאָך הויבן אַלע דריי אָן זינגען.

עס שפּרייט זיך דער אָוונט. ס'גייען מענטשן. ס'קלינגט דאָ און דאָרט אַ גלאָק אַף אַ טורעם. ס'שווימען פאַרביי די באַלויכטענע וואַגאָנעס — און די דריי מיידלאַך זינגען. דריי קלינגענדיקע יונגע שטימען פלעכטן זיך צוזאַמען, לייגן זיך אויס ווי אוזאָרן איבער דעם גרויסן טונקלאַכן פּלאַץ, גייען אַוועק אין די בולוואַרן. מענטשן.

מענטשן קוקן זיך אום, מענטשן קוקן ארוים פון די וואַגאָנעס. די מיידלאַך זינגען. דאָס ליד איז אַן אומעטיק רוסיש ליד און איז ווי אַן אייביק־נאָגנדיקער הונגער נאָך לעבן, נאָך לוסט.

ניט ווייט, אינמיטן פאַר־וועג, שטייט אַ מיליציאָנער (פּאָליסמאַן) מיט אַ רויטן שטעקעלע אין האנט. דער יונג איז הויך און שלאַנק — און די קליידער פּאַסן אים גוט. ער גיט אכטונג, אַז וואַגנס און אַטאָ־מאָבילן זאָלן פאָרן „ריכטיק": אין איין ריכטונג אויף דער רעכטער זייט וועג, אין אַן אנדערער — אויף דער לינקער. ווען ס'ווערט אביסל ווייניקער וואָגנס, הויבט ער אויך אָן זינגען. ער האָט אַ געזונטן העלן טענאָר, און זיין שטים איז ווי אַ ווייכער הינטערגרונט פאַר די מיידלשע שטימען. צוזאַמען ווערט דאָס אַ גוטער כאָר.

עטלאַכע פּאַסאַזשירן שטייען און וואַרטן אויף וואַגאָן נומער 27, וואָס פאָרט אין ראָגאָזשסקע פאַרשטאָט. אייניקע פון די פּאַסאַזשירן שטייען צו צום כאָר. עס זינגען שוין אַ צוועלף — פופצן מענטשן. פון אַן אנדער זייט פּלאַץ רופט זיך אָן אַ זייער יונגע דינע שטימע. באַלד דאכט זיך, אַז ס'זינגט די גאַנצע טווערסקאיא פּלאָשטשאַד.

ס'מינען זיך עלעקטרישע לאָמפּן. עס בלאָזט אַ שטיל ווינטעלע אין די בלעטער. וואַגאָנעס קומען און גייען. אָבער דאָס אַלץ איז אויסגעמישט מיט שטילקייט, ארומגעצאַמט מיט שטילקייט. אין דער שטילקייט וועבט זיך אַ ליד און לייגט אַ קאָלירנדיקן געשליינגעלטן וועג אין דער לופט.

אויבן הייננגט אַ בלאָער מאָסקווער הימל און זאָגט צו, אַז טאָג איז ניט ווייט.

* * *

„קויפט בלומען!"

אַ חברה רינגלט מיך ארום פון אַלע זייטן.

„בירגער! טייערע לאַנדישן, פרישע, אָקאָרשט געזאַמלטע לאַנ־דישן!"

„בירגער! טולפּאַנען, גרויסע שיינע טולפּאַנען, — קוקט נאָר, קוקט!"

„סירען, בירגער, סירען (לאַילאַק), נאָר פופציק קאָפּיקעס פאַר אזא גרויסן בונט!"

„רויזן, רויטע, בלוט־רויטע רויזן, די קעניגינס פון אַלע בלומען!"

איך שטעל זיך אָפּ אַפּ'ן רויזן־פּאַרקויפער.

„איר האָט פאַרניכטעט די מאָנאַרכיע,” זאָג איך אים, „און איצט רעדט איר גאָר פון קעניגינס.”

יענער, אַ יונגער בחור מיט צעפּאַטלטע האָר און אַ קלוגן פּנים, טוט אַ גלאַנץ מיט אַ פולן מויל ווייסע ציין און רופט זיך אָן:

„מיר האָבן איבערגעלאָזט צווייערליי קעניגינס: די קעניגין פון מיין הארצן און די קעניגין פון בלומען — און אין דעם פּרט וועלן מיר פאַרבלייבן מאָנאַרכיסטן אפילו אין קאָמוניזם.”

מירביידע לאַכן — און ווערן פריינט.

איך קויף בא אים אַ בינטל רויזן און באַצאָל אַ רובל. מיר וואַרפן זיך איבער מיט נאָך אַ פּאָר ווערטער און איך לאָז זיך גיין צו סאַדאָוואַיאַ גאַס. איך בין שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק טריט, ווען איך דערהער שנעלע טריט הינטער מיר. עמיצער לויפט מיר נאָך. דער בחור מיט די צעפּאַטלטע האָר יאָגט מיך אָן.

„האָט ניט קיין פּאַראַיבל”, זאָגט ער, „זענט איר אפשר ניט אַן אויסלענדער?”

„פון וואַנען האָט איר דאָס דערקענט?” פרעג איך.

„עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען עס ניט באַצייכענען מיט ווערטער. ס'פילט זיך.”

„יאָ, איך בין אַן אויסלענדער, אַן אַמעריקאַנער”.

„אפשר אַ דעלעגאַט?”

„יאָ, אַ דעלעגאַט.”

דער בחור רוקט אַריין אַ האַנט אין קעשענע, גריבלט זיך אין קליינגעלט און שטופּט מיר אין האַנט אַריין צוואַנציק קאָפּיקעס.

„אויב איר זענט אַ דעלעגאַט,” זאָגט ער, „צאָלט איר וויי‏ניקער מיט צוואַנציק פּראָצענט פאַר געקויפטע סחורות.”

איך האָב אים געזאָגט: „אַ דאַנק, חבר!” און גענומען דעם פּערציקער. איך האָב אים נאָך ביז'ן היינטיקן טאָג.

* * *

צוויי אַזייגער פּאַרטאָג. מזרח זייט איז שוין אָנגעצונדן מיט אַ בלאַסן ראָזן ליכט. אין די בולוואַר־ביימער צוויטשערן די ערשטע פויגלען. אַ ווייס ליכט איז אויסגעשפּרייט איבער מאָסקווע. ס'איז דער סוף פון אַ דורכזיכטיקער נאַכט, וואָס איז ניט געוואָרן פינצטער.

די לופט איז פייכט, די הייזער שטייען שטילע, וויסנדיקע, מיט אָפענע אויגן.

מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין די גאַסן — איך און אַן ענגלישער חבר. מיר האָבן זיך פאַררעדט — און פּלוצלונג האָבן אונז אַרומ־גערינגלט אומבאַקאַנטע הייזער אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. די גאַסן זענען ליידיק. וועמען פרעגט מען? קיין פּאָליציי איז אַזוי גוט ווי ניטאָ באַנאַכט אין מאָסקווע.

מיר גייען ווייטער. ס'איז גוט צו גיין אין מאָסקווע אין די שטילע שטונדן פון פאַרטאָג. אין אַזאַ צייט פילט איר דייטלאַכער ווי שטענדיק, אַז מאָסקווע איז נאָר אַ גרויס דאָרף פאַנאַנדערגע־וואָרפן צווישן ברייטע סטעפּעס און וועלדער. מאָסקווע — אַ שותּף צו גרינע לאָנקעס און שטילע טייכן.

מיר גייען און קוקן און שווייגן — אַליין פאַרטרונקען אין מאָסקווער שטילקייט.

ענדלאַך — טריט. ס'גייט אַן עלטערער מענטש מיט דריי גרויסע ביכער אונטער דער פּאַכווע.

מיר פרעגן אים דעם וועג. איך רייד רוסיש און דערקלער מיין פריינט אַף ענגליש.

דער אומבאַקאַנטער טוט אַ גלאַנץ מיט די אויגן.

„איר זענט ענגלענדער?” פרעגט ער.

מיר דערקלערן אים, ווער מיר זענען.

„לאַנג פון אַמעריקע?”

מיר ענטפערן אים דאָס אויך.

„איילט איר זיך אַהיים?”

מיר זאָגן דעם אמת, אַז מיר איילן זיך ניט: ס'איז דאָ צייט.

„וועט איר אפשר אריינגיין צו מיר אַף טיי? איך וואוין דאָ ניט ווייט.”

מיר קוקן זיך איבער מיט'ן חבר און ס'בלייבט — מיר גייען.

אין עטלאַכע מינוט אַרום זיצן מיר שוין אין אַ הויז לעבן אַן אָפענעם פענצטער. אין צימער איז דאָ אַ סך ביכער, אַ גרויסער טיש, אַ קושעטקע, שטולן.

מיר צערעדן זיך. אונזער גאַסטפריינט שטעלט פראַגן וועגן אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַל, וועגן הימלקראַצערס, וועגן פּרעריעס און וועגן

אינדיאַנער. דער מאַן איז אינטעליגענט. ער האָט געלייענט און גע־
טראַכט. מיר ווייסן ניט, ווער ער איז. מיר פרעגן ניט. מיר זעען
נאָר אַ מענטשן, וואָס איז פול מיט גליענדיקן אינטערעס צום ווייטן
לאַנד אַף יענער זייט ים און וואָס פרייט זיך מיט זיינע געסט.

די זון האָט שוין אַריינגעשיינט אין די פענצטער. ס'איז געווען
גרויסער טאָג. דראָזשקעס האָבן געקלאַפּט איבער דער גאַס. מיר
האָבן געטרונקען די זעקסטע גלעזער טיי — און גערעדט וועגן אַמע־
ריקע. דער מאַן האָט געהאַט אַ געלע באָרד און אַ קאָפּ אייזן־גראָע
האָר און אויסגעזען האָט ער, ווי אַ געזונטער פּויער. ס'האָט זיך
אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ ניש'קשה'דיקן באַגריף וועגן אַמעריקע,
כאָטש ער קען ניט קיין ענגליש.

ווער ער איז, האָבן מיר אים אַלץ ניט געפרעגט. צו וואָס?

און אַזוי ווייס איך עד היום ניט, באַ וועמען מיר זענען געווען
אין געסט און געטרונקען טיי.

ס'איז שוין געווען אַרום אַכט אַזייגער, ווער ער האָט אונז צוגע־
פירט צום האָטעל.

חבר פּאָטיאָמקין באַ די ווייסע.

— סטאָי! סטאָי! הער אויף! הער אויף!

איך האָב אַ פאַרוואונדערטער זיך אומגעקוקט אַף מיין שכן.

— הער אויף! הער אויף! צו־אַל־די־שוואַרצע־יאָר!

איך האָב אַלץ ניט פאַרשטאַנען, וואָס יענער מיינט.

אין אַ סעקונדע האָט ער זיך אַ וואַרף געטאָן אַף מיר און מיך
אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט.

— הער אויף פּויקן מיט די פינגער! טייוול! אַר־ר־ר!

אַן אומצופרידענער, מיט אַ בייזן „וואָס ווילסטו" אַף די ליפּן,
האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דעזען האָב איך אַ בלאַס פּנים,
ווייס ווי פּאַפּיר, אויסגעשטשירעטע שאַרפע ציין פאַרביסן אין אַ
ווילדער גרימאַסע, און אַ פּאָר משוגענע אויגן, וואָס זענען געקראָכן

פון די לעכער. מ'וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז דער זעלבער פּאַ־טיאָמקין, וואָס איז אַקאָרשט אַזוי פרידלאַך געזעסן לעבן מיר אַף אַ באַנק אינ'ם קרעמל און גערעדט וועגן דער שיינקייט פון מאָסקווע. זיינע הענט, וואָס האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין מיינע פינגער, האָבן געציטערט. פון מיינע פינגער האָט די ציטערניש זיך איבערגעגעבן צו מיינע אָרעמס, און האָט זיך ווי געגאָסן אין מיין קערפּער. זיין אָטעם איז געווען שווער און האַסטיק און האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל מיט אַ סווישטש.

איך האָב געפּרופט אַ טראַכט טאָן, מיט וואָס איך האָב געקענט צערייצן דעם מענטשן. ס'איז געווען אַן איבערדרייס אין דער זיצונג פון דעם רוסלענדישן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. די דעלע־גאַטן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַף צוויי שעה. איך און פּאָטיאָמ־קין האָבן זיך געהאַט אָוועקגעזעצט מיט'ן רוקן צום אַנדרעיעווסקי פּאַלאַץ און מיט'ן פּנים צום טייך מאָסקווע. ס'איז געווען נאָכמיטאָג, די זון האָט געגליט, די לופט האָט געדרעמלט, מיר ביידע, אויסגע־מאַטערטע פון אַ לאַנגער זיצונג און צעוואַרימטע נאָכ'ן מאָלצייט מיט'ן הייסן באָרשטש, האָבן פויל און פרידלאַך געשמועסט צווישן זיך, ביז דער שמועס האָט אויך אָנגעהויבן דרעמלען. איך האָב גע־קוקט אַף דער גראָער וואַסער פונ'ם געשליינגלטן טייך, אַף די קליינע שיפלאַך, אַף די העל־פאַרביקע בנינים פון יענער זייט וואַסער, אַף די וועלדער, וואָס קוקן אַראָפּ פון די די וואָראָביאָווי בערג — און דאָס בילד האָט אָנגערירט מיין האַרץ מיט אַ שוידער פון שיינקייט. איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי איך האָב צוגעלייגט דעם מיטלסטן פינגער פון מיין האַנט צום גראָבן פינגער און גענומען קנאַקן — ווי מען טוט דאָס, ווען מען שפּילט מיט אַ פּיצל קינד. ס'איז אַן אַלטע געוואוינהייט בא מיר — איך הויב אָן קנאַקן מיט די פינגער אַלעמאָל, ווען עפּעס געפעלט מיר, נאָר איך וויל ניט ריידן. אַ שלעכטע געוואוינהייט. אָבער איז דאָס מעגלאַך, אַז זי האָט אַזוי אויפגערייצט פּאָטיאָמקינ'ען ?

יענער האָט אַלץ געהאַלטן מיינע הענט, געציטערט און געסאָפּעט מיט אַ פייף.

מיר איז געוואָרן אומהיימלאַך.

— וואָס איז מיט דיר? — האָב איך געפרעגט און זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט.

פּאָטיאָמקין האָט ניט געענטפערט. איך האָב דערפילט, אַז ער האַלט זיך קוים אויף די פיס. איך האָב אים אוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אויפגעשפּילעט דעם קאָלנער פון זיין בלוזע, כדי ס'זאָל אים זיין גרינגער צו אָטעמען, צוגעשפּאַרט זיין קאָפּ צום רוקן פון דער באַנק. זיין פּנים איז נאָך אַלץ געווען ווייס, געלבלאַך ווייס. איצט האָט ער איינגאַנצן פאַרמאַכט די אויגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַלט חלשות. אָבער זיין האַנט האָט נאָכאַנאַנד געציטערט. זיין האַנט האָט זיך געקלאַמערט אָן מיינער. איך האָב זיך געפילט זייער אומבאַקוועם, זיצנדיק לעבן אים, אָבער אוועקגיין האָט זיך מיר ניט געוואָלט. איך האָב געטראַכט, אַז טאָמער ווערט אים ניט בעסער, וועל איך דאַרפן רופן אַ דאָקטאָר.

ס'איז אוועקגעגאַנגען אפשר צוואַנציק מינוט און אפשר אַ האַלבע שעה. פּאָטיאָמקינ'ס אָטעם איז געוואָרן לייכטער, דער ציטער — שוואַכער. ס'האָט זיך געדאַכט: ער קומט צו זיך. ענדלאַך האָט ער אויפגעעפנט אַ פּאָר זינלאָזע אויגן, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טיכעלע און אָפּגעווישט דעם שוים, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף זיינע ליפּן.

ווען דער געדאַנק האָט זיך אומגעקערט אין זיינע אויגן, האָט ער קריינקלאַך אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגעשטאַמלט:

— אַנטשולדיק מיר, דו האָסט דאָך ניט געוואוסט, אַז איך קען דאָס ניט פאַרטראָגן.

— דאָס קנאַקן?

— יאָ. דאַכט זיך — אַ קלייניקייט, אָבער אויף מיר האָט עס אַ שרעקלאַכע ווירקונג.

— עפּעס פאַרבונדן דערמיט? אַן ערינערונג? אַ שווערע איבער־לעבונג?

פּאָטיאָמקין האָט ניט געענטפערט און ווידער פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב אים געלאָזט צורו.

אָבער דעמזעלביקן אָוונט, ווען מיר האָבן געהאַט אָפּגעטרונקען די לעצטע קאַלטע גלעזער טיי אין מיין צימער אין האָטעל „לוקס", אַפּ'ן פינפטן שטאָק, און דער גרינער פאַרטאָג האָט זיך שוין גע־

שלייכט איבער דעם מאָסקווער הימל אינמיטן דער גראָער שיטערער פינצטערניש, און אַלץ ארום איז געווען באַהוטזאַם־שטיל, נאָר עט־ ווייט האָט זיך געהערט דאָס טאַראַכקען פון אַ איזוואָשטשיק איבער די שטיינער פונ׳ם ברוק, און פון די בולווארן האָט זיך געטראָגן אַ טויאיקער זיסער ריח פון בליענדיקע בוימער, האָט מיר פּאָטיאָמקין דערציילט די מעשה, ווי אזוי ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר׳ן קנאַקן מיט די פינגער.

פּאָטיאָמקין האָט אַ שמאָל אויסגעצערט פּנים מיט אַ לאַנגן גראָלאַכן בערדל, און אין זיינע אויגן ליגט פארבאָרגן יענער איינ־ געגעסענער צער, וואָס מען מערקט אים כמעט בא אַלע באָלשעוויקעס. פּאָטיאָמקין איז פון דער אַלטער גווארדיע. ער איז נאָך געווען אַ לעניניסט אין יאָר 1904, ווען ער האָט געשטודיט אין קיעווער אוני־ ווערסיטעט. ער איז אַמאָל געזעסן אין קיעווער טורמע אין איין צייט מיט מיר. טאַקע צוליב אָט־די געמיינזאַמע פאַקטן פון פאַר־ גאַנגענע יאָרן האָבן מיר זיך גאַנץ גיך באפריינדט אַף דעם קאָנגרעס. איז דאָס דען ניט מאָדנע, וואָס אפילו אַלטע באָלשעוויקעס האָבן ליב צו דערמאָנען די ערטער פון זייערע ערשטע יוגנטלאַכע ארויסטרעט־ טונגען אַף׳ן פעלד פון געזעלשאַפטלאַכער ארבעט? ווען מיר האָבן געשמועסט פון אַמאָל, האָבן מיר מערסטנס גערעדט פונ׳ם דניעפּר מיט דעם וולאַדימירסקי בערגל, מיט די דאַטשעס פון סוויאַטאָשינאַ, מיט די אַקאַציעס אַף קליין־וואַסילקאָווער — און גאָר ווייניק האָבן מיר גערעדט פון דער לוקיאַנאָווער טורמע.

פּאָטיאָמקין איז איצט אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק. זיינע בלאָנדע האָר זענען נאָך ניט גראָ, זיינע טונקעלע אויגן זענען יונג, זיינע באַ־ וועגונגען זענען שנעל און ענערגיש, אָבער אַף׳ן פּנים ציען זיך צוויי לענגלעכיקע קארבן אַף ביידע זייטן פון דער נאָז. דאָס האָבן צייט און ליידן פארטיפט אָט־די גראָבנס. דאָס זענען צייכנס פון אַ סך שלאָפלאָזע נעכט אָנגעפילט מיט געדאַנק, צווייפל, זוכעניש, זאָרג פאַר אַ וועלט מיט מענטשן. פּאָטיאָמקינ׳ס קול האָט שוין אָנגעוואָרן די יוגנטלאַכע פרישקייט. דאָס קול איז געלאַסן, הייזעריקלאַך, פאַר־ זיכטיק, און עס פארמאָגט עפּעס אזאַ מין ק י י ל ע כ ד י ק י י ט, וואָס דאָס באַגעגנט זיך נאָר בא עלטערע מענטשן.

פּאָטיאָמקין האָט מיר דערציילט:

„אין מאַי, 1919, האָט דער קאַמף צווישן דער רויטער אַרמיי און די קאָלטשאַקיסטישע קרעפטן געפלאַקערט גאַנץ שטאַרק אַף דער זייט אוראַל, צווישן אופאַ און סאַמאַראַ. אַ גאַנצע ריי שטעט: בעלע־בעי, בוגורוסלאַן, בוזולוק און אַ סך קלענערע זענען אָפט איבער־געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. עס האָט זיך שוין געפילט, אַז אונזערע כחות ווערן אַלעמאָל שטאַרקער, אָבער דער שונא האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ גרויסע קראַפט. אונזער גרעסטע האָפנונג איז געווען — אַן אויפשטאַנד פון די מאַסן הינטער דער פראָנט־ליניע פון די ווייסע. אַן אויפשטאַנד האָט אָבער געדאַרפט געפירט ווערן פון אונזערע מענטשן לויט אַ געוויסן פּלאַן. מיר האָבן געדאַרפט זיין ניט נאָר די יעניקע, וואָס שטייען אָן דער שפּיץ פון די אויפשטאַנדן: מיר האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירן די אויפשטאַנדן גופא און זיי פאַרבינדן איינער מיט'ן צווייטן. דעריבער האָבן מיר שטענדיק איבערגעלאָזט אייגענע מענטשן, קאָמוניסטן, הינטער דער ליניע פונ'ם שונא, אין די ערטער, וואָס זענען געווען פאַרנומען פון זיינע אָטריאַדן. די איבער־געבליבענע אומלעגאַלע קאָמוניסטן האָבן געדאַרפט אָנהאַלטן אַ גע־היימע פאַרבינדונג איינער מיט'ן צווייטן און מיט דער נאָענטסטער הויפּט־קוואַרטיר פון דער רויטער אַרמיי."

איך האָב באַמערקט פּאָטיאָמקינ'ען, אַז די דאָזיקע פאַקטן אין דער געשיכטע פונ'ם בירגער־קריג זענען מיר באַוואוסט, און אַז ס'וואָלט בעסער געווען, ער זאָל איבערגיין צו דער געשיכטע גופא. ער האָט אַף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע טונקעלע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אַ מאָדנע נעבלדיקן אויסדרוק אין אָט־דער גרינער פאַרטאָגע־דיקער שעה, און האָט ווייטער גערעדט:

„אין איינער פון די שטעט בין איך געווען פאָרזיצער פונ'ם רע־וואָלוציאָנערן קאָמיטעט*). ווען מיר האָבן איינגעזען, אַז די שטאָט קען זיך ניט האַלטן, איז געבליבן, אַז אַלע אונזערע זאָלן זיך עוואַקו־אירן — אַחוץ פיר קאָמוניסטן. איך בין געווען איינער פון די פיר.

---

*) די רעווקאָמען (רעוו. קאָמ.) האָבן די באָלשעוויקעס איינגעפירט אין די אָקאָרשט איינגענומענע שטעט. זיי האָבן געדינט אַנשטאָט אַ רעגירונג ביז דאָס לעבן האָט זיך באַרואיקט. זיי האָבן געהאַט די מאַכט פון אַ מיליטער־געריכט אין קריגס־צייט.

די איבעריקע דריי זענען געווען: ערשטנס, אַ שמיד אין אַ דער־בייאיקן דאָרף, וואָס מיר האָבן גערעכנט, אַז ס'וועט אַף אים ניט פאַלן קיין חשד, ווייל אין שטאָט האָט ער זיך זעלטן געוויזן; צווייטנס, אַ כינעזער, וואָס האָט לפּנים געהאַנדלט מיט צוקערוואַרג און קוואַס און האָט געהאַט אַ קרעמל אינמיטן מאַרק; דריטנס, אַ לערערין פון אַן אָנפאַנג־שול, אַ קורץ־געוויקסיקע עלטערע מיידל מיט אַ פּנים פון אַ מאַנאַשקע. די דאָזיקע דריי האָבן געדאַרפט אַרויס־העלפן מיט אַ צימער, מיט איבערשיקן אַ בריוול אָדער איבערגעבן אַ מעלדונג. די פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַף מיר. דער פּלאַן איז געווען, אַז איך זאָל זיך וואָס נענטער פאַר־בינדן מיט די ווייסע, אויב מעגלאַך, זאָל איך אַריינדרינגען אין זייער אַרמיי; אויב מעגלאַך, זאָל איך אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד פון דער ווייסער אַרמיי גופא. ווי דו זעסט, איז דאָס ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע.

„מיין לאַגע איז געווען אַן אויסערסט געפערלאַכע, ווייל אין די עטלאַכע וואָכן, וואָס מיר האָבן געהאַלטן די שטאָט, האָט מען מיך אָפט געזען אין די גאַסן, און הונדערטער מענטשן זענען איבערגעווען אין מיין קאַנצעלאַריע: ס'האָט זיך געקענט טרעפן, אַז עמיצער זאָל מיך דערקענען. פון דער אַנדערער זייט האָב איך גערעכנט אַף אַ פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ן עפעקט: איך האָב געהאַט אַ מעגלאַכקייט זיך אַזוי פאַרשטעלן, אַז ס'זאָל גאָר קיינעם ניט איינפאַלן צו טראַכטן וועגן דעם פאָרזיצער פונ'ם רעווקאָם.״

— האָסט אָפּגעגאָלט די באָרד און וואָנצעס? — האָב איך גע־פרעגט.

„דאָס אויך. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. איך האָב אויס־געגראָבן מיין אַלטן אָפיצערסקן מונדיר, וואָס איך האָב געטראָגן אין דער צאַרישער אַרמיי — איך האָב דיר פאַרגעסן דערמאָנען, אַז אין 1915 האָט מען אַף מיר מיט געוואַלט אַרויפגעצוואונגען דעם טשין פון אַ פּראָפּאָרשטשיק — און האָב אַרויסבאַקומען מיין אַלטן פּאַס־פּאָרט מיט'ן נאָמען קניאַז פּאָטיאָמקין. ווען אונזערע זענען אַוועק, האָב איך זיך אַרומגעגאָלט, אָפּגעשוירן די האָר פונ'ם קאָפּ גאַנץ נידעריק, אָנגעפּודרעט און אָנגעפּאַרפומעוועט דעם פּנים און זיך פאַר־צויגן אין דעם צאַרישן מונדיר. אין אַזאַ געשטאַלט וואָלטן מיך אַפילו

די נאָענטסטע מענטשן ניט דערקענט. פירשט פּאָטיאָמקין, געוועזענער אָפיצער פון דער צאַרישער אַרמיי. ווער קען נאָך זיין בעסער ווילקאָמען בא די ווייסע?"

„איבריקענס איז אַזאַ ענדערונג פון פּנים'ער און קליידער פּאָרגעקומען איבער דער גאַנצער שטאָט. ווי נאָר די לעצטע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי זענען פאַרשוואונדן הינטער די טויערן פון שטאָט און די לעצטע אויטאָמאָבילן מיט אונזערע דאָקומענטן און ליטעראַטור האָבן אויפגעהערט הילכן אַפּ'ן שטויביקן אַרויספאָר, איז אַ קאַלטער פּחד געפאַלן אַף די אָרטיקע אַרבעטער פון די צוויי זאַוואָדן און אַף אַלע אונזערע פריינט. מיט פינצטערע פּנים'ער און מיט שנאה אין די ברענענדיקע אויגן האָבן זיי זיך פאַררוקט אין זייערע הייזער, אין לעכער און קעלערס אונטער די הייזער: מ'איז געזעסן און מ'האָט געוואַרט אַף בלוטיקער געוואַלט. דערפאַר וואָס פאַר אַ נחת עס האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן דער „פיינער" געזעלשאַפט! מיט וואָס פאַר אַ ברייטקייט דער סוחר פּיעסטראַדין האָט זיך אומגעקערט צו זיין מאַנופאַקטור־געשעפט, וואָס מיר האָבן געהאַט קאָנפיסקירט! מיט וואָס פאַר אַ פעטער צופרידנקייט האָט ער אָנגעשריבן מיט קרייד אַף די טירן: „טאַרגאָווליאַ פּערוואַי גילדיאַי קופּצאַ פּיעסטראַדינאַ!"*)
ווי ברייט און צופרידן דער בישאָף פון דער שטאָט האָט געשלעפּט זיין בויך איבער דער הויפּט־גאַס, הויבנדיק אַ שטויב מיט זיין לאַנגן אויבערמאַנטל, בלישטשענדיק מיט דעם גרויסן גילדענעם צלם אַף דער ברוסט און שיקנדיק ברכות אַף רעכטס און אַף לינקס. פון וואַנען האָט זיך גענומען דער אַמאָליקער פּריסטאַוו אין אַ שפּאָגל נייעם מונדיר, מיט אַ שווערד באַם זייט און מיט שפּאָרן אַף די גלאַנציקע לאַקירטע שטיוול! יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ שטיקל אוניפאָרם פון אַמאָליקע צייטן, האָט עס אַרויפגעשלעפּט אַף זיין קערפּער: דוואָריאַנעס האָבן אָנגעטאָן היטלען מיט רויטע אָקאָלישקעס (ראַנדן), סטודענטן האָבן געבלישטשעט מיט זייערע גילדענע קנעפּ, באַאַמטע האָבן אָנגעטאָן פּאַראַדנע מונדירן. דער מיליציאָנער באַם בנין פונ'ם געוועזענעם איספּאָלקאָם*) האָט זיך ווי דורך אַ

---

*) דאָס געשעפט פונ'ם סוחר פונ'ם ערשטן גראַד פּיעסטראַדין.

*) עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם סאָוועט.

כשוף פֿאַרוואַנדלט אין אַ גאַראַדאָוואָי מיט אַ צאַרסקע מעדאַל אױף דער ברוסט. די הויפּט־גאַס איז געוואָרן פֿול מיט הערן אין פּאַנאַמעס און דאַמען אין ווייסע קליידער. מיט וואָס פֿאַר אַ העפלעכקייט מ'האָט געגריסט איינער דעם צווייטן! מיט וואָס פֿאַר אַ גיפֿט מ'האָט געשאָלטן די פֿאַרפֿלוכטע באָלשעוויקעס! מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרומקייט מ'האָט זיך גע'צלמ'ט, דאַנקענדיק זיין ליבן נאָמען פֿאַר דער באַפֿרייאונג! אַלע גלאָקן האָבן געקלונגען אין אַלע צוועלף קירכן. אין די עטלעכע אידישע הייזער האָט מען שוין געבראָכן שויבן. לעבן סאָבאָר (קאַטעדראַלע) האָבן שוין עטלעכע יונגען זיך געיאָגט נאָכ'ן אָרטיקן זייגערמייסטער גרינבלאַט. די פֿיינע דאַמען מיט די העפֿלעכע הערן האָבן גליקלאַך געשמייכלט. „מען דאַרף אָפּרייניקן די שטאָט פֿון דער זשידאָווסקער מגפֿה,” האָט געזאָגט דער פּריסטאַוו.

„און פֿריילאַך איז מען געווען. און גראַם האָט מען זיך געפֿילט. און בשעת אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָבן מענטשן מיט פֿאַרעקשנ'טע פּנימ'ער און פֿעסט צונויפֿגעדריקטע ציין געוואָרנט די ווייבער און קינדער, אַז מען זאָל ניט פּלאַפּלען, אַז מען זאָל ניט לויפֿן צו קיין שכנות, אַז מען זאָל ענטפֿערן: „איך ווייס ניט” אױף אַלע פֿראַגן, — און בשעת מ'האָט אין די קליינע נידעריקע הייזלאַך געברענט יעדער פּאַפּירל און פֿאַרגראָבן יעדן ביכל, האָט מען זיך אין די בורזשואַזע גאַסן געפּרעגלט אין פֿאַרגעניגן. „די אויסלייזונג קומט.”

„מאָלט אייך, זי האָט לאַנג ניט געדויערט. אָבער דערווייל האָבן די הערן געלעבט אַ טאָג.

„איז ווען אין אַזאַ בהלה־צייט עס באַווייזט זיך אױף דער הויפּט־גאַס, לעבן האָטעל „אָדעסאַ”, אַן „אַמעריקאַניש־ראַזירטער” אין אַ בלאָ־גראָען מונדיר פֿון אַ קאַוואַלעריסקי פּאָלק, מיט די שיינע קנעפּ, מיט די ברייטע שליפֿעס, מיט די הויכע שטיוול, מיט דער לאַנגער אָראָפּהיינגענדיקער שווערד, מיט דער גאַנצער פּאָמפּע פֿון אַ צאַרישן אָפֿיציר — ווער וועט זיך וואונדערן? ווער עמען וועט איינפֿאַלן, אַז דאָס איז דער ח ב ר אַ נ ד ר י י — פּאָרזיצער פֿונ'ם באָלשעוויסטישן רעווקאָם? און אַז פֿון דער אַנדערער זייט גאַס ווייזט זיך אַן אָטסטאַוונאָי גענעראַל*) אין אַ מונדיר מיט רויטן אונטערשלאַק,

*) גענעראַל אויסער דינסט.

איז דאָך נאַטירלאַך, אַז דער אָפיציר זאָל אים אָפּגעבן „טשעסט!״ און פאַרוואָס זאָל דער אַלטער גענעראַל מיט די מעדאַלן אויף דער ברוסט ניט פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם אָפיציר?

— מ׳וועט זיי דאַרפן אַריינשיטן, הייסינקע, מיין טייערער! — זאָגט צו מיר דער גענעראַל. — אַ קויל אין הינטן, זאָג איך אייך, וועט זיי מאַכן שפּרינגען.

און דער גענעראַל לאַכט זיך אונטער מיט אַ פעט געלעכטערל: „בע־בע־בע!״

„קען איך דאָך שוין ניט זיין גראָב און דאַרף אונטערהאַלטן דעם שמועס.

— איך האָב נאָר מורא, — זאָג איך, — אַז די רויטע סוואָלאָטשעס האָבן אַלע אָפּגעטראָגן זייערע ביינער.

„לייגט דער גענעראַל אַרויף זיין האַנט אויף מיין אַרבל און זאָגט מיר שמייכלענדיק:

— ניש׳קשה. איר׳ט אַמאָל געזען אַ בעט מיט וואַנצן? פון אויבן אויף דאַכט זיך — גאַנץ ריין. אָבער צינדט אָן אַ ליכט און טראָגט אונטער צו די ווינקעלאַך פון׳ם בעט, וועט איר דערזען, ווי די וואַנצן וועלן אָנהויבן אַרויסלויפן פון די לעכער. בע־בע־בע! אַביסל פייער — און מיר וועלן צו זיי דערגיין.

„בלייבט מיר שוין גאָר ניט וואָס צו ענטפערן, און מיר גייען ביידע צוזאַמען. איך וויל זיך ניט שיידן מיט׳ן גענעראַל, ווייל אַזוי בין איך זיכערער.

„און ווי מיר דערגייען צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטנ׳ס דענקמאָל (מיר האָבן געהאַט אָפּגעבראָכן דעם קאָפּ פון דער סטאַטוע, אָבער איצט ליגט אויף׳ן אָרט פונ׳ם קאָפּ אַ גרויסער בוקעט בלומען) דערהערט זיך אַ פּויקן־קלאַפּעריי, און מיין גענעראַל ציט זיך אויס און ווערט שטייפער.

— דאָס מיליטער קומט!

„שטייען מיר לעבן דענקמאָל, אויף דעם הויפּט־פּלאַץ פון דער שטאָט, און איך האָב אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן דאָס ווייסע מיליטער, וואָס קומט אַריין. אין דער שפּיץ פאָרט אַ קאַפּיטאַן אויף אַ פערד. הינטער אים צוויי ראָטעס סאָלדאַטן — ניט מער ווי דריי הונדערט. מיט זיי — 4 קוילן־וואַרפער און אַ קליינע קאַנאָנע. הינטן — עטלאַכע

פורן מיט אָנגעוואָרפענע קעסטלאַך און קלומקעס. הינטן — נאָך אַ פור מיט מענטשן — גערדיכט אָנגעזעצט איינער לעבן צווייטן. די פור איז באַוואַכט פון זעקס סאָלדאַטן מיט בלויזע שווערדן.

„איך וועל אייך ניט דערציילן די פּרטים, ווי אַזוי דער גענעראַל און איך האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם קאָמאַנדיר, ווי אַזוי איך האָב דערקלערט די סבה פון מיין אָנוועזנהייט אין דער שטאָט, ווי אַזוי די פיינע לייט האָבן אָפּלאַדירט דעם מיליטער און געקושט די פאַר־שטויבטע און פאַרשוויצטע סאָלדאַטן, ווי אַזוי מ'האָט טאַקע דאָ אַפּ'ן פּלאַץ געפּראַוועט אַ גאָטעס־דינסט און אַלע האָבן געזונגען. קורץ: צוויי באַטאָג איז דאָס מיליטער אַריין אין שטאָט, דריי באַטאָג האָט דער שטאַב פונ'ם מיליטער — דער קאַפּיטאַן מיט דריי נידעריקערע אָפיצירן און אַ שרייבער — זיך באַזעצט אין האָטעל „אָדעסאַ". אַביסל נאָך דריי האָבן די סאָלדאַטן באַקומען אַ וואונק, אַז זיי קענען אַ הוליע טאָן אין די אָרעמע קווארטאַלן, — און אַרום פיר האָט מען מיך איינגעלאַדן אין שטאַב.

„איך שטעל מיך פאָר, אַז עפּעס האָט אין מיין האַלטונג באַאומ־רואיקט דעם קאָמאַנדיר. מעגלאַך, אַז ער האָט אַליין ניט געוואוסט, אַז אים איז פּריקרע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיך ספּע־ציעל איינגעלאַדן, כדי צו באַרואיקן זיינע ספקות. ער האָט מיט מיר גערעדט אפשר מער ווי אַ האַלבע שעה, אָנגעקוקט מיינע דאָקו־מענטן, זיך אויסגעפרעגט וועגן דעם פאָלק, וואו איך האָב פריער גע־דינט, וועגן מיין משפחה. איך האָב אים געגעבן די גענויסטע אינ־פאָרמאַציע, ווייל דאָ איז ניט געווען קיין שווינדל. איך האָב אים געענטפערט אַף אַלצדינג.

„דער קאָמאַנדיר איז געווען אַ חברה־מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ ווייבער, ווי טייג. עס האָט אויסגעזען, ווי זיין קערפּער וואָלט געווען אָנגעגאָסן אינ'ם גראָען מונדיר און זיין פּנים וואָלט זיך גע־וויגט אַהין און אַהער, ווי אַ שטיק טייג. אַף אָט דעם פּנים זענען געזעסן צוויי קליינע חזר'שע אויגעלאַך, וואָס האָבן דורכגענומען, ווי שפּיזלאַך. קיין ליפּן האָט ער ניט געהאַט: זיין מויל האָט אויס־געזען ווי אַ שניט אין אַ קיילעכדיקן שטיק טייג — און דאָרט, וואו ס'האָט געדאַרפט זיין די אויבערשטע ליפּ, זענען געוואַקסן געלב־לאַכע שטייפע הערלאַך, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען אַף ביידע זייטן.

„איך בין ניט קיין קינסטלער און ניט קיין פּיזיאָנאָמיסט, נאָר פון די ערשטע עטלאָכע מינוט האָב איך דערפילט, אַז דאָס איז אַ שפּין — אַ באַשעפעניש, וואָס זויגט בלוט און ווערט ניט אויפגע־רעגט. קאַפּיטאַן פּראַלאַוו האָט זיך קיינמאָל ניט געערגערט: גע־רעדט פּאַוואָליע, געפאָרן פּאַוואָליע, געהויבן אַ האַנט פּאַוואָליע, גע־צויגן די ווערטער. ס'האָט זיך גערדאַכט, אַז ער שלאָפט מיט אָפענע אויגן. ס'האָט זיך גערדאַכט, אַז ער קייט עפּעס אין זיין ברייטן מויל — אַלעמאָל האָט ער געעפנט און פאַרמאַכט דעם לאָך פון זיין מויל, ווי אַ פיש. אַמאָל האָט ער אַרויסגעשטעקט אַ צונג און מיט איר גע־ווישט די הערלאַך איבער'ן מויל, אַף רעכטס און אַף לינקס. דאָס האָט מיך געעקלט. פון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך דערפילט צו אים אַ שנאה, וואָס האָט מיך געגעסן, ווי אַ וואונד.

„באַשרייבן דיר מיין דעמאָלדיקן צושטאַנד? דאָס איז ניט גרינג. געווען מינוטן, אפשר צענדליקע מינוטן, ווען אין מיר איז אַלצדינג געווען פּוסט. אין אַזוינע מינוטן האָב איך ניט געפילט גאָר־ניט. אָדער אפשר האָט זיך מיר נאָר אַזוי גערדאַכט? ווען מען מישט צונויף אַלע קאָלירן אין אַ שנעלער באַוועגונג, באַקומט זיך ווייס. אפשר זענען אָט די בלאַנקע מינוטן געווען אַ צונויפמיש פון אַ מאַסע געפילן, וואָס האָבן זיך כסדר געביטן. געוויינטלאַך אָבער איז מיין גרונט־עמפּפינדונג געווען: ז י ך ה א ל ט ן, זיך ניט לאָזן דער־קענען, ניט אַריינפאַלן אין די הענט פונ'ם שונא. דאָס האָט גע־הערשט איבער אַלץ.

„איך האָב געטאָן אַ שליחות אינ'ם אויפטראַג פון דער פּאַרטיי. אין מיינע הענט האָבן זיך געפונען וויכטיקע פּאַרטיי־פאַרבינדונגען. איך האָב זיך גערדאַרפט האַלטן. איך האָב אָבער ניט געטאָרט העלפן די ווייסע, אפילו צוליב דעם, כדי זיי נאָכדעם צו שאָדן. די לאַגע האָט געפאָדערט רירעוודיקייט, שאַרפזין, זעלבסטבאַהערשונג. איך האָב גערדאַרפט היטן ניט נאָר יעדן טריט מיינעם, נאָר יעדן מוסקול פון מיין פּנים. און דאָ האָט דער קאַפּיטאַן זיך פּלוצלונג צוגעבונדן צו מיר און מיך געהאַלטן לעבן זיך די גאַנצע צייט.

„צי האָט זיך נאָך אַלץ געריררט אַ שאָטן פון צווייפל אין זיין מאַרך, צי אים האָט אימפּאָנירט דאָס, וואָס איך בין אַ פּירשט — אָבער ער האָט זיך מיט מיר פּלוצלונג אָנגעהויבן באַגיין, ווי מיט אַ

בכבוד'יקן פּריינט. אפשר האָבן דאָ געווירקט די נעמען פון פירשט אָבאָלענסקי און פירשט קוראַקין און גראַף שערעמעטיעוו, וואָס איך האָב, פאַרבייגייענדיק, זיי אָנגעגעבן פאַר מיינע גוטע פריינט, ווייסנ־דיק, אַז דער קאַפּיטאַן קען זיך מיט זיי ניט אויפטרעפן, ווייל זיי געפינען זיך אין פּעטערבורג און מאָסקווע. אפשר האָבן געווירקט מיינע מאַנירן. קורץ: דער קאַפּיטאַן האָט מיר דערקלערט, אַז איך וועל בלייבן אין שטאַב, אַז איך וועל אַרבעטן מיט אים אינאיינעם, אַז ער איז גליקלאַך צו האָבן אַזאַ מיטאַרבעטער און פריינט, אַז די פּאָזיציע איז זייער אַ וויכטיקע, אַז דאָ אין שטאָט וועט דער אָטריאַד בלייבן אַ צען טעג, ביז ס'וועלן אָנקומען נייע קרעפטן, און אַז איך דאַרף נעכטיקן טאַקע דאָ אין „אָדעסאַ".

„די ווייטערדיקע געשעענישן פון יענעם טאָג זענען אין מיין זכרון באַלויכטן מיט אַן אומהיימלאַכן פייער.

„פינף אַזייגער — דער מאָלצייט. פּראָלאָוו און די דריי נידערי־קערע אָפיצירן, צוויי יונקערס פון אַ יאָר צוואַנציק און איינער אַן עלטערער מענטש, אַ געוועזענער אונטער־אָפיציר, עסן אין דעם זאַל פון „אָדעסאַ". איך זיץ מיט זיי בּאַ איין טיש. דער זאַל איז פול מיט דער „אַריסטאָקראַטיע" פון דער שטאָט: ווי דורך אַ כשוף איז באַשאַפן געוואָרן אי פלייש, אי פיש, אי וויין, אי בראַנפן (ערשט נעכטן, ווען אונזערע מענטשן האָבן עפּעס געפאָדערט, האָט די בורזשואַזיע געהאַט איין תירוץ: „ניטאָ"). די אָפיצירן טרינקען און ווערן שכור. דער זאַל רוישט. איך טרינק אויך — מען קען אַנדערש ניט, אָבער וואָס מער איך טרינק, אַלץ לויטערער ווערט מיר אין מח: איך זע און באַמערק זאַכן אַזוי שאַרף, אַז ס'טוט מיר אַזש וויי. פון ערגעץ באַווייזן זיך מוזיקאַנטן — די אייגענע, וואָס האָבן נאָך צוריק מיט פינף טעג זיך פאַרשריבן אין פאַראיין, — עס קנאַקט דער קאָרעק פון אַ שאַמפּאַניער־פלאַש. מען טאַנצט. די בורזשואַזע פריילינס פון דער שטאָט פלאַטערן איבער'ן זאַל מיט די אָפיצירן. קאַפּיטאַן פּראָ־לאָוו'ס טייגיקער פּנים איז קויטיק־בלאַס און באַדעקט מיט אַן אומ־געזונטן שווייס. מיט דעם שפּאַלט פון זיין מויל זויגט ער זיך אַלע־מאָל איין אין האַלז פון אַ פולער געזונטער ברונעטקע, וואָס טאַנצט מיט אים — און די אַרומיקע מאַכן זיך, אַז זיי זעען ניט, וואָס עס טוט זיך.

„זיבן אזייגער קלינגט אין „אָדעסאַ״ דער טעלעפאָן, און דער שרייבער רופט ארויס קאַפּיטאַן פּראָלאָוו אין די אויבערשטע צימערן. איך גיי מיט אים. עס רעדט אפ׳ן טעלעפאָן דער שטאַב פונ׳ם קאָרפּוס. פּראָלאָוו הערט זיך איין און פרעגט אַלעמאָל איבער:

— ארויסשיקן פּאַראָוים? יאָ? איך הער! קיין געפאַנגענע? גאַנץ געווים, אייער וואוילגעבוירן!

„צו מיר ווענדט ער זיך און זאָגט:

— דער שטאַב פאָדערט ארויסשיקן אַ קליינע אָפּטיילונג נאָכיאָגן די אָפּגעטרעטענע באָלשעוויקעס און כאַפּן וויפל מ׳קען נאָר. דער באַפעל איז: ניט לאָזן קיין געפאַנגענע באַם לעבן.

„איך הער אוים, און מיין ערשטע זאָרג איז — ניט ווערן בלאַס, ניט געבן קיין ציטער. מיר העלפט דער אויסגעטרונקענער וויין.

„האַלב אַכט פאָרט אָפּ אַ געפּאַנצערטער מאָטאָר־וואָגן מיט אַ מאַשין־ביקס און אַ צוואַנציק סאָלדאַטן אין דער ריכטונג פונ׳ם אופאַ׳ער טראַקט, וואו אונזערע זענען אָפּגעטרעטן צוריק מיט עטלאַכע שעה. איך וויל זיך בעטן, מ׳זאָל מיך שיקן מיט דער עקספּעדיציע, נאָר איך באַרעכן, אַז ס׳איז וויכטיקער צו בלייבן מיט פּראָלאָוו׳ן, כדי צו זען, וואָס ס׳טוט זיך אין צענטר.

„ווי נאָר ס׳איז געוואָרן טונקל, באַמערקט מען די פייערס. עס ברענען הייזער אין די אָרימע קווארטאַלן. מען האָט אָנגעצונדן דעם געוועזענעם ארבעטער־קלוב. פייער־צונגען שפּרייטן זיך איבער אַ טייל הימל. פון יענער זייט הערן זיך שיסערייען און קוויטשערייען. אין „אָדעסאַ״ טאַנצט מען, און די לופט איז געדיכט פון היץ און שוויים און פעטע גרעבצן. דער בישאָף איז שוין אויך שכור — ער האָט פארהויבן די פּאָלעס פון זיין לאַנגן בגד און גייט אַ טענצל, שאָקלענדיק מיט זיין פעטן בויך. פּראָלאָוו קוקט אריבער דעם העלזל פון אַ פלאַש אפ׳ן טענצער און ברומט אַלעמאָל ארוים מיט זיין שלעפעריקן קול:

— ביזט אַ טייער גלח׳ל, אַ רוח אין דיין מאַמען, הוליע, פאַטערל, פלאַץ, פאַטערל, צו אַל די געשטופּלטע שדים!...

„פּראָלאָוו איז שכור, אָבער דאָס מערקט מען נאָר דערין, וואָס זיינע חזיר׳שע אויגעלאַך זענען נאָך קלענער געוואָרן און זיין צונג

לעקט אָפּטער די גלעלבלאַכע הערלאַך איבער'ן מויל. דאָס מויל זעט אויס ווי אַ רויטער אומרייִנער לאַך.

„ארום ניין אזייגער זאָגט מיר איינער פון די יונקערס:

— גייען מיר אַ קוק טאָן, וואָס ס'מאַכן די קינדער.

„אונטער'ן וואָרט „קינדער" פאַרשטייט ער די סאָלדאַטן.

„דערהערט דאָס פּראַלאָוו און זאָגט: ער וועט אויך גיין.

„נעמט מיך פּראַלאָוו אונטער'ן אָרעם און מיר גייען.

„זעען מיר, אַז אַף יענער זייט בריק איז אַ פּאָגראָם. פון די הייזער טראָגן די סאָלדאַטן אַלצדינג, וואָס ס'טרעפט זיך צו די הענט. עטלאַכע הייזער ברענען. אומעטום זעען מיר אויסגעבראָכענע שויבן, אָפּגעבראָכענע טירן. דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ סאָלדאַט מיט אַ קלומעק. אין וואַסילי גאַיעוו'ס הויף — איך האָב גוט געקענט וואַסילי גאַיעוו, דעם אַלטן אייזן־גיסער — האָבן זיך צוזאַמענגעהורבעט אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן. פון דעם הויפן הערט זיך אַ קוויטשען פון פרויען. פּראַלאָוו עפנט זיין רויטן לאַך און טוט אַ שמייכל:

— די קינדער זאַבאַווען זיך, — זאָגט ער, און ס'דאַכט זיך מיר, אַז די ווערטער סלינען אַרויס פון זיין מויל.

„די יונקערס הירזשען: האַ־האַ־האַ! „מיר וואָלטען אַליין אויך געדאַרפט האָבן סחורה אַף ביינאַכט," — זאָגט איינער. און פּראַלאָוו גיט אַ שפּיי אויס מיט אַ קוויטשיקל און ענטפערט: „ס'איז דאָ גענוג נבלה, ס'עט קלעקן פאַר אַלעמען."

„און ווי מיר גייען, באַמערק איך, אַז די סאָלדאַטן שעמען זיך ניט פאַר די אָפיצירן. אויך באַמערק איך, אַז די דיסציפּלין איז זייער אַ שוואַכע. עס אינטערעסירט מיך דער פאַקט, וואָס אַ טייל סאָלדאַטן גייען אַרום איבער'ן גאַס און באַטייליקן זיך ניט אינ'ם פּאָגראָם.

„איך זאָג דאָס פּראַלאָוו'ן. יענער טוט אַ מאַך מיט'ן האַנט. אין זיין קול פילט זיך אַ בייזקייט, ווען ער ענטפערט:

— פּירשט, איר האָט אָנגערירט אַן ערנסטן ענין. אין אונזער אָטריאַד איז דאָ אַ סך מערזאַווצעס. ווען איך קען, וואָלט איך אַלע אויסגעשאָסן נאָך היינטיקע נאַכט.

„אונטער „מערזאַווצעס" פאַרשטייט פּראַלאָוו אַזוינע מענטשן,

וואָס סימפּאַטיזירן מיט די באָלשעוויקעס. איך טראַכט בּאַ זיך, אַז מ׳וועט זיך דאַרפן באַקענען מיט עטלאַכע מערזאַווצעס.

„ווי מיר גייען, זעען מיר: צוויי סאָלדאַטן שלעפּן אַ יונגן בּחור. פּראָלאָוו שטעלט זיי אָפּ.

— וואָס איז?

— געכאַפּט אַ באָלשעוויק, וואַשע בלאַהאָראָדיע.

— וואָס האָט איר בּאַ אים געפונען?

— אַ באָלשעוויסטישע קאַרטע.

— ווייז.

„מען ווייזט פּראָלאָוו׳ן אַ ברויט־קאַרטע, וואָס מיר האָבן אַרויס־געגעבן אַלע סאָוועט־באַאַמטע. דער געכאַפּטער איז ניט געווען קיין באָלשעוויק: ער האָט געדינט אין אונזער אַנשטאַלט פאַר געצאָלט.

„פּראָלאָוו׳ס פּנים ווערט געלבלאַך, די אויגעלאַך — צוויי שפּעלט־לאַך. ער קוקט אָפּ׳ן צעבלוטיקטן בחור מיט די אונטערגעהאַקטע אויגן.

— טאָ וואויהין שלעפּט איר אים? — פרעגט ער די סאָלדאַטן.

— אין שטאַב, וואַשע בלאַהאָראָדיע.

„פּראָלאָוו נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער פונ׳ם שיידל און שיסט אויס דעם בחור אין פּנים. יענער פאַלט.

— גייט, — זאָגט ער די סאָלדאַטן, און דערבּיי איז ער אַזוי געלאַסן און רואיק, ווי אַ שטיק טייג.

„איך פיל ווי מיינע הענט שטאָלן זיך אָן. איך בין ווי אַ ספּרו־זשינע. איך האַלט אין איין איינריידן זיך אַליין, אַז איך דאַרף זיך קאָנטראָלירן, אַז מיין שליחות פאָדערט פון מיר אויסגעהאַלטנקייט, אַז איך טאָר זיך ניט אַרויסגעבן. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אַ יעדער נערוו פון מיין קערפּער ציטערט מיט אַן אומבאַמערקבאַרן ציטער. און ווען פּראָלאָוו נעמט מיך נאָכדעם ווידער אונטער׳ן אָרעם, דאַכט זיך מיר, אַז מיין אָרעם גליט, ווי אַן אָנגעברענטער שטיין. מיין אָרעם שמאַרצט מיר.

„שפּעטער קערן מיר זיך אום אין „אָדעסאַ”. דאָרט איז די שמחה פאַרפאַל. אָבער פּראָלאָוו לעקט אַלץ דאָס מויל און שפּייט אָן אַ זייט. ער רופט צו דעם פּריסטאַוו — און יענער ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז.

— אַ צעטל האָט איר? — פרעגט פראָלאָוו מיט אַ שלעפעריק קול.

— וואָס פאַר אַ צעטל, קאַפּיטאַן?

— אידיאָט! — שיפּעט פראָלאָוו און טוט אַ פאַרמאַך דעם לאָך פון׳ם מויל.

דער פּריסטאַוו ציטערט.

אַלע שווייגן.

— אַ צעטל פון הייזער פון די באָלשעוויסטישע משרתים! — קוועטשט פראָלאָוו פויל אַרויס פון זיך.

דער פּריסטאַוו דערפרייט זיך.

— געוויס, געוויס, קאַפּיטאַן! — ער טאַנצט אַזש אונטער. — אָט דאָ טאַקע אַפ׳ן צענטראַלן פּלאַץ איז דאָ דאָס הויז פונ׳ם זשיד קאַפּלאַן — אַ באָלשעוויסטישע בעסטיע. היינט די נייע ביבליאָטעק, היינט כאַלופּאָוו דער דאָקטאָר און...

פראָלאָוו סלינעט אַרויס די ווערטער:

— טאָ וואָס זשע וואַרטסטו?

און זיין מויל צעציט זיך אין אַ גרימאַסע.

אין עטלאַכע מינוט אַרום ברענט שוין אַ גרויס הויז טאַקע דאָ אַפ׳ן פּלאַץ, אַנטקעגן „אָדעסאַ". איך ווער געוואויר, אַז ס׳איז אַ אידיש הויז. איך זע, ווי פאַר׳ן הויז וואַרפן זיך מענער און פרויען, וויינען, שרייען, ברעכן די הענט. עמיצער רייסט זיך אין האָטעל אַריין, צו פראָלאָוו׳ן. דער וועכטער שטויסט אים אָפּ.

פראָלאָוו גייט אַרום פאַר דער שוועל. אָף זיין פּנים שמעלצט זיך אַ צופרידענער שמייכל.

— גוט. מיר האָבן אַ אילומינאַציע. מיר׳ן באַלד צוטרעטן צום הויפּט־אַקט.

„די צוויי יונקערס טוען אַ הירזשע און פאַרכלינען זיך. איך ווער געוואויר, אַז דער „הויפּט־אַקט" איז — דערשיסן די געפאַנגענע באָלשעוויקעס.

„פאַר מיר הויבט זיך אָן דער גרוויזאַמסטער טייל פון יענעם טאָג. איך דאַרף בלייבן באַ פראָלאָוו׳ן. איך טאָר זיך ניט לאָזן דערקענען. איך דאַרף געוווינען דעם צוטרוי פון די ווייסע. איך

דארף אָרגאַניזירן די אומצופרידענע עלעמענטן הינטער פּראַלאָווס רוקן.

„שטעל זיך פאָר דאָס בילד. ס'איז אַ וועסנע נאַכט, אַ שטילע און אַ זיסע. אין די גערטנער בליען בוימער. הויך איבער'ן שטאָט גליען שטערן. ברייט אַרום שטאָט ציט זיך דאָס גרויסע רוסישע לאַנד — פון איין זייט ווייס, פון דער אַנדערער — רויט. ערגעץ גאָר ניט ווייט — אפשר גאָר עטלאַכע וויאָרסט פון דאַנען — שטייען אונזערע, די קעמפער. אפשר וועלן זיי שוין מאָרגן קענען באַנייען די אטאַקע אפ'ן שונא. אפשר וועט מאָרגן ווידער פלאַטערן אָט־אָ־דאָ אונזער פאָן מיט'ן סערפּ און האַמער. דערווייל האָט דער שונא פאַרנומען די שטאָט. ס'האָבן שוין אָפּגעברענט עטלאַכע אַר־בעטער־הייזער, און אין יענעם שטאָט־טייל הויבט זיך נאָר נאָך אַ רויטער רויך. דער פּאָגראָם איז שוין באַלד געענדיקט. די מידע סאָלדאַטן זענען זיך צעקראָכן שלאָפן, נאָר פון צייט צו צייט הערט זיך אַ שכור־געזאַנג פון צוויי אָדער דריי קולות.

„דאָ, אין צענטער פון שטאָט, ברענט נאָר איין הויז — ווי אַ גרויס ליכט אינמיטן דער נאַכט. ס'זעט אויס מאָדנע, וואָס קיינער לעשט ניט... פלאַם־לײַלעכער ווייען איבער'ן דאַך און אַרום די ווענט. אַ רויטלאַכער שיין לייגט זיך איבער'ן פּלאַץ. עס גלאַנצן רויט די פענצטער פון אַ קעגנאַיבערדיקער צערקווע. עס לייגט זיך אַ רויט־קייט אפ'ן פּנים פון פּראַלאָוו'ן מיט די אַנדערע אָפיצירן, וואָס שטייען פאַר דער טיר פון „אָדעסאַ". איך שטיי צווישן זיי — און קוק. איך מוז.

„קענטיק, ס'איז בא זיי שוין אַן אַלטע פּראַקטיק. די צוגרייטונ־גען זענען שנעל. דער שרייבער מיט די צוויי סאָלדאַטן טראָגן אַרויס אפ'ן גאַניקל פאַר דער טיר אַ טיש מיט עטלאַכע שטולן. דער שריי־בער מאָשטשעט זיך צו בא איין ווינקל מיט זיינע פּאַפּירן. אף אַן אַנדער ווינקל זיצט פּראַלאָוו, האַלטנדיק די פיס אף אַ שטול. לעבן אים וואַקסט אויס אַ פלאַש קאָניאַק מיט גלעזער.

— פּריוועסטי (ברייננגען אהער) — מורמלט ער אַרויס, און אַליין איז ער קאַלט און פויל, אַקוראַט ווי די גאַנצע סצענע האָט אים דערעסן. נאָר די אויגעלאַך לויפן רעכטס און לינקס, און אפ'ן טייגיקן פּנים קריכט דורך אַ בייזער וואונק.

„עס קומען אכט סאָלדאַטן מיט ביקסן. זיי פירן מיט זיך א גרופע מענער און פרויען. דאָס זענען די אייגענע מענטשן, וואָס מ'האָט זיי געפירט אַף א וואָגן, ווען דאָס ווייסע מיליטער איז אריין אין שטאָט. די מענטשן שטעלט מען אוועק בא א וואַנט פון „אָדעסאַ", אונטער דער וואך פון פיר סאָלדאַטן. די אַנדערע פיר טרעטן אָפּ אָן א זייט. איך טו זיך אָן א כח ניט צו קוקן אַף די געפאַנגענע. איך טאָר דאָס ניט. א י ך ד א ר ף ז י ך ה א ל ט ן. אָבער מיין גאַנצע נשמה ציט זיך אַהין. ניט ווילנדיק וואַרף איך אַמאָל א קוק — און זע אויסגעמאַטערטע פּנים'ער, אויגן פאַרשמידט אין פּיין. בא אייניקע איז א רויטער שטערן צוגעשפּילעט צו דער לאַץ. חברים! באָלשעוויקעס!

„דער שרייבער לייענט פון א צעטל:

— אַקימאָוו.

„די סאָלדאַטן נעמען איינעם און פירן אים צו צום טיש. ער איז א מאַן פון א יאָר דרייסיק. הויך, שלאַנק, מאָגער. אָן א היטל. א בלוט־צייכן אַפ'ן פּנים.

„פּראָלאָוו פרעגט:

— דער נאָמען?

„יענער ענטפערט:

— איוואַן אַקימאָוו.

— באַשעפטיקונג?

— שלאָסער.

— אמת?

„דער מאַן שווייגט. דער שרייבער זאָגט אונטער:

— ער איז געווען פאָרזיצער פון זייער איספּאָלקאָם.

„פּראָלאָוו טוט א זופּ פון א גלאָז, א טשמאָקע מיט'ן לאַך פון'ם מויל און זאָגט אַרויס זייער געלאַסן:

— וואָס וועסטו זאָגן?

„יענער שווייגט.

— רייד, שווייַן!

„דער מאַן טוט זיך א גלייך אויס און זאָגט מיט א הייזעריק־פאַרקילטן קול:

— צי ניט קיין אָדערן, טייוול, מאַך עס שנעל!

„פראלאוו טוט א לעק מיט דער צונג די הערלאך איבער'ן מויל — עטלאכע מאל אהין און צוריק, אהין און צוריק.

„ווייטער טוט זיך אלצדינג גלאט און פלינק, ווי אף א טעאטער־בינע. פיר סאלדאטן שטעלן זיך אויס אין א ריי, מיט די רוקנס צו דער וואנט פון דעם האטעל. אן אונטער־אפיציר פירט־צו דעם גע־פאנגענעם צו א לאמטערן־סלופ — א צען טריט פון דער וואנט. די סאלדאטן הויבן אויף די ביקסן, צילן זיי אן אפ'ן געפאנגענעם אוןווארטן.

„אט דא הויבט זיך אן דאס שפיל. פראלאוו דארף געבן די קאמאנדע: שיסן! אבער פראלאוו האט צייט. פראלאוו שפילט זיך. דאס איז די מינוט פון זיין העכסטן פארגעניגן.

„איך שטיי באם טיש — און קען זען אי אים, אי דעם גע־פאנגענעם. פראלאוו'ס אויגן האבן זיך צונויפגעצויגן — ביז ס'זענען געבליבן נאר צוויי גאר שמאלע שפעלטלאך. זיינע ווייכע באקן זענען געווארן רויטלאך. א זיסלאכער שמייכל קרימט זיין מויל. ערווארט, ער קוקט אפ'ן געפאנגענעם, ער זעט יענעמ'ס בלאסקייט און דעם קאלטן פייער אין זיינע אויגן. אקימאוו האט זיך צוגעשפארט צום סלופ: מען זעט, אז ווען ניט דאס, וואלט ער זיך ניט געהאלטן אף די פיס.

„פראלאוו האט צייט. ווי א פארהיפנאטיזירטער, פאלג איך נאך זיין יעדע באוועגונג. ער טוט אלצדינג פאוואליע. פאוואליע הויבט ער אויף די גרינע גלאז, באהוטזאם שטעקט ער אריין דעם קארעק אין דער פלאש. נאכדעם נעמט ער די גלאז און הויבט זי אויף און קוקט אף דער משקה באם שיין פון דעם ברענענדיקן הויז.

„אפשר האט די גאנצע מעשה געדויערט צוויי מינוט, אפשר נאר איינע, אבער מיר דאכטן זיי זיך ווי אייביקייטן. איך האב שוין אליין איינגעקלאמערט ביידע הענט אינ'ם רוקן פון א שטול, כדי צו פילן זיך שטייפער. א געוויסע צייט איז מיר אלצדינג געווארן בלאנק פאר די אויגן — דאכט זיך, אז דאס איז געווען א מאמענטאנער חלשות: איך האב קיין זאך ניט געזען און ניט געפילט. ווען איך האב ווידער אנגעהויבן אויפנעמען די ווירקלאכקייט, האט פראלאוו נאך אלץ געקוקט דורכ'ן גלאז אפ'ן קאניאק. נאכדעם האט ער פא־

וואָליע גענומען טריפן די משקה אינ׳ם לאָך פון מויל — ווי א פיין־שמעקער, וואָס וויל אויסגעניסן דעם פאַרגעניגן פון יעדן טראָפּן.

„דאָס הויז האָט געברענט. די סאָלדאַטן האָבן פון אָנשטריינגונג שוין קוים געהאַלטן די ביקסן. די צוויי יונקערס האָבן נאַריש גע־שמייכלט, קוקנדיק אױף זייער קאָמאַנדיר. אין דער טיר פונ׳ם האָטעל האָבן זיך אָנגעזאַמלט א סך פון די געסט: זייערע קעפּ זענען גע־האַנגען איינער איבער׳ן צווייטן.

„דער געפאַנגענער איז שוין געווען געל, טויטלאַך געל.

„פּראָלאָוו האָט ווידער באַלעקט דאָס מויל, אַוועקגעשטעלט די גלאָז, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט — און געגעבן א קנאַק מיט די פינגער. דאָס איז געווען זיין סיגנאַל. באַלד נאָכ׳ן קנאַק האָבן זיך דערהערט פיר שאָסן: די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעלאָזט די ביקסן, דער געפאַנגענער איז שוין געלעגן אױף דער ערד און געדריגעט מיט א פוס. אין טיר פונ׳ם האָטעל האָט עמיצער געקלאַפּט בראַוואָ.

„איר׳ט מיר גלויבן? צווישן אַלע העסלאַכע סצענעס פון יענעם טאָג האָט דאָס קנאַקן מיט די פינגער מיך אויפגערייצט מער פון אַלצדינג. איך קען דאָס ניט דערקלערן. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז דער מענטש פוילט זיך אפילו זאָגן דאָס וואָרט: „פּלי" (שיסן). ס׳איז ניט ווערט די מי. ס׳איז גענוג א קנאַק געבן מיט די פינגער. אַקוראַט ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן א פליג. די גאַנצע בעסטיאַ־לישקייט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע האָט זיך פאַר מיר קאָנצענטרירט אין אָט־דעם קנאַק־סיגנאַל.

„עלף געפאַנגענע זענען דאָרט געווען. עלף מאָל האָט זיך איבער־גע׳חזר׳ט די העסלאַכע קאָמעדיע. עלף מענטשן האָט מען דערשאָסן, און אַלעמאָל האָט פּראָלאָוו געזופּט דעם קאָניאַק און געגעבן א סיגנאַל דורך א קנאַק מיט די פינגער. איינער פון די געפאַנגענע איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט ווייסע האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי א צעטומל־טער: קענטיק, ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך.

„איינער איז געווען א געזונטער ברייט־ביינערדיקער אַרבעטער, וואָס האָט געראויכערט א מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס און געזידלט דעם אָפיציר, כדי זיך מאַכן האַרץ. איינער, א אינגל פון א יאָר אַכצן, האָט זיך געלאָזט לויפן פונ׳ם סלופּ — און סאָלדאַטן זענען אים נאָכגעלאָפן אפשר צען מינוט, ביז זיי האָבן אים געכאַפּט און צוריקגעבראַכט,

פּראַלאָוו איז געזעסן רואיק אױפֿ'ן עק טיש, געזופּט דעם קאָניאַק, גע־לעקט דאָס מויל, געשמייכלט מיט אַ ברודנעם שמייכל און אַלע מאָל געגעבן אַ קנאַק מיט די פֿינגער פֿאַר אַ סימן צום שיסן. ער איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין דעם פֿאַרגעניגן, אַז ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אױף קיינעם. דאָס איז געווען גוט פֿאַר מיר, ווייל איך בין זיכער, אַז מ'האָט געקענט איבערלייענען זאַכן באַ מיר אױפֿ'ן פּנים.

„דאָס טויטן האָט געדויערט אפשר אַ שעה און אפשר מער. איך האָב שוין געוואַרט אױפֿ'ן סוף פֿון אָט דעם חיה'שן שפּיל. וועגן מיינע געפֿילן קען איך קיין סך ניט דערציילן: ניטאָ קיין ווערטער. איך ווייס נאָר, אַז שטאַרקער פֿון אַלצדינג איז געווען מיין עקל. איך האָב ניט אַזוי רחמנות געהאַט אױף די קרבנות, ווי עס האָט מיך געעקלט פֿון פּראַלאָוו'ן. עס האָט זיך אין מיר געקערט די גאַל. איך וואָלט צוגעגאַנגען און אַ זעץ געטאָן מיט אַ קולאַק אין זיין ווייכן פּנים — אַז ס'זאָל אַ שפּריץ טאָן די שמאַלץ. איך בין ניט קיין אכזר בטבע, איך האָב פֿיינט פֿיזישן אָנפֿאַל, אָבער אין יענער אוממענטשלאַכער לאַגע, פּנים אל פּנים מיט אוממענטשלאַכע געשעענישן, האָט זיך אין מיר אַליין געוועקט די חיה: צוגיין און אַרומקלאַמערן מיט די פֿינגער דעם ווייסן טייגיקן האַלז און שטיקן און דריקן... אַליין האָב איך די גאַנצע צייט געציטערט מיט אַן אינווייניקסטן אומבאַמערק־באַרן ציטער. אין דער זעלבער צייט האָבן געשוויבלט פּלענער, ווי אַזוי אויסצונוצן די נאַכט, ווען די אָפֿיצירן וועלן שלאָפֿן נאָך דער איצ־טיקער בלוט־באָד, ווי אַזוי אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען מיט איינצעלנע סאָלדאַטן, ווי אַזוי צו זען דעם כינעזישן חבר, וואוהין אונזערע האָבן מיר געדאַרפֿט צושיקן מעלדונגען. עס איז אַ פֿאַקט, אַז אָט די זאַכ־לאַכע געדאַנקען האָבן מיר גרינגער געמאַכט דעם אָוונט.

„ס'איז אָבער נאָך ניט געווען אַלץ. עס איז אפשר געווען נאָך האַלבע נאַכט, ווען אַ מאָטאָר־וואָגן איז אונטערגעפֿאָרן צום האָטעל. סאָלדאַטן זענען אַרונטערגעשפּרונגען און אַראָפּגענומען צוויי פֿון מיינע חברים, וואָס האָבן ערשט אינדערפֿרי פֿאַרלאָזט די שטאָט. זיי זענען געווען צושלאָגענע און פֿאַרבלוטיקטע, אָבער איך האָב זיי דערקענט. דאָס זענען געווען קאָלין און סאַמסאָנאָוו, נאָענטע פֿריינט, וואָס איך האָב מיט זיי צוזאַמען געאַרבעט עטלאַכע חדשים. ערשט אינדערפֿרי האָבן זיי מיר געדריקט די האַנט פֿאַר'ן אָוועקפֿאָר. מיר אַלע דריי האָבן

געבויט פּלענער, ווי זיך צו טרעפן. קאָלין איז געווען אַן אַרמיי־קאָמיסאַר און סאַמסאָנאָוו — דער פירער פון דער געהיימער מיליטערי־שער אויספאָרשונג. ווי זענען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פונ'ם שונא? וואָס איז געוואָרן מיט די איבעריקע? וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

„מיין ערשטער אימפּולס איז געווען — זיך אַ וואָרף טאָן צו זיי, אַרומנעמען זיי, רעדן, אויספרעגן. אָבער מיינע הענט האָבן פעסט געהאַלטן דעם רוקן פונ'ם שטול. ניין. איך האָב זיך ניט גערירט. איך האָב נאָר געמעגט ק ו ק ן. איך האָב געזען, אַז זיי האָבן מיך אויך דערקענט. מיר האָט זיך געדאַכט: אָט וועלן זיי מיר עפּעס זאָגן. זיי זענען אָבער געווען דיסציפּלינירטע קאָמוניסטן. זיי האָבן נאָר פון דער זייט און נאָר זעלטן גערעדט צו מיר מיט זייערע אויגן.

„אָט אַזוי זענען זיי געשטאַנען פאַר'ן אָפיציר פּראָלאָוו — צוויי טייערע, ליבע חברים. פּראָלאָוו האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש קאָניאַק — און ער איז דער־פון געוואָרן נאָך לאַנגזאַמער.

„פּראָלאָוו האָט זיי געהייסן פיניקן איידער מ'האָט זיי דער־שאָסן. ער האָט געוואָלט פון זיי אַרויסקריגן אינפאָרמאַציע. האָב רחמנות, חבר, פאַרלאַנג פון מיר ניט, איך זאָל דיר דערציילן, ווי מ'האָט זיי געמאַטערט. איינס וועל איך זאָגן: זיי האָבן זיך גע־האַלטן, ווי מען דאַרף, נאָר צייטנווייז, ווען עס איז זיי שוין געוואָרן צו־שווער, האָבן זיי ניט ווילנדיק צוגעשיקט צו מיר אַ בליק. וואָס האָב איך זיי געקענט העלפן? גלויב מיר, ס'וואָלט מיר גרינגער געווען זיך אַ וואָרף טאָן צו פּראָלאָוו'ן און אויסשרייען: איך בין אויך אַ באָלשעוויק! אָבער דאָס האָב איך ניט געטאָרט. די פּאַרטיי האָט פון מיר געפאָדערט אַנדערע אַרבעט. איך האָב זיך געדאַרפט האַלטן. איך בין זיך מודה: איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין אַזוי שווער. דער לעצטער אויסגעשריי זייערער: „זאָל לעבן די וועלט־רעוואָלוציע!" — אַ געשריי פול מיט פּיין און טריאומף — זייער לעצטער קוק צו מיר — אַ קוק פול מיט היץ און ליבשאַפט — דער זיפץ קאָלינ'ס: „זיי געזונט, חבר!" וואָס האָט זיך דערטראָגן צו מיר שוין נאָכ'ן שאָס, — אַך, ווי קען מען דאָס פאַרגעסן! ווי קען מען דאָס דערציילן!

„צו אַלצדינג איז דאָ אַ סוף — צו יענער נאַכט אויך. איך האָב זי איבערגעלעבט און האָב דערפילט מיין שליחות. איך האָב איינ־געשטעלט די נויטיקע פאַרבינדונגען, איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע סאָלדאַטן. אין צוויי וואָכן אַרום איז פּראָלאָוו׳ס מיליטערישע אָפּ־טיילונג צעקראָכן געוואָרן און ניט געקענט אַרויסווייזן קיין ווידער־שטאַנד. אַביסל שפּעטער האָבן מיר, אָן דער הילף פון זייטיקע חברים, אַרעסטירט פּראָלאָוו׳ן מיט זיינע אָפיצירן און אַנטוואָפנט די סאָל־דאַטן, וואָס זענען אים געבליבן געטריי. די שטאָט איז געווען אונ־זערע. פון דאָרט האָבן מיר פאַרפאַלגט דעם שונא און אים געטריבן ווייטער און ווייטער.

„איך בין פאַרהאַרטעוועט אין פּאַרטיי־אַרבעט. איך בין ניט נעוורּאַסטעניש. אָבער פון יענער נאַכט איז מיר געבליבן איינס: א י ך ק ע ן נ י ט א י ב ע ר ט ר אָ ג ן, ו ו ע ן מ ע ן ק ל אַ פּ ט מ י ט ד י פ י נ ג ע ר. הער איך דאָס — הויבט זיך אין מיר אויף עפּעס אַזאַ פינצטערס און אַזאַ שווערס, אפשר נאָך ערגער פון דעם, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט יענעם אָוונט. איך קעמף קעגן דעם, אָבער עס העלפט ניט. איך האָב מורא, אַז דאָס איז שוין אַ ירושה אפ׳ן גאַנצן לעבן.״

פּאַטיאָמקין האָט געענדיקט. ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך האָב געקוקט אַף פּאַטיאָמקינ׳ס איינגעפאַלענע באַקן, אַף די טרויעריקע אויגן און אַף די לאַנגע קנייטשן פונ׳ם פּנים און האָב מיר געזאָגט, אַז די פּאַרטיי־אַרבעט אין בירגער־קריג האָט ניט איין צייכן געלאָזט אַף זיין גוף און נשמה. ער איז ניט איינער אַזוינער. זיי אַלע האָבן ערּאָבערט די נייע אָרדנונג ניט נאָר מיט׳ן בלוט פון זייער גוף, נאָר מיט׳ן זאַפט פון דער נשמה...

דער עלעקטרישער כאַריטאָן.

— ווילט איר זען דעם גליקלאַכסטן מענטשן? — פרעגט מיך מיין חבר שאַפּיראָ.

— אודאי. וואָס פאַר אַ שאלה? — ענטפער איך. — וואו איז ער?

— קומט, וועל איך אים אייך ווייזן.

איך און חבר שאַפּיראָ זענען געשטאַנען אין דער קיילאַכדיקער אויבערשטער גאַלעריי פון'ם ע. ט. צ. ר. פון אויבן, דורך אַ גלעזערנעם דאַך, איז געפאַלן אַ געדעמפּט ליכט, ווי דורך אַ זיפּ. פאַרנט איז געווען דער קיילאַכדיקער לאָך, וואו ס'איז אַמאָל אַרויף און אַראָפּ געגאַנגען דער ל י פ ט — אויף ענגליש: עלעווייטאָר. היינט שטייט דער עלעווייטאָר, און אויף ביינקלאַך אין דער גאַלעריי וואַרטן באַזוכער, וואָס דאַרפן האָבן צום ע. ט. צ. ר. פאַר די, וואָס קענען ניט אָט די ראשי תבות, וועלן מיר אויסזאָגן, אַז זיי מיינען: „עלעקטרישער טרעסט פון צענטראַלן ראַיאָן”, — אַ פאַרבאַנד פון רעגירונגס־פאַבריקן, וואָס באַזאָרגן אַ גרויסן טייל רוסלאַנד מיט עלעקטרישער קראַפט, דראָטן און לאָמפּן. דער טרעסט פאַרמאָגט אַ שיינע הויז פון אַ געוועזענעם רוסישן קאַפּיטאַליסט.

חבר שאַפּיראָ, אַליין אַן אָנגעשטעלטער אין טרעסט, האָט מיך געדאַרפט באַקענען מיט זיין בוי און אַרבעט; איך האָב זיך ניט גערעכנט, אַז ער זאָל מיר גאָר ווייזן דעם גליקלאַכסטן מענטשן.

חבר שאַפּיראָ נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און פירט מיך צו צו אַ פויער, וואָס איז געזעסן אויף אַן עק באַנק צוגעקוועטשט צו דער וואַנט. איידער מיר גייען צו, זאָגט ער שטילערהייט: „גוט וואָס איר האָט אים געטראָפן. מאָרגן פאָרט ער אַרויס איבער'ן לאַנד”. ווען מיר דערנענטערן זיך, זאָגט ער:

— טאָוואַרישטש כאַריטאָן, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

איך קוק אויף טאָוואַרישטש כאַריטאָנ'ען און דערזע קודם כל אַ נאָז, ווי אַ קאַרטאָפליע, אַ שמאָל ציגן בערדעלע און אָפּגעשוירענע

וואַנצעס. אונטערן בערדל איז אַ צעכראַסטעטעטער קאַלנער פון אַ גראַבן לייוונטענעם העמד, און גאָר אונטן, אויף די פיס, אַ פּאָר לעדערנע קעפּלאַך, ד. ה. שטיוול, וואָס מ׳האָט געהאַט פון זיי אָפּגעשניטן די כאַליאַוועס. אויב כאַריטאָן איז דער גליקלאַכסטער מענטש, איז זיין גליק, אַפּנים, ניט אין די קליידער. קענטיק, אַז אויך ניט אין עסן, וואָרים ער איז זייער מאָגער, און זיינע פיס, וואָס שטעקן אַרויס פון די „קעפּלאַך״, זענען הוילע אָדערן, אָן אַ לייט פלייש.

ער וואַרפט זיך אַרויף אויף חבר שאַפּיראָ׳ן מיט אַ גאַנצן גוס פון טענות.

— אַזוי טוט מען דאָך ניט, — זאָגט ער מיט אַ קוויטשיק הייזעריקלאַך קול. — וואו איז אייער עקאָנאָמיע? צייט איז דאָך ניט קיין בלאָטע, פון אַ זומפּ קען מען עס ניט שעפּן! איך וואַרט שוין דריטהאַלבן שעה אויף חבר ל.

און כאַריטאָן מאַכט מיט צוויי גרויסע, האַרטע, שוואַרצלאַכע הענט — הענט, וואָס זענען געוואַוינט צו פּראַצע.

חבר שאַפּיראָ פאַרענטפערט זיך, אַז חבר ל. איז געווען אויף אַ קאָנפערענץ און איז אַקאָרשט געקומען. חבר שאַפּיראָ נעמט כאַריטאָנ׳ען און פירט אים אַוועק אין ל׳ס קאַבינעט, „וניע אָטשערעדי״ — אויסער דער ריי, ניט וואַרטנדיק אויף די איבעריקע באַזוכער. אין פופצן מינוט אַרום זע איך, ווי חבר כאַריטאָן גייט אַרויס פונ׳ם קאַבינעט — און שיינט פון קאָפּ ביז די פיס. ערשט איצט באַמערק איך, ס׳אַרא אויגן דער מענטש האָט: גרויסע, ליכטיקע, ווייכע, קינדערשע, און אַזוינע ריידעוודיקע, אַז מען דאַרף קיין ווערטער ניט האָבן. פּשוט, זיי פאַרשיינען אייך מיט אַ הייליקער ליבשאַפט.

— אָפּגעמאַכט? — פרעגט שאַפּיראָ.

כאַריטאָן פילט, אַז ער דאַרף נישט ריידן. זיין פּנים איז אַ מוסר. ער נעמט דאָס זעקל, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט אין גאַלעריי, און גייט איבער די טרעפּ, אַרונטער, צו דער טיר.

חבר שאַפּיראָ קוקט אים נאָך און זאָגט:

— איר ווייסט, ווי מען רופט דעם פויער? ע ל ע ק ט ר י ש ע ר כ אַ ר י ט אָ ן.

און חבר שאַפּיראָ האָט מיר דערציילט זיין געשיכטע.

דאָס ערשטע מאָל האָט כאַריטאָן געהערט וועגן עלעקטרישן ליכט,

ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר. ס׳האָט געפרווירן און געזאַווער־רוכעט דער ווינטער, דאָס דאָרף איז געווען ביז׳ן האַלז פאַרגראָבן אין שניי. אין הויז ביי כּאַריטאָנ׳ס טאַטן האָט מען געבראָטן קאַרטאָפ־ליעס און געוואַרעמט פאַר׳ן פייער די אויסגעטאָנענע אָנוטשעס, בשעת די באָרוועסע פיס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטע שמעקע־דיקע פּאַרע. איין פּאָר פיס האָט געהערט אַ גאַסט, אַ וואַנדערער, וואָס האָט זיך פאַרבעטן איבערנעכטיקן. דער וואַנדערער איז געווען אַ האַלבער גלח, אַ האַלבער מאָנאַך און אַ גאַנצער בעטלער. וואַרטנ־דיק, ביז מ׳וועט אַרויסנעמען די קאַרטאָפליעס, האָט ער דערציילט וועגן די זינד פון די גרויסע שטעט. דערציילט האָט ער מיט אַ פוטעריק קול און מיט פאַרגלאָצטע אויגן, זינגענדיק מיט אַ סקאַר־באָוון נוסח:

— ווי איז צו די זינדיקע, וואָס פאַרשטערן גאָט׳ס געבאָט. פון טאָג מאַכן זיי נאַכט, און פון נאַכט מאַכט זיי טאָג. ליכט שיקן זיי דורך אַ דראָט, און פייער ברענט אין זייערע הייזער, וואָס גיט ניט קיין היץ. כּשוף האָבן זיי איינגעשפּאַנט אין זייער דינסט, און פאַר־קויפט די נשמה צום טייוול, אָך־אָך־אָך...

דער קליינער כּאַריטאָן איז געלעגן אַפ׳ן אויוון, אַריבערהייג־גענדיק איבער׳ן ראַנד דאָס בלאָנדע צופּאַטלטע קנעפּל. ער האָט געקוקט אַפ׳ן פאַרוואָקסענעם מאָנאַך און אַף זיינע גרויסע רויטע פיס און געטראַכט: וואָס איז דאָס פאַר אַ פייער, וואָס גיט קיין היץ ניט, און וואָס איז דאָס פאַר אַ ליכט, וואָס מען שיקט עס דורך אַ דראָט?

ווען ער איז יענע נאַכט איינגעשלאָפן צווישן די בעבעכעס און די יאַטלאַך אַפ׳ן אויוון, האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט אַ גרויסער ווייסער פייער, וואָס טאַנצט אַפ׳ן דראָט פונ׳ם הייגג־לאָמפּ. דער פייער האָט זיך אוועקגעזעצט באַם וואַנדערער אַף דער נאָז, און יענער האָט אָנ־געהויבן כראָפּן, אַזש כּאַריטאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט. דאָס פייער איז פאַרשוואונדן, און נאָר דער וואַנדערער איז געלעגן אַף דער ערד און גע׳רעש׳ט מיט דער נאָז, ווי מיט אַ פאַרקילטן טרומייט.

דאָס ערשטע עלעקטרישע לעמפּל האָט כּאַריטאָן דערזען אין קאַזאַרמע, ווען מ׳האָט אים צוגענומען אין סאָלדאַטן. דאָס לעמפּל האָט אים אַזוי פאַר׳כּישופ׳ט, אַז ער איז געשטאַנען פאַר אים, ווי ניט אין זיך, און אַפילו פאַרהערט די קאָמאַנדע „סמירנאָ״, ווען דער ראָטנער איז אַריין פון דרויסן. דערפאַר האָט ער פון זיין „דיאַדקע״

באַקומען שיינע עטלאַכע סטוסאַקעס, אָבער קיין ווייטיק האָט ער ניט געפילט: ער האָט זיך נאָך אַלץ גע׳חידוש׳ט אַפּ׳ן לעמפּל. פאַר׳ן שלאָף, ווען דער דעזשורנע האָט אַ דריי געטאָן דאָס קנעפּל און ס׳איז מיט אַמאָל געוואָרן פינצטער, האָט ער אויסגעשריגן פון גרויס וואונדער, — און דאָס האָט אים געקאָסט אַ פּאָר קללות פון עלטערע סאָלדאַטן. דער פעלדפעבעל האָט אים שפּעטער מיט עטלאַכע טעג געכאַפּט, ווען ער האָט גענדרייט דאָס קנעפּל פונ׳ם לעמפּל — און ער האָט דערפאַר געמוזט אָפּשטיין צוויי שעה אונטער׳ן ביקס. אָבער קיין זאַך האָט ניט געקענט אָפּשוואַכן זיין אינטערעס צום עלעקטרישן ליכט. „מענטשן ווערן געבוירן מיט געוויסע טאַלאַנטן”, האָט געזאָגט חבר שאַפּיראָ. „אייניקע האָבן אַ ליידנשאַפט צו מוזיק, אַנדערע צו מאַלעריי. עס ווייזט אויס, אַז כאַריטאָנ׳ס געבוירענע ליידנשאַפט איז געווען עלעקטריע. זי האָט אים באַהערשט דאָס גאַנצע לעבן”.

צוליב דער עלעקטריע האָט זיך כאַריטאָן אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. ער האָט מיט זיין נאַטירלאַכן, פּויערשן שׂכל פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וויל זיך דערנענטערן צו אָט דעם וואונדער פון ליכט, „וואָס ברענט, נאָר עס גיט ניט קיין היץ”, מוז ער פאַרשטיין די ביכער. ס׳איז אים ניט גרינג אָנגעקומען דאָס לערנען אין דער ראָטנע שקאָלע, וואו דער אינגערער אָפיציר, וואָס האָט געזאָלט פירן דעם קלאַס, האָט מער געפּאַטשט איבער די פּיסקעס, ווי געוויזן אותיות און ווערטער. ווי די מעשה איז, אַפּ׳ן דריטן יאָר סלוזשבע האָט כאַריטאָן שוין געקענט לייענען אַ ביכל, און ס׳איז קיין גלייכן צו אים ניט געווען, ווען ער האָט באַקומען אין די הענט אריין די ערשטע פּאָפּולערע בראָשורקע „וועגן בליץ און דונער”, וואו ס׳איז אויך געווען עטלאַכע בלעטלאַך וועגן עלעקטרישער קראַפט. ער האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט געלייענט, אָבער די אילוסטראַציעס פונ׳ם ביכל האָבן אים געוויזן, אַז עס קען זיין ניט נאָר עלעקטריש ליכט, נאָר אויך עלעקטרישע היץ און עלעקטרישע באַוועג־קראַפט. לאָמיר אויסזאָגן אַ סוד, וואָס ער האָט אים פאַרטרויט נאָר ווייניקע פריינט: ער האָט דאָס ביכל ניט אומגעקערט אין דער ראָטנע ביבליאָטעק — און האָט מקבל באהבה געווען די איבעריקע 3 טעג דעזשורסטוואָ, וואָס מען האָט אַף אים ארויפגעלייגט „פאַר פאַרלירן

קאַזיאָנע פאַרמעגן". דאָס ביכל איז געבליבן טיף באַגראָבן אין זיין קעסטל, און ער האָט עס מיט זיך געבראַכט פון סלוזשבע.

ווייטער פון דעם ביכל זענען זיינע קענטעניש ניט געגאַנגען. אין דאָרף האָט ער זיך גענומען צו פויערשער ווירטשאַפט, חתונה געהאַט, געפּראַצעוועט, געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַ פערדל, געמוזט אַף זומער זיך פאַרדינגען באַם פּריץ, געוואָרן אַלץ אָרימער, און — אַלץ די עלעקטריע ניט פאַרגעסן. ווען מען האָט איינגעפירט עלעקטריע באַם פּריץ אין הויף — דער פּריץ איז רייך געוואָרן נאָך דער יאַפּאַנישער מלחמה און האָט זיך פאַרגונען דורכפירן עלעקטריש ליכט פון דער צוקער־פאַבריק, וואָס האָט זי געפונען צען וויאָרסט פון זיין מאַיאָנטעק, — האָט כאַריטאָן פאַרוואָרפן זיין באַלעבאַטישקייט מיט זיין ווייב און קינדער און האָט זיך צוויי וואָכן אָפּגעוואָלגערט צווישן די מאָנטיאָרן און אַרבעטער, וואָס האָבן די עלעקטריע דורכגעפירט. ער איז שוין געווען אַ פויע־רעץ פון אַ יאָר זיבן און צוואַנציק, געקוקט אַף זיך ווי אַף אַן עלטערן מענטשן, אָבער דאָ האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ קינד: געקראָכן אַלעמען אין די אויגן, געטאַפּט יעדן אַפּאַראַט אַ הונדערט מאָל און דערקוטשעט די מאָנטיאָרן מיט אַזוי פיל פראַגן, אַז יענע האָבן פון אים ניט געקאָנט פטור ווערן און אים אַ סך געגעבן צו פאַרשטיין. אויס דאַנקבאַרקייט האָט כאַריטאָן געהאָלפן אַרבעטן און האָט אָפּגע־טאָן פאַר דריי, כאָטש מ'האָט אים ניט באַצאָלט קיין צובראָכענעם גראָשן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי כאַריטאָן האָט געזען „ווי אַזוי דאָס טוט זיך".

אָבער די מאָנטיאָרן זענען אַוועק, די עלעקטריע האָט געברענט אָן שטערעניש, כאַריטאָן האָט זיך געמוזט אומקערן צו זיין בלאָטיקן שטיקל ערד און צו דעם וויסטן הייזל, — און ווער ווייסט צי ס'וואָלט דערביי ניט געבליבן, ווען ניט די וועלט־מלחמה, וואָס האָט ווידער אוועקגעשטעלט כאַריטאָנ'ען אונטער'ן ביקס, און ווען ניט די גרויסע איבערקערעניש, וואָס האָט פאַרנומען כאַריטאָנ'ען אין דער רויטער אַרמיי. אפשר טויזנטער אַזוינע באַריטאָנעס האָבן געלעבט אין פאַר־וואָרפענע רוסישע דערפער, געגליט אין ליידנשאַפט פון טאַלאַנט, זיך געריסן צו גרויסע טאָטן, — אָבער דורך יאָרהונדערטן זענען זיי געבליבן דערשלאָגענע און פינצטערע בּרואים, אָפּגע'חשכ'ט אַ וועלט

און פאַרשוואונדן, ווי אַ בלאַנדזשענדיק פּייערל איבער אַ זומפּ, — ביז ס'איז געקומען די נייע צייט.

כאַריטאָן האָט מיט דער רויטער אַרמיי אויסגעמאַרשירט די סאָוועט־טעריטאָריע אין דער לייַנג און אין דער ברייט. ער איז שוין געווען קרוב צו פערציק, ער האָט ניט געהאַט קיין סך געזונט, איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעוואַלגערט אין טיפוס אַ וואָך זעקס, איינמאָל האָט אַ ווייס־גוואַרדייאישע קויל דורכגעלעכערט זיין ברוסט לעבן רעכטן אַקסל, און ס'איז אים פון דעמאָלט געבליבן אַ יאָדעשליווע הוסט. פונדעסטוועגן האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו לערנען. די רויטע אַרמיי האָט געהאַט פּייאיקע און איבערגעגעבענע אינסטרוקטאָרן. ווען מ'האָט דערזען, אַז כאַריטאָן איז ערנסט פאַראינטערעסירט אין עלעקטריע, האָט מען אים געהאָלפן מיט לעקציעס, אַפּאַראַטן און עקסקורסיעס אין די עלעקטרישע סטאַנציעס פון די שטעט, וואו זיין פּאָלק איז געשטאַנען. און אַזוי, צווישן איין שלאַכט און אַ צווייטער, צווישן האָספּיטאַל און לאַנגע מאַרשן, האָט כאַריטאָן באַקומען די גרונט־קענטעניש פון אַן עלעקטראָטעכניק.

און די מלחמה האָט געבושעוועט און זיך געענדיקט, און די עלטערע רויטע אַרמייצעס האָט מען אָפּגעלאָזט אהיים, און כאַריטאָן האָט זיך ווידער געפונען בא זיך אין גאָווריל־אָוועקע — אָבער מיט אַ נייעם קוק, מיט נייע קענטעניש און מיט אַ נייעם אימפּעט. און דאָ הויבט זיך אָן די געשיכטע פון זיין אויפגאַנג.

— וואָס דרייסטו זיך איבער די פעלדער, כאַריטאָן? ס'איז דאָך באַלד אָסיען, די צייט פון זייען איז שוין לאַנג אַריבער? — פרעגן די פּויערים. און כאַריטאָן טוט אַ הוסט און ענטפערט מיט אַ שמייכל:

— איך זוך דימענטן אין פעלד, ברודער ניקיטאַ.

— וואָס דרייסטו זיך אין וואַלד אַזוי שפּעט אין זומער? אויב דו ווילסט האַקן האָלץ, איז דאָ נענטערע דעליאַנקעס! — זאָגט אים אַן אַנדערער. אָבער כאַריטאָן טוט אַ שאָקל מיט'ן בערדל און ענטפערט:

— אפשר זענען דאָ פּערל באַהאַלטן אין וואַלד?

שאָקלען די פּויערים מיט די קעפּ און פרעגן זיך: זאָל דאָס מעגלאָך זיין, אַז די מלחמה האָט אים קאַליע געמאַכט דאָס קעסעלע?

— האָסט זיך אויסגעשמירט אין בלאָטע, ווי אַ שד, — זאָגט אים דאָס ווייב שפּעט בײַנאַכט. — וואו ביזטו ארומגעקראָכן אין אַזאַ בייזער שעה?

שאָבט כאַריטאָן פון זיך די בלאָטע מיט אַ שפּענדל, און די בלאָטע אויגן לײַכטן אַזוי, אַז ס'ווערט פון זיי ליכטיק און — „אַפּראָסיאַ, — זאָגט ער, און זײַן קול זינגט. — „אַפּראָסיאַ, איך האָב געפונען."

קנײַטשט אַפּראָסיאַ מיט די פּלײצעס, רוקט אים אונטער אַ שטיק ברויט מיט קאַלטע קאַרטאָפל און ברומט:

— אַ תל פון'ם פויער.

און אויף מאָרגן קנעט שוין כאַריטאָן די בלאָטע פּעריצק וויאָרסט פון דאָרף אין אויעזדנע שטאָט אַרײַן, און אַז ער קומט אויף איבער־מאָרגן צוריק, שווײַגט ער. נאָר די אויגן ריידן.

— וואָס האָט אַ דערוואַקסענער פויער צו טאָן מיט קאָמסאָמאָל־צעס? ער אַליין איז דאָך שוין אַ טאַטע פון קינדער, — טאָ ווי פּאַסט אים זיך ארומדרייען מיט יונגע צוציקעס?

אַזוי פרעגט דאָס דאָרף, ווען מען זעט כאַריטאָנ'ען אין דער קאָמ־פּאַניע פון די זעקס אָרטיקע יונגע קאָמוניסטן

— וואַקסט שוין צוריק, כאַריטאָנקע? — וואַרפט אים איינער צו מיט אַ קרומען שמייכל.

— ניש'קשה, — לאַכט כאַריטאָן. — זיי זענען קליגער פון אייך, אַלטע צאַפּעס. זיי וועלן אייך פאַרשטעקן אין גאַרטל.

און אַז מען זעט, ווי די זעקס קאָמסאָמאָלצעס מיט כאַריטאָנ'ען לאָזן זיך גיין צום וואַלד, מיט העק, לאָפּאַטעס און שטריק, וואונדערט מען זיך נאָך מער און מען קוקט זיך איבער. מ'האָט געהערט, אַז כאַריטאָן האָט צו די בחורים געבראַכט אַ פּאַפּיר פון דעם אויעזדנע איספּאָלקאָם. מען האָט אויך געזען, ווי די זעקס האָבן אַ גאַנצן אָוונט זיך געבויגן איבער אַ בויגן מיט פּאַסיקלאַך און קעסטעלאַך וואָס כאַריטאָן האָט פאַר זיי געמאָלט.

ס'איז סוף זומער, און די נעכט זענען שוין קאַלט, און אַמאָל פאַלט בײַנאַכט אַ געדיכטער נעפּל, און אַמאָל גייט אַ דריבנע רעגנדל, אָבער די זיבן קומען ניט אַהיים. זיי וואוינען וואָכנלאַנג אין אַ ביידל, וואָס זיי האָבן צונויפגעקלאַפּט פון צווייגן. זיי שפּייזן זיך מיט ברויט און קאַרטאָפל. און וואָס טוען זיי? ז י י ג ר אָ ב ן אַ

האטקע. זיי קנעטן ערד מיט צווייגלאך און גראָזן, זיי לייגן גרויסע קוכן ערד איינס לעבן צווייטן, זיי ציען די האטקע אונטער'ן בארג, פון דעם סאָסנע־וועלדל ביז'ן אַלטן צלם לעבן שליאַך. זיי פארהאַלטן די וואסער, וואָס לויפט פונ'ם בארג אין אַ סך קליינע ריטשקעלאך און פאַלט אריין און צעשווימט זיך אין דער זומפּיקער לאָנקע. זיי שאַפן אַ ריזיקע שיסל פאַר דער וואסער; די וואסער שפּאַרט זיך אָן דער האטקע און קען, דעריבער, ניט דערגרייכן דעם זומפּ. די וואסער זאַמלט זיך אין רעזערוואואַר. זיי מאַכן אַ שליוז, אַ הילצערנעם לאָדן, וואָס אַז מען הויבט אים אויף, פליסט די וואסער דורך אַ גרויסער געמויערטער רער אין טאָל אריין.

— וואָס וועט דאָ זיין? אַ מיל? — פרעגן פּויערים, וואָס קומען אַהער ארוים אום זונטיק צו קוקן אויף חדושים.

— אַז איר'ט עלטער ווערן, וועט איר זען! — זאָגט כאַריטאָן, און די אויגן לייכטן.

וואָכן גייען. דאָס ווייב קומט און וויינט: האָב רחמנות, ס'ווערט קאַלט, ס'איז ניטאָ קיין פּאַליענע האָלץ אין שטוב. זאָגט כאַריטאָן: ער האָט קיין צייט ניט, זי קען אַליין פאָרן אין וואַלד אריין. קלאָגט זי זיך: וואָס וועט זיין מיט עסן? זאָגט ער: דאגה ניט, מיר'ן איבערליידן היינטיקן ווינטער, וועט ווערן גרינגער. וויל זי כאָטש וויסן, וואָס ער טוט. שפּאַסט ער, עלעהיי אין סאָלדאַן. מ'האָט אים צוגענומען אין אַ נייער רויטער אַרמיי. גייט זי אַוועק און שילט. שושקען זיך די פּויערים, אַז מ'וועט איר דאַרפן געבן אַ סובסידיע, וואָרים איר מאַן איז אַ לא יוצלח. אנדערע האַלטן גאָר, אַז מ'וואָלט געדאַרפט באַשטראָפן כאַריטאָנ'ען פאַר זיינע „פאַנטאַזיעס", אָבער דער פאָרזיצער פון איספּאָלקאָם האָט אַ באַפעל, אַז מ'זאָל כאַריטאָנ'ען לאָזן צורו.

כאַריטאָן אַרבעט. איידער ס'האָבן אַ זעץ געטאָן די פרעסט, איז די האטקע שוין פאַרטיק. חברה האָבן אויך אָנגעהאַקט געהילץ אויף אַ שטוב. דער שניי פאַלט — און די זיבן „וואַלד־מענטשן", ווי מ'האָט זיי גערופן, לייגן אַ קלאָץ צו אַ קלאָץ, אַ בערווענע צו אַ בערווענע, — און באַלד שטייט בײַ דער האטקע אַ גאַנץ פיינער פירעקעכדיקער בנין.

די זיבן האָבן אַ פּנים ווי די שדים. מ'ווערט אויסגעריסן.

מ׳איז שװאַרץ פון בלאָטע, פון האַרעװאַניע און ניט־דערעסן. אַז מען לײגט זיך אװעק אין אָװנט באַם פײער, שמאַרצט יעדער אבר. אָבער מ׳איז פרײלאַך! מען אַרבעט פאַר דרײ. מ׳איז אַזױ צונױפ־געװאַקסן געװאָרן, אַז מען פאַרשטײט זיך אַפּ׳ן װאָונק. מ׳איז װי פאַרשװערער קעגן אַ גאַנצער װעלט. װאַסקאַ, דער אינגסטער, קלאָגט זיך, אַז מען לערנט ניט, אַז ס׳איז ניטאָ קײן צײט און קײן כח צו לײענען. אָבער פּעטרושקאַ, דער נײנצן־יאָריקער סעקרעטאַר פון דער גרופּע, ציטירט חבר לעניג׳ען און באַװײזט, אַז פּראַקטיש־ע אַרבעט איז איצט דאָס װיכטיקסטע פאַר׳ן אױפבױ פון דער סאָװעט־רעפּובליק, — און דער אױעזדנער פּאַרטײ־קאָמיטעט האָט דאָך יעדנפאַלס געגעבן זײן הסכמה, מעג מען זײן רואיק.

פאַלט דער שנײ, פאַרדעקט ער דעם װאַלד, פאַרשיט ער דעם בנין באַ דער האַטקע. אָבער אינװײניק גײט אָן אַרבעט. מען האַקט און מען הובלט און מען קלאַפּט און מען קאַרבט, און חדשים פאַרפליען, און ס׳װאַקסט אױס אײן ראָד און אַ צװײטע, און ס׳זענען דאָ װאָלן מיט פינגער און אָן פינגער, און עפּעס ראַמען, און נעסטן און הילצערנע שרױפן. אַמאָל לאָזט זיך כאַריטאָן אַװעק אין שטאָט אַרײן און קומט צוריק מיט אַ געדונגענער פור אָנגעשטאָפּט מיט בלעכן און דראָטן, מיט מעש און אײזן, װאָס ער האָט באַקומען באַם סאָװעט. און דאָס האַמערן און שװײסן און פײלן גײט זײן גאַנג ביז װעסנע.

אַז די זון האָט װידער אױפגעדעקט די ערד, האָט כאַריטאָן געגומען הוסטן שטאַרקער װי שטענדיק. גאַנצע נעכט האָט ער גע־קאַכיקעט. אַ שװײס האָט אים באַגאָסן און געמאַכט הײס דאָס געלעגער. „רו זיך אָפּ, כאַריטאָן! ביזט דאָך קראַנק!“ עט, כאַ־ריטאָן לאַכט זיך אױס פון זײן הוסט. אַ הוסט פאַרשװינדט — און די אַרבעט בלײבט. די אַרבעט איז שױן באַלד געענדיקט. מען שטעלט שױן סלופּעס אַפּ׳ן פעלד צװישן דער האַטקע און דעם דאָרף. מ׳האָט שױן געבראַכט עפּעס אַן אַלטע פאַרזשאַװערטע מאַשין פון דער צוקער־פאַבריק, װאָס האָט אָפּגעברענט נאָך אין יאָר 1918 און איז פון דעמאָלט אָן געשטאַנען אַ חורבה. מען װײסט שױן אין דאָרף, אַז כאַריטאָן בױט אָן עלעקטרישע סטאַנציע. כאַ־ריטאָן האָט שױן זעקס װאָכן אָפּגעאַרבעט אַף דער דינאַמאָ־מאַשין,

וואָס ער האָט געבראַכט פון דער צוקער־פאַבריק: ער האָט זי פּאַס־טיש געמאַכט פון טויט לעבעדיק. די פּויערים שאָקלען מיט די צושויבערטע קעפּ, ווינקען זיך איבער מיט כיטרע אויגן, שמייכלען אין די גערדיכטע בערד אריין און זאָגן: „עט! ס׳איז אַרויסגעוואָר־פענע אַרבעט. אַ פּויער, אַ גאָרנישט, וואָס האָט ניט געקענט דאָס איינגענע באַלעבאַטישקייט אָוועקשטעלן אַף די פיס, וועט אודאי נ״ט קענען אויפשטעלן קיין עלעקטרישע סטאַנציע״.

אָבער אָפּטער און אָפּטער קומט מען צו דעם בנין בא דער האַטקע, מיט אַלעמאָל גרעסערן אינטערעס פרעגט מען זיך בא כאַ־ריטאָנ׳ען, וואָס איז איינס און וואָס איז דאָס צווייטע, — און כאַרי־טאָן דערקלערט: אָט דאָס איז אַ האַטקע, וואָס צווינגט די וואַסער זיך אָנזאַמלען אין רעזערוואואַר; אָט דאָ פאַלט די וואַסער אַרונטער מיט קראַפט און מאַכט דרייען אַ ראָד; אָט דאָס ראָד איז אַ טור־בינע, וואָס איז דורך ציין און פּאַסן פאַרבונדן מיט׳ן אַפּאַראַט, וואָס פאַרוואַנדלט די ענערגיע אין עלעקטרישע קראַפט; אָט דאָס איז אַ דינאַמאָ־מאַשין, וואָס האָט געזשאַוועט אין דער פּוסטקע פון דער צוקער־פאַבריק און וואָס ער האָט זי צוגענומען און איבער׳געאַרבעט.

קוקן די פּויערים, טאַפּן מיט די גראָבע פינגער די מערקווירדיקע זאַכן און פרעגן: „ס׳וועט טאַקע גיין?“ לאַכט כאַריטאָן און ענט־פערט:

— אַז איר׳ט עלטער ווערן, וועט איר זען.

און דער טאָג איז געקומען. אַפ׳ן פּלאַץ אין דאָרף, פאַר דעם הויז פונ׳ם איספּאָלקאָם, איז געווען שוואַרץ פון פּויערים און פּויער־טעס און קינדער. דער איספּאָלקאָם איז געווען אַרומגעהאַנגען מיט גירלאַנדעס בלעטער. די פרישע סאָסנאָווע טריבונע פאַר׳ן איספּאָל־קאָם איז אויך געווען אַרומגעוויקלט מיט גירלאַנדעס. אַביסל ווייַ־טער זענען געשטאַנען צוויי אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געבראַכט פונ׳ם אויעזד עטלאַכע וויכטיקע באַאַמטע. אינמיטן פּלאַץ, פּונקט אַנטקעגן דער טריבונע, זענען געשטאַנען צוויי הויכע סלופּעס און אַף יעדן אַ קייַלאַכדיקער מילך־ווייסער לאָמפּ.

ס׳איז געווען זונטיק נאָכמיטאָג, און דער עולם האָט זיך אָנ־געהויבן זאַמלען באַלד נאָך האַלבן טאָג. אָבער ערשט אַ פּאָר שעה פאַרנאַכט האָבן די רעדנער זיך באַוויזן אַף דער טריבונע. ס׳האָט

גערעדט דער פאָרזיצער פון אויעזדנע סאָוועט — וועגן די פּויערים און דער סאָוועט־מאַכט. ס׳האָט גערעדט דער סעקרעטאַר פונ׳ם אויעזדנע קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — וועגן דער ראָלע פון די קאָמוניסטן אין דאָרף. ס׳האָט גערעדט אַ טעכניקער וועגן דעם, וואָס מען קאָן טאָן אין דאָרף מיט עלעקטרישער קראַפט. ס׳האָט גערעדט דער פאָרזיצער פונ׳ם וואָלאָסטנאָי איספּאָלקאָם.

ס׳איז געווען היים. די רעדנער האָבן זיך אָפּט געווישט דעם שווייס פון דעם פּנים. די פּויערים־מאַסע האָט געשוויצט און ניט גוט פאַרשטאַנען, וואָס מע רעדט. אַ סך זענען געוואָרן אומגעדולדיק. „אַ סאָלאָוויי קאָרמעט מען ניט מיט מעשיות“. „ריידן קענען זיי, אָבער וואו איז דאָס ליכט, וואָס גייט דורך דראָטן“. „עט, ס׳איז אַלץ ווערטער“. די פּויערים־מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן וויגן.

אָבער אַז ס׳איז געוואָרן טונקל, דאָס לעצטע רייטל זון האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אונטער׳ן ראַנד פון דער ערד און די לאַנגע שאָטנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן און געוואָרן אָוונט, — האָט דער קאָמסאָמאָלעץ פּעטרושקאַ זיך באַוויזן אַף דער טריבונע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט העמדל און אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּיר. מיט אַ ציטערדיקער יונגער שטים האָט ער געלייענט פונ׳ם פּאַפּיר, אַז לויט׳ן אויפטראַג פון דער יאַטשייקע*) פון דעם קאָמסאָמאָל אין דאָרף גאָווריליאָווקע ערקלערט ער די עלעקטרישע סטאַנציע אינ׳ם נאָמען פון וולאַדימיר איליאיטש לענין געעפנט. און פּעטרושקאַ האָט געגעבן אַ דריק אַ קנעפּל — און „אַך“ האָט אויסגעשריען די געדיכטע מאַסע. איבער די קעפּ האָבן זיך אָנגעצונדן די צוויי מילך־ווייסע לאַמטערנעס און זיך געפּערלט אינ׳ם בלאָען אָוונט און געגאָסן ימים ווייס ליכט — און געקוקט האָבן די פּויערים איינער אַפ׳ן צווייטן, און זיך געזען דייטלאַכער, ווי באַטאָג, און געקוקט האָבן זייי אַפ׳ן גאַנצן פּלאַץ און געזען, אַז ער איז ליכטיק, ליכטיק.

האָבן אַלע פּויערים, ווי דורך אַ קאָמאַנדע, גענומען שרייען:
„כאַריטאָן! כאַריטאָן!“

און אַז כאַריטאָן האָט זיך באַוויזן אַף דער פּלאַטפאָרמע, אַ מאָגערער, מיט אַ ציגן בערדל און צעכראַסטעטן העמד, און האָט ניט

געוואוסט, וואס צו טאָן מיט די גרויסע שווארצע הענט, און די אויגן האָבן עפּעס אַזוי מאָדנע געבלישטשעט אינ'ם ווייסן עלעקטרישן ליכט, זענען אַלע פּויערים ווי אַראָפּ פון זינען. מ'האָט געשריען און געברומט און געפּלעסקעט און געוואָרפן די היטלען אין דער הויך — און דער נאָמען „כאַריטאָן!" האָט זיך געריסן פון הונדערטער בריסט.

און כאַריטאָן איז צוגעגאַנגען צום עק פּלאַטפאָרמע און אַ קוועטש געטאָן אַ צווייט קנעפּל — און אַ הונדערט קליינע לעמפּלאַך, וואָס זענען געווען אַריינגעפלאָכטן און באַהאַלטן אין די גירלאַנדעס, האָבן זיך אָנגעצונדן און פאַרוואַנדלט דעם פאַסאַד פון'ם איספּאָל־קאָם און די טריבונע אין אַ כשוף־שפּיל. און נאָך אַ קנעפּל האָט כאַריטאָן אַ קוועטש געטאָן, און אין אַלע צימערן פון'ם איספּאָלקאָם האָבן זיך אָנגעצונדן עלעקטרישע לעמפּלאַך — און דאָס הויז האָט געקוקט אַפּ'ן פּלאַץ און אַפּ'ן דאָרף, ווי אַ פייערדיקער פּאַלאַץ.

העכער האָבן געראַשט די פּויערים, ברייטער האָבן זיך געשפּרייט זייערע שטימען. יונגוואַרג האָט געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". און ווען דער סעקרעטאַר פון'ם אויעזדנע קאָמיטעט איז צוגעגאַנגען צו דריקן כאַריטאָנ'ען די האַנט, האָט ער געזען, ווי אָט דער אויס־געדאַרטער פּויער מיט דעם ציגענעם בערדל און שווערע שוואַרצע הענט האָט געוויינט. כאַריטאָן איז דעם טאָג געווען דער גליק־לאַכסטער מענטש.

„פון יענעם טאָג אָן", זאָגט מיר חבר שאַפּיראָ, „איז כאַרי־טאָנ'ס לעבן איין גרויסער שטראָם פון גליק. כאַריטאָן האָט דער־גרייכט דאָס, וואָס ס'גיט זיך נאָר די אויסדערווײלטע: די פרייד פון שאַפן".

זיין סטאַנציע אין גאַוורילאָווקע איז נאָר געווען אַן אָנהויב. אינגיכן האָט ער אויסגעשפּרייט זיין טעטיקייט איבער דער גאַנצער וואָלאָסט, שפּעטער — איבער'ן גאַנצן אויעזד. ער האָט דורכגע־פירט ליכט אין עטלאַכע טויזנט פּויערשע הייזער. ער האָט אָנ־געהויבן לערנען די פּויערים, ווי צו נוצן עלעקטרישע קראַפט בײַ ערד־אַרבעט. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי מיט דער הילף פון עלעקטריש־געטריבענע גראָב־אייזנס דורכצופירן קאַנאַלעס און אויסטריקענען מײַלן פון זומפּ.

כאַריטאָנ'ס רעפּוטאַציע איז געוואַקסן. ער איז געוואָרן אַן

אנערקענטע פערזאָן אין יענער סביבה. אָבער אים האָט נאָר אינ־טערעסירט די אַרבעט. אים האָט פאַר׳שכור׳ט דער ווייַן פון אַרבעט. פאַר זיך אַליין האָט ער גענויטיקט נאָר אַ שטיקל ברויט, אַמאָל אַ טעלער „שטשי" (זופּ פון קרויט); אים איז געווען אַלץ איינס, צי זיין העמד איז צעריסן אָדער גאַנץ, ריין אָדער שמוציק. ער האָט געברענט מיט דער אַרבעט. מ׳האָט אים געוואָלט שיקן אין אַ סאַנאַ־טאָריום פאַרריכטן דאָס געזונט, — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: ניטאָ קיין צייט.

ענדלאַך איז זיין נאָמען דערגאַנגען צום ע. ט. צ. ר. (עלעק־טרישער טרעסט פון צענטראַלן ראַיאָן) — און מ׳האָט אים אָנגע־שטעלט פאַר אַן אינסטרוקטאָר. ער האָט געדאַרפט פאָרן אין די דערפער און אָפּ׳ן אָרט אויסגעפינען, וואָס ס׳איז נויטיק פאַר עלעק־טריפיקאַציע. אויב ער האָט פריער געאַרבעט אין איין אויעזד, האָט זיך איצט דאָס פעלד פון זיין אַרבעט אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער רעפּובליק. דעם טאָג, וואָס חבר שאַפּיראָ האָט מיך צוגע־פירט צו אים, איז ער אָפיציעל באַשטימט געוואָרן פאַר אַן אינ־סטרוקטאָר.

ווען איך האָב אויסגעהערט חבר שאַפּיראָ׳ס מעשה, האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך האָב זיך ניט גענויער צוגעקוקט צו כאַרי־טאָנ׳ען. אָבער דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים נאָך אַמאָל זען. טאָקע יענעם נאָכמיטאָג בין איך אַריינגעגאַנגען אין דער בוכהאַנדלונג פונ׳ם גאָסאיזדאַט (מלוכה־פאַרלאַג), וואָס געפינט זיך אַף מאָכאָוואַיאַ. אין יענער צענטראַלער בוכהאַנדלונג קען מען געפינען דאָס נייסטע אַף אַלע געביטן פון ליטעראַטור. ס׳איז אַ פרייד אַרומצואוואַנדערן צווישן די בערג מיט פרישע ביכער. אין אַ ווינקל פון דער בוכהאַנדלונג האָב איך דערזען כאַריטאָנ׳ען איבער אַ הויפן ביכער וועגן עלעקטריציטעט. ער האָט איילנדיק געבלע־טערט צווישן די בענד, איינ׳קע אָפּגעלייגט אָן אַ זייט, איינ׳קע אָפּגערוקט מיט אַ מינע פון גרינגשעצונג. דער אָנגעשטעלטער האָט אים אונטערגעטראָגן אַלץ נייע און נייע ווערק.

ווען איך בין צוגעגאַנגען נענטער, האָט מיך כאַריטאָן דער־קענט און אַ ווייכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַף זיינע ליפּן.

— אזוי פיל ביכער! — האָב איך באַמערקט, כדי עפּעס צו זאָגן.

מיט אַ קינדערשער אָפנקייט האָט מיר כאַריטאָן געזאָגט:

— איך וועל איצט האָבן צייט צו לייענען: פּאַרנדיק אין וואַגאָן, וועל איך האָבן גאַנצע פרייע טעג. נו, און אַן אָרדער אַף ביכער האָב איך באַקומען פונ׳ם ע. ט. צ. ר. — וועט זיין גוט!

די ווערטער און דער טאָן האָבן געוויזן, אַז כאַריטאָנ׳ען איז טאַקע גוט, גוט ווי די וועלט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער אַרויס מיט אַ פּאַק פון זיבן ביכער אונטער׳ן אָרעם.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ גוי׳אישער אָפּגעריבענער סוויטקע איבער אַ קויטיקן צעבראַסטעטען לייוונטענעם העמד. אַף די באָר־וועסע פיס האָט ער געטראָגן „קעפּלאַך“. קיין היטל איז אַפ׳ן קאָפּ ניט געווען. געגאַנגען איז ער און אונטערגעהוסט, אָבער די ביכער האָט ער געהאַלטן פעסט, און דער טריט איז געווען לייכט און עלאַס־טיש. פון די אויגן האָט אַרויסגעשיינט דאָס גליק, וואָס זעלטן ווען ס׳איז באַשערט אַ מענטשן — דאָס גליק פון שאַפן.

---

*) גרופּע, קעמערל, „ניוקלעאוס“.

1925

איך פאַרברעכן.

— פון אַלע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וואָס האָט אַף אייך געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק? — האָב איך געפרעגט דעם חבר אַנדרעי ל.

חבר אַנדרעי איז אַ מאַן פון 38 יאָר — און אַ שווייגער. איך ווייס, אַז ער איז געווען אין סאַמע ברען פון די ברענענדיקע יאָרן. מען זאָגט, אַז זיין קורצער ברייטביינערדיקער קערפּער איז פון אייזן, און אַזוי איז אויך זיין נשמה. איך ווייס, אַז ער האָט זיך ניט איינמאָל געשפּילט מיט'ן לעבן. אַ צייט איז ער געווען דער שעף פון דער טשעקאַ אין אַ גרויסער אוקראַינער שטאָט. איך גלויב, אַז ער איז איצט אויך אַקטיוו אין דער פּאָליטישער פּאָליציי. אויב איך האָב אַמאָל געזען קאַלטע אַנטשלאָסענע אויגן, וואָס ווייסן ניט פון סענטימענטן, זענען דאָס די אויגן פון אַנדרעי ל. איך האָב זיך ניט געריכט, אַז ער וועט מיר עפּעס דערציילן. אָבער יענעם זומער־אָוונט האָב איך אים, אַפּנים, געטראָפן אין אַ גוטער שטימונג. אַנ־דרעי האָט אַ שטיק צייט געקוקט אַפ'ן פּאַרלאָשענעם סאַמאָוואַר, ווי ער וואָלט דאָרט געזען אַ פּראָצעסיע פון אינטערעסאַנטע זאַכן, נאָכ־דעם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דעם אמת ריידנדיק, פרעגט מען מיך אַזאַ פראַגע צום ערשטן מאָל. עטנפערן איז ניט אַזוי גרינג. איך האָב ניט גע־טראַכט וועגן דעם ענין. אָבער אַזוי, ניט געטראַכטערהייט, דאַכט זיך מיר, אַז דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָב איך באַקומען ניט פון די מלחמות מיט די ווייסע און ניט פון די אינוווייניקסטע אויפ־שטאַנדן און ניט אפילו פון דעם הונגער, נאָר פון אַ געווייסן פּאַרטיי־געריכט, וואו מיר האָבן גע'משפט אַ חבר.

— פאַר וואָס האָט מען אים גע'משפט?

— ס'איז געווען אַ ז י, ניט קיין ע ר; גע'משפט האָט מען זי פאַר דיסציפּלין־ברוך.

— דערציילט.

חבר אַנדרעי האָט אַראָפּגענומען זיינע קאַלטע גראָע אויגן פונ׳ם סאַמאָוואַר און זיי אַנגעשטעלט אַף מיר. איך האָב אים געקענט ערשט פון אַ קורצער צייט — און בין ניט געוואוינט געווען צו זיינע אויגן. ס׳האָט זיך געפילט אומהיימלאַך אונטער זיין קוק. ניט אַזוי די קאַלטקייט, ווי דאָס באַהאַלטענע איינגעפּרעסטע פייער, וואָס האָט געלויערט הינטער זייער רו.

חבר אַנדרעי האָט געזאָגט:

— איך בין ניט קיין מייסטער פון דערציילן. ווען איך וואָלט ניט גערעכנט, אַז די וועלט דאַרף קענען אַלע זייטן פון אַ רעוואָלוציע, וואָלט איך ניט גערעדט. בפרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּסיכאָלאָגישע דריידלאַך... קורץ: מיר האָבן גע׳משפּט אַ חבר׳טע אין פּאַרטיי־טריבונאַל פאַר דער׳הרג׳ענען אַן אָפיציר פון דעניקינ׳ס באַנדע. געטאָן האָט זי דאָס אין אַ שטאָט, וואָס איז באַזעצט געווען פון די ווייסע. זי אַליין האָט געזאָלט בלייבן אין שטאָט קאָנספּיראַטיוו און אָנהאַלטן פּאַרטיי־פאַרבינדונגען מיט אונזער פראָנט, וואָס איז געווען אַ וויאָרסט אַכציק פון יענער שטאָט. זי האָט אַף זיך געהאַט אַ פאַראַנטוואָרטלאַכסטע מיסיע — די פאַראַנטוואָרטלאַכסטע אין אַ צייט פון בירגער־קריג. — זי האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון סענטימענטן. קיין גרויסער שאָדן איז דערפון ניט ארויסגעקומען, וואָרים אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר ווידער פאַרנומען די שטאָט. אָבער דאָס איז ניט קיין תירוץ. זי האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז מיר וועלן אָפּהאַלטן שנעלע זיגן. זי האָט געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער שטאָט צוליב אירע פּערזענלאַכע געפילן. — וואָס קער זיך אָן די רעוואָלוציע מיט פּערזענלאַכע געפילן? — און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ געשען? ווייל יענע חבר׳טע איז בטבע געווען אַ בורזשואַזע אינטעליגענטקע. דער אינדיווידואַליזם שטעקט בא די אינטעליגענטן אין בלוט, ווי אַ פאַרשלעפּטע קריינק, ווי זאָגט מען: וויפיל זאָלסט ניט קעכלען אַ וואָלף — אים ציט אַלץ צום וואַלד... אָבער וואו האַלט איך? איר זעט אַליין, איך בין ניט קיין דערציילער.

חבר אַנדרעי ווערט אַ ווײַלע אנטשוויגן, האַלטנדיק די צוויי גרויסע שווערע הענט אַף ביידע קני און פאַרבייסנדיק די ציין. איך וויל אים אָנהויבן פרעגן איינצלהייטן, אָבער ער שלאָגט מיך איבער:

— ווייסט איר וואָס. — זאָגט ער, — פון מיין דערציילן וועט קיין טאָלק סיי ווי ניט ווערן. איך האָב בא זיך אַ קאָפּיע פון איר בריוו צום שטאָטישן קאָמיטעט.

— וועמעס בריוו?

— טאַקע פון יענער חבר'טע. זי איז געווען די ערשטע צו מעלדן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט וועגן איר פאַרברעכן. איך בין געווען פאָרזיצער פון יענעם געריכט — איז בא מיר געבליבן אַ קאָפּיע פון איר מעלדונג.

חבר אַנדרעי גראָבט זיך אַ ווײַלע אין ביכער־שראַנק, אין אונטערשטן שופלאָד. ער שלעפּט אַרויס אַ דאָקומענט פון אַ גרויסן בלאָען קאָנווערט און זאָגט מיר:

— נאַט, לייענט. פון דאַנען וועט איר דערגיין די גאַנצע מעשה.

דער דאָקומענט, קאָפּירט אויף אַ שרייב־מאַשין און שוין געלבלאַך פון צייט, האָט זיך געלייענט אַזוי:

„אין שטאָטישן קאָמיטעט פון דער ר. ק. פּ., 23טן יולי 1920.

„ווערטע חברים:

„איך מעלד אייך דערמיט, אַז דעם 19טן יולי פון הייִנטיקן יאָר האָב איך מיט מיינע אייגענע הענט דערמאָרדעט דעם קאַפּיטאַן פּירשט אַנאַטאָלי קורבסקי, אויפזעער איבער דער ווייסער קאָנטר־ראַזוויעדקאַ *) און דער קאָמענדאַנט פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון דעניקינ'ס מיליטער. דער אַקט איז געווען צוליב פּערזענלאַכע מאָטיוון, און איך ווייס, אַז ער וואָלט געקענט ברייִנגען שאָדן דער רעוואָלוציע און דער פּאַרטיי. מעלדנדיק וועגן דעם, וויל איך נאָר דערקלערן, ווי אַזוי איך בין דערגאַנגען צו אַזאַ טאָט. מיט דעם בריוו בין איך ניט אויסן קיין רחמנות — איך ווייס, אַז די חברים וועלן האַנדלען, ווי עס פאָדערט די פּאַרטיי־פליכט — נאָר איך האַלט, אַז ס'איז ניט איבעריק זיי זאָלן פאַרשטיין מיינע מאָטיוון.

„איך בין איצט אַלט 27 יאָר. אין דער פּאַרטיי בין איך פון 1911 אָן — פונ'ם לעצטן יאָר אין גימנאַזיע. די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען אונטער פּאַרטיי־קאָנטראָל און אין אייִנגער פאַרבינדונג מיט פּאַרט־אָרגאַניזאַציעס, אָרטיקע און צענטראַלע. איך

*) מיליטערישע שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע.

ווייס ניט, צי איר ווייסט, אז איך בין געווען א וויכטיקער קאָנ־ספּיראַטאָר. דורך מיינע הענט זענען דורכגעגאַנגען מאַסן ליטע־ראַטור און צענדליקע וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן. פאַר די נײַ־אָנגע־קומענע חברים, וואָס קענען ניט די שטאָט, איז נויטיק צו מעלדן, אַז איך בין די טאָכטער פון פּאָלקאָווניק זובאָוו, דעם געוועזענעם הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער אָרטיקער מיליטער־שול. פּאָלקאָווניק זובאָוו׳ס געזעלשאַפטלעכע לאַגע אַלס אַדלמאַן און אָפיציר, און די שול מיט אירע פילע בנינים, שטאַלן, קאַמערן, שפּייכלער, קעלערס און גאָרטן האָבן מיר לייכט געמאַכט צו טאָן אַזאַ פּאַרטיי־אַרבעט, וואָס פאַר אַנדערע וואָלט דאָס געווען אוממעגלאַך. דורך מיינע הענט איז געגאַנגען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אויסלאַנד. אין מיינע צימערן האָב איך געהאַלטן די אויסערסט־וויכטיקע פּאַרטיי־דאָקו־מענטן. אויף מיין אַדרעס פלעגט מען צושיקן די קוויטאַנציעס פון טראַנספּאָרטן ליטעראַטור, וואָס זענען געגאַנגען מיט דער באַן. צו מיר פלעגן קומען חברים פון אויסער שטאָט, אַז איך זאָל זיי פאַר־בינדן מיט די אָרטיקע חברים. בא מיר פלעגן איינשטיין אַנטלאָ־פענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען געקומען פון סיביר אָדער פון דער טורמע. מיין מוטער איז יונג געשטאָרבן, דער פאָטער איז געווען אַ פלעגמאַטישער מענטש, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אינ־טערעסירט, אַחוץ דעם פּלאַץ־פּאַראַד, און איך בין געווען די באַלע־באָסטע. אָבער דאָס האָט שווערער געמאַכט מיין לעבן. איך האָב געמוזט לעבן אָפּגעשיידט פון אַלע איבעריקע חברים. די פּאַרטיי האָט געפאָדערט, אַז איך זאָל זיך בשום אופן ניט באַטייליקן אין אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. די פּאַרטיי האָט מיך געהאַלטן „ריין״ פאַר קאָנספּיראַטיווע צוועקן. די פּאַרטיי איז געווען גערעכט אין איר ווילן אויסניצן אַן אויסערסט גינסטיקע לאַגע. איך אַליין האָב איינגעזען די ריכטיקייט פון אַזאַ האַנדלונג. ווען איך וואָלט געדאַרפט אָפּשטימען, צי מען זאָל מיר געבן אַנדערע אַרבעט, צי איך זאָל בלייבן אויף מיין פּאָסטן אַלס די פּאַקטישע פאַר־וואַלטערין פון דער אַלעקסאַנדראָווסקע מיליטער־שול, וואָלט איך — ווי פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט — געשטימט פאַר׳ן לעצטן. דער פאַקט, וואָס איך בין קיין איינציק מאָל ניט דורכגעפאַלן אין אַ משך פון יאָרן, האָט באַוויזן, אַז די פּאַרטיי האָט געהאַנדלט ריכטיק. אָבער

נעמט אין אנבאטראכט די פאָדערונגען פון מיין נשמה. איך האָב זיך כסדר גע'חבר'ט מיט מענטשן, וואָס האָבן מיך געעקלט, און איך האָב זיך כמעט ניט געקענט זען מיט חברים, וואָס זענען מיר געווען ליב און אייגן. איך האָב געדאַרפט פירן דאָס לעבן פון א פּאָלקאָווניק'ס א טאָכטער, וואָס שטאַמט פון אדל. איך האָב געדאַרפט ארומפאָרן מיט אָפיצירן, עמפּפאַנגען אין אונזער הויז דעם זשאַנדארמסקע פּאָלקאָווניק, דעם פּאָליציימייסטער, דעם פּראָקוראָר און דעם אינספּעקטאָר פון די טורמעס. איך האָב געדאַרפט טאַנצן מיט'ן גובערנאַטאָר און שמייכלען צום יעפּיסקאָפּ. איך האָב געדאַרפט שפּילן די ראָלע פון א לייכטזיניקער אומאינטעליגענטער אַריסטאָקראַטקע. אפילו צופיל קולטור האָב איך ניט געטאָרט ארויסווייזן, כדי איך זאָל ניט זיין פארדעכטיק. נאָך מער: ווען די פּאַרטיי האָט געגרינדעט א רעוואָלוציאָנערע גרופּע צווישן די מיליטערישע סטודענטן פון אונזער שול, וואָס האָבן שפּעטער געוואָלט ווערן אָפיצירן, — האָב איך באקומען א שטרייגגן באפעל ניט צו האָבן מיט דער גרופּע קיין שום פארבינדונג. אזוי האָט זיך באַשאַפן א קוריאָזנע סיטואַציע, אז אונטער מיין נאָז, אזוי צו זאָגן, אין מיין אייגענער מלוכה, האָט פונקציאָנירט א פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואָס ניט איך האָב געקענט אירע מיטגלידער, ניט אירע מיטגלידער האָבען געוואוסט, ווער איך בין. איך בין זיכער, אז ניט איין סטודענט־באָלשעוויק האָט מיך איינגעשלאָסן אין זיין שנאה צו מיין פאָטער.

„פון דער ווייטנס קען אויסזען, אז די קאָנספּיראַציע מיט אירע געפאַר־עלעמענטן און מיט דער נויטיקייט צו שפּילן א ראָלע האָט מיך גענוג גערעגט און פארהיט פון לאַנגוויל. איך בעט אָבער די חברים צו געדאַנקען, ערשטנס, אז יאָרנלאַנג איבערטראָגן די געזעלשאַפט פון רעאַקציאָנערער אַריסטאָקראַטיע איז גאָר ניט אזוי גרינג, און, צווייטנס — און דער עיקר — אז אין מיר האָט פרי אויפגעוואַכט דער פארלאַנג נאָך ליבע. איך בין גענוג באוואוסטזיניק צו וויסן, אז דאָס, וואָס מען רופט ליבע, איז דיקטירט דורכ'ן געשלעכט־אינסטינקט, אָבער דערפון איז דער ליבע־דראַנג ערשט באפעלעריש־מעכטיק. איך וועל זיך ניט גיין באהאַלטן הינטער קליינבירגער־לאַכער פאַלשער שעמעוודיקייט. איך האָב געלעכצט נאָך א חבר —

אַ ליבהאָבער, אַ פריינט, און איך האָב ניט געהאַט קיינעם. אין מיין לאַנגע האָב איך קיינעם ניט געקענט האָבן. איך בין געווען גענוג שיין, אַז אָפיצירן און באַאַמטע זאָלן זיך אין מיר „פאַרליבן" און מיר אָנבאָטן זייערע הערצער, אָבער מיך האָט געשווידערט פון אָט די שונאים. איך האָב קיינעם פון זיי ניט געקענט צולאָזן נאָנט. פון דער אַנדערער זייט בין איך געווען אָפגעטיילט, ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט, פון אמת'ע מענטשן, פון חברים. אַפילו מיט דער אָרטיקער ליבעראַלער אינטעליגענץ האָב איך זיך ניט געטאָרט באַגעגענען: זי איז בא דער נאַטשאַלסטוואָ אויך געווען „קראַמאָלע", און ווען לידיאַ זובאָוואַ וואָלט זיך באַוויזן, לאָמיר זאָגן, אַף אַ לעקציע אָדער באַ'ם רעדאַקטאָר פון דער ליבעראַלער אָפאָזיציאָנעלער צייטונג, וואָלט דאָס געווען פאַר דער פאַרטיי פונקט אַזוי געפערלאַך, ווי ווען איך גיי אַף אַן אַרבעטער־מיטינג.

„קורץ: איך האָב ניט געהאַט און ניט געקענט האָבן קיינעם, וועמען עס זאָל מיך ליבן, וועמען איך זאָל קענען אָפגעבן דעם פייער פון מיין גייסט און פון מיין קערפער. איך האָב געלעבט, ווי אַ מאָנאַשקע, און פונקט ווי אַ מאָנאַשקע האָב איך געפלאַקערט אין פאַרלאַנג און ביינקשאַפט. די פאַרטיי האָט געהייסן — און איך האָב געפאָלגט, אָבער ווער קען באַפעלן דעם בלוט צו זיין שטיל? אין מיין קרייז פון אַריסטאָקראַטן בין איך מיט דער צייט באַקאַנט געוואָרן אַלס פרינצעסין ניעדאָטראָגאַ (ריר־מיך־ניט־אָן). מיין אַלטער פאָטער איז געווען עגאָאיסטיש־צופרידן, וואָס איך האָב ניט חתונה, ווייל ער האָט מיך געדאַרפט האָבן צו פאַרוואַלטן זיין הויז. אַפ'ן קוק בין איך געווען רואיק און צופרידן, — אינווייניק אָבער האָט געשטורמט.

„ווען די מלחמה איז געקומען און די פאַרטיי האָט געפונען פאַר נויטיק מיך אַוועקצושיקן צום פראָנט אַלס באַרמהערציקע שוועסטער, האָט זיך איבערגע'חזר'ט דאָס זעלבע. איך האָב געדאַרפט זיין קאָנספיראַטיוו פאַר העכערע צוועקן. ס'איז אַפילו איינמאָל דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַן אומצופרידענער באַטאַליאָן, וואו מ'האָט געפירט אַגיטאַציע, האָט געדראָט מאַכן אַ פאָגראָם אַף מיין האָספיטאַל־געצעלט, און די פאַרטיי־אַגיטאַטאָרס האָבן קוים פאַרהיט פון עקסצעסן. אָבער איך האָב ניט געטאָרט אויסזאָגן,

ווער איך בין. איך בין געווען אַ מיוחסת — גענעראַל זובאָוו׳ס אַ טאָכטער (נאָכדעם ווי מיין פאָטער איז אוועק אין קריג, האָט מען אים געגעבן אַ גענעראַלסקע טשין), איך האָב געהאַט צוטריט צום גענעראַל־שטאַב און איך האָב געקענט אומגעשטערט דורכגיין דאָרט, וואו מ׳האָט ניט דורכגעלאָזט קיינעם. באַ׳ם פראָנט איז דאָס גע־שלעכט־לעבן געווען פרייער און הפקר׳דיקער, ווי אין פרידן־צייט, אָבער אויך דאָ איז מיין נאָנטסטע קאָמפּאַניע באַשטאַנען פון אידיאָטן־אָפיצירן און רעאַקציאָנערע באַאַמטע — און חברים האָב איך באַגעגנט אי זעלטן, אי נאָר אַף אַ ווייל.

„איך ווייס, אַז די אַלע פאַקטן פון מיין פּערזענלאַכן לעבן האָבן אַ קליינעם אָביעקטיוון ווערט, אָבער איך מוז זיי רעגיסטרירן, כדי ס׳זאָל פאַרשטאַנען ווערן מיין לעצטער אַקט.

„נאָך דער פעוורואַל־רעוואָלוציע בין איך געקומען קיין פּעטראָ־גראַד אונטער אַ פּאַרטיי־פּסעוודאָנים. מיין אמת׳ן נאָמען האָב איך באַהאַלטן, ווייל מ׳איז ניט געווען זיכער מיט דער פרייהייט אונטער דער צייטווייליקער רעגירונג. נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָב איך אַ צייט פאַרבראַכט אין מאָסקווע, שפּעטער אין אַ פּאָלק פון דער רויטער אַרמיי. זומער 1919 האָט מיך די פּאַרטיי געשיקט אַהער, אין מיין געבורט־שטאָט. איך האָב געהאַט אינסטרוקציעס צו בלייבן קאָנספּיראַטיוו, ד. ה. ניט צו לאָזן וויסן דער שטאָט־באַפעלקערונג, אַז איך בין אַ קאָמוניסטקע. די פּאַרטיי האָט גע־האַלטן, אַז אין דער ראָלע פון אַן „אומפּאַרטייאישער״ וועל איך מער קענען העלפן דער נייער אָרדנונג, ווי אַלס אָפענע קאָמוניסטקע. אפשר האָט מען אויך אינזינען געהאַט מיליטערישע צוועקן. ווען דעניקינ׳ס אַרמיי האָט זיך אָנגערוקט אַהער, בין איך געבליבן אין שטאָט מיט נאָך עטלאַכע אויסגעפּרופטע אומלעגאַלע חברים. איך איינע בין געווען לעגאַל — לידיאַ זובאָוואַ, די טאָכטער פון׳ם פאַרשטאָרבענעם גענעראַל זובאָוו, אַ געוועזענע באַרמהערציקע שוועס־טער מיט אַ מעדאַל. די שטאָט אין אַלגעמיין האָט פון מיין פּאַר־טייאישקייט ניט געוואוסט. די עטלאַכע געבליבענע חברים האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אַף דער ליכטיקער שיין. איך בין געווען די יעניקע, וואָס האָט געדאַרפט מיטטיילן די חברים אַפ׳ן רויטן פראָנט וועגן אַלצדינג, וואָס ס׳קומט פאָר באַ די ווייסע.

„דאָ הויבטם זיך אָן דער קאָנפליקט. דאָס קול פון בלוט האָט אין מיר אָנגעהויבן ריידן אַזוי הויך, אַז ס'האָט פאַרטויבט אַלצדינג. דאָס קול פון בלוט האָט אויפגעוואַכט צוליב'ן חבר מאַטוויי. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז צוליב אים האָט זיך אָנגעזאַמלט דער פלאַקער אין מיין נשמה יאָרנלאַנג, צוליב אים בין איך דורכגעגאַנגען דורכ'ן טויט־הפקר פונ'ם קריג, צוליב אים בין איך צייטיק געוואָרן — אַ קראַפטפולע, זעלבסטבאַוואוסטע, הייס־ליידנשאַפטלאַכע פרוי. עס קלינגט ווי די שפּראַך פון אַ סענטימענטאַלן ראָמאַן — איך שעם זיך אָבער ניט, וואָרים דאָס, וואָס איך האָב געפילט צו מאַטוויי'ען, איז געווען לויטער, שטאַרק, ריין און באַרעכטיקט אין זיך. מאַטוויי דער פּאַרטיי־מאַן, מיט זיין אינטעלעקט און זיין פאַרהאַרטעוועטן קערפּער, מיט זיין פּאַרטיי־פאַרגאַנגענהייט און מוט, איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט. אפשר איז דאָ אַזאַ כעמישע פאַרוואַנד־שאַפט, וואָס ברייגנט צוזאַמען איין באַשטימטע פאָר מענטשן. איך וועל ניט לייקענען: ס'קען זיין, אַז דאָס שטענדיקע באַגעגענען זיך מיט מאַטוויי'ען אַף דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר און דאָס אַר־בעטן צוזאַמען אין אַ צייט, ווען אַרום האָט געבושעוועט די קאָנטר־רעוואָלוציע, האָט ניט פאַרפעלט צו האָבן אַ ווירקונג. קורץ: מאַטוויי איז געוואָרן אַ דערפילונג פון אַ לאַנג־יאָריקן וואַרטן, האָפן, בייַנקען, לעכצן. אויך אין אים האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס זעלבע. ס'איז געווען ווי אַ הייסער זומער־ווינט וואָלט פלוצלונג אַ בלאָז געטאָן אַף אַ ווינטערדיקן לאַנדשאַפט. דער קאָפּ האָט זיך אַביסל געדרייט, ווי אונטער דער ווירקונג פון ווייַן.

„מיר זענען אָבער געווען פּאַרטיי־חברים און מיר האָבן זיך געזאָגט, אַז איצט איז ניט די צייט פאַר ליבע־פריידן. איך האָב געדאַרפט שפּילן מיין אַריסטאָקראַטישע ראָלע פון אַ גענעראַלסקער טאָכטער, כדי וואָס מער צו באַקומען ידיעות פון די ווייסע; ער האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן די טעכנישע זייט פון איבערשיקן מיינע דע־פּעשן צום פראָנט — וואָס דאָס האָט געהייסן איינשטעלן דאָס לעבן אַלע טאָג. מיר האָבן זיך ניט געטאָרט פאַרגינען דעם יום־טוב פון ליבן. מיר האָבן זיך ניט געטאָרט באַגעגענען מער ווי ס'איז געווען אַבסאָלוט נויטיק פאַר דער אַרבעט. מיר האָבן אָפּגעלייגט אונזער פאַרבינדונג אַף דער צייט, ווען די סאָוועט־רעפּובליק וועט האָבן

בייגעקומען דעם שונא. דאָס איז אַלץ אַזוי, ווי ס׳האָט געדאַרפט זיין.

„אָבער דאָ טרעט אויף קאַפּיטאַן קורבסקי. איך וויל, איר זאָלט זיך פאָרשטעלן אָט דעם גוואַרדייסקע אָפיציר. ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס דער אַלטער ציניזם פון די הויף־לייט האָט זיך בא זיי פאַראייניקט מיט דער אויסגעלאַסנקייט פון קריג־צייט און מיט דער בלוט־דורשט פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס האַלט אין פאַלן. ער האָט מסתמא געפילט, אַז די טעג פון זיין הערשאַפט זענען געציילטע, און ער האָט זיך געהאַלטן אָן דעם כלל, אַז „נאָך מיר — כאָטש דער מבול“. אַ קראַסאַוועץ אַ מאַן — אַ הויך־געוויקסיקער, אַ שוואַרץ־האָריקער, רויט־ליפּיקער ספּאָרטסמאַן, מיט אַן אַפּעטיט פאַר די בעסטע מאכלים און די שענסטע פרויען; אַ גוואַרדייעץ, וואָס האָט קיינמאָל ניט באַגעגנט קיין שטערונג צו זיין ווילן און וואָס אַ מענטשנ׳ס לעבן האָט בא אים געהאַט פּונקט אַזאַ ווערט, ווי דאָס לעבן פון אַ פליג, — אין אָט דעם מענטשן האָט זיך אָנגעצונדן דער חשק צו מאַכן מיך פאַר זיין געליבטע.

„פירשט קורבסקי איז איינגעשטאַנען אין אַ פליגל פון דעם גרויסן הויז, וואו איך האָב געוואוינט. דאָס הויז האָט אַמאָל געהערט צו דער מיליטער־שול. אויף יענער זייט גאָרטן איז געווען דער הויפּט־בנין פון דער געוועזענער מיליטער־שול — און דאָרט איז איינגעשטאַנען דער ווייסער שטאַב. דעם געוועזענעם קאַרצער האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ טורמע, וואו עס זענען געזעסן פאַרשפּאַרט די אומגליקלאַכע, מערסטנס אומשולדיקע פּויערים, וואָס קורבסקי׳ס לייט האָבן געפאַנגען. קורבסקי האָט ליב געהאַט קומען אַהינצו, מאַטערן זייערע נשמות מיט אומענדלאַכע דאָפּראָסן און זייערע קערפּערס מיט שמיץ. קורבסקי האָט ליב געהאַט צוזוקוקן, ווי מען גיט שמיץ, און ער האָט ליב געהאַט וועגן דעם צו דערציילן בא׳ם עסן. ער האָט געגעסן מיט מיר בא איין טיש. איך האָב אים געמוזט דולדן בא׳ם טיש, כדי איך זאָל ניט אַרויסגעבן מיין באַציאונג. שעה׳ן־לאַנג פלעגט ער מיך מאַטערן מיט דער באַשרייבונג פון דער פּיין, וואָס די געפאַנגענע האָבן געליטן. נאָכדעם פלעגט ער מיך אָנהויבן מאַטערן מיט זיין ליבע־דערקלערונג.

„ער האָט געוואוסט, אַז איך וויל אים ניט, און ס׳האָט אים

פארשאפט א סאדיסטישן פארגעניגן מיך צו פארפאלגן מיט זיין „ליבע“. ער האט געהאט א טבע, אז ווען ער האט גערעדט פון בלוט־פארגיסונג, פון שמיץ, פון פאגראמען, פון פייניקן די „זשי־דעס“ און די „פארשיווצעס“ (אזוי האט ער גערופן די באלשעוויקעס) פלעגט זיין פנים ווערן צוקער־זיס און אף די ליפן האט זיך באוויזן א פייבטקייט. דאס זעלביקע איז געווען אין די מאמענטן פון זיין ליבע־דערקלערונג. ער האט ניט געוואגט מיך צו רירן פיזיש — אפנים אז מיין האלטונג האט דאס איב פארווערט קעגן זיין ווילן. דערפאר האט ער זיך וואויל־געטאן מיט רייד — ציניש־צווייידייטיקע, ראפינירט־עקלדיקע, אן עסענץ פון אלע זיינע פערווערזיטעטן און פון זיין אומפאראנטוואָרטלאכער לאגע. איך האב א פארשטעלונג, אז לכתחילה בין איך בא אים געווען ניט מער ווי איינע פון פילע: אן אפיציר אין זיין לאגע לאזט ניט דורך א געזונטע יונגע פרוי. אבער מיין ווידערשטאנד האט אין אים אויפגעפלאקערט א קרענק־ליכן פארלאנג, וואס איז געווען געמישט פון ליידנשאפט און האס. וואס מער איך האב זיך געווערט, אלץ גרעסער איז בא אים געווארן דער פארלאנג.

„מיר איז אומאנגענעם צו דעטאליזירן, אבער איך מוז דאס טאן, כדי דאס בילד זאל זיין פאלקאם. מיר שטעלט זיך פאר, אז גראד די איינגעהאלטענע ליידנשאפט, וואס איך האב געפילט צו מאטוויען, האט גערייצט דעם קאפיטאן, כאטש ער האט פון איר ניט געוואוסט. אין מיין האלטונג, אין דער פארם פון מיין פנים, אין מיין קול און גלאנץ פון די אויגן איז מסתמא געווען עפעס אזוינס, וואס ס'האט אים דערציילט וועגן מעגלאכע הייסע גענוסן. ער האט מיך איפלו אנגעהויבן אויספרעגן, צי ס'איז ניטא קיין אנדער געליבטער. מיט קעציישע עלאסטישע טריט און מיט שווארצע אויגן, וואס האבן, דוכט זיך, געזען אין דער פינצטער, האט ער נאכ־געפאלגט מיינע טריט, געוואכט ארום מיין צימער באנאכט, געלויערט הינטער טירן באטאג. ער האט מער ניט געהאט, ווי אט די צוויי ארבעטן — פייניקן די ארעסטירטע — מ'האט אפט געהאנגען דעם אדער יענעם בירגער, דערוויל נאך קיינעם ניט פון אונזערע חברים — און פייניקן מיך מיט זיינע פארלאנגען. ער פלעגט אפט ארייג־

קומען צו מיר אין הויז, אַ רייב טאָן די ווייסע שמאָלע הענט מיט די לאַנגע פינגער און אַ זאָג טאָן:

„איך ווייס ניט, לידיאַ מיכאַילאָוונאַ, פאַרוואָס איך זאָל אייך ניט אריינגעמען מיט געוואַלט צו מיר אין צימער און ניט טאָן מיט אייך, וואָס איך וויל. איר וואָלט מיר אַליין דערנאָך געדאַנקט, וואָס איך האָב געבראָכן אייערע צאַמען. ס'איז דאָך ניט מער ווי אַלטער אַבערגלויבן, וואָס האַלט אייך אָפּ פון'ם לעצטן טריט. וואו וועט איר, אדרבא, נעמען אַ בעסערן געליבטן, ווי איך? ווער קען אייך בעסער פירן איבער אַלע געשליינגלטע וועגן פון געשלעכט־לאַכער ליבע? עד!

„און ער פלעגט צוגיין צו מיר און אריינקוקן אין מיינע אויגן און פּאַוואָליע ארויסריידן מיט די רויטע ליפּן:

„— איר וועט זיך פון מיר ניט ארויסדרייען, טייבעלע. איך בין אייך באַשערט — אַ חבר אַף בלוטיקע וועגן...

„מיר פלעגט שווינדלען אין מח פון עקל, אָבער איך האָב גע־דאַרפט שמייכלען און שמייכלען, שפּילן אַ ראָלע פון אַ וואַוילדער־צויגענער פריילין, וואָס ווערט „שאָקירט" פון אַזוינע ווערטער.

„איין אָוונט קומט פירשט קורבסקי אריין צו מיר אין עס־צימער, — דער רויטער אָפּשיין פון מערב־זייט האָט נאָך געגלאַנצט אַף די טאַפּליעס פונ'ם בופעט־שראַנק, און דער ריח פון בליענדיקע גראָזן האָט זיך געצויגן פון גאָרטן דורך די אָפענע פענצטער — און זאָגט צו מיר זייער אויפגעלייגט, רייבנדיק די פינגער:

„— נו, לידיאַ מיכאַילאָוונאַ, איר מעגט מיר גראַטולירן: מיינע לייט האָבן געכאַפּט אַ העכט פון די גאָר זעלטענע... ער איז ווערט אַ גאַנצן פּאָלק סוואָלאָטשעס...

„צוליב דער האַלב־טונקלקייט — איך האָב נאָך ניט געהאַט אָנגעצונדן קיין ליכט, געזעסן פאַרטראַכט און איינזאַם אין בין־השמשות־טונקלקייט — האָט קורבסקי ניט באַמערקט, ווי עס האָט זיך נעביטן מיין קאָליר. איבעריקנס איז ער קיין שאַרפער באַאָב־אַכטער בכלל ניט געוועזן.

„—ווער איז דאָס? — האָב איך געפרעגט אַזוי רואיק, ווי איך האָב נאָר געקענט.

„קורבסקי האָט אָנגערופן מאַטוויי'ס נאָמען.

„איך האָב זיך איינגעהאַלטן. ניט קיין ציטער געטאָן. ניט אויפגעשפּרונגען, ניט קיין ריר געטאָן מיט אַן אבר. איך האָב זיך געזאָגט — מיין ווילן האָט מיר געזאָגט: „רואיק. ניט געאײלט. נעם זיך אין די הענט".

„איך האָב געשוויגן אַ פּאָר מינוט, נאָכדעם האָב איך געפרעגט מיט אַ גלייכגילטיקער מינע:

„— וואָס איז דאָס פאַר אַ נפש?

„קורבסקי האָט זיך אָנגעהויבן בארימען, נאָכאַנאַנד רייבנדיק זיינע לאַנגע שמאָלע פינגער:

„— אָ, ס'איז שוין איינמאָל אַ פיגור. מיינער אַן אונטער־אָפיציר האָט אים דערקענט. ער איז אַ קאָמיסאַר בא די פּאַר־שיוּוצעס. ווען יענע האָבן געהאַלטן די שטאָט, איז ער געווען דער הויפּט־פּאַסקודניק. אַ גאַנץ געפערלאַכער קערל, מסתמא אַ רויטער שפּיאָן.

„— זענט איר זיכער אין דעם?

„קורבסקי האָט זיך הילכיק צולאַכט.

„— אַי, אַי, נאַאיוו פריילין. מען קען דאָס דאָך דערקענען אָן זיין צורה. איבעריקנס לייקנט ער גאָר ניט. ער ווייסט שוין, וואָס אים דערוואַרט.

„— וואָס?

„— קלייניקייטן. ער'ט זיך אַליין אויסגראָבן אַ קבר'ל און אַריינלייגן, איידער מיר'ן אים דערשיסן. ס'איז העכסט־קוריאָזנע צו זען, ווי זיי ברעקלען זיך בא'ם גראָבן. איר ווילט אפשר אָנקוקן, לידיאַ מיכאַילאָוונאַ? מאָרגן גאַנץ פרי, ווען די זון וועט אויפגיין...

איך האָב אָנגעצונדן די ליכט. איך בין געווען רואיק. איך האָב איינגעלאַדן קורבסקי'ן צום עסן. איך האָב אַרויסגענומען די אַלטע פלאַש וויין, וואָס איז צען יאָר געווען פאַרגראָבן אין ווינקל פון אונזער קעלער. איך בין געווען פריינטלאַך צו אים. איך האָב מיט אים געשפּאַסט. איך האָב מיט אים געטרונקען — לפנים. ער איז געוואָרן אויפגעלייגט. ער האָט מיך אָנגעהויבן פאַרפּאָלגן מיט זיין ליבע. איך האָב אים צום ערשטן מאָל געלאָזט קושן מיינע הענט. איך האָב אים אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ. איך האָב געלאַכט צו אים מיט אַ רויט מויל: איך האָב אומיסנע געהאַט

אָנגערויטלט מיינע באַקן און מיין פּנים, כדי ער זאָל ניט זען מיין בלאַסקייט. איך האָב געלאַכט צו אים, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געלאַכט. איך האָב אויפגעוועקט די חיה אין אים — דעם בייזן גליענדיקן לוסט־פאַרלאַנג.

„ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און גענומען שעפּטשען מיר אין אויער:

„— קום! זיי מיינע! זיי מיינע!

„איך האָב אים אַריינגעפּליסטערט:

„— וואַרט אַף מיר אין אייערע צימערן. אָבער נעמט אַראָפּ די וואַך, כדי קיינער זאָל ניט זען.

„אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך געווען אין זיין וואוינונג. ס'איז געווען האַלבע נאַכט. די וועכטער, וואָס איינער פון זיי האָט געהיט דעם אַריינגאַנג אין יענעם טייל פון דער געביידע און אַ צווייטער איז געשטאַנען אונטער'ן פענצטער אין גאָרטן, זענען פאַרשוואונדן.

„קורבסקי איז געזעסן באַ זיך אַף דער ברייטער סאָפע און גע־שמייכלט מיט די פייכטע ליפּן און מיט די פייכטע שוואַרצע אויגן. איך האָב געזען. אַז ער ציטערט מיט אַ דראַבנע ציטער, וואָס ער קען אים ניט באַהערשן. ער האָט אויסגעזען ווי אין אַ פיבער.

„מיט זיין טעאַטראַליש־סאַרדאַנישער מינע האָט ער זיך אויפ־געשטעלט און אַ זאָג געטאָן:

„— וואָס פאַר אַ גליק! וואָס פאַר אַ פרייד! וואָס פאַר אַ ערע!

„איך האָב אים איבערגעהאַקט:

„— איך פאַרלאַנג באַצאָלט. אומזיסט וועט איר מיך ניט האָבן.

„מיט דער זעלביקער גאַלאַנטקייט האָט ער אַרויסגעזוונגען:

„— אַלצדינג, וואָס אייער האַרץ פאַרלאַנגט, מיין מלאך.

„איך האָב קאַלט און זאַכלאַך געזאָגט:

„— לאָזט אַרויס דעם היינטיקן געפאַנגענעם און גיט אים אַ מענגלאַבקייט צו אַנטלויפן.

„מיינע ווערטער האָבן קורבסקי'ן דערלאַנגט ווי מיט אַ האַמער איבער'ן קאָפּ. ער האָט זיך פון אָנהויב ניט אָריענטירט. ס'האָט זיך אים ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס זאָל איךריידן אַזוינע ווער־טער. עס האָט זיך אים ניט געלייגט אַפ'ן צעהיצטן מח, אַז איך

בין אַ קאָמוניסטקע. מיר דאַכט, אַז ביז׳ן סוף האָט ער זיך ניט קלאָר פאַרגעשטעלט, וואָס איך בין. ער האָט ביטרע אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט מיט וואולגאַרער לצנות:

„— אַ געליבטער, וואָס? אַ ראָמאַנטישע פאַרבינדונג צווישן בלאָ בלוט און שוואַרצן ביין?

„איך האָב אים לאַנג ניט געלאָזט ריידן. איך האָב אים גע־זאָגט, אַז ענטוועדער ער לאָזט ארויס מאַטוויי׳ען, אָדער איך גיי אַוועק.

„ער האָט געפרעגט מיט אַ געלעכטערל:

„— און טאָמער לאָז איך ניט?

„איך האָב אים אריינגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

„— הערט, איך בין ניט קיין קינד און ניט קיין שוואַכלינג איך בין געווען אין דער מלחמה. איך ווייס, ווי זיך צו פאַרטיי־דיקן. איך האָב פון זיך אַמאָל אַראָפּגעוואָרפן צוויי שכור׳ע סאָל־דאַטן. איר קענט מיך ניט האָבן קעגן מיין ווילן.

„מיין טאָן און מיין קוק האָבן געווירקט. קורבסקי האָט, ממסתמא, קיינמאָל ניט באַגעגנט אַזא ווילן. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אים אַביסל היפּנאָטיזירט. איר ווייסט, ווי כאַראַקטערלאָז עס זענען די קינדער פון אַלטן הויכן אדל. אין אַ ספּאָרטסמאַנ׳ס אַ גוף קען בא זיי לעבן אַ צעמורשטע נשמה. קורץ: קורבסקי האָט מיך געפאָלגט. איך בין געשטאַנען אין גאָרטן אונטער אַ בוים און געזען, ווי אַזוי ער האָט פערזענלאך ארויסגעפירט דעם געפאַנגענעם פונ׳ם קאַרצער, ווי אַזוי ער האָט אים איבערגעגעבן אַ דאָקומענט מיט אַ שטעמפּל פון דעניקינ׳ס „רעגירונג" און מיט זיין, קורבסקי׳ס, אונטערשריפט, — אַ דאָקומענט, וואָס האָט מאַטווייען געגעבן די פרייהייט דורכצוגיין דורכ׳ן ווייסן פראָנט. כדי מאַטוויי זאָל זיך ניט וואונדערן און ניט ארויסווייזן קיין אומצוטרוי, האָב איך צו־געלייגט צום דאָקומענט אַ קליין צעטעלע מיט מיין האַנדשריפט. איך האָב ניט געשריבן קיין איינצלהייטן, איך האָב אים נאָר געלאָזט וויסן, אַז איך האָב געפונען אַ מעגלאַכקייט אים צו העלפן. פון מיין באַהעלטעניש האָב איך געקענט זען מאַטוויי׳ס שאָטן, ווען קורבסקי האָט אים געפירט צום טויער. קורבסקי׳ס אַדיוטאַנט, אַן עלטערער אָפיציר מיט לאַנגע גראָע וואָנצן, האָט אים געהאָט באַ־

גענגט און געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, וואָס דאָס איז, אָבער יענער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ קאָנספּיראַציע, אַ וויכטיקע מיליטערישע געהיימניש, וואָס מען טאָר וועגן איר ניט ריידן. דער אַדיוטאַנט האָט אָפּגעגעבן טשעסט און איז אַוועק ווייטער. איך האָב געזען, ווי מאַטוויי האָט געעפנט די פאָרטקע פונ׳ם גאָרטן. אָט האָט ער אַריבערגעשפּאַנט די הויכע שוועל. אינ׳ם לאַמטערן־ליכט, וואָס איז געפאַלן פון דרויסן, האָב איך איין סעקונדע געקענט זען זיין גרויסן קאָפּ אויף די ברייטע פּלייצעס. צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע צוויי שעה האָט זיך מיין האַרץ אַ צאַפּל געטאָן מיט קראַפט. מיין האַרץ האָט זיך אַ ציי געטאָן צו מאַטווייען. ווי וואָלט איך געוואָלט אַוועקגיין מיט אים אין דער נאַכט אַריין! זיין מיט אים, פאַרשמעלצן זיך מיט אים אין דעם נעבל פון דער הייסער זומער־נאַכט! אויסגיסן, אויספלאַטערן מיין האַרץ!

„אָבער קורבסקי איז שוין געווען בײַ מיין זייט. ער האָט זיך גאַלאַנט־חוזק׳דיק פאַרבויגן פאַר מיר, טעאַטראַליש מיר אָנגעבאָטן זיין אָרעם. די גאַנצע צייט איז ער איצט געווען חוזק׳דיק־אומפאַרשעמט, איראָניש וואולגאַר.

— מיין גנעדיקע דאַמע זעט דייטלאַך, אַז איך האָב באַצאָלט דעם פּרייז. עס איז צייט, אַז איך זאָל באַקומען די סחורה. אפילו רעוואָלוציאָנערע מאָראַל פאָדערט אַרויסצוגעבן דאָס, וואָס מען האָט פאַרקויפט, — האָט ער געשמייכלט מיט פייכטע ליפּן.

„קורבסקי איז איצט געווען אַן אַנדערער מענטש. איך רעכן ניט, אַז אים האָט שטאַרק אָנגערירט די באַפרייאונג פון מאַטווייען. די ווייסע זענען געווען דעמאָראַליזירט — און אַ פאַרראַט צו אייגענע האָט זיי ניט געמאַטערט. אחוץ דעם האָט דער קאַפּיטאַן געגלויבט, אַז ער באַקומט זיין לוין פאַר דעם אַקט פון פאַרראַט. אָבער אויף מיר האָט ער איצט געקוקט מיט אַנדערע אויגן. איך בין שוין געווען זיין אייגנס. ער איז דערגאַנגען צום ציל. ער האָט, קענטיק, געוואָלט טרינקען דעם בעכער פון גענוס פּאַוואָלינקע, פּאַסמאַקעווען יעדן טראָפּן, אַנטפּלעקן און באַפרידיקן אַלע זיינע געשלעכטלאַכע פּערווערזיטעטן.

„מיר איז שווער צו שרייבן וועגן דעם, אָבער איך מוז. דאָ איז

איינער פון די שליסלען צו מיין טאַט. ווען איך האָב צוגעזאָגט קורבסקי׳ן, אַז איך וועל זיך אים אָפּגעבן, האָב איך דאָס געמיינט אַפּ׳ן רעכטן אמת. דער געדאַנק וועגן פּאַרטיי־פליכט איז געהאַט דורכגעפלויגן אין מוח, אָבער איך האָב זיך געזאָגט, אַז דער אָפיציר ווייסט נים, ווער איך בין, אַז איך האָב אַ רעכט צו קויפן פאַר מיין איינענעם קערפּער דאָס, וואָס ס׳האָט פאַר מיר דעם גרעסטן ווערט אין דער וועלט, און אַז די פּאַרטיי קען זיך נים אַריינמישן אין אַזאַ גאַנץ פּריוואַטער אונטערנעמונג. וואָלט קורבסקי געגאַנגען דירעקט און שנעל צו זיין ציל, וואָלט איך פאַרביסן די ציין און אים אָפּגע־צאָלט, וואָס ער האָט געפאָדערט. איך בין נים קיין קינד — און איך וואָלט נים געהאַט דעם קליינבירגערלאַכן אַבערגלויבן, אַז צוליב דעם בין איך געוואָרן ערגער.

„איז אָבער קורבסקי נים געגאַנגען דירעקט צו זיין ציל. קורבסקי האָט זיך מיט מיר געשפּילט, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. די קאַץ האָט מער הנאה פון׳ם שפּילן זיך מיט דער לעבעדיקער מויז, ווי פון עסן די טויטע. קורבסקי האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ נעקויפטער. דאָס, וואָס איך האָב, אויגנשיינלאַך, סימפּאַטיזירט מיט די „רויטע", האָט מיך נאָר געמאַכט ביליקער אין זיינע אויגן. קורב־סקי האָט מיך אַריינגענומען אין זיינע צימערן, פאַרמאַכט טיר און טויער, פאַרשטעלט דעם טיש מיט וויינען און בראָנפן — און אָנגע־הויבן זיין סעודה.

„איך קען נים באַשרייבן אַלצדינג. דער מאַן האָט אַראָפּגע־נומען זיין לעדערנעם גאַרטל, אויסגעטאָן דעם מונדיר און געבליבן אין איין רויטן העמדל. „אַט אַזוי האָבן מיר ליב צו פאַרברייננען מיט מיידעלאַך", — האָט ער געזאָגט, — און זיך ברייט צעזעצט אויף דער סאָפע. ער האָט געטרונקען לאַנגזאַם, גערעדט מיט אַ ווייך קול — געגעבן פרייהייט זיינע הענט. קיינמאָל האָב איך נים גע־טראַכט, אַז הענט זאָלן קענען זיין אַזוי שענדלאַך. קיינמאָל האָב איך נים געוואוסט, אַז צוגרייטונגען צו אַ געשלעכט־אַקט זאָלן קענען זיין אַזוי העסלאַך. דער מאַן האָט מיך געצוואונגען טרינקען און געצוואונגען אים אַרויסווייזן ווידערשטאַנד. ער דאַרף מיך ב אַ־צ ווינגען, — האָט ער געזאָגט, — און ער וויל זיך אויסלעבן מיט מיר! ער וויל זיין געטריי צו זיך.

„די „געטריישאַפט“ איז געווען דער טיפסטער תהום פון עקל. וואָס מער איך האָב געקוקט אַף אים, אַלץ ערגער האָט מיך געעקלט. ס'איז געקומען אַ צייט, ווען איך האָב אין אים אויפגעהערט זען אַ מענטשן. פאַר מיר האָט זיך געדרייט ניט אַ מענטש מיט אַ באַוואוסטזיין, נאָר אַ מערקווירדיקע מענטשן־ענלאַכע חיה. די חיה האָט געהאַט לייכטנדיקע גרויסע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע ס'האָט געברענט אַ ווילדקייט. די חיה האָט געהאַט אַ ווייסן קאָנוואולסיוון פנים באַדעקט מיט טראָפן שוויים. די רויטע ליפן זענען געווען פייכט, מיט אַ ווייסלאַכן שוים אין די ווינקלען פונ'ם מויל. פון הינטער די ליפן האָבן זיך ארויסגעזען צוויי שורות ווייסע קליינע שאַרפע ציין. פון דעם אויפגעשפּילעווען העמדל איז געקראָכן אַ ברייטע ברוסט באַדעקט מיט שוואַרצע געדיכטע האָר. אין די לאַנגע ווייסע פינגער איז געווען אַ דעמאָן פון סענסואַליטעט. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך געבויגן און געדרייט — און יעדע באַוועגונג איז געווען אַ דערנידערונג פאַר מיר, און יעדער ריר האָט באַשמוצט.

„וואָס מער איך האָב געקוקט אַף דער באַשעפעניש, אַלץ איינגער איז מיר געוואָרן אין האַרצן. אַ פאַקט איז — מיך האָט ארומגעכאַפּט אַ פּ אַ נ י ק. ווי מען שרעקט זיך אינסטינקטיוו אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מאָנסטער, אַזוי האָב איך, קעגן מיין ווילן, זיך געשראָקן. ס'האָט מיך ארומגענומען אַן אומבאַקאַנטער שוידער — אפשר איינער פון די, וואָס אונזערע אור־עלטערן האָבן איבערגעלעבט אין די פּאַרהיסטאָרישע וועלדער צוריק מיט פופציק טויזנט יאָר. מיט'ן שרעק איז געגאַנגען אַ האַס, אַן אומבאַשרייבלאַכער שטעכיקער האַס צו דער באַשעפעניש, וואָס האָט זיך געקרימט און געוואָרפן ארום מיר.

„געטויט האָב איך אים זייער איינפאַך. קורבסקי האָט ארויסגענומען די גרויסע שאַרפע האָרנאָדל, וואָס האָט געהאַלטן צוזאַמען די בונטן האָר אַף מיין קאָפּ. ער האָט געדאַרפט האָבן מיינע האָר אויך — ער האָט מיט זיי געוואָלט מאַכן עפּעס אַן עקלדיקע זאַך. מיינע האָר זענען געפאַלן אין געדיכטע פּאַסמעס איבער מיין קערפּער. די האָר־נאָדל האָט ער איבערגעלאָזט אַפ'ן הענטל פון דער סאָפע. איך וואָלט געקענט ארויסנעמען דעם רעוואָלווער פון דעם לעדער־גאַרטל, וואָס איז געלעגן אַפ'ן טיש. אָבער דער רעוואָלווער

וואָלט געמאַכט אַ גערויש. איך האָב בעסער גענומען די נאָדל. זי איז געווען דריי ווערשקעס די לייַנג און גענוג דיק, מיט אַ שוואַרצן שטיין אויף׳ן טעמפּן עק. ניט אומזיסט האָב איך אַריבער צוויי יאָר געדינט אין קריג אַלס באַרמהערציקע שוועסטער. איך ווייס אַנאַ־טאָמיע. איך האָב לייכט געטראָפן צווישן די ריפּן אין דער געגנט פון׳ם האַרצן. איך האָב מסתמא דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ, וואָרים דער מענטש איז געפאַלן טויט אויף׳ן אָרט, אָן איין טראָפּן בלוט.

„ערשט ווען ער איז געווען טויט, האָט זיך אים אומגעקערט דאָס אויסזען פון אַ מענטשן. ווי ער איז אַזוי געלעגן אַ צונויפ־געקאָרטשעטער אויף׳ן טעפּיך, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט מענטש־לאַכן ווייטאָק — און דער קערפּער האָט געהאַט די פּאָזע פון אַ שלאָפנדיק קינד. אָבער איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו באַ־טראַכטן אים. איך האָב געדאַרפט האַנדלען. קודם כל האָב איך אָפּגערייניקט אַלצדינג פון דעם טיש און געבראַכט דעם צימער אין אָרדנונג. נאָכדעם האָב איך אַרויפגעצויגן אויף׳ן טויטן זיין מונדיר און שינעל — און אים אַוועקגעשלעפּט אין קיך. פון קיך האָט אַ טרעפּ געפירט אין קעלער. איך האָב לאַנג זיך געמאַטערט, ביז איך האָב דעם קערפּער אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל קעלער און פאַר־שטעלט מיט אַ ליידיקן קאַסטן. איידער איך האָב אויסגעלאָשן די לאָמפּן האָב איך אויסגעזוכט אַ בלאַנק אין קורבסקי׳ס צימערן און אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „אָפּגעפאָרן צוליב געשעפטן“. דעם בלאַנק האָב איך צוגענאָגלט צו דער טיר.

„אַהיים גיין האָט מיך קיינער ניט געזען. איך האָב זיך גע־שלייכט אין די פינצטערע ווינקלען לעבן דער גרויסער געביידע. דערצו האָבן געפעלט די צוויי וועכטער, וואָס קורבסקי האָט דער־ווייטערט פון זייערע פּאָסטנס.

„דערמיט ענדיקט זיך מיין געשיכטע. כדי צו זיין אויפריכטיק ביז׳ן סוף, מוז איך באַטאָנען, אַז איך האָב דער׳הרג׳עט קורבסקי׳ן ניט נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז מיר געווען אַזוי פירכטערלאַך דערווידער, נאָר אפשר מער נאָך צוליב דעם, וואָס אין מיין בלוט האָט געפיבערט אַן אַנדער מאַן. איך ווייס ניט, צי איך האָב גע־טראַכט וועגן דעם גאַנץ באַוואוסטזיניק יענעם 19טן יולי באַנאַכט, איך בין אָבער זיכער, אַז אומבאַוואוסטערהייט האָב איך זיך ניט

געוואָלט אָפּגעבן קורבסקי׳ן, ווייל מאַטווײ איז מיר די גאַנצע צייט ניט ארויס פֿון זינען. עס האָט אויסגעזען גראָטעסק, אַז נאָכדעם ווי איך האָב זיבעץ־און־צוואַנציק יאָר אויסגעהיט מיין קערפּער, נאָכדעם ווי איך בין אַפילו פֿון די קריג־טראַנשייען ארויס אומבאַרירט, נאָכדעם ווי איך האָב געפֿונען דעם מאַן, וואָס האָט אין מיר אויפֿגעוועקט דעם אינסטינקט פֿון ליבע, וועלכער האָט געוואַלדיק אינטענסיפֿיצירט אַלע מיינע לעבנס־פֿונקציעס, נאָכדעם ווי מיר ביידע האָבן זיך פֿ ר י י וו י ל י ק אָפּגעזאָגט צו דערפֿירן אונזער באַציאונג צו דעם קלימאַקס פֿון העכסטער פֿריידפֿולער נאָנטקייט — זאָל איך קענען מיין ווילן דערלאָזן אַ דעגענערירטע באַשעפֿעניש מיך אויסוואַלגערן אין אַלע ימים פֿון זיין שמוץ. איך שטרייך אונטער: מיין אַקט בנוגע קורבסקי׳ן איז נ י ט געווען קיין ריין־אינסטינקטיווער אויסברוך; איך קען ניט זאָגן, אַז איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך טו. עס קען זיין, אונטער אַנדערע באַדינגונגען וואָלט איך זיך אפֿשר אָפּגעהאַלטן פֿון אַזאַ עקסטרעמען שריט. איך ווייס, און איך וויל די חברים זאָלן וויסן, אַז ווען איך האָב געטויט קורבסקי׳ן, האָב איך ניט געטראַכט, וואָסערע פֿאָלגן דאָס קען האָבן פֿאַר דער פּאַרטיי און פֿאַר אונזער לאַגע אַף די פֿראָנטן: איך האָב בכלל ניט געטראַכט וועגן דער צוקונפֿט. איך האָב געראַטעוועט ז י ך אַ ל י י ן צוליב ריין־פּערזענלעכע מאָטיוון. עס האָט אַזוי געטראָפֿן, אַז אַף מאָרגן נאָך מיין אַקט האָט זיך אָנגעהויבן די טרעוואָגע, אונזערע אַרמיי־אָפּטיילונגען האָבן גענומען מאַרשירן אַף דער שטאָט פֿון צוויי זייטן, די ווייסע זענען געווען דערשראָקן. מ׳האָט קיין צייט ניט געהאַט צו פֿאָרשן. מ׳האָט קיין געדולד ניט געהאַט צו זוכן קורבסקי׳ן. אַף איבערמאָרגן האָבן זיך די ווייסע שנעל עוואַקואירט. די שטאָט איז איצט אונזערע. ס׳האָט אָבער אויך געקענט טרעפֿן, אַז די קאָנטר־רעוואָלוציע זאָל האַלטן די שטאָט אַ לייגנערע צייט — און מיין אַקט זאָל האָבן געשטעלט אין געפֿאַר אויב ניט די גאַנצע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, איז מיך אַליין אַלס אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוערין פֿון דער פּאַרטיי אַף אַ וויכטיקן פּאָסט.

„ס׳וואָלט נאָך אפֿשר נויטיק געווען צו באַריכטן, ווי איך אַליין האָב זיך געפֿילט נאָך דער געשעעניש. דאָס גייט אָבער אַרויס פֿון די ראַמען פֿון אַ באַריכט. איינס מוז איך נאָך מעלדן: אַז ניט

קוקנדיק אַף דעם, וואָס אינטעלעקטועל באַגרייף איך די אומריכ־טיקייט פון מיין טריט פון פּאַרטייאישן שטאַנדפּונקט, — פיל איך פונדעסטוועגן ניט קיין חרטה. אויב איך פריי זיך, וואָס איך האָב גערעטעוועט חבר מאַטוויי'ען, איז דאָס ניט נאָר אַ פרייד צוליב דעם, וואָס ס'איז גערעטעוועט געוואָרן אַ וויכטיקער רעוואָלוציאָנער, נאָר הויפּטזאַכלאַך צוליב דעם, וואָס ס'איז גערעטעוועט געוואָרן אַ נאָנטער מענטש. צי איך וואָלט דאָס אייגענע געטאָן פאַר אַ גע־ליבטן, וואָס געהערט נ י ט צו דער פּאַרטיי, קען איך ניט זאָגן, ווייל איך קען מיר ניט פאָרשטעלן, אַז אַ פּאָליטיש־גלייכגילטיקער אָדער פיינטלאַכער מענטש זאָל מיר ווערן טייער. אין מאַטוויי'ען האָבן זיך פאַראייניקט ב י י ד ע עלעמענטען — און דאָס האָט באַשאַפן זיין ווערט אין מיינע אויגן.

„איך בין אַ פּאַרטיי־מיטגליד 9 יאָר — און איך ווייס, ווי אומפּאַסנדיק עס איז צו ריידן וועגן פּערזענלאַכע איבערלעבונגען אין אַ צייט, ווען אַרום און אַרום גייט דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אַף לעבן און טויט. אָבער ניט מיט'ן גוטן ווילן האָב איך אויסגע־קליבן דאָס, וואָס ס'איז געשען, און ניט איך האָב געהאַט דעם כח צו באַהערשן די לאַגע. איך גיב צו, אַז דאָס איז געווען אַ שוואַכ־קייט — און אויב די חברים וועלן אַזוי געפינען, וועלן זיי אויך וויסן, ווי צו אורטיילן און ווי מיך צו באַהאַנדלען".

איך האָב זיך אַזוי פאַרטיפט אין לייענען דעם דאָקומענט, אַז איך האָב אַף אַ ווייל פאַרגעסן אָן אַנדרעי ל. ווען איך האָב גע־ענדיקט און אויפגעהויבן די אויגן, האָב איך געפונען, אַז אַנדרעי שטייט מיט'ן פּנים צום פענצטער, און עס זעט אויס, אַקוראַט ווי ער וואָלט זייער אויפמערקזאַם געקוקט אַף עפּעס אינדרויסן. אָבער אַזוי ווי ס'איז געווען נאַכט און דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט אין אַ ליידיקן הויף אריין, איז מיר ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז ער קוקט אַף גאָרניט. ער איז געשטאַנען צו מיר מיט דער פּלייצע — די ברייטע פּלייצע האָט שיר ניט פאַרשטעלט דאָס גאַנצע פענצטער, דער גרויסער קיילאַכדיקער קאָפּ איז געווען אריבערגע־בויגן אַף פאָראויס. די אָרעמס, צו קורץ פאַר'ן שווערן גוף, זענען אַראָפּגעהאַנגען אומבאַוועגלאַך — און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען

ווי ניט אין זיך. ער האָט אפנים דערפילט, אז איך קוק אף אים, וואָרים ער האָט זיך פלוצלינג אויסגעדרייט צו מיר און כמעט בייז א פרעג געטאָן:

— נו, גענענדיקט?

די גאַנצע האַלטונג זיינע, דאָס שווייגן, דער טאָן פון דער פראַגע און נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איך קען ניט דערקלערן, — דאָס אַלעס האָט צו מיר גערעדט א מאָדנע שפּראַך. ס'איז דורך א גע־דאַנק אַז דער חבר אַנדרעי איז ניט קיין זייטיקער צום גאַנצן ענין. איך האָב דערשפּירט, אַז ער איז דאָ פאַראינטערעסירט מער ווי א פּאַרטיי־טוער אָדער א געוועזענער פּאַרזיצער פונ'ם פּאַרטיי־געריכט, וואָס האָט גע'משפט לידיא זובאַווא. אין מיין פּאַרקער מיט קאָמו־ניסטישע טוער האָב איך אויסגעפונען, אַז מען מעג זיי שטעלן יעדע מעגלאַכע מענטשלאַכע פראַגע, אַז זיי באַליידיקן זיך ניט פאַר אָנ־רירן דאָס, וואָס בורזשואַזע מענטשן רופן „קודש קדשים פון פּריַ־וואַטן לעבן". איך האָב דעריבער אָן הקדמות א פרעג געטאָן:

— הערט, חבר אַנדרעי! איר אַליין — זענט איר ניט ווי עס איז פאַרבונדן מיט אָט דער טראַגישער געשיכטע?

חבר אַנדרעי האָט זיך ניט פאַרוואונדערט און איז ניט געוואָרן ברוגז. פּאַרקערט, א שטילער ווייטער שמייכל האָט אף א רגע באַ־שיינט זיינע ליפּן, — דער שמייכל פון קלוגע עלטערע מענטשן, וואָס האָבן א סך געזען און איבערגעלעבט און ווערן פון קיין זאַך ניט איבערראַשט. אַזוי שמייכלען דערוואַקסענע איבער א קינדער־שער חכמה. אַנדרעי'ס אויגן זענען אָבער געבליבן די זעלביקע, האַרטע און קאַלטע.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך בין מיט איר פאַרבונדן, — האָט אַנדרעי געענטפערט. — איך בין דאָך געווען פּאַרזיצער פונ'ם רעוו־קאָם (רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט) באַלד ווי אונזערע האָבן פאַרנומען די שטאָט. אַלס אַזעלכער האָב איך געפירט דעם פּאַרזיץ אין פּאַרטיי־טריבונאַל.

איך האָב געוואָלט זאָגן אַנדרעי'ען, אַז ניט דאָס מיין איך — אָבער פלוצלינג האָט זיך מיר ווי א ליכט אָנגעצונדן אין מח און איך האָב כמעט קעגן מיין ווילן אויסגעשריגן:

— איר זענט דאָך דער מאַטוועי, וואָס לידיאַ האָט אים באַפרייט!

חבר אַנדרעי ל. האָט אַף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע שווערע אויגן — און קיין שמייכל איז שוין מער ניט געווען אַף זיין פּנים. דער פּנים איז געווען שטריינג און ערנסט און זאַכלאַך — איך האָב דערזען, אַז ווען מען דאַרף, וועט אַנדרעי זיך ניט אָפּשטעלן פאַר דער שאַרפסטער טאַט. איך האָב אויך געזען, אַז אים געפעלט ניט, וואָס איך האָב געטראָפן.

ער האָט געזאָגט מיט אַ געמאַכט־רואיק קול:

— דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם פּראָצעס. די חברים האָבן געהאַלטן, אַז די פּריוואַטע באַציאונגען צווישן צוויי קאָמוניסטן קענען ניט זיין קיין שטערונג צו זייער באַטייליקונג אין אַ פּאַרטיי־געריכט, וואָס דאַרף אורטיילן פון פּ אַ ר ט י י אַ י ש ן רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. עס איז געווען מער אַ קאָמיסיע ווי אַ געריכט. איך מוז צוגעבן, אַז דער ענין איז געווען אַן אומגעוויינטלאַכער, אַ פאַרפּלאָנטערטער. די פיינסטע ניואַנסן פון פּאַרטיי־עטיק האָבן דאָ באַקומען אַ ספּעציפישע באַלויכטונג.

חבר אַנדרעי'ען איז באמת שווער געווען צו דערציילן. אַמאָל האָט ער גערעדט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַמאָל האָבן זיך די פראַזן געוויקלט און געצויגן ווי פּעך. „מיין זאַך איז ט אָ ן, ניט ריידן", האָט ער איינמאָל געזאָגט. ס'האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז איך האָב פון אים ארויסבאַקומען די פאַקטן, וואָס איך גיב דאָ איבער.

דאָס פּאַרטיי־געריכט איז באַשטאַנען פון פינף. ניט אַנדריי'ען, וואָס האָט אין יענער שטאָט געטראָגן דעם נאָמען מאַטוועי, ניט די איבעריקע חברים איז איינגעפאַלן, אַז ער טאָר ניט זיין אין געריכט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז פּריוואַטע געפילן וועלן ניט שטערן אַ חבר צו אורטיילן ריכטיק. דער משפּט האָט ארויסגעבראַכט אַ סך פּונקטן פאַר און אַ סך קעגן דער חבר'טע לידיאַ.

פ אַ ר איר איז געווען:

ערשטנס, דאָס, וואָס זי האָט געהערט צו דער פּאַרטיי זעקס יאָר פאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש.

צווייטנס, דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אַ פּאַרטיי־רעקאָרד פון ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלאַכער אַרבעט, אָן שום איבעררייס.

דריטנס, דאָס, וואָס זי האָט געראַטעוועט אַ חבר — מאַט־וויי׳ען — פון זיכערן טויט.

פערטנס, דאָס, וואָס זי האָט אַליין אָנערקענט די אומריכטיקייט פון דערמאָרדן קורבסקי׳ן אין די געגעבענע אומשטענדן.

פינפטנס, דאָס, וואָס פאַקטיש האָט איר אַקט ניט געבראַכט דער רעוואָלוציע קיין שאָדן.

ק ע ג ן איר איז געווען:

ערשטנס, דאָס, וואָס זי האָט איינגעשטעלט איר לעבן, דאָס לעבן פון אַ וויכטיקן פּ אַ ר ט י י ־ ט וּ ע ר, צוליב אַזאַ פּערזענלאַכן און בערך אומוויכטיקן געפיל, ווי עקל צו אַן עקלהאַפטן מענטשן.

צווייטנס, דאָס, וואָס טויטנדיק קורבסקי׳ן, דעם שעף פון דער קאָנטר־ראַזוועדקאַ, און שטעלנדיק זיך אַליין אין געפאַר, — ווייל ס׳איז זייער לייכט געווען צו דערפאָרשן, אַז זי האָט אים דער־הרג׳עט, — האָט זי פאַקטיש איבערגעריסן די פאַרבינדונג צווישן דעם באָלשעוויסטישן פראָנט און אַ וויכטיקער שטאָט אונטער ווייסער אָקופּאַציע.

דריטנס, דאָס, וואָס צוליב קורבסקי׳ס טויט האָבן זיך געמוזט אָנהויבן נאָך ערגערע רעפּרעסיעס, ווי ביז דעמאָלט, און אויב מ׳וואָלט געגוי אונטערזוכט לידיאַ׳ס וואוינונג, וואָלט מען לייכט געקענט דערגיין צו די איבעריקע אָרטיקע חברים, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער פּאַרטיי.

פערטנס, דאָס, וואָס זי שטאַמט פון אַריסטאָקראַטיש־מיליטע־רישן יחוס, וואָס דאָס האָט געמוזט באַאיינפלוסן אירע געפילן.

פינפטנס, דאָס, וואָס אין דער עקאָנאָמיע פון איר גייסטיקן לעבן האָבן פּריוואַטע ליידנשאַפטן בכלל פאַרנומען מער פּלאַץ, ווי דאָס פּאַסט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערקע.

אַנדרעי איז געווען דער פאָרזיצער פון׳ם געריכט. לידיאַ׳ן האָט מען אויסגעהערט נאָר איין מאָל. קיין נייעס האָט איר עדות־זאָגן ניט צוגעגעבן צו די פאַקטן, וואָס זענען אַנטהאַלטן אין איר לאַנגן בריוו. אין פּרינציפּ איז איר שולדיקייט אָנערקענט געוואָרן איינ־שטימיק. מ׳איז זיך נאָר פונאַנדערגעגאַנגען אין דער שטראָף, וואָס

זי זאָל באַקומען. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז אַן אויסרייד, אַ טאַדל „פאַר אומפאַרזיכט“, איז גענוג. אַנדערע האָבן געפאָדערט איר אויסשליסונג פון דער פּאַרטיי. די דעבאַטן האָבן זיך שוין גענייגט צו אַ גרינגערער שטראָף, ווען איין רויט־אַרמייער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט גערעדט מיט גלות און כעס:

„איך בין אַקאַרשט פון׳ם פראָנט. מ׳האָט מיר אָפּגעשניטן אַ פוס — און איך בין צופרידן, וואָס איינער איז מיר געבליבן. איך האָב געזען חברים, וואָס ס׳האָט זיי אָפּגעריסן ביידע פיס. איך האָב געזען רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געשלעפּט די אייגענע קיש־קעס איבער שטויביקער ערד. קיינער פון אונז האָט ניט געזאָגט, אַז מיר ווילן ניט דינען, ווייל די מלחמה איז אונז מיאוס, ווייל אונז עקלט פון די לייז און די ווערים, וואָס עסן אונזער לייב. לידיאַ זובאָוואַ איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ לאַגע, וואו זי האָט געדאַרפט דינען דער רעוואָלוציע מיט איר אייגן לייב — פּונקט ווי מ׳יר אַלע. צוגעגעבן, אַז דער ווייסער אָפיציר איז געווען אַ מאָנסטער. צוגע־געבן, אַז פון זיין ליבע האָט געעקלט. דאָך וואָלט איר נאָך גרינגער אָנגעקומען, ווי פאַרלירען אַ האַנט אָדער אַ פוס, ווי באַקומען טיפוס צוליב די לייז. לידיאַ זובאָוואַ האָט זיך אָפּגעזאָגט דינען דער רעוואָלוציע אין אַ קריטישן מאָמענט, ווייל זי איז אַן אינטע־ליגענטקע, אַ ביעלאָרוטשקע (איינע מיט ווייסע הענט). אַ פּראָלעטאַרישע פרוי אין איר לאַגע וואָלט זיך ניט געווען אַזוי ציטעריק. לידיאַ זובאָוואַ האָט באַוויזן, אַז איר איז פרעמד די פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע. לידיאַ זובאָוואַ דאַרף גיין פון דער פּאַרטיי.“

דער רויט־אַרמייער האָט איבערגעצויגן אַף זיין זייט נאָך איינעם פון די ריכטער. ס׳האָט זיך באַקומען צוויי קעגן צוויי. דער פּסק האָט זיך געווענדט אָן אַנדריי׳ען. איך, אַ זייטיקער, האָב זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן פון נייגיר. אַנדרעי האָט ליב געהאַט לידיאַ׳ן. צוליב אים האָט זי אונטערגענומען דעם שרעקלאַכן ריזי־קאַלישן טריט. זי האָט געוואָלט בלייבן ריין — ווייל ער, אַנדרעי, „האָט געפיבערט אין איר בלוט“, ווי זי האָט געשריבן אין איר ודוי. וואָס האָט ער געטאָן אַפּ׳ן משפט?

אַנדרעי האָט געזען מיין אומרו — און דאָס איז אים ניט געפעלן, וואָרים זיין קול איז געוואָרן נאָך קאַלטער און זאַכלאַכער.

— איך האָב פיינט בורזשואַזע סענטימענטן. די באַשולדיקטע האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו שפּילן מיט איר לעבן, ווייל ס'איז ניט אירס. איר לעבן האָט געהערט דער רעוואָלוציע, און ניט אַ ווייבערשן קאַפּריז. מיר איז געווען דערווידער די גאַנצע געשיכטע. מען טאָר ניט מאַכן פון רעוואָלוציע קיין מעלאָדראַמע. די חבר'טע האָט צופיל געקוקט אין שפּיגל, זיך צופיל געצאַצקעט מיט זיך אַליין. ס'האָט זיך באַקומען אַ סענטימענטאַלע סענסאַציע, וואָס איז ניט ווירדיק פאַר אַ קאָמוניסט. נאָר ווי געזאָגט: אַן אינטעליגענט בלייבט אינדיווידואַליסטיש, וויפיל די פּאַרטיי זאָל אים ניט קאָכן...

— נו, און וואָס האָט איר גע'פּסק'ענט?

— זי האָט געמוזט גיין פון דער פּאַרטיי. און אַז איך האָב אייך שוין מיטגעטיילט אַזוי פיל, וועל איך שוין צוגעבן, אַז זי האָט געמוזט גיין פון מיין לעבן אויך. נאָך דעם משפּט האָבן מיר זיך געטראָפן נאָר נאָך איין מאָל.

אַנדרעי ל. האָט צוגעמאַכט דאָס פענצטער און פאַררוקט אַלע נעעפנטע שופלאָדן פון זיין שראַנק, געבנדיק אַנצוהערעניש, אַז דער שמועס איז געענדיקט. אַנדרעי ל. האָט מיר געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אינגאַנצן רואיק, אַז דאָס איז אַ פאַרענדיקטע זאַך.

איך האָב אים מער ניט אויסגעפרעגט און האָב זיך באַלד געזעגנט. גייענדיק איבער די מאָסקווער בולוואַרן שפּעט באַנאַכט, בין איך נאָך אַלץ פול געווען מיט דער געשיכטע. איך האָב גע־טראַכט וועגן אַנדרייען. אין אָנהויב פון אונזער שמועס האָט ער מיר געזאָגט, אַז יענער משפּט איבער אַ חבר'טע האָט אױף אים געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק, שטאַרקער פון אַלע רעוואָלוציאָ־נערע אַקטן. צום שלום פון דעם שמועס האָט ער געוואָלט באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז רואיק, אַז דער משפּט איז שוין אַ לאַנג־פאַרגאַנגענע זאַך. אָבער פאַרוואָס האָט ער בכלל דערציילט די גע־שיכטע? פאַרוואָס האָט ער מיר געוויזן דעם דאָקומענט? פאַר־וואָס האַלט ער בא זיך דעם דאָקומענט? פאַרוואָס האָט ער מורא צוצוגעבן, אַז אין יענעם משפּט האָט ער איבערגעלעבט דעם שווערסטן נסיון פון זיין לעבן? פאַרוואָס האָט ער אינ'ם משך פון

אונזער שמועס קיין איינציק מאָל ניט ארויסגערעדט דעם נאָמען לידיא זובאָווא? זאָל דאָס הייסן אז לידיא זובאָווא לעבט נאָך אַלץ אין זיין געמיט? זאָל דאָס הייסן, אז ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי כאָטש מיט אַ פ ר ע מ ד ן זיך דורכצוריידן וועגן דער אינטימסטער דראַמע פון זיין לעבן? זאָל די וואונד נאָך אַלץ אים ווי טאָן אין דער טיפעניש פון זיין פאַרהאַרטעוועטער זעל?

אָבער וואָס פאַר אַ קראַפט עס ליגט אין פּראָלעטאַריש־קאָלעק־טיוון געפיל, אין דער נויטיקייט און מעגלאַכקייט זיך אָפּצוגעבן אינגאַנצן און ביז׳ן סוף דעם פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוון קאַמף פאַר אַ ניי לעבן!

איך האָב אויך געטראַכט וועגן לידיא זובאָווא. איך האָב פאַר־שטאַנען, פאַרוואָס איר וועג און דער וועג פון אַנדריי׳ען זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען נאָך דעם משפּט. איך שטעל זיך מיר פאָר, אַז ניט זי האָט מוחל געווען איר געליבטן פאַר זיין משפּט — כאָטש זי האָט געדאַרפט איינזען, אַז ער קען ניט האַנדלען קעגן זיין פאַרטיי־געוויסן — ניט ער האָט מוחל געווען איר האַלטונג. פון אַ פאָר אַנדרעי׳ס באַמערקונגען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך אָפּ׳ן משפּט געהאַלטן הויכמוטיק און ווי געקוקט אויף די ריכטער פון אויבן אַראָפּ. זי איז דאָך אָבער פאָרט געווען אַ פאַרטיי־חבר! וואָס איז פון איר געוואָרן? וואו איז זי איצט?

איך האָב שפּעטער אויסגענוצט מיין באַקאַנטשאַפט מיט אַ חבר, וואָס האָט אַ צוטריט צו די פאַרטיי־רייסטערס. איך האָב אים געפרעגט וועגן לידיא זובאָווא. ער האָט זי געפונען אין די רייס־טערס. אַנטקעגן איר נאָמען איז געשטאַנען: „אויסגעשלאָסן דעם 30טן יולי 1920“. זי האָט מער ניט דערלאַנגט קיין בקשה מען זאָל זי אריינגעמען אין דער פאַרטיי, ווי דאָס טוען אַנדערע אויסגעשלאָ־סענע. זי איז אוועק פון דער פאַרטיי — אויף אייביק. זאָל דאָס מעגלאַך זיין, אַז יענער משפּט האָט אינגאַנצן אָפּגעווישט איר פאַרטיי־קאָמוניזם? איז דאָ שולדיק איר אָפּשטאַמונג און דער־ציאונג?

שוין מער ווי אַ יאָר זינט איך האָב געהערט די געשיכטע פון די צוויי מענטשן, אָבער זי גייט מיר ניט ארויס פון דעם מח. אינ־

סטינקט און באוואוסטזיין, די מאַכט פון אַ סביבה און די מאַכט פון אידייען, דאָס לעבן פונ׳ם יחיד און די פאָדערונג פונ׳ם כלל, דער היינט און דער מאָרגן, — ווי אָפט שטויסן זיי זיך צוזאַמען אפילו אין געוויינטלאַכע צייטן, ווי שטאַרק איז זייער צוזאַמענשטויס אין צייטן פון שטורם! און וואָס פאַר אַ כח עס האָט די רעוואָלוציע, וואָס זי שמידט אויס מענטשן ווי אייזן, מענטשן ווי אַ שאַרפע שווערד אין דער קאָלעקטיווער פּראָלעטאַרישער האַנט!

אינהאלט־פארצייכעניש.

אמעריקע

סילועטן — זייט

באנאכט — 7
דאס לעצטע געניי — 11
צוויי איינגלאך — 14
פאליא — 21
דריי מאל און דאס פערטע — 23
וואס ס'קען זיך מאלן — 30
די מענצערקע — 35
דער טויבער — 41
דער מזל פון א פרוי — 46
באמבע — 49
דער פידלער — 54
דער מארד — 60
דער ליידיקגייער — 78
חבר שוין און דער נפש — 83
דער סענט — 89
האס — 95
קעץ און הינט — 97

רייזע־בילדער

פארן — 100
די אומפערזענלאכע אמעריקע — 105
אפן וועג קיין קאליפארניע — 109
אין קאליפארניע — 112
לאס אנדזשעלעס — 117
דער שוינק פון קאליפארניע — 120
אין טעקסאס — 125

שוואַרצע — 128
אין דער געגנט פון פיטסבורג — 132
אַ פאַרנאַכט אין ניו יאָרק — 135
ניו יאָרקער מזבח — 138
אַ זונטיק — 140

באַטראַכטונגען

רעוואָלוציאָנערן — 145
דערוואַכונג — 147
אַ וואָרט צו אַ פריינט — 151
„דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט" — 154
גרויסע הענט — בלינדע אויגן — 157
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט — 160
העלדן אָן נעמען — 163
פאַרשאָלטענע אַרבעט — 167
די וואָס שטייען פון וויטן — 169
די רוסישע רעוואָלוציע און די מענטשלאַכע נשמה — 172
אַ אינטערנאַציאָנלער אָרדען — 176
אַלט־יונגע — 179
קינסטלער — 181
כאָטש איין מאָל אין יאָר — 185
„לעכין איז געשטאָרבן" — 188
„נאָ קען ליוו" — 193
מיט וואָס זאָל מען שפּייזן די נשמה? — 198
דער טאַנץ פון מתים — 200
דער מאַן מיט דער קישקע — 207
אַרבעט — 210

רוסלאַנד

1921—1919

פליכט — 218
קעמפער — 230
אַ שטוב אין אַ רוסישן דאָרף — 239

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ — — — — — — — — — — — — — 245

דער פּויער איוואַן אַנדראָנאָוו — — — — — — — — — — 253

פּאָגראָם — — — — — — — — — — — — — — — — 259

1924 — 1925

דער ערשטער מײַ אין מאָסקווע — — — — — — — — — — 274

אַ געפֿאַנגענער — — — — — — — — — — — — — — — 283

חבר דאַוויד — — — — — — — — — — — — — — — — 303

גרישקאַ פּיאָניר — — — — — — — — — — — — — — 313

חבר דימיטרי — — — — — — — — — — — — — — — 320

מאַשוראַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 326

מאָסקווער בילדלאַך — — — — — — — — — — — — — 332

חבר פּאָטיאָמקין באַ די ווײַסע — — — — — — — — — 336

דער עלעקטרישער באַרימאַן — — — — — — — — — — 359

איר פֿאַרברעכן — — — — — — — — — — — — — — — 373

אינהאַלט־פֿאַרצײַכעניש — — — — — — — — — — — — 400